STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09671

DI TUNKELE DIREH

Ephraim Kaganowski

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אפרים קאַגאַנאָווסקי

*

די טונקעלע דירה

(מיין קינדהייט)

אפרים קאַגאַנאָווסקי

(אויטאָפּאָרטרעט)

אפרים קאַגאַנאָווסקי

די טונקעלע דירה

(מיין קינדהייט)

הקדמה: דב בער מאַלקין

פאַרלאַג „המנורה", תל־אביב
תשכ"ו — 1965

EPHRAIM KAGANOVSKI

DI TUNKELE DIRE

אפרים קאַגאַנאָווסקי / די טונקעלע דירה

פאַרלאַג „המנורה״, רח׳ זנגביל 24, תל־אביב, ישראל

„Hamenora" Publishing House

24, Zangwill Str. Tel-Aviv, Israel

©

נדפס בישראל

Printed in Israel

1965 — תשכ״ו

דפוס „ארזי״ בע״מ, ת״א, רח׳ אילת השחר 4, טל. 34294

#ביים העלן ליכט פון דער טונקעלער דירה

די טונקעלע דירה איז שוין געווען פריער. זי האָט זיך באַוויזן צום ערשטן מאָל אין יענע לייכטע, שפּילעוודיקע, סקיצן און אויפצייכענונגען פונעם לעבן אין „סטאַווקע געסל", מיט וועלכע אפרים קאַגאַנאָווסקי האָט זיך קונה־שם געווען אין דער יידישער ליטעראַטור אין פוילן אין די צוואַנציקער יאָרן.

דער לייכט־שפּילעוודיקער זשאַנער איז געווען — יעדנפאַלס האָט עס אויסגעזען צו זיין — קאַגאַנאָווסקיס באַזונדערקייט, זיין אייגנאַרטיקייט: ער האָט געשריבן לייכט וועגן אַ שווער לעבן.

אָפט האָט מען דעריבער פאַרזען — אָדער טאַקע נישט דערזען — סיי די שווערקייט פון לעבן און סיי די שווערקייט פון שרייבן, די וואָגיקייט.

„די טונקעלע דירה" איז דעמאָלט געווען אַן ערנסט קאַפּיטעלע פון דער טרויעריקער קורצדערציילונג „די מומע הדס", אַ קוים־אָנזעעוודיקע פעדער־צייכענונג פונעם מיליע פאַר דעם „מומע הדס"־פראַגמענט אינעם לעבן פון סטאַווקע־געסל. אין דער טונקעלער דירה האָט דאָס קראַנקע ייִנגל צום ערשטן מאָל דערהערט, אַז סאיז נישט גוט אין לעבן, אין לעבן פון די דערוואַקסענע, — אָט די מומע הדס, — „אַזאַ מומע הדס"! — וואָס איז „אַוועק צו עפּעס אַ חיימען" און אַלע אין שטוב האָבן זי אַזוי באַדויערט; אין דער טונקעלער דירה האָט דאָס קראַנקע ייִנגל צום ערשטן מאָל אויך דערפילט דעם טעם פון ערשטן קוש, „דער ערשטער קוש", פון דער זעלבער מומע הדס, וואָס אירע ליפּן זענען דעמאָלט געווען „ביטער".

דאָס קראַנקע ייִנגל! — ער איז דאָס דער דערציילער פון יענער אַמאָליקער קורצער סקיצע, ער איז אויך דער העלד פון דער נייער גרויסער דערציילונג.

ווייל נאָך אַ סך יאָרן איז דער קליינער פראַגמענט געוואָרן אַ גרויסע, זעלבשטענדיקע דערציילונג, — דאָס בוך וואָס מיר האָבן איצט פאַר זיך: אין אַ טונקעלער דירה.

דאָס קראַנקע יינגל!

אוודאי דערמאָנט דער העלד פון אָט דער גרויסער דער־ציילונג, דער זעלבער „העלד" פון דער אַמאָליקער סקיצע, זיינעם אַ חבר פון אַמאָל... „דאָס קראַנקע יינגל" פון י. ל. פרץ, אפרים קאַגאַנאָווסקיס רבי און וועגווייזער; עס איז דער זעלבער ליריש־ער אומעט, וואָס עמאַנירט פון זיי ביידע און באַפאַרבט די דרויסנדיקע געשעענישן מיט דעם ליכט פון זייער אינערלעכער איבערלעבונג.

נאָר:

ביי פרצן איז דער דרויסן נישט מער ווי אַן אָפּשפּיגלונג פון דעם, וואָס קומט פאָר ביים זעער אינעווייניק, — פאַר־זיכדיק עקזיסטירט ער גאָרנישט, דער דרויסן; ביי קאַגאַ־נאָווסקין איז דער דרויסן אַ פולפאַרביק עקזיסטירנדיקער יש, און זיין קראַנק יינגל אַנטפּלעקט אים — — — דווקא אין דער טונקעלער דירה:

„— — — איך האָב דאָס אַלץ איצט געזען אין אַ ניי ליכט, וואָס איז געגאַנגען ווי פון מיר אַליין, גלייך איך וואָלט איינגעשלונגען אַ זון, וואָס קלאַפּט דאָרט צוזאַמען מיטן האַרץ. אינעם הויף איז איצט, ווי שטענ־דיק נאָך אַ לוויה, געוווען שטיל; דער שטענדיקער רעש פון די קינדער האָט זיך פאַרשטעקט אין די ווינקלען. אויך צוליב דער ערשטער קעלט אין אַזעלכע טעג זענען די קינדער געזעסן אין די האַלב־פינצטערע קאָרידאָרן אויף די שוואַרצלעכע טרעפּ, און זיך דערציילט שרעקיקע מעשיות פון געשטאָרבענע און לוויות.

איך בין לאַנג געשטאַנען אין דעם טונקעלן הויז הינטער אונדזער טיר און מאָדנע ווילד־פרעמד איז פאַר מיר געוווען אונדזער טיר מיט די אַלטע פלעקן און זשאַ־

ווער. עס איז פֿאַר מיר געווען אַזוי ניי, אַז גראָד די טיר איז מיין היים, אַז הינטער דער טיר, אין דער טונקעלער דירה, גייט אונדזער לעבן. און מיר האָט זיך אַזוי געוואָלט וויסן, וואָס וועט קומען צו אונדז דורך דער טיר".

*

ביים אָנבליק פֿון די „אַלטע פֿלעקן און זשאַווער" אויף „דער טיר פֿון דער טונקעלער דירה" האָט זיך אַרויסגעריסן „די זון וואָס קלאַפּט דאָרט צוזאַמען מיטן האַרץ"!

דעם קינסטלערס ליכט פֿון אינעווייניק האָט גאָר אַנדערש באַלויכטן דעם טונקל וואָס אינדרויסן.

פֿאַר אים איז עס געווען „אַ ניי ליכט".

אַזוי אַנטפּלעקט דער רייפֿער קינסטלער אפֿרים קאַגאַ־נאָווסקי זיינע אָנהייבן, וואָס באַלויכטן אים מיט אַ ניי ליכט פֿאַר די, וואָס האָבן תמיד אין אים עפּעס געזען און דעם עיקר אפֿשר נישט דערזען.

די וואָס געדענקען קאַגאַנאָווסקין פֿון דרויסן, אין זיין לייכטן שרייב־זשאַנר און שטיפֿערישן לעבנס־נוסח, וועלן אים דערזען דאָ, אין „דער טונקעלער דירה", פֿון אינע־ווייניק, און פֿאַרשטיין (ווי עס טרעפֿט אָפּט־מאָל: צו־שפּעט...) אַז די העלע שרייב־לייכטקייט איז געווען אַ זוניקער פֿאַרבלענד פֿון די „האַלב־פֿינצטערע קאָרידאָרן" און „שוואַרצ־לעכע טרעפּ", ווו עס האָבן געראַיעט „שרעקיקע מעשיות פֿון געשטאָרבענע און לוויות", און די רוישיקע לעבנס־שטיפֿערישקייט האָט געפּרוּווט דרויסנדיק פֿאַרדעקן דעם „פֿאַרקלעמטן אומעט" פֿון די קינדער־יאָרן, וואָס האָט געהויערט אויף דעם מאָלע־רישן דיכטער „ווי אַ שווערער און דריקנדיקער עול".

ד. ב. מאַלקין

ערשטער טייל

1

אין דער „טונקעלער דירה" האָבן מיר געוווינט זייער לאַנג. דאָס איז געווען די דירה, ווו עס האָט שטענדיק אויסגעזען ווי פאַר נאַכט. אין דער קיך האָט זיך די טונקלקייט צונויפגעגאָסן מיט דער אַלטער באָבע חיה. אַ קליינע יידענע, ווי אַ פאַרטרוקנט קינד, מיט רויטע קאַליעדיקע אויגן, האָט זי דאָ געסקריפּעט אויף איר אַלטער שטול, אָדער געלעגן אויף איר אייזערנעם בעטל. נעבן איר האָט זיך שטענדיק געפּונען איר מיטוווינערין, די אַלטע, גרויע קאַץ, וואָס האָט זי אין דער פינצטער באַוואַכט מיט די צוויי גרינע פלאַמען אין אירע אויגן. ביידע האָבן זיי געשפּינט די טויטלעכע שטילקייט פון דער קיך. טייל מאָל האָבן זיך פון דער פינצטער דערהערט זייערע סודותפולע שמערן, ווען אין דער פינצטערניש איז פּלוצלינג אויסגעבראָכן אַ מלחמה צווישן דער באָבען מיט דער קאַץ. עס האָט זיך דערהערט אַ שפּרינגענדיק געיעג אין דער פינצטער. די באָבע האָט זיך מיט דער קאַץ געקריגט, ווי מיט אַ מענטש, האָט זיך ביטער אויף איר געקלאָגט, געוויינט און געשאָלטן.

דערנאָך איז ווידער שטיל געוואָרן און די קאַץ האָט געוואַכט איבער דער באָבען אין דער פינצטער מיט אירע צוויי גרינע פאָספאָר־שפּיזן.

אין דער צווייטער שטוב איז געווען טונקל. אַ גרויסע וואַנט פונעם קעגנאיבערדיקן מויער האָט פאַרשטעלט אַ האַלב פענצטער. די דריטע שטוב איז געווען דער פינצטערער אַלקיר אין גאַנצן אָן פענצטער, נאָר אַ קליין, פאַרקראַטעוועט לופטשיקל האָט געשטעקט ערגעץ אויבן, ביים באַלקן, און טייל מאָל, ווען קיינער איז נישט געווען אין דער היים, פלעג איך אַרויפקלעטערן אויפן שענקל, וואָס איז דאָרט געשטאַנען, און אַרויסקוקן דורך דעם פענצטערל. איך האָב געזען אַ לאַנגן, ליידיקן הויף, ווו אין מיטן איז געשטאַנען אַן אַלטער, דאַרער בוים אָן בלעטער, און אַן אייזערנער, פּוילישער פּלומפּ, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ גרויסער, גרינער הונט מיט אַ לאַנגן געדרייטן וויינדל, צום פּלומפּן וואַסער.

מיין זיגען האָט לאַנג געאַרבעט און געקלערט, ווו ערגעץ דער הויף

געפינט זיך, אָבער דער דרויסן איז געווען פאַר מיר ווייט און אומבאַקאַנט. איך בין אין ערגעץ נישט געגאַנגען, איך בין געווען דאַר און שוואַך, און גאַנצע ווינטערן בין איך אָפּגעלעגן אין בעט. די מאַמע האָט מיט אַנגעווייטיקטע, דערשראָקענע אויגן געציילט מיינע ביינער. און ווי דורך אַ טיפן דרימל, האָב איך געהערט, ווי זי האָט גערעדט צום טאַטן וועגן מיר:

— עלף פאַרשריגענע יאָר... זע וואָס עס איז געוואָרן פונעם קינד... הויט און ביין..

עס איז געגאַנגען אַ שטענדיקע, גליִענדיקע קריגעריי צוליב מיר. די מאַמע האָט די דירה גערופן „די קבורה", זי האָט הייס און שווער געקלאָגט.

— קיין ביסל זון... קיין ביסל לופט... אַ פינצטערער גרוב.. מיר וועלן פאַרשפּילן דאָס קינד...

דאָס וואָרט: „פאַרשריגענע יאָר" האָט זיך אַריינגעשטאָכן אין מיר, ווי אַ דין און שאַרף מעסער. אין דעם וואָרט איז געווען עפּעס אַ בייזער ראַץ פונעם טויט. מיר איז געווען שלעכט. ערגעץ פון די שפּיץ פינגער האָט זיך אָנגעטראָגן אַ דינער, שטעכיקער פלאָם און זיך אויפגעהויבן אַרויף, צום האַלדז, צום האַרץ. אַ נעפּלדיקער. הייסער פלאַנטער האָט פאַרגאָסן מיין קאָפּ און אַן אומקלאָרע זאַך, ווי אַ חיה, אַ שלאַנג, אָדער אַ פויגל, האָט כסדר אַרומגעצאַפּלט אַרום מיר.

איך האָב געהאַט היץ.

פון דעם פינצטערן אַלקער, אַקעגן מיין בעט, האָבן אַרויסגעקוקט טונקעלע שרעקן. אָבער איך האָב נישט געהאַט קיין כוח מורא צו האָבן. פון דאָרט האָבן באַדאַרפט אַרויסקומען מתים אין טליתים, אַלע גע־שטאָרבענע: דער פעטער אַברהם, וואָס האָט „נישט געהאַט קיין לונגען", און דער שכן ליבערמאַן, דער פּראָשעניע־שרייבער, מיטן „ראַק". אָט באַלד וועט ער אַרויס מיטן האַרטן קאַפּעלושל, אַ קליינער, אַ שוואַרצער, מיט אַ גרוילעך בערדל. ערגעץ אויף אים וועט קלעפּן אַ ברוינער, לאַנגער ראַק, מיט פאַרקריפּלטע, לאַנגע קנייפּערס, אַזוי ווי לעבעדיקע צוואַנגען. אַזעלכן, ווי איך האָב געזען נעבן טייך, ביי דער „גויע" אין קויש. ס'איז געווען שרעקלעך, וואָס דער פרעמדער מענטש, ליבערמאַן. דער גע־שטאָרבענער ליבערמאַן, האָט זיך אַריינגעקריגן צו אונדז, אין דעם פינצטערן אַלקער. עפּעס האָט זיך דאָרטן אָפּגעטאָן אַ שרעקיקער גאַנג,

אַן אַן אויפהער, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן דאָרט, ביים עק פון אונדזער גאַס. ביים בית־עולם, ביים ווייסלעכן, שטומען פלויט, הינטער וועלכן עס האָט געוווינט דער טויט. דאָ איז געגאַנגען אַ שטענדיקע, נישט־געזעענע פון קיינעם אַרבעט, און אַלץ קעגן מיר.

איך בין געלעגן איינער אַליין. און קעגן מיר אַ שרעקיקע, בייזע און הייליקע וועלט פון מתים, וואָס קאָנען אַלץ טאָן. די מתים האָבן אַפילו געלאַכט און געשפּאָט, האָבן זיך פאַרקרומט, און מיך געשראָקן. איך בין זיי מקנא געווען אויף זייער מעכטיקייט.

איך בין געווען קראַנק.

שטענדיק, ווען איך בין אַזוי אוממעכטיק געלעגן אויף מיין בעטל, ווען די מאַמע האָט מיט שרעק געוואַכט איבער מיר, זיך געבראָכן די הענט, זיך געכאַפּט פאַרן קאָפּ, און מיט אירע הייסע, ברי׳ענדיקע אויגן אַריינגערעדט אין מיר אירע אומעטיקע רייד, האָב איך פּלוצלינג דער־הערט ווי עפּעס אַ געמורמל, ווי אַ ווייט גערויש פון וואַסערן, און איך האָב דערשפּירט, אַז אין דרויסן איז פרילינג. דאָס איז שטענדיק געקומען, ווען איך בין קראַנק געווען. נאָך דעם לאַנגן ווינטער, האָט אַ קלאַפּ געטאָן אַ ריח פון לעבן. דער ריח איז אַריינגעדרונגען טיף אין מיר און אויפגעהויבן אַ פרייד.

דעמאָלט האָט צו אונדז אין דער טונקעלער דירה אויך פאַרבלאָנ־דזשעט אַ בלייכע ליכט. האָט זיך אָנגעשלאָגן אינעם מויער און זיך אַריינגעגליטשט צווישן גראָבע שוואַרצע פיס פונעם אַלטן, שווערן טיש. דאָרט האָט זיך פאַרוויקלט אַ בלייך־גאָלדיקער שטראַל, ווי אַ שלאַנג, זיך געגליטשט אַרויף, צו דער ברוינער פּולקע מיט די פאַר־שטויבטע, גיפּסענע פיגורן פון מיצקעוויטש און קראַשעווסקי.

אין אַזעלכע טעג האָט מען מיך איינגעוויקלט אין שווערע טיכער און אַוועקגעזעצט אין הויז, ביי די שוואַרצלעכע טרעפּ, ווו פאַרביי דעם אָפענעם פענצטער זענען געגאַנגען די פאַרביקע וואָלקנס. זיי זענען געגאַנגען אָן אויפהער, גאָלדענע, זילבערנע און קופּערנע. טייל מאָל האָט פּלוצלינג אַ קלאַפּ געטאָן אַ גראָבער, פויקנדיקער רעגן, וואָס האָט געשמעקט מיטן „מבול״. דאָס רעגן־וואַסער האָט געשמעקט מיטן הימל. אַ האָגל האָט אַ שלאָג געטאָן און געפּיקט אין די שויבן, ווי אַ סטאַיע משוגענע פייגל. דערנאָך האָט זיך פון אַ בלייכן נעפּל אַרויסגערוקט אַ רעגנבויגן, בלוי און גרין, אַן אָנזאָג פון אַ שרעקיקער ווייט.

*

די באָבע האָט געוווּסט אַ סוד.

מיט אירע קליינע טריטעלעך האָט זי זיך אַריינגעשלייכט פון דער קיך. אין דער טונקעלער שעה, ווען די מאַמע איז נישט געווען, האָט די באָבע אויסגעזוכט ווי דאָס פאַרבלאָנדזשעטע קינד ביי די „נישט־גוטע". איר קליין, שפּיציק גאָמבעלע האָט זיך באַהאַלטן הינטער דעם איינגעפאַלענעם ליפּל און פון דאָרט האָט אַרויסגעקוקט דאָס רויטע צינגעלע.

זי האָט זיך געזעצט נעבן מיין בעטל. זי האָט געדרימלט. איר קליין קעפּעלע האָט זיך אַלע מאָל אַראָפּגעלאָזן און זיך אויפגעכאַפּט, זי האָט געוווּסט אַ סך סודות פון דאָרט... פון יענער וועלט.

— דאָרט, מיין קינד... אַז מען קומט אַהין... ווייסט מען אַלץ, וואָס אַ מענטש האָט אָפּגעטאָן... דער הייליקער מלאך ציט אַרויס די שווערד... דאָס קליינע קעפּעלע האָט זיך אַראָפּגעלאָזן. אָט, אָט פאַלט עס אַראָפּ אויף דער ערד.

„דער הייליקער מלאך מיט דער שווערד" שלייכט זיך אַרויס פון דעם פינצטערן אַלקער, אָט קומט ער אַריין...

— באָבעשי...

דער באָבעס קעפּעלע שפּרינגט אויף:

— אַ?... וואָסי, מיין קינד?...

— דעם פעטער אַברהם... האָט מען עפּעס געטאָן?... דאָרט?...

— דער פעטער אַברהם... אוי... דער פעטער אַברהם... אוי, מיין קינד...

דאָס רויטע צינגעלע פאַרגייט זיך אין דעם אָנציינִיקן, איינגעפאַלענעם מיילעכל:

— צעריסן מיר מיין האַרץ... דער פעטער אַברהם... מיין קינד נעבעך...

— באָבעשי...

— אַ?...

— און די מומע הדס...

— די מומע הדס... איר וועט נעבעך זיין שלעכט... זי דאַרף אָפּקומען...

— פאַר וואָס?...

— ווייל זי האָט אַ סך געזינדיקט...

שטיל. די טונקלקייט שטראָמט פון דעם פינצטערן אַלקער, ווערט געדיכטער און שרעקיקער. די טונקלקייט איז אָנגעפילט מיט שאָטנס און מיט קלאַנגען. דער באָבעס קעפּעלע איז גאָר נידעריק, אָט שלעפט

עס זי אַראָפּ. די רונצלען אין דעם קליינעם, קינדערישן פּנים זענען געל און טרוקן, אַזוי ווי פון האָלץ.

איך בין ווידער אַליין אין דער מאַכט פון דער פינצטערער שטוב. מיינע אויגן פאַרמאַכן זיך. אַ זיסע מידקייט ציט און נאָגט. די קלאַנגען שטעכן זיך אַריין אין מיר, ווי קליינע, בליצנדיקע שפּילקעלעך, עפּעס האָט געפּלאַצט אין דער טונקלקייט און זיך צעלאָפן אין טויזנטער קאָלירן. עפּעס האָט אויפגעלויכטן.

— באָבעשי...

דער מומע הדס לייב לייכט, איר האַלדז און די פּלייצע... איר ברוסט לייכט אויף, ווי אַ גאָלדענער וואָלקן... זי איז גרויס, זי איז מעכטיק, ווי אַ באַרג... אַזוי ווי דעמאָלט, ווען זי האָט זיך געבאָדן אין טייך... ווען זי איז געווען ביי אונדז אויף זומערוווינונג... אירע ציין בליצן און די האָר ליגן ווי גאָלדענע בייטשן אויף איר אַקסל... די מומע הדס... די זינדיקע מומע הדס...

זי גייט שווער און געבראָכן, ווי עמעצער וואָלט זי געשלעפּט. אָט איז זי דאָ... אָן אַנדערע, אַזעלכע ווי זי איז געקומען דאָס ערשטע מאָל... אירע ליפּן זענען אָפן און ראָז, ווי אַ בלום, און אירע אויגן שמעקן...

— באָבעשי...

מיינע הענט האַלטן אַרום איר האַלדז... איך בין איינגעפּרעסט אין איר ווייך לייב... אַזוי וועל איך ליגן. איך בין שוין געזונט... איך האָב נישט מורא פאַר דעם פינצטערן אַלקער...

— מומע הדס...

— — — — — — — — — — — — — — — —

עפּעס האָט ווידער געפּלאַצט. דאָס מאָל מיט אַ דינעם, שפּיציקן פייף. פון דער הייך האָט זיך אַראָפּגעלאָזן עפּעס מיט אַ שווער גערויש. די מומע הדס איז געפאַלן אויף די קני... איבער איר — דער הייליקער מלאך מיט דער שווערד...

— באָבעשי... באָבעשי... באָבעשי...

— — — — — — — — — — — — — — — —

מיינע הענט און פיס ליגן ערגעץ אַוועקגעוואָרפן. איך קאָן זי נישט צונויפנעמען. די וועלט אַרום איז ווי אָנגעגליט. אָט פּלאַצט עפּעס ווידער, באַלד וועט עס מיך ערגעץ אַוועקטראָגן. איך וועל שטאַרבן, מען וועט מיך אַוועקטראָגן צו דער מומע הדס...

ניין, זי איז נישטאָ אויף דעם יידישן בית־עולם... זי האָט זיך גע־שמדט... אָט דאָרט, אין דעם לאַנגן, לײדיקן הויף, מיט דעם פּוילישן פּלומפּ, בלאָנקעט זיך אַרום איר נשמה...

— באָבעשי... באָבעשי...

פינף מײנע ברידערלעך, קלײנע קינדער, זענען בײ מײן מאַמען גע־שטאָרבן. צװײ פון זײ זענען געשטאָרבן ביז מײן געבוירן װערן. פון אײנעם איז מיר נאָר געבליבן אַ שװאַך געדעכעניש. מיר האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז איך האָב אים געקענט, אפשר דערפאַר, װאָס די מאַמע האָט אָפט מיט אַ פלוצלינגדיק געװײן דערמאָנט זײן נאָמען „מאירל". אָבער צװײ פון די קינדער געדענק איך גוט, זײער קורץ לעבן און זײער טויט, כאָטש איך אַלײן בין נאָך דעמאָלט געװען אַ קינד.

מיר האָבן נאָך אַלץ געװױנט אין דער „טונקעלער דירה", װוּ די פענצטער זענען געװען פאַרשטעלט פון דעם קעגנאיבערדיקן הויז. און די מאַמע האָט אַלץ געפירט די מלחמה קעגן דער „קבורה", װי זי האָט גערופן די דירה.

אָבער די יאָרן זענען געגאַנגען. דער טאַטע איז אָפט, צוליב זײן אַרבעט, אַװעקגעפאָרן אויף װאָכן און חדשים, און מען איז געבליבן דאָ װוינען. כדי צו מילדערן דער מאַמעס שטענדיקע באַקלאָגונגען, האָט מען אָנגעהויבן זומער אַרויסצופאָרן אויף זומערװוינונג אין פאַרװאָרפענע דערפער, װאָס דער טאַטע האָט אויפגעזוכט פאַר אונדז. דאָס זענען גע־װען װיסטע װעלדער און פוסטע געגנטן, װוּ קײן יידן זענען נישט געפאָרן. נישט אײן מאָל פלעגט מען דאָרט פאַרבלײבן ביזן טיפן האַרבסט, װען עס האָט שוין געגומען שנײען. די מאַמע האָט דערמיט געװאָלט בײטן דעם טאָטן צו טוישן די דירה, אָבער דאָס האָט גאָרנישט געהאָלפן.

די באָבע איז שוין געװען זײער אַלט, מען האָט געזאָגט, אַז זי איז שוין אַלט איבער הונדערט יאָר. מען האָט זי אַריבערגעפירט פון דער קיך אין דעם לעצטן, פינצטערן אַלקערל, מיט דעם קלײנעם, פאַרקראַטעטן פענצטערל, אויבן בײם באַלקן. און דאָ, אין דעם פינצטערן שטיבל, האָט זי געהאָט צו טאָן מיט די רוחות און שדים, נישט־גוטע און „זלידניעס" און האָט געפירט מיט זײ אַ שטענדיקע מלחמה. זי האָט זיך געקריגט מיט זײ, געשפיגן, געשריגן געװאַלד און שמע־ישראל, און עפּעס אײנעם, אַ שד, װאָס האָט זיך פאַרקליבן אין אַ פינצטערן װינקל, האָט זי כסדר

געקאַטעוועט מיט אַ בעזעם, געשריגן אויף אים „געמיינער יונג״, און געטעהנט, אַז ער שלעפט זי פאַרן קליידל.

די באָבע חיהלע איז מיט אַ סך יאָרן צוריק געקומען ערגעץ פון בערדיטשעוו, ווו זי האָט אַלע יאָרן געוווינט ביי אַ זון. זי האָט פיינט געהאַט וואַרשע און געשאָלטן דעם טאָג, ווען זי איז אַהער געקומען. זי האָט נישט פאַרשטאַנען דאָס וואַרשעווער יידישע לשון. דאָס ברייטע, צעצויגענע זינגענדיקע וואַרשעווער רעדן האָט זי געשראָקן ווי אַ פרעמדן, פאַרבלאָנדזשעטן פויגל. זי האָט שטילערהייט געגאָסן אירע דראָבנע, קינדישע טרערעלעך. אירע אייגעלעך האָבן געפינטלט פון שרעק און די רויטע, ליידיקע ליפלעך זענען כסדר געווען אָנגעשטעלט צו מאַכן אַ געוואַלד:

— אוי, דאָס וואַרשע... — האָט זי געכליפּעט — די וואַרשעווער גנבים... „דעשובניקעס...״

דערנאָך האָט זי ווידער געוויינט, אַז זי האָט מורא. איך האָב אויך געוויינט. און אַזאַ ליבע האָט מיך אַרומגענומען צו דער קינדערישער באָבן.

זי האָט מיר געשטופּט זיסקייטן, וואָס זי האָט געהאַט אין קניפּל. זי האָט מיך אַריינגענומען אין פינצטערן אַלקערל און מיר דערציילט פון בערדיטשעוו, וואָס פאַראַ סעדער דאָרט זענען דאָ. וואָס פאַראַ באַרן, וואָס פאַראַ עפּל עס וואַקסן דאָרט, פאַלן אַראָפּ פון דיביימער, ביים פענצטער; וואָס פאַראַ גוטע מענטשן דאָרט זענען דאָ; דאָ אין וואַרשע, זענען די מענטשן ווי די חיות. און זי האָט ווידער געוויינט, זי איז געווען איין שטיק הייס געוויין. אירע קאַליעדיקע, רויטע אייגעלעך האָבן גע־טריפט אָן אויפהער. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז זי איז אַראָפּגעפאַלן אויף דער וועלט צווישן שדים און רוחות, וואָס פייניקן זי. אירע קליינע, קינדע־רישע, האַרטע און קאַלטע הענטעלעך האָבן געגלעט מיין פנים און ביי מיר געזוכט שוץ.

זי האָט מורא געהאַט אַרויסצוגיין אויף דער גאַס. זי פלעגט זיך צוגנבענען צום טויער, אַ קוק טאָן — און צוריקלויפן, ווי עמעצער וואָלט זי געיאָגט. זי האָט אויך מורא געהאַט פאַר מיין טאַטן, וואָס איז געווען גרויס און שטאַרק און נישט אויסגעזען ווי קיין ייד.

דער טאַטע האָט געאַרבעט ביי זיין ברודער, ווו ער איז געווען דער וועקפירער פון דער פאַבריק. אין דער פאַבריק האָט מען געמאַכט פון

איידעלע, קאָלירטע לעדערס בייטעלעך, שפּיגעלעך און ביכעלעך מיט רויטע און גאָלדענע שניטן. אַלץ, וואָס מען האָט דאָרט געמאַכט, האָט געהאַט אַ כישופדיקן רייץ. די לעדערס זענען געווען איידעלע, דינע, יחוס־דיקע, ווי לעבעדיקע. די קליינע בייטעלעך זענען געווען, ווי פייגעלעך, מיט שלעסלעך. די אַרבעט האָט געשמעקט און אַריינגעטראָגן אַ יום־טוב־דיקייט אין מיין לעבן. דער טאַטע פלעגט מיר אָפט, ווען איך בין געווען קראַנק, אַריינוואַרפן אין בעט אַ בייטעלע, אָדער אַ ביכעלע מיט אַ שפּי־געלע, וואָס איז געווען פאַר מיר פול מיט סודות, און דער טונקעלער ווינקל איז פול געוואָרן מיט קאָלירטער פריידיקייט.

מיינע פעטערס, מיין טאַטנס ברודער, האָבן אַלע געהאַט פאַבריקן פון די אויסגעאיידלטע לעדערנע זאַכן. די פאַבריקן זענען געווען יחוסדיקע, עס האָבן דאָרט געאַרבעט יונגעלייט און עלטערע יידן. איך האָב זיי אַלע ליב געהאַט. איך האָב ליב געהאַט דעם ריח פון לאַם און קלייסטער, איך האָב ליב געהאַט די מאַשין, וואָס האָט אַזוי גלייך געשניטן די פּאַפּירן. און נאָך דעם ווי דער טאַטע האָט מיך איין מאָל, אין אַ ווינטער־נאָכמיטאָג, מיטגענומען צום פעטער אין דער פאַבריק, וווּ ביים גרינעם ליכט פון די גאַז־רערלעך האָבן מענטשן געשניטן און געקלאַפּט די בייטעלעך און ביכעלעך, האָב איך פאַרשטאַנען, פאַר וואָס דער טאַטע קומט אַזוי ווינציק אַהיים. אך וואָלט שוין דאָרט געבליבן אויף שטענדיק און געקוקט ווי עס וואַקסן די ביכלעך, ווי עס שניידן זיך די טאָוועלעך, ווי עס שמעקט די איידעלע, פאַרביקע לעדער מיט דעם פריידיקן ריח פון אַ שפּילעוודיקער וועלט.

איך האָב ליב געהאַט דעם פעטער יאָסל מיט דער דינער, ברוינער, ווייכער באָרד וואָס ער האָט מיר צוגעלייגט צום פנים, ווען ער האָט מיך געקושט. איך האָב ליב געהאַט זיינע ווייסע הענט, וואָס האָבן מיר אָנגע־שטופּט די קעשענעס מיט ביכעלעך און בייטעלעך, מיט שפּיגעלעך, פּר־דעלעך און קעמעלעך. דערצו דאָס זיסע האַרץ־קלאַפּן פון געפונען אַ זילבערן צענערל, וואָס האָט צוגעזאָגט אַ גרויסע, שמעקנדיקע, אין זילבער געפּאַקטע טשעקאָלאַדע.

*

צו די איידעלע לעדער־אַרבעטן האָט מיין פעטער אַראָפּגעבראַכט פון בערלין דייטשן. מיין פאָטער איז געווען דער װערקפירער אין דעם

פעטערס פאַבריק און די דייטשן האָבן זיך מיט אים שטאַרק געחברט. זיי האָבן שטענדיק אָנגעפּילט אונדזער שטוב מיט זייערע הילכיקע ביר־שטימען. טייל האָבן אַראָפּגעבראַכט זייערע ווייבער, וואָס האָבן זיך באַפריינדט מיט מיין מאַמען. זיי האָבן זיך אַלע באַזעצט אין די יידישע גאַסן אַרום אונדז. און אין אַ קליין שטיבל איבער אונדז האָט געוווינט די מאַדאַם שניידער, פון וועלכער איך האָב שטענדיק געפילט אַ שניידנ־דיקן ריח פון אַ פרעמדער און טיכטיקער ריינקייט, ווען זי האָט מיך גע־קושט, ווי זי וואָלט געווען פון זייף. מיין פאָטער האָט פאַרברענגט מיט די דייטשן, פון וועלכן די מאַמע איז געווען נישט צופרידן. ביי אונדז אין שטוב האָט מען איינגעאָרדנט שפּעטע פליישיקע וועטשערעס און דער שווערער, דושנער ריח פון ביר האָט זיך געפילט איבער דער גאַנצער שטוב.

איך געדענק קוים וועמען פון די דייטשן. מיר איז נאָר געבליבן עפּעס אַ גרויליק געפיל פון פליען אין דער לופט, דערפון, וואָס די דייטשן פלעגן מיך אויף זייערע מעכטיקע הענט הייבן אין דער הייך און — אַראָפּלאָזן. דאָס איז געווען זייער צערטלעכע שטיפעריי מיט מיר. ווי דורכן חלום, געדענק איך איינעם פון זיי, אַ הויכן, מיט אַ שווערן, נידע־ריקן קאָפּ און רויטע אויערן. זיין נאָמען איז געווען אָדער מילער, אָדער שילער. איך געדענק אים צוליב אַ געשיכטע, וואָס מען האָט לאַנג דער־ציילט אין אונדזער שטוב. דער דייטש האָט זיך איין מאָל, אין אַ זונטיק, אָנגעשיכורט און אין אַ זומער־פאַרטאָג זיך אַריינגעלאָזן צו אונדז, אין דער יידישער הינטערגאַס, מיט אַ צילינדער אויפן קאָפּ און ווייסע האַנדשוי. ער איז געווען שיכור און האָט פאַרגעסן אין וועלכן הויז ער וווינט. האָט ער זיך דערוויל אַוועקגעזעצט אויף אַ טרעפּל פון אַ יידיש געוועלבל און איז אַנטשלאָפן געוואָרן.

די גנבים פונעם יידישן געסל האָבן נישט געלאָזט אויף זיך לאַנג וואַרטן און האָבן אים אויסגעטאָן ביז דער וועש. אַזוי האָט מען דעם דייטש געבראַכט אין דעם „רוסישן אוטשאַסטאָק". דער דייטש האָט אָבער קיין איין וואָרט רוסיש נישט געקענט רעדן, ער האָט נאָר געוווּסט אָנצורופן מיין פאָטערס נאָמען. און מיין פאָטער האָט אויף לאַנגע יאָרן געהאַט צו דערציילן, ווי ער איז געגאַנגען אָפּנעמען דעם נאַקעטן דייטש פון דעם רוסישן „אוטשאַסטאָק".

די באָבע האָט מורא געהאַט פאַר די דייטשן. זיי האָבן איר געוואָלט

אָפּגעבן כבוד און געשריגן צו איר „שוויגער־מוטערל״, זי האָט זיך באַ־האַלטן פאַר זיי אינעם פינצטערן אַלקערל און געציטערט פאַר שרעק.

מיין פאָטער איז געווען שיין, געזונט און לייכטזיניק. ער האָט פון אַלעם געמאַכט פריילעכע מעשיות. ער האָט ליב געהאַט גוטמוטיק חוזק צו מאַכן פון דער באָבען, איר דערציילן, אַז אין וואַרשע איז דאָ אַ „וואָלקולאַק״, וואָס כאַפּט אויף אַלטע יידענעס. עס האָט אים געוויילט איר פאַרצווייפלטע שרעק, פאַר וועלכער זי האָט נישט געוווּסט ווו זיך צו באַהאַלטן. דעמאָלט האָט זי מיך געכאַפּט און זיך געקלאַמערט אָן מיר און געזוכט ביי מיר שוץ. מיך האָט אַרומגענומען אַ גרויס רחמנות און איך האָב געוואָלט גיך גרויס ווערן און זי שיצן קעגן אַלע שרעקן.

און מיט אַ מאָל איז דאָס באָבעלע פאַרשוווּנדן. איך קאָן זיך נישט דערמאָנען ווען און ווי אַזוי זי איז געשטאָרבן. זי איז פאַר מיר פאַרבליבן אין דעם פינצטערן אַלקערל.

עס איז נאָך פאַרבליבן אין אונדזער שטוב אַ מעשה, וואָס דער טאַטע האָט געוויס צוגעקלערט, אַז די באָבע איז אַ מאָל אַרויס אויף דער גאַס און צום ערשטן מאָל דערזען אַ קאַטוילישע לוויה.

זי האָט דערזען אַ גאַנצע ריי גלחים, אָנגעטאָן אין ווייסן. די גלחים האָבן געזונגען, אַרום זענען געגאַנגען שוואַרצע מענטשן מיט אָנגעצונדענע ליכט אין די הענט, שוואַרצע, רויכערדיקע לאָמטערן האָבן געברענט ביי די זייטן. די באָבע איז געבליבן צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט. זי האָט זיך שוין מער נישט געקאָנט רירן פון שרעק. און ווען זי האָט נאָך דערזען, אַז עפּעס אַ שוואַרץ הויז איז געגאַנגען אויף רעדער, איז דאָס שוין פאַר איר געווען צו פיל. זי האָט זיך קוים דערשלעפּט אַהיים, זיך אַוועק־געלייגט אויף איר אייזערן בעטל און איז אויף אייביק איינגעשלאָפן פאַר שרעק.

2

צו דער זעלבער צייט האָט זיך ביי אונדז, אין דער טונקעלער מיטל־שטוב, באַוויזן אַ וויגל. דאָס וויגל איז געשטאַנען צוגערוקט צום פענצטער, ווו דאָס קאַרגע ליכט האָט זיך דורכגעשלאָגן און אויף דעם ווייסלעכן, שמאָלן קישן איז געלעגן דאָס זיסע, טונקעלע קעפּעלע פון מיין נייַ ברודערל.

דאָס ווינקל אין דער שטוב איז שטענדיק געווען באַזונדערס ריין און וואַרעם. און אין די פאַרמיטאָג־שעהען, ווען מיין שוועסטערל איז אַוועק

אין דער שול און די מאַמע איז געגאַנגען איינקויפן, פלעג איך בלייבן אַליין אין שטוב מיטן קינד.

די שעהען זענען געווען זיס־מאַטערדיקע. די מאַמע האָט מיך פאַר־שלאָסן מיטן קינד, כדי קיינער זאָל נישט אַריינקומען. זי האָט מיר אָנגע־זאָגט אַלע מאָל דאָס זעלבע: איך זאָל נישט לאָזן דאָס קינד אַליין, כ׳זאָל נישט אַריינלאָזן קיין קאַץ און נישט אַרויסנעמען דאָס קינד פונעם וויגל, ווייל כ׳וועל עס „צעברעכן״.

אַ זיסע אומרויִקייט האָט מיך דעמאָלט אַרומגענומען, ווי נאָר די מאַמע האָט איבערגעדרייט דעם שליסל און אירע טריט זענען פאַר־שטילט געוואָרן.

דאָס קינד האָט אָדער געדרימלט, אָדער געצאַפּלט מיט די לאַנגע, איידעלע וויעס און די צוויי גרויסע, שוואַרצע, זיידענע אויגן האָבן פאַרנומען אַ האַלב פון זיין טונקל, אַליוו פנימל. דאָס קינד איז באַלד געוואָרן פאַר מיר אַ סודותדיק באַשעפעניש, פאַרבונדן מיט אַ טונקעלער, געהיימער וועלט.

איך האָב זיך אָנגעבויגן איבערן וויגל, געפּרוּווט אַ גלעט טאָן די זיסע, שמעקנדיקע הערעלעך, אָבער די פּולסירנדיקע וואַרעמקייט פון דעם קינדס קעפּל האָט מיך מאָדנע אָפּגעשוואַכט. איך האָב געקוקט אויף די זיסע ליפּעלעך און איך האָב געמורמלט:

— ברודערל...

אָבער מיט אַ מאָל האָבן זיך אויף מיר אָנגעטראָגן אַלע שרעקן פון דעם פינצטערן אַלקערל. איך האָב זיך דערמאָנט אין אַלע שרעקלעכע מעשיות, וואָס זענען געשען מיט קליינע קינדער. וועגן די בעטלער, וואָס נעמען צו קינדער און וועגן די שדים, וואָס האָבן צוגענומען אַ קינד פונעם וויג און אַריינגעלייגט אַ בעזעם. אויף מיר איז אָנגעפאַלן אַ פּייַן. איך האָב אַרומגעהאַלטן דאָס וויגל: איך וועל נישט לאָזן, איך וועל נעמען מיין ברודערל אויף די הענט און וועל אים שטאַרק אַרומהאַלטן מיט מיינע הענט.

אין די האַרבסטיקע טעג איז דאָס איינציקע שפּילעכל מיינס געווען דאָס קינד, דאָס ברודערל אין וויגל. אין די גרויע, טונקעלע אינדערפריען, ווען פון פאַרמאַכטע פענצטער האָט אַ קלאַפּ געטאָן דער קאַלטער אָטעם פון דעם אָנקומענדיקן ווינטער, בין איך אויפגעשטאַנען שוין אַ פאַר־בענקטער נאָכן קינד. איך בין נישט אָפּגעטרעטן פונעם וויגל, און מיט אַ

פול האָרץ פון ליבע און אומרו, נאָכגעפאָלגט, ווי די מאַמע האָט זיך מיט דעם קינד פאַרנומען. איך האָב געוואַרט ווען די מאַמע וועט דאָס קינד „איבערלייגן", כדי צו קאָנען אַ גלעט טאָן דאָס ווייכע, גלאַטע פלייצעלע, אָדער די קילע פוכיקייט פון אַ פיסעלע, וואָס האָט געדריגעט מיט אַ קרעפטיקער לעבעדיקייט און פרישקייט. איך האָב אַריינגעאָטעמט דעם שמעקנדיקן ריח פונעם קינדס מיילעכל, וואָס האָט זיך געעפנט ווי אַ ראָז בלימעלע. דאָס קינד האָט ערשט פאַר די לעצטע טעג אָנגעהויבן שמייכלען און יעדעס שמייכעלע, ווען דאָס קורצע נעזעלע האָט זיך פאַר־צויגן אין אַ זיסער גרימאַסע, האָט מיך אָנגעפילט מיט אַ ווונדערבאַרער פרייד.

אין די אינדערפריען האָב איך געוואַרט מיט אומגעדולד צו בלייבן אַליין מיטן קינד, נאָך דעם ווי די שוועסטער איז אַוועק אין דער „שקאָלע" און דער עלטערער ברודער איז אַרויס צו זיינע שלעכטע חברים, וואָס האָבן אים שוין מיט אַ פייף אַרויסגערופן פון דער שטוב. אין דער שעה איז די מאַמע געגאַנגען אין גאַס איינקויפן און איך בין געבליבן מיטן קינד אַליין.

די מאַמע האָט געקאָנט מיט אירע שלאַנקע, זגראַבנע הענט, אַזוי גיך און אַזוי קונציק אויפרוימען. אַלץ האָט געפונען זיין אָרט, די גיפסענע פיגורלעך אויף דער טונקעלער, געשניצטער פולקע, האָבן אויפגעשפילט אין קאַרגן ליכט פון דעם פענצטער, און אינעם שפיגל האָט זיך אָפגע־שלאָגן דער גרינער קלאָש מיט די פאָטאָגראַפישע קאַרטלעך. דאָרט איז געלעגן די פאָטאָגראַפיע פונעם פעטער און מומע פון אַמעריקע מיט זייערע אַמעריקאַנער קינדער. אַלע האָבן זיי געשמייכלט און מיר איז געווען אַזאַ רחמנות, וואָס זיי זענען אין אַמעריקע. עס זענען אויך אויף דעם גרינעם קלאָש געלעגן די פאָטאָגראַפיעס פון אַרטיסטקעס מיט נאַ־קעטע הענט, און באַטיסטיני, אָנגעטאָן ווי אַ טייוול, מיט שוואַרצע הערנער אויפן קאָפּ. איך האָב געקענט יעדעס קאַרטל פון די אַרטיסטן אין ציליג־דערס און לאַנגע פעלערינעס, דאָס שטראַלנדיקע פנים פון דער קאַייעצקאַ מיט דער בריליאַנטענער קרוין אויפן קאָפּ, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אויך זיי קענען מיך.

איך האָב געקענט די בילדער פון טאָלסטאָי און פון הענריק שענ־קעוויטש. איך האָב נישט געוווּסט אויף קלאָר וואָס די אַלע מענטשן טוען, אָבער זיי זענען געווען היימישע אין אונדזער שטוב. מיין מאַמע און מיין

שווערסטער האָבן גערעדט וועגן זיי און זיי האָבן זיך מיר אין די נעכט געחלומט. טאָלסטאָי איז אַריינגעקומען אַ באָרוועסער און מיך גערופן ביים נאָמען. און אָט איז פון מיין שוועסטער געוואָרן די קאַטיושקאַ, מיט איר קרוין פון בריליאַנטן. אַזוי ווי פון דעם פינצטערן אַלקער זענען געגאַנגען די שלעכטע גייסטער, וואָס האָבן מיך געשראָקן — אַזוי זענען פון די קאַרטלעך אינעם גרינעם קלאָש געגאַנגען די גוטע און ליכטיקע געשטאַלטן.

אין די אינדערפריען, ווען די מאַמע האָט אָנגעטאָן אויפן קאָפּ דעם שוואַרצן שאַל און איז אַוועק אין גאַס איינקויפן, בין איך פאַרבליבן מיטן קינד. איך בין געוואָרן דער הערשער פון דער גאַנצער שטוב, מיט אַלע וווּנדערלעכע זאַכן, וואָס האָבן געטראָגן אין זיך אַזוי פיל סודות. איך האָב געקאָנט אַרויסקלעטערן אויף דער שאַנק, ווו עס איז געלעגן דעם טאַטנס רויטע, טערקישע פעסקע מיט דעם כוואַסט, וואָס ער האָט מיטגעבראַנגט פון דעם מיליטער, בעת ער האָט געדינט אין קאַווקאַז. דאָרט האָבן געוווינט טערקן. אויף דער שאַנק איז אויך געלעגן דעם טאַטנס קלאַרנעט, מיט די זילבערנע רעדלעך און קנעפּלעך. דער קלאַרנעט איז געלעגן אין אַ לאַנג, שוואַרץ קעסטל, אויסגעבעט מיט רויטן סאַמעט. איך האָב מיך אָנגעזעטיקט מיט די וווּנדערלעכע זאַכן און זיי געוויזן דעם קינד. איך האָב זיי צוגעלייגט צום קינדס כאַפּנדיקע הענטלעך, ווי איך וואָלט געוואָלט האָבן אין מיין ברודערל אַ שותף צו מיינע באַהאַל־טענע און פאַרווערטע שפּילן.

*

ווי באַר איך פלעג בלייבן מיטן קינד אַליין, האָב איך באַלד דערפילט דעם פאַרלאַנג אַרויסצורופן ביים קינד אַ שמייכל, זיינע ליפּעלעך זאָלן זיך עפענען און די אייגעלעך זאָלן זיך פאַרמרוזשען אין אַ זיסער גרימאַסע. מיר האָט זיך געוואָלט, אַז דערמיט זאָל מיר דאָס קינד אַרויסווייזן זיין פרייד און די נאָענטקייט פון אונדזער ליבשאַפט. איך האָב אַלץ דערצו געטאָן. איך האָב מיט מיין פינגער געקיצלט זיין גאָמבעלע, אויפגעמאַכט זיינע קרעפּטיקע פויסטלעך און געקיצלט איבער דער פלאַך פון זיין הענטל. דאָס קינד האָט אַרומגעכאַפּט מיין פינגער, ווי עס וואָלט זיך געוואָלט אָנהענגען אין אים און זיך אויפהייבן.

איין מאָל, אין אַזאַ אינדערפרי, ווי באַר די מאַמע איז אַרויס פון שטוב

און מיר ווי שטענדיק אָנגעזאָגט, איך זאָל דאָס קינד נישט רירן פונעם וויגל, ווייל איך קאָן עס „צעברעכן", און זי האָט אויך צוליב עפּעס פאַרשלאָסן דאָס לעצטע פינצטערע אַלקערל — האָב איך, ווי אַלע מאָל, זיך גענומען שפּילן מיטן קינד.

מיט אַ מאָל איז מיר איינגעפאַלן צו מאַכן פאַר דעם קינד אַ טעאַטער. איך בין אַריין אין קיך, גענומען סאַדזע פון די פייערקעס און מיר אָנגעשמירט אַ פּאָר שוואַרצע וואָנסן מיט אַ בערדל. דערנאָך בין איך אַרויפגעקראָכן אויף דער שאַנק, אַראָפּגענומען די רויטע, טערקישע פּעסקע, אַרויסגענומען דעם לאַנגן קלאַרנעט און אָנגעטאָן די פּעסקע אויפן קאָפּ. איך האָב זיך דערזען אין שפּיגל — עפּעס אַ מאָדנע באַשעפעניש מיט אַ באָרד און וואָנסן. פון הינטער דער רויטער פּעסקע האָבן זיך אַרויסגעזען מיינע שוואַרצע האָר און די אויגן אויף מיין בלייך פּנים האָבן געגליט. מיין האַרץ האָט געקלאַפּט פון דערוואַרטונג. איך האָב גענומען דעם קלאַרנעט, אַרומגעכאַפּט מיט די ליפּן דאָס פּיסקל, ווי איך וואָלט געשפּילט, אָנגעבלאָזן די באַקן און אויף די שפּיץ פינגער זיך געלאָזן צום ווינקל.

דאָס קינד איז געלעגן אין האַלבן דרימל, מיט די פויסטעלעך ביים קאָפּ... איך האָב מיך אַריבערגעבויגן און וועלנדיק, אַז דאָס קינד זאָל מיך דערזען, האָב איך אַ בלאָז געטאָן אינעם קלאַרנעט.

דאָס קינד האָט לאַנגזאַם אויסגעדרייט דעם שוואַרצן, גלאַנציקן קאָפּ אין מיין זייט און מיט אַ מאָל האָט די גאַנצע וויג אַ ציטער געטאָן. דאָס קינד איז פּלוצלינג ווייס געוואָרן, די ווייסלען פון די אויגן האָבן פאַרכאַפּט דאָס גאַנצע פּנימל, דאָס מיילעכל האָט זיך פאַרקרומט און אַ שפּריץ געטאָן מיט אַ שפּיציק, צעריסן געשריי. באַלד איז דאָס גאַנצע קעפּל רויט געוואָרן, די פאַרקוועטשטע פויסטעלעך האָבן אָנגעהויבן ציטערן. דאָס געשריי האָט זיך איבערגעריסן און געבליבן פאַרשטעקט אינעם העלדזל.

אַ פאַרצוקנדיקע שרעק האָט אַ פּלאַטער געטאָן אין מיין האַרץ. איך האָב נישט געקאָנט כאַפּן דעם אָטעם. דאָס קינד האָט זיך אַלץ געשטיקט, ווי עמעצער וואָלט עס געטרייסלט.

מיר האָט זיך מיט אַ מאָל אויסגעוויזן, אַז די פאַרשלאָסענע טיר פונעם פינצטערן אַלקערל האָט זיך געעפנט און אַלע שרעקיקע כוחות, אַלע קעץ און אַלע בעטלער, האָבן זיך אַריינגעריסן צוצונעמען דאָס קינד.

איך האָב אַ שליידער געטאָן די פּעסקע און דעם קלאַרנעט, אין פאַר-

צווייפלונג גענומען ווישן מיין פנים, זיך אַ וואָרף געטאָן איבערן וויגל, גענומען אין מיינע הענט דאָס קליינע, פייכטע, אָנגעהיצטע און טרייסלבּ־דיקע קעפּעלע. טרערן האָבן אַ שפּאַר געטאָן פון מיינע אויגן. איך האָב צוגעטוליעט מיין פּנים צום קינדס, באַלד איז עס באַדעקט געוואָרן מיט אַ נאַסער, צעשמירטער סאַדזע און אַ הייס געשריי, וואָס איך האָב נאָך קיין מאָל נישט געהערט, האָט זיך אַריינגעריסן אין מיינע אויערן.

איך האָב נישט געוווסט וואָס צו טאָן. איך האָב גערעדט צום קינד אַלע ווערטער, וואָס איך האָב נאָר ווען געהערט פון דער מאַמען, אָבער דאָס קינד האָט מורא געהאַט פאַר מיר און געציטערט. דעמאָלט האָב איך פאַרגעסן אָן אַלעם, וואָס די מאַמע האָט מיר אָנגעזאָגט און איך האָב מיט אַלע מיינע כוחות אַ כאַפּ געטאָן דאָס קינד פונעם וויגל אַרויס. דאָס קינד האָט מיך אָפּגעשטופּט, אָנשפּאַרנדיק זיך מיט די קרעפּטיקע פיסלעך אָן מיין ברוסט, די הענטעלעך האָבן אָפּגעשטופּט מיין פּנים. איך האָב עס געוואָלט צודריקן צו זיך, איך האָב זיך געבעטן, איך האָב געוויינט פון שרעק און פאַרדרוס און פּלוצלינג האָב איך דערפילט ווי דאָס קינד גליטשט זיך מיר אַרויס פון די הענט. מיין האַרץ איז פאַרשטאַרבן גע־וואָרן, ווען איך האָב דערהערט אַ שווערן, ווייכן קלאַפּ און דאָס קינד איז מיטן קאָפּ אַראָפּ מיר אַרויסגעפאַלן פון די אָרעמס.

„צעבראָכן דאָס קינד" — האָט מיר ווי אַ שפּיציקער האַמער אַ קלאַפּ געטאָן אין קאָפּ. מיט די לעצטע, פאַרצווייפלטע כוחות האָב איך עס אויפגעהויבן פון דער ערד. איך האָב עס צוגעדעקט מיט זיך, מיט קושן און געוויין עס איינגעשטילט. איצט איז דאָס קינד געלעגן שטיל, נאָר פון צייט צו צייט אַ העשע געטאָן און אַ צאַפּל. איך האָב אַ כאַפּ געטאָן אַ האַנטעך און אָפּגעווישט מיין פּנים. ערשט דעמאָלט האָט דאָס קינד אויף מיר אַ קוק געטאָן, מיט גרויסע, פאַרוווּנדערטע אויגן און איך האָב דער־פילט דאָס הייסע הענטל מיט די שטעכיקע נעגעלעך אויף מיין פאַר־שוויצט און פאַרוויינט פּנים.

די מאַמע האָט ווענן אַלץ געוווסט, וואָס עס איז פאַרגעקומען, כאָטש איך האָב געלייקנט, נישט דערציילט. די מאַמע האָט געבראָכן די הענט, זי האָט געפונען אַ בייל אויפן קעפּל ביים קינד. מען האָט גערופן אַלטע ווייבער, מבינטעס, וואָס האָבן געשפּיגן, אָפּגעשפּראָכן און געמאָסטן די ביינדלעך.

דאָס קינד האָט זיך געשפּילט, געפּרייט, געדריגעט מיט די פיסעלעך,

געשמייכלט, אָבער איך האָב געוווּסט, אַז איך האָב „צעבראָכן" דאָס קינד, און אַ טונקעלער שאָטן האָט זיך אַוועקגעלייגט אויף מיינע טעג און מיינע נעכט.

*

פון דעמאָלט אָן איז מיר צוגענומען געוואָרן די פרייד פון בלייבן מיטן קינד אַליין אין שטוב. די אַלטע חנה, וואָס פלעגט קומען אַלע דאָ־נערשטיק העלפן שבת־מאַכן, וואַשן די פּאָדלאָגעס און פּוצן די קיך, איז איצט געקומען יעדעס מאָל, ווען די מאַמע איז געגאַנגען אין גאַס אַריין.

חנה איז געזעסן ביים וויגל און געהיטן דאָס קינד. איר קליינער, ווי אייזערנער קאָפּ, איז געווען אַראָפּגעלאָזן, ווען זי האָט געדרימלט, אָדער געציילט אין אַ טאָרבעלע אַריין גראָשנס. זי האָט געהיטן דאָס קינד און מיך נישט צוגעלאָזט נאָענט צום וויגל. אירע האַרטע הענט, מיט די שוואַרצע פינגער, אַזוי ווי אייזערנע טשוועקעס, האָבן מיך ווייטיקלעך אָפּגעשטופּט, יעדעס מאָל, ווען איך בין צוגעגאַנגען צום וויגל. זי האָט אַריינגעקלאַפּט אין מיר טונקעלע רייד, וואָס האָבן זיך אין מיר אַריינ־געשטאָכן ווי טשוועקעס:

— ניטע... ווען דאָס קינד אויסדרייען אַ הענטל... אָדער אַ פיסל...

דאָס האָט מיך נאָך מער פאַרזיכערט, אַז איך האָב „צעבראָכן דאָס קינד" און אין מיר האָט זיך אויפגעהויבן נאָר איין באַהאַלטענער ווילן: מיט מיינע אויגן צו זען, ווי אַזוי איך האָב צעבראָכן מיין ברודערל. איך האָב געוואָלט יעדעס ביינדעלע זיינס אויסגלעטן, צורעכט מאַכן, אויסהיילן.

אָבער חנה האָט מיך נישט צוגעלאָזן און כסדר גערעדט:

— אַזאַ פּיצלס... אַ ווערעמל... מען דאַרף אַ סך?.. אַ ליאַדע וואָס... ס'איז דאָך אַ פייגעלע... די ביינדעלעך זענען דין... דאָס מוחל איז ווייך... ס'טוט זיך אַ גליטש אַרויס פון דער האַנט.. און ס'ווערט צעבראָכן....

איך בין לאַנג געשטאַנען מיט אַ פאַרצאַפּלט האַרץ. צום סוף בין איך צוגעפאַלן צו חנהס האַרטן, ווי אייזערנעם אַקסל:

— חנה... אַז מען צעברעכט אַ קינד... קאָן מען עס פאַרריכטן?..

— אָפּגעהיטן זאָל מען ווערן... טפו... טפו...

זי האָט געציילט אירע שוואַרצע אייזערנע גראָשנס, און די גרויסע שרעק און פאַרצווייפלונג האָבן געעגבערט מיין קינדעריש האַרץ.

3

פון יענע ווייטע טעג, ווען ביי אונדז אין שטוב איז געשטאַנען דאָס וויגל מיטן קינד, זענען מיר פֿאַרבליבן אָפּגעריסענע שטיקער לעבן, וואָס שטייגן אויף פֿאַר מיר, רייסן זיך אַרויס פֿון דעם געדיכטן נעפּל, שפּילן אויף פֿאַר מיר אַלע קאָלירן און מאַכן קלאַפּן דאָס האַרץ מיט אַ פֿריידיקן אומעט.

אין דער צייט, ווען אין שטוב איז געשטאַנען דאָס וויגל מיטן קינד, האָבן מיר דעם טאַטן ווייניק געזען. ער פֿלעגט דעמאָלט אָפֿט אַוועקפֿאָרן אין וועג, אָדער אפֿשר איז ער ווייניק געווען אין שטוב צוליב עפּעס אַנדערש, וואָס איז פֿאַר מיר דעמאָלט נישט קלאָר געווען.

איך ווייס נאָר, אַז די מאַמע האָט אַ סך געוויינט אין די אָוונטן, ביי דעם וויגל מיטן שלאָפֿנדיקן קינד, אונטער דער ליכט פֿון דער גרינער נאַפֿט־לאָמפּ, וואָס איז געשטאַנען אין מיטן טיש, אויף דעם לאַנגן, צינערנעם פֿוס.

די רויטלעכע ליכט פֿון דער לאָמפּ האָט באַשלאָגן די וועש, וואָס די מאַמע האָט פֿאַרריכט, דערביי זענען פֿון אירע אַראָפּגעלאָזענע, טונקעלע, איידעלע ווּעס, איינע נאָך דער אַנדערער, אַראָפּגעפֿאַלן טרערן.

די מאַמע פֿלעגט אויך אין אַזעלכע אָוונטן זינגען. איר שטימע האָט מיר אויסגעזען ווי טונקל גאָלד, ווי דער קאָליר פֿון איר הויכן האַלדז, פֿון וואַנען די שטימע האָט זיך געוויקלט און געפֿינקלט. איך האָב אַ מאָל געהערט ווי די מאַמע האָט דערציילט דער שוועסטער, אַז ערגעץ אין אַן אוקראַיִנישער שטאָט, ווען זי איז נאָך גאָר אַ קינד געווען, האָט זי בסוד פֿאַר טאַטע־מאַמע, אָפּגעזונגען „שולמית" און „דינה", אַברהם גאָלדפֿאַדן אַליין האָט זי אַנגערעדט דערצו, ווען ער איז אַהינגעקומען מיט זיין טעאַטער. די מאַמע האָט דערציילט ווי גאָלדפֿאַדן איז געווען אַ „שיינער הער" אין דער „זיידענער פֿעלערין און צילינדער", ווי ער האָט זי געוואָלט צונעמען פֿאַר אַן אַרטיסטקע אין טעאַטער. די שוועסטער האָט זיך געשפּילט מיט דער מאַמעס לאַנגע טונקעלע האָר, און געזען אין איר אַלע אַרטיסטקעס פֿון די בילדער, וואָס זענען געלעגן ביי אונדז אויף דעם גרינעם קלאָש.

מיר איז געוואָרן טרויעריק פֿאַר דער מאַמען, וואָס מען האָט געוואָלט „צונעמען אין טעאַטער". מיר האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז עמעצער האָט

זי געוואָלט אַרומפירן איבער די הויפן, ווי די קאָלירטע קונצנמאַכער. איך בין געלעגן אויף מיין בעטל און געקוקט אויף דער מאַמען מיט אירע לאַנגע, צעלאָזענע, טונקעלע האָר און איר שיינקייט האָט מיך געדריקט מיט דער זיסער אומעטיקייט, וואָס איז שטענדיק פון איר געגאַנגען. איך האָב שוין פון לאַנג באַדאַרפט שלאָפן, איך האָב אָבער געוואַרט אויפן טאַטן, ווייל צוזאַמען מיט אים איז אַריינגעקומען עפּעס אַ זיכערקייט און אַ כוח אין דער שטוב. איך האָב מיט האַלב־אָפענע אויגן געקוקט אינעם ליכטיקן קרייז אַרום דער מאַמען און זי געהיטן.

איך האָב געוואַרט אויפן טאַטן, אויף זיין קיל, געזונט פּנים מיט דעם קרעפטיקן ריח פון זיין מויל, ווען ער פלעגט מיך אַ קוש טאָן. דערצו האָט ער כמעט אַלע מאָל עפּעס געבראַכט פון גאַס, פּרוכטן, וואָס האָבן געשמעקט מיט דעם דרויסן, באַרנעס און עפּל, וואָס האָבן געשמעקט מיט אַ שמעקעדיקער קעלט. ער האָט ליב געהאַט צו ברענגען פון זיינע רייזעס פאַרשידענע געוויכערטע און געטריקנטע פיש, וואָס האָבן געהאַט אַ ריח פון ווייטע שטעט אין רוסלאַנד. דאָס אַלץ, וואָס דער טאַטע האָט געגעסן, האָט געהאַט פאַר מיר אַ באַזונדערן רייץ. ער פלעגט דאָס ווונדערלעך אַרויספילן, און דער געשמאַקסטער ביסן איז פאַר מיר געווען דער, וועלכן דער טאַטע האָט מיר אָפּגעטיילט פון זיין עסן.

איך בין געלעגן, געדרימלט, און ווידער זיך אויפגעכאַפּט. עס זענען געווען שוין שפּעטע אָוונטן, ווען איך פלעג מיט אַ מאָל דערפילן, אַז אין שטוב איז עפּעס געשען. די געשפּרעכן צווישן דעם טאַטן מיט דער מאַמען האָבן זיך שטענדיק געענדיקט מיט אַ שטילער, פאַרשטיקטער און שווערער קריגעריי, ווען זיי האָבן גערעדט וועגן מיין עלטערן ברודער.

דער רויִקער שמייכל פונעם טאַטנס גראָע אויגן איז פאַרשוווּנדן און אַ ווייסלעכער, האַרטער בליאַסק אין זיי האָט אָנגעזאָגט דעם טאַטנס פאַרצווייפלטן כעס.

יעדן טאָג האָט מיין ברודער עפּעס אָפּגעטאָן, וואָס האָט זיך געפילט ווי אַ גוואַלדריס אין דער שטוב. די מאַמע האָט דאָס געפּרוווט פאַרהוילן פאַרן טאַטן, אָבער דער טאַטע האָט עס שוין געוווּסט פונעם סטרוזש פראַנצישעק, אָדער פון די שכנים. אַלץ, וואָס דער ברודער האָט געטאָן, האָט אין דער שטוב געברענגט שאַנדע און פאַרדרוס. די מאַמע האָט פאַר־טיידיקט דעם ברודער און אים שטענדיק געוואָלט ריינוואַשן, און דער טאַטע האָט אויסגעלאָזן דעם כעס צו דער מאַמען.

דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז די מאַמע וועט פון מיין ברודער מאַכן אַ „גנב אַ באַנדיט״. דאָס איז געווען דאָס שרעקלעכסטע, וואָס איך האָב געקאָנט הערן וועגן מיין ברודער. מיין האַרץ האָט געקלאַפּט. איך האָב אַפילו אויף קלאָר נישט געוווּסט, ווו עס איז דעם ברודערס געלעגער. ער איז, ווייזט אויס, געשלאָפן ערגעץ אין קיך.

אַ באַזונדער גלאַנץ און אויסגעהיטנקייט אין דער שטוב האָט געהאַט דאָס ווייסע בעט, ווו עס איז געשלאָפן מיין שוועסטער. מען האָט אָפּגעהיטן איר שלאָף און די מאַמע איז אויפגעשטאַנען באַלד אין דער פרי, כדי צו באַזאָרגן די שוועסטער מיט אַלעם, ווען זי איז אַוועק אין דער יחוסדיקער פוילישער שקאָלע. זי איז אַרויס אַ בלאַנקנדיקע אין איר פולער, ווייסער שיינקייט, מיט די צוויי פאַרפלאָכטענע, טונקל־בלאָנדע צעפּ און דער זיסער, ווייבלעכער רונדיקייט פון איר קינדעריש געשטאַלט.

די מאַמע האָט איר לאַנג דורכן פענצטער נאָכגעקוקט, ווען זי איז געגאַנגען איבערן הויף. נאָך איר אַוועקגיין איז די שטוב צוריק אַריין אין איר טונקלקייט און ערגעץ אין קיך, אין אַ ווינקל, האָט זיך דער־הערט דאָס געדודער צווישן דער מאַמען מיטן ברודער, וואָס האָט זיך פלוצלינג באַוויזן פון זיין געלעגער.

איך האָב קיין מאָל נישט געוווּסט, ווען מיין ברודער האָט זיך אין דער שטוב אַריינגעשלייכט און ווען ער איז אַוועק. צווישן דעם ברודער און דעם טאַטן איז געווען נישט נאָר אַ פרעמדקייט, נאָר האַס, ווי צווישן צוויי מינים חיות. אַ קליינע און אַ בייזע האָט באַדאַרפט זיין דער ברודער; אַ גרויסע, אַ שיינע און גראַציעזע — דער טאַטע. און יעדע זייער באַ־געגעניש האָט זיך געענדיקט מיט אַ פאַרצוקנדיק געיעג.

איך האָב אין מיינע קינדערישע טעג און נעכט געליטן פאַר ביידע. די טונקעלע, בייזע לופט אַרום מיין ברודער האָט געעגבערט מיין האַרץ. מיין געדאַנק איז אים נאָכגעגאַנגען אין זיינע פאַרהוילענע וועגן, און די געפאַרן, וואָס האָבן געלויערט איבער אים, האָבן מיך געפּייניקט. דער טאַטע האָט פון מאָל צו מאָל געוואָלט מיין ברודער באַשטראָפן מיט קלעפּ. דאָס פלעגט זיך אָפּשפּילן נאָך דעם ווי מיין ברודער האָט אויפגע־רודערט דעם גאַנצן הויף און די מאָס פון זיינע פאַרברעכנס איז אַריבער יעדע גרענעץ. ווען ער האָט אין איין טאָג צעבלוטיקט אונדזער שכן, אויס־געהאַקט אַלע שויבן ביים ווירט פונעם הויז, דערנאָך געזעסן אויפן דאַך און געוואָרפן שטיינער.

אין שפּעטע אָוונטן האָט דער טאַטע זיך געלאָזן צום ברודער אין ווינקל, וווּ ער איז געלעגן. אָבער דעם טאַטנס מאַרשן אויפן שלאָפנדיקן ברודער האָבן זיך שטענדיק אויסגעלאָזט מיט גאָרנישט. די מאַמע האָט זיך געשטעלט צווישן זיי. זי האָט מורא געהאַט, אַז דער טאַטע וועט מיט זיין גבורה דערהרגענען דאָס קינד. דער טאַטע איז געוואָרן בלאַס און די מאַמע האָט, ווי ביי יעדער קליייניקייט, געחלשט.

די גרעסטע פּיין אָבער האָב איך איבערגעטראָגן. איך בין אַרויס פון בעט און זיך איינגעקלאַמערט אין דעם טאַטנס ברייטע האַנט, וואָס האָט מיך איצט געשראָקן. דערנאָך איז געקומען דאָס שווערסטע. די מאַמע האָט לאַנג און נאַגנדיק געוויינט. דער טאַטע האָט געשוויגן, נישט געוואָלט עסן. און נאָך שרעקלעכער פון אַלעם איז געווען דאָס, וואָס דער ברודער איז אַנטלאָפן. ער פלעגט יעדעס מאָל אַנטלויפן. ער איז אַוועק אין דער שוואַרצער נאַכט. עס איז געוואָרן שרעקלעך שטיל. הינטערן פענצטער איז געלעגן די נאַכט. נאָר מיין האַרץ האָט נישט גערוט און נאָכגעגאַנגען דעם ברודער. דעם טאַטנס שרעקלעכע ווערטער, אַז ער וועט זיין אַ „גנב", זענען איצט, אין דער נאַכט, אויפגעשטאַנען ווי שוואַרצע פייגל. איך האָב דערזען מיין ברודער צווישן שוואַרצע, שרעקיקע שאָטנס, מיט בליציקע אויגן. „גנבים" — האָט מיר געקלאַפּט אין קאָפּ — „גנבים"... און אַ הייס געוויין האָט צעשפּאַרט מיין קינדעריש האַרץ.

*

נאָך אַזאַ נאַכט איז געקומען דער אינדערפרי. דאָס קאַרגע ביסל ליכט ביים פענצטער האָט זיך אויסגעגאָסן אַרום דעם וויגל, וווּ די מאַמע האָט שוין געהאַט צו טאָן מיטן קינד. דער טאַטע האָט נאָך באַוויזן צו נעמען דאָס קינד אויף דער שויס און מיט זיין ריזיקן פינגער עס קיצלען ביים בייכל. דאָס קינד האָט געלאַכט און אָנגעפילט די שטוב מיט פרייד און דאָס שווערע געמיט פון דער נאַכט איז אַוועק.

די שוועסטער האָט אַ פעכלדיקע אַדורכגעפלאַטערט דורך דער שטוב. זי איז אַוועק אין דער שקאָלע און די מאַמע האָט זי באַגלייט ביז אַרויס אין הויף, איר אָנגעזאָגט, אַז זי זאָל גיין פאָרזיכטיק, איר נאָכגעקוקט מיט אַנטציקטע אויגן. די שוועסטער איז געגאַנגען גראַציעז, פילנדיק איר אייגענע שיינקייט. אירע שווערע צעפּ פון טונקעלן אַש־קאָליר האָבן זיך געוויגט אויף איר בלענדנדיקן נאַקן און געשפּילט מיט די בלויע

סטענגעס. איר שיינקייט האָט צוגעצויגן די אויגן פון דער גאַס און אין שטוב איז געווען אַ שטענדיקע מורא, מען זאָל זי נישט צוכאַפּן.

נאָך דעם ווי דער טאַטע איז אַוועק, האָט זיך פון ערגעץ באַוויזן דער ברודער.

די מאַמע האָט אים געגעבן געהיימע צייכנס. ער איז אַריין אין שטוב מיט פאַרקוועטשטע אויגן, מיט אַ בלייך, צעקרעלט פּנים, אָפּגעריסן און בייז.

די מאַמע האָט אים געגעבן צו עסן און גערעדט צו אים, ווי צו איינעם וואָס איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון עפּעס אַ געהיימען כוח. עס האָט זיך געקאָנט דאַכטן, אַז אין דעם יינגל מיט די שוואַרצע, געדיכטע ברעמען איז אַריין אַ דיבוק, אָדער ער האָט ערגעץ פאַרקויפט זיין נשמה צו נישט־גוטע, וואָס שיקן אים שלעכטס טאָן.

די מאַמע האָט געוואָלט מיט אירע רייד ווי אים אויפוועקן פון אַ דרימל, זי האָט אָנגעהויבן מיט שטרענגע ווערטער, דערנאָך האָט זי געזוכט אים צוריק צו געווינען, אָבער דער ברודער האָט פאַרעקשנט געשוויגן און קרום און בייז געקוקט פאַר זיך.

די מאַמע האָט אָנגעהויבן מיט געוויין, מיט געבעט, אַז דער טאַטע וועט נישט אויסהאַלטן. ווער ווייסט, וואָס עס וועט געשען.

מיין ברודער האָט געשוויגן. זיין שווייגן האָט מיך צעבראָכן. איך האָב אויך געוואָלט עפּעס צוזוכן אַ וואָרט, אָבער די פרעמדקייט צווישן מיר און דעם ברודער איז געווען אַ גרויסע. איך האָב נישט געפונען וואָס צו זאָגן.

דער ברודער האָט אָפּגעגעסן, ער האָט באַקומען אַ בעסערע, וואַרעמערע הויט אויפן פּנים. איך האָב געקוקט אויף יעדן ריר זיינעם. איך האָב געוואָלט אויף אים געפונען סימנים פון „דאָרט", וווהין ער גייט, איך האָב מורא געהאַט פאַר דעם שרעקלעכן געדאַנק, אַז ער גייט ווערן אַ גנב... און אויף מיר האָט זיך געלייגט אַ גרויסע פּיין.

די מאַמע האָט שוין איצט גערעדט שטילער. דער ברודער האָט זיך אַרומגעקוקט אַרום דער שטוב, ווי אַ פרעמדער, זיך צוגערירט צו עפּעס אַ זאַך, דערנאָך האָט ער זיך אויסגעדרייט צום פענצטער און לאַנג אַרויסגעקוקט אויף דער קעגנאיבערדיקער מויער. אים איז זעט אויס געווען נישט גוט צו קוקן אין מיינע אויפגעריסענע אומעטיקע אויגן, וואָס האָבן געמאָנט ביי אים געמאָנט און געבעטן.

זיינע שיך זענען געווען צעריסן, אויסגעטרעטן און זיינע הויזן צע־קנייטשט. די מאַמע האָט געזאָגט, אַז מען קאָן אים נישט „נאַסטאַיען". איצט האָט די מאַמע אים געוואָלט פאַרהאַלטן אין שטוב. אויך איך האָב שטילערהייט געבעטן ביי גאָט, מיין ברודער זאָל שוין דאָ בלייבן, ער זאָל טאָן עפּעס גוטס, אַז אין שטוב זאָל זיין לייכט און פריילעך.

מיט אַ מאָל האָט זיך דאָס קינד אויפגעוועקט, די שוואַרצע זיידענע אויגן האָבן אַ שימער געטאָן אין דער טונקעלער שטוב. פון דער וויג אַרויס האָט זיך דערהערט דאָס זיסע „פּכיקען" און פּלאַפּלען, די מאַמע איז צוגעלאָפן און איר טיפע און טונקעלע שטים איז באַלד געוואָרן העל און קלינגענדיק:

— אַ קוקו... אַ קוקו... אַ קוקו...

דאָס קינד האָט זיך צום ערשטן מאָל אַליין אויפגעזעצט אין וויגל, און די מאַמע האָט אויפגעלויכטן. זי האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס קינד, עס משוגע געדריקט צו זיך, און זיך צעוויינט, מיט פאַרמאַכטע אויגן פון עפּעס אַ זיסקייט. איך בין נאָכגעלאָפן דער מאַמע, גלעטנדיק דעם קינד דאָס גלאַטע, ווייכע, פּוכיקע פּיסל. פּלוצלינג איז די מאַמע צוגעלאָפן צום ברודער, זי האָט אים אַ שטופּ געטאָן דעם קינדס קעפּל צום פּנים.

איך האָב געקוקט מיט אַ האַרץ־קלאַפּן אין דעם ברודערס פאַר־קוועטשטע, ברוגזע אויגן. ער האָט נישט אַרויסגענומען די הענט פון די הויזן־קעשענעס, כדי אַ גלעט צו טאָן דאָס קינד, נאָר אַ קוים־זעבאַרער שמייכל האָט זיך דורכגעבראָכן אַרום זיינע פאַרקוועטשטע אויגן. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז באַלד וועט ער צופאַלן צו דעם זיסן געשטאַלט פון דעם קינד, אַז עפּעס וועט מיט אים געשען, אַז ער וועט שוין דאָ בלייבן, אַז ער וועט שוין מער אין ערגעץ נישט אַוועקגיין.

ער איז אָבער געשטאַנען מיט אַן אויפגעהויבענער האַנט, ווי ער וואָלט זיך געשיצט קעגן דעם קינדס קליינע, בלאַנדזשענדיקע הענטעלעך, וואָס האָבן זיך געצויגן צו אים.

ער האָט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ, אָבער די מאַמע האָט אָנגעגריפן אויף אים, זי האָט אים געשטופּט דאָס קינד אין די הענט אַריין, זי האָט געוויגט דאָס קינד, כדי אים דערמיט צו טרעפן, זי האָט אפשר געוואָלט דערמיט אָנצינדן אין אים אַ צאַרטקייט:

— טו אַ גלעט דאָס קינד... — האָט די מאַמע אויסגעשריגן, ווי

נישט מיט איר קול. אַזוי האָט זי עטלעכע מאָל אויסגעשריגן, אַלץ העכער און העכער.

מיין ברודער איז שוין געווען נאָענט צו דער טיר, ווען די מאַמע איז שטיל געוואָרן. זי האָט שווייגנדיק אַריינגעלייגט דאָס קינד אין וויגל אַריין. אירע האָר זענען געווען צעפלאָסן און די אויגן זענען געווען פאַרמאַכט.

מיט אַ מאָל האָבן דער מאַמעס ווִיעס אַ בליץ געטאָן און זי האָט שטיל, ווי הייזעריק, אַ זאָג געטאָן צו מיין ברודער:

— ווער ביסטו...

— פון וואַנען ביסטו געקומען... — האָט זי ווידער מיט דער אומבאַקאַנטער שטימע אַ זאָג געטאָן. זי האָט אויפגעהויבן אירע פולע, שלאַנקע הענט, און זיי אַ וואָרף געטאָן מיין ברודער אין קאָפּ אַריין.

ער האָט זיך אַ וויג געטאָן, זיינע אויגן האָבן אויפגעבליצט מיט פאַר־ווּנדערונג און גלייך אַנגעלאָפן געוואָרן פון טרערן.

די מאַמעס הענט האָבן כסדר געדרעשעט איבער זיין קאָפּ, איבער זיינע אַקסלען.

ער האָט אַ לויף געטאָן, אָבער זי האָט אים דעריאָגט, און מיט די קלעפּ אים פאַרשטעלט דעם וועג.

איך וועל קיין מאָל נישט פאַרגעסן דעם בליק פון דעם יינגל, מיין ברודער. דאָס איז געווען אַ בליק פון איינעם, וואָס הענגט איבער אַן אָפּגרונט. ער האָט, זעט אויס, דערפילט, אַז ער האָט איצט פאַרלוירן דער מאַמעס האַרץ פאַר אים, זיין שטענדיקע שוץ און הילף.

מיט אַ מאָל האָט זיך דאָס קינד צעוויינט הייס און רייסנדיק, ווי עס וואָלט פאַרשטאַנען וואָס עס איז דאָ געשען.

אויך איך האָב אָנגעהויבן וויינען, אָבער דער ברודער איז שוין אין שטוב נישט געווען.

די מאַמע איז אַ פאַל געטאָן איבערן קינדס וויגל, באַהאַלטן דעם קאָפּ אין דעם קינדס הענטלעך און אירע אַקסלען האָבן אויפגעציטערט.

עס איז געווען שטיל.

פלוצלינג האָט זיך מיין האַרץ אַ הייב געטאָן, עס האָט מיר פאַר־כאַפּט דעם אָטעם און אין מיינע אויערן האָט צום ערשטן מאָל אַ קלונג געטאָן מיין ברודערס שטים:

— מאַמאַ...

איך האָב אים ווידער דערזען אויף דער שוועל. ער איז, דאַכט זיך, גרעסער געוואָרן. זיינע האָר האָבן געגליט אין אַ שוואַרצן פלאַם און די אויגן זענען געווען פייכט און ווייך. איך האָב אים נאָך קיין מאָל אַזעלכן נישט געזען. אַפילו זיינע שיך, האָט זיך מיר געדאַכט, זענען איצט נייער און גאַנצער געוואָרן.

ער איז צוגעגאַנגען נאָענט צו דער מאַמען. די מאַמע האָט דעם קאָפּ נישט אויפגעהויבן:

— מאַמע...

ער האָט צאַרט אָנגערירט איר פּלייצע:

— מאַמע...

דעמאָלט האָט ווי עפּעס אַ פאַליע מיך אַ הייב געטאָן, מיך אַ פיר געטאָן. איך בין צוגעפאַלן צו מיין ברודער, מיט איין האַנט אַרומגעכאַפּט זיין האַלדז, מיט דער צווייטער — דער מאַמענס האַנט, און מיר האָבן אַלע געוויינט. עס איז געווען אַזוי גוט צו וויינען. איך האָב צום ערשטן מאָל אָנגערירט מיין ברודערס פּנים. עס איז געווען הייס און פייכט.

צום ערשטן מאָל האָבן זיך אונדזערע קעפּ פאַרפלאָכטן, און וויינענדיק האָט ער הייס און ווילד געקושט און געביסן מיין פּנים.

4

די גאַס אויף וועלכער מיר האָבן געוווינט, איז צו יענער צייט באַ־וווסט געווען ווי די רעזידענץ פון דער אַזוי־גערופענער יידישער „אונטער־וועלט" אין וואַרשע. און ווירקלעך איז די געגנט באַוווינט געווען פון אַ געדיכטן, יידישן פעבל.

די הייזער האָבן געהערט צו אַלטע וואַרשעווער גבירים פונעם חסי־דישן שטאַנד, וואָס האָבן אַממיינסטן געוווינט אין אַנדערע, מער באַלע־באַטישע געגנטן און מיט זייערע הייזער האָט זיך באַשעפטיקט אַ „זשאַנדצע", אַ ספּעציעלע קאַטעגאָריע האַלב־חסידישע און האַלב־„דייטשע" יידן, וואָס זענען געווען איינגייערס צו דער פּאָליציי. די „זשאַנדצעס" זענען געווען ספּעציאַליזירט אַרויסצוקריגן דירה־געלט ביי די אָרעמסטע לאָקאַטאָרן, זיי האָבן אויך געפירט די מעלדונקאָווע ביכער און די „ספּראַוועס" אין געריכט אַרויסצוואַרפן פון דער דירה.

דער „זשאַנדצע" איז געווען די פּלאָג אין דער געגנט. דער „זשאַנדצע" איז אָבער אויך געווען די ערשטע אינסטאַנץ ביי יעדן עסק מיט דער

דעמאָלטיקער צאַרישער מאַכט. אַחוץ דעם איז דער „זשאַנדצע״ געווען דער קוואַל פון „בילדונג״, ווען מען האָט באַדאַרפט שרייבן אַ בריוו קיין אַמעריקע, אָדער איבערלייענען אַ בריוו פון דאָרט. ביי דעם „זשאַנדצע״ האָט מען אויך געבאָרגט אַ „טינט און פעדער״, ווען עס האָט באַדאַרפט קומען אַ דאָקטאָר.

די יידישע אָרעמקייט, וואָס איז געדיכט געווען באַזעצט אין די האַלב־חרובע הייזער, איז געלעגן אונטער דער שווערער האַנט פון אַ גרויסער צאָל הפקר־מענטשן, גאַנצע משפחות פורמאַנעס, אַ ביסל גנבים, שלעגער און „שטאַרקע״, וואָס זענען געווען די באַלעבאַטים פון די געס־לעך און געהאַלטן אין שרעק די איבעריקע.

די פאַרמעגלעכע פורמאַנעס, וואָס האָבן פאַרמאָגט אייגענע פערד און וועגענער, זענען געווען די אַריסטאָקראַטן פון דער געגנט, האָבן זיך געפירט יידישלעך־באַלעבאַטיש, אויסגעהאַלטן אַ שול און אַ רבל, און נאָר בעת גרויסע געשלעגן צוליב זייערע טונקעלע חשבונות, האָבן זיי אַרויסגעוויזן די סימנים פון זייערע פאַרגאַנגענע יונגע יאָרן.

עס האָבן אָבער אויך אין די געסלעך געוווינט פיינע משפחות, ערלעכע אַרבעטער און הענדלער, און אַפילו פון טיילווייז אַסימילירטער אינטעליגענץ. די אַלע האָבן זיך אינעם געסל אָנגעזען, זענען געווען געשאַצט און דאָס פעבל האָט אָפּגעהיטן זייער כבוד.

אויך אונדזער שטוב האָט אין דעם געסל געהאַט אַ באַזונדער חשיבות. דערפאַר האָבן אַלע געשלעגן און ווילדע אַוואַנטורעס, וואָס מיין ברודער האָט פון דער פריסטער קינדהייט געפירט, צוזאַמען מיט זיינע חברים פון דער גאַס, זיך אַוועקגעלייגט אויף אונדזער שטוב ווי אַ פינצטערער שאָטן.

די מאַמע האָט אין אַלעם באַשולדיקט דעם טאַטן, אַז נאָר צוליב דעם, וואָס מיר וווינען אין אַזאַ גאַס, איז מיין ברודער קאַליע געוואָרן, און אין דער אמתן האָט קיינער פון אונדזערע פריינד און משפחה נישט פאַרשטאַנען, צוליב וואָס מיין פאָטער האָט זיך באַזעצט אין דער געגנט, מיט וועלכער קיין שום זאַך האָט אים נישט געבונדן.

איצט איז מיר אַוודאי קלאָר, אַז דאָס איז געווען מיין טאַטנס אויסער־געוויינלעכער דראַנג צו פּראָסטע מענטשן, צו די קאָלירן פון דעם טיפן פאָלקס־לעבן, פון וועלכן ער האָט געשעפּט און געשטילט זיין הונגער צו דערציילן.

גאַנץ אָפט זענען מענטשן געקומען זיך קלאָגן אויף מיין ברודער. עס פלעגט אַריינלויפן אַ ייד מיט אַ צאַפּלדיקער באָרד, מיט אַ פאַררוקטן קאַפּל אויפן קאָפּ, און נעמען צוקלייבן שרעקלעכע ווערטער צו דערציילן ווי מיין ברודער האָט ביי אים אויסגעהאַקט אַ שויב. דער ייד האָט אַלץ צוגעלייגט געדיכטערע פאַרבן, אַז די מעשה זאָל זיין גרויליקער, אַז דאָס ווייב האָט צוליב דעם געמפּלט, אַז די טעכטער האָבן געחלשט. דערצו האָט ער נאָך געוויזן דעם שטיין, וואָס „אַ האָר האָט געפעלט"...

מיין פאָטער האָט שטילערהייט אַראָפּגעשלונגען די חרפּה, געצאָלט פאַר די שויבן. די מאַמע האָט געקריגן קאָפּ־ווייטיק און די שוועסטער האָט געוויינט. אין דער שטוב האָט זיך אַוועקגעלייגט אַ פּיינלעכע שווערקייט.

אָבער דער ייד מיט זיין שפּראַך, מיט זיינע תנועות, מיט דער שרעק־לעכער מעשה פון דער אויסגעהאַקטער שויב, איז פאַרבליבן. ער איז פאַרבליבן אין דעם טאָטנס „גאַלעריע". דער טאַטע האָט פון אַלע צרות גענומען אַפּשפּילן דעם ייד. און ביי דער גאַנצער פּיין, וואָס דער ברודער האָט אָנגעיאָגט אויף דער שטוב, האָט מען געלאַכט.

✶

אין אונדזער שטוב זענען אַרומגעגאַנגען אַ סך בלייכע שאָטנס פון פאַרשווונדענע מענטשן, וואָס האָבן געלעבט לאַנג פאַר מיין געבוירן ווערן, וועלכע איך האָב קיין מאָל נישט געקאָנט זען, דאָך האָב איך זיי געקענט, צוליב עפּעס אַ געשיכטע וועגן זיי, אַ וויץ, אַ ווערטל, אַ געשעעניש.

אַ דאַנק דער פאַרביקייט פון מיין פאָטערס שפּראַך און זיין פעיִקייט אָפּצומשלען, איבערצוגעבן כאַראַקטערשטריכן, קאָלירן פון מענטשן און זייערע געגנג, איז מיר ביז היינט פאַרבליבן דאָס נישט־אָפּוועדבאַרע געפיל, אַז איך האָב זיי געקענט.

די אַלע מענטשן־געשטאַלטן זענען אין אונדזער שטוב פאַראייביקט געוואָרן. מען האָט גערעדט וועגן זיי אויפן ווונק, מיט אָנדייטונגען ביי יעדער געלעגנהייט, יואָס האָט דערמאָנט אָן ווּעמען פון די טיפן.

דערפאַר האָט קיין פרעמדער נישט געקאָנט אַריינדרינגען אין דער פריידיקייט פון אונדזער געלעכטער, פון אונדזער גענוס.

מיינע עלטערן זענען נאָך געווען גענוג יונג. מיין פאָטער האָט

נישט ליב געהאַט קיין דאגות. ער האָט זיך נישט געיאָגט נאָך קיין פאַר־מעגן. ער האָט נישט געהאַט די אַמביציעס איבערצוראַשן מיט זיינע געשעפטלעכע דערפאָלגן, ווי עס איז געווען ביי מיינע רייכע פעטערס. אַממיינסטן האָט ער ליב געהאַט פשוטע מענטשן, אָרעמע־לייט. ער האָט זיי געוואָלט זען, הערן זיי רעדן, פאַר יעדן פון זיי האָט ער געהאַט אַ געפּאַסטע שפּראַך און מיטלען אַרויסצורופן זייער צוטרוילעכקייט.

מיין פאָטער האָט אַנגעקוואָלן פונעם לעבן. עס איז אים געפאָלן די וועלט, ער איז געווען געזונט און עס האָט זיך געדאַכט, אַז מען הערט ווי ער טרינקט דאָס לעבן גיריק און דורשטיק. אַלע זיינע געשפּרעכן און פאַרהאַנדלונגען מיט מענטשן זענען געווען דורכגעפלאָכטן מיט עפּעס אַ מעשה. וועגן דעם אַלעם האָט מיין פאָטער דערציילט אין די שפּעטע אָוונטן, ווען ער איז אַהיימגעקומען פון דער גאַס. די אַלע מעשיות האָבן זיך געענדיקט מיט אַ גוט און וואַרעם געלעכטער. דער פאָטער איז געווען אין אַ טראַנס. ער האָט גערעדט ווי אַ קינד, ווי אַן אַלטער, ווי אַ שיכורער גוי, ווי אַן אַלטע יידענע. עס האָט געלאַכט אַפילו די מאַמע, וואָס איז שטענדיק געווען אַנגעפילט מיט טרויער און אומרו.

איך בין געלעגן אין מיין בעטל און געהערט. איך וואָלט קיין מאָל נישט מיד געוואָרן צו הערן דעם טאַטן דערציילן, אָבער די מאַמע האָט געיאָגט שלאָפן.

אין אַ טיפן ווינקל איז געשטאַנען דאָס ווייסע בעטל, וואָס האָט אַרויסגעבלאַנקט מיט אַ באַזונדערער לויטערקייט. דאָרט איז געשלאָפן די שוועסטער. די מאַמע האָט געהיטן איר שלאָף און איז יעדעס מאָל, מיט שטילע טריט, געגאַנגען זיך אַנקוויקן מיט דער שוועסטערס שיינקייט.

אין אַ צווייט ווינקל איז געשטאַנען דאָס וויגל מיטן שלאָפנדיקן קינד.

שוין אין טיפן דרימל האָב איך יעדעס מאָל געהערט, ווי די מאַמע האָט מיט איר טונקעלער שטים גענומען רעדן וועגן אַן אַנדער דירה; אַז דאָס קינד האָט נישט קיין ווינקל, אַז די שוועסטער וועלקט ווי אַ בלום. זי האָט נישט ווו צו בליִען.

דער טאַטע האָט פאַרשוויגן, ווי ער וואָלט אויסגעלאָשן געוואָרן. עס איז געוואָרן שטיל און מיר איז געוואָרן טרויעריק פאַר אַלע, פאַר דער מאַמען, פאַר דעם טאַטן און פאַר דעם ברודער, וואָס איז געלעגן אין דער קאַלטער און פינצטערער קיך, אַ פרעמדער און אַ ווייטער.

מיין ברודערס שלעכטע געענג האָבן אין מיינע פריע קינדער־יאָרן

אַרויפגעלייגט אויף מיר אַ שווערן עול. ווי אַ פאַרענטפערונג פאַר זיינע זינד, האָב איך זיך איינגעגראָבן אין דער שטוב, געווען בלייך און פאַר־טראַכט, און קיינער האָט נישט געוווסט, אַז איך האָב אויף מיר גענומען אָפּצוקומען פאַר מיין ברודערס שלעכטקייט.

מיין ברודער איז אָפּט פאַרפאַלן געוואָרן פון דער היים און מיין זינען איז אים נאָכגעגאַנגען. די מאַמע איז אָן דעם טאַטנס וויסן געלאָפן אים זוכן. דעמאָלט בין איך געבליבן צוגעקלעפּט צום טונקעלן פענצטער, און מיין האַרץ האָט געקלאַפּט מיט אַ גרויסער אומרו.

דאָס זענען געווען פאַר מיר שרעקלעכע טעג. מיין פאַנטאַזיע האָט מיר אויסגעמאָלט שרעקיקע בילדער, וואָס עס טוט זיך אָפּ מיט מיין ברודער. איך פלעג זען שוידערדיקע חלומות, ווי מען פייניקט אים, ווי מען שניידט זיין לייב. איך האָב געהערט זיינע געשרייען, איך בין גרייט געווען צו לויפן אים ראַטעווען. אַ הפקרות און אַ מאָדנע קראַפט האָט אַ שפּאַר געטאָן אין מיר. דאָס קינד האָט שוין איצט געמאַכט די ערשטע טריט. עס האָט זיך געשפּילט ביי מיינע פיס און זיס געפּלאַפּלט, אָבער עס האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס מיט מיר קומט פאָר.

דעם ברודער האָט אָבער גאָרנישט געשאַדט. ער איז צוריקגעקומען פאַרעקשנט, שוויגנדיק, מיט פאַרקוועטשטע, גערדיכטע, שוואַרצע ברעמען.

און ווידער איז ער מיר פרעמד געוואָרן, און אַלע צאַרטע ווערטער, וואָס איך האָב אָנגעגרייט פאַר אים, זענען ביי מיר פאַרגליווערט געוואָרן. און איך האָב מיר געשווירן שוין קיין מאָל מער נישט צו ליידן צוליב אים.

דאָס זענען געווען טעג, וואָס האָבן מיך אָנגעפילט מיט אַ געדריקטן אומעט. דער אומעט איז גיך אַריבער אין אָן עלנט, וואָס האָט צוגלייך אויפגעהויבן אין מיר עפּעס אַ ווונדערלעכע זיסקייט.

ווי אַ יום־טובדיקע ליכט וואָלט פון ערגעץ אַריינגעפלאָסן אין מיין ווינקל און עס אָנגעפילט מיט אַ ניי, רעשיק לעבן.

איך האָב די טעג אָנגעהויבן לייענען. איך ווייס אַליין נישט ווי אַזוי, צי פון די עטלעכע מאָל, וואָס מיין שוועסטער האָט מיר, מיט איר קאָ־פּריזנער, האַלב־קינדישער און האַלב־מיידלשער שטים געגעבן דעם שליסל צו די כישופדיקע אותיות, איז מיר מיט אַ מאָל קלאָר געוואָרן זייער זין. איך האָב אָנגעהויבן לעבן מיטן רייצנדיקן ריח פון די געדרוקטע בוכשטאַבן, פון די קאָלירטע פריידיקע בילדער.

איך האָב באַקומען עפּעס אַ העכערע שותפות מיט מיין שוועסטער.

ווען זי איז געלאָפן קויפן דעם פרישן נומער פון דעם פוילישן קינדער־זשורנאַל, וואָס האָט געשמעקט מיט דעם ריח פון פרישער דרוק־פאַרב, נאָך וועלכער עס איז מיר ביז היינט געבליבן עפּעס אַ געפיל פון קרובה־שאַפט צו דער אַלטער, היסטאָרישער פוילישער דרוקעריי „אַרגעלבראַנדט״.

דאָס אָנהייבן לייענען איז אויך געווען דער ערשטער פּאָדעם פון נאָענטקייט מיט מיין שיינער שוועסטער און אַ בריק צו פּאַרטוישן נייע און ליכטיקע ווערטער מיט אירע שול־חברטעס, וואָס האָבן מיך, דאַכט זיך, קיין מאָל ביז איצט נישט באַמערקט.

*

דער טאַטע האָט דעם ברודער גערופן: „דער מאַמעס זון״ און האָט איר פאָרגעוואָרפן, אַז דאָס האָט זי אים אַזוי דערצויגן. אָבער די מאַמע האָט מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ אָנגענומען דעם פאָרוואורף. זי האָט געהאַלטן, אַז ער איז נישט ערגער פון אַלע אַנדערע קינדער און האָט פאַר אַלעם, וואָס ער זאָל נישט האָבן אָפּגעטאָן, געפונען אַ פאַרענטפער־רונג. עס האָט אויסגעזען, אַז זי איז גרייט פאַר אים זיך צו שלאָגן מיט דער גאַנצער וועלט. זי האָט געגלייבט, אַז אַלע האָבן זיך צוזאַמענגערעדט אים צו רודפן. זי איז געווען זיכער, אַז ער איז אומשולדיק און אומגליק־לעך. זי איז נישט מיד געוואָרן אים צו באַשיצן און צוטיילן אים פון דעם בעסטן אין שטוב. עס האָט אויסגעזען ווי זי וואָלט געהאַט מיט אים עפּעס אַ געהיימע שותפות, ווי זיי וואָלט פאַרבונדן עפּעס אַ טונקעלער סוד.

אַפילו די שוועסטער, איבער וועלכער די מאַמע האָט געוואַכט מיט אַ היהשער אַנגעשאַרפטקייט, האָט נישט געקאָנט פאַרגלייכט ווערן מיט דער מאַמעס גרייטקייט זיך צו שלאָגן פאַר דעם ברודער.

דער מאַמעס אָנגעהיצט, שטענדיק וואַכזאַם געפיל איז געלאָפן פון דעם ברודער צו דעם קליינעם קינד, און נאָך דער שוועסטער, האָט זיך די מאַמע אַמווינציקסטן פאַרנומען מיט מיר, אפשר דערפאַר, וואָס איך בין געווען שטיל און אַריינגעטאָן אין מיין קליינער, אָבער פולער מיט אומרו און געשעענישן וועלט.

אַלס קינד בין איך געווען שטיל און געהאָרכזאַם, אַממיינסטן אין דער צייט, ווען מיר האָבן געוווינט אין דער טונקעלער דירה. איך האָב דעמאָלט געטראָגן אויף זיך די גאַנצע שווערקייט פונעם ברודערס זינד.

איך האָב ווי געוואָלט אָפּצאָלן מיט מיין געהאָרכזאַמקייט, זיין אַ טרייסט פאַר דעם טאַטן און פאַר דער מאַמען. צוליב דעם איז מיין גאַנצע וועלט געוואָרן דאָס טונקעלע פענצטער. דאָ האָב איך געוווינט, געלייענט אין דעם קאַרגן ליכט, און דאָ איז אַרום מיר אַרומגעגאַנגען דאָס קינד, מיין קליין ברודערל.

ער איז איצט פון טאָג צו טאָג געוואָרן גרעסער. אויף מיינע אויגן איז ער געוואַקסן. ער איז שוין איצט אַרומגעגאַנגען איבער דער שטוב, אָדער צוגעבויגן זיין זיידן קעפּעלע צו מיר, ווען איך האָב געלייענט. ער האָט אַרומגענומען מיין האַלדז מיט זיינע קילע הענטלעך. זיין טונקל־גאָלדיקע הויט האָט מיר פאַרכאַפּט דאָס האַרץ מיט אַ זיסקייט און ווען קיינער האָט נישט געזען, האָב איך גענומען זיינע קילע, גלאַטיקע הענטלעך און געגלעט מיט זיי איבער מיין פנים.

עס זענען געלאָפן די טעג און מיין ברודערל איז געוואָרן פאַר מיר אַ חבר. ער האָט זיך געשפּילט מיט די קאָלירטע בלעטער פון דעם „קינדער־פריינד”. איך האָב אים צענדליקער מאָל אויסגעטייטשט די געשיכטע פון דעם „רויטן קאַפּטורל”, אים געוויזן דאָס צאַרטע מיידעלע מיטן קיישעלע אויף דער האַנט, די אַלטע באָבעשי, און דעם שרעקלעכן וואָלף. און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס קינד פאַרשטייט. זיינע גרויסע, שוואַרצע, זיסע אויגן זענען געווען אין יעדן ווינקל און אומעטום האָבן מיר צוזאַמען געפונען וווּנדערלעכע שפּילן.

איך האָב אַרויסגענאָגט פון אים אַלע זיסקייטן פון יעדער זיין תנועה, פון זיין קלינגענדיקן געלעכטערל, ווען איך פלעג זיך באַהאַלטן הינטער דער טיר, כדי ער זאָל מיך דאָרט געפינען און צופאַלן צו מיר, מיט שרעק, מיט פרייד און אַנטציקונג.

✶

אַרום דעם קינד איז איצט געלעגן די גאַנצע פרייד פון דער שטוב. פון האַלבן טאָג אָן, ווען די שוועסטער איז צוריקגעקומען פון „שקאָלע”, האָט מען זיך געטיילט מיט יעדן נייעם קלאַנג, מיט יעדן נייעם ריר, וואָס דאָס קינד האָט געמאַכט.

עס זענען געקומען צו מיין שוועסטער די שענסטע און אײדלסטע מיידלעך פון דער שול. די מאַמע האָט געלויכטן דערפון, וואָס די שוועסטער האָט נישט קיין חברטע פון אונדזער גאַס. מיר האָבן זיך אַלע צו־

זאַמען געשפּילט מיטן קינד. די מיידלעך האָבן נעבן דעם קינד דער־וואַרעמט זייערע ווייבערישע מאַמע־געפילן, און אויף אַ לאַנגער צייט האָבן די נאָכמיטאָג־שעהען געהאַט פאַר מיר עפּעס אַ פיינלעכן רייץ, עפּעס אַן איידעלער אומרויק־זיסער הויך פון מיידלשקייט האָט געפאָכעט איבער מיר. טייל פון די מיידלעך, כאָטש זיי האָבן זיך געהאַלטן איבערגעטריבן־שטרענג און פרעמד צו מיר, האָבן זיך דאָך אַריינגעגנבעט אין מיין גע־דאַנק און איך האָב מאַטערנדיק גענומען וואַרטן אויף זיי. זיי זענען געווען עלטער פון מיר און האָבן מיך ווי נישט געזען, אָבער מיר איז נעבן זיי געווען מאָדנע גוט.

די מאַמע האָט געפּועלט ביים טאַטן, אַז מען זאָל צו מיר צונעמען אַ לערער. דער טאַטע האָט געהאַלטן, אַז מען דאַרף קיין קינדער נישט לערנען. ער איז אויך געווען קעגן דער שוועסטערס שול, פאַר וועלכן די מאַמע האָט געמוזט פירן אַ שטענדיקע מלחמה.

דער לערער, וואָס איז געקומען צו מיר, איז געווען אַן עלטערער ייד, אַ ליטוואַק, מיט אַ האָרט און טרוקן פּנים. אַריינגעקומען אין שטוב איז ער שטענדיק, ווען איך האָב זיך נישט געריכט אויף אים. ער איז אַריינגעשוואומען אויף זיינע שטילע, הויכע קאַלאָשן, וואָס האָבן מאָדנע געפּייפט אין אַ נעץ, ווי זיי וואָלטן געוויינט. ער איז שטענדיק געווען טויט־־שלעפעריק, ווען ער האָט זיך אָוועקגעזעצט לערנען מיט מיר די רוסישע „אַזבוקע״. ביים לערנען האָט ער יאָמערלעך געקרעכצט.

מיר איז געווען זייער אומעטיק מיט אים ווען ער האָט אָנגעהויבן מיט זיין האַרט און טרוקן קול:

— וואָס איז דאָס?... אוי ווייי איז מיר... דאָס איז אַ „בע״... ווייי איז מיר... און דאָס איז אַ „גע״... ווייי איז מיר...

ער איז, זעט אויס, געווען אַ פרומער ייד, און די רוסישע בוכשטאַבן האָבן אים כסדר דערמאָנט אויף וואָס נעבעך ער איז איבערגעקומען. צום סוף פון דער לעקציע איז ער איינגעשלאָפן און איך בין לאַנג געזעסן שטיל און געהערט דאָס דרינזשען פון זיין האַרטער, געלער, ווי מעשענער נאָז.

מיין טאַטע, וואָס איז איין מאָל געווען בעת אַ לעקציע, האָט אָנ־געקוואָלן. ער האָט באַלד נאָכגעשפּילט דעם לערער און אַפילו די מאַמע האָט געמוזט לאַכן.

די מאַמע פלעגט דעם לערער מכבד זיין מיט טיי, וועלכע ער האָט

געזופּט מיט אויסערגעווייגלעכן רעש. אין שטוב ביי אונדז האָט מען אים דערפאַר אַ נאָמען געגעבן: „דער זיפּער". דער טאַטע איז אַממייגסטן אויף מיטאָג אַהיימגעקומען שפּעט, ווען אין שטוב איז שוין גוט טונקל געווען. די מאַמע האָט געמוזט נאָך אַ מאָל גרייטן צום טיש. די מאַמע האָט אין דעם געזען אַ גרינגשעצונג פאַר איר מי. די מאַמע האָט נישט געגלייבט, אַז דעם טאַטנס געשעפטן אין פאַבריק אָדער אין גאַס האָבן אים פאַרהאַלטן. זי האָט נישט געגלייבט און האָט אים שטענדיק געהאַט וואָס פאַרצוואַרפן. זי האָט אים באַשולדיקט, אַז ער פאַרברענגט ערגעץ פריילעך. דערביי האָט זי אויפגעוואָרפן נעמען פון פרויען.

עס איז אָפט געווען אַ רייד וועגן עפּעס אַ פרוי „סאַלקע", וועלכע איך האָב אַ מאָל, ווי דורכן חלום, געזען — אַ גרויסע, אַ ווייסע, מיט שפּילנדיקע אויגן.

דער טאַטע האָט געדולדיק אויסגעהערט דער מאַמעס פאַרוואָרפן. ער האָט זיך צוגעלייגט שלאָפן אינעם פינצטערן אַלקערל אויף דער קאַנאַפּע. עס האָט זיך געפילט, אַז ער וויל וואָס גיכער אַוועקגיין פון שטוב.

איצט האָבן דעם טאַטנס מיטאָגן געדויערט לענגער, ווייל ער האָט זיך לאַנג געשפּילט מיטן קינד, פון וועלכן די מאַמע האָט געלויכטן און איר ברוגז האָט זיך געבראָכן.

דער טאַטע האָט אַרויפגעזעצט דאָס קינד אויף זיין ברייטער ברוסט, עס געהוידעט און נאָכגעמאַכט ווי עס בילט אַ הונט.

דערנאָך האָט די מאַמע דערציילט פאַר באַקאַנטע, אַז קיין שום קינד האָט מיין טאַטע אַזוי נישט ליב געהאַט, ווי דאָס. די מאַמע האָט געזאָגט:

— ער גייט אויס פאַרן קינד... ס'איז גאָרנישט זיין נאַטור... ער שפּילט זיך מיט דעם שעהענווייז...

5

יעדעס מאָל, ווען דער טאַטע איז געווען צעשפּילט, אַממייגסטן ווען ער האָט געקושט דאָס קינד, האָט די מאַמע אָנגעהויבן מיט אים רעדן וועגן טוישן די דירה. זי האָט געקלאָגט, אַז דאָס קינד האָט נישט קיין ביסל זון אין דעם „פינצטערן גרוב". זי האָט אים דערמאָנט אין די געשטאָרבענע קינדער, וואָס זענען, ווי די מאַמע האָט געהאַלטן, אומגעקומען צוליב דער פינצטערער דירה. זי האָט באַקלאָגט זיך אויף דער גאַס,

ווו מען קאָן נישט וווינען מיט אַזאַ „ליכטיקע געשטאַלט", ווי מיין שוועס־טער איז. זי האָט געטענהט, אַז זי וויל וווינען אויף „איין ברעט", אַבי עס זאָל זיין אַ ביסל זון און צווישן פיינע מענטשן.

מיין טאַטע האָט פיינט געהאַט צו טוישן דירות און יעדעס מאָל, ווען מ'האָט וועגן דעם גערעדט, איז ער אַנגעשטאַנען, אַז די מאַמע זאָל בעסער אַרויספאָרן אויף אַ זומערוווינונג. די מאַמע האָט קיין מאָל נישט געוואָלט פאָרן, אָבער ווי נאָר עס האָט אַ שיין געטאָן די זון, האָט זי פון דעסטוועגן אָנגעטאָן די יום־טובדיקע „פושע" אויפן קאָפּ און די „ראָטאָנדע" און זיך אָוועקגעלאָזן מיטן טאַטן דינגען אַ זומערוווינונג.

אַזעלכע טעג, ווען דער טאַטע מיט דער מאַמען זענען אָוועקגעפאָרן, זענען שטענדיק געווען די ערשטע פאַרפרילינגדיקע, ווען אַ פרישער ווינט האָט זיך אַריינגעריסן, אַפילו דורך די טונקעלע פענצטער. ערגעץ, אויף דער אומעטיקער וואַנט, וואָס האָט פאַרשטעלט אונדזער וועלט, האָט געקלעטערט אַן אָפּגעריסענער שטראַל פון דער זון און דער פרישער ווינט האָט געזונגען אויבן, אויף די דעכער.

די מאַמע האָט אין אַזאַ טאָג איבערגעלאָזן אין שטוב חנהן צו היטן דאָס קינד. קיין מיטאָג האָט מען נישט געקאָכט און פאַר דעם איינעם מיטאָג האָט מען געגעסן אַלץ, וואָס מען האָט נישט געטאָרט. מען האָט געגעסן ווורשט, מען האָט געמעגט עסן זויערע אוגערקעס, געווענדזלטן הערינג — אַלץ קעגן וואָס די מאַמע האָט שטענדיק געהאַט אויסצוזעצן, אַז דאָס זענען „קבצנישע עסנס", האָט מען אין אַזאַ טאָג געמעגט עסן.

עס האָט זיך געדאַכט, אַז די וועלט האָט זיך ערגעץ באַפרייט פון אַ דרוק.

חנה האָט געוואַכט איבערן קינד. צו דער שוועסטער זענען געקומען די מיידלעך. זיי האָבן זיך געטוישט מיט די קליידלעך, זיך געפוצט און געקעמט פאַרן שפּיגל, זיך נישט אומגעקוקט אויף מיר און מיך כסדר אַרויסגעשטופּט פונעם צימער.

אין אַזעלכע טעג האָט זיך אויך אַרויסגעוויזן, אַז די מאַמע האָט אונטער דער שוועסטערס אויפזיכט איבערגעלאָזן נאַשערייען, זיסקייטן און שאָקאָלאַד. די שוועסטער האָט באַלד אַרויסגעוויזן איר האַרטע האַנט אין רעגירן איבער מיר. זי איז געווען שטרענגער ווי די מאַמע. דערנאָך האָט זיך פּלוצלינג באַוויזן דער ברודער און עס איז מיט אַ מאָל געוואָרן שווער, ווי אַ שאָטן וואָלט זיך אָוועקגעלייגט איבער אונדז.

דער ברודער האָט בייז און שווייגנדיק געזוכט עסן. מיין שוועסטער האָט אים אָן ווערטער דערלאַנגט וואָס פאַר אים, אָבער קיין זיסקייטן און קיין שאָקאָלאַד האָט זי אים דאָך נישט געגעבן. זי האָט געהאַלטן, אַז דאָס איז נישט פאַר אַזעלכע ווי ער.

איך האָב געקוקט מיט ווייטאָג ווי דער ברודער האָט גענומען דאָס טרוקענע ברויט, ווי זיינע אויגן זענען געווען קרום. ער האָט זיך אַרומגעקוקט, אָבער מיין שוועסטערס שווייגן האָט אים אַרויסגעיאָגט פון שטוב.

מיין האַרץ האָט זיך אָנגעפילט מיט אַ פלוצלינגער וואַרעמקייט. איך בין אַ לויף געטאָן נאָך דעם ברודער, ווען ער איז שוין געווען הינטער דער טיר, און אים אַ שטופּ געטאָן אין דער האַנט אַריין מיין שטיקל שאָקאָלאַד. ער האָט אַ צאַפּל געטאָן פון אומגעריכטיקייט. אויך איך האָב נישט געוווּסט וואָס צו זאָגן. ער האָט געהאַלטן דאָס שטיקל שאָקאָלאַד און געקוקט דערויף. מיט אַ מאָל האָט ער עס איבערגעבראָכן אויף דער העלפט און ווערטער מיר אַריינגעלייגט אין דער האַנט. ער האָט נאָך אַ מאָל אויף מיר אַ קוק געטאָן און איז פאַרשוווּנדן.

דער טאַטע מיט דער מאַמען, ווען זיי זענען אַרויס אין גאַס, האָבן זיי אַנדערש אויסגעזען. זיי האָבן אויסגעזען ווי אַ קריסטלעך פאַרפאָלק אין אַ זונטיק. דער טאַטע איז געוואָרן פאַר דער מאַמען זייער ריטערלעך, מילד און עלעגאַנט. ער האָט זי געפירט אין דראָזשקעס, איר אָנגעקויפט נאַשערייען און זיך באַמיט איר צו מאַכן באַקוועם.

אויך דאָס אַרויספאָרן זוכן אַ זומערוווינונג האָט דער טאַטע אַרומגעשטעלט מיט פייערלעכקייט און עס געוואָלט פאַר דער מאַמען פאַרוואַנדלען אין אַ יום־טובדיקן שפּאַציר, זעט אויס, פאַר איר שטענדיק זיצן אין שטוב.

די מאַמע איז שטענדיק געפאָרן מיט אַ באַשטימטן פּלאַן, אין וואָס פאַרא געגנט צו דינגען, עס זאָל זיין אַ וואַלד, עס זאָל זיין טרוקן, עס זאָלן ווינען מענטשן. אָבער געענדיקט האָט זיך שטענדיק ווי עס האָט געוואָלט דער טאַטע. ער האָט, זעט אויס, געהאַט עפּעס אַ מיטל זי איבערצורעדן.

דער טאַטע האָט ליב געהאַט צו דינגען זומערוווינונגען אין פאַרוואָרפענע דערפער, ווו ס'האָט זעלטן־ווו געוווינט אַ ייד. ער האָט ליב געהאַט פלאַכע געגנטן, מיט לאָנקעס און וואַסערן, וואָס איז געווען שעדלעך פאַר דער מאַמעס רעוומאַטישער קראַנקייט. דער טאַטע האָט גע־

האַלטן, אַז שלאָפן אויפן פייכטן גראָז איז זייער געזונט. ער האָט גע־חוזקט פון די יידישע דאַטשעס, ווו עס וואַקסט נאָר דער בויך...

פון אַזאַ וואַנדערונג איז דער טאַטע מיט דער מאַמען געקומען אין שפּעטן אָוונט. מיר האָבן מיט גרויס שפּאַנונג געוואַרט אויף זיי. דער טאַטע איז געקומען אויפגעפרישט פון דער הינטער־שטאָטישער לופט. די מאַמע איז געווען מיד און נישט־צופרידן. זי האָט געזאָגט, אַז מען האָט געדונגען אַ „פּוסטיניע״, אַז מען זעט נישט קיין לעבעדיקן מענטש פאַר אַ מייל. דער גאַנצער אָוונט איז אַוועקגעגאַנגען מיט דעם אויספרעגן זיך וועגן דער זומערוווינונג, ווו מען וועט וווינען, צי עס איז אַ וואַלד, צי אַ פעלד, צי אַ וואַסער, צי אַ באַרג, צי מען פאָרט אַהין מיט דער באַן, צי מיט דער „קאַלעיקע״...

אָבער דער טאַטע איז געווען צופרידן. מען האָט נישט געוווּסט צי פון דער וווינונג, צי דערפון, וואָס מיר וועלן אַוועקפאָרן און אים לאָזן אַליין, נישט שטערן אין זיין לעבן. מיר זענען שוין פון דעם אַ אָוונט אַלע געווען אונטערן איינדרוק פון דעם דאָרף, ווו מיר וועלן וווינען. אין אַזאַ נאַכט איז מיין שלאָף פול געווען פון חלומות וועגן פעלדער און וועלדער.

*

עס איז נאָך זעט אויס, געווען ווייט צו זומער, ווייל צווישן די רעמען פון דעם טונקעלן פענצטער איז נאָך געווען אָנגעשיט ווייס, קאַלט זאַמד, אַרומגעלייגט מיט שטיקלעך וואַטע פון פאַרשידענע קאָלירן, רויטע, בלויע און גרינע. צוליב די שטיקלעך קאָלירטע וואַטע, איז דאָס פענצטער אַ גאַנצן ווינטער געווען פאַר מיר אַ פאַנטאַסטישער גאָרטן. איצט איז נאָך אויף די פענצטער געלעגן אַ שטייפע קילקייט, אָבער אויבן האָבן די פענצטער דורכגעלאָזן דורך די שויבן אַ ווייסלעכע ליכט פון דער הויכער זון. די שטיק ווינטערדיקע וועלט דורכן פענצטער האָב איך גוט געקענט. איך האָב געקענט יעדעס פענצטער פונעם קעגנאיבערדיקן הויז און אַלע מענטשן, וואָס זענען דורכן שמאָלן, לאַנגן, טונקעלן הויף דורכגעגאַנגען.

מיט די קינדער פונעם הויף האָב איך זיך נישט געחברט. איך האָב זיי נאָר געזען דורכן פענצטער, ווי פון אַן אַלטער, אויסגעריבענער און צעריסענער פאָטאָגראַפיע, ווייל די וואַנט פונעם הויז האָט שטענדיק

פאַרשטעלט אַ טייל פונעם דרויסן. איך האָב געקענט זייער אָפּגעפּליקט אַנטועכץ, פאַראַיאַריקע, איבערגעגנייטע פון די עלטערע, זענען זיי פאַר מיר געוואָרן אַ טייל פון דער טונקעלער, אָפּגעפּליקטער מויער, וואָס האָט מיר פאַרשטעלט די וועלט.

אָבער אין דעם הויז זענען געווען עטלעכע שטובן, שכנים, מיט וועלכע די מאַמע האָט זיך גוט פאַרהאַלטן.

אין דער זייטיקער מויער האָבן געוווינט די קורצס. דאָס איז געווען אַ גרויסע, חסידיש־סוחרישע שטוב, מיט אַ סך טעכטער. איינע פון די טעכטער איז מיט מיין שוועסטער געגאַנגען אין דער „שקאָלע". דאָס מיידעלע איז געווען אַ ברייטביינעקע, מיט גרויסע, גרינע אויגן. זי איז אויף לאַנגע יאָרן פאַרבליבן מיין שוועסטערס געטרייסטע חברטע. זי האָט געהייסן שרה. זי האָט גערעדט מיט אַ שווער, טונקל קול און איז פול געווען מיט שבתדיקער יידישקייט. מיין מאַמע האָט זי ליב געהאַט.

שבת און יום־טוב האָט זי זיך געלערנט ביי אונדז אין שטוב, אַז איר טאַטע זאָל נישט וויסן. ביי אונדז האָט זי געקענט מאַכן די לעקציעס און האָט געקענט אום שבת שרייבן. זי האָט זיך שווער און מאַטערנדיק געלערנט. אַחוץ דעם איז זי געווען אַ שקלאַף פון מיין שוועסטערס שיינקייט.

ווען מיין שוועסטער איז מיט איר ווען ברוגז געוואָרן, האָט זי זיך געטוליעט צו מיין מאַמען און געוויינט.

מיט דער צייט איז זי געוואָרן ביי אונדז אין שטוב אַן אייגענע.

מיך פלעגט זי שטופן מיט אירע ברייטע הענט, אַרויסרייסן מיר דאָס קליינע ברודערל און זיך שפּילן דערמיט. איך בין געווען אייפערזיכטיק אי צו דער מאַמען, אי צום קינד. כ'האָב נישט ליב געהאַט שרהס צו־גרויסן, מיידלשן קאָפּ און אירע ברייטע, שטאַרקע הענט.

די איינציקע שטוב, ווו איך פלעג אַריינקומען, איז געווען איבער אונדז. אויפן דריטן שטאָק, אַ שטוב, ווו מען האָט גערעדט פויליש.

די דערוואַקסענע געדענק איך קוים. איך געדענק נאָר אַ קליין מיידל, אין מיינע יאָרן, וועלכע איז געווען מיין „כלה". אַזוי האָט געזאָגט איר מוטער, וועלכע האָט געהאַט מאָדנע ווייסע און שמעקנדיקע הענט.

דאָס מיידעלע איז געווען שמאָל און דין, מיט בליציקע אויגן און דינע, טאַנצנדיקע פיסלעך.

זי האָט געהאַט פריילעכע פעטערס, וואָס האָבן געברענגט אַ סך צו

נאַשן. זיי זענען אַלע געווען גרויסע און שוואַרצע מיט גרויסע אויגן און ווייסע ציין. מיר איז מאָדנע גוט און יום־טובדיק געווען אין דער שטוב.

ווי נאָר ס'האָבן זיך צונויפגענומען די פריילעכע פעטערס, האָט מען אַראָפּגעשיקט דאָס מיידעלע נאָך מיר. די מאַמע פלעגט מיך אויספּוצן אין שענסטן, וואָס איך האָב געהאַט, און אַרויפשיקן אויפן דריטן שטאָק. דאָרט האָט מיין כלה מיך גענומען פאַר דער האַנט. איך האָב זיך גע־שעמט, אָבער זי האָט מיך געשלעפּט נאָך זיך. אַלע זענען געשטאַנען אַרום און זי האָט געטאַנצט אַ „קאַזאַק" און האָט פלינק געפּלאַכטן מיט די פיסלעך. איך בין געשטאַנען נעבן איר און אַלע האָבן אַזוי לאַנג גע־פּאַטשט איבער מיר מיט די הענט און געזונגען, ביז וואַנען מיינע פיס האָבן פון זיך אַליין אויך גענומען פלעכטן און דרייען זיך קעגן איר.

דעמאָלט האָבן די פריילעכע פעטערס מיט די ווייסע, הויכע שטייפע קעלנער מיך באַשיט מיט זיסקייטן, מיך געהויבן אין דער הייך און אַנגעקוואַלן.

אין דער לוסטיקער שטוב האָב איך צום ערשטן מאָל געהערט וועגן זיך, עפּעס, וואָס האָט אויפגעבראָויזט אין מיר ווי אַ שיכרות.

דאָס איז געווען אין אַ יום־טובדיקן נאָכמיטאָג, ווען ביי די שכנים זענען געווען אַ סך געסט. אַלץ איז דאָרט געווען ניי און רייך. מיר איז פאַרבליבן אַממיינסטן דער גלאַנץ פון די מאַנצפּערשוינען, וואָס זענען אַלע געווען הויכע, געגאָלטע, מיט שטייפע, קנאַקעדיקע גאָרסן, מיט סיגנעטן אויף די פינגער.

דאָס מיידעלע האָט אָנגעקלאַפּט צו אונדז אין דער טיר און גע־זאָגט, אַז איך זאָל אַרויפגיין צו זיי אין שטוב.

די מאַמע האָט מיך אָנגעטאָן. זי האָט מיך איינגעשפּאַנט אין דעם ברייטן, הויכן „בייבי"־קאָלנער, וואָס האָט ווי אַ פּאַרקן אַרומגענומען מיין דינעם האַלדז און מיר אונטערגעשפּאַרט דעם קאָפּ. דערפון האָבן מיר ווייי געטאָן די אויערן.

דער טיש איז געווען געגרייט מיט זיסקייטן און פרוכטן. מיין „כלה" האָט מיך אַרומגעפירט און אַלע האָבן זיך מיט איר געפרייט. דעמאָלט האָט איר מוטער מיר אַ גלעט געטאָן און געזאָגט אויף פּויליש:

— „לאַדני כלאָפּאַק"... אַ שיין יינגל.

דער גלעט פון איר שמעקנדיקער האַנט איז געבליבן קלעפּן אויף

מיין הייס־געוואָרן פּנים און צום ערשטן מאָל אין לעבן האָט אויפ־געשפּילט אין מיר עפּעס אַ פולקייט, ווי דאָס געפיל פון פאַרמעגן.

אָבער דאָס איז נאָך נישט געווען אַלץ. אין אָוונט האָט מיך דאָס מיידעלע צוריק אַראָפּגעפירט. די טרעפּן זענען געווען באַשלאָגן מיט דער שוואַרצלעכער ליכט פון אַ קליין נאַפטלעמפּעלע און אַ קאַץ איז פאַרזאָרגט געלאָפן אַראָפּ און אַרויף. דאָס מיידעלע האָט מיך געפירט פאַר דער האַנט. און שוין פאַר אונדזער טיר, האָט זי מיך פּלוצלינג, אַזוי ווי איר מוטער, מיט איר הייס, שמאָל הענטל, אַ גלעט געטאָן איבערן פּנים. אירע אויגן האָבן אַריינגעבליצט אין מיינע און זי האָט מיט אַ פרעמדער שטים אַ זאָג געטאָן:

— דו ביסט אַ שיין יינגל...

און זי איז אַוועק.

ט

אין אונדזער הויף, אין דעם קעגנאיבערדיקן מויער, האָבן געוווינט די „דאָבעלעך”, וואָס האָבן געהאַלטן דאָס טיי־הייזל, זייער דירה איז אַרויסגעגאַנגען צו אונדז אין הויף מיט צוויי נידעריקע פענצטער, נעבן דער ערד. דאָס טיי־הייזל איז געווען פאַרבונדן מיט דער גאַס דורך אַ טיר, וואָס האָט רייסנדיק געקלונגען ביי יעדער עפענען און פאַרמאַכן.

דאָס טיי־הייזל איז געווען אַ קליין געוועלבל, פון וועלכן אַ האַלב האָט פאַרנומען דער אויוון מיט דעם איינגעמויערטן, שטענדיק־זידנדיקן קעסל, פון וואַנען די אָרעמע גאַסן־מענטשן האָבן געקויפט טשייניקעס און בלעכלעך טיי.

נעבן דעם אויוון איז געשטאַנען אַ בופעטל באַצירט מיט קאָלירטע, פּאַפּירענע בלומען. אין דער מוטנער וואַרעמקייט, ווי אין אַ באָד, האָט געשמעקט מיט זיסע לעקעכער און דער אייביקער „ציטרינאָווע” סאָק, מיט וועלכן מען האָט געטרונקען סאָדע־וואַסער.

דער באַלעבאָס פונעם טיי־הייזל האָט געהייסן ר׳ נח. ער איז געווען אַ ברייטער, נידעריקער ייד מיט אַ קורצער, פאַנאַנדערגעשפּרייטער באָרד. ער האָט געהאַט יונגע, שוואַרצע און פריילעכע אויגן און די קינדער האָבן מורא געהאַט פאַר זיינע קורצע און ברייטע הענט, וואָס פלעגן קנייפּן. זיינס אַ קניפּ האָט לאַנג ווי געטאָן, געברענט און געשטאָכן.

זיין ווייב האָט געהייסן דאָבעלע, צוליב דעם האָט מען אַלע גערופן

„דאַבעלעך". זי איז געווען די בעסטע זאַגערין אין דער ווייבער־שול, האָט גערעדט מיט אַ ברייט, וואָרשעווער, זינגענדיק לשון און אירע גוטע, הייסע אויגן האָבן געלאַכט. זי איז געווען אַ מאַמע פאַר אַלע קינדער פון דער גאַס, ווען זי האָט געהערט אַ קינד וויינען אויף דער גאַס, האָט זי איבערגעלאָזט אַלע קונים אין טיי־הייזל און געלאָפן מיט איר זינגענדיק לשון: „קום צו דאַבעלען... טייער קינד, קום צו דאַבעלען"... די זיסע סאָקן פון סאָדע־וואַסער, די צוקערלעך און די באַצוקערטע עפּעלעך, די קיכלעך און „ליפּעצן". האָבן געשמעקט פון אירע וואַרעמע הענט פון איר פאַרטעך און פון דעם אָרט, וווּ זי איז געשטאַנען.

זי האָט אָפּגעווישט די נעזלעך פון אַלע וויינענדיקע קינדער, זיי גע־דריקט צו איר זיסן פאַרטעך. זי האָט נישט געקאָנט קוקן אויף קיין קינד, אַז זי זאָל אים עפּעס נישט געבן. זי האָט געטיילט פון אירע ברייטע פאַרטעך־קעשענעס צוקערלעך און קיכלעך. און ווען די קינדער זענען געקומען מיט זייערע קלעפּיקע, אויסגעוויינטע גראָשנס עפּעס קויפן, האָט זי זיי צוגעוואָרפן און צוגעלייגט מער, ווי זיי האָבן געקויפט.

דאַבעלע האָט געהאַט זין מיט טעכטער, און אַלע, פון קליין ביז גרויס, האָבן געאַרבעט, געשלעפּט און געטראָגן זעק און פּעק, באַלאָנען סאָדע־וואַסער, געשטופּט וועגעלעך, געהייצט דעם קעסל וואַסער. פור־מאַנעס און גאַס־מענטשן, וואָס האָבן אין טיי־הייזל געכאַפּט אַ פּאָר בייגל מיט אַ הייס גלעזל טיי, האָבן צו די „דאַבעלעך" גערעדט אײדל. דאַבעלע האָט זיך אַרומגעטראָגן ווי אַ גוטער מלאך, האָט יעדן געזאָגט „דו" און האָט יעדן עפּעס צוגעווונטשן.

דאַבעלע פלעגט אויך אַריינלויפן צו מיין מאַמען איר אַנווינטשן. דאַבעלע האָט מיין מאַמען גערופן „די רוסישע", האָט זי געטרייסט, אַז כאָטש זי גייט אין „די האָר", טראָגט נישט קיין שייטל, איז זי אַ יידישע טאָכטער. זי האָט ליב געהאַט אונדזער „איידעלע" שטוב, מיין שוועסטערס שיינקייט און מיין שטילקייט. און אַפילו וועגן מיין ברודער האָט זי געזאָגט, אַז ער וועט זיך „סטאַטקעווען", אַז ער איז אַ קינד. זי האָט מיר אָנגעשיט צוקערלעך און אירע גוטע שמייכלענדיקע אויגן זענען פלוצלינג אָנגעפילט געוואָרן מיט טרערן.

— מאַמע... — האָב איך געפרעגט — פאַר וואָס וויינט דאַבעלע?...

אויך די מאַמעס אויגן זענען פייכט געוואָרן און זי האָט געזאָגט:

— ווייל זי האָט אַ קראַנק קינד...

איך האָב אָפּט געפרעגט אויף דעם קראַנקן קינד דאָבעלעס, געקלערט וועגן דעם, און מיינע אויגן האָבן געזוכט אין די נידעריקע פענצטער פון דאָבעלעס דירה. עס איז געוואָרן וואַרעמער און איך האָב אָנגעהויבן מיט מיין קליין ברודערל אַרויסגיין אויף דער זון, אינעם ווינקל הויף, וווּ עס איז געשטאַנען אַ פאַרדאַרטער בוים, וואָס איז געבליבן, ווי מען האָט געזאָגט, פון פאַרצייטן, ווען דאָ איז געווען אַ וואַלד. איך האָב אַלץ געוואָלט זען דאָבעלעס קראַנקע קינד. אָבער דאָבעלעס צוויי נידעריקע פענצטער זענען שטענדיק געווען געדיכט פאַרהאַנגען. איין מאָל, אין אַ זוניקן טאָג, האָט מיך מיין שוועסטער אַרויסגענומען אויפן הויף און מיך צוגעפירט צו דאָבעלעס פענצטער.

די זון האָט געשיינט און דער פאַרהאַנג איז געווען פאַרנומען. אינעווייניק, אין דער טונקל, אויף אַ שטול, איז געזעסן דאָבעלעס קראַנק קינד. דאָס איז געווען דאָבעלעס יינגסטע טאָכטער, אַ מיידל פון אַ יאָר צוועלף. זי איז געזעסן אָפּגערוקט פון פענצטער, איינגעוויקלט אין אַ גראָבן טוך.

איך האָב אַ קוק געטאָן אויף איר און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך קוק דורך אַ בלוי שטיקל גלאָז, ווי איך פלעג אַ מאָל אַרויסקוקן דורכן פענצטער און זען אַ „בלויע וועלט״.

דאָס פּנים, די ליפּן און די אויגן ביים מיידל זענען אין גאַנצן געווען בלויע, ווי אָפּגעפאַרבט מיט בלויעכץ. אַפילו די ציין זענען ביי איר געווען באַשלאָגן מיט אַ בלויקייט.

אָבער שרעקלעכער פון אַלץ איז געווען די בלויקייט פון אירע הענט און אירע נעגל. דעמאָלט האָט מיר די שוועסטער דערציילט, אַז דאָס מיידל איז דערפאַר בלוי, ווייל איר מאַמע דאָבעלע האָט זיך „פאַרקוקט״ אויף אַ טויטן.

דאָס בלויע מיידל האָט מען אין גאַס גערופן: „די טויטע לאהה״. צוליב איר האָבן כלה־מיידלעך מורא געהאַט אַרויפצוגיין אַליין די טרעפּ. אויך מיין שוועסטער האָט גערופן די מאַמע, ווען זי האָט באַדאַרפט אין אָוונט אַדורכגיין די עכּלעכע טונקעלע טרעפּ. פון דעמאָלט אָן האָבן דאָבעלעס פענצטער מיט דעם בלויען מיידל זיך מיר געחלומט ביי נאַכט.

אין די אַרומיקע גאַסן האָט מען דערציילט וועגן דער בלויער לאהן. און מיידלעך אין די הויפן, ביי די מאַשינען, האָבן אויסגעזונגען אַ לאַנג „מאָראַליש ליד״, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן:

„ווער האָט פון ענק, ליבע מענטשן געהערט
פון דער טויטער לאה, אויף דער ניזקע גאַס״...

פון זינט איך האָב געזען די טויטע לאה, האָב איך נישט געקאָנט רוען; איך האָב אַלץ געפרעגט ביי דער מאַמען, וואָס עס וועט זיין מיט דעם בלויען מיידל, און די מאַמע האָט געשוויגן. מיין האַרץ האָט גע־קלאַפּט פאַר דעם בלויען מיידל, מיר האָט זיך געדאַכט, אַז זי האָט עפּעס אַ שותפות מיט דער שרעקיקער וועלט פון אונדזער פינצטערן אַלקער. מיר האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז דאָס בלויע מיידל האָט עפּעס קעגן מיר.

איך האָב זיך אָפּט אַרויסגעגנבעט אין הויף אַריין, געקוקט אין דאָבעלעס פאַרהאַנגענע פענצטער און מיר האָט זיך אַלץ אויסגעוויזן, אַז איך זע דאָס בלויע געשטאַלט. איך האָב זיך אָנגעהויבן צו באַהאַלטן פאַר דאָבעלען, וואָס האָט זיך „פאַרקוקט אויף אַ טויטן״.

איך האָב געקוקט אין שפּיגל אויף מיין פּנים און מיר האָט זיך פּלוצלינג געדאַכט, אַז אַ בלויקייט באַדעקט מיך. אָט, אָט וועט קומען עפּעס אַ געהיימער שאָטן פון יענער בלויער וועלט... מיך אַוועקפירן צו דער בלויער לאהן... זי וועט אַרויפלייגן אויף מיר אירע הענט מיט די בלויע נעגל...

*

ווען איך בין אויפגעשטאַנען אין דער פרי, האָט די זון געשיינט. דער טאַטע איז היינט געווען אין דער היים. אויך די שוועסטער איז נישט געגאַנגען אין „שקאָלע״.

אין שטוב איז אַלץ געווען אָפּגערוקט פונעם אָרט, די מאַמעס בעט, מיטן אייזערנעם מאַטעראַץ, איז געווען צענומען און אויף דעם ליידיקן אָרט האָט געטאַנצט אַ שטראַל פון דער זון. אין דער קיך איז געזעסן אַ גוי און געטרונקען טיי מיט ווייסער בולקע.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז היינט פאָרן מיר אַרויס אויף דער זומער־ווינונג.

איך בין אַרויס אויפן הויף און באַלד דערזען דעם הויכן, פּויערישן וואָגן, מיט דעם רויטלעכן, דאַרן פערד. פונעם וואָגן האָט געשמעקט מיט היי און פונעם פערד — האָבער. דאָס פערד האָט מיר אַ שמיץ געטאָן מיטן טרוקענעם וויידל, ווי עס וואָלט מיך אָפּגעבריט.

די זון האָט געלויכטן און דער טאַטע האָט גענומען אַרויפלייגן די

זאַכן אויפן וואָגן. דער טאַטע האָט געאײַלט, ווי ער וואָלט געוואָלט וואָס גיכער אונדז אַוועקשיקן. שכנים האָבן זיך געזעגנט מיט דער מאַמען. מען איז אונדז מקנא געווען. אונדזער טיר איז געווען אָפן און מיט יעדער מינוט איז געוואָרן שטאַרקער דאָס געאײַל.

די שוועסטער איז געגאַנגען זיך געזעגענען מיט אירע חברטעס. דערנאָך האָט מען מיך געפירט צום מיידעלע אויפן דריטן שטאָק, צו מײַן „כלה״.

זי איז נאָך געלעגן אינעם בעטל און געקוקט אויף מיר דערשראָקן. איך האָב נישט געוווּסט ווי אַזוי זיך מיט איר צו געזעגענען. אָבער איר מאַמע האָט אינדז געהייסן זיך קושן. זי האָט מיט אירע ליפּן אָנגערירט מײַן באַק. אירע ליפּן זענען געווען נאַס פון דער מילך, וואָס זי האָט געטרונקען פון אַ טעפּעלע. זי איז געווען דערשראָקן און האָט זיך מיט אַ מאָל צעוויינט, אויסגעגאָסן דאָס טעפּעלע מילך און געשריגן איך זאָל נישט אַוועקפאָרן. די מאַמע האָט זי געקושט און איר צוגעזאָגט, אַז איך וועל באַלד קומען צוריק.

דאָס פורל איז אַוועקגעפאָרן פונעם טויער און אויף די שטיינער פונעם הויף איז איבערגעבליבן שטרוי מיט עפּעס אַ ליכטיקן שטויב פון היינטערן־שטאָט.

דער טאַטע איז אַוועק מיטן פורל און די שוועסטער האָט גענומען אויספּוצן דאָס קינד צום אַוועקפאָרן.

איך האָב שוין צונויפגענומען מײַנע זאַכן: דאָס מעסערל, די בלײַ־פעדערס און די צעשיטע העפטן פון דעם „קינדער־פרײַנד״. די טיר פון אונדזער שטוב איז אַלץ אָפן געווען און די שטוב מיט דער גאַס זענען געוואָרן איינס.

דעמאָלט איז מיט אירע איילנדיקע טריט אָנגעלאָפן דאָבעלע. זי האָט מיר עפּעס אַרײַנגעשטופּט אין דער האַנט, עפּעס, וואָס האָט גע־שמעקט מיט זיסקייט. זי האָט געוווּנטשן מיט איר זינגענדיקן לשון, דער־נאָך האָט איר די מאַמע עפּעס געזאָגט און דאָבעלע האָט זיך צעוויינט.

דעמאָלט האָב איך זיך אָן עפּעס דערמאָנט און מיר האָט זיך שרעק־לעך פאַרוואָלט נאָך אַ מאָל זען די בלויע לאה.

איך בין צוגעלאָפן צו דאָבעלעס פענצטער, וואָס זענען פאַרהאָנגען געווען, איך האָב אַליין נישט געוווּסט ווי אַזוי איך בין צו צום נידעריקן טירל, וואָס האָט געפירט צו די דאָבעלעך אין שטוב אַרײַן. איך בין אַרײַן

אין אַ טונקל פּאָדערהייזל און דערזען די טיר. ווי עמעצער וואָלט מיך אַ שטופּ געטאָן, האָב איך געעפנט די טיר און אין דער טונקעלער שטוב האָב איך דערזען, אויף אַ בעטל, האַלב זיצנדיק דאָס בלויע מיידל. זי האָט אַ ציטער געטאָן און געעפנט דאָס מויל, ווי צום שרייען. איך בין שטיין געבליבן. זי האָט אויפגעהויבן אַ האַנט און איך האָב נאָר געזען אירע בלויע נעגל. איצט זענען זיי נאָך בלויער געווען.

איך האָב נישט מיט מיין קול אויסגעשריגן:

— זיי געזונט...

און איך בין אַרויס צוריק. איך בין געלאָפן מיט פאַרמאַכטע אויגן און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך בין געווען ערגעץ, דאָרט, ווו עס ווינען אַלע שרעקן.

די מאַמע איז שוין געווען אָנגעטאָן אינעם שוואַרצן שאַל, מיט דעם זומערדיקן זשאַקעט. זי האָט זיך געדרייט איבערן הויף, אַרויסגעגאַנגען פאַרן טויער. זי האָט זיך אומרויק אַרומגעקוקט, ווי זי וואָלט עפּעס געזוכט. מיט אַ מאָל איז זי אַרויס אויף דער גאַס און נאָך עטלעכע מינוט איז זי צוריקגעקומען מיט מיין ברודער.

זי האָט אים אַוועקגענומען אין אַ טיפן ווינקל פון הויף, לאַנג און הייס אַריינגערעדט אין אים, האָט אים עפּעס געשטופּט אין די קעשענעס. דערנאָך האָט זי אים אַרויסגעגעבן זיינע שיך, וואָס דער טאַטע האָט אים פאַרווערט אָנצוטאָן. דער ברודער האָט אַרויפגעצויגן די שיך, ער האָט אָנגעטאָן אַ ווייס העמד און די מאַמע האָט אים פאַרקעמט די האָר. די שכנים האָבן געפרעגט צי מיין ברודער פאָרט מיט אונדז און די מאַמע האָט מיט פרייד יעדן געענטפערט, אַז זי נעמט אים מיט.

מיר זענען געגאַנגען צו דער באַן, וואָס איז געווען נישט ווייט, דורך אַ ליידיק שטיק פעלד, איבער דעם „ווינע־פּלאַץ”, ווו עס זענען געריטן רוסישע קאָזאַקן אויף זייערע קליינע, ווי קינדערישע פערדלעך. מען האָט געזען אַ שטיק גרויע ווייסל און עס זענען געלעגן די גרינע, סודותדיקע בערג פון דעם „ציטאַדעל”. די זון האָט געלויכטן און געוואָרעמט און אַ שטויב האָט זיך אויפגעהויבן איבער דעם זאַמדיקן וועג.

מיט אַ מאָל איז דער ברודער פאַרשוווּנדן. די מאַמע האָט אים לאַנג געזוכט. זי איז געשטאַנען מיטן קינד אויף דער האַנט, מיט בלאָנדזשענדיקע אויגן אין דער ווייט.

דערנאָך האָט מען דערפילט דעם ריח פון וואַרעמען אייזן און רויך פונעם וואָקזאַל.

מען האָט זיך אַריינגעפּאַקט אין אַ גרינעם, קלימפּערדיקן וואַגאָן. דער גלאָק האָט אָפּגעקלונגען. אַ רוסישער קאָנדוקטאָר מיט ברייטע, בלויע הויזן, האָט געשריגן אויף די לויפנדיקע יידן. אַ יידענע האָט אָן אויפהער גערופן: „יאָסל".

די באַן האָט מיט אַן אייזערנעם קרעכץ, ווי נישט־ווילנדיק, זיך אַ רוק געטאָן. אַ לאַנגער, אומעטיקער פייף, צוזאַמען מיט אַ שוואַרצלעכן רויך, האָט פאַרשטעלט דעם וואָקזאַל. די מאַמע האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ דורכן פענצטער פון וואַגאָן, זי האָט נאָך אַלץ געזוכט. דערנאָך האָט זי זיך שטיל צעוויינט.

די רעדער האָבן גענומען שפּרינגען איבער די אייזערנע שינעס.

7

צום ערשטן מאָל האָב איך דערפילט דעם שטויס פון אַ באַן, וואָס רירט און שווימט אַוועק אין דער ווייט. איך האָב פאַרמאַכט די אויגן, מיין האַרץ איז זיס פאַרשטאַרבן, איך בין געפלויגן.

עס האָט זיך געעפנט פאַר מיר דאָס וווּנדערבוך פון אַנטפּלעקונגען, די סודותפולע בלעטער פון דער ווייט האָבן זיך גענומען וויקלען און דרייען פאַר מיר. איך האָב נישט געקאָנט אַרומכאַפּן מיטן אויג און מיט דעם אָטעם די בלענדנדיקע מתנות, וואָס האָבן זיך אויף מיר געשיט פון דער געהיימער ווייט, וואָס איז מיט אַ מאָל אַזוי נאָענט און פרידלעך געוואָרן. דעם „דרוזשניקס" ווייסע הייזל פאַרשאָטנט אין טיפן, גרינעם געביש, האָט זיך אַ דריי געטאָן. כאַטעס מיט שטרויענע דעכער, אין וועמענס שאָטן עס זענען געלעגן פאַר מיר טויזנט סודות, אַזעלכע, וואָס איך האָב אין די ביכלעך געזען און אויסגעקוקט די אויגן אויף זיי, זענען דאָ געלאָפן שורותווייז און יעדע האָט מיך באַגליקט. איך בין געלאָפן ווייטער און די וועלט האָט זיך אַלץ נישט געענדיקט.

איך האָב זיך איינגעקלאַמערט אין קליינעם פענצטער פון רוסישן וואַגאָן און זיך געטראַגן. די גאַנצע וועלט דורכן פענצטערל איז געלעגן פאַר מיר און איך בין געוועזן דער הערשער איבער אַלע ווייטקייטן.

עס האָבן זיך אַ דריי געטאָן און אויפגעבליצט בלויע וואַסערן אָן אַן ענד. עס האָבן זיך געשפּיגלט און געזונגען אַ קלאָרקייט, וואָס האָט

פאַרשפּאַרט דאָס האַרץ און מיט אַ מאָל האָט אַ קלאַפּ געטאָן אַ טונקעלער וואַלד. די זון האָט זיך אַריינגעריסן אין דער זאַפּטיקער טיפקייט מיט גרינע פלאַמען; דער ווייכער מאָך האָט זיך פאַרגאָסן מיט צאַרטן גרין אַזוי ווי זייד און איבער דער ווייטקייט האָט געררופן און געוווּנקען נאָך אַ בלויערע און זיס־פאַרטראַגענע ווייט.

דער הימל האָט געלויכטן ווי אַ בלויער פלאַם. דאָס קלאָרע ליכט האָט געשמעקט און מיך אָנגעפילט מיט אַ גרויסער ריינקייט און שטילקייט. און ווי שיכּור בין איך אַריינגעפאַלן אין אַ דרימל.

איך האָב אויפגעהערט אויפנעמען, ווי איינער, וואָס ווערט מיד פון זיין רייכטום. איך האָב אַפילו נישט געפילט, ווען די רייזע האָט זיך געענדיקט. איך האָב ערשט איצט דערזען די מאַמע מיט דער שוועסטער. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך בין ערגעץ אין אַ נייעם, אַ געטלעכן ליכט, איך בין ווייט געווען פון זיי און מיט אַ צאַפּל פון בענקשאַפט האָב איך דאָס ערשטע דערזען דאָס קינד. אויך דאָס קינד, שיכּור פון לופט און דעם וויגן פון דער באַן, איז איינגעשלאָפן.

אויף דער טאַטע איז שוין דאָ געווען. באַשלאָגן מיט אַ טונקעלער פרישקייט פון דער זון, האָט ער געטראָגן דאָס קינד, וואָס איז זיס גע־שלאָפן אויף זיין ברייטער ברוסט.

דער טאַטע, ווי ער האָט נאָר אַ קוק געטאָן אויף דער מאַמען, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז זי האָט עפּעס געהאַט מיטן ברודער, כאָטש די מאַמע האָט עס אים נישט געזאָגט. דער טאַטע איז צוליב דעם באַלד אויסגעלאָשן געוואָרן, ער האָט גענומען איילן, כדי נאָך היינט צוריק־צופאָרן אין שטאָט. דאָס איז געווען דאָס ערגסטע, וואָס ער האָט געקאָנט זאָגן דער מאַמען.

עס איז געוואָרן שווער.

*

אין מיין קאָפּ האָט זיך נאָך אַלץ געדרייט דער לויף פון דער באַן. מיר האָט זיך נאָך אַלץ געדאַכט, אַז איך פּלי, כאָטש מיר זענען שוין איצט אַלע געשטאַנען פאַר דער הילצערנער געביידע פון דער „סטאַנציע", אויף די געשיטע, קליינע שטיינדלעך, וואָס האָבן גערוישט אונטער די פיס. עס האָט געשמעקט מיט אייל און אונטערוועגנס. איך האָב

אַפילו נישט באַמערקט ווי די באַן האָט אַ פּייף געטאָן און איז אַוועק ווייטער.

עטלעכע מענטשן, אין שווער־רייבנדיקע שטיוול, באַן־דינער און דרימלענדיקע פּויערים, האָבן זיך דאָ אַרומגעדרייט, געפּרעגט צי מען דאַרף עפּעס טראָגן, און זיך צוריק געלייגט אויף די גרינע בענק. אַ ברייטער, רוסישער זשאַנדאַר, מיט אַ רויט פּנים און בלויע הויזן, האָט שווער געטראָטן איבער די דראָבנע, סקריפּענדיקע שטייגדלעך. די זון האָט געטאַנצט אויף זיין דאַשעק און אויף זיין מעשענער שווערד.

אַן אויסגעלאָשענער אומעט האָט אַרויסגעקוקט פון דער הילצער־נער געביידע מיט דעם אַלטן, שוואַרצלעכן דאַך. די באַן־שינעס זענען אַנטלאָפן אין דער ווייט, ווי בלויע, בלאַנקענדיקע מעסערס. אַ גרין פּעסל איז געשטאַנען נעבן צוויי ברייטע, הויכע ביימער. די ביימער האָבן זיך פון מאָל צו מאָל צעוויגט מיט אַ צווישטשעריי פון פייגל, וואָס האָבן זיך אויפגעהויבן ווי די בלעטער פון די ביימער וואָלטן זיך אָפּגעריסן פון אַ ווינט.

אין דער עלנטער ווייט פון די בלויע שינעס איז געשטאַנען אַ הויכער שטאַנג מיט אַ גרין, לויכטנדיק אייגל, וואָס האָט געווונקען און עפּעס אָנגעזאָגט.

מיר זענען אַלע געווען באַלאָדן מיט קליינע פּעקלעך. דער טאַטע האָט אַחוץ דעם קינד, נאָך געטראָגן אַ גרויסן און שווערן פּאַק, אָבער מיר זענען אַלע געווען געוווינט צום טאַטנס כּוח. אוןווירקלעך האָט דער פּאַק אויסגעזען אין זיינע הענט ווי אַ שפּילכל. איצט האָט אונדז די מאַמע מיט איר שטענדיקער נישט צופרידנקייט אָנגעזאָגט, אַז מיר האָבן צו גיין, ביז צו דער זומערוווינונג, אַ גרויס שטיק וועג, און ווי שטענדיק האָט זי געהאַלטן, אַז אין דעם איז שולדיק מיין טאַטע, וואָס דינגט דירות אין „עק וועלט״.

דער טאַטע האָט, פאַרקערט, אונדז צוגעזאָגט אַ פריילעכן וועג און מיר האָבן זיך געלאָזן מיט אַ שמאָלן שטעג. וואָס איז געווען באַשלאָגן מיט אַ דינעם, צאַפּלדיקן שטויב פון דער זון. באַלד נאָך דער באַן־געביידע האָט אויף אונדז אָן אָטעם געטאָן אַ פרישקייט, וואָס האָט געשמעקט מיט ערד און מילך. גלייך איז פון דעם שטעג געוואָרן אַ דאָרפישע גאַס מיט פּויערישע כאַטעס. קינדער, מיט ווייסע, פלאַקסענע

קעפּ, זענען געבליבן ווי צוגעקלעפּט צום אָרט, קוקנדיק אויף אונדז, ווילד־פרעמד, מיט זייערע בלויע, ווייטע אויגן.

דאָ איז דער טאַטע ווידער געוואָרן פריילעך. ער האָט זיך געקוויקט מיט דער גוטער לופט און זיינע אויגן זענען געוואָרן וואַרעמע. ער האָט טראָגנדיק דעם שווערן פּאַק אין איין האַנט און דאָס קינד אויפן אָרעם, זיך אַפילו נישט איינגעבויגן. ער האָט יעדן אָנגעטראָפענעם פויער, אָדער פויערטע, וואָס האָט באַרוועס געקנעטן דאָס זאַמד, צו־געוואָרפן עפּעס אַ ווערטל. מיר האָבן געלאַכט, און אויך די מאַמע האָט, זעט אויס, פאַרגעסן אין דעם ברודערס פאַרשווינדן און געשמייכלט.

מיר האָבן דערפילט, אַז דער טאַטע איז אונדזער זיכערער פירער און זיינע ברייטע, קרעפטיקע אַקסלען האָבן דאָ, אין דער פרייער, אָפע־נער וועלט, אויפגעשפּילט.

די מאַמע האָט שוין איצט, אין גוטן מוט, מער מיט חוזק ווי מיט זאָרג, געקלאָגט, אַז דאָ איז אַ פאַרוואָרפן דאָרף, אַז ווער ווייסט, צי מען וועט דאָ קענען עפּעס קריגן.

דער טאַטע האָט געלאַכט פון איר זאָרג. זיין קרעפטיקע יוגנטלעכ־קייט האָט דאָ אויפגעשפּילט און זיינע גרויע אויגן האָבן געלויכטן פון פרייד.

די מאַמע האָט פאַרגעוואָרפן, אַז ער האָט ליב „אַ וויסטע". זי האָט איצט גייענדיק דערמאָנט עפּעס אַ דאָרף, וווהין דער טאַטע האָט זי פאַרפירט. זעט אויס, שוין לאַנג, פאַר מיין געבוירן ווערן. דאָרט איז זי געווען איינע אַליין, אין אַ „וויסטן וואַלד", ערגעץ אין אַ פאַרלאָזענער מיל. מען האָט געזאָגט, אַז דאָרט גייען אַרום שדים... און איין מאָל, אין אַ פינצטערער נאַכט..

דאָס איז געווען די געשיכטע מיט דער שוואַרצער קאַץ, וואָס די מאַמע האָט נישט איין מאָל דערציילט און אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף אונדז.

מיט אַ מאָל זענען מיר אַריין אין אַ שמאָל זאַמדיק געסעלע. דאָ זענען שוין פון ביידע זייטן וועג געשטאַנען איינשטאָקיקע, הילצערנע הייזלעך, געדעקטע מיט שינדל־דעכער. עס האָבן זיך באַוויזן אויסגעע־ריבענע, לעכעדיקע פּלויטן. די זון איז דאָ געלעגן אויסגעגאָסן אויף אַ קאַלירטן באַרג מיסט און האָט מיט בלענדנדיקע שטראַלן געבליצט אויף שטיקלעך גלאָז, אויף אַלטע, געלעכערטע און צעבראָכענע טעלער.

עס האָבן זיך באַוויזן יידישע קינדער מיט לאַנגע פּיאות, אָפּגעריסענע, מיט סאַמעטענע קאַשקעטלעך אויף די קעפּ, יידן אין קאַפּלען, אין כאַ־לאַטלעך, מיט ברייטע אַרבע־כנפותער, מיט בערד — רויטע, געלע און שוואַרצע. זיי האָבן געהאַנדלט, געשפּרונגען איבער די בערג און גריבער אויף זייערע דינע שיך און זאָקן. ווייבער אין קופּקעס זענען געזעסן אויף קלעצער, געהאַנדלט, געשלעפּט און געטראָגן קוישן.

אַ געקניפּ פון אַלטע, שוואַרצלעכע, צעשאָקלטע הייזלעך האָבן זיך פאַרפלאָכטן מיט גאַניקלעך, טרעפּלעך און פּריזבעס. אַ שילד מיט אַן אויסגעמאָלטן קאָפּ פון אַן אָקס, באַלד — אַן אויסגעמאָלטער וואַנט־זייגער. עס האָט מיט אַ מאָל אַרומגענומען אַ וואַרעמקייט פון אַ קליינער, היימישער וועלט. די מאַמע האָט זיך אויסגעפרעגט צי מען קען דאָ אַלץ קריגן פאַר דער באַלעבאַטישקייט און די ווייבער זענען איר נאָכגעלאָפן מיט אַ געשריי:

— מאַדאַמעשי... זי וועלן קריגן פון יעדעס קריש... פונעם שענסטן און בעסטן...

און דער מאַמעס פּנים האָט זיך איצט אויך אויסגעלייטערט. זי האָט אויך באַשטעטיקט, אַז די לופט איז אַ גוטע און האָט אַראָפּגענומען דעם שוואַרצן שאַל. אירע גרויסע, טיפע, טונקעלע אויגן האָבן אויפ־געשפּילט און איר הויכער, קרעפּטיקער האַלדז האָט זיך אויסגעגלייכט, ווי זי וואָלט העכער געוואָרן.

דערנאָך זענען מיר אַריין אין אַן אַלט, צעבראָכן הויז און דורכ־געגאַנגען אַ הייפל, דאָס איז געווען אַ פּירקאַנטיק אויסגעריבענער הויף מיט אַ רינשטאָק אין דער מיט. אַרום זענען געשטאַנען הייזער מיט אָפענע פענצטער. ביי איין פענצטער איז געזעסן אַ ייד מיט אַ רויטער באָרד, מיט לאַנגע פּיאות, מיט אַ קאַפּל אויפן קאָפּ. ער האָט געשאַרפט אַ חלף און פאַררייסנדיק דעם קאָפּ צו דער זון, האָט ער געקוקט אויף דער שאַרף. נעבן זיין פענצטער איז געלעגן אַ באַרג פעדערן, דער טאַטע האָט גייענדיק, אונדז אויף אַלעם אָנגעוויזן. ער האָט געשריגן צו דער מאַמען זי זאָל געדענקען, אַז דאָ וווינט דער שוחט און דאָ איז אויך די מקווה. די מאַמע האָט געלאַכט, ווי שוין לאַנג נישט אין שטוב. און עס איז אונדז אַלע מיט אַ מאָל גוט געוואָרן.

אינעם הויף זענען אַרומגעגאַנגען ציגן אויף זייערע דינע פיסלעך, געשאָקלט מיט די בערדלעך. באַלד האָט זיך באַוויזן אַ רב אין אַ

שטריימל, מיט אַ רויטער פּאַטשיילע אין דער האַנט. יידן זענען געלאָפן אַרום אים און געשריגן.

אין איין פענצטער זענען אַרום אַ טיש געזעסן יינגלעך. זיי האָבן זיך געוויגט, ווי געשאָקלט און געזונגען מיט אַ ניגון. אַ ייד מיט אַ קאַנטשיק אין דער האַנט האָט זיך אַרומגעדרייט אַרום זיי, געשלאָגן און געשריגן:

— נאָך אַ מאָל ממזרים... נאָך אַ מאָל...

דער טאַטע האָט זיך פאַרהאַלטן ביי יעדן ווינקל און די מאַמע האָט אים נישט געקאָנט אָפּרייסן.

די מאַמע האָט זיך געקלאָגט, אַז דאָ איז ברודיק. דער טאַטע האָט מיט אַ קינדערישער פרייד געענטפערט:

— אָבער ווו קענסטו נאָך אַזוינס זען?...

אָבער דאָס אַלץ האָב איך געהערט ווי אין דרימל, מיין גאַנץ וועזן איז געווען פאַרכאַפּט פון יעדן שטיקל גלאָז, וואָס האָט געשפּילט אין דער זון, פון יעדן שוואַרצלעכן שינדל־דאַך, באַדעקט מיט קיישעלעך גרינעם, זאַפטיקן מאָך, פון דער לעבעדיקער, קאָלירטער וועלט, וואָס איך האָב נאָר אויף די כישופדיקע בילדלעך אין די ביכלעך געגעסן מיט הונגעריקע אויגן. די גאַנצע צייט האָט זיך מיר אַלץ געדאַכט, אַז דאָס האָט דער טאַטע מיר פון ערגעץ געבראַנגט עפּעס אַ גרויסע, פאַרביקע, לעבעדיקע שפּיל.

אַזוי לאַנג האָט געדויערט דער ליכטיקער מאַי־טאָג. דער טאָג, האָט זיך געדאַכט, וועט זיך קיין מאָל נישט ענדיקן. ווי איך וואָלט איינגעשלונגען די גאַנצע ליכטיקע וועלט, וואָס צעשפּאַרט מיך, און נאָך און נאָך האָבן זיך אָנגעטראָגן פריידן, אויף יעדן טריט, פון אַלע זייטן פון דער פרייער און ליכטיקער וועלט.

עס האָט נאָך אַלץ געדויערט אונדזער פריילעכער גאַנג.

דער טאַטע האָט לאַנג נישט געוואָלט אַרויס פון דעם שטעטלדיקן יידישן הויף. עס איז אים, זעט אויס, אַ שאָד געווען זיך צו שיידן מיט דעם קאָלירטן, לעבעדיקן בילד, וואָס איז נאָר דאָ געווען צו זען.

דער טאַטע איז געווען צעשפּילט ווי אַ יינגל. די מאַמע האָט שוין אַ מידע און אַ בלייכע זיך געבעטן, וואָס גיכער צו קומען צו אונדזער דירה. זי האָט אין אַלעם געזען עפּעס נישט גוטס און געוואָלט וואָס גיכער זיין אין דער היים.

דאָס קינד האָט זיך אויסגעשלאָפן אויפן טאַטנס אַקסל און מיט אַ מאָל געעפנט די אויגן. דאָס האָט אַריינגעברענגט אַ נייע פרייד אין אונדזער גאַנג. דאָס קינד האָט ווילד געקוקט אויף דער אומבאַקאַנטער, ליכטיקער וועלט, מיט די הענטלעך זיך געריבן די גרויסע שפּילנדיקע אויגן, און נישט געוווּסט ווו עס געפינט זיך, עס האָט זיך פאַרקרומט ווי צום וויינען. די מאַמע האָט עס געכאַפּט אויף די הענט און דאָס קינד, דערפילנדיק די מאַמעס הענט, האָט זיך מיט פולע אויגן טרערן צעשמייכלט.

יידן און ווייבער, אָפּגעריסענע און פאַרשמירטע קינדער, פונעם שטעטל, האָבן געקוקט אויף אונדז מיט חוזק און דרך־ארץ, ווי זיי זענען געווען געוווינט צו קוקן אויף „לעטניקעס", ווי זיי האָבן גע־רופן די שטאָט־מענטשן, וואָס זענען געקומען אין דער געגנט אויף זומערצייט.

מיר זענען שוין געגנוג מיד געווען, ווען מיר זענען אַרויס פונעם הויף, וואָס איז, זעט אויס, געווען דאָס האַרץ פונעם יידישן שטעטל. עס האָט זיך מיט אַ מאָל פאַר אונדז געעפנט אַ ווייטע גרינע, זאַפטיקע לאָנקע, שיטער פאַרזייט מיט ריזיקע ביימער. עס זענען געווען הויכע טאָפּאָלן ווי זילבערנע בעזעמער און פריילעכע בזשאָזעס האָבן צו אונדז געשמייכלט מיט זייער ווייס, וואָרעם לייב.

— אָט דאָ... נישט ווייט... — האָט דער טאַטע אָנגעוויזן אויף עט־לעכע הייזלעך, וואָס זענען געשטאַנען אָפּגעריסן אין פעלד.

די מאַמע האָט זיך געשפּאַרט מיטן טאַטן. זי האָט שוין נישט געדענקט, ווו זיי האָבן די דירה געדונגען. דער טאַטע, וואָס איז געקומען אַהער מיטן פויערישן וואָגן, האָט אויך נישט געדענקט.

— אָט דאָרט... אין יענעם ווייסן הייזל... הינטער די ביימער...

די מאַמע האָט זיך געשפּאַרט, אַז דאָס הייזל איז נישט געווען ווייס. דער טאַטע האָט שוין אַליין אויך אָנגעוווירן די זיכערקייט, עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז דורך די עטלעכע טעג האָט מען דאָס הייזל אָפּגעווייסט מיט קאַלך, צוליב די נייע שכנים, און נאָר צוליב דעם גרויסן געלן הונט האָט דער טאַטע דערקענט דאָס הויז.

8

דאָס ווייסע הייזל האָט געהאַט צוויי שטאָק און אַ הויכן, בלעכענעם דאַך. אונדזער דירה איז באַשטאַנען פון צוויי קליינע שטיבלעך מיט אַ קליין קיכל. דער באַלעבאָס פונעם הייזל האָט געוווינט אויף יענער זייט הויף, ווו ער האָט געהאַט זיין פויערישע באַלעבאַטישקייט, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ שטאַל, אַ שייער און אַ בודע פאַר דעם גרויסן, געלן הונט.

אין די ליידיקע, פריש־אויסגעקאַלכטע שטיבלעך, מיט די פאַרמאַכטע לאַדן, זענען געלעגן אונדזערע זאַכן, וואָס דער טאַטע האָט מיט דער פור אַהערגעברענגט. דאָ האָט יעדע זאַך פון אונדזער שטוב געהאַט גאָר אַן אַנדער פאַרב. דער טאַטע האָט געעפנט די לאַדן, און די זון, וואָס האָט זיך שוין געהאַלטן אין זעצן, האָט זיך מיט אַ געדיכטן גאָלד אַריינגעריסן דורך די פענצטער, און שוין זענען די דאָרפּישע, זוניקע ווענט מיר נאָענט געוואָרן און איך האָב זיי אויך ווי אַ צולאָג צו די אַלע מתנות אין דעם טאָג אויפגענומען. דער טאָג פון ליכט און פרייד האָט זיך נאָך אַלץ נישט געענדיקט און מיין האַרץ האָט פיבערהאַפט געקלאַפּט פון די כסדרדיקע אַנטפּלעקונגען און פון דערוואַרטונג.

דער טאַטע האָט זיך גענומען אויפשטעלן די בעטן, אויספּאַקן דאָס בעטגעוואַנט, די שוועסטער מיטן קינד האָבן זיך אין דרויסן אַוועק־געזעצט אויף אַן אויסגעשפּרייטע קאָלדרע. דאָס קינד האָט שוין באַ־קומען ברוין־גאָלדיקע, אָפּגעברענטע בעקעלעך און די מאַמע האָט געוווינט מיט גליקלעכע טרערן קוקנדיק, ווי דאָס קינד באָדט זיך אין ליכט אונטערן שאָטן פון דעם צעבליטן אַקאַציע־בוים.

די מאַמע האָט שוין פון ערגעץ באַקומען אַ בלאַנד שיקסל, מיט ברוינע, אָפּגעברענטע באָרוועסע פיס. דאָס שיקסל האָט געבערענגט וואַסער און געהאָלפן ביי דער קיך. אויפן טיש האָט זיך באַוויזן פריש־שמעקנדיק פּראָווינצער ברויט און זעמל. דער ריח פון פריש מילך האָט מיך אָנגעפילט מיט ריינקייט. איך בין אַריינגעפאַלן אין אַ זיסן דרימל, און די גאַס, ווו מיר האָבן געוווינט, די טונקעלע דירה, דאָס מיידעלע פון דריטן שטאָק און די דאַבעלעך מיט דער בלויער לאַה, זענען אַנטלאָפן אַזוי ווייט, אַז איך האָב זיי נישט געקאָנט דערכאַפּן מיט מיין דרימלענדיקן זכרון. זיי האָבן זיך אַוועקגערוקט אַזוי ווייט און געוואָרן אַזוי קליין, ווי אַ פּינטעלע.

איך ווייס נישט ווי לאַנג איך האָב געדרימלט, אָבער דער טאָג האָט נאָך אַלץ געלויכטן.

אין די ווינקלען האָט זיך שוין געשפרייט אַ בלויע קילקייט, מיט לאַנגע שאָטנס, און די זון האָט זיך פאַרקליבן הויך איבער די פענצטער מיט גאָלדענע שלייפן, דעמאָלט בין איך אַרויס פון אונדזער נייער שטוב און באַלד פאַרבלאָנדזשעט, אַלץ איז געוואָרן אַנדערש אין דער בלענדנדיקער ליכט.

איך בין פאַרקראָכן אין דער צווייטער זייט הויז. און יעדע מינוט האָב איך אויסגעפונען נייע וווּנדער, ווי איך וואָלט געלייענט אַ כּישוף־דיק בוך. דאָ איז געווען אַן אַרומגעצוימטער גאָרטן. די ערד איז געווען אַ קילע און אַ יום־טובדיקע ריינקייט האָט זיך דאָ אויסגעשפּרייט. אין דער טיפער קילקייט פון דער ערד זענען אונטער בלעטער געלעגן רויטע טרוסקאַווקעס, וואָס האָבן גערופן און געוווּנקען.

איך בין געשטאַנען אין מיטן דעם צאַפּלדיקן ליכט און געקוקט אין דער ווייט, וווּ עס האָבן געבלויט די וועלדער. אַ ראָזער נעפּל האָט זיך געשפּרייט איבער די פעלדער. און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס אַלץ וואָס איך האָב געלייענט אין דעם „קינדער־פריינד״ האָט אויפגעבליט און אויפגעלויכטן פאַר מיר.

מיט אַ מאָל האָט זיך פון אַ טיפן, שאָטנדיקן ווינקל באַוויזן אַ הויכער פויער, מיט לאַנגע, ווייסע וואָנסן און בלויע, וואַרעמע אויגן. ער איז צוגעגאַנגען צו מיר און מיט אַ שמייכל געפרעגט:

— ווער ביסטו דען... „קאַוואַלער״...

— מיר זענען געקומען צו פאָרן... מיר וווינען דאָ...

— אַ... ער האָט זיך דערפרייט מיט מיר, ער האָט מיך אַ נעם געטאָן אונטערן אָרעם, און מיך אַ פיר געטאָן איבערן הויף. עס איז געגאַנגען פון אים אַ ריח פון ערד און ברויט.

— איך בין דער „גאָספּאָדאַזש״... — האָט ער געזאָגט.

איך בין געגאַנגען מיט אים איבער דעם שטעג. מיט אַ מאָל האָב איך דערזען די בודע, מיט דעם געלן הונט אויף דער קייט. מיר איז געוואָרן קאַלט אין די פיס. איך האָב מיך פאַרהאַלטן און דער גאָספּאָדאַזש האָט געזאָגט:

— זעסט אָט דעם הונט... ער הייסט „אַגאַי״... דאָס איז אַ בייזער הונט... נאָר אַז דו וועסט זיין אַ פיין יינגל... נישט קיין „שקאָדניק״...

נישט ברעכן קיין צווייגן... נישט רייסן קיין פרוכטן... נישט טרעטן דעם גאָרטן... וועט ער דיר גאָרנישט טאָן... וועט ער דיך ליב האָבן... דיך אָפּהיטן... נו קום, וועל איך דיך מיט אים באַקענען...

איך האָב נישט געהאַט קיין גרויסן חשק צוצוגיין צום הונט. דער גאַספּאַדאַזש האָט מיך אָבער אַזוי איידל אַ נעם געטאָן פאַר די אַקסלען, אַז איך האָב מיט אַ מאָל דערפילט צו אים אַ מאָדנע צוטרויען.

דער הונט האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אונדז אַנטקעגן. דער גאַספּאַדאַזש האָט אים געגלעט און דער הונט האָט זיך געוואָרפן פון הנאה.

—נו, טו אים אַ גלעט... — האָט ער געזאָגט צו מיר.

אַ ציטער האָט זיך דורכגעגליטשט דורך מיין האַנט. איך האָב זיך אָבער געשעמט און צומאַכנדיק די אויגן, האָב איך, מיט די שפּיץ־פינגער, אָנגערירט די טרוקענע, וואַרעמע, לעבעדיקע האָר. מיט אַ מאָל האָב איך דערפילט אַ פּייכטן קיצלדיקן לעק איבער די פינגער, אַ וואַרע־מער אָטעם האָט אַ קלאַפּ געטאָן און מיט אַ צאַפּל אין האַרץ האָב איך אַריינגעגראָבן מיין האַנט אין דער ווייכער ציטעריקער פעל.

איך האָב געעפנט די אויגן. דער הונט האָט געקוקט אויף מיר. זיינע ברוינע, וואַסערדיקע אויגן זענען געווען נאָענט און וואַרעם, זיינע געלע האָריקע לאַפּעס האָבן געזוכט מיין האַנט און מיך האָט אַרומ־גענומען אַ פריידיק געפיל.

אין דעם היינטיקן, ערשטן ליכטיקן טאָג, האָב איך אויך באַקומען אַ גוטן און נאָענטן פריינד, דעם הונט „אַגאַי״.

באַלד דערנאָך איז צוגעפאַלן דער אָוונט. אַ טונקלקייט, אַ פרעמדע און שטרענגע, האָט זיך אָנגעטראָגן. דער הימל האָט זיך אָנגעהויבן באַלד, ביי אונדזער טיר, אַזאַ גרויסער און געהיימנישפולער. די שטערן האָבן געקוקט אַזוי נאָענט און אַזוי ווייט.

אין שטוב האָט געברענט אַ ליכט. מען האָט לאַנג געגרייט די בעטן. די מאַמע האָט זיך געשפּאַרט מיטן טאַטן. זי האָט אַלץ נישט געקאָנט געפינען קיין גענוג גוט אָרט פאַר דער שוועסטערס בעט. דעם קינדס בעטעלע האָט מען גענומען אינעם לעצטן שטיבל צו דער מאַמען.

איך בין געשלאָפן אויף אַ האַרט, פויעריש בעטל.

עס איז געווען מאָדנע זיס און טרויעריק. מיין האַרץ האָט געקלאַפּט פון וואַרטעניש. איך האָב נישט געקאָנט גלייבן, אַז דאָס אַלץ, וואָס איז געווען היינט, וועט אויך זיין — מאָרגן. דער „גאַספּאַדאַזש״ איז אַריינ־

געקומען פרעגן צי מען באַדאַרף נישט עפּעס. ער איז איצט געווען פול מיט נאַכט און סודות.

מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן האָב איך געהערט ווי דער טאַטע האָט לאַנג געשמועסט מיט דעם „גאָספּאָדאַזש״.

דער טאַטע האָט געפרעגט צי דאָ זענען פאַראַן גנבים און דער „גאָספּאָדאַזש״ האָט לאַנג און טונקל גערעדט וועגן דעם, אַז דאָ זענען ערלעכע מענטשן, אַז עס זענען נישטאָ קיין גנבים, נאָר מען דאַרף זייער היטן... אַז אַנומלט האָט מען דאָ... ביי נאַכט... און ביי טאָג דאַרף מען אויך היטן... עס זענען דאָ פאַרשידענע... אַהאַ... דאָ איז דאָ איינער... וואָס גנבעט... אָבער נאָר פערד... עס דרייען זיך אַרום פאַרשידענע...

דער טאַטע האָט געלאַכט און האָט באַלד נאָכן „גאָספּאָדאַזשס״ אַוועקגיין, אָפּגעשפּילט פאַר דער מאַמען דעם „גאָספּאָדאַזש״. ער האָט געמאַכט אַ פריילעכע מעשה וועגן דעם, אַז מען דאַרף היטן, ווייל... עס זענען נישטאָ קיין גנבים...

איך האָב נישט געקאָנט איינשלאָפן. מיין האַרץ האָט געקלאַפּט מיט פרייד און מיט מורא. איך האָב געקלערט צי דער הונט „אַגאַי״ וועט מיך מאָרגן דערקענען. און עס איז געווען אַזוי ווילד, וואָס די גרויסע נאַכט מיט די שטערן שטייען אַזוי נאָענט אונטער אונדזער טיר. איך האָב נישט געוואָלט זען די נאַכט. איך האָב מורא געהאַט צו עפענען די אויגן, און דער טיפער, הייסער קינדערישער שלאָף האָט מיך פאַרטראָגן אין זיינע טונקעלע וועלטן.

*

מאָדנע גיך, ווי אַ שאָטן איז דורכגעלאָפן די נאַכט, און ווידער האָט שוין די זון געלויכטן דורך די פענצטער, ווי עס וואָלט נאָך אַלץ געווען נעכטן. דער טאַטע, ווייזט אויס, איז שוין פון לאַנג, נאָך פאַר טאָג, אַוועקגעפאָרן קיין וואַרשע און האָט באַדאַרפט קומען פרייטיק אויף איבער שבת.

ווי עס זעט אויס, זענען מיר אַרויסגעפאָרן אויף דער זומערוווינונג פרי, אינעם סאַמע אָנהייב פון מאַי, ווייל אַלץ האָט ערשט געגומען שפּראָצן, ווי אין אַ כישוף. פון שעה צו שעה האָט אויפגעבליט. קנאָספּן זענען צעשפּרונגען און אויפגעפּראַלט, אויף די אויגן זענען געבוירן

געוואָרן און האָבן אויפגעבליט געוויקסן און בלומען. עס האָט געזעצט מיט פרישקייט פון לעבן אין אַלעווינקעלעך.

הינטער אונדזערע פענצטער האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ יום־טוב פון בעז. דער בעז האָט אין שווערע, לעבעדיקע כוואַסטן געפּויקט אין די פענצטער און אָנגעפילט די שטוב מיט די ריחות פון אייביקן לעבן. דער אַקאַציע־בוים, וואָס האָט אַריינגעקוקט אינעם צווייטן פענצטער, איז שוין אויך באַדעקט געווען מיט ווייסע בליטן, און די אַלע ריחות זענען אַריינגעדרונגען אין מיר און האָבן מיך פאַרשיכורט. יעדע שעה האָט זיך פאַר מיר געעפנט אַ נייער סוד פון דער גרויסער לעבנסשפּיל, וואָס איז מיר געגאַנגען אַנטקעגן.

שוואַלבן האָבן זיך אַריינגעצויגן אונטערן דעכל פון אונדזער שטוב און איך האָב שעהענווייז נאָכגעפאָרשט זייער גליקלעך טשוויטשערן.

טויזנטער פליגעלעך, ווידמונגען, ווערעמלעך, זשוקעס און מוראַשקעס האָבן דאָ געהאַט זייער רירעוודיק לעבן. אין די אָפּגעקילטע, ראָזלעכע אָוונטן האָבן זיך אָנגעטראָגן די ברווינע, בייכיקע „כראַבאַנשטשעס״, וועלכע האָבן געפּויקט אין די ווענט מיט זייער בלינד קלאַפּעריי. מיינע טעג זענען אַוועק אין אַ פאַרכאַפּטן אָטעם פון די אַלע סודות, וואָס האָבן מיך געלאָקט און געכישופט.

איך בין קיין מינוט נישט געזעסן אין שטוב. די מאַמע האָט געזאָגט:

— דאָס ייִנגל איז איבערגעטויִשט געוואָרן... אַזוי ווי ער איז אין וואַרשע געווען אַ שטובזיצער... איז ער דאָ געוואָרן אַן אַרומלויפער...

איך בין אָבער אין ערגעץ נישט געלאָפן. איך האָב געהאַט אַ גענוג ברייטע וועלט אין דעם גערדיכט־באַוואַקסענעם הייפל, ווו דאָס נאָכקוקן אַ פויזענדיק ווערעמל האָט געקאָנט ביי מיר צונעמען אַ גאַנצן ליכטיקן טאָג.

איך האָב נישט באַדאַרפט אין ערגעץ לויפן. טויזנטער וועלטן האָבן זיך דאָ אַהער צו מיר געטראָגן. פון יעדער געוויקס, פון יעדעס בלעטל און בלימל האָב איך געצויגן כוח און לוסט.

אַממייניסטן האָט מיך גערופן די שטענדיקע באַוועגונג אויפן הימל, דער אייביקער גאַנג פון די וואָלקנס, אָדער די טיפע, שטראַלנדיקע בלויקייט. איך בין געלעגן און געקוקט אַזוי לאַנג, ביז וואַנען די בלויקייט האָט זיך גענומען דרייען פאַר מיר און מיך פאַרגאָסן ווי אַ ים. איך האָב אָנגעהויבן שווימען, פליען פון איין עק וועלט צו דעם אַנדערן.

אין אָוונט האָבן מיך גערופן די שטערן. זיי האָבן געקוקט צו מיר מיט גרויס טרויער. עס איז מיר מיט אַ מאָל געוואָרן אומעטיק און באַנג.

אין די ערשטע מאַי־טעג איז אויך טייל מאָל פּלוצלינג אַנגעשוואָמען עפּעס אַ שווער געמיט. עפּעס אַ בייזער, טונקעלער וואָלקן איז אָנגעלאָפן. דאָס ליכט האָט אַ צאַפּל געטאָן, עס איז געוואָרן אויסטערליש שטיל און שרעקיק. אַלץ אַרום איז געוואָרן טונקל, ווי אויסגעלאָשן. עפּעס עמעצער אַ גרויסער און מעכטיקער איז בייז געווען. עס האָט אַ מורמל געטאָן אַ ווייטער דונער און אַ ווינט האָט זיך אַ טראָג געטאָן.

איך בין געבליבן אין אַ ווינקל מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ... איך האָב נישט פאַרשטאַנען פאַר וואָס דער בייזער, שוואַרצער וואָלקן איז געקומען. איך האָב זיך געפילט שולדיק אין עפּעס און איינגעדרימלט מיט אַ פאַרקוועטשט האַרץ, ווען דער שטיקנדיקער ריח פון שטורעם האָט געשמעקט מיט מבול.

דערנאָך האָט מיך אויפגעוועקט דאָס פרידלעכע שוועקעריי פון די וואַסערן, וואָס האָבן ווי אָפּגעהעשעט נאָך אַ גרויס געוויין. פון אומעטום האָט געשטראַמט און אויפן גראָז און אויף דיביימער זענען געהאַנגען לייכטנדיקע טרערן. אין דער ווייט האָט שוין איצט דער בייזער וואָלקן זיך אַ מילדער געבאָדן אין דער נייער זון.

יעדער אַזאַ שטורעם האָט אויפגעברויזט מיין האַרץ און איך האָב אין דער שטיל מיר אויסגעשפּינט אַ פאָדעם צו עפּעס אַ הויכער קראַפט, צו וועלכער איך האָב געבעטן. איך האָב אָנגעהויבן גלייבן, אַז ערגעץ, אין דער סודותדיקער הייך, איז דאָ עפּעס, וואָס קוקט אויף מיר און זעט מיך.

קיין חברים האָב איך נישט געהאַט. איך האָב מיך טייל מאָל פּלוצלינג דערמאָנט אָן אונדזער שכנס מיידעלע פונעם דריטן שטאָק, מיין „כלה", מיר האָט זיך פאַרוואָלט, אַז זי זאָל דאָ אויך זיין און זען אַלץ, וואָס איך זע. איך וואָלט איר אָוועקגעגעבן אַ טייל פון דעם אַלעם, אַז מיר זאָלן דאָ ביידע אַרומגיין אין דעם גרויסן ליכט.

אַחוץ איר האָב איך ווי פאַרגעסן אין דעם הויף און אין דער גאַס. פון דעם גאַנצן שטיק וועלט האָב איך נאָר געזען די בייזע, פאַר־קוועטשטע אויגן פון מיין ברודער און איך האָב מורא געהאַט אין יענער זייט אַריינצוקוקן.

אַפילו די חלומות און די שרעקן פון די נעכט זענען דאָ פאַר־

שווונדן צוזאַמען מיט דער טונקעלער דירה און דעם לעצטן, פינצטערן אַלקער. די נעכט זענען דאָ געלאָפן גיכע, פרישע, מיט אַ געזונטן, קינדערישן שלאָף, וועלכן איך האָב קיין מאָל נישט געהאַט. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך ווער געוואָרפן פון שטאַרקע, זיכערע הענט, פון איין ליכטיקן טאָג צום אַנדערן. דערביי איז די צייט געשווומען לאַנגזאַם און די טעג האָבן געדויערט מאָדנע לאַנג. זעט אויס, אַז די קינדערישע צייט לויפט נישט אַזוי גיך ווי די צייט פון דערוואַקסענע. דער אַרויפגאַנג אויף דעם באַרג פון לעבן איז אַ לאַנגזאַמער און יעדער טריט דעקט אויף אַ נייע אַנטפּלעקונג און אַ ליכט שלאָגט אַנטקעגן, וואָס לאָקט און רופט.

איך האָב אין די טעג אָנגעהויבן דעם גאַנג אויף דעם כישופדיקן באַרג־אַרויף, אַלץ ליכטיקער און ליכטיקער.

און ערגעץ אונטן, אין אַ גרויען נעפּל, איז געלעגן די טונקעלע דירה, מיט דער אַלטער, שוואַרצלעכער, אָרעמער, ראַיענדיקער יידישער גאַס אין וואַרשע.

אויך אין שטוב איז כסדר געשטאַנען אַ יום־טובדיקע, זוניקע ריינ־קייט. דער אַקאַציע־בוים האָט אַריינגעקוקט דורכן פענצטער און אָפּ־געפּילט דאָס שטיבל מיט אַ קילן, שמעקנדיקן שאָטן. אין דעם ווינקל איז געשלאָפן דאָס קינד, וואָס האָט אויפגעבליט מיט יעדן טאָג. עס האָט באַקומען צוויי נייע ציינדעלעך און פון זיין ראָז מיילעכל האָבן זיך אַרויסגעריסן נייע, קרעפּטיקע טענער.

אויך די מאַמע האָט צוריק אָנגעהויבן זינגען. אירע אויגן האָבן אָנגעוווירן די שפּיציקע, אָנגעגליטע שאַרפקייט פון שטענדיקן אומרו. מיר האָבן געוווסט, אַז דער טאַטע האָט איר צוגעזאָגט מיט גוטן זיך צו באַגיין מיטן ברודער. זי האָט איצט נאָר טייל מאָל געוויינט אין די אָוונטן. גראָד ווען זי האָט געזונגען, האָט זי מיט אַ מאָל אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ אויפן טיש, איר בליק איז אָנגעלאָפן מיט טרערן און זי האָט מיט אַ שטיל געקלאָג געהעשעט:

— ווער וויס וואָס פאַראַ הענט... עס רייסן איצט פון אים שטיקער...

פאַר אונדז האָט די מאַמע צוגעקלערט געשמאַקע מאכלים, האַלב־יידישע און האַלב־טערקישע, וואָס מען עסט אין בערדיטשעוו. אויך ביי די מאכלים האָט זי דערמאָנט דעם ברודער. דעמאָלט איז געוואָרן שווער און טרויעריק ביים טיש און דאָס עסן איז אונדז נישט באַקומען. אָבער באַלד האָט די מאַמע איבערגעריסן, ווען זי האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם

קינד, וואָס איז געווען אין גאַנצן ווי אָפּגעגילדט פון דער זון. זי איז צוריק געוואָרן גוט צו אונדז, דערציילט פון ערגעץ ווייטע שטעט אין רוסלאַנד און געזונגען לידער פון דאָרט.

די שוועסטער איז ווי אַלע מאָל געווען דער שיינער מלאך פון שטוב. זי האָט שוין דאָ אויך געהאַט איר אָפּגעקליבן ווינקל, ווו יעדע זאַך אירע איז געהיט געוואָרן און האָט געפעכלט.

די שוועסטער האָט אויך געהאַט איר אָרט אינעם גאָרטן, הינטער די עפּלביימער, ווו דער „גאָספּאָדאָזש" האָט נאָר איר אַליין, צוליב איר שיינקייט און איידלקייט, דערלויבט צו ליגן אויף אַן אויסגעשפּרייטער קאָלדרע. דאָ איז זי געלעגן אין דער אָפּגעהיטער ריינקייט און גע־לייענט. אַזוי זענען דורכגעגאַנגען די ערשטע, מאָדנע לאַנגע און ליכטיקע טעג און די קורצע, וואַרעמע און פריילעכע נעכט.

דעם ערשטן פרייטיק פאַרנאַכט זענען מיר אַלע געגאַנגען מיט דער מאַמען צו דער באַן, אָפּוואַרטן דעם טאַטן.

די מאַמע, אַ פרישע, אַן אויסגעצוואָגענע, מיט אַ קלאָרן גלאַנץ אויף אירע פאַרקעמטע שווערע שוואַרצע האָר. אָנגעטאָן אין אַ ניי, העל, לייכט קלייד. די שוועסטער, אין איר בלענדנדיקער שיינקייט, מיט אַ קאָלירט פּויעריש טיכל אויפן קאָפּ. האָט מען אונדז נאָכגעקוקט און באַוווּנדערט די ערשטע „לעטניקעס".

ווידער זענען מיר אַריין אין דער שטעטל־גאַס. דאָס מאָל זענען מיר געגאַנגען דורך דער גאַנצער געדיכטקייט פון דעם יידישן שטעטל.

ווייבער און מיידן האָבן געטראָגן די טשאָלנטער און קוגלען צום בעקער, אַ רויך און שטויב האָט זיך געדרייט, אויסגעמישט מיט זון. פון די שוואַרצלעכע פענצטער האָט זיך אַרויסגעטראָגן אַ רעש און אַ פעפער־דיקער ריח פון געקאָכטע פיש. ווייבער האָבן געצוואָגן די קינדערישע נאַסע קעפּ און דער וואַרעמער ריח פון צוואָג־וואַסער האָט היימיש געמאַכט די שטויביקע גאַס און מיך אָנגעפילט מיט ליבע צו דער אָרעמער יידישער האַרציקייט.

אַ גרילציק געשריי און רייסעריי האָט זיך געטראָגן פון אַלע זייטן און אויפן הימל האָט אַ גאָלדענער זוים זיך אויפגעהויבן איבער די אַלטע, פאַרגרינטע, יידישע שינדל־דעכער, איבער דעם שוואַרצלעכן, שטויביקן זאַמד. אויף דעם אָפּגעקילטן, ראָזן נעפּל פון דער אונטער־גייענדיקער זון האָט זיך ווי אַ ספר־תורה אויסגעוויקלט דער שבת.

אַן אומעט און אַ פרייד פון היימישקייט האָט זיך פאַרשפּרייט אויף דער וועלט און עפּעס אַזאַ זיסע פאַרדריקטקייט האָט זיך אַריינגעשפּאַרט אין האַרץ, אַז איך האָב פאַרמאַכט די אויגן פון באַגער אַרומצונעמען די גאַנצע וועלט אַרום און זי צודריקן צו מיין פריידיק, קלאַפּנדיק האַרץ...

9

איבער דעם לאַנגן, ליכטיקן זאַמד־וועג, דורכן פעלד, וואָס האָט געפירט צו דער סטאַציע, האָבן איצט געצויגן די ווייבער ווי אַ פּראָצעסיע, אָפּגעגילדטע פון דער שפּעטער אָוונט־זון. אין פאַרשידנפאַרביקע קליידער, ווי קאָלירטע פייגל, מיט פויעריש־פּוילישע טיכלעך אויף די קעפּ, ווי צו אַ יום־טוב.

די צעוואָרפענע דאָ און דאָרט פויערישע כאַטעס זענען געלעגן שטילע, אין זייער טיף־שאָטנדיק גרינס איינגעהילטע. די אומעטיקע סטאַציע־געביידע מיטן מעשענעם גלאָק און גרינעם פעסל וואָסער האָט איצט ווי אויפגעלעבט. די אויסגעפּוצטע יידישע ווייבער האָבן פאַרטראָגן אַהער אַ שטראַל פון יידישן שבת און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז די שטאָלענע באַן־שינעס, אין וועלכע עס האָט איצט געגליט די בלוי פונעם הימל, אַז די בלויע, נעפּלדיקע ווייט מיט דער שוואַרצלעכער אייזערנער באַן, וואָס דאַרף באַלד אָנקומען, אַלץ איז געמאַכט געוואָרן צוליב אונדזער שבת.

מען האָט געקוקט אין דער ווייט, וווּ עס האָט זיך קוים באַוויזן אַ שוואַרץ־בלוילעך פּינטעלע מיט אַ רויכל און דאָס האַרץ האָט פריידיק געקלאַפּט. אַ לינד ווינטל האָט אָנגעטראָגן דעם ריח פון פרישן היי, וואָס האָט געוועקט דעם חשק צו לעבן און צו אָטעמען. פריי און גרויס איז געוואָרן די וועלט.

אַפילו די מאַמע האָט איצט הויך פאַרריסן דעם קאָפּ, און די דינע, ווי זיידענע הערעלעך אויף איר טונקעלן נאַקן האָבן געשפּילט מיט דעם לינדן ווינטל.

איך האָב ליב געהאַט די גרינבלעך־בלייכע קרעפּטיקייט פון דער מאַמעס האַלדז, אירע הויך־פאַרקעמטע, פרישע האָר, וואָס האָבן געשמעקט מיט אַזאַ לעבעדיקער נאַענטקייט.

די שוועסטער האָט אויפן וועג אָנגעקליבן פעלדבלומען צום באַ־

געגענען דעם טאַטן. די בלומען האָבן געשפּילט אין אירע פּולע, ווייסע, נאָך האַלב־קינדערישע הענט, און מענטשן האָבן, ווי שטענדיק, געקוקט אויף איר מיט פאַרבליפטקייט. ביי דער באַן־סטאַציע האָט מען ערשט געקאָנט זען וויפל עס זענען דאָ, אַזוי ווי מיר, געקומענע פון שטאָט אויף זומערוווינונג. זיי האָבן געוווינט אין פאַרשידענע זייטן פון די דערפלעך, אַרום דעם יידישן שטעטל.

דער ברייטער, רוסישער זשאַנדאַרם פון דער סטאַציע און די פּוילישע באַן־באַדינער האָבן זיך אויסגעשטעלט אויף דעם פּעראָן, צו זען, ווי עס קומען די יידן אויף שבת. דער זשאַנדאַרם האָט נישט דורכ־געלאָזן דורך דער פורטקע צום פּעראָן, און אַלע האָבן געוואָרט הינטער דער דראָט־שאָטקע. אָבער ווי נאָר דער זשאַנדאַרם האָט דערזען מיין שוועסטער, האָט ער אַ שמייכל געטאָן, צוגעלייגט די האַנט צום דאַשעק און אַ זאָג געטאָן:

— גיי, „קראַסאַוויצאַ", באַגעגענען דעם „פּאַפּאַשאַ"...

אויך מיך מיט דער מאַמען האָט ער דורכגעלאָזן, צוליב איר. דער זשאַנדאַרם האָט זיך געמאַכט פריילעך און די ווייבער האָבן געלאַכט, אַז ער ווערט „די כפּרה פאַר אַ שיינער יידישקע". צום סוף האָט דער זשאַנדאַרם דורכגעלאָזן אַלע און ווי עס האָט זיך דערהערט דער רעש פון דער אָנקומענדיקער באַן, איז ער מיט אַ מאָל שטרענג געוואָרן, זיך אַוועקגעשטעלט „סמירנאָ", ווי די באַן וואָלט געקומען נאָר צו אים.

און אָט האָט זיך מיט אַ טראַסקנדיק געקלימפּער, מיט אַ הייסן, שטוי־ביקן ווינט, אָנגעטראָגן די באַן און מיט אַ גרילציקן סיקען פון אייזן זיך פאַרהאַלטן. פון די גרינע וואַגאָנען האָבן זיך אָנגעהויבן אַרויספּאַקן די מענער. פאַרשטויבטע, צעקנייטשטע פון דער ענגשאַפט און בלייכע פון דער היץ, מיט פּעקלעך, טייל אין שטרויענע קאַפּעלושן, טייל אויך אין יידישע היטלען, אין לאַנגע קאַפּאָטעס, האָבן זיי זיך געאיילט צוליב דער שפּעטער שעה, האָבן באַגעגנט די ווייבער מיט אַ שמייכל אין די בערד. די אין די קאַפּעלושן, האָבן זיך געקושט מיט די ווייבער, זיי גענומען אונטערן אָרעם. דאָ האָבן מיר דערזען דעם טאַטן מיט זיין געלער, לעדערנער וואַליזקע, וואָס עס האָבן געמאַכט די בערלינער דייטשן ביים פעטער אין דער פאַבריק. דער טאַטע האָט אַ קוש געטאָן די מאַמען, די שוועסטער האָט אים אַרומגעכאַפּט מיט די הענט און אים אַראָפּגעוואָרפן דעם קאַפּעלוש פונעם קאָפּ. אויך מיך האָט דער

טאַטע אָנגערירט מיט זיין קיל, קרעפטיק פּנים. און שוין איז די מאַמע געוואָרן אַנדערש.

נאָך די עטלעכע ווערטער, וואָס די מאַמע האָט פאַרטוישט מיטן טאַטן, איז אונדז קלאָר געוואָרן, צוליב וואָס די מאַמע האָט זיך גע־ ענדערט. איר קאָפּ האָט זיך באַלד ווי איינגעבראָכן און זי איז ווי איינגעפאַלן.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ביים אָוועקפאָרן האָט איר דער טאַטע צוגעזאָגט צו ברענגען אַהער דעם ברודער. די מאַמע האָט אַפילו פאַר אים צוגעגרייט אַ ווייס העמד און געמאַכט פאַר אים אַ געלעגער נעבן דעם קעכל אויף אַ טאַפּטשאַן.

דער טאַטע האָט מיט כעס גערעדט וועגן ברודער, ווי ער האָט געוואָרט אויף אים, און שוין האָט די מאַמע גערעדט מיט טרערן:

— ווי קאָן איך לעבן... די וועלט איז אַזוי שיין... אַזעלכע ליכטיקע טעג... איך האָב געמיינט, ער וועט קומען אַהער, ער וועט זיך אויס־ רוען... אויפהערן אַרומוואָגלען... ווער ווייסט אין וועמענס הענט ער וועט אַריינפאַלן... איך האָב אים פאַרשפּילט...

דער טאַטע האָט זי נאָך אַלץ געוואָלט באַרויִקן. ער האָט זי נאָך אַלץ פאַרזיכערט מיט גוטע רייד, אַז ער האָט געוואָרט, אַז ער האָט אים געגעבן געלט, אַז ער האָט גערעדט צו אים, אָבער דאָס האָט נישט געהאָלפן.

מיר האָבן דאָס מאָל אויסגעמיטן דאָס יידישע שטעטל, וואָס איז געלעגן אין דער אונטן־טונקלקייט, פון וועלכער עס האָבן אַרויסגעפינקלט די שבת־ליכט.

מיר זענען געגאַנגען דורך דאָרפישע געסלעך, ווו טונקעלע שאָטנס האָבן זיך שוין געלייגט ביי די ביימער. די פּויערים זענען געזעסן אויף די שוועלן, רויִק און פרום געקוקט אויף אונדז. אומעטום זענען אונדז אַנטקעגנגעקומען פּוילע קי, האָבן זיך געריבן אין די פּלויטן, זיי האָבן געבערעוועט און ווייט געקוקט אין דער וועלט.

דער טאַטע האָט זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט אַראָפּגענומען דעם הוט. האָט מעכטיק אַן אָטעם געטאָן און געזאָגט:

— אַ... ס׳איז דאָ גוט...

ער האָט מער נישט געוואָלט רעדן וועגן ברודער.

— ס׳וואָלט געקאָנט זיין גוט... — האָט די מאַמע מיט אַ קרעכץ

גענטפערט. זי האָט זיך פּלוצלינג צוגעשפּאַרט צו אַ בוים און זיך שטיל צעוויינט.

דער טאַטע איז געשטאַנען מיטן הוט אין דער האַנט. זיינע גראָע אויגן זענען קאַלט געוואָרן, אַזוי ווי שטענדיק, ווען עס האָט זיך גע־האַנדלט וועגן דעם ברודער. ער האָט געזאָגט:

— וואָס איז... איז ער טאַקע מער ווערט פון אונדז אַלע... וועט טאַקע קיין מאָל ביי אונדז קיין רו נישט זיין צוליב אים...

ער האָט זיך אויסגעגלייכט און געמאַכט אַ טריט אויף צוריק. די מאַמע איז פאַרציטערט געוואָרן. מיר האָבן מורא געהאַט, אַז דער טאַטע זאָל צוריק אַוועקפאָרן. זי האָט אַרויפגעלייגט דעם קאָפּ אויף זיין אַקסל און שטיל, מיט שרעק, גערעדט:

— קום... איך וועל מער נישט רעדן... פאַרשטער נישט... פאַרפאַלן...

מיר זענען אַלע טרויעריק געגאַנגען. דער טאַטע האָט די מאַמע כמעט געטראָגן אויפן אַקסל, אַזוי זענען מיר געקומען אַהיים.

עס איז שוין געווען טונקל. דאָס בלאָנדע שיקסל וואָס איז געבליבן מיטן קינד אין דער היים, האָט זיך מיט דעם געשפּילט פאַרן הויז. דאָס קינד האָט קוועלנדיק געלאַכט. דער טאַטע האָט עס געכאַפּט אויף די הענט און דאָס קינד האָט, העשנדיק פון פרייד, אַרומגעכאַפּט זיין האַלדז. עס איז געווען שטיל און טרויעריק. די מאַמע האָט שטיל גע־בענטשט ליכט. קאַלירטע פליגן און זשוקעס האָבן זיך אַנגעטראָגן דורך די אָפענע פענצטער, געקרייזט אַרום די ברענענדיקע ליכט. די נאַכט האָט געשאַרט אַזוי ווי זייד. די שוועסטער האָט שטיל געלייענט און דער טאַטע איז געזעסן פאַרקלערט.

דאָס קינד איז שוין געשלאָפן.

מיר איז געווען טרויעריק אויפן האַרץ. איך האָב געקלערט מיט מאַטערניש וועגן מיין ברודער, פאַר וואָס ער איז אַזוי שלעכט און אַזוי פרעמד. ווען איך וואָלט געהאַט כוח אים צו ברענגען אַהער, צו דער מאַמען, רעדן צו אים און אים גוט צו מאַכן, אים דערציילן ווי גוט דאָ איז. איך וואָלט געגאַנגען מיט אים איבערן פעלד, צום וואַלד, איך וואָלט נישט מורא געהאַט מיט אים. מיר וואָלטן ביידע געווען שטענדיק צוזאַמען. איך בין צוגעגאַנגען צו דער אָפענער טיר און געקוקט ווייט אין דער נאַכטיקער טונקלקייט. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָרט, אין דער שרעקיקער ווייט וואָגלט אַרום מיין ברודער. עפּעס געשעט

מיט אים שלעכטס, עפעס יאָגן אים טונקעלע, בייזע שאָטנס. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז מען דאַרף לויפן אין דער ווייט העלפן אים און שיצן. אַ שווערער, ווייטיקלעכער קנויל האָט זיך אויפגעהויבן צו מיין האַרץ און טרערן האָבן אָנגעפילט מיינע אויגן. מיט אַ מאָל האָב איך דערפילט אַ וואַרעמע פייכטקייט אויף מיינע פינגער און אַ הייסער אָטעם האָט מיך אַ ברי געטאָן. אַ ציטער האָט זיך איבערגעגליטשט איבער מיין פלייצע און איך האָב דערזען נעבן זיך דעם הונט אַגאַי, ער האָט געקוקט אויף מיר מיט זיינע גרינע, וואָסערדיקע אויגן און פאַרריסן צו מיר זיין ראָזלעכע פייכטע נאָז. איך האָב זיך אַראָפּגעלאָזן צו אים, אַרומגענומען זיין וואַרעמען, ווייכן האַלדז, און שטיל אַריינגעוויינט אין זיין וואַרעמער, ציטערדיקער פעל.

*

שוין דער ערשטער פרייטיק־צו־נאַכטס איז געווען אַ פאַרשטערטער. אין שטוב איז געלעגן אַ פאַרקלעמטקייט, וואָס כ'האָב אַזוי גוט געקענט פון וואַרשע, ווען דער טאַטע האָט געוואָלט פועלן ביי דער מאַמען, אַז מיין ברודער איז פאַרלוירן, אַז פון אים וועט שוין גאָרנישט אַרויסקומען, אַזוי אויך דאָ, אין דעם שיינעם, גליקלעכן אָוונט, האָט זיך ווידער צעגאָסן די אָנגעגליטע קוועל, וואָס האָט אונדז אַלע אַזוי געדריקט.

די מאַמע האָט שוין נישט אויפגעהערט וויינען, כאָטש זי האָט דאָס געוואָלט פאַרהוילן פאַרן טאַטן, אָבער ווי עס זעט אויס, איז דער טאַטע געווען זייער אויפגעשטורעמט. מיר האָבן אַלע געשוויגן, ווי מיר וואָלטן מורא געהאַט, עס זאָל נישט עפּעס געשען.

איך בין אַליין געזעסן אויף די טרעפּלעך פאַרן הויז, און געקוקט אין דער ווייט... אין דער פינצטערניש האָט אַליין באַקומען אַזאַ געהיימנישפולע שטרענגקייט. מיר האָט זיך אַליין געדאַכט, אַז באַלד וועט מען אונדז אָנזאָגן אַ שרעקלעכע בשורה.

דער טאַטע איז לאַנג געזעסן און געקוקט אויפן שלאָפנדיקן קינד. ער האָט עס צוגעדעקט און צאַרט געגלעט איבער די צעוואָרפענע הענטלעך.

נאָך אַ לאַנגן שוויגן ביים טיש האָט דער טאַטע, ווי אַלע מאָל, אַרויסגעזאָגט ביטערע ווערטער וועגן דעם ברודער. די מאַמע האָט נישט

געוואָלט נאָכגעבן, אַז דער ברודער איז גאָרנישט ווערט. ביי זיינע צוועלף יאָר איז ער פאַר איר געווען אַ פּיצל קינד. זי האָט אים. זעט אויס, משוגע ליב געהאַט, אפשר דעריבער טאָקע, וואָס זי האָט צוליב אים אַזוי פיל געליטן.

— ער איז ווילד... אָבער ער וועט ווערן אַנדערש... — האָט זי יעדן געזאָגט — ער איז נישט פאַרלוירן... ער האָט אַ האַרץ...

היינט האָט זי שוואַך געגלייבט אין דעם און האָט געזוכט וועמען דערין צו באַשולדיקן. זי האָט געפונען עפּעס צוליב וואָס דער ברודער איז אַרויף אויף אַ שלעכטן וועג: דער טאַטע איז שולדיק, ער האָט פון סאַמע אָנהייב געוואָרפן אויף אים אַן אומחן.

דער טאַטע האָט איראָניש געלאַכט. ער האָט געהאַט עפּעס אַ חשד, אַז מיין ברודער איז געראָטן אין עמעצן פון דער מאַמעס משפחה, וואָס איז ערגעץ אין ווייטע שטעט פאַרפאַלן געוואָרן אויף אַ משונהדיקן אופן.

מען האָט זיך געלייגט, אָבער קיינער איז, דוכט זיך, נישט געשלאָפן. מען האָט זיך מיט שרעק צוגעהערט צום ווייטן בילן פון די הינט און צו יעדן רעש אין דער שטילקייט פון דער נאַכט.

10

איך בין געלעגן אויף מיין בעטל, און ווידער האָט מיין האַרץ געקלאַפּט און געריסן מיט ווייטיק צוליב מיין ברודער. איך האָב נישט געקאָנט איינשלאָפן און האָב געהערט ווי די מאַמע איז אַלע מאָל אַראָפּ פונעם געלעגער, געגאַנגען צו דער פאַרמאַכטער טיר, זיך צוגעהערט צו דעם דרויסן און געקרעכצט.

דער מאַמעס שרעק האָט זיך אויף מיר איבערגעגעבן. ווידער האָט זיך אין דער שטוב אַריינגעקליבן דעם ברודערס שלעכטער גייסט און ער האָט ווי אַ בייזע האַנט צוגעדריקט די יום־טובדיקייט פון דעם ביינעם לעבן. איך האָב זיך קוים איינגעהאַלטן אויפצושפּרינגען מיט אַ געשריי. איך בין אַפילו בייז געווען אויף דער מאַמען, פאַר איר געטרייקייט און ליבע צום ברודער:

— פאַר וואָס... פאַר וואָס טוט ער אונדז אַזוי פיל שלעכטס...

איך וואָלט זיך, דאַכט זיך, איצט אויף אים אַרויפגעוואָרפן און אים צעדראַפּעט מיט די נעגל, געריסן פון אים שטיקער.

איך בין געלעגן און זיך איינגעהערט אין דער שטילקייט און מיר

האָט זיך געדאַכט, אַז עפּעס אַ באַהאַלטן לעבן ריזלט אין דער נאַכט. אין מיין געהער האָט זיך אָפּגעשלאָגן יעדער שאָרך. איך האָב געהערט ווי די שטיפנדיקע ווינטלעך האָבן צעשאָקלט די ביימער אונטערן פענצ־טער. איך האָב געהערט דרימלענדיקע טענער, ווי די נאַכט וואָלט גערעדט פון שלאָף. ערגעץ האָט געסקריפּעט אַ וואָגן, ערגעץ האָט געבילט אַ הונט. איך האָב געהערט דעם אומרויִקן אָטעם פון אונדזער הונט אַגאַי, וואָס איז איצט געווען פרעמד און געהיים פאַר מיר.

פלוצלינג האָט זיך דערהערט דער מאַמעס געשריי:

— ניין, כ׳קאָן מער נישט אויסהאַלטן... איך וועל לויפן... אים זוכן... ווער ווייסט, וואָס מיט אים איז געשען...

דער טאַטע האָט זיך אויפגעוועקט. איך האָב געהערט ווי די שוועס־טער איז געלאָפן צו דער מאַמען. מען האָט אָנגעצונדן אַ לאָמפּ. איך בין אַראָפּ פונעם בעט. דער מאַמעס אויגן זענען געווען אויפגעריסן און צעמישט, די שוועסטער האָט זי אַרומגעהאַלטן. די מאַמע האָט זיך געריסן ווי צו לויפן זוכן מיין ברודער. דער טאַטע האָט געשריגן, ווי קיין מאָל נישט. ער איז געווען האַלב אָנגעטאָן און איך האָב מורא געהאַט, ער זאָל נישט אָוועקגיין פון שטוב. מיט אַ מאָל האָט זיך דאָס קינד אויפגעוועקט מיט אַ צעריסן געשריי און די שוועסטער האָט עס גענומען אויף די הענט. דאָס קינד האָט נישט אויפגעהערט צאַפּלען. די שוועסטער האָט זיך צעוויינט. דעמאָלט האָט דער טאַטע גענומען דאָס קינד פון וויגל. ער האָט עס צוגעטוליעט צו זיין ברייטער ברוסט, עס געקושט און געצערטלט, געהוידעט אויף זיינע ברייטע, שטאַרקע הענט, ביז וואַנען דאָס קינד איז שטיל געוואָרן און צוריק אָנגעהויבן דרימלען. דער טאַטע האָט געהאַלטן דאָס קינד אויף איין האַנט, מיט דער צווייטער האָט ער אַרומגענומען די שוועסטער. די מאַמע איז געשטאַנען ביי דער טיר אַרומהאַלטנדיק דעם קאָפּ.

פון דעם גערודער אין שטוב האָט מען פריער נישט געהערט ווי אונדזער הונט אַגאַי האָט זיך מיט אַ מאָל שטאַרק צעבילט. ער האָט זיך איצט געוואָרפן הינטער דער טיר. ער האָט זיך געריסן, ווי עמעצער וואָלט אים גערייצט. מען האָט דייטלעך דערהערט טריט, ווי מען וואָלט געלאָפן.

אַלע האָבן זיך צוגעהערט און דער טאַטע האָט געזאָגט:

— עס פעלט נאָך... מען זאָל מיינען, אַז מען שלאָגט זיך דאָ ביי אונדז...

אָבער די מאַמע איז געשטאַנען מיט אָנגעשפּיצטע אויערן און זיך איינגעהערט אין דעם גערודער אַרום דעם הויז. אויך דער טאַטע האָט זיך אויפגעשטעלט און אַריינגעלייגט דאָס קינד אין וויגל. איך האָב געציטערט פון איבערראַשונג.

מיט אַ מאָל האָט מען דערהערט דעם ראַשיקן אָטעם פונעם הונט נעבן דער טיר. עס האָבן אָפּגעקלונגען נאָענטע טריט און שטימען. דער טאַטע האָט זיך אָנגעטאָן און צוגעגאַנגען צו דער טיר. די מאַמע האָט זיך געשטעלט נעבן אים.

אין דער מינוט האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין דער טיר, פון דער צווייטער זייט, אין דער קיך, וווּ איך בין געשלאָפן.

דער טאַטע איז צוגעלאָפן צו דער טיר און מיט אַ מאָדנער קרעפטיקייט אין דער שטים אַ פרעג געטאָן:

— „קטאָ טאַם"... ווער איז...

און מיר האָבן דערהערט דעם גאָספּאָדאַזשס שטים:

— „טאָ יאַ"... דאָס בין איך... דער גאָספּאָדאַזש... עפּעס אַ כלאָפּאַק דרייט זיך דאָ אַרום... ער פרעגט זיך צו אייך... ער זאָגט... אַ זון...

— נאַ... אָט האָסטו דעם זון... — האָט דער טאַטע אַ זאָג געטאָן, און געעפנט די טיר. אַ שמעקנדיקע פרישקייט האָט זיך אַריינגעריסן.

די מאַמע האָט אַ לויף געטאָן פאָרויס, זי האָט זיך אינעם טונקל מיט וועמען געאַמפּערט, דער גאָספּאָדאַזש האָט כסדר גערעדט און דערציילט:

— איך האָב אים באַלד דערזען... דער הונט האָט זיך אַ וואָרף געטאָן... וואַרט, זאָג איך, אָגאַי... אַ ייִנגל... נאָך אַ „דזשעציאַק"... אפשר פאַרבלאָנדזשעט... סטאַי, זאָג איך... ער אַנטלויפט נישט... איך בין זאָגט ער, געקומען פון וואַרשע מיט דער לעצטער באַן... שפּעט... געבלאָנדזשעט...

דער טאַטע האָט מכבד געווען דעם גוי מיט אַ פּאַפּיראָס, און איז באַלד אַוועק שלאָפן, כדי צו ווייזן דערמיט, אַז ער וויל נישט זען דעם ברודער, ער האָט אויך געבעטן די שוועסטער, זי זאָל גיין שלאָפן, נאָר איך בין שוין שלאָפן נישט געגאַנגען. איידער די מאַמע האָט אַריינגעפירט דעם ברודער אין קיך אַריין, האָט זיך שוין אין דער אָפענער טיר

געגומען בלייכן. פון איין זייט האָט זיך ווי אויפגעהויבן אַ פאָרהאַנג און אַ יונגע קילע בלויקייט האָט געעפנט די וועלט.

איצט האָט די מאַמע אַריינגעפירט דעם ברודער. ער איז געווען פאַר־שטויבט און אָפּגעריסן. אַ פרעמדקייט איז געגאַנגען פון אים. מען האָט נאָך אַלץ געהערט ווי די מאַמע האָט געדאַנקט דעם גאָספּאָדאַזש און יענער האָט כסדר גערעדט וועגן דעם, אַז דער כלאָפּאָק איז „אָדוואָזשנע”... אַ דרייסט ייִנגל... אַזעלכער וועט שוין נישט פאַרפאַלן ווערן... אַהאַ...

דער ברודער האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן מיט אַ פאַרקרימטן שמייכל, ער האָט זעט אויס געוואָלט מיר עפּעס זאָגן און האָט נישט געפונען וואָס. אויך איך האָב געוואָלט עפּעס אַ געשריי טאָן, אים זאָגן ווי ער מאַטערט אונדז, אָבער איך האָב מיט אַ מאָל דערפילט אַ גרויסע פרייד, וואָס ער איז שוין דאָ מיט אונדז.

די מאַמע האָט אים גיך אויסגעבעט, זי האָט געברענגט אַ ליילעך, איך האָב געהערט, ווי זי האָט אַלץ פאַרזיכערט דעם טאַטן, אַז זי האָט געפילט, אַז ער איז ערגעץ דאָ, נאָענט, אַז זי האָט געדרימלט און גע־זען אין חלום, ווי „דאָס קינד בלאָנדזשעט אַרום אין די פעלדער”. דער טאַטע האָט געלאַכט און חוזק געמאַכט.

דערנאָך האָב איך געהערט דורכן דרימל ווי די מאַמע האָט געוואַשן דעם ברודער, אים איינגעדעקט, גערעדט צו אים. איך בין איינגעשלאָפן מיט אַ פול האַרץ טרויער, כאָטש ערגעץ אין מיר האָט אויך געצאַפּלט אַ פרייד דערפון, וואָס אויך מיין ברודער וועט דאָ זיין.

*

ווען איך האָב געעפנט די אויגן האָט אַ בלוי־גאָלדיקע ליכט אַ קלאַפּ געטאָן דורך די אויסשניטן פון לאָדן. די מאַמע איז שוין געווען אין קיך. זי האָט געהאַט גרויסע, אָנגעווייטיקטע אויגן, אָבער פון איר פנים איז אַראָפּ די צעקרימטע שרעק.

די טיר איז געווען אָפּגעשפּאַרט און עס האָט אַריינגעקוקט דער זוניקער טאָג. די מאַמע האָט מיר שטיל געוויזן מיט דער האַנט אויף דעם שלאָפנדיקן ברודער, און געזאָגט:

— זאָל ער נאָך אַ ביסל שלאָפן... ער האָט אַרומגעבלאָנדזשעט אַ גאַנצע נאַכט...

פונעם לעצטן שטיבל האָט זיך געהערט ווי דער טאַטע האָט גע־

זונגען. דאָס איז געווען עפּעס אַ געזאַנג פון אַ תפילה, וואָס ער האָט געהערט ביי די קאַווקאַזער באַרג־יידן, ווען ער האָט דאָרט געדינט אין מיליטער. עס האָט זיך אויך געהערט דאָס פּלאַפּלען פון דעם קינד, וואָס האָט זיך שוין געשפּילט מיט דער שוועסטער.

איך האָב זיך שטיל אויפגעהויבן און אַריין צום טאַטן. מיר האָט זיך שטענדיק געבענקט נאָך דעם טאַטנס נאָענטקייט, אָבער דער טאַטע האָט, זעט אויס, נישט ליב געהאַט מיין דאַרקייט. ער האָט מיר אַלע מאָל געטאַפּט די פּלייצע און מיט חוזק געפרעגט:

—וואָס ביסטו אַזוי דאַר? מען גיט דיר נישט צו עסן?

און אַלע האָבן געלאַכט.

קיינער האָט נישט געוווסט, אַז איך אַליין, אין דער שטיל, האָב געליטן דערפון, וואָס מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך בין דאַרער פון אַלע.

דערפאַר האָב איך ביים קינד געפונען אַזאַ ליבשאַפט, וואָס האָט מיך אַנגעזעטיקט, יעדעס מאָל, ווען די קליינע קילע הענטעלעך האָבן אַרומגענומען מיין האַלדז. מיר פלעגן צופאַלן צו זיך מיט צאַפּל פון פרייד און נאָר די שוועסטער האָט מיר, מיט אַ מאָדנער אייפערדיקער שטרענגקייט, געשטערט צו געניסן פון דעם קינדס זיסקייט. איך האָב געליטן דערפון, אָבער זי איז געווען שטאַרקער פון מיר.

אויך איצט האָב איך געהאַט אַ גרויסן פאַרלאַנג זיך אַנצושפּילן מיטן קינד, קוקן אין זיינע טיפע, זיידענע אויגן, אָבער די שוועסטער האָט מיך באַלד אָפּגעשטופּט מיט דעם תירוץ, אַז איך קען דעם קינד אויסדרייען אַ הענטל.

איך האָב שוין געבענקט נאָך די שטילע טעג. איך האָב נישט געוווסט ווי עס וועט איצט זיין מיט מיין ברודער, אויב ער וועט בלייבן דאָ, אויף דער זומערוווינונג. צי וועט ער דאָ אויך פאַרשווינדן, ווי אין וואַרשע.

די מאַמע האָט געזאָגט, אַז דאָ וועט ער זיך לערנען, די שוועסטער וועט אים צווייזן, ער וועט פאַרגעסן די שלעכטע חברים. דער טאַטע האָט געלאַכט און געזאָגט: „נו־נו"...

באַלד האָט מען אָפּגעטרונקען די קאַווע מיטן גוטן געבעקס, וואָס דער טאַטע האָט מיט זיך געבראַכט, און איך בין אַרונטער הינטער דער סטאַדאָלע ווו עס זענען געשטאַנען די הויכע, ווייסע, יום־טובדיקע בזשאָזעס, פאַרגאָסענע מיט זון. זיי האָבן אַן אָטעם געטאָן אויף מיר מיט דעם ריח פון האָניק. דער הונט האָט איצט צוריק באַקומען זיין

היימישקייט. איך האָב אַרומגענומען זיין שמאָלן קאָפּ און ער האָט פאַרמאַכט זיינע גרינע, וואָסערדיקע אויגן. איך האָב דערפילט, אַז דאָ איז מיין קעניגרייך, ווו קיינער קען מיר נישט שטערן ליב צו האָבן די שיינע און לעבעדיקע וועלט. ווען איך בין צוריקגעקומען אין שטוב צום מיטאָג, איז דער ברודער, אַן אויסגעוואַשענער, מיט שוואַרצע, גלאַנציקע, פייכטע, פאַרקעמטע האָר אין אַ פריש העמד און נייע שיך געזעסן אויף דער שוועל. איך האָב איצט געזען, וואָס פאַר אַ שטאַרקע, ווייסע ציין ער האָט.

ער האָט געשמייכלט און האָט אויסגעזען גאָר קינדיש.

ער האָט זיך אויפגעהויבן און צוגעגאַנגען צו מיר. מיין האַרץ האָט שטאַרק געקלאַפּט. ער האָט מיר אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויפן אַקסל און ווי פאַרשעמט געזאָגט:

— נו, ס'איז דאָ גוט... האַ?...

— יאָ, ס'איז דאָ גוט... — האָב איך געענטפערט.

— און שווימען קענסטו?... — האָט ער פלוצלינג געפרעגט.

איך האָב קיין מאָל וועגן דעם נישט געקלערט און האָב נישט געענטפערט.

ווידער זענען געקומען שטילע, ליכטיקע טעג. דער בעז איז געשטאַנען אין דער העלקייט מיט בלוילעכע, אָפענע אייגעלעך און די אַקאַציע האָט געשיט מיט ווייסע בליטן, וועמענס זיסער פאַרשיכורטער ריח האָט אָנגעפילט דעם האַלדז מיט לעבן.

די בלויע ווייטן אַרום אונדזער הויז זענען געוואָרן פאַר מיר וואָס אַ מאָל נענטער און היימישער. יעדן טאָג האָב איך אויפגענומען נייע וועגן און שטעגן, וואָס האָבן געפירט אין פאַרשידענע זייטן, גלייך ווי עס וואָלט פאַרשוווּנדן אַ נעפּל, האָבן זיך אַרויסגערוקט באַוווינטע הייזער, מענטשן און געשעענישן.

יעדן טאָג האָבן זיך באַוויזן אַלץ נייע „לעטניקעס", געקומענע פון דער שטאָט, וואָס האָבן פאַרנומען די האַלב־פּויערישע הייזלעך, איינגעהילטע אין שיטערע סאָסנע־וועלדער, צווישן טרוקענע, בלייכע זאַמד־בערגלעך און סעדער.

די דאָרפישע שטילע לײדיקייט האָט זיך אָנגעפילט מיט רעשיק לעבן.

אויך צו אונדז אין הויז, פון דער צווייטער זייט, האָבן זיך אַריינגעקליבן נייע שכנים. עפּעס אַ שוואַרץ ווייבל מיט צוויי קינדער. זיי

זענען געקומען, זעט אויס, אין אַ פֿאַרטאָג און פֿאַרנומען די צוויי קליינע שטיבלעך, וווּ עס האָט פֿריער געוווינט דער „גאָספּאָדאַזש". פֿון באַלד אין דער פֿרי האָט זיך שוין געהערט די ברייטע, וואַרשעווער, שניידנדיקע שטים פֿון דער נייער שכנה.

זי האָט געהאַט אַ מאָדנע ווייס פּנים מיט שרעקלעך־שוואַרצע האָר און שטעכיקע, אָנגעגליטע אויגן. איר מויל איז געווען דין, ווי אַ פֿאָדעם, און האָט ווי איבערגעשניטן איר ווייס, טויטלעך פּנים. די מאַמע האָט מיט איר דורכדרינגלעכקייט באַלד געזאָגט צו דער שוועסטער וועגן דער שכנטע:

— מיר האָבן געקריגן די אמתע שכנטע... מען דאַרף זיך היטן...

און באַלד האָבן מיר דערהערט אַ שפּיציק געשריי מיט אַ יום־כּיפּורדיקן ניגון. דאָס האָט די שכנה געקאָמאַנדעוועט מיטן מאַן, וואָס האָט איינגעשטעלט די זאַכן. גלייך האָט זיך אויך באַוויזן דער מאַן, אַ קינדערישער ייִד מיט אַ בלאָס בערדל, מיט קורצע, קינדערישע פּיסלעך. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַן אונטער־קאַפּאָטע מיט אַ גרויסן טלית־קטן, ווי אַ פֿאַרטעך, אין אַ קליין סאַמעטן קאַפּעלע אויפֿן קאָפּ. ער איז געלאָפֿן אויף זיינע קליינע פּיסלעך און געפּינטלט מיט די אויגן, פֿון שרעק פֿאַרן ווייב.

ביים מיטאָג האָט אונדז די מאַמע דערציילט, ווי אַזוי עס איז פֿאָרגעקומען די ערשטע באַקאַנטשאַפֿט מיט דער נייער שכנטע. דאָס ווייבל האָט געפֿרעגט די מאַמע:

— זי זענען אַ ייִדישע? טאָ פֿאַר וואָס גייען זי אין די אייגענע האָר?

די מאַמע האָט איר געענטפֿערט, אַז מען האָט אַן אייגענעם קאָפּ, דאַרף מען האָבן אייגענע האָר. די שכנטע האָט אַ קוק געטאָן אויף מיין שוועסטער און געזאָגט, אַז זי זעט גאָרנישט אויס ווי קיין ייִדיש קינד...

ביים טיש איז אויך געזעסן דער ברודער. די שוועסטער האָט אים יעדעס מאָל פֿאַרריכט דעם לעפֿל, וועלכן ער האָט שלעכט געהאַלטן אין דער האַנט און דער ברודער האָט זי געפֿאָלגט. די מאַמע איז געווען אויפֿגעלייגט. מיר האָבן געלאַכט. דאָס קינד האָט געקוקט אויפֿן ברודער מיט גרויסע אויגן פֿון פֿאַרוווּנדערונג. מיר אַלע זענען געווען באַהערשט פֿון אַ פֿריידיקער רו. די מאַמע האָט דערציילט וועגן דער שכנה, ווי אַזוי זי האָט געפֿונען אַ מיטל פּטור צו ווערן פֿון איר דערמיט, וואָס זי האָט איר געגעבן אָנצוהערן, אַז מיר זענען וויַיט פֿון ייִדישקייט, אַז ביי

אונדז איז נישט כשר. דאָס האָט, זעט אויס, געווירקט, ווייל די שכנטע האָט זיך שוין מער נישט געוויזן.

ערשט איצט האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז די שרעקלעכע שוואַרצקייט פון דעם ווייבלס האָר, נעמט זיך דערפון, וואָס זי טראָגט אַ שייטל, גע־פאַרבט מיט שוואַרצע פאַרב. דאָס מיטאָג איז אַדורך פריילעך, דער ברודער האָט אונדז דערציילט, ווי אַזוי ער האָט געוואַנדערט ביי נאַכט איבערן דאָרף, ביז וואַנען ער האָט געפונען אונדזער הויז. מיר האָבן אים נאָך קיין מאָל נישט געהערט אַזוי רעדן. ער איז געווען אי אַ קינד, אי אַ דערוואַקסענער און מיר האָבן אים ליב געקראָגן ווי אַ פרעמדן.

נאָכן מיטאָג זענען מיר געזעסן פאַר דער טיר און האָבן ווידער דערהערט דער שכנטעס שפּיציק געשריי. דער מאַן איז, זעט אויס, אַוועק־געפאָרן קיין וואַרשע, ווו ער האָט געהאַט אַ געוועלבל. ער איז געלאָפן אויף זיינע קינדערישע פיסלעך מיט אַ שוואַרץ, חסידיש וואַליזקעלע און דאָס ווייב האָט אים נאָכגעשריגן:

— זאָלסט נישט זיין קיין שלימזל... זאָלסט נישט קויפן קיין בילעט אויף דער באַן... אַלע פאָרן אָן בילעטן... זאָלסט דעם קאָנדוקטאָר נישט געבן מער ווי אַ זעקסער... אַ שאָד יידיש געלט... אַריינצושטופּן אין „פאָניע־גנב”...

דער שכנטעס צוויי פאַרשראָקענע מיידלעך, צו עטלעכע יאָר, האָבן געקוקט מיט זייערע קאַליעדיקע אייגעלעך און געלאָפן אויף זייערע קרומע פיסלעך מיט אַ יאָמער. זיי האָבן מורא געהאַט פאַר דעם הונט אַגאַי, וואָס איז געקומען זיך באַקענען מיט די נייע שכנים.

די שכנטע מיט אירע קינדער האָבן אָנגעפילט דאָס גאַנצע הייפל מיט אַ רייסנדיק געשריי:

— האַרצעדיקע מענטשן — האָט דאָס ווייבל געליאַרעמט — ס'איז דאָך אַ משוגענער הונט... ווו האָט ער מיך פאַרפירט דער שלימזל צווישן משוגענע הינט און משומדים... מען זעט דאָך דאָ נישט קיין יידן...

דער גאָספּאָדאַזש איז צוגעקומען צו אונדזער טיר. דער גוי האָט זיך געקראַצט אונטערן היטל און זיך שטיל געקלאָגט:

— נישט קיין פאַסיקע שכנים... די „פאַנסטוואָ” איז נישט פאַר אונדז... „אָושעם”... ביי מיר ווינען אַלע יאָר „סטאַראָזאַקאָנגע”... אפילו פרומע חסידישע מענטשן... גאַנץ פיין... אָבער נישט פון דעם ס'גאַל...

די מאַמע האָט פאַרענטפּערט די שכנטע פאַר דעם גוי, אַז זי איז נאָך דאָ נישט געווינט... אַז זי וועט זיך באַרויקן, און האָט אפילו געשיקט דאָס בלאָנדע שיקסל איר העלפן מאַכן פייער און צוהיטן די קינדער.

אינעם הויז, איבער אונדז אויפן ערשטן שטאָק, אין אַ קליין שטיבל, האָט זיך אַריינגעקליבן אַ קריסטין. אַ גרויסע, אַ בלאָנדע, וואָס האָט ביי מיר אויסגעזען ווי די רוסישע קייזערין, וועלכע איך האָב געזען אויף אַ בילד. זי איז געקומען מיט איר ברודער, אַ הויכן, שלאַנקן בחור פון אַ יאָר עטלעכע און צוואַנציק.

דער בחור האָט געהאַט טונקעלע, בלויע, אומעטיקע אויגן און פאַר־מעלעכע, ווי קראַנקע טריט. די קריסטלעכע שכנים האָבן זיך אַריינגע־קליבן שטיל. אַ טרעגער האָט געברענגט זייייער ביסל זאַכן און באַלד האָט זיך באַוויזן די פּרוי. זי האָט זיך פריינדלעך באַגריסט מיט דער מאַמען. דער יונגערמאַן, איר ברודער, האָט כסדר געטראָגן אַ קורץ, פוטערן פּעלצל אויף די אַקסלען. ער האָט שטיל און דיסקרעט צוגעהוסט, און אַ פאַרביסענער שמייכל איז געלעגן אויף זיינע בלייכע, טרוקענע ליפּן.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער לאַנקע, נישט ווייט פונעם הויז, און דאָ איז שוין געוואָרן זיין שטענדיקער פּלאַץ.

דאָרט אַהין האָט אים די קריסטין געטראָגן דאָס עסן. און נאָר פאַר נאַכט, ווען דער טוי האָט זיך גענומען שפּרייטן, איז ער פאַר־שוונדן פון דער לאַנקע.

שוין דעם ערשטן טאָג האָט אונדז די קריסטין דערציילט, אַז דער ברודער איז קראַנק אויף די לונגען. זי האָט אויך דער מאַמען דערציילט עפּעס אַ לאַנגע געשיכטע וועגן דעם ברודער. איך האָב נישט אַלץ אויף קלאָר פאַרשטאַנען, נאָר די שוועסטער האָט מיר ביי נאַכט שטיל און געהיימנישפול איבערגעגעבן, אַז דער קראַנקער איז אַ סאָציאַליסט. איך האָב געקוקט אויף אים מיט שרעק און אומרו און אַ מאָדנע וואַרעם געפיל האָט זיך אָנגעהויבן שפּינען אין מיין האַרץ צו דעם יונגענמאַן.

די קריסטין איז כסדר געווען פאַרנומען מיט גרייטן מאכלים פאַרן קראַנקן ברודער. זי האָט געגלייבט, אַז די מאכלים און די לאַנקע וועלן אים געזונט מאַכן. דערפאַר האָבן אירע הענט נישט גערוט און איר

פיינע, איידעלע שטים האָט אַ גאַנצן טאָג געקלונגען מיט גוטסקייט און טרייסט פאַר דעם ברודער.

איך האָב געקוקט אויף דעם קראַנקן און מיר האָט זיך פּלוצלינג אויסגעוויזן, אַז איך קאָן אים פון עפּעס אַ בילד וואָס איך האָב געזען, איינס פון די בילדער, וואָס איך האָב שוין דעמאָלט געפּרוווט קאָפּירן מיט אַ בליישטיפט. דאָס איז געווען גראַטנערס בילד פון דער פּוילישער „פּאָווסטאַניע״, ווו דער יונגער העלד קומט צוריק אויף די חורבות פון צעשטערטן הויז. דאָס בילד האָט מיך פאַרפאָלגט אין די קינדער־יאָרן. אויך מיין שוועסטער האָט אין דעם יונגן קראַנקן געזען אַ העלד און זייער פריינדשאַפט איז באַשטאַנען אין טוישן זיך מיט ביכער, וועלכע דער קראַנקער האָט געהאַט אַ סך.

די קריסטין האָט אונדז אַלע שטאַרק ליב געקראָגן פונעם ערשטן טאָג אָן. באַזונדערס מיך האָט זי ביי יעדער באַגעגעניש אַרומגענומען און איר שטראַלנדיק פּנים האָט מיר אַריינגעלויכטן אין די אויגן. זי האָט געשמעקט מיט עפּעס אַן איידעלן ריח, וואָס האָט מיך גערייצט און געשראָקן. דער קראַנקער האָט מיט מיר גערעדט פון דער וויטנס. ער האָט מיר דערקלערט, ווי אַזוי אַ לאָקאָמאָטיוו גייט אַליין, ווי אַזוי די מיל, וואָס דרייט זיך אין דער ווייט — מאָלט מעל. אָבער גיך פלעגט ער מיד ווערן צו ענטפערן אויף מיינע פראַגן, ווען איך האָב געוואָלט וויסן פון דער פּוילישער „פּאָווסטאַניע״, און ער פלעגט איינדרימלען מיט אַ בלייכן, שטילן קראַנקן שלאָף. מיין ברודער האָט זיך שוין דאָ געפונען חברים, פּויערישע יינגלעך, מיט וועלכע ער איז פאַרפאַלן געוואָרן אויף גאַנצע טעג און אָוונטן. ער האָט דאָ געהאַט צוויי זאַכן, וואָס האָבן אים פאַרכאַפּט. דאָס איז געווען דער נישט־ווייטער טייך, און דער „גרויסער״ וואַלד, וואָס האָט זיך געשוואַרצט אין דער ווייט פון עטלעכע קילאָמעטער.

*

די מאַמע האָט שוין ווידער געהאַט אָנגעווייטיקטע אויגן פון שרעק, ווייל שוין צוויי מאָל זענען שקצים געקומען דערציילן, אַז דער ברודער טרינקט זיך אין טייך. ער האָט אויפגעהערט קומען צו דער צייט צום מיטאָג, און די מאַמע איז אים שוין געלאָפן זוכן צום טייך, ווו ער האָט מיט זיינע נייע חברים, דאָרפס־יונגען, געוויזן קונצן אין שווימען.

ער האָט אָנגעהויבן אַהיימברענגען פאַרשידענע פייגל און שלאַנגען פונעם וואַלד. פון דער זון און פונעם וואַסער איז ער געוואָרן ברוין און שטאַרק. אין דער געגנט האָט מען אים שוין געקענט פאַר אַן אומדער־שראָקענעם. ער איז אָפט אַהיימגעקומען אָפּגעריסן מיט אַ צעקרעלט פּנים פון די געשלעגן מיט די פויערישע יונגען. די מאַמע האָט אָבער דאָס אַלץ פאַרהוילן פאַרן טאַטן, און ווען דער טאַטע איז געקומען אויף שבת, איז דער ברודער געזעסן מיט אונדז ביים טיש. די מאַמע האָט אפילו געפּועלט ביים טאַטן, ער זאָל ביים אַוועקפאָרן, אַזוי ווי דער שוועסטער און מיר, אויך דעם ברודער איבערלאָזן קליינגעלט, אויף „לאַדעס".

אַזוי זענען געשוומען די זומער־טעג. יעדער טאָג האָט געברענגט עפּעס נייעס. איך האָב געלעבט מיטן גאַנג פון די וואָלקנס אויפן הימל, מיטן רעגן, וואָס האָט פּלוצלינג אַ קלאַפּ געטאָן, מיט דעם ווינט, וואָס האָט זיך אָפּגעריסן פון ערגעץ, מיט דער שפּיל פון ליכט אין די פאַרנאַכטן.

איך בין געוואָרן היימיש מיט די ווייטן, וואָס האָבן שוין איצט געשמייכלט צו מיר. ווי צו אַ פריינד. אפילו די נעכט האָבן אָנגעווירן פאַר מיר זייער שטרענגע פרעמדקייט און איך בין געשלאָפן מיט אַ פולן און געזונטן שלאָף.

מיינע הענט זענען געוואָרן ברוינע און שטאַרקע, און פון מאָל צו מאָל, ווען איך האָב אַ קוק געטאָן אין שפּיגל, האָב איך געפונען אויף מיינע באַקן אַ טונקל־ראָזלעכע פאַרביקייט, וועלכע איך האָב קיין מאָל נישט געזען.

מיינע טעג האָבן זיך לאַנגזאַם איבערגעמישט, אַזוי ווי גרויסע, געדיכט־באַשריבענע בלעטער פון אַ בוך. יעדעס בלאַט האָט דערציילט עפּעס, וואָס האָט פאַרכאַפּט. אפילו די נעכט זענען געווען, ווי טונקעלע בלעטער, פון וועלכע עס האָבן אַרויסגעלויכטן נייע פריידיקע אַנטפּלעק־קונגען. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס בוך איז נאָר פאַר מיר גע־שריבן געוואָרן און די בלעטער וועלן זיך אַזוי מישן אייביק אָן אַ סוף.

אונדזער שטוב האָב איך ווינציק געזען. מיין שטוב איז געוואָרן דער דרויסן, די אָפענע וועלט. יעדע צייט פונעם טאָג האָט געברענגט אַ נייע איבעררעשונג.

מיר האָבן איצט געלעבט, יעדער פון אונדז, מיט זיין באַזונדער לעבן.

מיין קליין ברודערל איז שוין איצט אַרומגעלאָפן אויף זיינע ברוינע, קרעפּטיקע פיסעלעך, אין זיינע קליינע ווייסע שיכעלעך, וועלכע איך האָב אַזוי ליב געהאַט צו האַלטן אין דער האַנט, צולייגן צום פּנים, אַריינקוקן אין דער טונקלקייט, ווו עס איז געווען אויסגעטרעטן די לע־בעדיקע פולקייט. מיך פלעגט אַרומנעמען אַזאַ צאַרטקייט, אַז ווען קיינער האָט נישט געזען האָב איך אַריינגעאָטעמט דעם ריח פון די שיכלעך.

דאָס בלאָנדע שיקסל אַניעלקאַ האָט צוגעכאַפּט דאָס קינד אויף גאַנצע טעג. די גראָע רוסישע קאָלדרע, וואָס דער טאַטע האָט געבראַכט פון קיִעוו, איז געווען אויסגעשפּרייט הינטערן גאָרטן, אויף דעם וואַרעמען זאַמד, צווישן די אַלטע סאָסנע־ביימער, צו וועלכע עס איז געווען צו־געבונדן דער האַמאַק. דאָ האָט אַניעלקאַ גאַנצע טעג פאַרברענגט מיטן קינד. פון דאָרט האָט מען געהערט די פריילעכע פלוידערייען פון ביידע: אַניעלקאַס לידלעך און דעם קינדס אנטציקטע געלעכטער, ווען אַניעלקאַ האָט אים געזעצט רייטנדיק אויף דעם הונט אַגאַי, וואָס האָט נישט גע־וואָלט פון זיי אָפּטרעטן.

די מאַמע האָט געוואָלט, אַז דאָס קינד זאָל זיך אָנזעטיקן מיטן דרויסן, מיט דער זון:

— ער וועט האָבן גענוג דעם ווינטער אין דעם „פינצטערן גרוב״...

דאָס האָט זי געמיינט די טונקעלע דירה.

אַזוי ווי אין שטאָט, האָט דער ברודער אָנגעהויבן פאַרשווינדן אויף גאַנצע טעג, ביז אין דער טיפער נאַכט אַריין. עס האָבן שוין אויך דאָ אָנגעהויבן קומען באַקלאָגונגען אויף אים פון דאָרף און פונעם שטעטל. ער האָט באַקומען אַ חבר, דעם שגץ מאַרצעל, פאַר וועלכן דאָס גאַנצע דאָרף האָט מורא געהאַט. מאַרצעל האָט אים כּסדר געוואָרפן פון שטוב מיט אַ שניידיקן פייף, פון וועלכן די מאַמע איז בלאַס געוואָרן. זי האָט מיר און דער שוועסטער אָנגעזאָגט, אַז מיר זאָלן וועגן דעם נישט דער־ציילן דעם טאַטן. איך אָבער האָב דעם ברודער ווינציקער געטראָגן אויפן האַרץ, ווייל איך אַליין האָב איצט געהאַט מיינע סודות און איבער־לעבונגען, וואָס האָבן מיך פאַרשלונגען.

די שוועסטער איז אַממיינסטן געזעסן נעבן דעם קראַנקן „פּאַן קאַראָל״, דער שכנטעס ברודער. זי האָט אים געלייענט אויפן קול ביכער, אָדער ער האָט איר דערציילט די געשיכטע פון פוילן, וועלכע מען האָט דעמאָלט נישט געטאָרט הערן. די מאַמע איז צוליב דעם געווען דער־

שראַקן און געזוכט אויף די ביכער, וואָס דער „פאַן קאַראַל״ האָט דער שוועסטער געגעבן צו לייענען — די דערלויבעניש פון דער רוסישער צענזור.

איין מאָל איז צו אונדז אַריינגעקומען די קריסטלעכע שכנטע און האָט געזאָגט צו דער מאַמע:

— אָט... שוין נישט לאַנג... מיין ברודער וועט זיכער שטאַרבן... דעם „יעשיען״... ער זאָגט אַליין... ער פילט... מען דאַרף צוגרייטן...

זי האָט דאָס געזאָגט, שפּילנדיק זיך מיט די קרעלן, וואָס זי האָט געטראָגן אויפן האַלדז.

מיין שוועסטער האָט אַ צאַפּל געטאָן און זיך האַסטיק צעוויינט.

פון דעמאָלט אָן האָט די מאַמע אָנגעהויבן שטערן דער שוועסטער צו זיצן נעבן דעם קראַנקן. די שוועסטער האָט אָפט מיך געשיקט מיט די ביכער צו אים. ער האָט געקוקט אויף מיר מיט זיינע אָנגעגליטע אויגן, און פאַרטראַכט געפרעגט:

— האָסט ליב פּוילן?

און ער האָט זיך געטוליעט צו זיין פעלצל אויף דער פּלייצע.

איך האָב נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן. איך האָב געוואָלט אַוועק־גיין. דער קראַנקער האָט געזאָגט:

— דיין שוועסטער האָט ליב פּוילן... זי איז אונדזערע...

עפּעס אַן אומרו האָט זיך אויפגעהויבן אין מיר. מיר האָט זיך גע־דאַכט, אַז אויף מיין שוועסטערס שטראַלנדיקער ווייסקייט האָט זיך גע־לייגט עפּעס אַ שאָטן.

*

אין די זומער־טעג זענען מיר צום ערשטן מאָל פאַרגאַנגען די ריחות פון לעבן, וואָס זענען געקומען פון מיין בלוט, פון מיין לייב.

זיסע אומרוען און האַרץ־קלאַפּעניש, פון וועלכע איך האָב קיין מאָל ביז איצט נישט געוווּסט, וואָס האָבן מיך געטריבן אַוועקצוגיין, איינער אַליין אין דער וויַיט, דריקנדיקע רעגונגען, וואָס האָבן פאַרנומען מיין געדאַנק, און איך האָב געזוכט פאַר זיי אַ פאַרענטפערונג.

עס האָט ווי אַריינגעשטראָמט אין מיר אַ וואָג און אַ מאָס, וואָס איך האָב קיין מאָל נישט געהאַט און מאָמענטנווייז האָב איך נישט דער־

קענט מיין אייגן לייב, וואָס האָט באַקומען אַן אויסגעצערטלטע, קעלט־לעכע שטייפקייט.

וואָס אַ טאָג איז דאָ אַלץ באַוווינטער געוואָרן פון זומער־געסט, און איך האָב וואָס ווייטער אָנגעהויבן אַרויסגיין פון אונדזער הויף, אויף די גרויסע וועגן צום „גרויסן״ וואַלד, צום וואַסער און צום שטעטל. די וועגן זענען פאַר מיר געוואָרן נאָענט און היימיש.

איך האָב שוין איצט אויך געהאַט חברים, יינגלעך און מיידלעך, מיט וועלכע איך בין געגאַנגען אויף די ווייטע שפּאַצירן. די מאַמע האָט מיך נישט איין מאָל באַדאַרפט לאַנג רופן און זוכן.

איך האָב שוין איצט מער נישט געלעבט בלויז מיט די געשעענישן פון דער שטוב. אומעטום האָט אויף מיר געוואַרט עפּעס, וואָס האָט גע־שראָקן, גערופן און געלאָקט. אַפילו דאָס קינד האָט מיך נישט געקענט פאַרהאַלטן. איך האָב זיך אָנגעשפּילט און אָנגעזעטיקט מיט אים און זיך אָפּגעריסן פון זיינע וואַרעמע הענטלעך, וואָס האָבן זיך געקלאַמערט אין מיר.

צווישן מיר און דעם קינד איז אויך אויסגעוואַקסן דאָס בלאָנדע שיקסל אַניעלקאַ, וואָס האָט מיט זיך פאַרשטעלט דאָס קינד, און אַליין צוגעפאַלן צו מיר מיט אַ פּלוצלינגן משוגענעם חשק מיך צו צערייסן. זי האָט מיך, אין אַן אומזיניקער פאַרטראַגנקייט, געדריקט צו זיך, צו דער מאָדנער שטייפער ווייכקייט פון איר שלאַנקן, האַלב־קינדישן קערפּער. און שיצנדיק זיך פון איר אָנגרייפערישן כוח, האָבן מיינע הענט זיך אָנגעשלאָגן אין די גלאַטיקע בערגעלעך פון איר שפּראָצנדיקער ברוסט, אין דער ווייכקייט פון איר שויס, פון וואַנען עס איז אויף מיר געגאַנגען אַ שיכורע מידקייט.

עס האָט אויסגעזען ווי זי וואָלט געשיצט דאָס קינד און מיך נישט צוגעלאָזט. און איך האָב אָנגעהויבן טיילן מיין צערטלעכקייט צווישן דעם קינד און אַניעלקאַן.

11

אין די טעג איז אויך אויפגעשטיגן אין מיר אַ גרויסע, צאַפּלדיקע נייגעריקייט צו פרעמדע שטובן.

אַממיינסטן האָט מיך געצויגן צום קעגנאיבערדיקן ווייסן הויז, ווו עס האָט געוווינט די פריילעכע פאַמיליע ווייס. דאָס איז געווען אַ פאַנ־

טאַסטישע שטוב פון צירק־אַקראָבאַטן. זיי זענען געקומען ערגעץ פון אונגאַרן מיט צוויי זעכצניעריקע זין, אַ צווילינג, און אַ מיידל פון אַ יאָר עלף, וואָס האָט געהייסן יודיט.

יודיט האָט אויך געאַרבעט אין צירק. זי האָט געטאַנצט, געשפּרונגען און געזונגען. די פאַמיליע ווייס איז דאָ אין פּוילן געווען ווילד־פרעמד. מען האָט זיי גערופן: די „קונצנמאַכערס״ און מען האָט מורא געהאַט פאַר זיי, ווי פאַר ציגיינער.

ווייס איז געווען אַ גרויסער, שוואַרצער, מיט אַ סך גאָלדענע סיג־נעטן אויף די פינגער. ער האָט לאַנג געמשלט, אַז ער איז אַ ייד. ער האָט געוויזן אַ טלית, אָבער קיינער האָט אים נישט געוואָלט גלייבן.

די קליינע יודיט איז געוואָרן מיין חברטע. זי איז אַריינגעקומען צו אונדז אין שטוב. די מאַמע האָט זי זייער ליב געקריגן און איך בין געקומען צו זיי, ווו די ברידער אירע האָבן גאַנצע טעג געאַרבעט, אויפ־געשטעלט פאַרשידענע, פאַנטאַסטישע קאָנסטרוקציעס, פון האָלץ, דראָט און לעדער, און זיי זענען געשפּרונגען ווי פייגל איינער איבערן אַנדערן.

דער שוואַרצער טאַטע האָט געקלאַפּט מיט אַ שטעקן און זיי אונטער־געיאָגט, געשריגן אויף זיי אויף אַ מאָדנער שפּראַך, ווי ער וואָלט געניסט מיט ווערטער.

צום ערשטן מאָל האָב איך געזען ווי די קליינע יודיט האָט אַרויפ־געקלעטערט אויף אַ דראָט. זי איז געווען אָנגעטאָן אין ווייסן און האָט אויסגעזען ווי אַ ריזיקע ליאַלקע. אירע שטאַרקע, ווייסע פיס האָבן זיך געקלאַמערט אינעם דראָט און מיר האָט דאָס האַרץ געקלאַפּט פאַר שרעק, זי זאָל נישט אַראָפּפאַלן. זי איז אָבער נישט אַראָפּגעפאַלן, אָט איז זי געבליבן הענגען מיטן קאָפּ אַראָפּ, אָט האָט זי זיך אַ וואָרף געטאָן, פאַר־רייסנדיק דעם קאָפּ און מיט אַן אויפגעהויבענער האַנט, געבליבן שטיין, שטראַלנדיק מיט אירע גרויסע ווייסע ציין, און מיט אירע שוואַרצע, ווי בייע ליאַלקע־אויגן.

אָט איז זי געגאַנגען אויף אַ דינעם דראָט, מיט אַ ווייסער פּאַראַ־סאָלקע אין דער האַנט, שפּילנדיק מיט אירע ווייסע, לייכטנדיקע קני.

— איך האָב אַזוי מורא געהאַט... זאָלסט נישט אַראָפּפאַלן... — האָב איך איר געזאָגט.

— אַראָפּפאַלן טאָר מען נישט... — האָט זי מיר שטענדיק געענט־פערט — דער טאַטע וואָלט אויף מיר געשריגן...

זי האָט גענומען די גיטאַרע און אַרויסשטעלנדיק איר ברייט־געז־שניצטן פוס פאַר זיך, האָט זי אָפּגעזונגען אַ ליד.

מיר האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז זי איז נישט קיין מענטש, נאָר עפּעס אַ פויגל פון אַ ווייטן וואַלד. אָבער זי האָט מיך אַ גלעט געטאָן מיט איר ווייסער, שטאַרקער האַנט. זי האָט מיך אַריינגעפירט אין זייער שטוב. זי האָט מיר געוויזן אירע גאָלדענע און זילבערנע קליידלעך, גאָלדענע שיכלעך, רויטע און בלויע שטיוועלעך, אין וועלכע זי „שטעלט פאַר" אין צירק.

איין מאָל, ווען זי האָט מיר געוויזן אירע קליידלעך, האָט זי זיך אין איין מינוט אויסגעטאָן, און געבליבן שטיין נאַקעט. איך האָב זיך דערשראָקן פאַר איר ווייס־ראָזער מעכטיקייט. איך האָב מיט אַ מאָל דערפילט, אַז מען טאָר דאָס נישט זען.

יודיט האָט אַ נאַקעטע געלאַכט און געטאַנצט. מיך האָט באַשלאָגן אַ שרעק און אַ שאַנדע. איך האָב געוואָלט אַנטלויפן, אָבער יודיט האָט מיך אַרומגעכאַפּט און האַלטנדיק מיך אין אירע דיקע און שטאַרקע הענט, האָט זי מיך גענומען קושן און דריקן צו זיך.

פון דעמאָלט אָן האָב איך זיך נישט געקאַנט אָפּרייסן פון איר, און יעדעס מאָל האָבן מיר זיך באַהאַלטן און זיך געקושט.

ביי די אַקראָבאַטן ווייס אין שטוב האָט זיך פאַר מיר געעפנט גאָר אַ נייע וועלט. איך האָב נישט גוט פאַרשטאַנען זייער שפּראַך, וואָס איז געווען אַ געמיש פון אַ סך שפּראַכן. זיי האָבן גערעדט דייטש, געמישט מיט אונגאַריש און פּויליש, מיט טשעכיש און רוסיש.

קיין מוטער האָט יודיט נישט געהאַט. זי האָט מיר אַ מאָל דערציילט אַ לאַנגע געשיכטע פאַר וואָס זי האָט נישט קיין מאַמע, אָבער איך האָב נישט אַלץ פאַרשטאַנען. איך האָב נאָר פאַרשטאַנען, אַז די מאַמע איז אויך געשפּרונגען, אַז זי איז ערגעץ געבליבן. יודיט האָט אַלע מאָל צוגעלייגט איר גרויסע ווייסע האַנט צום האַרץ און אירע אויגן זענען געוואָרן אָנגעפּילט מיט שרעק און טרויער.

דער פאָטער ווייס האָט אַ סך מאָל אָנגעטאָן אַ ווייס, קורץ טליתל, ווי אַ טיכל, אויפן האַלדז מיט קליינע תפילין, ווי שפּילעכלעך, און גע־דאַוונט פון אַ קליין סידורל מיט גאָלדענע קאַנטן. אַלץ וואָס זיי האָבן געטאָן איז געווען אַנדערש ווי ביי אונדז. זיי האָבן אַנדערש געגעסן און געטרונקען און מיר האָט פאַרשמעקט זייער לעבן. טייל מאָל האָבן זיי

זיך אַלע אויסגעלייגט אויף אַ רויטער פּוכיקער קאָלדרע, און האָבן שעהענווייז גערוט אָן באַוועגונג. יודיט האָט מיר דערציילט וועגן אירע וואַנדערונגען, ווי זי איז געפאָרן איבער די צירקן, וועגן שטעט און וועגן צווישן הויכע בערג און טייכן. זי האָט מיר דערציילט וועגן אונגאַרן, געזונגען לידער און געשפּילט אויף דער גיטאַרע.

מיר האָבן אָפּגערעדט, אַז איך וועל אויך ווערן אַ קונצנמאַכער און מיטפאָרן מיט זיי.

איך האָב אין די טעג געהאַט פאַנטאַסטישע חלומות וועגן צירק, וואָס איך האָב קיין מאָל נישט געזען. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך שפּרינג פון הויכע דעכער צוזאַמען מיט יודיטן. דערביי האָב איך אין גאַנצן נישט געקלערט וועגן דער היים, נישט וועגן טאַטן און דער מאַמען. עס פלעגט מיך נאָר באַפאַלן אַ שרעק ווען איך האָב געטראַכט, אַז איך וועל זיין ערגעץ ווייט און נישט קאָנען זען דאָס קינד, מיין ברודערל.

אָבער ווידער איז אויפגעגאַנגען אַ ליכטיקער טאָג און איך בין געלאָפן צום ווייסן הייזל, צו יודיטן.

ווי זי האָט מיך דערזען, האָט זי מיך פאַררופן אין אַ ווינקל פון געדיכטן גרינס אוןביימער. זי איז גוט געווען און אירע גרויסע ליאַלקע־אויגן האָבן געקוקט אויף מיר מיט פרייד. זי האָט מיר געהייסן איך זאָל זי שטאַרק אַרומנעמען, זיך איבערגעבויגן צוזאַמען מיט מיר און מיך אַריבערגעוואָרפן איבער זיך. מיר האָט זיך באַלד פאַרדרייט דער קאָפּ, אָבער זי האָט געמאַכט מיט מיר אַ מיל און מיך כסדר געוואָרפן איבער זיך. עס האָט זי נישט געאַרט, וואָס איר קורץ קליידל האָט זיך דערביי פאַרהויבן און אירע נאַקעטע ווייסע קניען האָבן זיך אַרויסגעזען. זי האָט מיך מאָדנע מיד געמאַכט און איך בין געבליבן ליגן אָן כוחות. דעמאָלט האָט זי מיך געקושט און גערעדט פרעמדע אונגאַרישע רייד, גלעטנדיק מיין פּנים.

יעדע באַוועגונג אירע איז געווען ווי אַ מעלאָדיע, ווי זי וואָלט אַלץ געטאָן אונטער מוזיק. מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז זי איז געמאַכט פון עפּעס אַ ווייסן גיפּס, און אַלץ וואָס זי טוט איז פאַר עמעצן, אַ נישט־געזעענעם, וואָס קוקט אויף איר.

— מיין טאַטע — האָט זי געזאָגט — וועט דיך אויסלערנען... און וועסט קאָנען מאַכן דאָס זעלבע וואָס איך.

זי האָט מיך געלערנט גיין אויף די הענט, מאַכן „קאָזשעלקעס" און

צובייגן דעם פוס ביז צום מויל. נעבן יודיטן האָב איך געפילט אַ מאָדנע בייעם כוח אין זיך. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך וואַקס נעבן איר.

איך האָב שוין דעמאָלט געוווּסט, אַז יודיט איז אַ מיידל און דאָס וואָס מיר טוען איז אַ פאַרווערטע, באַהאַלטענע זאַך וואָס מען טאָר נישט. אָבער יודיט, האָט זיך געדאַכט, ווייסט נישט דערפון. זי האָט מיך געקושט אַפילו ווען די ברידער און דער פאָטער האָבן געזען. זי האָט מיך אַרומגענומען פאַר מענטשן אין די אויגן. און שפּעטער ביי נאַכט, ווען איך בין געלעגן אויף מיין געלעגער, האָב איך ווי באַדויערט, וואָס יודיט טוט מיר דאָס אַלץ, ווי זי וואָלט דאָס געטאָן אין צירק. אָבער ליב געהאַט האָב איך זי, און האָב געבענקט נאָך איר.

איך האָב מיט אַ מאָל דערפילט, אַז איך בין געוואָרן פרעמד אין אונדזער שטוב. די מאַמע איז געווען פאַרנומען מיטן ברודער, די שוועס־טער איז געווען שטיל, זי האָט גאַנצע טעג געלייענט. זי איז מיט אַ מאָל פאַר דעם זומער געוואָרן גרויס און שווער. די מאַמע האָט זי באַדינט ווי זי וואָלט געווען קראַנק און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז די שוועסטער האָט מיך פיינט געקריגן. די מאַמע האָט מיר אויך איין מאָל, ווי מיט חוזק און כעס, געזאָגט:

— דו האָסט גאָרנישט קיין... חברים... נאָר מיידלעך...

איך האָב זיך שטאַרק פאַרשעמט און זיך געפילט זינדיק קעגן אַלע.

נאָך דעם האָב איך מיך אַ גאַנצן טאָג געשפּילט מיטן קינד, און אין מיר איז אַריינגעטרעטן ווי אַ רו און ריינקייט, ווי איך וואָלט מיך אָפּגעוואַשן פון עפּעס. אָבער אויך דאָס קינד האָט זיך געענדערט צו מיר. עס האָט זיך נאָר געטוליעט צום שיקסל אַניעלקאַ. מיר איז אַ שאָד געווען, וואָס איך האָב אָנגעווירן די נאָענטקייט פונעם קינד, וואָס פלעגט צו מיר אַזוי צופאַלן און מיך אַרומכאַפּן מיט די הענטעלעך. מיר איז געווען אומעטיק און איך בין ווידער אַוועק צו יודיטן, אָבער פּלוצלינג, אין איין טאָג, איז דאָס ווייסע הייזל געבליבן ליידיק און די ווייס זענען פאַרשוווּנדן. עס איז אויך מער נישט געווען די קליינע יודיט.

איך האָב זי נאָר געזען פון דער ווייטנס, ווי זי איז געזעסן אויפן וואָגן, אַרומגעשטעלט מיט געפּעק און קאָלירטע פּודלעס. זי האָט געקוקט אויף מיר טרויעריק און האָט איצט אויסגעזען ווי אַ קליין אָרעם מיידל.

לאַנג האָב איך געהאַלטן צווישן מיינע זאַכן אַ פּאָסט־קאַרטל, מיט יודיטס בילד, וווּ זי איז געשטאַנען אין אַ קורץ קליידל, מיט אַ ראָד

אין דער האַנט, לאַכנדיק מיט אירע גרויסע ווייסע ציין. אַט די קאַרטלעך, האָט זי מיר דערציילט, פאַרקויפט זי אין צירק די אַפּיצירן און גיט אַוועק דאָס געלט דעם טאַטן.

איך פלעג לאַנג קוקן אויף דעם קאַרטל מיטן בילד, ביז וואַנען יודיט האָט אָנגעהויבן טאַנצן פאַר מיינע אויגן.

איך האָב לאַנג נישט געפונען קיין רו פון בענקשאַפט. עפּעס האָט מיך געצויגן, עפּעס האָט מיר געפעלט. מיך האָבן געצויגן טונקעלע, אָפּגעזונדערטע ווינקלען, פון וואַנען עס האָבן אַרויסגעבליקט צו מיר זיסע סודות.

12

אונדזער קריסטלעכע שכנטע האָט מיך אַמאָל אַרויפגערופן צו זיך אין איר קליין בוידעם־שטיבל, ווי זי האָט געוווינט מיטן קראַנקן ברודער. אַ בלאַנקענדיקע ריינקייט האָט אַרויסגעשלאָגן פון דעם קליינעם צימערל, וואָס איז געווען פאַרטונקלט פון די געדיכטע בלומען־טעפּ אויף די פענצטער.

די ווענט זענען געווען פאַרהאַנגען מיט בילדער, וואָס האָבן זיך שווער און פרעמד געלייגט אויף מיין געמיט. אַחוץ די הייליקע בילדער, וואָס האָבן אין טיפע גאָלד־ראַמען געשפּילט מיטן אומעטיקן פלעמל פון דעם אייל־לעמפּעלע, האָט מען דאָ געזען אַ גרויס בילד פון אַ רייטער מיט אַן אויפגעהויבענער שווערד, מיט אַ פירקאַנטיק היטל אויפן קאָפּ. דאָס איז געווען דער פוילישער העלד קאָשטשושקאָ, וועגן וועלכן מיין שוועסטער האָט מיר נישט איין מאָל געלייענט און דערציילט. עס זענען געהאַנגען די בילדער פון די פוילישע קעניגן, וואָס האָבן אַראָפּגעבליקט מיט אַזאַ רייכטום און שטרענגקייט, ווי זיי וואָלטן דאָ ערגעץ געווען אין דער נאָענט. די שטוב איז פול געווען מיט בלומען, מיט קאָלירן געהאָפּטענע אויף זייד, קישעלעך און טישטעכער. עס האָט זיך געדאַכט, אַז די שכנטע אַליין איז אויך אַ קעניגין, וואָס האָט זיך דאָ פאַר עמעצן באַהאַלטן.

איך האָב פאַרגאַפּט געקוקט אויף דעם בילד פון דעם רייטער מיט דער שווערד. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז די שווערד איז אויפגעהויבן אויף דער גאַנצער וועלט. די שכנטע האָט מיך געפרעגט צי איך ווייס ווער דאָס איז און ווען איך האָב איר געזאָגט, אַז דאָס איז טאַדעאוש קאָש־

טשושקאַ, האָבן אירע אויגן אויפגעבליצט. זי האָט מיך אַרומגענומען מיט אירע נאַקעטע, בלענדנדיקע הענט און מיר אַ קוש געטאָן. פון איר מויל איז פאַרגאַנגען אַ ריח פון פרישע מאַלינעס, וועלכן איך האָב טיף אַריינגעאָטעמט אין זיך.

דער קראַנקער ברודער איז שוין איצט נישט אַראָפּגעגאַנגען אויף דער לאַנקע. ער איז געבליבן אינעם לעצטן קעמערל, וואָס איז געווען אויפן בוידעם, נעבן דער שכנטעס שטיבל. פון דאָרט האָט זיך געהערט זיין שטיקנדיקער און פייפנדיקער הוסט און אַ שטיל קרעכצן.

דער זומער איז געגאַנגען. עס האָבן זיך באַוויזן די ערשטע פרוכטן, פון וועלכע די קריסטין האָט געמאַכט פאַרשידענע שמעקנדיקע מאַכלים פאַר איר קראַנקן ברודער. דאָס אַלץ האָט זי מיר געגעבן צו פאַרזוכן.

זינט אָבער איך האָב פאַרזוכט דעם העלן, פאַרשיכורנדיקן ריח פון איר לייב, ווען זי האָט מיך אַרומגענומען, בין איך אַרומגעגאַנגען אין אַ דרימל, און אַ זיסער שטאָך האָט זיך כסדר געגליטשט איבער מיין לייב. עפעס אַ מורא, צוזאַמען מיט אַ נאַגנדיקן קלעם, האָבן מיך געצויגן צו דעם שטיבל.

די שכנטע האָט אָפט געוויינט צוליב דעם ברודער. זי האָט אויך געזונגען. אויך די מאַמע האָט געזונגען, אָבער ווי אַנדערש זענען געווען זייערע לידער.

אָפט האָט מיך אויך געצויגן אין שטעטל אַריין. אַהין האָט מיך געצויגן אַן אומעטיקע פריידיקייט, ווי כ׳וואָלט דאָרט געהאַט עפּעס אַ נאָענטן.

אין די אינדערפריען, אין די טעג, ווען אין שטעטל האָט זיך גע־שטעלט אַ מאַרק און דער רעש האָט זיך געטראָגן אַרום איבער דער געגנט, האָבן זיך אין דער זון אָנגעצונדן קאָלירן פון די ביידלעך. די קאָלירן זענען אַרומגעגאַנגען אין דער געדיכטקייט פון מענטשן און ענג־שאַפט פון פערד און וועגענער.

איך האָב ליב געהאַט די יידישע קאָלירטע סחורות, וואָס זענען געווען אַזוי פּשוט ווי שפּילצייג און ווי אין אַ כישוף האָב איך זיך געלאָזן אין שטעטל אַריין.

איך האָב זיך אַריינגעלאָזן אין די שטעטלשע הייפלעך, אין די שוואַרצלעכע הייזלעך, אַריינגעקוקט אין די אָפענע, שטויביקע פענצטער.

מיך האָט צוגעשמידט דאָס פענצטער פון דעם חדר, ווו דער רבי האָט געלערנט מיט די יינגלעך.

די יינגלעך, מיט די געדרייטע פּאהלעך, מיט די קאַפּעלעך אויף די קעפּ, האָבן געקוקט אויף מיר מיט ווילדער פרעמדקייט, אָבער זייער וויגנדיק לערנען האָט מיך אָנגעפילט מיט אַן אומרו און בענקשאַפט.

אויך צו מיר איז אַריינגעקומען אַ וואַנדערנדיקער מלמד, וואָס איז געגאַנגען איבער די יידישע הייזער אין דער געגנט. די מאַמע האָט אים געגעבן צו עסן, דערפאַר האָט ער מיט מיר געלערנט חומש. ער האָט מיר אַלץ געוואָלט אויסמשלען, ווי אַזוי גאָט האָט באַשאַפן די וועלט. איך האָב געקוקט אויף זיין צעפליקטער קאַפּאָטע, וואָס האָט נישט געהאַט קיין שום קאָליר. די בלעטער פון זיין צעריסענעם ספרל זענען געווען גראָ און האָבן געשמעקט מיט דעם זויערן ריח פון די ביסלעך עסנס, וואָס מען האָט אים אַרויסדערלאַנגט פון די קיכן, און די וועלט, די באַשאַפענע וועלט, איז געוואָרן אַ גראָע און אַן אומעטיקע.

מיין קאָפּ האָט זיך אַוועקגעדרייט פון דעם אומעטיקן ספרל. דעמאָלט האָט דער רבי אָנגענומען מיין גאָמבע מיט צוויי האַרטע פינגער, וואָס האָבן געהאַט אַ ריח פון הערינג, און מיך געצוווּנגען אַריינצוקוקן אין די אומעטיקע, שוואַרצע, בייזע אותיות.

✶

ווידער האָט זיך אויף אונדזער שטוב געלייגט אַ שווערער שאָטן צוליב מיין ברודער, וואָס האָט זיך גענומען צוריק צו זיין פריערדיקער אויפפירונג. די מאַמע האָט נישט געהאַט קיין איין רויִקן טאָג. ווידער זענען אירע אויגן געוואָרן אָנגעגליט און איר האַרץ האָט כסדר געצאַפּלט. עס איז נישט געווען דער טאָג, מען זאָל זיך נישט קומען באַקלאָגן אויף מיין ברודער. דאָ איז געווען נאָך ערגער, ווי אין וואַרשע. דאָרט האָט מען נישט געוווּסט, ווו ער איז פאַרשוווּנדן מיט זיינע חברים, דאָ האָט ער זיך אָפּגעזוכט פאַר אַ חבר דעם שגץ מאַרצעל, מיט וועלכן ער האָט זיך נישט צעשיידט גאַנצע טעג, ביז אין דער שפּעטער נאַכט.

מאַרצעל איז אַלט געווען אַ יאָר פערצן. ער איז געווען הויך, שטאַרק און שיין מיט זיין טונקל־גאָלדיקער הויט און געלאָקטע האָר. זיין זאַפטיק מויל מיט די קרעפטיקע ציין איז פול געווען פון לעבעדיקע קלאַנגען. ער האָט געפייפט, ווי אַ זינג־פויגל, נאָכגעמאַכט חיות, בהמות און עופות,

געשפּילט אויף אַ האַרמאָניקע און אַ פריילעכקייט איז נאָכגעגאַנגען נאָך אים, ווו ער איז געווען. שטענדיק אָבער האָט זיך עס געענדיקט מיט ווילדע געשלעגן און אָפּטועכצן, פון וועלכע דאָס דאָרף און דאָס יידישע שטעטל האָבן געליטן.

מאַרצעל איז געווען אַן אָרעמער יתום. ער האָט נישט געהאַט קיין עלטערן און האָט זיך דערצויגן ביים גלח, פון וועלכן ער איז אַנטלאָפן. פאַר די יאָרן פון זיין קינדהייט האָט ער שוין איבערגעדינט ביי אַלע רייכע „גאָספּאָדאַזשעס״ פון דער געגנט.

מיט אַ פּאָר יאָר צוריק האָט ער פון דער לאָנקע אַראָפּגענומען אַ פרעמד פערד און איז פאַרשוווּנדן.

נאָך וואָכן האָט מען אים צוריקגעברענגט און די פּויערים האָבן אים געוואָלט דערהרגענען, אָבער די גויים האָבן אים אויסגעווייַנט און אים איבערגעלאָזן אין דאָרף.

מאַרצעל האָט געקאָנט זיין שטיל און גוט, ווי אַ מלאך, העלפן אַ פּויערטע טראָגן אַ שווערן זאַק, אָדער אָפּאַרבעטן אומזיסט אַ טאָג ביי אַן אָרעמער אַלמנה. ער האָט געקאָנט אַוועקגעבן זיין עסן אַ קינד, אָדער שפּילן און זינגען פאַר קינדער, וואָס האָבן אים ליב געהאַט און אים נאָכגעלאָפן. ער האָט אָבער געקאָנט מאַכן שאָדנס אין די גערטנער ביי רייכע פּויערים, חוזק מאַכן פון אָנגעזעענע באַלעבאַטים און נאָכקרימען דעם גלח. נישט איין מאָל האָט אים שוין דער זשאַנדאַר געפירט מיט פאַרקייטלטע הענט.

אָט דער מאַרצעל איז געווען מיין ברודערס בעסטער חבר.

די מאַמע האָט שוין אַפילו געפּרוּווט רעדן מיט מאַרצעלן, בעטן אים ער זאָל זיך נישט חברן מיטן ברודער. מאַרצעל האָט זיך איידל גענייגט פאַר דער מאַמען, איר געקושט די האַנט און געשוווירן אויף זיין „האָנאָר״, אַז זיי ווייסן נישט פון וואָס צו זאָגן, אַז זיי פירן זיך אויף אָרנטלעך. מאַרצעל האָט געקוקט מיט זיינע גרינע, שפּילנדיקע אויגן אַזוי אומשולדיק און נאָבל, דערביי האָט ער אַזוי קונציק נאָכגעמאַכט אונדזער האַלב־משוגענע שכנטע חיהלע, ווי זי קריגט זיך מיטן מאַן, אַז די מאַמע האָט זיך צעלאַכט.

מאַרצעל האָט לאַנג געקוקט אויף דער מאַמען און שטיל געזאָגט:

— עך... ווען איך וואָלט געהאַט אַזאַ מאַמע, ווי די „פּאַני״... וואָלט איך געוואָרן אַ מענטש....

מיין ברודער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און מיט פולע אויגן טרערן האָט ער אַרומגעכאַפּט די מאַמע און צוגעדריקט זיין געדיכט־באַוואַקסענעם, שוואַרצן קאָפּ צו איר ברוסט. די מאַמע האָט אים כלומרשט אָפּגעשטופּט פון זיך און אָפּגעווישט אַ טרער.

אין אַזאַ מינוט בין איך מקנא געווען דעם ברודער, דערפאַר, וואָס יעדע זיין גוטע תנועה איז פאַר דער מאַמען געווען אַ גליק.

אין אַזעלכע מינוטן האָב איך געוואָלט אַוועקגיין אַליין, ווייט, צו פרעמדע מענטשן, אַז די מאַמע זאָל מיך זוכן און נישט קאָנען געפינען.

ווען דער טאַטע איז געווען דאָס לעצטע מאָל אויף שבת, איז עמע־צער געקומען זיך קלאָגן אויף מיין ברודער. אויך דער „גאָספּאָדאָזש" פון אונדזער הויז האָט דעם טאַטן דערציילט וועגן דעם ברודער, אַז ער שלאָגט זיך און קומט שפּעט אין דער נאַכט אַהיים.

דער טאַטע האָט געשריגן, אַז ער וועט צוליב דעם ברודער מער נישט קומען צו פאָרן אויף שבת. עס האָט אַפילו נישט געהאָלפן, וואָס די מאַמע האָט אַרויפגעזעצט דאָס קינד דעם טאַטן אויפן שויס און דאָס קינד האָט אים אַרומגענומען מיט די הענטלעך. די מאַמע האָט געוואָלט, ער זאָל בלייבן און האָט געזאָגט:

— דעם קינד גייט אויס דאָס חיות... עס בענקט נאָך דיר...

אָבער דער טאַטע איז אַוועקגעפאָרן, נישט ווי אַלע מאָל, זונטיק אין דער פרי, נאָר שבת אין אָוונט. און אין שטוב איז ווידער געוואָרן טרויע־ריק און שווער.

*

פרייטיק איז געווען זייער אַ הייסער טאָג. עס זענען געווען די טעג פון יום־טוב שבועות און מען האָט זיך געריכט אויף געסט, וואָס זענען פון ערגעץ געקומען צו פאָרן. צוליב דעם האָב איך זיך אַלע טאָג לאַנג געוואַשן און געקעמט.

אַ גאַנצע וואָך, וויפל מאָל איך האָב מיך דערמאָנט, אַז דער טאַטע האָט, אַוועקפאָרנדיק, געזאָגט, אַז צוליבן ברודער וועט ער אויף שבת נישט קומען, האָט מיר אַ שטאָך געטאָן אין האַרץ. מיר איז שטענדיק געווען שלעכט, ווען צווישן טאַטע־מאַמע איז געווען אַ ברוגז. איך האָב

יעדן טאָג געפרעגט די מאַמען, צי דער טאַטע וועט קומען. און די מאַמע האָט מיר אומעטיק געענטפערט אַז זי ווייסט נישט.

פרייטיק באַלד אין דער פרי איז שוין געווען זייער הייס. איך בין צום ערשטן מאָל מיטגעגאַנגען מיט די שכנימס קינדער צום טייך זיך באָדן.

איך האָב לאַנג נישט געוואָלט זיך אויסטאָן, אָבער דאָס קילע וואַסער האָט אַזוי געשמעקט און גערופן. די יינגלעך האָבן געלאַכט פון מיר און איך האָב זיך מיט אַ מאָל אויסגעטאָן. איך בין אַריין ביז די קני אין וואַסער.

מיינע פיס האָבן זיך איינגעבראָכן אינעם קילן, ווייכן זאַמד און אַ שוידער האָט זיך איבערגעגליטשט איבער מיין לייב. איך האָב זיך אַוועקגעזעצט. דאָס וואַסער האָט מיך אַרומגענומען און מיך געגלעט ווי מיט קילע, ווייכע הענט. די גאַנצע וועלט האָט געשטראָמט פאַרביי מיר. מיר איז געווען אַזוי גוט, ווי נאָך קיין מאָל נישט.

און דאָ איז אַריין אין מיר עפּעס ווי אַ פרעמדער כוח. איך האָב אָנגעהויבן לויפן, שפּרינגען און שפּריצן מיט וואַסער אויף אַלע זייטן. דאָס וואַסער האָט מיך געטראָגן ווי אַ שפּענדל. איך האָב אויסגעצויגן די פיס, ווי דער גאַנצער שטראָמענדיקער טייך וואָלט געווען אַ ווייך בעט, און דאָס וואַסער האָט געאָטעמט אויף מיר מיט כוח און לוסט.

עס האָבן זיך אויך געבאָדן די „געשמדטע", ווי מען האָט אין שטעטל גערופן אונדזערע שכנים, וואָס האָבן געוווינט אויף יענער זייט לאָנקע. ביים ברעג פונעם „קליינעם וואָלד".

דאָס זענען, זעט אויס, געווען זייער רייכע לייט, וואָס די יידישע שכנים האָבן געהאַלטן פאַר געשמדטע, צוליב זייער פּריצישער ברייטקייט און נישט־יידישן אויסזען.

ס'זענען געווען צוויי מיידלעך, דרייצן, פערצן־יאָריקע און אַ יינגל פון אַ יאָר צוועלף. דאָס יינגל האָט געהייסן לודוויק און נישט פאַר־שטאַנען קיין יידיש.

די מיידלעך זענען איין מאָל געקומען צו מיין שוועסטער באָרגן אַ בוך און זיי האָבן איבערגעלאָזן נאָך זיך עפּעס אַ נאָכקלאַנג, ווי פון מוזיק. זיי זענען געווען שיין און רייך. די רייכקייט און שיינקייט האָט זיי צוגעגעבן אַ הפקרע צעשפּילטקייט, וואָס האָט מיך געפּלעפט. אָבער מיין שוועסטערס שיינקייט האָט זיי דערנענטערט.

די מאַמע איז נישט געווען צופרידן פון זייערע וויזיטן, אַממיינסטן פון דער עלטערער, וועלכע האָט געהייסן לאָלאַ. זי איז געווען ווילד און צעפּיעשטשעט. זי האָט געבליצט מיט די אויגן און געזונגען פּאַר־שייטע לידער. צווישן די שכנים האָט מען גערעדט וועגן איר מיט אַ ווונק. איך האָב אונטערגעכאַפּט יעדעס וואָרט, מיט אָנגעשפּיצטע אויערן. מען האָט געזאָגט, אַז זי גייט אַרום מיט יינגלעך אין וואַלד. איך האָב אָבער נאָר געזען די זיסקייט פון איר ברוין פּנים, וואָס האָט כסדר געשמייכלט מיט פרייד און לוסט.

איך האָב אויך נישט געקאָנט פאַרגעסן אירע ברוינע, סודותדיקע קני, וואָס זענען ווי צוויי זאַפטיקע פרוכטן אַרויסגעשפּרונגען פון אונ־טער איר קליידל, ווען אַ בין האָט איר אַ ביס געטאָן אין אַ פוס. זי האָט געוויינט און געשפּריצט מיט אַ צעפּיעשטשעט געלעכטער. זי האָט זיך דעמאָלט, אין דעם ערשטן ווייטיק, אָנגעכאַפּט אָן מיר און אירע דערוואָרעמטע פון דער זון האָר האָבן אָן אָטעם געטאָן איבער מיין פּנים. אירע גאָלדענע אויגן זענען געווען אויפגעריסן פון איבערראַשונג און איך האָב געאָטעמט מיט אירע האָר.

דער ריח פון אירע האָר איז לאַנג געלעגן אויף מיין פּנים. דאָס איז געווען אַ ריח, פון וועלכן עס האָבן זיך פאַרמאַכט די אויגן און איך האָב דעם ריח געזוכט אומעטום.

אין דעם גאָלדענעם ליכט פון וואַסער און זון איז געגאַנגען דער טאָג אַרויף, ווי אַ מאַרש. אַרום, פון די קאָרן־פעלדער, פון די שמאָלע סודותדיקע סטעזשקעס, זענען אַלץ געקומען מענטשן, שטרעבנדיק צום וואַסער.

די ווייסלעכע, אויסגעשפּרייטע, פאַרטראָגענע ליידיקייט איבערן וואַסער, האָט מיך דערמאָנט וואָס דער מלמד האָט מיט מיר געלערנט — ווי גאָט האָט באַשאַפן די וועלט. אָבער יענע טריבע וואַסערן פונעם חומש האָבן מיך געשראָקן און איך האָב זיי נישט געקאָנט צונויפגיסן מיט דעם ליכטיקן, מילדן טייך, אין וועלכן לאָלאַ האָט זיך געבאָדן.

איך בין געזעסן אונטער דעם וואַסער־שטראָם, וואָס האָט געשמעקט מיט זון און היי. און מיר האָט זיך פאַרגעשטעלט, אַז יענע וועלט, וואָס גאָט האָט באַשאַפן, ליגט דאָרט אינעם שטעטל, ווו די יידן פּינטלען אַרום אין דער שטויביקער ענגשאַפט. פון דאָרט איז מיין געדאַנק אַוועק אין דער ווייט, צו דער וואַרשעווער גאַס, צו אונדזער טונקעלער דירה, ווו

דער טאַטע איז געבליבן אַליין און וויל נישט קומען צוליבן ברודער. מיר איז פּלוצלינג געוואָרן שווער און טונקל אויפן האַרץ.

מיט אַ מאָל האָב איך דערזען מיין שוועסטער. זי איז געשטאַנען אויפן ברעג, אין גאַנצן אַ באַלויכטענע פון דער זון. איך האָב זיך פאַר־שעמט פאַר מיין נאַקעטקייט. באַלד האָב איך דערזען, אַז צוזאַמען מיט מיין שוועסטער זענען אויך געקומען די „געשמדטע",ביידע שוועסטערן מיט זייער ברודער לודוויק.

לודוויק איז אַוועק צום צווייטן ברעג זיך אויסטאָן. איך בין מיט איין שפּרונג אַרויס פון וואַסער און זיך באַהאַלטן אין זאַמד. איך האָב לייכט געציטערט און טראָפּנס וואַסער האָבן געטריפט איבער מיין פּנים.

דאָ האָב איך דערזען לאָלאַן.

זי האָט געוואָרפן איר לייכטנדיקן שמייכל אויף מיר. און איידער איך האָב זיך אומגעקוקט האָט זי זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן זאַמד און גענומען זיך אויסטאָן. איך האָב פאַרמאַכט די אויגן. עפּעס האָט מיך אַ ברי געטאָן ביים האַרץ און דורך די פאַרמאַכטע אויגן האָב איך דערזען לאָלאַס נאַקעטע פּלייצע, ווי אַ שטיק זון וואָלט אַראָפּגעפאַלן. אַ דין, ראָז העמדל האָט קוים אַרומגעכאַפּט איר נאַקעטקייט. און צום ערשטן מאָל אין לעבן האָב איך דערפילט עפּעס אַן אומהיימלעכע רעגונג, גלייך איך וואָלט דערזען אין אַן אויסטערליש ליכט מיין פאַרשטעלונג וועגן ווילדע חיות, טיגערן, לייבן און שלאַנגען, אַ פאַרשטעלונג, וואָס האָט ערגעץ גערוט אין מיין געדעכעניש. דאָס איז נישט געווען לאָלאַ, דאָס איז געווען עפּעס אַ באַהאַלטענע געטלעכקייט, וואָס האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט, און אַ פלאַם האָט אַרומגעכאַפּט מיין זעל.

אָט איז לאָלאַ אַריין אין וואַסער. אָט האָט זי פאַרריסן איר קורץ, ראָז העמדל און זי איז געוואָרן אַזוי גרויס, דאָס ליכט פונעם טאָג האָט זיך אויפגעהויבן, דער מאַרש האָט זיך צעשאַלט. עס האָט אויפגעשפּילט און אויפגעזונגען פון אומעטום. עס האָט געזונגען דער הימל, דאָס וואַסער און דאָס זאַמד פונעם ברעג.

אירע הענט זענען געווען אויפגעהויבן, ווי צוויי בלייכע פלאַמען אויפן הימל. דאָס וואַסער האָט אַרומגענומען אירע פיס. זי האָט עס געטראָטן און געשפּריצט אַרום זיך, ווי זי וואָלט זיך נישט געלאָזט אַרומנעמען. זי האָט זיך געבוקט מיט אירע קיילעכדיקע קני׳ען און דאָס וואַסער האָט זיי אַרומגעכאַפּט און זיך געפרייט.

דער קילער אָטעם פונעם וואַסער האָט נאָך געריזלט אין מיר און אַ נייע, פרישע וואַרעמקייט האָט מיך אַרומגענומען. איך האָב געוואָלט אויפשטיין און נישט געקאָנט. איך האָב געוואָלט נישט קוקן אויף לאָלען. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אַרום דעם וואַסער איז מאָדנע שטיל געוואָרן, ווי אַלץ וואָלט פאַרהאַלטן דעם אָטעם, אַז אַלע ווייסן, אַז איך קוק אויף לאָלאַן. איך האָב נישט געוווסט וווהין צו באַהאַלטן מיין בליק.

מיט אַ מאָל האָב איך דערזען מיין שוועסטער. זי האָט זיך נישט געבאָדן צוליב שעמעוודיקייט און איך האָב זיך געפילט שולדיק קעגן איר. איך האָב דערפילט אַ פאַרדראָס דערפאַר, וואָס זי חברט זיך מיט לאָלאַן. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אין דעם ליגט עפּעס שלעכטס, וואָס באַדראָט אונדזער שטוב, גלייך ווי מיין ברודער, וואָס איז פון עמעצן געפאַנגען און פאַרפירט געוואָרן.

איך האָב זיך שנעל און פיבערהאַפט אָנגעטאָן. איך בין צוגעלאָפן צו מיין שוועסטער. מיר איז גוט געווען דערפון, וואָס זי איז געווען אָנגעטאָן. איך האָב צאַרט אָנגערירט איר האַנט:

— קום... — האָב איך שטיל געזאָגט — גיי נישט מיט איר...

אָבער מיין שוועסטער האָט, זעט אויס, נישט פאַרשטאַנען וואָס איך מיין. זי האָט פאַרטראַכט געשמייכלט, ווי זי וואָלט עפּעס געוווסט וואָס איך ווייס נישט. זי האָט נישט געקוקט אויף מיר און מיר האָבן זיך פאַרנומען ווייטער פונעם טייך.

מיט אַ מאָל האָט זיך פונעם טייך דערטראָגן אַ געשריי. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט, מיר האָבן ווידער דערזען לאָלאַן. זי איז געווען ווייט אין וואַסער. פונעם ברעג האָט מען פריילעך געשריגן צו איר. זי האָט זיך אַלע מאָל באַוויזן נאָר מיטן קאָפּ. זי איז איצט געווען ביזן האַלדז אין וואַסער.

— זי קען שווימען... — האָט מיין שוועסטער, ווי צו זיך אַליין, געזאָגט, און זי האָט ווייטער געקוקט צו לאָלאַן.

אין דער מינוט איז אויפן שטעג, ביים טייך, אָנגעפאָרן אַ פויעריש פורל מיט אַ הויך, דאַר פערד. דער פויער האָט געהאַלטן די בייטש און זיך געהויבן איבער די בערגלעך זאַמד. דאָס פערד האָט הייס געאָטעמט.

מיט אַ מאָל האָט דער פויער פאַרהאַלטן דאָס פערד. ער האָט אַ וואָרף געטאָן די בייטש און איז מאָדנע ווילד אַ לויף געטאָן:

— העי... — האָט ער אַ געשריי געטאָן — טאַניע... זי טרינקט זיך... ראַטעוועט דאַרף מען... העי... ראַטעוועט...

איך פונעם ברעג האָט זיך דערטראָגן אַ קרעכצנדיקער געשריי.

מען האָט געקוקט אין דער ווייט, וווּ עס האָט זיך געטוקט און גיך געטראָגן לאַלאַס קאָפּ.

— העי... — האָט דער פויער געשריגן.

די שוועסטער האָט אָנגעכאַפּט מיין האַנט. זי איז בלייך געוואָרן און ביז ווייטיק געקוועטשט מיין האַנט:

— זי טרינקט זיך... — האָט די שוועסטער אַ שלוכץ געטאָן.

איך האָב אָפּגעלאָזט די האַנט און אַ לויף געטאָן צום ברעג טייך. איך האָב גאָרנישט געזען — ווי ס'וואָלט פינצטער געוואָרן. מיט אַ מאָל האָב איך נישט געוווּסט וווּ איך בין. דאָרט, וווּ לאַלאַ איז געווען אין וואַסער, האָט מען זי מער נישט געזען.

איך האָב פאַרבלאָנדזשעט. איך האָב דערזען עפּעס פרעמדע ביימער, וואָס האָבן פאַרשטעלט דעם טייך. איך בין געלאָפן צוריק צו דער שוועס־טער, אָבער זי איז שוין דאָ נישט געווען. איך בין אַ לויף געטאָן און ווידער דערזען דעם טייך. מענטשן אויפן ברעג זענען קרום און בהלהדיק געלאָפן אין אַלע זייטן. אין מיטן טייך האָבן זיך איצט צוויי מענטש־לעכע געשטאַלטן געטראָגן, איינער האָט געוואָלט כאַפּן דעם אַנדערן און נישט געקאָנט. מיר איז באַלד קלאָר געוואָרן, אַז מען ראַטעוועט לאַלאַן. איך האָב נאָך אַלץ געהערט דעם פויערס געשריי:

— העי...

אַ רגע האָט מען קיינעם נישט געזען אויפן וואַסער. און מיט אַ מאָל האָבן זיך די צוויי געשטאַלטן פאַרפלאָכטן, ווי זיי וואָלטן זיך געשלאָגן. אַזוי האָבן זיי זיך דערנענטערט צום ברעג, פון וואַנען עס איז שוין איצט געגאַנגען אַ שניידנדיק געשריי פון אַ סך מענטשן. איך בין געלאָפן צום ברעג. איך האָב באַלד דערזען לודוויקן, לאַלאַס ברודער, מיט דער יינ־גערער שוועסטער. זיי האָבן אויף מיר נישט געקוקט. זייערע פּנימער זענען געווען קינדעריש פאַרקרומט, ווי אויף צו וויינען.

אַ רעדל מענטשן האָבן זיך געבויגן איבער עפּעס. דער שטרויענער קאַפּעלוש פונעם פויער האָט זיך אַרויסגעזען און עס האָט זיך געהערט זיין הירזשענדיקע שטים.

דאָס זאַמד איז געווען פייכט און צעטרעטן. איך האָב זיך דורכ־

געשטופּט דורך דעם געדיכטן ראַד מענטשן. דער פּויער האָט שוין פאַרלעך געזידלט און עפּעס דערציילט וועגן דערטרונקענע. איך האָב זיך אָנגעבויגן, איך האָב געוואָלט זען לאַלאַן. איך האָב געקוקט און פאַר אַלעם דערזען שוואַרצע, געדיכטע, גלאַנציקע האָר, פון וועלכע עס האָט געטריפט וואַסער. איך האָב דערזען שוואַרצע, געדיכטע ברעמען און האַלב־פאַרמאַכטע אויגן. איך האָב אַ ציטער געטאָן. איך האָב דערקענט מיין ברודער. איך האָב צעשטופּט די מענטשן. מיין ברודער איז געלעגן אין אַ צעריסן העמד, זיין ברוין לייב האָט געציטערט. איך האָב זיך אַ וואָרף געטאָן, אַרומגעכאַפּט זיין האַרט פּנים. ער האָט געעפנט די אויגן און קרום אַ שמייכל געטאָן. זיין נאַסע האַנט האָט שוואַך אַ גלעט געטאָן מיין פּנים. איך האָב געוואָלט געפינען מיין שוועסטער. זי איז נישט געווען. איך האָב דערזען פון דער וויטן, אונטער אַ געדיכטן שאָטן, לאַלאַס שוועסטער מיטן ברודער. זיי זענען געזעסן איבער לאַלאַן, וואָס איז געלעגן מיט אַ פאַרוואָרפענעם קאָפּ. זי איז געווען איינגעדעקט אין טיכער און מיט מיין ברודערס רעקל. זי האָט אַלע מאָל אַ ציטער געטאָן.

— לאַלאַ... לאַלאַ... — האָט די יינגערע שוועסטער געשריגן צו איר — לאַלאַ... ווילסט שאָקאָלאַד?

לאַלאַ האָט געענטפערט מיט אַ ציטער, פון וועלכן עס האָבן זיך געהויבן די טיכער.

— טאַ כלאָפּאַק... זוך... — האָט דער פּויער איבערגעחזרט.

און מיט אַ מאָל האָט אַ פרייד, צוזאַמען מיט עפּעס אַ טונקעלן פאַרדראָס, זיך אָפּגערופן אין מיין האַרץ.

איצט איז לודוויק צוגעקומען צו מיר און טונקל געזאָגט:

— דיין ברודער האָט זי געראַטעוועט...

די יינגערע שוועסטער איז צוגעגאַנגען צו מיר גאָר נאָענט. זי האָט מיך אָנגערירט ביי דער האַנט. איך האָב דערפילט דעם ריח פון שאָקאָלאַד. באַלד האָט זי מיר אַריינגעלייגט אין דער האַנט אַ שטיקל וואַרעמע שאָקאָלאַד, איינגעוויקלט אין זילבער־פּאַפּיר. איך האָב עס צוגעטראָגן צו מיין ברודער און עס אים אַריינגעלייגט אין מויל: ער האָט ווידער מיט זיין נאַסער האַנט אַ גלעט געטאָן מיין פּנים.

פאַר די אויגן האָב איך כסדר געזען ווי מיין ברודער איז פאַרפלאָכטן מיט לאַלאַן אינעם וואַסער. מיר איז געוואָרן שווער און טרויעריק.

עפּעס זענען מיר קלאָר געוואָרן פיל זאַכן, וועלכע איך האָב נישט גע־קענט. שטילערהייט האָב איך מיר געזאָגט, אַז ווען קיינער וועט נישט זיין אין דער נאָענט, וועל איך אַוועקגיין צום טייך און זיך לערנען שווימען.

אַ ראָד מענטשן איז געשטאַנען אַרום. דער פויער האָט אויף זיין וועגעלע אַרויפגעזעצט לאָלאַן מיט מיין ברודער. דעם ברודער האָט דער פויער אַוועקגעזעצט נעבן זיך און אים אַרומגענומען. ער האָט אַלץ נישט אויפגעהערט רעדן:

— „טאַ כלאָפּאַק"... דאָס איז אַ יינגל... אָט אַזעלכע האָב איך ליב...

איך בין אָפּגעלאָפן ווייט פונעם וועג און לאַנג געלעגן אונטער אַ בוים מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ. איך בין געלעגן ווי אין אַ דרימל. פּאַר־שידנפאַרביקע ווערעמלעך און פליגן זענען מיך באַקראָכן. איך האָב אַרויפגעקוקט צום בלויען רוים פון הימל, ווו ס'איז פלוצלינג אויס־געוואַקסן אַ ריזיק שטיק ליכט. אַ שטראַלנדיק שטיק לייב, לאָלאַס נאַ־קעטע פלייצע... לאָלאַ... לאָלאַ...

אַ ראָזקייט האָט שוין באַשלאָגן די וועלט, ווען איך האָב מיך גע־לאָזן אַהיים. קליינע, ראָז־בלויע און לילע וואָלקנדלעך, ווי איידל־שטיינער, געפּאַסטע אין גאָלד, האָבן זיך לאַנגזאַם געטיפּט אויפן הימל און זענען פאַרשוווּנדן הינטער זיין בלויען זוים.

איך האָב זיך געפילט זינדיק קעגן עפּעס אַ גאָט, פּאַר עפּעס אַ זינד, וואָס איז מיר נישט קלאָר געווען.

מיט אַ מאָל האָב איך זיך דערמאָנט, אַז היינט איז פרייטיק און איך האָב געבעטן גאָט, אַז דער טאַטע זאָל קומען, אַז אין שטוב זאָל זיין גוט, יום־טובדיק און זיכער, ווי עס איז שטענדיק, ווען דער טאַטע איז דאָ. עפּעס אַ הייס געבעט האָט זיך אַריינגעגאָסן אין מיר. איך האָב גע־בעטן פּאַר לאָלאַן, דער געשמדטער און אַז מיין ברודער זאָל צוטוליען זיין אומרויִקן קאָפּ צום טאַטן און אים עפּעס צוזאָגן.

אַ לייכטער נעפּל האָט זיך שוין אויפגעהויבן פון פעלד און דאָס גרינס איז געוואָרן טיף און צאַרט. אַ הייסער שטראָם האָט פלוצלינג אַ שפּאַר געטאָן צו מיינע אויגן און אַן ענגקייט האָט אָנגעפילט מיין האַלדז.

*

ווען איך בין אַהיים געקומען, האָב איך דאָס ערשטע דערזען נעבן דער טיר דעם טאַטנס שטעקן. עס האָט מיך אַרומגענומען אַ לייכטקייט און אַ פרייד.

אין שטוב איז געווען זייער טונקל. צוויי ווייסע ליכט האָבן שוין געשטעקט אין די לייכטער, וואָס זענען געווען באַשלאָגן מיט אַ ראָזלע־כער גאָלדיקייט פון דער אונטערגייענדיקער זון.

די מענער פון די יידישע שכנטעס, וואָס זענען געקומען אויף שבת, זענען געזעסן אין דרויסן אין ווייסע העמדער.

די קריסטלעכע שכנטע איז געווען אויסגעפוצט, ווי אויך ביי איר וואָלט געווען שבת. זי האָט מיך אַרומגעכאַפּט און גלעטנדיק מיין קאָפּ, האָט זי מיר אָנגעזאָגט, אַז דער טאַטע איז געקומען:

— אַ שיינעם טאַטן האָסטו... אַ „פּשיסטאַינער"... דו וועסט אויך זיין אַ שיינער...

זי האָט מיר אויך געזאָגט, אַז דער טאַטע מיט דער מאַמען זענען געגאַנגען שפּאַצירן. און באַלד האָב איך אין דער טונקלקייט פון דער פאַרנאַכטיקער לאַנקע דערזען דעם טאַטן מיט דער מאַמען. זיי האָבן לאַנגזאַם שפּאַצירט. איך בין מיט אַ ווילדער אַנטציקונג אַנגעלאָפן אויפן טאַטן, אַרומגעכאַפּט זיין האַלדז און אים שטאַרק צוגעדריקט צו זיך. דער טאַטע האָט מיר אַ קוש געטאָן און זיין קול האָט אַ צאַפּל געטאָן פון גערירטקייט:

— וואָס מאַכסטו?...

איך האָב זיך צוגעטוליעט צו אים, אָבער די מאַמע האָט מיך מיט אַ פלוצלינגער בייזקייט אָפּגעשטויסן פון אים:

— גיי...

און איך האָב מיט אַ מאָל דערפילט, אַז די מאַמע איז אייפערזיכטיק, אַז איצט האָט זי מיטן טאַטן גערעדט וועגן מיין ברודער, אַז זי וואָלט געוואָלט, דאָס אויך ער זאָל אַ מאָל אַזוי נאָענט פילן דעם טאַטן, אַז דער טאַטע זאָל אים אויך אַ מאָל אַ קוש טאָן.

נאָך דעם ווי די מאַמע האָט מיך אַזוי טרוקן און ראַציק אָפּגעשטופּט פונעם טאַטן, בין איך אַוועק אין אַ טיפן ווינקל פון אונדזער גאָרטן, וווּ דאָס געדיכטע גרינס האָט געאָטעמט מיט דעם קילן אָטעם פון ערד. איך האָב זיך אַוועקגעלייגט אויפן פייכטן גראָז. די געדיכטקייט פון די בלעטער און צווייגן האָבן פאַרשטעלט פאַר מיר דאָס ליכט און מיר האָט

זיך געדאַכט, אַז איך בין געבליבן אַליין אויף דער וועלט. איך בין געווען פול מיט אַן אומבאַקאַנטן טרויער, וואָס האָט גיך אַרומגענומען מיין האַרץ און אָנגעפילט מיין האַלדז מיט אַ שטיקנדיקער ענגשאַפט. דאָ, אין דער געדיכטקייט פונעם געביש, ווו עס איז געלעגן אַזאַ אומעטיקע טונקלקייט און אַ ביטערלעכער, שווערער ריח פון רויער ערד, האָט זיך מיר מיט אַ מאָל דערמאָנט דאָס געמיט פון אונדזער שטוב אין וואַרשע. מיר איז מיט אַ מאָל באַנג געוואָרן נאָך די טונקעלע טעג פון דער היים אין וואַרשע, נאָך די אָוונטן אין דער אומעטיקער שיַין פון דער גרינער לאָמפּ, ווען איך בין געווען קראַנק און די מאַמע האָט אַרויפֿגעלייגט אירע הענט אויף מיין קאָפּ. איצט איז די מאַמע מיר אויסגעקומען מאָדנע בייז און פרעמד, ווי זי וואָלט געוווסט פון עפּעס אַ זינד, וואָס איך בין באַגאַנגען.

דאָס ליגן אויף דער פייכטער ערד האָט מיר מאָדנע גוט געמאַכט. איך האָב זיך אויסגעצויגן און דערפילט אַ נייעם כוח אין מיינע גלידער. איך האָב באַטאַפּט מיין לייב און מיינע הענט האָבן זיך אָנגעפילט מיט אַ שטייפער קרעפטיקייט. איך האָב דערפילט, אַז איך קאָן לעבן אַליין, אַז עפּעס ריזלט אין מיר אַ נייער, אומבאַקאַנטער כוח. איך האָב זיך מיט דער גאַנצער שווערקייט אַריינגעדריקט אין דער קילער ווייכקייט פון דער ערד און עפּעס אַ שטעכיקע זיסקייט האָט זיך דורכגעליטשט איבער מיין לייב, פאַרגאָסן מיין קאָפּ. איך האָב פאַרמאַכט די אויגן און בין געבליבן אין אַ דרימל.

אַ שווערער, ראַשיקער אָטעם און אַ קנאַקן פון די צווייגן האָט מיך ווידער אויפגעוועקט. איך האָב זיך אויפגעזעצט און דערזען דעם הונט אָגאַי. ער האָט זיך אָנגעטראָגן מיט דעם געקלימפּער פון זיין אייזערנעם רינג אויפן האַלדז, ער איז אָנגעלאָפן אויף מיר מיט זיין הייסן, אָפּגעריסענעם אָטעם, ווי ער וואָלט מיך לאַנג געזוכט. מיט אימפּעט איז ער אַרויף אויף מיר, האָט געגנורעט זיין ווייכן קאָפּ צו מיין ברוסט און שוין געלעקט מיינע פינגער. ער האָט זיך געדרייט אין אַ ראָד און געקוקט אויף מיר, ווי ער וואָלט מיך ערגעץ גערופן.

איך בין אויפגעשטאַנען פון דער ערד, אַרויס פון דער טונקלקייט און דערזען, אַז עס איז נאָך זייער ליכטיק. אַ לילע ראָזקייט איז געווען צעגאָסן איבער אַלעם און דאָס גאַנצע הייפל האָט זיך יום־טובדיק געַרעשט. די שכנטע היהלע האָט זיך שוין געקריגט מיט איר מאַן. מיטן

קרום־פּאַררוקטן שייטל, אין אַ קורץ, פאַרשלומפּערט קליידל פון וועלכן עס האָבן זיך אַרויסגעזען אירע קורצע, קלאָציקע פיס אין געלע זאָקן, האָט זי ווי אַלע מאָל נאָכגעשריגן דעם מאַן, וואָס איז מיט אַרויסגע־לאָזענע פּיאות אין אַ זיידענער קאַפּאָטע, געלאָפן אין שטעטל אַריין דאַווענען.

פון דער צווייטער זייט הויז, נעבן אונדזער טיר, באַלויכטן פון דער לילער, אונטערגייענדיקער זון־ליכט, האָב איך מיט אַ מאָל דערזען אַ גרופּע מענטשן. איך האָב מיך פאַרהאַלטן אונטער אַ ברייטן שאָטנדיקן בוים. מיר האָט זיך מיט אַ מאָל פאַרוואָלט מען זאָל מיך נישט זען. די ערשטע האָב איך דערזען לאָלאַן. זי איז ווי שטענדיק געווען אָנגעטאָן אין אַ סך קאָלירן און האָט אויסגעזען ווי אַ בוקעט בלומען. איך האָב באַמערקט ווי איר האַלדז איז אַרומגעבונדן מיט אַ ווייס טיכל, אויך איר פוס איז געווען פאַרבונדן מיט אַ באַנדאַזש. נעבן לאָלאַן איז געשטאַנען איר ברודער לודוויק, נעבן אים די יינגערע שוועסטער, און צווישן זיי, אין דער מיט איז געשטאַנען אַ הויכע פרוי מיט אַ ברייטן, ווייכן, שטרוי־ענעם הוט אויפן קאָפּ. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ ווייס קלייד מיט אַ בלויען שירעם אין דער האַנט. דאָס איז געווען לאָלאָס מאַמע.

זי האָט גערעדט מיט מיין טאַטן, וואָס האָט איר אין דער מיבוט דערלאַנגט אַ שטול, אָבער זי האָט זיך נישט געזעצט. מיין מאַמע איז געזעסן מיטן קינד אויף דער האַנט. לאָלאַ האָט זיך געשפּילט מיטן קינד, וואָס האָט הויך געלאַכט.

מיט אַ מאָל האָב איך דערזען מיין ברודער. ער איז געשטאַנען אויף דער שוועל פון אונדזער שטוב. ער איז געווען אָנגעטאָן אין נייע הויזן, אָפּגעוואַשן און פאַרקעמט, איז ער אויך אין גאַנצן געווען אָפּגעגאָסן פון דעם פאַרגייענדיקן ליכט.

איך בין געשטאַנען אונטערן בוים אין דער טונקל. דער הונט אַגאַי האָט זעט אויס, געוואָלט איך זאָל צוגיין צו אַלע, דערפאַר איז ער געלאָפן אַהין און — צוריק. ער האָט נישט פאַרשטאַנען, אַז איך וויל מיך באַ־האַלטן אונטער אַ בוים.

איך האָב אַ קוק געטאָן אויף מיינע הויזן. זיי זענען געווען באַ־קלעפּט מיט פייכטער ערד, די קני̇ען זענען געווען אויסגעשמירט מיט גרינער פייכטקייט פונעם גראָז. מיר האָט זיך פאַרוואָלט, אַז מען זאָל מיך זוכן און נישט געפינען.

איך האָב אויפגעכאַפּט עטלעכע ווערטער פון דעם, וואָס מען האָט דאָרט גערעדט אויף פויליש, און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז לאַלאָס מאַמע איז געקומען זען מיין ברודער, וואָס האָט אַרויסגעראַטעוועט איר טאָכטער פון טייך. איך האָב געקוקט פון צווישן די צווייגן. איצט איז אויך אַרויס־געקומען מיין שוועסטער, אָנגעטאָן אינעם בלויען קליידל, מיט פאַר־פלאָכטענע צעפּ, האָט איר העל פּנים אַ בלענד געטאָן אין דעם ליכ־ליכט. איך האָב געזען ווי לאַלאָס מאַמע האָט באַוווּנדערט די שוועסטער, ווי זי האָט געגלעט אירע האָר און די שוועסטער האָט געמאַכט אַ קניקס און זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ זייט. דערנאָך האָט די מאַמע אַפילו צו־גערופן דעם ברודער. לאַלאָס מאַמע האָט אים עפּעס געזאָגט, ער האָט אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ און פאַרקרומט געשמייכלט. ער האָט עפּעס געוויזן און געמשלט מיט דער האַנט, געוויס האָט ער דערציילט ווי אַזוי ער האָט לאַלאַן אַרויסגעשלעפּט פונעם טייך און ווידער האָב איך דער־פילט אַ פרייד און אַ פאַרדראָס צוזאַמען. איצט וועט מען פרעגן וועגן מיר און מען וועט מיך זוכן און נישט געפונען. אָבער קיינער האָט וועגן מיר נישט געפרעגט.

פון דער מאַמעס זיצן מיטן קינד אויף דער האַנט, איז מיר מיט אַ מאָל קלאָר געוואָרן, אַז די מאַמע איז נישט צופרידן פון דעם וויזיט.

דער טאַטע רעדט מיט לאַלאָס מאַמע און ווייזט מיט דער האַנט אין דער ווייט, אויף דער געגנט. די מאַמע האָט נישט ליב, ווען דער טאַטע רעדט לאַנג מיט ווײַבער און מיר קלאַפּט דאָס האַרץ.

באַשפּרענקלט מיט פּינטעלעך ליכט, אין דער גערדיכטקייט פון די צווייגן, איז אָנגעלאָפן דאָס שיקסל אַניעלקאַ. אַגאַי איז געשפּרונגען צווישן אירע טריט. אַניעלקאַ האָט געשמעקט מיט זון און פריש־גע־מאָלקענער מילך. זי איז צוגעלאָפן צו מיר. זי האָט עפּעס אויסגעשריגן, אָבער איך האָב איר געוויזן, זי זאָל שווייגן. זי איז שטיל געוואָרן. זי האָט זיך אַוועקגעשטעלט נעבן מיר אונטערן בוים און געקוקט אויף מיר מיט אירע גרויסע, געטרייע אויגן. מיט אַ פינגער אין מויל האָט זי גע־קוקט אויף מיינע פאַרשמירטע קליידער און געפּרוּווט מיך אָפּרייניקן. זי האָט מיר געוואָלט מיט עפּעס העלפן און שטיל מיר אַ גלעט געטאָן איבער די האָר. זי האָט נישט געשטיפט, ווי אַלע מאָל, זי איז געווען ווי דערשראָקן. זי האָט מיט צער אין די אויגן שטיל געפרעגט:

— מ'האָט דיך געשלאָגן?...

— ניין... — האָב איך געזאָגט.

זי האָט זיך צוגעבויגן צו מיר, אירע אויגן זענען געווען פול מיט צער און געטריישאַפט:

— זאָל איך דיר ברענגען עסן... ווילסטו?...

און זי האָט מיטביידע הענט אַרומגענומען מיין האַלדז, מיך אַ ציִ געטאָן צו זיך, און צוגעטוליעט צו איר האַרץ. מיין פּנים האָט זיך אָנגעשלאָגן אָן צוויי האַרטע בערגלעך פון איר לייב, וואָס האָבן ווי לעבעדיקע געפּלאַטערט און געקלאַפּט מיט אַ גליִענדיקער וואַרעמקייט פון לעבן. אַ ריטמיש־וויגנדיק געזאַנג איז געגאַנגען פון אונטער דעם ברוינעם האַרץ־ברעטל, וואָס האָט דערמאָנט אָן אַ פידל. איך האָב פאַרמאַכט די אויגן, ווען אַ זיסע ראַציקייט האָט זיך געגליטשט איבער מיין הויט. צוויי האַרטע גריבלעך לייב האָבן געשפּילט און געזונגען.

— וואָס איז דאָס?... — האָב איך פאַרטראַגן געפרעגט.

— דאָס האַרץ... — האָט אַניעלקאַ מיט בלויזן אָטעם געענטפערט און צוגעטראָגן נענטער איר האַרץ צו מיין קאָפּ.

— אָך... — האָט זי אַ זיפץ געטאָן — הערסט?...

און איך האָב דערזען אירע אויגן, אַזוי נאָענט, ווי צוויי פולע מיט ואַפּט אָנגעפילטע פרוכטן.

צום ערשטן מאָל האָב איך געהערט די מוזיק פון אַ האַרץ אַזוי נאָענט און צום ערשטן מאָל האָט זיך מיר געדאַכט, אַז מען קאָן טרינקען די זיסקייט פון אויגן. אין פאַרטראַגנקייט האָבן מיינע ליפּן באַרירט אירע טונקעלע ווייעס, וואָס האָבן געפּאַכעט איבער מיינע ליפּן. אַניעלקאַס קאָפּ איז געווען פאַרוואָרפן, איר מויל איז געווען האַלב אָפן און אַ קוים זעבאַר אָדערל האָט ווי געאָטעמט אויף איר קינדערישן האַלדז.

דער הונט אַגאַי האָט זיך אויפגעהויבן אויף די פאָדערשטע לאַפּעס, מיר געגלעט דעם אַרבל און די פינגער. אַניעלקאַ האָט אַלץ געגלעט מיין האַלדז און מיר האָט זיך מיט אַ מאָל אויסגעוויזן, אַז אויך אַניעלקאַ איז אַ הונט — אַ גוטער און געטרייער. זי האָט איצט ווי אַ פויערטע פאַרלייגט אירע שמאָלע, ברוינע הענט און מיט אויגן פול געטריישאַפט, האָט זי געזאָגט:

— איך וועל לויפן, איך וועל דיר ברענגען צו עסן...

עס האָט זיך דערהערט מיין מאַמעס שטים, וואָס האָט זי גערופן

און אַניעלקאַ איז מיט אירע באָרוועסע, שפּרינגענדיקע טריט אַוועק צו דער מאַמען.

איך האָב זיך אָנגעשפּאַרט אינעם בוים. די גאַנצע וועלט האָט זיך געוויגט אין דעם געזאַנג, וואָס האָט זיך געטראָגן פון אַניעלקעס האַרץ. איך האָב פאַרקלערט צוגעלייגט די האַנט צו מיין אייגן האַרץ און האָב דערפילט דאָס זעלבע ריטמישע, וויגנדיקע זינגען, און מיר האָט זיך פאַרוואָלט אויך הערן דאָס האַרץ ביי דער קאַלירטער, ווילדער לאָלאַן, וועלכער איך האָב איצט פון דער ווייטן געזען. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך הער ווי עס זינגט אין איר.

זי האָט זיך אין דער מינוט געזעגנט מיט מיין ברודער. זי האָט געשטיפט, געפּרוווט אים אָנכאַפּן פאַר די האָר. מיין ברודער האָט זיך פאַרשעמט, געוועהרט זיך, און אַלע האָבן געלאַכט. איך האָב זיך פּלוצלינג דערמאָנט ווי מיין ברודער האָט זי אַרומגעהאַלטן אין טייך. צי האָט ער געהערט דאָס געזאַנג פון איר האַרץ?

איך האָב געזען ווי אַלע זענען אַוועקגעגאַנגען, ווי מיין פאָטער האָט באַגלייט לאָלאַס מאַמע, ווי מיין מאַמע האָט געגעבן אַניעלקען דאָס קינד און איז אַליין געבליבן שטיין צוגעשפּאַרט צו דער טיר. מיין שוועס־טער איז געשטאַנען נעבן איר.

איך בין נאָך לאַנג געשטאַנען אונטער דעם טונקעלן בוים. איך האָב באַשלאָסן זיך נישט צו ווייזן אַהיים, ביז וואַנען מען וועט זיך אין מיר נישט דערמאָנען און מיך נישט זוכן. איך האָב געוואַנדערט אין דער אָוונט־טונקלקייט אַרום דעם הויז. די לבנה האָט זיך אָנגעגאָסן מיט אַ שפּילנדיקער ליכט. דער ריח פון די ליפּעס האָט זיך אויפגעוועקט און געגאָסן דעם זאַפט פון לעבן. איך בין צום ערשטן מאָל געווען אַליין, מיט דער גרויסער און וווּנדערבאַרער וועלט אַליין.

דער אָוונט איז געווען אַ וואַרעמער און היימישער, גלייך ווי דער טאָג וואָלט פאַרמאַכט אַן אויג. עס איז געווען ליכטיק פון דער גרויסער, גאַנצער לבנה.

איך בין געווען מיד פון דעם גאַנצן טאָג און האָב ביים טיש גע־דרימלט. עס איז אַזוי געשען, אַז דער ברודער איז ביי דעם טיש נישט געזעסן. די מאַמע האָט אים פאַרענטפערט פאַרן טאַטן, אַז דאָס יינגל האָט זיך צעקלאַפּט אַ פוס ביים אַרויסראַטעווען לאָלאַן פונעם טייך. איצט טוט אים שטאַרק ווי דער פוס און ער קאָן זיך נישט אויפהייבן.

מיר אַלע האָבן פאַרשטאַנען, אַז נישט נאָר צוליב דעם. די מאַמע האָט מורא געהאַט, אַז ביים טיש זאָל עפּעס נישט אַרויסקומען צווישן טאַטן מיטן ברודער, איז דער ברודער געלעגן אויף זיין בעטל אין קיך, און דאָרט געגעסן.

די מאַמע, וואָס האָט שוין געהאַט אַנגעוויטיקטע אויגן צוליב דעם, וואָס דער טאַטע האָט אַזוי לאַנג גערעדט מיט לאַלאָס מאַמען, איז, זעט אויס איצט שוין געווען צוריק רויק. נאָך דעם, ווי דער טאַטע האָט איצט נאָכגעמאַכט דער דאַמע, ווי זי דרייט מיט די אויגן און מאַכט זיך יונג, איז ביים טיש ווי אַלע מאָל געוואָרן פריילעך. די מאַמע האָט אונטער־געכאַפּט, אַז דאָס איז נישט קיין גוטע שכנהשאַפט, אַז די מיידלעך זענען ווילד און צעלאָזן, באַזונדערס וועט פון לאַלאַ קיין גוטס נישט אויסוואַקסן. מיך האָט אַרומגענומען אַ מאָדנע אומרו, גלייך מען וואָלט גערעדט וועגן מיר. איך בין אויפגעשטאַנען פונעם טיש און צוגעגאַנגען צום פענצטער, וואָס איז געווען פאַרגאָסן פון דער לבנה. פון דער מאַמעס רייד האָט זיך מיר אַלץ פאַרגעשטעלט, ווי לאַלאַ גייט איצט אַרום אין וואַלד. ביי דעם געדאַנק האָט מיך עפּעס אַ טראַג געטאָן אין קיך אַריין צו זען צי דער ברודער ליגט אויף זיין בעטל. דער ברודער איז געלעגן אויף זיין בעטל און האָט ביי מיין אַריינקומען באַהאַלטן דעם פּאַפּיראָס, וואָס ער האָט בגנבה גערייכערט.

— פאַר וואָס רייכערסטו — האָב איך שטיל געזאָגט — דער טאַטע וועט זען...

— ער וועט נישט זען... — האָט ער געזאָגט און פאַרלאָשן דעם פּאַפּיראָס. איך בין אַ מינוט געשטאַנען און פּלוצלינג געפרעגט:

— דו וואָלסט געגאַנגען אין וואַלד?

ער האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן און פשוט געזאָגט:

— פאַר וואָס נישט?

איך האָב אים געוואָלט פרעגן, צי ער איז שוין ביי נאַכט געווען אין וואַלד. איך האָב געוואָלט פרעגן נאָך, צי איז דאָרט אויך געווען זי, לאַלאַ. נאָר מיין ברודערס אויגן זענען געווען פאַרקוועטשט. ער האָט נישט געקוקט אויף מיר, און איך האָב אַרומגעבלאָנדזשעט איבער דער שטוב מיט אַ פאַרדריקט האַרץ.

ביים טיש האָט די מאַמע איצט דערציילט וועגן קינד, וועגן די בייזע ווערטער, וואָס ער זאָגט. זי האָט געוווסט, אַז דער טאַטע האָט דאָס ליב

צו הערן. זי האָט דערציילט וועגן זיינע נייע תנועות. דער טאַטע האָט זיך אויפגעהויבן און אַלע האָבן מיר אַרומגערינגלט דעם קינדס וויגל וואָס איז געשטאַנען ביים פענצטער. איבערגעדעקט מיט אַ ווייסן טיול קעגן די נאַכט־פליגעלעך און קאָמאַרן, איז דאָס קינד געלעגן ווי אויס־געגאָסן פון טונקל־גאָלד, באַדעקט מיט אַן אויסגעוואָרעמטן טוי פון שלאָף. עס איז געלעגן ברייט צעוואָרפן די הענטעלעך, די פּאַרמאַכטע אויגן אַרומגעזוימט מיט די לאַנגע, זיידענע ווִיעס. אין טיפן שלאָף האָט ער טייל מאָל אַ צאַפּל געטאָן, די ליפּעלעך האָבן זיך געקרימט אין אַ שמייכל, אָדער אין אַ קוועל.

מיר האָבן זיך אַלע אַרומגעשטעלט. דער לבנה־שײַן האָט זיך גע־גאָסן דורכן פענצטער און געצאַפּלט איבער דעם טיול. אַ שטילע פרייד האָט אונדז אַלע אַרומגענומען.

— לאָמיר אויסלעשן די לאָמפּ — האָט די שוועסטער אויסגעשריגן און אַראָפּגעדרייט דעם לאָמפּ. נאָר די ליכט אין די לייכטער און די לבנה האָבן געלויכטן אין שטוב. דער טאַטע האָט זיך איבערגעבויגן איבערן וויגל און דורך דעם טיול, לייכט, מיט די ליפּן באַרירט דעם קינדס קעפּל.

— ער איז דערוואָרעמט — האָט דער טאַטע געזאָגט — מען דאַרף צומאַכן די טיר... ס'איז אפשר צו קיל...

דער טאַטע איז, זעט אויס, געווען זייער גערירט.

עס איז געווען שטיל אין דעם אומהיימלעכן שײַן פון דער לבנה און די ברענענדיקע ליכט. קיינער האָט נישט באַמערקט, ווי די מאַמע האָט זיך גענומען מאָדנע דרייען ביי די ווענט. זי איז מיט אַ מאָל געבליבן שטיין אין איר שלאַנקן וווּקס, איר שמאָלער קאָפּ אויפן הויכן יונגנטלעכן האַלדז איז געווען פאַרוואָרפן, ווי זי וואָלט פאַר זיך געזען עפּעס ווייטס. זי האָט זיך צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט, ווי זי וואָלט געזוכט שוץ זיך אָנצוהאַלטן. און מיט אַ מאָל האָבן זיך אירע אַקסלען אָנגעהויבן טרייס־לען פון אַ העפטיק געוויין.

דער טאַטע האָט זיך אַ מינוט געוואַקלט און ווי עס וואָלט אים עפּעס קלאָר געוואָרן, האָט ער זיך דערנענטערט צו דער מאַמען.

נאָך קיין מאָל האָב איך אין מיין טאַטן נישט געזען אַזוי פיל צאַרט־קייט. ער איז פּלוצלינג געוואָרן ווי עלטער און קלענער, ווי ער וואָלט זיך אָנגעבויגן אונטער אַ שווערער משא. זיינע גרויע אויגן זענען גע־וואָרן מילד. ער האָט זיך אָנגעבויגן, אַרומגענומען די מאַמע און זי

אויפגעהויבן ווי אַ קינד. ער האָט זי צוגעטראָגן צום צווייטן צימער און זי אַוועקגעלייגט אויפן בעט.

איך האָב געקוקט אויף מיין שוועסטער. זי האָט, זעט אויס, פאַר־שטאַנען דער מאַמעס פלוצלינגדיק געוויין. זי האָט געקוקט צו דער מאַמען מיט אויפגעריסענע אויגן, מיט עפּעס אַ ווייבערישער נאַענטקייט, וואָס איך האָב נישט פאַרשטאַנען. איך האָב נאָר געהערט דעם טאַטנס שטים, פול מיט צאַרטער וואַרעמקייט, ווי ער האָט געזאָגט צו דער מאַמען:

— מען טאָר נישט אַזוי... מען דאַרף פאַרגעסן...

— עס פאַרגעסט זיך נישט... איך... איך קאָן נישט... — האָט די מאַמע אַ העשע געטאָן...

מיר איז עפּעס קלאָר געוואָרן, עפּעס אַ טונקעלער טאָג, אַ צערו־דערטע שטוב מיט ברענענדיקע ליכט, נאָך וועלכן עס איז פאַרשוווּנדן געוואָרן מיינס אַ קליין ברודערל.

איך בין צוגעגאַנגען צו דער שוועסטער און שטיל געפרעגט:

— וואָס איז... פאַר וואָס וויינט די מאַמע...

די שוועסטער האָט מיך, ווי אַ דערוואַקסענע, אַ גלעט געטאָן איבערן פּנים, און פאַרטראָגן געזאָגט:

— זי האָט זיך דערמאָנט... אין יענע... די געשטאָרבענע...

איך האָב געהערט ווי די מאַמע האָט מיט אַ העשעדיק קול זיך גע־קלאָגט, ווי דער טאַטע האָט זי געטרייסט. דער מאַמען איז, זעט אויס, אַ שאָד געווען, דאָס איבערגעריסענע גוטע געמיט, און די פריידיקייט פון דעם אָוונט אין שטוב און זי האָט איבערגעריסן איר קלאָג. זי האָט זיך אויפגעהויבן און מיט אַ פלוצלינגער רויִקייט געזאָגט:

— שוין... אַריבער... זאָל זיין גוט...

זי איז ווידער געגאַנגען צום וויגל מיטן קינד און שטיל עפּעס גע־פּליסטערט איבער דעם. איך בין געשטאַנען ביי דער אָפענער טיר און געקוקט אין דער נאַכט, וואָס האָט ווי געדרימלט מיט אָפענע אויגן. עס האָט זיך געדאַכט, אַז ערגעץ אין דער ווייט זינגט עמעצער און שאַלט. עס האָט זיך געוואָלט גיין אין דער צייַטבדיקער ווייט, ווי עמעץ וואָלט פריידיק געוואַרט אויף מיר.

אין שטוב האָבן די ליכט טונקל געפינקלט. די שוועסטער האָט אונטערגעשפּאַרט דעם קאָפּ און געלייענט. דער טאַטע האָט זיך איצט

דערמאָנט, אַז די שוועסטערס חברטעס אין וואַרשע האָבן אים פּאַר דער שוועסטער מיטגעגעבן בריוולעך. די שוועסטער האָט געלייענט די צו־נויפגעלייגטע פּאַפּירלעך ווי קאָנווערטן. איך בין מקנא געווען דער שוועסטער. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אין מיר געדענקט קיינער נישט, אַפילו דאָס מיידעלע פונעם דריטן שטאָק.

איך האָב זיך נישט געפונען קיין אָרט. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די וועלט, דער לייכטנדיקער הימל, די לבנה און אַלע מענטשן האָבן מיך פיינט.

דער טאַטע איז צוגעגאַנגען צו דער אָפענער טיר, ער האָט מעכטיק אָן אָטעם געטאָן. ער איז געווען האַלב־אויסגעטאָן און פונעם ווייסן העמד האָט זיך אַרויסגעוויזן זיין יונגטלעך, שטאַרק לייב. איך האָב געוואַרט, ער זאָל מיר עפּעס זאָגן, אָבער דער טאַטע האָט געקוקט אין דער ווייט און האָט געשוויגן.

מיט אַ מאָל האָבן זיך דערהערט לייכטע טריט און פון דער זייטיקער געדיכטקייט פון די קושאַקעס איז אַרויס אונדזער קריסטלעכע שכנטע. זי האָט דערזען דעם טאַטן און זיך פאַרהאַלטן. דער טאַטע האָט פאַר־קנעפּלט דאָס העמד אויפן האַלדז און זיך באַגריסט מיט איר.

— אַך, ווי שיין עס איז... — האָט זי אויסגעשריגן מיט אַ געדעמפּטער שטים. — איר שלאָפט נאָך נישט...

— ניין... — האָט דער טאַטע שטיל געזאָגט — מיר בעטן זייער... קומט אַריין...

די שכנטע איז געווען אָנגעטאָן אין אַ לייכט, ראָזע קלייד, מיט קורצע אַרבל, פון וועלכע עס האָבן אַרויסגעלויכטן אירע פולע, שפּילנדיקע הענט.

איר שטים איז באַלד ווי אַלע מאָל געוואָרן פול מיט קלאַנג. זי האָט פיל מאָל איבערגעבעטן, וואָס זי האָט געשטערט, וואָס זי איז נישט אָנגעטאָן. דערביי האָט זי צוגעדריקט אירע הענט צו איר פולער ברוסט, ווי זי וואָלט געוואָלט פאַרשטעלן איר נאַקעטקייט. זי האָט דערציילט, אַז מיט איר ברודער איז שוין זייער שלעכט, אַז ער וועט זיכער גיך שטאַרבן.

— אַך... ווי שיין איז די נאַכט... אין אַזעלכע נעכט בענקט זיך אַזוי... זי וואָלט געגאַנגען אין די פעלדער... אין די וועלדער... אפשר

וועט מען טאַקע גיין אַ ביסל שפּאַצירן... דאָ, נישט ווייט, איז דאָ אַ „פּאַלאַנקע"... עס איז אַזוי שיין...

די מאַמע איז געוואָרן דערשראָקן. ניין, זי איז מיד, זי וועט נישט איבערלאָזן דאָס קינד. אַלע האָבן מיט אַ מאָל דערפילט אַן אומרויִקייט, אַז דער טאַטע זאָל נישט גיין מיט דער שכנטע. דער טאַטע האָט געשוויגן און דאָס געשפּרעך האָט זיך מיט אַ מאָל איבערגעריסן.

די מאַמע האָט דערלאַנגט פּרוכטן מיט געבעקס, אָבער אַלע האָבן מיר געוואָלט, אַז די שכנטע זאָל אַוועקגיין. זי איז אָבער געבליבן און מער האָט מען נישט גערעדט וועגן דער שיינקייט פון דער נאַכט.

דער טאַטע האָט איצט עפּעס דערציילט פון דער שטאָט. מען האָט געלאַכט און עס איז צוריק געוואָרן געמיטלעך. אָבער איך בין אַלץ געשטאַנען ביי דער אָפענער טיר. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז באַלד וועט עפּעס געשען, און איך וועל מיט דער שכנטע אַוועק אין וואַלד אַריין, דאָרט אין וואַלד איז איצט אַזוי פריילעך. איך בין אַלץ נישט אַוועקגעגאַנגען פון דער אָפענער טיר, און פּלוצלינג האָט זיך פון דער צווייטער זייט הויז דערהערט אַ פייף.

די מאַמע האָט אַ צאַפּל געטאָן און אַ גרינבלעכע בלייכקייט האָט באַדעקט איר פּנים.

איך האָב זיך אַ ריס געטאָן פונעם אָרט. מיין האַרץ האָט גענומען קלאַפּן, ווי עס וואָלט געוואָלט אַרויסשפּרינגען. איך האָב דערקענט דעם פייף. דאָס איז געווען דעם שגצס מאַרצעלס פייף, מיט וועלכן ער האָט גערופן מיין ברודער.

איך בין אַריין אין קיך, אָבער דער ברודער איז שוין דאָרט נישט געווען.

— ער איז אַוועק אין וואַלד אַריין... — האָט מיר אַ קלאַפּ געטאָן אין קאָפּ, און איך בין אַרויס דורך דער הינטערשטער טיר.

מיט אַ טויב טופּעריי און אַ רעשיקן אָטעם האָט זיך אָנגעטראָגן דער הונט אַגאַי. איך האָב אַ קוק געטאָן אין דער ווייט און עפּעס אַ כּוח האָט מיך אַ טראָג געטאָן:

— אין וואַלד אַריין...

דער ווייטער וואַלד איז איצט אין דער שפּילנדיקער ליכט געווען מאָדנע נאָענט, נאָר איין זייט וואַלד איז געווען שוואַרץ און שרעקיק. ווידער האָב איך דערהערט מוזיק, ווי מען וואָלט געשפּילט און געזונגען.

איך בין אַרויף אויף דעם שטעג, וואָס האָט געפירט צום וואַלד. פון ביידע זייטן האָבן זיך געהויבן ווייסלעכע זאַמד־בערגלעך מיט איינציקע, שיטערע סאָסנע־ביימער. קליינע, ווי געבויגענע, האָבן זיי איצט, אין דער אומהיימלעכער שײַן אויסגעזען ווי געבויגענע בעטלער מיט אויס־געצויגענע הענט.

איך האָב געקוקט אין אַלע זייטן, פון אומעטום האָט געזונגען און געקלונגען. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז באַלד וועל איך באַגעגענען פריילעכע מענטשן. אָבער קיין מענטש איז נישט געווען אַרום.

13

כ'האָב אָנגעהויבן אויסמיידן לאַלאַן. מען האָט זי איצט געקאָנט זען גאַנצע טעג צוזאַמען מיט מיין ברודער, מיט זיין גוייִשן חבר מאַרצעל ביים טייך אָדער אינעם גרויסן וואַלד. עס איז געווען די צייט פון יאַגדעס און שוואַמען אינעם וואַלד, ווו זיי האָבן אָנגעקליבן גאַנצע קוישן.

אויך מיין שוועסטער האָט זיך מיט לאַלאַן נישט געחברט. זי איז געווען פאַרטאָן אין שענקעוויטשעס „טרילאָגיע”, וואָס זי האָט געלייענט טאָג און נאַכט.

איך האָב דערפילט, אַז איך בין צו יונג פאַר לאַלאַן, וואָס האָט איצט צוזאַמען מיט מיין ברודער און נאָך עטלעכע יינגלעך און מיידלעך באַהערשט דעם טייך און דעם וואַלד. איך האָב זיך געפילט אומגליקלעך צווישן זיי צוליב מיין יינגקייט. אויך די שוועסטער איז מיר מיט אַ מאָל געוואָרן פרעמד. זי האָט כסדר דערציילט דער מאַמען וועגן דעם „פאַן וואָלאָדיאָווסקי”. וועגן „זאַגלאָבאַ” און דעם איידעלן פריץ „וויש־נאָוויעצקי”.

איך בין געבליבן אַליין. איך האָב זיך נישט געהאַט מיט וועמען צו חברן.

דאָס שיקסל אַניעלקאַ פלעגט אָנלויפן מיר אין די ווינקעלעך, זיך אָנהענגען אויף מיר, צולייגן מיינע הענט צו אירע קליינע שטייפע קלאַפּנדיקע בריסטלעך און אָטעמען אויף מיר מיט איר דאָרפּישן, פרעמדן, שיכורנדיקן אָטעם. זי איז געווען ווילד און שטאַרק, און איך האָב נישט געקאָנט וויסן, צי זי האַלט מיך פאַר אַ יינגל אָדער פאַר אַ קינד. נישט איין מאָל האָט זי פלוצלינג אָנגעהויבן מיך רייצן, רייסן פאַר די האָר, אַרויסרייסן מיר פון דער האַנט דאָס ביכל אָדער דעם בלייפעדער ווען

איך האָב געריסעוועט, מיך גערייצט און אין אַ מאָדנער פאַרטראָגנקייט אין אירע בלויע, זאַפטיקע אויגן מיך אַנגערעדט:

— „פּאָבי מניע"... שלאָג מיך...

און איך האָב זיך פאַרשעמט.

קעגנאיבער אונדזער הויז האָט זיך אַריינגעצויגן אַ גרויסע חסידישע פאַמיליע, וואָס איז געקומען פון וואַרשע אויף זומערוווינונג. זיי האָבן פאַרנומען דאָס גאַנצע הויז.

פון דאָרט זענען געגאַנגען געדיכטע, יידישע ריחות, פון רייכע עסנס, פון געבראָטענע גענדז, פון געבעקס מיט יום־טובדיקע ריחות פון צימע־רינג און זאַפראַן.

דאָרט איז אויך געווען אַ יינגל אין מיינע יאָרן. גאַנצע טעג האָב איך אים געזען זיצן ביי אַ טישל נעבן הויז, מיט זיין רבין, איבער אַ גרויסן ספר און לערנען מיט אַ דינעם גאָרגלדיקן ניגון, וואָס האָט זיך געטראָגן ווייט אַרום דעם הויז.

דאָס יינגל האָט געטראָגן אַ קאַפּעלע אויפן קאָפּ. זיינע לאַנגע שוואַר־צע פּיאות האָבן פאַרשטעלט אַ העלפט פון זיין שמאָל גרין פּנים מיט דעם דינעם לאַנגן נעזל, וואָס האָט דערמאָנט אין אַ ציג. ער האָט געהאַט מאָדנע דינע פיס און שוואַרצע, לאַנגע זאָקן. זיינע לאַנגע, דאַרע, ווייסע הענט האָבן געקוועטשט דעם שטערן.

טייל מאָל פלעגט ער קוקן אויף מיר מיט זיינע בלייכע אויגן. אויך איך האָב געקוקט אויף אים און מיר האָט זיך שטענדיק אויסגעוויזן, אַז ער באַדויערט מיך.

ער האָט נישט געוווּסט וויפל איך האָב וועגן אים געקלערט און זיך געפילט קעגן אים געפאַלן. איך בין אים מקנא געווען צוליב דעם גרויסן ספר, צוליב דעם רבין, מיט וועלכן ער האָט געלערנט מיט זיין הויך און גרילציק געזאַנג.

איך האָב געקלערט וועגן זיין העכערקייט איבער מיר. איך פלעג אָפּשטיין שעהענווייז, אָדער ליגן פון דער ווייטנס הינטער אַ בוים און מיך האָט אַרומגענומען אַ טרויער פאַר מיין עלנטקייט.

טייל מאָל האָב איך ווי אין אַ דרימל, האַלב אויף דער וואָך געחלומט, אַז איך בין צוזאַמען מיט דעם דאָזן, פרומען יינגל. ער פירט מיך אַוועק צו זיין רבין, דעם קליינעם ייד מיט דער לאַנגער, ווייסער באָרד, מען

זעצט מיך אַוועק ביי דעם ספר און מען לערנט מיט מיר. איך זינג, איך וויג זיך אין דעם געזאַנג, און עפּעס אַ לייטזעליקייט גייט אויף אין מיר. דעם יינגלס ווייסע, דינע הענט נעמען מיך אַרום און דער רבי גלעט מיך. איך צעגיי מיך אין געזאַנג.

עפּעס אַ הייליק געוודער טראָגט זיך אָן פונעם ספר, אַ ליכטיקייט צעגיסט זיך, פונעם נאָענטן שטעטל, פון דעם יידישן הימל, און עפּעס אַ פאַרכטיקער שאַרך ווי פון פליגל באַרירט מיין הויט.

איך וואַך אויף. וואַרעמע שמעקנדיקע ווינטן רירן אָן מיין פּנים. די ערד אָטעמט מיט מילדקייט און דער הימל איבער מיר איז בלוי. איך קוק טיף אין דער בלויקייט און וויל עפּעס דערזען. אָט באַלד וועט זיך פאַר מיר עפּעס באַווייזן. מען וועט מיך רופן אַהיים און איך וועל נישט גיין. מיר דאַכט, אַז איך בין אַ פרעמדער אין אונדזער שטוב. איך זאַמל ווערטער, וואָס איך וועל זאָגן מיין מאַמען און מיין טאַטן, ווען איך וועל זיין קראַנק, אָדער אפשר וועל איך שטאַרבן. אַ גרויסער טרויער נעמט מיך אַרום. אָט וועל איך אַרויף אויפן הימל און קיינער וועט נישט וויסן אין שטוב ווו איך בין פאַרשוווּנדן.

*

איין מאָל, אין עפּעס אַ יום־טובדיקן טאָג, האָב איך אַרומגעבלאָנ־דזשעט אַרום דעם הויז פון די חסידישע שכנים. אין דעם הויז איז געווען ראַשיק, אין דעם הייפל זענען געווען אַ סך יידן מיט בערד אין זיידענע קאַפּאָטעס, אין שטריימלען. אויך דאָס יינגל איז געווען אָנגעטאָן יום־טובדיק אין אַ זיידן קאַפּאָטקעלע און אַ סאַמעטן היטל אויפן קאָפּ.

ער איז אַלע מאָל געזעסן מיט זיין רבין און געלערנט און די יידן האָבן צוגעשאָקלט מיט די קעפּ.

אינעם הייפל האָט זיך אויך באַוויזן דעם יינגלס מאַמע. זי איז געווען אַ הויכע און אַ העלע מיט אַ בלאָנד, נגידיש שייטל אויפן קאָפּ. עס האָבן זיך אויך באַוויזן מיידלעך, זיינע שוועסטער, פאַרהילטע אין טיכלעך זענען זיי געזעסן אַרום דער מאַמען.

איך בין געשטאַנען ביים טירל פון זייער הויז. מיך האָט געצויגן צו דער שטוב און צו דעם יינגל.

דאָס יינגל האָט געקוקט אויף מיר און אונדזערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט.

איך האָב געזען ווי ער האָט געענדיקט דאָס לערנען, ווי די מאַמע האָט אים געגעבן אַ קיכל און די יידן האָבן אים געגלעט. דאָס ייִנגל האָט געמאַכט אַ ברכה איבער דעם קיכל, און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז נאָך דער ברכה האָט דאָס קיכל אַ טעם, וועלכן איך האָב נאָך קיין מאָל נישט געפּילט.

מיט אַ מאָל איז דאָס ייִנגל אַ לויף געטאָן איבערן הויף. זיינע דאַרע פיס אין די לאַנגע זאָקן זענען געשפּרונגען קינדעריש און ווילד. דאָס איז געווען פאַר מיר מאָדנע אומגעריכט. איך האָב דערזען ווי ער פּרוווט זיך דראַפּן אויף אַ בוים. ער האָט נישט זגראַבנע אַרומגעכאַפּט דעם בוים מיט זיינע דאַרע פיס, אָבער דאָס האָט זיך אים נישט איינגעגעבן.

דער רבי און נאָך יידן זענען געזעסן אַרום דעם טיש אין דרויסן און האָבן ראַשיק געשמועסט און געגעסן קיכלעך.

פּלוצלינג איז דאָס ייִנגל שטיין געבליבן פאַר מיר. ער האָט פריילעך אויף מיר אַ קוק געטאָן און איך האָב צום ערשטן מאָל פון דער נאָענט דערזען זיינע אויגן, פולע, גלאַנציקע, מיט אַ פריילעכן, שפּילנדיקן שמייכל און אַרויסרופנדיקער שאַרפקייט:

— וואָס שטייסטו, ייִנגל — האָט ער געזאָגט, מיט זיין גאָלדיקער שטים — קום אַריין...

דאָס האַרץ האָט ביי מיר געקלאַפּט. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אין זיין שטים איז פאַראַן אויך עפּעס פון חוזק.

— דאַרפסט עפּעס? — האָט ער שוין אָן אַ שמייכל געפרעגט.

— ניין — האָב איך געענטפערט.

— וואָס זשע שטייסטו? — האָט ער מיט אַ ניגון פון לערנען צוגעגעבן.

— כ׳וויל שטיין.

אָבער איך האָב געוואָלט גאָר עפּעס אַנדערש זאָגן. איך האָב אים געהאַט אַ סך צו פרעגן, און פון אַלעם האָב איך געפרעגט:

— דו לערנסט מיט דעם רבין?

ער איז צוגעגאַנגען נאָענט צו מיר, זיין פּנים איז איצט געווען קינ־דעריש־היימיש און איידל. אַרום די אויגן האָבן געצאַפּלט איידעלע, בלויע אָדערלעך.

— אַוודאי, כ׳לערן... און ווו וווינסט עטץ? — האָט ער געפרעגט.

— אין יענעם הויז — האָב איך אָנגעוויזן.

— און דו לערנסט נישט?

— כ'לערן... נישט ביי קיין רבין...

ער האָט מיט אַ מאָל געזאָגט שטיל און פאַרקלערט:

— כ'טאָר נישט גיין אין חדר... כ'בין קראַנק אויף די לונגען...

און זיינע אויגן זענען געוואָרן אומעטיק.

— וואָס לערנסטו? חומש? — האָב איך געזאָגט.

— ע, חומש... אַהאָ... שוין לאַנג... אויך מיר אַ לערנען... איך לערן רש"י... און דו?

— איך האָב געשוויגן.

— קום אַריין... — האָט ער געזאָגט, און מיך האָט אַרומגענומען אַ פרייד. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך שפּאַן אַריין אין אַ שטראַלנדיקער וועלט. אָט באַלד וועל איך זיך דערוויסן אַזעלכס וואָס איך האָב קיין מאָל נישט געזען. איך האָב געפרעגט:

— האָסט אַ גוטן רבין?

— ער איז אַ טייערער רבי... ער לערנט נישט מיט אַנדערע... נישט קיין מלמד...

ער האָט מיך אַ שלעפּ געטאָן פאַר אַ קנעפּל, און מיר זענען אַריין אין דעם הויף, וווּ עס איז געשטאַנען דער טיש.

— כ'לערן פּויליש אויך — האָט ער פלוצלינג געזאָגט — דו קענסט פּויליש?

— יאָ.

— עטץ זענט „לעטניקעס"...

— יאָ...

— איך בין שוין דאָ געווען ווינטער אויך, ביי מיין פעטער... מיין פעטער האָט דאָ אַ געוועלב... אין שטעטל... ווינטער איז דאָ אַן אַנדער לעבן, אַלץ איז ווייס פון שניי.

— ווינטער... — האָב איך געזאָגט — ווי זעט דאָ אויס?

— דאָרט, זעסט דעם וואַלד? ביסט שוין געווען אין דעם גרויסן וואַלד?

— יאָ.

— ווינטער איז דער וואַלד פול מיט וועלף.

— מיט וועלף.

— יאָ.

— דו האָסט געזען די וועלף?

— אַהאַ... איין מאָל...

איך האָב געקוקט אין זיין בלאַס, קינדעריש פּנים, וואָס האָט איצט, פון דער נאָענט, אָנגעווירן דעם באַזונדערן ערנסט, וועלכן איך האָב אין אים געזען פון דער ווייטנס ביים לערנען. ער האָט דאָ נעבן מיר אויסגעלאָדן זיין גאַנצע קינדעריש־עַ פאַרשפּילטקייט. ער האָט נישט גערוט, ער האָט זיך כסדר געדרייט אויף זיינע דינע, שפּיציקע פיס, גע־שפּרונגען, געריסן בלעטער פון דיביימער. ער האָט פּלוצלינג געכאַפּט אַ שטיינדל און עס אַ וואָרף געטאָן אין הימל אַריין, דאָס שטיינדל איז אַרויס פון זיינע שוואַכע, דאַרע פינגער, און גלייך צוריק אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד. דערביי האָט ער, נישט קוקנדיק אויף מיר אַלץ דערציילט וועגן די וועלף, ווי ער איז דאָ ווינטער־צייט, מיט זיין פעטער פונעם שטעטל געפאָרן אין דאָרף אַריין, דורכן גרויסן וואַלד, ווי עס זענען באַפאַלן אַ סטאַדע וועלף. ער האָט זיי דער ערשטער דערזען, ווייל דער פעטער האָט געדאַוונט מנחה, ווי מען האָט אָנגעצונדן שטרוי און די וועלף זענען פאַר דעם פייער אַנטלאָפן.

ער האָט דאָס דערציילט, נישט קוקנדיק אויף מיר, ווי דאָס וואָלט ביי אים נישט געווען קיין גרויס געשעעניש.

איך האָב געהערט מיט פאַרכאַפּונג. איך האָב געוואָלט וויסן ווי אַזוי די וועלף האָבן אויסגעזען. אָבער ער האָט מיט אַ מאָל איבערגעריסן און אָנגעהויבן דערציילן וועגן דעם, אַז עס איז דאָ אַ באַזונדערע תפילה קעגן וועלף, וועגן עפּעס אַ צדיק וואָס האָט פאַרטריבן אַ וואָלף מיט אַ פסוק. דאָס גאַנצע בילד איז פאַרשוווּנדן און די וועלף האָבן אָנגענומען אַ געשטאַלט פון בלייכע, שוואַכע אָפּגעריבענע לייבן וואָס איך האָב געזען אויסגעמאָלט אין אַ שול אויף אונדזער גאַס אין וואַרשע.

ער האָט אַרויסגעכאַפּט פון דער קעשענע אַ מעסערל און גענומען שניצן אַ צווייגל פון אַ בוים. איך האָב דערפילט ווי אַ פאַרדרוס, וואָס ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן צו אַ פּשוטער יינגלשער ווילדקייט, ווייל איך האָב אין אים געזוכט דעם לערנער. די מעשה מיט די וועלף איז פאַר־בלאָסט געוואָרן. איך האָב געוואָרט פון אים אַ סך נייע אויסטערלישע זאַכן, וואָס איך וועל זיך פון אים דערוויסן. אָבער ער, האָט זעט אויס, געוואָלט זיך שפּילן ווי אַ יינגל. ער האָט געזאָגט:

— לאָמיר זיך יאָגן.

— דאָ ביסט דאָך קראַנק — האָב איך זיך דערמאָנט.

— מיינסט טאַקע? היינט איז מיר גאָרנישט.

און ער האָט אַ הוסט געטאָן. דער הוסט איז געווען אַ בלייכער. אַ קלאַנגלאָזער, ווי אינעווייניק, אין אים, וואָלט אַלץ געווען פון פאַפּיר. און איך האָב מיט אַ מאָל רחמנות געקריגן אויף אים.

ער האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן און געפרעגט:

— ווי הייסטו?

איך האָב אים געזאָגט מיין נאָמען.

— אַ יידישער נאָמען... האָט ער ווי צו זיך אַליין געזאָגט און צו־געגעבן עטלעכע ווערטער, וואָס איך האָב נישט פאַרשטאַנען.

— און איך הייס שמעון.

אויך צו זיין נאָמען האָט ער עפּעס צוגעגעבן מיט דעם ניגון פון לערנען. איצט איז ער צוריק געוואָרן דער ווייטער, סודותדיקער, ווי כ׳האָב אים געזען ביים לערנען איבערן ספר. ער האָט זיך פאַרקלערט. איך האָב געקוקט אויף זיין בלייכן, דינעם האַלדז, אויף די טיפע גריבלעך, וואָס ער האָט געהאַט הינטער די אויערן, ווו עס איז געזעסן דאָס צו גרויסע סאַמעטענע קאַפּעלע, און אַ געפיל פון צאַרטקייט צו זיין שוואַכ־קייט האָט מיך אַרומגענומען. מיר האָט זיך געוואָלט אים נעמען אויף זיך און אים טראָגן.

ער האָט געקוקט מיט אַן אַנגעהיצטן בליק אין דער ווייט, ווו עס זענען געלעגן שטילע פעלדער און פאַרבלויטע וועלדער. ער האָט זיך אַ הייב געטאָן ווי צום פליען און געפרעגט, מיט אַ שטילער, פאַרטראַ־גענער שטים:

— דאָרט ביסטו שוין געווען?

— ווילסט גיין אַהין? — האָב איך געפרעגט.

ער האָט אַ בלייכן שמייכל געטאָן:

— מע טאָר נישט... די שקצים... מ׳האָט מיך שוין געשלאָגן.

ער האָט געשמייכלט ווי צו עפּעס אַ דערמאָנונג:

— נאַרישע שקצים. זיי שרייען: „ראַבין״, ווייל כ׳גיי אין אַ סאַמעטן היטל.

און ער האָט צוגעגעבן מיט אַ ניגון פון לערנען:

— ס׳איז נישט רעכט זיך צו שלאָגן מיט שקצים... עשו...

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר:

— דיך טשעפּען זיי אויך? די שקצים?

— ניין — האָב איך געענטפערט.

— דו, דו זעסט נישט אַזוי אויס...

און ער האָט אַ שפּאַן געטאָן פון מיר. איך בין געבליבן שטיין. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט מורא געקריגן פאַר מיר, ווי פאַר אַ שגץ און איך האָב זיך ווי פאַרשעמט. אָבער באַלד איז ער צוריקגעקומען און געזאָגט:

— כ'גיי היינט אין שטעטל אַריין צום פעטער... — און ער האָט צוגעגעבן:

— ווילסט מיטגיין?

— יאָ... — האָב איך געזאָגט.

ער האָט זיך אָנגערירט פאַר די פּיאות און שטיל געזאָגט:

— כ'וועל אָנטאָן אַ פּראָסט היטל.

מיר האָט זיך דווקא געוואָלט גיין מיט אים, ווען ער טראָגט דאָס סאַמעטענע היטל, ווי איך וואָלט אין דעם געזוכט עפּעס אַ שותפות צו זיין לערנען. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך בין זינדיק קעגן אים, און איך האָב געזאָגט:

— ווילסט גיין מיט מיר. האָב נישט קיין מורא.

איך האָב אַפילו אַ קלער געטאָן, אַז עס וואָלט געווען גוט, ווען מיין ברודער און מאַרצעל נעמען זיך אָן פאַר אים, אָבער איך האָב זיך געשעמט אים דאָס צו זאָגן.

דערווייל האָט שמעון אַראָפּגענומען מיין שילער־היטל מיטן גלאַנ־ציקן דאַשעק פון מיין קאָפּ, עס באַקוקט, און אַ שפּרונג טוענדיק הינטערן בוים וואָס האָט אים פאַרשטעלט פאַר די יידן, וואָס זענען געזעסן אויף דער באַנק, האָט ער גיך אַראָפּגעכאַפּט זיין סאַמעטן היטל, און אָנגעטאָן — מיינס. ער איז רויט געוואָרן, און שנעל אַ זאָג געטאָן:

— ווי זע איך אויס?...

מיר האָבן זיך ביידע צעלאַכט. ער האָט גיך, ווי ס'וואָלט אים גע־בריט, אַראָפּגעכאַפּט מיין היטל און צוריק אָנגעטאָן זיינס. ער האָט זיך אויסגעגלייכט די צערודערטע פּיאות און מיר זענען געגאַנגען:

— היינט איז יום־טוב, ווייסט? — ער האָט מיר עפּעס געזאָגט וועגן דעם יום־טוב, אַז באַלד וועט מען גיין צום טיש, און ס'זענען ביי זיי דאָ געסט, אַז צום פעטער וויל ער גיין נאָך מיטאָג, ווען אַלע וועלן שלאָפן.

אַז ביים פעטער אין שטעטל איז דאָ אַ סאַד, ס׳וואַקסן עפּל און באַרנעס.

מיר האָבן זיך דערנענטערט צום טיש, אַרום וועלכן עס זענען געזעסן די יידן. איך האָב זיך פאַרהאַלטן, אָבער דאָס יינגל איז געווען צעשפּילט, ער האָט מיך אַ שלעפּ געטאָן.

איך האָב זיך דערפילט פרעמד. מיר איז געוואָרן אומבאַקוועם מיט מיין היטל און מיין שילער־רעקל, ווי כ׳וואָלט געווען נאַקעט. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז באַלד וועלן מיך די יידן אַוועקטרייבן פון דאַנען, אָדער מיך פרעגן עפּעס, אויף וועלכן איך וועל נישט וויסן וואָס צו ענטפערן.

אָבער שמעון האָט מיך געשלעפּט ביז צום טיש. מיר איז געוואָרן הייס און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז די היץ גייט פון די שוואַרצע יידן מיט די לאַנגע בערד, פון זייערע זיידענע קאַפּאָטעס.

איינער פון די יידן האָט אַ רוף געטאָן שמעונען. און דער רבי האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן. שמעונס רבי האָט פון דער נאָענט גאָר אַנדערש אויסגעזען. ער האָט געהאַט ווייכע, בלויע אויגן און זיין באָרד האָט געשמייכלט:

— ווער איז דאָס יינגל... — האָט ער געפרעגט. און אַלע האָבן אָנגעשטעלט זייערע אויגן אויף מיר. דער רבי האָט געזאָגט:

— האָסט געפונען אַ חבר...

— זיי וווינען דאָ, זיי זענען „לעטניקעס״. — האָט שמעון אויסגעשריגן.

איך בין געשטאַנען פאַר די יידן. איך בין געווען גרייט אויף אַלעם. דאָס האַרץ האָט ביי מיר שטאַרק געקלאַפּט. איינער פון די יידן האָט פלוצלינג אַ פרעג געטאָן:

— וואָס לערנסטו, יינגל? לערנסט אין אַ שקאָלע?

— איך לערן אין שטוב — האָב איך געזאָגט.

אַ צווייטער ייד האָט זיך אונטערגעשפּאַרט מיט דער האַנט די באָרד און האָט פרייליך געפרעגט:

— און דער טאַטע דיינער איז אַ „דייטש״?

— אַ ייד — האָב איך געענטפערט, און מיר איז נאָך הייסער געוואָרן.

— וואָס הייסט אַ — ייד? אַ ייד האָט אַ באָרד, גייט אין אַ קאַפּאָטע...
ער האָט מיר געוויזן אַרום, אויף די לאַכנדיקע יידן.

— אַט דאָס זענען יידן... דער, און דער...

— מיין טאַטע איז אויך אַ ייד — האָב איך שטיל געזאָגט, אָבער אינעווייניק האָב איך פּלוצלינג דערפילט עפּעס אַ מאָדנע אומזיכערקייט, און צום ערשטן מאָל האָב איך דערפילט אַ פּאַרדרוס, וואָס מיין טאַטע איז נישט ווי די אַלע יידן. מיר האָט זיך איצט געדאַכט, אַז ביי זיי איז שטענדיק יום־טוב.

דער ייד האָט מיך נישט אָפּגעלאָזט:

— נו, און אין חדר אַריין גייסטו?

איך האָב נישט געענטפערט.

די יידן האָבן אויף מיר געקוקט מיט באַדויערן, דעמאָלט האָט זיך אָנגערופן שמעון:

— ער האָט ליב צו הערן לערנען.

די יידן האָבן זיך צערוישט ווי בלעטער, אָבער איך האָב שוין גאָר־נישט געהערט און בין אַהיימגעלאָפן. אַן אויפגעברויזטער בין איך צוגעפאַלן צו דער מאַמען:

— מאַמע, איך וויל גיין אין חדר, איך וויל זיין אַ ייד.

מיר האָט זיך איצט געדאַכט, אַז די גאַנצע וועלט, דער ליכטיקער זומער, די זון מיט די ליכטיקע פעלדער און וועלדער, דאָס אַלץ געהער צו די יידן פונעם שטעטל מיט די בערד און פיאות און צו די ייִנגלעך וואָס לערנען. דערביי האָב איך דערפילט אַ מאָדנע פרעמדקייט צו מיין טאַטן.

די מאַמע האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס איך וויל. זי האָט נישט ליב געהאַט די וואַרשעווער יידן, אַממייסטן די אין די לאַנגע קאַפּאָטעס און זי האָט געשמייכלט.

— נו, גוט — האָט זי געזאָגט — וועסטו זיין אַ חסידל.

אָבער איך בין געווען גרייט צו וויינען פון פאַרדרוס. די מאַמע האָט מיר געמוזט צוזאָגן, אַז מען וועט מיך אָנדינגען אין אַ חדר.

פאַר מיר איז אָבער דאָס אויך ווינציק געווען:

— און אַ קאַפּאָטע וויל איך אויך — האָב איך געזאָגט.

— וואָאָס?... — און די מאַמע האָט אויסגעשאָסן אין אַ געלעכטער. אויך איך האָב געלאַכט און געוויינט. דאָס איז געווען מאָדנע ווילד אויך פאַר מיר אין אונדזער שטוב.

— נו, גוט — האָט די מאַמע געזאָגט — דער טאַטע וועט קומען,

וועל איך אים זאָגן. מען וועט דיך אַוועקגעבן אין אַ חדר, וועסטו כאַטש האָבן חברים, ייִנגלעך — איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז די מאַמע האָט מיר דערמיט אַ שטאָך געטאָן, וואָס איך האָב מיך געחברט מיט מיידלעך.

אַז איך וויל אַ לאַנגע קאַפּאָטע, האָט זיך באַלד דערוווּסט דאָס גאַנצע הויז, ווו מיר האָבן געוווינט. אַפֿילו די קריסטלעכע שכנטע האָט שוין דערפֿון געוווּסט, ווייל מיין שוועסטער האָט זיך דערמיט זייער פֿריילעך געמאַכט. די קריסטלעכע שכנטע האָט מיך אַרויפֿגענומען צו זיך אין שטוב, און געבנדיק מיר קאַרשן האָט זי מיר געהייסן פֿרעגן דעם „ראַבין" צי די קאַרשן זענען „קאָשערנע". זי האָט מיך אַרויפֿגעכאַפּט אויף איר שויס, און צולייגנדיק אירע בלאָנדע לאָקן צו מיינע באַקן, האָט זי מיר געמאַכט „פּעיסעס".

אירע פֿרעמדע, בלאָנדע, דינע האָר האָבן ווי פֿייער אָנגעצונדן מיין הויט, און עפּעס אַ ריח פֿון אַ פֿרעמד לעבן, נישט מיינס, האָט זיך אַריינגעשפּאַרט אין מיר.

איך האָב זיך געוועדעט. איר האָט עס ווי עס זעט אויס, זייער געוויילט, ווייל זי האָט צעשויבערט מיינע האָר, פֿאַרשטעלט מיינע ליפּן מיט איר פֿינגער, וואָס עס האָט מיר געשטערט צו אָטעמען. ווערנדיק זיך, האָבן מיינע הענט זיך אָנגעשלאָגן אָן דער ווייכער גלאַטקייט פֿון איר לייב, ווייל איר בלוזקע האָט זיך דערביי געעפֿנט. די קאַרש וואָס איך האָב געהאַלטן אין מויל, האָט מיך אָנגעהויבן וואָרגן. נישט האָבנדיק קיין אָטעם האָב איך זי אַרומגעכאַפּט. איך האָב איצט געפֿילט איר אָפֿן, קוועלנדיק מויל, וואָס האָט געאָטעמט אויף מיר מיט אַ שיכורנ־דיקער פֿרישקייט און איך בין מיט אַ מאָל באַפֿאַלן געוואָרן פֿון אַ זיסער מידקייט.

אירע הענט זענען אַרומגעלאָפֿן איבער מיר ווי פֿייגל, און מיר איז מאָדנע גוט געווען דערפֿון. ווען זי האָט מיך אָפּגעלאָזן, האָב איך נישט געקאָנט געפֿינען קיין גלייכגעוויכט, ווי איך וואָלט מיך לאַנג געדרייט אין אַ ראָד.

זי האָט שוין נישט געלאַכט פֿון מיר, זי איז געזעסן ברייט און גע־קוקט אויף מיר מיט אַ לייכטן שמייכל. זי האָט נישט צוגעקנעפּלט די בלוזקע און מיר האָט וווּנדערלעך געקלאַפּט דאָס האַרץ.

אין שטיבל איז געווען טונקל פֿון די פֿיל בלומענטעפּ אויף די פֿענצטער. פֿון דעם צווייטן צימער, ווו עס איז געלעגן איר קראַנקער

ברודער, איז געגאַנגען אַ שטילקייט. איינציקע זון־שטראַלן האָבן זיך דורכגעריסן דורך די געדיכטע בלומענטעפּ, געצאַפּלט איבער די שטרענגע, הייליקע בילדער אויף די ווענט. מיר איז ענג און פרעמד געוואָרן, און איך האָב געוואָלט אַוועקגיין. איך האָב געקלערט וועגן מיין נייעם חבר שמעון, וועלכן איך האָב איצט געזען אין אַזאַ ריינער פרומער וועלט, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך טו עפּעס אַ שווערע זאַך קעגן אים. אָבער זי האָט מיך פאַרהאַלטן, זי האָט געקוקט אויף מיר ערנסט און האָט געזאָגט:

— ווילסט זיין אַ חסיד? מיט אַ לאַנגער קאַפּאָטע?

אירע אויגן האָבן זיך ווידער אָנגעגאָסן מיט געלעכטער:

— אַ שיין חסידל וועסטו זיין...

איך האָב געשוויגן, זי האָט ווידער געזאָגט:

— וועסטו שוין נישט וועלן אַריינקומען צו מיר, אַ?... זאָג.

— איך וועל אַריינקומען... — האָב איך שטיל געענטפערט און פאַמעלעך פאַרלאָזן דאָס שטיבל.

— — — — — — — — — — — — — — —

מיר איז געווען שטאַרק אומעטיק. איך בין געווען פול מיט סודות, וואָס זענען געלעגן אין מיר ווי בייזע, דרימלדיקע פייגל, וואָס האָבן זיך אָנגערופן אין די נעכט, אין מיינע חלומות. דאָס זענען אַלץ געווען פאַרוואַנדלונגען פון מיינע טעג, מיט זיך אַליין, אין דער גרויסער וווּנדערלעכער וועלט. איך האָב נישט געהאַט ביי וועמען צו פרעגן קיין באַדייט אויף דעם אַלעם וואָס איך האָב אַנטפּלעקט אין די נייע טעג.

די חלומות זענען געווען הייסע, אָנגעגליטע, פולע פון אויסטערלישע געשעענישן. איך האָב אָנגעהויבן מורא האָבן פאַר דעם שלאָף און אויך געגאַרט, און מיט זיסער מאַטערניש געוואַרט אויף דער נאַכט.

די מאַמע איז ווידער געווען פול מיט אומרו. דער ברודער האָט זיך געמוזט באַהאַלטן פאַר די פּויערן און יידן פונעם שטעטל, וואָס זענען געקומען זיך אויף אים באַקלאָגן. עפּעס האָט ער געשאַפן אַ באַנדע שקצים פון דאָרף בראש מיט מאַרצעלן, וואָס האָבן געהאַלטן אין מורא די געגנט. די מאַמע האָט דאָס אַלץ געמוזט באַהאַלטן פאַרן טאַטן. יעדעס געשריי פונעם דאָרף האָט אָנגעפילט אונדזער שטוב מיט אַ פאַרקלעמטער שרעק.

די מאַמע האָט זיך אין אַזעלכע טעג נישט אומגעקוקט אויף מיר. וואָס ערגער עס איז געווען מיט דעם ברודער, אַלץ פרעמדער איז די מאַמע געוואָרן צו מיר, גלייך איך וואָלט שולדיק געווען אין אַלעם.

די שוועסטער איז געווען אַריינגעטאָן אין די פוילישע ביכלעך. זי איז געווען אַרומגערינגלט פון די פרינצן און די קעניגן, וואָס האָבן ווי אַרומגעשוועבט אין אונדזער שטוב. זי האָט געלערנט פון אויסווייניק אַדאַם מיצקיעוויטש, און נאָך פריער פאַר איר האָב איך שוין געקענט פון אויסנווייניק די „שוויטעזשאַנקאַ", דאָס וואַסער־מיידל, וואָס האָט געוווינט אין די וואַסערן פון דעם ליטווישן טייך: „שוויטעזש".

אין מיינע חלומות האָט מיר שטענדיק עפּעס געדראָט. איך בין שולדיק געווען קעגן עפּעס אַ גרויסער, געהיימער מאַכט, וואָס האָט מיך באַדאַרפט באַשטראָפן. איך בין געווען געיאָגט און פאַרפלאָגט, איינער אַליין זיך געמוזט שיצן. שיצנדיק זיך האָב איך כסדר געטאָן שלעכטס, געזינדיקט, און זיך געפילט פאַרלוירן.

איך האָב געחלומט פון עפּעס אַ העלדנטאָט, אַז די אויפמערקזאַמקייט פון אַלע זאָל זיין געווענדט אויף מיר. איך האָב געזוכט עפּעס אַ כישוף, וואָס זאָל מיך פאַרוואַנדלען אין אַן אַנדערן. דערפאַר האָט מיך די נאַכט געשראָקן און געלאָקט, ווייל אין חלום בין איך געווען אַן אַנדערער.

איך האָב מיט אַ מאָל געגומען שווימען אין טייך. איך שווים און טראָג זיך איבערן טייך, איך גליטש זיך ווי איבער אַ שפּיגל ווייטער... ווייטער... איך דאַרף וועמען דעריאָגן, איך שווים אין אַלע זייטן, וווּ נאָר איך וויל, דאָס וואַסער לויפט און טראָגט מיך, אָבער דאָס איז נישט אונדזער טייך פון דער זומערוווינונג. דאָס איז דער ליטווישער טייך „שוויטעזש" פון אַדאַם מיצקיעוויטש. דאָ וווינט דאָס וואַסער־מיידל, וואָס וועט באַלד אויפטויכן פון די אָפּגרונטן. איך הער שוין דעם שרעקיקן פלאַטער פון איר לייב, זי גייט אויף אין אַ בלייך ליכט, וואָס שטראַלט פון איר. איך קען זי אַזוי גוט, אירע אויגן לייכטן, און אירע האָר... איך וועל זי אַנגעמען מיט מיינע הענט, אַרומנעמען אַזוי ווי מיין ברודער האָט געטראָגן לאַלאַן... לאַלאַ... דאָס איז דאָך לאַלאַ. זי איז שווער און קיל, און אירע הענט נעמען מיך אַרום... לאַלאַ...

די קורצע זומערנאַכט איז פול מיט לעבן. עס ריזלט אין מיר. איך הער און זע אין שלאָף און אויך אויף דער וואַך. איך זע מיין ברודער, וואָס שלאָפט היינט אויף דער ערד. די מאַמע בעט אים נישט מער קיין

געלעגער, זי קאָן זיך נישט דערוואַרטן אויף אים, אין די שפּעטע נעכט, וואָס פליען אַזוי גיך.

די מאַמע איז פאַרמאַכט אין דעם לעצטן צימער מיט דער שוועסטער און מיט דעם קינד. איך בין אַרויס פון יענער אויסגעהיטענער וועלט, וואָס הערשט אַרום דער שוועסטער און דעם קינד. די מאַמע רעדט נישט מיט דעם ברודער, דערפאַר וואָס ער האָט איבערגעשראָקן דאָס קינד מיט דער שלאַנג, וואָס ער האָט געבראַנגט פונעם וואַלד. דאָס איז אַ גרינע, לאַנגע שלאַנג וואָס דער ברודער האַלט אין אַ פלאַש.

ער האָט מיט דער שלאַנג געשראָקן דאָס קינד. דאָס קינד איז זיך פאַרגאַנגען אין אַ געוויין אָן אָטעם. דאָס קינד האָט מורא געקריגן פאַרן ברודער, און ווי נאָר עס דערזעט אים, פאַרקייכט זיך עס פון שרעק.

די מאַמע האָט געזאָגט, אַז דער ברודער איז נישט אונדזערס אַ קינד. זי ווייסט נישט פון וואַנען ער האָט זיך צו אונדז גענומען.

איך ליג אויף מיין געלעגער. עס איז טונקל, אָבער איך זע ווי ער ליגט אויף דער ערד, איך קוק אויף זיין שלאָפנדיק פּנים, אויף זיינע שווערע שוואַרצע האָר, אויף זיינע ברוינע, שטאַרקע הענט און מיר דאַכט זיך, אַז ער איז טאַקע אַ פרעמדער און איך האָב מורא פאַר אים.

די שלאַנג אין דער פלאַש ליגט נעבן אים. די שלאַנג איז פון גרינעם זילבער. דער גרינער קאָפּ זוכט מיט שפּיציקע, שלעכטע, גרינע אויגן אַרויסצוקריגן זיך פון דער פאַרשטאָפּטער פלאַש.

דער „גאָספּאָדאַזש" האָט געזאָגט, אַז דאָס איז אַ גיפטיקע „זשמיע". ווען זי גיט אַ ביס שטאַרבט מען.

איך ליג מיט שרעק. מיר דאַכט זיך, אַז דער ברודער וועט אַרויפּ־לאָזן די שלאַנג אויף מיר. מיר גייט דורך אַ שוידער דורכן לייב. דער ברודער שלאָפט, איך הער זיין שאַרפן, ריטמישן אָטעם און צום ערשטן מאָל דערפיל איך אַ קנאה צו זיין שלעכטן און זיכערן כּוח. ער האָט נישט מורא פאַר קיינעם. נישט פאַר דער שלאַנג, נישט פאַר דער נאַכט, און נישט פאַר קיין מענטשן.

איך בין אויך מקנא שמעונען. איך דערמאָן זיך ווי איך בין גע־גאַנגען מיט אים אין שטעטל אַריין, צו זיין פעטער. ווי שיין יום־טובדיק דאָרט האָט געשמעקט אין דער שטוב. ווי דער פעטער מיט דעם הויכן סאַמעטענעם היטל, אין דער זיידענער קאַפּאָטע, האָט אים געגלעט, ווי ער האָט גערעדט תּורה, און איך בין געבליבן אין דרויסן פאַרן הויז.

איך דערפיל אַ דינעם שטאָך פון עפּעס אַן עוולה, וואָס עמעצער האָט מיר געטאָן און איך ווייס נישט ווער. אפשר בין איך אַ פרעמדער אויך ביי דער מאַמען און ביי דעם טאַטן? אַ שאַרפער פּאַרדרוס צאַפּלט אויף אין מיר. איך וועל זיין שטאַרק, איך וועל זיין אַזוי ווי דער ברודער. מיינע הענט גיסן זיך אָן מיט כוח. עס שטורעמט אין מיר.

דער ברודער ליגט קעגן מיר. ער שמייכלט. זיינע ווייסע ציין לייכטן. איך דערפיל אַ גרויסן אומרו פון דעם ברודערס געלעכטער. איך וויל אים פרעגן און איך קאָן נישט רעדן. מיט אַ מאָל דערזע איך די שלאַנג, וואָס גליטשט זיך צו מיר, דער ברודער לאַכט. אַ צאַפּלדיקע שרעק הייבט מיך אויף.

דער ברודער איז פאַרשוווּנדן. איך בין אַליין מיט דער שלאַנג, וואָס ווערט אַלץ נעענטער און נעענטער...

מיט שפּרינגענדיקע טריט כאַפּ איך זיך אויף. איך לויף צו צו דער קיך. איך כאַפּ אַראָפּ פון דער וואַנט דאָס האַק־מעסער. די שלאַנג איז נעבן מיר. איך האַק מיטן האַקמעסער אויף אַלע זייטן. איך פיל ווי דער שאַרף גליטשט זיך איבער דעם גרינעם לעבעדיקן זילבער. אָט האָב איך אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ. אָבער איך האַק און האַק. עס וואַקסט אין מיר אַ ווילדער כוח.

די קריסטאַלענע שכנטע קוקט אַראָפּ פון איר פענצטער, זי רופט מיך. איך לויף אַריין אינעם לעצטן צימער, איך וויל ווייזן דעם קינד אַז איך האָב דערהרגעט די שלאַנג, אָבער דאָס קינד איז נישטאָ. די מאַמע קוקט אויף מיר אַזוי ווי דער ברודער. מיר דאַכט זיך, אַז זי לאַכט שלעכט און פרעמד, איך זוך דאָס קינד. דאָס קינד איז נישטאָ. „ווו איז דאָס קינד"? שריי איך, קיינער ענטפערט מיר נישט, מיך באַשלאָגט אַ היץ:

— דאָס קינד... ווו איז דאָס קינד?...

און באַדעקט מיט אַ קאַלטן שווייס, פאַל איך אַראָפּ פון מיין געלעגער.

14

איך ווייס נישט פאַר וואָס איך האָב פון אַלע טעג ליב געהאַט דעם פרייטיק. מיט דעם טאָג בין איך פאַרבונדן געווען מיט עפּעס אַ גע־היימען פאָדעם, וואָס האָט זיך געצויגן צווישן מיר און דעם, וואָס שיקט אַראָפּ די טעג אויף דער וועלט.

דאָס איז געווען דער טאָג פון דערוואַרטונג פון עפּעס אַ צוזאָג. נישט

נאָר צוליב דעם וואָס פרייטיק האָט מען געוואַרט אויפן טאָטן, וועלכער איז געקומען פון דאָרט, פון דער טונקעלער שטוב און געברענגט אַ גרוס פון דעם פריערדיקן לעבן, וואָס האָט זיך מיר איצט אויסגעוויזן ווי אַן אַנדערע וועלט, וווּ איך האָב אַ מאָל געלעבט ווי אין אַ גילגול. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז מיין לעבן פליסט ערגעץ אין א ליכטיקער ווייט און דאָס טונקעלע פענצטער פון אונדזער שטוב אין וואַרשע איז געוואָרן גאָר קליין ווי אַ פינטעלע. דער פרייטיק האָט אויך געברענגט מיט זיך דעם שבת, וואָס האָט זיך מיר פאַרגעשטעלט ווי אַ זיידענער טאָג, ווי אַ צולאָג, אַ מתנה פון גאָט, וואָס וואַכט איבער מיר און היט מיך, אָבער דער פרייטיק האָט זיך עפּעס ווי צעבראָכן.

נאָך ביי נאַכט האָב איך זיך שווער געפּלאָנטערט אין מיינע חלומות. מיר איז מיט אַ מאָל געוואָרן שלעכט און שווער, ווי עס וואָלט מיר אַרויסגעפאַלן פון דער האַנט עפּעס אַ זאַך און צעבראָכן געוואָרן. עפּעס אַ לאַנגער שווערער חלום האָט מיר צוגעפּרעסט דאָס האַרץ און ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט האָב איך נישט געוווּסט צי עס איז טאָג אָדער נאַכט. דאָס ערגסטע איז געווען, וואָס עס איז געווען טאָג, כאָטש עס איז געווען פינצטער און אַ בייזע שרעקיקייט האָט אַריינגעקוקט דורך די פענצטער.

עס איז געווען טאָג, אָבער נישט ווי אַלע מאָל. איך האָב געהערט ווי די מאַמע האָט געזאָגט צו עמעצן:

— עס קומען שוין די אומעטיקע טעג... עס בלאָזט שוין מיט יום־כיפור...

איך בין נאָך אַלץ געווען ווי אין חלום און דער טונקעלער דרויסן, וואָס האָט אַריינגעקוקט דורך דער טיר, איז געווען ענלעך צו דער שוואַרצלעכער פאַרב פון מיינע שווערע זעונגען.

דאָרט הינטער דער טיר איז געשטאַנען די ייִדענע מיט די קוישן, וואָס האָט געברענגט אַלע אינדערפרי פלייש. איינגעהילט אין אַ שווערן טוך, איז זי געווען ווי אַ שטיק פון דעם טונקעלן טאָג.

— יאָ, מאַדאַם — האָט זי געזאָגט — עס הייבן זיך אָן די טעג... דער ערשטער גזר איז שוין געשען... אַ ייִנגל... אַ ייִדיש ייִנגל פון אַ „לעטניק“...

די ייִדענע האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר:

— אַט אַזוי ווי ער... צו לענגערע יאָר... האַרצעדיקע... די באַן האָט אים צעריסן אויף שטיקער... אַזוי ווי דאָס פלייש...

זי האָט אָנגעוויזן אויף די רויע שטיקער פלייש, וואָס זענען געלעגן ביי איר אין קויש.

די מאַמע איז געשטאַנען מיט גרויסע אָנגעגליטע אויגן און די יידענע האָט דערציילט וועגן דעם ווי די באַן האָט איבערגעפאָרן דאָס יינגל, ווי ער ליגט דאָרט ביי די שינעס נעבן זשאַנדאַר, ווי די עלטערן זענען געלאָפן. די יידענע האָט געוויגן דאָס פלייש און האָט גערעדט:

— ס׳איז אַ גוט שטיקל פלייש, מאַדאַמעשי... קוים געקריגן... אַ גאַנצע נאַכט האָט געגאָסן... און דאָ נאָך דאָס אומגליק... טאַטע־מאַמע וועלן שוין נעבעך האָבן אַ גוטן שבת... אַזאַ גזר... און וואָס איז דער וווּנדער? אַז ס׳איז ווילד, מע לויפט, מע פליט, און מען זאָגט אַ יינגל אַ שיינהייט... זעען זי נאָר, מאַדאַם, אַז דאָס יינגל זאָל נישט קריכן צו דער באַן. אַלע יאָר אַזוי. ווי ס׳קומט צו סליחות־צייט איז שוין וועמען באַשערט. אָדער דער טייך, אָדער די באַן... אַנומלט האָב איך געזען אײנס יינגל, דעם עלטערן. אויך אַ ביסל ווילד... לויפט, שפּרינגט, אָפּגעהיטן זאָל מען ווערן...

די מאַמע איז געשטאַנען צוגעשפּאַרט צו דער טיר, אירע אויגן זענען געווען ברייט אויפגעריסן. זי האָט געקוקט אין דער ווייט ווי זי וואָלט עפּעס געזען.

דער יידענעס דערציילן וועגן דעם איבערגעפאָרענעם יינגל איז געבליבן שטעקן אין מיר. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס איבערגע־פאָרענע יינגל, וואָס ליגט דאָרט ביי דער באַן, האָט עפּעס אַ נאָענטע שייכות מיט אונדזער שטוב.

— מאַמע, — האָב איך געזאָגט — פאַר וואָס איז אַזוי פינצטער?

איך האָב איר געוואָלט דערציילן מיינע חלומות. אָבער ווי שטענדיק איז די מאַמע געווען ווייט פון מיר.

דער ברודער איז שוין אין שטוב נישט געווען און מיט אַ מאָל האָט מיך פאַרקלעמט אַ געדאַנק, אַז דאָס יינגל וואָס ליגט דאָרט זעט אויס ווי מיין ברודער.

די מאַמע האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן, ווי זי וואָלט מיר געוואָלט עפּעס זאָגן. זי האָט האַסטיק אַ שפּאַן געטאָן. מיט איר איז עפּעס געשען. זי האָט אַ פאַל געטאָן אויף מיין געלעגער. אין דער ערשטער מינוט האָט

זיך מיר געדאַכט, אַז זי לאַכט מיט אַ ווילד געלעכטער, אַזוי ווי איך האָב זי געזען אין חלום, ווען איך האָב געזוכט דאָס קינד, אָבער אירע אויגן זענען געווען אָנגעפילט מיט שרעק. אירע ליפּן האָבן געציטערט און מיט אַ מאָל האָט זי פון זיי אַרויסגעריסן אַ שפּיציק געשריי.

אין אַ פאַרקלעמטער שרעק בין איך אַריין אינעם צווייטן שטיבל. די שוועסטער איז געזעסן אָנגעטאָן אין אַ שווערן פּאַלטאָ, נעבן איר איז געזעסן דאָס קינד איינגעוויקלט אין אַ טוך.

— די מאַמע! — האָב איך אויסגעשריגן.

און נישט ווויסנדיק וואָס צו טאָן, האָב איך געכאַפּט דאָס קינד אויף די הענט. דאָס קינד האָט געקוקט אויף מיר מיט גרויסע אויגן ווי עס וואָלט עפּעס געפרעגט. איך האָב אַרומגעכאַפּט דעם זיסן, וואַרעמען קאָפּ פונעם קינד, אים צוגעדריקט צו זיך, גרייט אים צו שיצן, נישט אַריינלאָזן צו אים דעם שרעקיקן טאָג. דאָס קינד האָט אַ צאַפּל געטאָן אין מיינע הענט און זיך צעוויינט פאַר שרעק.

אין דעם ערשטן טונקעלן טאָג האָב איך מיך דערוווּסט אַ סך גרויסע און פאַרהוילענע זאַכן. דאָס איז נישט בלויז געווען דער ערשטער רעגנ־דיקער טאָג נאָכן זומער. דאָס איז אויך געווען דער טאָג, ווען איך האָב דערפילט, אַז עס איז דאָ אַ גרויסע, בייזע וועלט אַרום מיר.

די מאַמע איז לאַנג געלעגן מיט בלאַנדזשענדיקע אויגן. איך האָב געוווּסט, אַז דאָס איז אַלץ צוליב מיין ברודער. די מאַמע פלעגט אַוועק־פאַלן יעדעס מאָל, ווען מען הערט וועגן עפּעס אַ שרעקלעך געשעעניש, האָט מורא געהאַט, אַז דאָס זעלבע וועט געשעען מיט מיין ברודער.

די מאַמע האָט געהאַט דאָס קינד נעבן זיך. זי האָט עס געהאַלטן, ווי זי וואָלט עס געהיטן מען זאָל עס איר נישט צונעמען.

מיט אַ מאָל איז געקומען דער ברודער. ער האָט דערזען די מאַמע אַ פאַרוויינטע, האָט ער זיך אָנגעהויבן דרייען אין די ווינקעלעך פון שטוב מיט אַ שווער־אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. ער האָט געזוכט מיט עפּעס גוט צו מאַכן. ער האָט געברענגט וואַסער, אָנגעהאַקט האָלץ, דערנאָך האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן צו דער מאַמען, זיך געצורעט ווי אַ הונט מיט זיין שוואַרצן קאָפּ האָר. ער האָט גאָרנישט גערעדט, און די מאַמע האָט זיך שטיל צעוויינט.

עס איז געווען גוט וואָס דער ברודער איז דאָ. עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער טאָג איז העלער געוואָרן.

איך האָב געהערט פון דער צווייטער שטוב ווי די מאַמע האָט שלוכ־צנדיק גערעדט צו מיין ברודער, אַז צוליב אים ועט זי שטאַרבן, אַז דער זומער איז שוין אַוועק, מען וועט פאָרן צוריק אין שטאָט אַריין, און וואָס וועט זיין ווייטער, וואָס וועט זיין פון אים, אַז ווען ער זאָל איר צוזאָגן, וואָלט זי גערעדט מיטן טאַטן, ער זאָל גיין זיך לערנען אַן אַרבעט, און אַ לערער אין דער היים וועט מען אים אויך צונעמען.

דערנאָך האָב איך געהערט ווי דער ברודער וואָשט זיך, דאָס האָט באַדאַרפט זיין אַ סימן, אַז ער וועט שוין זיין גוט.

די שוועסטער איז געווען פאַרביסן שווייגנדיק. זי האָט זיך געפּילט געטראָפן, וואָס די מאַמע וויינט פאַרן ברודער. זי האָט צוזאַמענגענומען אירע ביכער, ווי זי וואָלט שוין באַדאַרפט גיין אין „שקאָלע”. דאָס האָט אויך געהייסן, אַז זי געזעגנט זיך מיט דעם זומער. זי האָט מיט אַ באַזונדער שטאָלץ אָפּגעזונדערט אירע זאַכן, ווי זי וואָלט זיך דערמיט געוואָלט אָפּטיילן פון דער שטוב.

נאָר איך אַליין האָב זיך נישט געקאָנט קיין אָרט געפינען. איך האָב זיך אַרומגעדרייט אַרום דער שטוב ווי אַן איבעריקער, מיט מיין פאַר־פרעסט האַרץ, און קיינער האָט זיך אויף מיר נישט אומגעקוקט.

אַ שווערער קאַלטער רעגן האָט אַן אויפהער געפּויקט אין דער ערד. דאָס וואַסער האָט געריזלט איבער די שטעגן צווישן גראָז, און די בלעכענע רינעס פון דעם הויז האָבן געדרינזשעט מיט אַ נאָגנדיק געקלימפּער.

אַלע מאָל האָט זיך אַנגעטראָגן אַ רייסנדיקער ווינט און געיאָגט דעם רעגן אין אַ קרום, שניידיק געיעג. איך האָב נישט געוווּסט צי עס איז אין דער פרי אָדער פאַר נאַכט. איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל, ביז איך האָב אין אַ מאָדנער פאַרלוירנקייט הייס און שווער איינגעדרימלט.

אַרום מיר איז פינצטער, כאָטש עס איז נישט נאַכט, ווי אַ שוואַרצער רויך וואָלט פאַרשטעלט די וועלט. דאָס פעלד איז שוואַרץ און דער הימל איז שוואַרץ, און איך לויף אין דער פינצטער. איך לויף מיט אַ פול האַרץ געוויין און כ׳געפין נישט דעם וועג אַהיים. נישטאָ אונדזער הויז, נישט די שטוב און נישט די מאַמע.

איך לויף צו שמעונען, אָט איז דאָס הויז, דאָרט איז ליכטיק, דאָס גאַנצע הויז לייכט און שמעון לייכט, די זון שיינט אויף אים. נעבן אים

זיצט דער רבי אויך באַגאָסן מיט ליכט. שמעון לערנט אין ספר, און אויך דער ספר לייכט ווי אַ שטיק זון.

איך שטיי הינטערן מויער, איך האָב נישט קיין דרייסטקייט אַרייַנ־צוגיין. איך שריי:

— שמעון... שמעון...

און שמעון דערזעט מיך. ער גייט צו מיר, ער גייט שפרינגענדיק אויף זיינע דינע פיס, און וואָס מער ער גייט צו מיר, אַלץ ווייטער ווערט ער פון מיר, ער פאַרשווינדט. עמעץ שרייט אויף מיר מיט אַ בייז חוזק־קול:

— ביסט נישט קיין יידיש יינגל... דיין טאַטע איז נישט קיין ייד...

— איך בין אַ ייד... — שריי איך מיט אַ צעריסן געוויין.

איך לויף איבער דער וויסטער ערד, אַרום איז נישטאָ קיינער. מיט אַ מאָל זע איך, אַז איך בין ביי דער באַן. אָט זענען די שינעס און אָט ליגט דאָס איבער׳געפאַרענע יינגל. ער ליגט אַזוי ווי מיין ברודער, איינגע־גראָבן דעם קאָפּ, דאָס איז מיין ברודער. איך וויל אים נעמען מיט די הענט, אָבער איך קען אים נישט זען. ער שווימט אַוועק. עפּעס טראָגט אים, אָט איז ער אויף די שינעס און אַ שרעקלעכער רעש טראָגט זיך אָן, דאָס לויפט די באַן, זי לויפט מיט אַ הייסן ברי׳ענדיקן אָטעם. איך שטרעק אויס די הענט. עמעצער כאַפּט מיך פאַר דער האַנט, דאָס איז די מאַמע.

*

צום ערשטן מאָל פאַר דעם זומער האָט זיך מאָדנע לאַנג געצויגן דער פרייטיקדיקער טאָג. דער טאָג איז געווען ווי אַ צעריסענער, ווי ער וואָלט זיך שווער און ביטער געמאַטערט אויף עפּעס אַן אויסטערלישער קרענק. דער בוים ביי אונדזער פענצטער האָט געקרעכצט. דער נאַסער, קאַלטער ווינט האָט אים אַלע מאָל אָנגעכאַפּט פאַרן קאָפּ, אים געשלעפּט און געבויגן צו דער ערד, די צווייגן האָבן געוואָיעט מיט אַ געוויין, זיך געמאַמפּערט ווי באַפאַלענע פון אַ גזלן.

עס האָט אויסגעזען, ווי עפּעס אַ בייזער שונא האָט זיך אונטערגע־גנבעט און חרוב געמאַכט די וועלט.

עס זענען ווי צוריקגעקומען די פאַרגאַנגענע, אומעטיקע טעג פון דער היים, ווען איך בין געווען קראַנק. איך בין מיט אַ מאָל צוריק געפאַנגען געוואָרן פון די שרעקן, וואָס זענען געגאַנגען פונעם פינצטערן

אַלקער. עס איז נאָך צוגעקומען די שרעק צוליב דעם איבערגעפּאַרענעם יינגל ביי דער באַן. דאָס האַרץ האָט געוויינט אין מיר. איך האָב אַרויס־געקוקט אין דרויסן און די וועלט האָט געקוקט אויף מיר בייז און פרעמד. עס האָט נאָר געצאַפּלט אין מיר אַ גרויסער פּחד פאַר דער נאַכט, וואָס וועט קומען. דעמאָלט האָב איך דערהערט ווי די מאַמע האָט געזאָגט צו דער שוועסטער:

— איך גלייב נישט, אַז דער טאַטע זאָל היינט קומען... ס׳וועט זיך אים נישט גלוסטן צו קריכן ביי נאַכט אין אַזאַ פינצטערניש.

זי האָט אומעטיק אַ קוק געטאָן אויפן קינד, וואָס איז געזעסן איינגע־וויקלט אין אַ שווערן טוך, און זי האָט פאַרקלערט, ווי צו זיך אַליין, צוגעגעבן:

— אַ סוף, דער זומער איז אַוועק. מען וועט ווידער צוריקפאָרן אַהין, אין דעם פינצטערן גרוב.

זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזן צום קינד, עס אַרומגעכאַפּט, און מיט אַ מאָדנער שטילער און הייסער שטים גערעדט:

— נישטאָ קיין זון, נישטאָ קיין דרויסן. געוועזן און נישטאָ. ס׳איז פינצטער, ס׳איז קאַלט. מען וועט זיצן אין שטוב אַ לאַנגן ווינטער...

זי האָט זיך פאַרקלערט, זי האָט צוגעדריקט דאָס קינד צום האַרץ און מיט פאַרמאַכטע אויגן האָט זי, זיך וויגנדיק, גערעדט:

— זאָלסט נאָר זיין געזונט, זאָלסט וואַקסן, וועסט זיך דערוואַרטן... עס וועט ווידער קומען דער זומער, וועט ווידער זיין גוט. וועסט שוין זיין אַ גרויס יינגעלע.

די שוועסטער איז אָן אַ וואָרט, אין אַ מאָדנער פאַרטראַכטקייט, צוגעגאַנגען, און זיך אַרויפגעוואָרפן אויפן קינד, ווי זי וואָלט עס גע־וואָלט באַשיצן. ווי עפּעס אַ כוח וואָלט מיך געפירט, בין איך אויך צוגע־גאַנגען, און אַריינשטעקנדיק דעם קאָפּ צווישן דער מאַמען און דער שוועסטער, האָב איך צוגעדריקט מיין פּנים צו דעם קינד, און געפילט דאָס וואַרעמע קלאַפּן פון זיין לעבן.

— קינדער... — האָט די מאַמע אין פאַרקלעמטקייט שטיל גערעדט — קינדער, מיר זענען אַזוי אָרעם...

זי האָט אַרויסגעזעצט אין אַ שטילן שלוכצן:

— אַזוי אָרעם...

✶

פרעמד איז געווען דער דרויסן און ליידיק פון מענטשן. עס איז פאַר־מאַכט געוואָרן די וועלט, ניִשט געווען מער וווהין צו גיין. איך האָב גע־קוקט אין דער ווייט און פון אומעטום האָט עפּעס געדראָט.

אונדזער „גאָספּאָדאָזש" פונעם הויז האָט זיך אָנגעטראָגן מיט אַ געהילך פון זיינע גרויסע, שווערע שטיוול, אין וועלכע איך האָב אים ביז איצט קיין מאָל נישט געזען. ער איז געוואָרן מאָדנע גרויס און גוויִש. אויך דאָס שיקסל אַניעלקאַ איז פאַרשוווּנדן. זי איז נישט אַריינ־געקומען. איך האָב זי נאָר געזען פון דער ווייטן אַ צעפלאָשעטע פון ווינט. אויך זי איז מאָדנע גרויס און ריזיק געוואָרן, אַרומגעבאַבלט אין אַ שווערן טוך, האָט זי איצט אויסגעזען ווי אַ בייזע פויערטע. זי האָט געטראָגן אויף די אַקסלען אַ לאָפּעטע און געשטופּט אַ טאַטשקע מיט שטיינער און זאַמד. איך האָב זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז דאָס איז די זעלבע אַניעלקאַ, וואָס איז מיר אַזוי נאָענט און אונטערטעניק געווען.

מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אויך אַניעלקאַ האָט עפּעס אַ שותפות צו דעם שוואַרצלעכן, בייזן, צעריסענעם טאָג.

שנעל איז צוגעפאַלן די נאַכט. מען האָט באַלד פאַרמאַכט די לאָדן און אָנגעצונדן אַן אומעטיק ליכט. די מאַמע האָט לאַנג איינגעשלעפט דאָס קינד, זי האָט געזונגען דאָס טרויעריקע ליד „מערדער־רוצח", וואָס האָט יעדעס מאָל פאַר מיר אַרויסגערופן דאָס בילד פונעם „פינצטערן וואַלד" און דעם „רוצח", וואָס האָט געהרגעט „אַ מאַן פון ווייב און קינד". איך האָב געזען דעם מערדער, וואָס לויפט איבערן וואַלד און די ביימער שרייען „וואָס האָסטו געהרגעט, רוצח"... איך האָב געזען ווי „דאָס וואַסער פונעם קוואַל וויל נישט וואַשן זיינע פאַרבלוטיקטע הענט". די מאַמע איז מיט איר טונקעלער, וואַרעמער שטים טיף אַריינגעדרונגען אין מיר און יעדעס וואָרט פון דעם ליד האָט געלעבט און געצאַפּלט אין מיר.

דערביי האָט זיך די מאַמע צוגעהערט צו יעדן שאָרך און מיר האָבן געוווּסט, אַז זי וואַרט אויפן ברודער.

דערנאָך איז דער ברודער געקומען. ער איז געווען אָנגעפילט מיט דער קעלט פון דרויסן. ער איז געווען מיד און אויסגעלאָשן. ער האָט דערציילט דער מאַמען, אַז לאַלאַ מיט אירע עלטערן זענען שוין אַרויס־געפאָרן פון דאַנען אין שטאָט אַריין, אַז ער איז געווען ביי דער באַן

און זיי געהאָלפן. ער האָט דערציילט וועגן דעם איבערגעפּאַרענעם יינגל, וואָס ליגט דאָרט. ער האָט עס דערציילט מיט זיין שטילער, הייזעריקער שטים, מיט וועלכער ער האָט גערעדט נאָר צו דער מאַמען.

מיין געדאַנק איז נאָכגעגאַנגען לאַלאַן, עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז זי האָט מיטגענומען מיט זיך די זומערדיקע טעג.

דער ברודער איז געשטאַנען אין קיך, ווו עס האָט געטליִעט אַ רויט פייער. ער האָט זיך געוואָרעמט ביי דעם פייער און זיין פּנים איז געווען באַשלאָגן פון דעם רויטן פלאַם.

איך האָב געקוקט מיט אַ דאָרשטיקן בליק אויפן ברודער. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אַזוי ווי ער שטייט איצט, וועל איך אים שוין קיין מאָל נישט זען. ער איז אין דער מינוט געוואָרן נאָענט און פרידלעך. ער האָט איצט אַ סך גערעדט צו דער מאַמען. עפּעס האָט ער איר געוואָלט דערציילן, איך האָב אים נאָך קיין מאָל אַזוי קלאָר נישט געזען. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אין אים האָט זיך ווי געעפנט אַ וואַרעמער קוואַל, און אין דעם רויטן פלאַם פון דער קיך האָב איך צום ערשטן מאָל געזען זיין פּנים מיט אָפענע אויגן, וואָס האָבן געקוקט ווייט און פאַרטראַגן. אפשר האָט ער איצט אויך געזען לאַלאַן אַזוי ווי איך, אַ זוניקע און אַ ווייטע.

ווי נאָר דער ברודער איז געקומען, איז אין דער מאַמען אַריינגעטרעטן אַ רויִקייט. מען האָט פאַרמאַכט די טיר, מען האָט פאַרמאַכט די לאָדן און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז מיר זענען פאַרבליבן אויף אַן אָפּגעריסענעם אינדזל. דאָס קינד איז געשלאָפן. מען האָט געהערט ווי עס זינגט דער ווינט, ווי עס קרעכצן און פייפן דיביימער.

— אויפן טאַטן איז נישטאָ וואָס צו וואַרטן — האָט די מאַמע געזאָגט, און מען האָט זיך געלייגט שלאָפן.

איך בין געלעגן אויף מיין געלעגער, און זיך צוגעהערט צום דרויסן. יעדער שאָרך האָט זיך אָפּגערופן אין מיין האַרץ מיט אַ האַסטיק און רייסנדיק קלאַפּן.

איך בין געווען איינגעבראָכן. דער טרויער פון דער גאַנצער וועלט איז געפאַ‏ַלן אויף מיר, איך האָב מורא געהאַט פאַר דעם שלאָף מיט די חלומות, און מיך האָט געשראָקן צו בלייבן וואַך. אַ גרויס רחמנות צו זיך אַליין האָט מיך אַרומגענומען.

ווער האָט געגעבן די שיינע טעג, ווי אַ מתנה? פאַר וואָס זענען זיי

פאַרשווונדן? אַ קנויל פון געדאַנקען האָט זיך אַ שפּאַר געטאָן. עס זענען אַנגעלאָפן פון אַלע זייטן ווי שאַטנס פראַגן: פון וואַנען קומט דאָס אַלץ, פון וואַנען בין איך געקומען, וואָס זענען אַלע מענטשן, ווו איז גאָט, וואָס איז שמעון, אפשר ווייסט ער אַלץ?

די מאַמע האָט געזאָגט, אַז מיר זענען אָרעם, איך האָב קיין מאָל נישט געקלערט וועגן דעם. איצט איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז מיר זענען אָרעם. ביי דעם געדאַנק האָט זיך אין מיר אויפגעהויבן ווי אַ כעס, עפּעס אַ הפקרדיקער כוח.

איך וויל נישט, איך וויל נישט מורא האָבן פאַר גאָרנישט. איך בין אַפילו מקנא געווען מיין ברודער, וואָס האָט נישט מורא. איך האָב איצט פיינט געהאַט שמעונען, מיט זיין רבין, מיט דעם ספר. איך האָב זיך דערמאָנט, אַז איך בין געשטאַנען הינטער דער טיר פון זיין רייכן פעטער אין שטעטל, און אַז לאַלאַ איז אַ רייכע; איר מאַמע איז אַזאַ העלע און פריילעכע.

אַ להכעיס צו דער גאַנצער וועלט האָט אויפגעזאָטן אין מיר. איך האָב אַנגערירט מיין לייב, מיינע הענט, מיינע פיס, ווי איך וואָלט איבער־געמאָסטן מיינע כוחות, און איך האָב פּלוצלינג דערפילט, אַז איך בין שטאַרק.

איך בין לאַנג געלעגן און געקלערט וועגן די העלדן, וואָס איך האָב געזען אויף בילדער אין די ביכער, וואָס מיין שוועסטער לייענט און לערנט. איך וועל אויך זיין איינער פון זיי. אין מיין דרימלענדיקן זינען האָט זיך געדרייט אַ ראָד פון פאַרוואַנדלונגען. איך וועל גיין צום „פּאַן קאַראָל", דער קריסטלעכער שכנטעס ברודער, וואָס ליגט אויבן אין שטיבל. ער וועט מיר דערציילן פון די העלדן, איך וועל ווערן גרויס און שטאַרק, איך וועל אַליין גיין אין וואַרשע, אין די ווייטע גאַסן, איך וועל טרעפן דאָרט לאַלאַן, איך וועל טראָגן אַ גימנאַזיסטישן מונדיר און אַ היטל מיט אַ זילבערנער „גוויאַזדקע". איך דרימל איין מיט אַ פול, קוועלנדיק האַרץ. איך הער זיך צו אין דער שטילקייט און איך באַנעם ווי מיין האַרץ קלאַפּט רויק און פריידיק.

אַ שטאַרק און רייסנדיק בילן פונעם הונט האָט מיך אויפגעוועקט. דאָס בילן האָט זיך געריסן הינטער דער טיר. דער גוטער הונט אַגאַי האָט נאָך קיין מאָל אַזוי בייז און פרעמד נישט געבילט. איך האָב דער־הערט אַ גערודער און נישט געקאָנט עפענען די אויגן. איך בין געווען

גרייט אויף אַלעם, אָבער איך האָב נישט געקאָנט כאַפּן, וואָס עס איז געשען. איך האָב געהערט דער מאַמעס אויפגעהייטערטע און אומרויקע שטים. איך בין אַראָפּ פונעם געלעגער, איך האָב ווי דורכן חלום געזען, ווי דער ברודער עפנט די טיר און צוזאַמען מיט אַ דערפרישנדיקן, שמעקנדיקן ווינט האָב איך דערזען דעם טאַטן. ער איז געווען מאָדנע גרויס און פון אים האָט זיך געטראָגן אַזאַ פרישקייט, איך האָב אַ גלעט געטאָן זיין אָרעם, און אויף מיין האַנט איז געבליבן אַ קאַלטע שמעקנדיקע פייכטקייט, גלייך איך וואָלט אָנגערירט די נאַכט.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס איז נאָך גאָרנישט אַזוי שפּעט, ווי עס האָט זיך געקאָנט דאַכטן. דאָס איז מיר קלאָר געוואָרן, ווען דער טאַטע האָט פּשוט געזאָגט, אַז עס איז שוין יעשען און עס ווערט פריער נאַכט. פון זיינע פּשוטע ווערטער האָט מיך אַרומגענומען אַ פרייד, ווי מען וואָלט אויסגעמיטן עפּעס אַ גרויסע געפאַר, וואָס האָט אונדז אַלע געדראָט.

מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דער טאַטע וועט ברענגען בשורות פון אויסטערלישע געשעענישן. אָבער דער טאַטע איז געווען ווי אַלע מאָל אויפגעלייגט. ער איז געווען פול מיט געמיט, מיט געשיכטעס און קאָמישע פּאַסירונגען. ער האָט איבערגעריסן די שווערקייט, וואָס דער ערשטער האַרבסטיקער אָוונט האָט אויף אונדז אָנגעוואָרפן.

איך בין געלעגן אויף מיין געלעגער און געוואַרט, אַז דער טאַטע זאָל זיך דערנענטערן. איך האָב געוואָלט אָנרירן זיינע קליידער ווי דאָס וואָלט באַדאַרפט מיר עפּעס דערציילן פון דעם סודותדיקן דרויסן. און אָט איז דער טאַטע פאַרבייגעגאַנגען. ער האָט עפּעס הויך גערעדט און דערציילט. ער האָט געעפנט זיין רייזעטאַש און אַרויסגעלייגט פון דאָרט, וואָס ער האָט געבראַכט פון שטאָט. מיט אַ מאָל האָט ער פון דאָרט אַרויסגענומען אַ גרויסע באַרנע און זי אַ וואָרף געטאָן צו מיר אויפן געלעגער.

די באַרנע איז געווען פייכט און קאַלט און האָט געשמעקט מיט פרישקייט און זאַפט. איך האָב זיך אויפגעזעצט, און אָנכאַפּנדיק דעם טאַטן פאַר אַן אַרבל, האָב איך אים צוגעצויגן צו זיך און אים אַ קוש געטאָן. זיין פּנים איז, ווי די באַרנע, געווען קיל, פייכט און פריש. ער האָט מיר אַ גלעט געטאָן איבער די האָר און איך האָב, פאַרהאַלטנדיק זיין האַנט, שטיל אַ זאָג געטאָן:

— און אים...

איך האָב אָנגעוויזן אויף מיין ברודער, וואָס איז געלעגן אויף זיין שטרויזאַק, אויסגעבעט אויף דער ערד. דער טאַטע האָט אַ שפּאַן געטאָן און אויך דעם ברודער אַ וואָרף געטאָן אַ באַרנע. איך האָב געזען אין דער שוואַכער שיין ווי דער ברודער האָט געגעבן אַ כאַפּ די באַרנע, האָט זיך אויפגעזעצט און געקוקט אויף מיר מיט אַ פאַרלעגענעם שמייכל. איך האָב אויך געזען ווי די מאַמע האָט אַ קוק געטאָן אויפן טאַטן מיט אַ וואַרעמען בליק פון דאַנקבאַרקייט. זי איז געווען גערירט, וואָס דער טאַטע האָט נישט אויסגעמיטן דעם ברודער, און כדי צו פאַרדעקן איר גערירטקייט, האָט זי גענומען די ברענענדיקע ליכט מיטן לייכטער און געזאָגט:

— שלאָפט, קינדער.

זי האָט אַריינגעפירט דעם טאַטן אינעם צווייטן צימער. די גרויסע שאָטנס פונעם טאַטן מיט דער מאַמען אויף דער וואַנט זענען פאַר־שוווּנדן. איך האָב צוגעלייגט די קאַלטע שמעקנדיקע באַרנע צו מיין פּנים, און איך האָב נאָך געהערט ווי דער ברודער האָט מיט זיינע שטאַרקע ציין געביסן די באַרנע.

אין דעם צווייטן צימער האָט דער טאַטע גערעדט און דערציילט. זיין שטים האָט אין מיר אַריינגעגעבן זיכערקייט און שוץ. אַלע שרעקן פון די לעצטע טעג און נעכט זענען אָפּגעטרעטן. אַפילו דאָס טויטע יינגל ביי דער באַן האָט זיך אָוועקגעטראָגן ווייט, ווי כ׳וואָלט וועגן דעם אַ מאָל געהערט. איך האָב זיך אַליין אַרומגענומען, ווי כ׳וואָלט זיך געוואָלט טוליען צו זיך, און בין איינגעשלאָפן מיט אַ גלייך און פריידיק קלאַפּן פון האַרץ.

15

מיך האָט אויפגעוועקט אַ געזאַנג. אַ ברייטע, טיפע מענערישע שטים האָט געצויגן אַ לאַנגן ניגון פונעם יידישן דאַוונען. דאָס האָט געזונגען דער טאַטע. דעם טאַטנס געזאַנג האָט מיך אַריבערגעטראָגן אין אַ געמיט, וואָס איך האָב געקענט, ווען עס זענען געקומען די טעג פון ראש השנה און יום־כיפור. דאָס זענען געווען יום־טובים, וואָס האָבן אין אונדזער שטוב געהאַט אַ באַזונדערע מראה. דער טאַטע איז אין די טעג גע־גאַנגען אין שול אַריין, און אויך די מאַמע איז געגאַנגען „הערן שופר־

בלאָזן״. עס האָבן זיך באַוויזן גראָבע מחזורים מיט געלע בלעטער, וואָס האָבן דערמאָנט אין אַ יידישער גאַס מיט טריבע פענצטער. איך האָב געקענט די שוואַרצע שריפט מיט די גרויסע אַלפן און וועלכע עס איז געלעגן אַן אַלטער אומעט פון אַ יידישער לוויה. אין די טעג האָב איך אַ סך געקלערט וועגן גאָט, כאָטש איך האָב אויף קלאָר נישט געוווסט, וואָס עס געשעט אין די טעג. איך האָב נאָר געוווסט, אַז אַפילו דער טאַטע איז אין דער צייט ווי דערשראָקן. איך האָב געוווסט, אַז מען דאַרף עפּעס אויסבעטן, און איך בין געווען ווי אַרומגעשפּינט פון סימנים און ווייטע פרומע געדעכענישן, פון עפּעס אַ גלויבן, וואָס איז מיר נישט געווען קלאָר. גאָט איז דעמאָלט פאַר מיר געווען נאָר מיינער און איך האָב געגלייבט, אַז ער וויל מיר קיין שלעכטס נישט טאָן.

דערפאַר האָב איך געבעטן נאָר פאַר אַנדערע, פאַרן קינד, פאַר דער מאַמען, און פאַר דעם ברודער, ער זאָל ווערן גוט, און אין שטוב זאָל זיין פרידלעך. מיר האָט זיך געדאַכט, לויט סימנים און אויסטייטשונגען, אַז גאָט איז גוט צו מיר.

דער טאַטע האָט געזונגען אַנדערש ווי די יידן אין שול. ער האָט געקענט ניגונים פון די באַרג־יידן אין קאַווקאַז, ווו ער האָט לאַנג געדינט אין מיליטער און האָט זיי ליב געהאַט צו זינגען אין די יום־טובים, ראש־השנה, יום־כיפור און פסח צום סדר. דאָס זענען געווען ניגונים ווייטע און פרעמדע, אָבער איך האָב געגלייבט אין זיי.

די פייערלעכקייט פון דער שטוב האָט מיך גלייך אַרומגענומען, און אַפילו אין דער לופט פון דעם טריבן טאָג האָב איך דערפילט דעם יום־טוב.

אַזוי ווי אַלע מאָל, אין די פּאַרכטיקע טעג, האָט די מאַמע אויך איצט באַדאַרפט פועלן ביים ברודער, ער זאָל מיטן טאַטן גיין אין שול אַריין. דער ברודער האָט נישט געוואָלט גיין און די מאַמע האָט אים מיט טרערן געבעטן. זי האָט אים אַרומגעשטעלט, באַדינט, אים געפּוצט די קליידער. ער האָט זיך געוואָרפן, פאַרקוועטשט די אויגן. די מאַמע האָט צו אים גערעדט מיט גוטן און מיט בייזן, און געוואָלט אים וואָס גיכער גרייט מאַכן, איידער דער טאַטע וועט זיך אַריינמישן.

ענדלעך האָט ער זיך געלאָזט איבעררעדן און די מאַמע האָט אים אויסגעפּוצט, אַפילו אים פאַרבונדן אַ שלייף ביים ווייסן קאָלנער

פונעם ווייסן העמד. ער איז שוין באַשטאַנען צו גיין, אָבער נישט צו טראָגן דעם מחזור.

איך בין אַראָפּגעשפּרונגען פונעם געלעגער און אויסגערופן:

— איך וועל טראָגן דעם מחזור.

די מאַמע האָט מיר אַ גלעט געטאָן איבערן פּנים. זי האָט מיר אויך געגעבן דאָס בעסטע, וואָס איך האָב געהאַט צום אָנטאָן. זי האָט אונדז געגעבן צוויי ווייסע, אויסגעפּרעסטע נאָזטיכלעך און מיט טרערן פון פרייד אין די אויגן אַ קוק געטאָן אויף מיין ברודער. זי האָט געוווּסט, אַז דער טאַטע מיטן ברודער איז פייער און וואַסער, האָט זי אים שטיל, מיט געבעט אָנגעזאָגט:

— געדענק, זאָלסט נישט דערבייזערן דעם טאַטן...

און ווי זי וואָלט זיך וועלן אָנזעטיקן מיט דער פרידלעכקייט פון יום־טוב, האָט זי הויך און פייערלעך געזאָגט:

— די קינדער זענען פאַרטיק צו גיין אין שול אַריין...

דער טאַטע איז אַריינגעקומען פון דער צווייטער שטוב, יום־טוב־דיק אָנגעטאָן, אין אַ שוואַרצן, האַרטן הוט. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף מיין ברודער, וואָס איז געשטאַנען מיט דעם צו קליינעם, קינדער־רישן היטל אויפן קאָפּ, און האָט פריילעך אַ זאָג געטאָן:

— ווער איז דאָס? עפּעס נישט קיין באַקאַנטער... זעט אויס אַ פרום ייִנגל... אַ צדיק...

דער טאַטע האָט עס געזאָגט אויף זיין אופן, אַז מיר אַלע האָבן זיך צעלאַכט און אַפילו דער ברודער האָט קרום אַ שמייכל געטאָן און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

אויך די מאַמע האָט זיך באַלד אָנגעטאָן אין איר שוואַרץ קלייד מיט די בופן, זי האָט אָנגעטאָן די הויכע געשנירטע שטיוועלעך און איר געשטאַלט האָט באַלד באַקומען די שלאַנקייט, וואָס איך האָב אַזוי ליב געהאַט. זי איז געגאַנגען גיך און ריטמיש. און איר הויכער יוגנט־לעכער האַלדז האָט ווי געשפּילט.

אויך דאָס קינד האָט די שוועסטער אָנגעטאָן אין ווייסן, פאַרקעמט די שוואַרצע, זיידענע האָר אויף דעם ברוינעם פּנימל. די שוועסטער האָט עס אַריינגעלאָזן, און דאָס קינד האָט מיט די גיכע, חנוודיקע טריט־לעך אַריינגעבראַנגט אַ פריילעכקייט. דער טאַטע האָט עס גענומען אויף די הענט און עס האָט זיך געוואָלט אַז לאַנג זאָל אַזוי דויערן די פרייד.

מיר זענען אַרויס מיטן טאַטן פון שטוב. ער איז געגאַנגען מיט זיינע קרעפטיקע טריט, דער ברודער פון איין זייט און איך, מיטן מחזור אונטערן אָרעם, פון דער אַנדערער זייט. דער טאָג איז געווען אַ טריבער, אַ קילער און דער דרויסן האָט אויסגעזען, ווי נאָך אַ קראַנקייט. די ביימער האָבן גערוישט מיט אַ סודותדיקן אומעט.

דער גאָספּאָדאַרזש האָט דעם טאַטן געווונטשן צום נייעם יאָר.

אויך אַניעלקאַ, אין איר וואָכנדיקן גראָבן און קורצן קליידל, האָט אין דעם טריבן טאָג אויסגעזען נאָך מער וואָכנדיק. זי האָט געקוקט אויף מיר מיט אויפגעריסענע אויגן. און שטיל מיך געפרעגט:

— ביי אייך איז אויך „סאָנדני דזשיען״?

זי האָט מיר מיט דער זעלבער שרעק דערציילט, ווי דער שכנטע חיהלעס מאַן, דער „כאָסיד״, איז געלאָפן אין שול אַריין מיט אַ ליכט, אין אַ „שמיערטעלנע קאָשולע״...

ווען מיר זענען אַרויסגעגאַנגען אויפן וועג אין שטעטל אַריין, האָט זיך אויפן הימל באַוויזן אַ בלייכע זון, און די אויסגעוואַשענע ערד, נאָכן רעגן, האָט אַן אָטעם געטאָן מיט אַ נייער פרישקייט פון שפּעטזומערדיקן גראָז און אויסגעגליטע ביימער. טייל ביימער האָבן געהאַט רויטע קעפּ, ווי זיי וואָלטן געברענט, און אויף דער ערד, אונטער די טריט, האָבן געשאָרכט רויטע, טרוקענע בלעטער. די וועלדער אַרום זענען איצט געשטאַנען איינגעהילט אין אַ שוואַרצלעכן נעפּל, ווי זיי וואָלטן זיך אָפּגערוקט אין אַן אומבאַקאַנטער ווייט.

וואָס נענטער צום שטעטל, אַלץ געדיכטער זענען געוואָרן די רעדלעך יידן, וואָס האָבן געשטראָמט פון אַלע זייטן און זיך געטראָגן אין אַ געאייל אין די שולן. עס זענען געלאָפן חסידים אין ווייסע זאָקן, אין שטריימלען אויף די קעפּ, געבויגענע, מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, ווי זיי וואָלטן נישט געוואָלט זען די וועלט. עס זענען געגאַנגען באַלעבאַטים פון שטעטל מיט זייערע קינדער. ייִנגלעך אין לאַנגע קאַפּאָטקעלעך האָבן געטראָגן די טלית־זעק און די מחזורים.

די ווייבער אין יום־טובדיקע קליידער, מיט שאַלן אויף די קעפּ, האָבן געטראָגן מחזורים, איינגעהילט אין ווייסע טיכלעך. טייל מיט העלע, האַרטע, טויטלעכע שייטלען אויף די קעפּ. באָבעס, מיט קופּקעס, מיט ציטער־נאָדלען אויף די קליינע איינגעשרומפּענע קעפּלעך, האָבן געשפּרייזט מיט דראָבנע, אַלטע טריטלעך און זיך געווישט די אויגן.

עס האָט זיך געעפנט אַ נייע, קאָלירטע וועלט, וואָס איך האָב קיין מאָל נישט געזען. דער טאַטע האָט זיך אַלע מאָל אָפּגעשטעלט. ער האָט געקוקט, און אויף זיין פּנים איז געווען צו דערקענען אַ מילדע גוטמוטיקייט.

פאַר מיר האָט דאָס גאַנצע שטיק וועלט אויסגעזען ווי עפּעס אַ קאָלירט שפּילעכל פון לעבעדיקע מענטשן. עס איז געווען אַזוי גוט צו קוקן אויף די מענטשן, אויף די הייזער, פון וועלכע עס האָט גע־שלאָגן אַזאַ יום־טובדיקע רו.

שוין פון די ערשטע הייזער האָט זיך דערהערט דאָס געזאַנג און גערויש פון דאַוונען. אַ פאַרכטיקער מורמל האָט זיך געטראָגן אין דער לופט.

דער טאַטע איז געגאַנגען אין זיין קורצער קליידונג. אין דעם האַרטן קאַפּעלוש האָט ער דאָ אויסגעזען ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטער. די רעדלעך יידן פאַר די שולן האָבן געקוקט אויף אים מיט נייגער.

דאָס זענען אַלץ געווען חסידישע „שטיבלעך". די שול פונעם שטעטל האָט זיך געפונען אין אַ גרויסן, צעפאַרענעם הויף, אויף דער ליימיקער אויסגעטרעטענער ערד, וווּ עס זענען געשטאַנען אַלטע, געשטאַרבענע ביימער אָן בלעטער. די שול איז געווען אַ הילצערנע, אָן אַלטע, מיט אַ הויכן שינדל־דאַך, באַדעקט מיט גרינעם מאָך.

דאָ האָט מען שוין געזען אויך „לעטניקעס" אין קאַפּעלושן און פּראָסטע יידן אין היטלען. אַהער איז דער טאַטע געגאַנגען דאַוונען.

עס איז נאָך, זעט אויס, געווען פרי. יידן האָבן געשמועסט, זיך אויסגעזעצט אויף די אַלטע, הילצערנע בענק. דער טאַטע האָט דאָ גע־טראָפן עפּעס אַ באַקאַנטן, אויך אין אַ קאַפּעלוש. מיין ברודער איז גע־שטאַנען אָן אַ זייט און געקוקט אין דער ווייט, איבערן פּלויט.

די גאַנצע צייט האָב איך געהאַלטן אַן אויג אויף מיין ברודער. איך האָב מורא געהאַט, ער זאָל נישט אַנטלויפן פון שול. איך האָב געזען ווי ער דרייט זיך אין אַלע זייטן, דערווייטערט זיך אין די ווינקלעך פון דעם גרויסן שולהויף, ווי ער וואָלט געזוכט ווו צו אַנטרינען. איך האָב געוווּסט ווי די מאַמע צאַפּלט דאָרט אין דער היים, אַז דער טאָג זאָל אַדורכגיין רויק.

אונטער דעם ווייסלעכן ליכט פון דער הויכער זון, וואָס האָט פאַרגאָסן דאָס יום־טובדיקע שטעטל, איז דער טאַטע געשטאַנען אַרומ־

גערינגלט פון אַ רעדל יידן. ער האָט עפּעס דערציילט פון די ווייטע רוסישע שטעט, ווו ער האָט געדינט אין מיליטער. די יידן האָבן גע־שמעקט טאַבאַק, און זיך נייגעריק צוגעהערט, געלאַכט פון „פּאַניע גנב״.

דער טאַטע האָט געהאַט צענדליקער מעשיות וועגן דעם „ראָטנעם קאָמאַנדיר״, און וועגן משוגענע גענעראַלן, וועלכע ער האָט נאָכגערעדט אויף רוסיש. די יידן האָבן זיך געקוויקט מיטן טאַטנס היימישקייט מיט די „קאַצאַפּעס״ און האָבן אָנגעקוואָלן דערפון וואָס דער טאַטע איז געווען אַזאַ בראַווער סאָלדאַט. און ווען דער „ראָטנער קאָמאַנדיר״ האָט געזאָגט: „מאָלאָדיעץ״, האָבן די יידן עס אָנגענומען פאַר אַ לויב פאַרן גאַנצן יידישן פאָלק.

באַלד איז געוואָרן אַ רעש, מען האָט זיך געשטעלט דאַווענען.

דער טאַטע איז אַריין אין שול. ער האָט אַ רוף געטאָן דעם ברודער. דער ברודער האָט זיך נישט געאיילט. איך האָב אים גענומען אונטער דער האַנט און בין געגאַנגען נאָכן טאַטן.

אַ וואַרעמער ריח פון חלב און פרומקייט האָט זיך אַ לייג געטאָן אויף אונדז. אין שול איז געווען טונקל און די ליכט האָבן געבלינצט און זיך געוויגט, ווי זיי וואָלטן געדאַוונט. דער טאַטע האָט זיך איינגעהילט אין טלית און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט אַ פאָך געטאָן מיט אַ פּאָר פליגל און איז אַוועק ערגעץ ווייט פון אונדז. איך האָב נישט געוווּסט צי מיין ברודער קען דאַוונען. זעט אויס, אַז דער טאַטע האָט אויך נישט געוווּסט וואָס מיט אים צו טאָן. אין שול זענען אַנגעלאָפן יינגלעך און האָבן גערעשט. די טאַטעס האָבן זיי אין איילעניש אויפגעמישט די מחזורים און זיי אָנגעוויזן וואָס צו זאָגן. דערוויַיל האָט דער חזן עפּעס געזאָגט מיט אַ ניגון, אויף וואָס אַלע האָבן געענטפערט מיט אַ ברור־מענדיקן „אָמן״.

פלוצלינג האָב איך דערזען מיין ברודער ביי דער טיר, ווו ער איז געשטאַנען צוגעשפּאַרט צו דער הילצערנער וואַנט. ער איז געשטאַנען פרעמד און בייז. איך האָב געוואָלט צו אים צוגיין, איך האָב פאַרגעפילט, אַז עפּעס וועט געשען נישט גוטס. מיין האַרץ האָט געצאַפּלט, איך האָב אַזוי געוואָלט, אַז דער יום־טובדיקער טאָג אין אונדזער שטוב זאָל זיין אַ פרידלעכער. איך האָב ליב געהאַט דעם טאַטנס רויִקע געמיטלעכקייט. איך האָב געוואָלט זען די מאַמע אַ רויִקע און גליקלעכע.

מיינע קינדערישע טעג און נעכט זענען געווען אַזוי צונויפגעבונדן

מיט דעם געמיט פון דער שטוב, אַז יעדע אויפטרייסלונג האָט זיך אָפּ־גערופן אין מיר מיט אַ ווייטיקלעכער פּילבאַרקייט. איך בין שטענדיק געווען דורכגענומען מיט אַ צאַפּלענדיק וואַרטן אויף אויסטערלישע געשעענישן.

אויף דעם היינטיקן טאָג האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך דאַרף אונדזער שטוב פון עפּעס אויסהיטן. איך בין געווען גרייט אַלץ אַוועק־צוגעבן, אַז צווישן דעם טאַטן און דעם ברודער זאָל זיין שלום.

דערווייל האָב איך פון דער ווייטנס געזען, ווי די יינגלעך און בחורים האָבן עפּעס גערעדט צו מיין ברודער. טייל האָבן אים גע־שטופּט זייערע מחזורים און סידורים און מען האָט געלאַכט.

דער ברודער איז געשטאַנען איינגעקאַרטשעט, מיט פאַרקוועטשטע אויגן, מיט די הענט אין די קעשענעס. איך האָב זייער געוואָלט עפּעס זאָגן דעם טאַטן, אָבער איך האָב מורא געהאַט, אַז איך וועל דערמיט עפּעס פאַרערגערן.

און איך האָב מיט האַרץ־קלאַפּן געזען ווי אַרום מיין ברודער איז געוואָרן אַ געדיכט רעדל. איין בחורל מיט אַ לאַנגער קאַפּאָטע און אַ טוכן־היטל אויפן קאָפּ, האָט מיט חוזק געשטופּט זיין סידורל דעם ברודער אין פּנים אַריין. עס האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט אים געהייסן זאָגן. מיין ברודער האָט אַרויסגענומען די הענט פון די קעשענעס. איך האָב דערכאַפּט דעם בליץ פון זיינע אויגן, וואָס האָט אַ שלומער געטאָן ווי ביי אַ פאַריאָגטער חיה. איך האָב געוואָלט לויפן צו אים. אין דער מינוט האָב איך דערזען ווי דאָס סידורל האָט אַ פלי געטאָן אין דער הייך מיט צעשיטע שמות.

אין דעם אויגנבליק האָט זיך אַרום מיין ברודער פאַרפלאָכטן אַ געדיכט ראָד. עפּעס אַ ייד אין אַ טלית האָט זיך אַריינגעקנעטן און אַלץ האָט זיך געקנוילט צו דער טיר. עס האָבן זיך דערהערט פאַרשטיקטע קולות, און איבער דער גאַנצער שול האָט זיך דערטראָגן אַ גערודער. איינער האָט געשריגן:

— אַ שייגעץ...

— אַ גוי...

— וועמענס איז ער...

איך האָב דעם ברודער שוין נישט געפונען, איך האָב נאָר געזען שפּרינגענדיקע, צעפּאַכטע קאַפּאָטעס. עס האָט זיך איבערגעקערט אַ

באַנק און אויף דער ערד האָט זיך געקאָלערט אַ קנופּ פון מענטשן. מיט אַ מאָל האָב איך אין דער ליכט פון דרויסן דערזען מיין ברודער. ער האָט געשלאָגן מיט די הענט און מיט די פיס. אַרום אים האָט זיך אַלץ געדרייט און געדרעשט ווי די פליגל פון אַ מיל. מיין ברודער איז געווען אָן אַ היטל און זיינע שוואַרצע האָר זענען געווען צעפּאַטלט. איינציקע שאָטנס זענען געשפּרונגען אויף אים און צוריקגעפאַלן.

מיר איז הייס געוואָרן פון אַ שטעכיקער חרפּה. צוזאַמען דערמיט האָט זיך מיר געוואָלט אַריינשניידן אין דעם ראַיענדיקן קנופּ, העלפן דעם ברודער, שלאָגן זיך מיט דער גאַנצער שול יידן. דאָס האָב איך געוואָלט זיך אָננעמען פאַר אונדזער שטוב, פאַרן טאַטן מיט דער מאַמען, פאַר דעם פאַרשטערטן יום־טוב.

דערווייל האָט מען איבערגעריסן דאָס דאַווענען. ערגעץ אין אַ ווינקל איז אומגעפאַלן אַ ברענענדיק ליכט. מען האָט געשריגן, אַז עס ברענט. פון ערגעץ האָט זיך באַוויזן אַ גוי, וואָס האָט זיך געפּאַרעט ביי די ליכט און עפּעס איינער אַ ייד מיט אַ באָרד האָט אויפן קול דערציילט וועגן מיין ברודער, אַז ער איז פון די „לעטניקעס", פון די וואַרשעווער, אַז דער „תכשיט" איז באַקאַנט אין שטעטל פאַר אַ שלעגער, חברט זיך מיט די גוייִשע שקצים, און אַז דער „סטראַזשניק" אַליין קאָן זיך מיט אים קיין עצה נישט געבן...

איך בין צוגעגאַנגען צום טאַטן און ציטערנדיק, זיך צוגעשפּאַרט צו אים. דער טאַטע האָט זיך נישט אומגעקוקט. איך האָב נאָר געזען ווי ער איז בלאַס געוואָרן. ער האָט טיף געאָטעמט און זיינע גרויע אויגן האָבן געהאַט אַ ווייסלעכן, קאַלטן גלאַנץ:

— שטיי נעבן מיר — האָט ער מיט אַ מאָדנער טויבקייט אין דער שטים געזאָגט און אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף מיין אַקסל. זיין האַנט האָט געציטערט.

ווידער האָט עמעצער, מיט אַ פאַרכטלעך קלאַפּן איבער אַ שטענדער, איבערגעריסן דעם וואָכעדיקן רעש, און עס האָט זיך מיט אַ קרעכצנדיקן יאָמער אַ וויג געטאָן דאָס דאַווענען. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די טויבע, פייערלעכע קלעפּ איבערן שטענדער, האָבן פאַריאָגט און אָוועק־געטראָגן ערגעץ דאָס געביין פון מיין ברודער. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ער וואַנדערט איצט ערגעץ איבער די וועלדער, אַליין, אָדער מ׳יאָגט זיך נאָך אים, אים אומצוברענגען. מיר האָט פאַרקלעמט ביים האַרץ און

צום ערשטן מאָל האָט מיך אַ גרויס רחמנות אַרומגענומען צו אים. דאָס דאַוונען פון די יידן האָט מיך שוין איצט נישט געצויבערט. דער יום־טוב איז ווי צערונען. און איך האָב מיט אַ מאָל דערפילט אַ שווערן ריח פון פרעמדע און פּראָסטע מענטשן. דער ריח האָט מיך אָנגעהויבן שטיקן. מיר האָט זיך געוואָלט זיין אַליין, אָדער לויפן צו דער מאַמען, צום קינד, צו דער שוועסטער, וואָס לייכט אין דער שטילער, קלאָרער וועלט פון אירע ביכער.

איך בין באַהערשט געוואָרן פון ווילן צו פאַרלאָזן די שול. אפשר וועל איך געפינען דעם ברודער ערגעץ. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איצט וועל איך קאָנען צו אים רעדן. ביי מיר זענען געבוירן געוואָרן ווערטער, וואָס וואָלטן אים נאָענט, גוט און מילד געמאַכט.

איך האָב דעם טאַטן אָנגערירט ביי דער האַנט און ער האָט זיך אָנגעבויגן צו מיר.

— איך וויל גיין צו דער מאַמען... איך וויל איר זאָגן...

איך האָב נישט געוווסט, וואָס איך וויל זאָגן דער מאַמען. אָבער דער טאַטע האָט פאַרשטאַנען. ער האָט מיך אַ פיר געטאָן פון הינטער דער באַנק. דערביי האָט ער מיר אַ לייכטן גלעט געטאָן איבערן האַלדז און איך ווייס נישט פאַר וואָס — מיר האָט פלוצלינג אויסגעוויזן פון דעם גלעט, אַז דער טאַטע האָט איצט אויך רחמנות אויף דעם ברודער.

— גיי — האָט דער טאַטע שטיל געזאָגט. ער האָט געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, אָבער האָט נישט געזאָגט און זיך צוגעדעקט מיטן טלית. איך האָב מורא געהאַט, אַז איך וועל מיך צעוויינען און בין גיך אַרויס פון דער שול.

*

אין דרויסן איז איצט געווען זייער שטיל. די זון איז געשטאַנען הויך און ווייט, און אַ קיל, ווייסלעך ליכט איז געווען אויסגעגאָסן. עס איז געווען ליידיק און אָפּגערוימט פון מענטשן. דאָס רעשיקע שטעטל איז איצט געווען ווי אָפּגעקערט פון דעם שטענדיקן, פינטלענדיקן לעבן. אין דער ווייט איז געשטאַנען אַ זילבערנער נעפּל און עפּעס שרעקנדיקס איז געלעגן אין דער שטילקייט. איינציקע איילנדיקע שאָטנס האָבן זיך געטראָגן און אַפילו קיין קינדער האָבן זיך נישט געשפּילט אין די זאַמ־דיקע הויפלעך. אַ קילע טויטלעכע רו איז געלעגן אַרום.

מיט אַ פֿול האַרץ האָב איך זיך געטראָגן אַהיים. די ערד איז איצט געווען קיל און פֿרעמד. און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך טאָר דאָ מער נישט גיין. די ביימער האָבן געציטערט פֿון עפּעס אַ קעלט, וואָס האָט געבויערט די בלעטער, און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז עס איז געשטאָרבן עפּעס אַ גרויסע ליכטיקע זאַך.

די טיר פֿון אונדזער שטוב איז געווען צוגעשפּאַרט. די שוועסטער איז געזעסן אין הייפֿל. זי האָט געלייענט. צוויי גרויסע טונקל־רויטע „גע־אָרגין"־בלומען זענען געווען אַריינגעפֿלאָכטן אין אירע האָר. זי איז געווען אַזוי שיין, אַז איך האָב נישט געהאַט קיין דרייסטקייט צוצוגיין צו איר.

איך בין אַריין אין שטוב. די מאַמע איז געווען אָנגעטאָן אין שוואַרצן מיט דער גאָלדענער בראָשקע אויפֿן האַרץ. זי האָט געגעבן אַניעלקען דאָס קינד, איר געגעבן יום־טובדיקע נאַשוואַרג און איר אָנגעזאָגט, אַז זי זאָל אַכטונג געבן. מיט אַ מאָל האָט די מאַמע מיך דערזען, אירע אויגן האָבן זיך איינגעשניטן אין מיר.

איך האָב זיך אַ וואָרף געטאָן צו איר און אויסגערופֿן:

— מאַמע, מאַמע, גיי נישט אַהין.

די מאַמע איז אַ פֿאַל געטאָן אויף אַ שטול.

אויף אונדזער שטוב האָט זיך אַרויפֿגעלייגט אַ דריקנדיקע שטיל־קייט. מיר זענען געזעסן און געוואַרט אויפֿן טאַטן, וואָס האָט באַדאַרפֿט קומען פֿון שול. מיר האָבן נישט געוווסט וואָס עס וועט ווייטער געשען.

די מאַמע איז געבליבן זיצן אין אירע יום־טובדיקע קליידער. אירע אויגן האָבן זיך אָנגעפֿילט מיט אומעט נאָך דעם ווי איך האָב איר דער־ציילט וואָס עס איז פֿאָרגעקומען מיטן ברודער אין שול. זי האָט שוין מער גאָרנישט געפֿרעגט. איר אויפֿגעריסענער בליק איז געבליבן ווי אַ פֿאַרגליווערטער ווייטיק.

אין דרויסן האָט זיך מאָדנע פֿאַמעלעך גערוקט דער ווייסלעכער, קילער טאָג. אַ לייכטער, לינדער ווינט האָט געבלאָזן און די ביימער האָבן זיך שטיל געוויגט. פֿון צייט צו צייט האָט זיך, ווי דאָס גערויש פֿון בלעטער, דערטראָגן דאָס מורמלען פֿון דאַווענען אין די שולן, אָדער אפֿשר האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך הער פֿון גאָר ווייט דאָס בלייכע שאַלן פֿון אַ שופֿר. פֿאַר דער טיר האָט זיך דאָס שיקסל אַניעלקאַ גע־שפּילט מיטן קינד, אָבער אויך אַזוי שטיל און פֿאַרקלעמט, ווי דער

גאַנצער דרויסן וואָלט געוואַרט אויף עפּעס אַ שטראָף, וואָס דאַרף באַלד קומען.

איך בין געשטאַנען פאַר דעם הויז און געוואַרט אויפן טאַטן.

שטיקער בלייכע זון זענען געלעגן אויף די אָפּגעליידיקטע פעלדער. אַ שטילקייט האָט געבלאָזן און אַן אומהיימלעכער אומעט, ווי עפּעס אַ דראָענדיקער אָנזאָג.

איך האָב איצט געקלערט, אַז דאָרט אין די אומעטיקע ווייטן בלאָנדזשעט עלנט אַרום מיין ברודער, פאַריאָגט פון אונדזער שטוב. איך האָב איצט אין האַרץ געבעטן פאַר אים. איך וואָלט אים איצט געשיצט אין זיינע וועגן און געגאַנגען מיט אים אין יעדער געפאַר. היינט האָב איך צום ערשטן מאָל געזען ווי שלעכט די מענטשן זענען קעגן אים. מיר האָט זיך אַפילו איצט אויסגעוויזן, אַז דער טאַטע וואָלט אויף אים רחמנות געהאַט און אים אַריינגענומען אין שטוב. איך האָב פיינט גע־קריגן דאָס יידישע שטעטל. איך האָב זיך דערמאָנט אין שמעונען און די פרומע, וואָס האַלטן אונדז נישט פאַר קיין יידן. מיט אַ מאָל איז מיר איינגעפאַלן אַ שרעקלעכער געדאַנק, אַז מיר זענען נישט קיין יידן און מיר איז ווי אויסגעלאָשן געוואָרן די וועלט. שמעון איז פאַר מיר איצט אויפגעשוווּמען אין אַ ליכט פון פרומקייט, ווי גאָט האָט אים ליב און גלעט אים אַזוי ווי עס האָט אים געגלעט זיין רבי מיט דער לאַנגער באָרד. אַ ברענענדיקע קנאה האָט מיך אַ שטאָך געטאָן צו שמעונען. מיר האָט זיך שוין געוואָלט זיין צוריק אין דער טונקעלער דירה אין וואַרשע אויף אונדזער אָרעמער גאַס.

איך האָב אין האַרץ געבעטן, אַז פון די נעפּלדיקע וועגן אַרום זאָל זיך באַווייזן מיין ברודער, ער זאָל שטיל אַריינקומען אין שטוב, מען זאָל פאַרמאַכן די טיר און דער יום־טוב זאָל צוריק אויפשיינען אין דער מאַמעס אויגן.

דאָס געבעט האָט געגליט אין מיין האַרץ און זיך אויפגעהויבן אין אַ הייסן שטראָם צום קאָפּ, צו די אויגן, אָט וועל איך דערזען אַ וווּנדער פון דער שטומער ווייט, פונעם שטילן הימל וועט זיך עפּעס באַווייזן צו מיר.

אָבער די סודותדיקע ווייט האָט געשוויגן. איך האָב אויפגעריסן די אויגן און געזוכט אַרום. איך האָב געוואָלט עפּעס דערזען וואָס זאָל מיר עפּעס קלאָר מאַכן, אָבער אַלץ איז געווען ווי פריער. דאָס שוואַרצ־

לעבע סוף־זומער גראָז האָט געשאַרכט און קאַלירטע ווערעמלעך האָבן געווימלט אין דער גרינער וועלט. די בלומען אַרום דעם הויז האָבן זיך געוויגט מיט די שווערע בינען, וואָס האָבן געקלעפּט אויף זיי און געזויגן זייערע אײדעלע פּנימער.

איך האָב זיך שטיל און אומעטיק אָװעקגעזעצט נעבן אַניעלקען, וואָס האָט געהאַלטן דאָס קינד אויף איר שויס. זי האָט געקוקט אויף מיר מיט אַ מאָדנער פרעמדקייט. זי האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און שטיל געפרעגט:

— פאַר וואָס „מאָדלעסט" דו זיך נישט?

דערנאָך האָט זי שטיל גערעדט וועגן דעם, אַז עס איז שוין „יעשיען", אַז באַלד וועט זיין ווינטער און איך וועל פאָרן אַהיים, קיין וואַרשע.

— אָט דיר איז גוט — האָט זי געזאָגט — וועסט דיר אַרומגיין אין וואַרשע... דאָרט איז ליכטיק און די „פּאַנסטוואָ" פאָרט אין „פּאָוואָזן" מיט שיינע פערד...

זי האָט אויפגעהויבן איר קליין, טונקל פּנים. אירע בלויע אויגן זענען געווען פאַרטרוימט, זי האָט געזאָגט:

— וועסט באַלד פאַרגעסן אַניעלקען... יאָ?...

זי האָט אַרומגעכאַפּט דאָס קינד מיט אַ פּלוצלינגער ווילדקייט, עס צוגעדריקט צום האַרץ און אַרייַנגעפּליסטערט אין דעם קינדס פּנימל:

— דו וועסט געדענקען אַניעלקען? יאָ? זאָג! וועסט געדענקען?

און זי האָט באַדעקט דעם קינדס קאָפּ מיט קושן. דאָס קינד האָט געקוקט אויף איר מיט גרויסע, פאַרוווּנדערטע אויגן און זיך געטוליעט צו איר.

*

ענדלעך האָב איך פון דער וויַיטן דערזען דעם טאַטן. ער איז געגאַנגען מיט זיין ברייטן, רויקן טראָט. אין איין האַנט האָט ער געטראָגן דאָס טלית־זעקל, די צווייטע האַנט פאַרלייגט פון הינטן. איך האָב אים דערזען און, מיט אַ מאָל פאַרגעסן אין אַלעם, האָב איך זיך געלאָזן צו אים. איך האָב געוואָלט אים עפּעס זאָגן, אים גוט מאַכן מיט עפּעס, און איך האָב מיט אַ קול, וואָס איז מיר אַליין פרעמד געווען, אויסגעשריגן:

— אַ גוט יאָר, טאַטע!

דער טאַטע האָט פאַרהאַלטן זיינע טריט. ער איז נאָך אַלץ געווען בלאַס און זיינע ליפן זענען געווען נישט ווי אַלע מאָל צונויפגעלייגט, ווי ער וואָלט געוואָלט עפּעס זאָגן שלעכטס. אָבער, ער האָט אַזוי ווי אַרויסגעוואָרפן דאָס שלעכטע פונעם מויל און האָט אַ שמייכל געטאָן. ער האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף מיין אַקסל, און אַנבייגנדיק זיך האָט ער מיר אַ קוש געטאָן. איך האָב געפילט ווי זיינע ליפן ציטערן. ער האָט שטיל, מיט אַ פלאַטער, אַרויסגעאָטעמט:

— אַ גוט יאָר, זון...

איך בין פאַרגאָסן געוואָרן פון אַ צאַפּלדיקער פרייד. און צונע־מענדיק ביי אים דאָס טלית־זעקל האָב איך אָנגעכאַפּט זיין האַנט, אים אַריינגעפירט אין שטוב אַריין. איך האָב אים צוגעפירט גלייך צו דער מאַמען, וואָס איז נאָך אַלץ געזעסן פאַרטראַכט. איך האָב אַ קוק געטאָן אויפן טאַטן. די מאַמע האָט זיך געוואָלט אויפהייבן. אָבער דער טאַטע האָט אַרומגענומען איר קאָפּ און איר אַ קוש געטאָן אין שטערן. זי האָט פאַרמאַכט די אויגן. דער טאַטע האָט ווידער מיט דער פאַרדריקטער שטים געזאָגט:

— אַ גוט יאָר...

די שוועסטער האָט אַוועקגעלייגט איר ביכל. זי איז צוגעגאַנגען צום טאַטן און שטיל אַרומגענומען זיין האַלדז. די מאַמע האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר און האָט שטיל און האַסטיק זיך צעוויינט. טרייסלענדיק מיט אירע אַקסלען, אויף וועלכע עס איז נאָך געהאָנגען איר יום־טוב־דיקער, שוואַרצער, זיידענער שאַל.

— ווּ איז דאָס קינד? — האָט דער טאַטע שטיל געפרעגט.

איך בין אַרויס פון שטוב. איך בין צוגעלאָפן צו אַניעלקען, אַ כאַפּ געטאָן דאָס קינד, און אַריין דערמיט אין שטוב. איך האָב זיך אַרומגע־קוקט און דערזען ווי אַניעלקע איז געבליבן שטיין מיט ליידיקע הענט. מיר איז אַ רחמנות געווען אויף איר וואַכעדיקייט און איך האָב אַ געשריי געטאָן צו איר:

— אַניעלקאַ, קום אַריין צו אונדז...

דער טאַטע האָט גענומען דאָס קינד אויף די הענט און האָט שוין איצט מיט אַ רויִקער און וואַרעמער שטים אַ זאָג געטאָן צו דער מאַמען:

— נו, גענוג! ס'איז יום־טוב... ווּ איז ער, דער תכשיט?

— ווער ווייסט — האָט די מאַמע ערשט אַרויסגעווײנט — ווער ווייסט צי מיר וועלן אים נאָך זען...

— מאַמע — האָב איך אַ געשריי געטאָן נישט מיט מײַן קול — מאַמע, איך וועל גיין, איך וועל אים געפינען, איך וועל אים ברענגען...

און איך בין מיט איין שפרונג אַרויס פון שטוב. איך בין געלאָפן אָן אַ ציל. אַ מאָדנער כוח און זיכערקייט האָט זיך אויפגעהויבן אין מיר, אַז איך וועל געפינען מײַן ברודער, אַז איך וועל אים ברענגען אַהיים, אַז איך וועל ברענגען דעם יום־טוב און רו אין שטוב אַרײַן.

איך בין אַרויס אויפן ברייטן וועג צום גרויסן וואַלד. איך בין געלאָפן אָן אָטעם. איך האָב געוווּסט, אַז אין שטעטל וועל איך אים איצט נישט געפונען און איך בין געלאָפן אין דער זייט צום דאָרף, ווו עס האָט זיך געפונען דער שאָסיי קיין וואַרשע. מיט אַ מאָל האָב איך זיך אָפּגע־שטעלט און זיך אַרומגעקוקט. איך האָב נישט געוווּסט ווו איך געפין זיך. דאָס איז געווען אַ דאָרפיש געסל. עטלעכע כאַטעס זענען גע־שטאַנען ביי דער זייט. פּויערישע קינדער האָבן זיך געשפּילט אין זאַמד. שטויבנדיקע פּורלעך האָבן זיך געשלעפּט, און אין דער ווייט איז געלעגן אַן עלנטער וועג צום וואַלד. איך בין געלאָפן צוריק. איך בין אַרײַן אין אַ זייטיקן וועג, אין טיפן, שטויביקן זאַמד. אַן אַלטער געלער פּלויט האָט אַרומגענומען אַ גרויסן גאָרטן. דאָ איז געווען דער פּריצישער הויף. איך האָב געוווּסט, אַז דאָ איז מען געגאַנגען רייסן פּרוכטן. אַ זאַפטיקע וואַרעמע גרינקייט האָט אַרויסגעשלומערט פון הינ־טער דעם פּלויט און דער ריח פון דערוואַרעמטע פלוימען אונטער דער זון האָט געצויגן צו גיין. פּלוצלינג איז מיר געוואָרן קלאָר, אַז איך וועל דעם ברודער נישט געפינען. איך בין שטיין געבליבן און מיר האָט זיך געוואָלט שרייען פון ווייטיק. איך האָב זיך געלאָזן צוריק צו דער היים. איך האָב געקוקט פון דער ווייטן צום ווייסן הויז, ווו לאַלאַ האָט געוווינט. דאָרט זענען די לאָדן געווען פאַרמאַכט.

מיט אַ מאָל האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז איך האָב לויפנדיק נישט גוט געזוכט. אפשר האָב איך אים נישט דערזען. און איך האָב פּלוצלינג מורא געקריגן פאַר אים. ער האָט זיך מיר אויסגעוויזן אַזוי ווייט און בייז. אָט איז אונדזער הויז פון דער אַנדערע זייט. איך בין קיין מאָל דאָ נישט געווען. דאָ איז די שטאַל. אין דער געדיכטקייט פון די קוזשאַקעס זעט מען נישט אונדזער הויז. מען זעט נאָר דאָס פענצטער פון דער

קריסטלעכער שכנה מיט די געדיכטע בלומענטעפּ. איך בין אַריין אין דער געדיכטקייט פון דעם געביש. די צווייגן האָבן געראַצט איבער מיין פּנים. איך בין געשפּרונגען איבער אַ ראָוו, און פּלוצלינג בין איך אַריין אינעם הייפל, ווו עס האָט געוווינט דער „גאַספּאַדאַזש" פון אונדזער הויז. דאָ האָב איך דערזען אַניעלקען. זי איז געשטאַנען פון דער וויטן און געקוקט אויף מיר מיט גרויסע, דערשראָקענע אויגן. זי האָט מיך אַ רוף געטאָן מיט אַ האַנט, זי איז געווען פול מיט אַ סוד.

— וואָס איז, אַניעלקאָ — האָב איך געפרעגט מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ.

— דו זוכסט אים? דיין ברודער?

— ווו איז ער?...

— ש... ער איז דאָרט, הינטער דעם שטאַל... ער וויל נישט אַריינגיין אין שטוב, ער האָט מורא פאַרן טאַטן...

ווען ער האָט מיך דערזען, איז מיין ברודער אַ שפּרונג געטאָן, ווי צום אַנטלויפן. אויך איך האָב זיך פאַר אים דערשראָקן. נאָך איידער איך האָב דערכאַפּט, ווי פאַרשטויבט און צעקנייטשט ער איז געווען, צעפּאַטלט און אויסגעשמירט אין ליים, האָב איך פאַר אַלעם דערזען די פרעמדקייט, וואָס האָט געשלאָגן פון אים. עפּעס איז איצט גאָרנישט געווען אין אים פון אונדזער שטוב. איך האָב זיך נישט געקאָנט פאָר־שטעלן, אַז דאָס איז מיין טאַטנס אַ זון און מיין שוועסטערס אַ ברודער. איך האָב זיך דערמאָנט, ווי אָפט די מאַמע האָט געזאָגט, אַז זי ווייסט נישט „פון וואַנען ער איז צו אונדז געקומען".

אָבער זיין אומגליקלעך אויסזען האָט מיר נאָך מער געזאָגט, אַז איצט שטייט מיר פאַר צו טאָן אַ גרויסע זאַך פאַר אונדזער שטוב, אַריינ־צוברענגען אין איר רו און יום־טוב און היילן דער מאַמעס ווייטיק. דאָס וואָס איך האָב דעם ברודער געפונען נאָענט פון דער שטוב, האָט מיר שוין צוגעגעבן די זיכערקייט, אַז ער גיט זיך אונטער. אַ סך ווערטער, נייע, וואָס איך האָב נאָך קיין מאָל נישט גערעדט האָבן זיך אַ שפּאַר געטאָן אין מיין זינען, אָבער פון אַלעם האָב איך שטיל געזאָגט:

— קום אַהיים... קום...

דער ברודער האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן מיט זיינע שטאַרק פאַר־קוועטשטע און שניידנדיקע אויגן. איך האָב מורא געקריגן ער זאָל נישט

עפעס זאָגן, וואָס זאָל איבעררייסן מיין אָנגעזאַמלטן כוח, און איך האָב צוגעגעבן:

— קום... דער טאַטע האָט געפרעגט... ער האָט געזאָגט...

איך האָב נישט געוווסט וואָס ווייטער צו רעדן. מיר איז געוואָרן שווער און ענג אין האַלדז. איך האָב פּלוצלינג אַרויסגעוויינט:

— די מאַמע...

דאָ איז געשען אַזוינס, וואָס איך האָט נישט דערוואַרט. מיין ברודער האָט אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ און זיין קרעפּטיקע טונקעלע האַנט האָט פּלוצלינג, ווי נישט גערן, אָנגערירט מיין פּנים. זיינע פינגער האָבן אַ ציטער געטאָן. איך האָב פאַרמאַכט די אויגן. מיר האָט פאַרפעלט אָטעם און איך האָב געפילט ווי זיין האַנט בלאָנדזשעט איבער מיין אַקסל, איבער מיין קאָפּ און מיינע האָר. ווי ער וואָלט געוואָלט מיט דער איינער האַנט מיך אין גאַנצן אַרומנעמען. מיר איז מאָדנע גוט געוואָרן. איך בין אַזוי געשטאַנען מיט פאַרמאַכטע אויגן און געפילט ווי זיין האַנט ווערט מיר אַלץ נענטער און ליבער.

די גאַנצע צייט האָבן מיר נישט געזען אַניעלקען, וואָס איז געשטאַנען און געקוקט אויף אונדז. דאָס דאַרפס־מיידל האָט געוויס, אין איר פאַרשטעלונג, געוואַרט אויף אַ געשלעג צווישן מיר און דעם ברודער. איצט איז זי געשטאַנען מיט אַ פאַרפלאָמט פּנים און גרויסע. פאַרוווּנדערטע בלויע אויגן, אָנגעפילטע מיט פייכטן גלאַנץ פון גערירטקייט. די הענט האָט זי געהאַלטן אויף אירע קליינע ברוסטן, וואָס האָבן זיך ראשיק געהויבן פון איבערלעבונג. אויך איר פאָטער דער „גאָספאָדאַזש" האָט זיך מיט אַ מאָל באַוויזן פון הינטער די ביימער. אויך ער איז געווען אויפגעברויזט. ער איז שוין איצט געווען האַלב־זונטיקדיק אָנגעטאָן, אין הויכע שטיוול, מיט פאַרדרייטע וואָנסן אַרויף. ער האָט געאָטעמט מיט אַ וואַרעמען, זויערלעכן ריח פון בראָנפן און זיינע ווייכע, בלויע אויגן האָבן געוווּנקען צו זיך אַליין. ער האָט אונדז ביידע, מיך און דעם ברודער, אַרומגענומען מיט זיינע גרויסע, קנאָכיקע, ווי הילצערנע הענט און מיט אַ שיכורער האַרציקייט און פּוילישער האָנאָר־פייערלעכקייט, אויסגערופן:

— זאָלן זיך די ברידער איבערבעטן... „פּאָגאָדזשען"...

ער האָט אונדז לאַנג געהאַלטן פאַר די הענט און דערציילט אַ מעשה וועגן צוויי ברידער, וואָס האָבן געפירט אַ ברוגז, און וואָס דערפון איז

אַרויסגעקומען. צום סוף האָט ער פון דער קעשענע אַרויסגענומען צוויי עפּל פון זיינע ביימער אין גאָרטן. געבנדיק מיר אַן עפּל און דעם ברודער אַן עפּל האָט ער אונדז נאָר געוואָלט פירן צום טאַטן. דער ברודער האָט נישט געוואָלט און זיך אַרויסגעריסן פון זיינע הענט. דער גאָספּאָדאַזש האָט אָבער מיט אַ שיכורער איינגעשפּאַרטקייט, מיט כּוח אונדז אַרומגענומען און אַ פיר געטאָן צו אונדזער שטוב.

דאָ איז שוין אַניעלקאַ געווען פון פריער. זי איז געלאָפן אָנזאָגן דער מאַמען, אַז דער ברודער גייט, און די מאַמע איז שוין געשטאַנען פאַר דער טיר.

דער גאָספּאָדאַזש האָט אונדז פייערלעך געפירט. מיר האָבן זיך ביידע געשעמט, און אַניעלקאַ האָט מיט פולע אויגן טרערן פאַרלייגט די הענט ווי צום געבעט, געשפּרונגען אַרום אונדז.

דער גאָספּאָדאַזש האָט אויפגעהויבן אַ רעש. ער האָט אויך, ווי אַניעלקאַ, געמיינט, אַז דאָ שמעקט מיט אַ געשלעג. ער האָט צוליב עפּעס זייער געהאַלטן פון מיין ברודער, און אויך איצט האָט ער כּסדר איבערגעחזרט:

— „דאָברי כלאָפּאַק"... „ריזיקאָווני כלאָפּאַק"...

מיט אַ מאָל האָט זיך באַוויזן דער טאַטע. ער איז אַרויסגעקומען פון דער שטוב מיט דער שוועסטער און ביידע האָבן זיי געפירט דאָס קינד פאַר די הענטלעך. דאָס קינד האָט געשטעלט די נישט זיכערע טריטעלעך און ווי געהאָנגען אויף דעם טאַטנס האַנט. דער גאָספּאָדאַזש האָט אַראָפּגענומען דאָס היטל פאַרן טאַטן. די מאַמע האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם ברודער פאַר דער האַנט און אים אַריינגעפירט אין דער קיך. זי האָט אים גלייך גענומען פוצן און וואַשן.

דער גאָספּאָדאַזש האָט ווידער גענומען דערציילן דעם טאַטן וועגן די צוויי שלעכטע ברידער אין דאָרף. ער האָט געפּלאָנטערט און אָנגעהויבן אַלע מאָל אויף ס'ניי. אָבער די קליינע אַניעלקאַ האָט מיט אירע געטרייע אויגן דערזען דער מאַמעס אומגעדולדיקן בליק און גענומען דעם גאָספּאָדאַזש שלעפּן פאַרן אַרבל:

— כאָדזש, טאַטאַ...

דער גאָספּאָדאַזש האָט זיך לאַנג און שיכור געזעגנט, ביז וואַנען אַניעלקאַ האָט אים אַוועקגעפירט.

ס'איז געוואָרן שטיל.

דער הימל האָט זיך געטונקלט און אַ קילע שטילקייט האָט זיך צעלייגט אַרום. אַ גרויסער וואָלקן, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ לויפנדיקער ייד מיט אַ לאַנגער באָרד, האָט זיך לאַנגזאַם געצויגן איבערן הימל און אַלע מאָל פאַרדעקט די בלייכע האַלבע לבנה, וואָס איז אַנטלאָפן פון אים.

די מאַמע האָט איצט אַרומגעפלאַטערט אין קיך. איך האָב געזען ווי גיך אירע הענט האָבן זיך באַוועגן אַרום דעם ברודער. איך האָב אַריינגעקוקט אין שטוב. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז די מאַמע וועט איצט קוקן אויף מיר מיט גוטע אויגן, דערפאַר וואָס איך האָב געבראַכט דעם ברודער. אָבער די מאַמע איז געווען פאַרטאָן און האָט אויף מיר נישט געקוקט.

מיין האַרץ האָט נאָך אַלץ פריידיק געקלאַפּט. איך האָב נישט געהאַט מיט וועמען צו רעדן און צו דערציילן וועגן דעם, ווי איך האָב געזוכט דעם ברודער, ווו איך האָב אים געפונען, און וואָס עס איז צווישן אונדז פאָרגעקומען.

איך בין צוגעגאַנגען צום טאַטן און שטיל געזאָגט:

— איך האָב אים געפונען דאָ... נעבן דעם גאַספּאַדאַזשס הייזל...

דער טאַטע האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן, ווי ער וואָלט נישט גע־ ווּוּסט וועגן וואָס איך רעד.

מיר איז געוואָרן אומעטיק. מיט אַ מאָל האָט דער טאַטע געזאָגט:

— ער וועט שוין קיין מענטש נישט זיין...

— ער האָט געוואָלט אַריינגיין אין שטוב... ער האָט מיך געגלעט... ער איז נישט אַזוי שלעכט.

דער טאַטע האָט געקוקט אַרויף צום וואָלקן, וואָס איז איצט געוואָרן שמאָל ווי אַ פיש. די האַלבע לבנה האָט זיך אָנגעגאָסן מיט אַ וואַרעם ליכט ווי אַ שפּיגל. דער טאַטע האָט גערעדט אַרויף, ווי צום וואָלקן:

— ער איז דער מאַמעס זון...

— און איך?

דער טאַטע האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף מיין אַקסל:

— דו ביסט עפּעס אַנדערש.

מיין האַרץ האָט אָנגעהויבן גיך קלאַפּן. איך האָב איצט געוואָלט מיטן טאַטן רעדן וועגן אַ סך זאַכן, באַקלאָגן זיך אויף עפּעס, וואָס איז מיר אַליין נישט געווען קלאָר. פון אַלעם האָב איך געזאָגט:

— איך וויל זיך לערנען.

דער טאַטע האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן:

— נו, עס גייט אַ ניי יאָר...

און ער האָט אַ שפּאַן געטאָן. עס איז ווי מיט אַ מאָל טונקל געוואָרן. פאַר דער טיר איז שוין קיינער נישט געווען, נישט די שוועסטער, נישט דאָס קינד. פּלוצלינג האָט זיך פונעם אויבערשטן שטאָק, פון צווישן די געדיכטע בלומענטעפּ אין פענצטער, באַוויזן דער קאָפּ פון דער קריסטלעכער שכנטע. זי האָט אַראָפּגעקוקט מיט אַן אומעטיקן שמייכל. זי האָט דערזען דעם טאַטן און האָט זיך שטיל אָנגערופן:

— האָט דער פּאַן היינט גוט געבעטן?

דער טאַטע האָט זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט זי באַגריסט:

— פאַר וואָס זעט מען נישט די „פּאַני״?

— דער ברודער... — האָט זי שטיל אַראָפּגערעדט — נישט גוט מיט מיין ברודער... איך קאָן אים נישט לאָזן אַליין... זייער שלעכט...

דער טאַטע האָט איידל געזאָגט:

— אפשר קאָן מען מיט עפּעס דער „פּאַני״ העלפן?

זי האָט אַ שמייכל געטאָן און די העלקייט פון איר פּנים האָט אַ שפּיל געטאָן:

— נאָר גאָט קאָן העלפן.

אין דער מינוט האָב איך דערזען די שוועסטער נעבן אונדז. זי איז געווען איינגעהילט אין אַ טוך און זי האָט אויסגעזען ווי אַ דערוואַקסענע. זי איז געשטאַנען נעבן מיר און איך האָב געהערט איר מאָדנע שווערן אָטעם, ווי זי וואָלט זיך מיט וועמען געאַמפּערט. מיט אַ מאָל האָט זיך דערהערט איר שטים, זי האָט גערעדט אַנדערש ווי אַלע מאָל.

— ווי פילט זיך דער פּאַן קאַראָל?

— נישט גוט, מיין טייערע, ווער ווייסט...

און ס׳איז געוואָרן שטיל אַ לאַנגע ווײַלע. דערנאָך האָט זיך ווידער דערהערט דער שכנטעס באַנגלעכע שטים:

— עס איז שוין האַרבסט... אָבער עס איז אַזוי שיין... דער „פּאַן״ בלייבט אויף דעם מאָרגענדיקן טאָג?

דער טאַטע האָט נישט געענטפערט, ווי ער וואָלט נישט געהערט דער שכנטעס פראַגע.

די מאַמע האָט זיך באַוויזן אויף דער שוועל. זי איז געווען בלייך,

אָבער אירע אויגן האָבן געלויכטן. די שכנטע האָט מיט גאָר אַן אַנדער שטים געזאָגט:

—אָ... די „פאַני" איז היינט באמת יום־טובדיק...

די מאַמע האָט אַ קוק געטאָן אַרויף צו איר, און צוגייענדיק צום טאַטן, האָט זי זיך אָנגעשפּאַרט אין זיין אַקסל. עס איז ווידער שטיל געוואָרן. עס האָט געטונקלט, ווי עמעצער וואָלט אַראָפּגעדרייט אַ לאָמפּ.

איך האָב ווידער דערהערט דאָס מאָדנע, צאַפּלנדיקע אָטעמען פון מיין שוועסטער. ווי עס וואָלט זיך פון איר עפּעס אַרויסגעריסן, האָט זי אַרויפגערעדט צו דער שכנטע:

— אפשר וויל דער פאַן קאַראַל... איך האָב אַזאַ גוט ביכל...

— טייער קינד, דער פאַן קאַראַל איז שוין ווייט פון ביכלעך, ער איז נישט דערצו, מיין ליבע.

ווידער איז שטיל געוואָרן. ערגעץ פון די דערפער האָט זיך געטראָגן אַ געזאַנג. דער טאַטע מיט דער מאַמען זענען שטיל אַוועק צווישן דיביימער. איך בין געבליבן אַליין. דער שכנטעס קאָפּ האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן מיט די בלומענטעפּ.

איך בין אַריין אין שטוב. עס איז געווען פינצטער. דאָס קינד איז געשלאָפן.

פּלוצלינג האָב איך דערהערט אַ פאַרשטיקט שלוכצן. איך האָב זיך דערשראָקן, אָבער אין דער מינוט איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז דאָס וויינט די שוועסטער. זי איז געלעגן אויף איר בעטל מיטן פּנים איינגעבּורעט אין דעם קישן.

איך בין אַריין אין קיך. אין אַ טיפן ווינקל, אויף זיין שטרויזאַק, איז געלעגן דער ברודער און באַהאַלטן געריכערט אַ פּאַפּיראָס.

16

יעדעס מאָל, ווען עס זענען געקומען די סוף־זומער־טעג, האָט די מאַמע געפּרווט פועלן ביים טאַטן מען זאָל טוישן אונדזער דירה. אַזוי אויך אין די טעג פון די יום־טובים האָט די מאַמע ביי יעדער געלעגנהייט אָנגעהויבן פאַרזאָגן די צרות וואָס דערוואַרטן אונדז מיט דעם אומקערן זיך צוריק אין שטאָט אַריין אין דעם „פינצטערן גרוב", אין דער „קבורה", ווי זי האָט גערופן אונדזער טונקעלע דירה.

דער טאַטע האָט אַלץ אָפּגעווענדט, נישט געוואָלט רעדן דערפון, אָפּ־

געלייגט אויף דעם נייעם פּרילינג, אויפגעוויזן, אַז אויפן ווינטער ציט זיך קיינער נישט. עס האָבן זיך אָנגעהויבן די שווערע געשפּרעכן אין שטוב, וועלכע מיר האָבן שוין געקענט פון יאָרן. וועגן וואָס מען זאָל נישט רעדן, האָט די מאַמע אַרויפגעפירט דערויף, אַז די שוועסטער איז אַ דערוואַקסן מיידל, אַז זי שעמט זיך צו פאַרבעטן די שול־חברטעס, וואָס וווינען אין „מענטשלעכע גאַסן".

די מאַמע האָט זיך באַנוצט מיט ווערטער און פאַרגלייכן, וואָס זענען געבליבן שטעקן אין מיר ווי נאָדלען. ווערטער וועגן דעם, אַז די שוועסטער ווערט „גרין און געל" פון חרפּה, אַז עס ווערט איר „פאַרקילט דאָס בלוט" ווען אַ פיין מיידל וויל צו איר קומען. די מאַמע האָט אויסגעמאָלט, ווי מען האָט פון אונדזער שטוב אַרויסגעטראָגן די געשטאָרבענע קינדער, זי האָט אויך געוואָלט דעם טאַטן איבערצייגן, אַז ווען מען וועט אַרויס פון דעם „פינצטערן גרוב" און פון דער גאַס, וועט דער ברודער ווערן אַנדערש. צום סוף האָט די מאַמע גענומען דאָס קינד און שוין מיט אַ יאָמער באַוויינט זיין שיינקייט און געראָטנקייט, ווי ער האָט דורך דעם זומער „אויף דער גוטער לופט און אויף דער זון" אויפגעבליט ווי אַ רויז און איצט וועט ער דאָרט ווידער „אויסגיין ווי אַ ליכט"...

זי האָט זיך געוואָרפן אויף דעם קינד, ווי זי וואָלט עס געשיצט, אַז מען זאָל עס ביי איר נישט צונעמען און געשריגן, אַז זי וועט עס נישט אָוועקגעבן אַזוי ווי יענע...

דער טאַטע איז אין אַזאַ מינוט בלאַס געוואָרן. די מאַמע האָט דער־פילט, אַז דער טאַטע וואַקלט זיך און זי האָט אים געוואָלט איינברעכן, האָט זי גענומען באַקלאָגן דאָס קינד מיט אַ לאַנגן שפּרוך, וועלכן זי האָט ווי אויסגעזונגען מיט איר טיפער שטים. זי האָט גערעדט צום קינד, געפרעגט מיט אַ בראָך אין דער שטים: „וואָס וויל מען פון דיר, אומ־שולדיקע נשמה? פאַר וואָס וויל מען דיך אומברענגען? דו קוקסט... דו פאַרשטייסט נישט פאַר וואָס עס קומט דיר אַזאַ שטראָף... אַז דו זאָלסט נישט האָבן קיין ביסל לופט, זאָלסט פאַרוועלקט ווערן ווי אַ בלאַט... פרעגסט, פאַר וואָס דער אייגענער טאַטע איז דיר אַ שונא, וויל דיך נישט ראַטעווען? אָרעם קינד, פאַר וואָס? פאַר וואָס קומט עס דיר?"

דאָס קינד האָט צום אָנהייב זיך געשפּילט מיט דער מאַמעס מעלאָ־דיש־וויגנדיקן ניגון, געקוקט אויף דער מאַמען מיט גרויסע, צעשפּילטע אויגן. אָבער ביסלעכווייז האָט עס אָנגעהויבן ווי פאַרשטיין, אַז דאָס

איז נישט קיין שפיל. די אויגן ביי דעם קינד האָבן זיך אָנגעפילט מיט אימה און עס האָט זיך צאַפּלענדיק צעוויינט.

דער טאַטע האָט, ווי יעדעס מאָל, ווען מען האָט אים געוואָלט איינשפּאַנען אין אַן עול, זיך געשיצט. ער האָט געקוקט אין אַלע זייטן ווי עס וואָלט אים געווען ענג. מען האָט געזען, אַז ער וואָלט געוואָלט אַנטלויפן, אַז קיינער זאָל אים נישט שטערן.

*

ווי אַ חלום איז פאַר מיר אַוועק דער זומער. עס האָט זיך מיר אַלץ געדאַכט, אַז איך האָב עפּעס פאַרזען און פאַרשפּילט אַ גרויסע און וויכ־טיקע זאַך. די לאַנגע העלע טעג, די ערשטע פרישקייט און זיכערקייט, די פריידיקע דערוואַרטונג, מיט וועלכער איך האָב באַגעגנט יעדן נייעם טאָג, דאָס ערשטע געפיל פון קרעפטיקייט, וואָס האָט זיך אַריינגעגאָסן אין מיין לייב, איז דאַכט זיך אַוועק מיט יענעם רעגנדיקן טאָג, מיט דעם בייזן ווינט און דעם איבערגעפאַרענעם יינגל ביי דער באַן, מיט די שווערע חלומות און מיט דער פרעמדקייט, וואָס האָבן זיך צעלייגט אַרום.

פון יענעם טאָג אַן האָט זיך פאַר מיר געענדיקט דער זומער. די טעג זענען איצט געלאָפן קורצערע, די פרעמדקייט און די אָפּגעשיידקייט אין דער ווייט האָט געשראָקן. מען איז מער נישט געגאַנגען אין וואַלד אַריין און מען איז מער נישט געגאַנגען צום טייך, ווי עס וואָלט דאָרט געדראָט עפּעס אַ געפאַר.

מיט יעדן טאָג איז אַרום אונדז געוואָרן ליידיקער. די יום־טוב־דיקע, לייכטע מענטשן פון דער זומערוווינונג זענען זיך צעפאָרן, די הייזער זענען געבליבן פּוסטע, מיט פאַרמאַכטע לאָדנס. יעדעס אַזאַ אויס־געליידיקט הויז האָט מיך אָנגעפילט מיט טרויער.

אָבער וואָס ליידיקער עס איז געוואָרן אויף דער זומערוווינונג, אַלץ רעשיקער איז געוואָרן אינעם שטעטל, וואָס האָט זיך געגרייט צום ווינטער.

אין איין אינדערפרי בין איך אַרויס פון שטוב, עס איז געשטאַנען אַ זילבערנער שטויב פון דער הויכער זון, עס איז געווען קיל און אַ פייכטלעכער ריח, ווי פון אַ קראַנקן, האָט זיך געטראָגן פון דער ערד.

אונטער דער זון זענען געלעגן שוואַרצלעכע, אָפּגעזענקטע פעלדער און אין דער ווייט האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ שטילער אומעט.

מיך האָט אַ ציִ געטאָן צו דעם הויז, וווּ דאָס חסידישע יינגל האָט געלערנט מיט זיין רבין. איך האָב געוואָלט זען שמעונען אין די פרומע יום־טוב־טעג, די יידן אין די זיידענע און אַטלאַסענע קאַפּאָטעס.

אָבער די ליידיקע שטילקייט איז געלעגן אַרום דעם הויז. דער זאַמדיקער שטעג איז געווען פאַרקערט און מען האָט אָנגעזען די צייכנס פון דעם בעזעם אין זאַמד. דאָ האָט שוין קיינער נישט געוווינט. איך האָב געזען דעם הילצערנעם טיש מיט דער באַנק, וווּ שמעון האָט געלערנט מיט זיין רבין, און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז עס איז גאָר נישט געווען קיין יינגל שמעון, מיט דעם ספר, מיט די יידן, די גאַנצע דערמאָנונג איז פּלוצלינג ענלעך געוואָרן צו עפּעס אַ מעשה פון „נישט־גוטע", וואָס איך האָב ערגעץ געהערט דערציילן.

דאָס שטילע הויז מיט דער ליידיקער באַנק האָט מיך אָנגעהויבן שרעקן. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז איך דערקען נישט דעם וועג, אַז איך בין פאַרבלאָנדזשעט און פאַרפּירט געוואָרן. מיט אַ געלויף און אַ קלאַפּנדיק האַרץ בין איך אַוועק פון דעם הויז.

דער איינציקער וועג, וואָס האָט מיך געצויגן, איז איצט געווען אין שטעטל אַריין. דאָרט איז נאָך אַלץ געווען ווי פריער דער זעלבער שטויב, די זעלבע הייזער, די רעשיקע יידן, ווייבער און קינדער. איך האָב שוין דאָס שטעטל געקענט, אָבער יעדעס ווינקל, יעדעס פאָדער־הייזל, יעדע קרומע טיר און פענצטער האָבן מיך געלאָקט מיט אַ מאָדנער, זיסער רעגונג, ווי אין די יידישע ריחות און קאָלירן, וואָס האָבן אַרויס־געשלומערט פון די שוואַרצלעכע הייזער, וואָלטן געלעגן באַהאַלטענע גליקן.

אין דער אָנגעוואַרעמטער ענגשאַפט, אין דעם שטויב, פעדערן און שטרוי, איז געווען עפּעס אַזאַ מילדע היימישקייט, וואָס האָט מיך גערופן, צוגעזאָגט און געכישופט.

עס איז שוין אַריבער דער שווערער, סודותפולער טאָג פון יום־כיפור, און דאָ, אין די שוואַרצלעכע הויפן, האָבן מיט אַ יום־טובדיקן געאייל געפּינטלט די מענטשן. עס האָט זיך געדאַכט, אַז מען גרייט זיך צו עפּעס אַ גרויסן און פריידיקן גאַנג. אין טייל הייפלעך זענען שוין גע־שטאַנען אויפגעקלאַפּטע סוכות־ביידלעך, באַדעקטע מיט פייכטן סכך,

פון וועלכן עס האָט אַרויסגעשלאָגן אַ קילער אָטעם פון נאַסלעכע צווייגן און בלעטער. איך האָב אַריינגעקוקט אין דיביידלעך, ווו עס האָבן זיך איבער די גרויע, פייכטע ברעטער געוויקלט די שטראַלן פון דער זון. עפּעס אַ ווייטע, פרומע לופט פון חומש האָט דאָ געווייט און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז פון אָט דעם הייפל איז ברייט און נאָענט דער וועג צום יידישן גאָט.

איך בין אַריין אין דעם גרויסן, אויסגעטראָטענעם הויף, מיט די בערגער היימישן און לעבעדיקן מיסט. דער הויף איז געווען אַרומגע־צוימט מיט אַ שוואַרצלעכן, הילצערנעם, איינגעפאַלענעם פלויט. דאָס איז געווען אַן אָפּגעצוימטע, פריילעכע און רוישנדיקע וועלט. אין דעם הויף האָבן געוווינט דער רב און דער שוחט. דאָ זענען אויך געווען אַלע חדרים, איבערן גאַנצן הויף האָט זיך געטראָגן אַ צעוויגטער, קלינגענ־דיקער כאָר פון יונגע קינדערישע שטימען.

די שטימען האָבן זיך געטראָגן דורך די פענצטער פון די שוואַרצ־לעכע שטובן. ווו אַרום די הילצערנע טישן זענען געזעסן יינגלעך און געלערנט.

איך האָב שוין געוווּסט וועגן אַלע מלמדים. איך האָב שוין געוווּסט, אַז דער מלמד „שלמהלע קנייפּער״ איז דער ערגסטער פון אַלע מלמדים. די יינגלעך פון זיין חדר האָבן מיר געוויזן די בלויע און שוואַרצע צייכנס פון זיינע פינגער אויף זייערע לייבער.

איך האָב געוווּסט, אַז דער מלמד „יענקעלע פלעשעלע בראָנפן״ איז אַ שיכור. ער איז געווען אַ קליין יידעלע, ווי אַ יינגל, מיט אַ קליין, ווייס בערדעלע, מיט בלויע, קליינע, גוישע אייגעלעך. ער האָט געטרונקען בראָנפן און געשלאָגן מיט אַן אייזערן שטעקעלע פון אַ פּאַראַסאָל. די יינגלעך פונעם הויף האָבן אויף אים געשריגן „יאַנעק״.

דער בעסטער חדר איז געווען ביי ר׳ לייבעלען. ר׳ לייבעלעס חדר איז געווען אין אַ טיפן ווינקל פונעם הויף. די ווייסע, געקאַלכטע ברעטער פון דעם הויז און דאָס פענצטער פון דעם חדר זענען געווען באַשלאָגן פון אַ באַזונדערער שיין, גלייך ווי די זון וואָלט דאָ קיין מאָל נישט פאַרגאַנגען.

דער מלמד ר׳ לייבעלע איז געווען אַ ברייטער ייד מיט אַ העלער, ווייכער באָרד און שוואַכע, קאַליעדיקע אויגן, אַרומגערעמטע מיט רויטע קאַנטן. זיין קינדעריש, רויט מויל האָט שטענדיק געשמייכלט. זיין ווייב

איז געווען אַ גרויסע, גלאַטיקע, ווייסע יידענע, און זיינע צוויי טעכטער, פראַדל און שרה, זענען שטענדיק געזעסן אינעם פאָדערהייזל און געפּוצט די בלעכענע מילך־קאַנען. דאָס זענען געווען צוויי קליינע מיידלעך. די עלטערע שרה איז געווען אַ ווייסע, אַ ווייכע, ווי אַן אַנגעגאָסענע מיט מילך. זי האָט געהאַט גרויסע, ווייסלעכע אויגן און פוכיקע, ראָזע ליפּן, פולע און אָנגעפּלאַצטע, ווי צייטיקע מאַלינעס. די חדר־ייִנגלעך האָבן ווי אין אַ פאַרטראַגענעם דרימל געבלאַנדזשעט אַרום דעם פאָדער־הייזל און געקוקט אויף שרהס רויטע זאָקן־בענדלעך איבער אירע ווייסע קנ:ען.

די מילך־בלעכן האָבן געבלאַנקט פונעם פעדערהייזל. אונטער די ווייסע, ווייבערישע הענט פון דער מאַמען מיט די טעכטער האָבן די בלעכן געשפּילט מיט גאָלד און מיט זילבער. דער וואָרעמער ריח פון פרישער מילך, וואָס האָט געשלאָגן פון דאָרט, האָט גענאָגט ביים האַרץ.

*

די ייִנגלעך פון ר׳ לייבעלעס חדר האָבן צום שענסטן געזונגען, זיי זענען געווען פריילעכע און זייער ניגון איז געווען אַן אַנדערער פון אַלע חדרים אין דעם הויף.

פון ר׳ לייבעלעס פענצטער האָט מען געהערט אַ יונג געלעכטער. דער מלמד האָט קיין מאָל נישט גענוצט קיין קאַנטשוק. אַחוץ די רויטע פּאַטשיילע, האָט ער אונטער דער האַנט נישט געהאַט קיין שום זאַך, מיט וועלכער אַ קלאַפּ צו טאָן אַ ייִנגל. האָט ער טאַקע נאָר אַ פּאַך געטאָן מיט דער פּאַטשיילע, ווען אַ ייִנגל האָט אים דערצערנט, און די איינציקע קללה, וואָס ער האָט באַנוצט, איז געווען: „נישט געדאַכט זאָל דער גוי ווערן״.

דער מלמד, ר׳ לייבעלע, האָט שטענדיק געשמייכלט און זיינע רויטע קאַליעדיקע אויגן האָבן געקוקט מילד. עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז אַליין אַ ייִנגל, וואָס האָט זיך צוגעקלעפּט אַ באָרד.

אַ שטענדיקע פרידלעכקייט איז געגאַנגען פון דעם הויז. אויך די רביצן מיט די צוויי מיידלעך האָבן געשמייכלט און אַפילו די צוויי קי מיט דער ציג, וואָס זיי האָבן געהאַלטן אין דער ווייס־געקאַלכטער שטאַל, זענען געווען העלע, ווייכע און עס האָט זיך אויך געדאַכט, אַז זיי שמייכלען. די רביצן מיט די צוויי טעכטער האָבן געטראָגן מילך אין די

הייזער. און דאָס גאַנצע ווינקל פונעם הויף, מיט דעם חדר, זענען איינ־געהילט געווען אין דעם וואַרעמען ריח פון פרישער מילך.

אין די לעצטע זומער־טעג, ווען די פעלדער און וועלדער האָבן זיך פאַרטראָגן אין אַ נעפּל פון פרעמדקייט, האָט מיך מאָדנע געצויגן צום ייִדישן שטעטל. איך בין גאַנצע טעג אָפּגעשטאַנען ביים פענצטער פון ר׳ לייבעלעס חדר. איך האָב שוין דאָ געקענט אַ טייל ייִנגלעך, און עס איז מיר אויך קלאָר געוואָרן דאָס, וואָס זיי האָבן געלערנט.

דער מלמד ר׳ לייבעלע האָט מיך באַמערקט און געקוקט אויף מיר מיט זיינע שמייכלענדיקע אויגן. מיר איז פאַרגאַנגען אַ ליבשאַפט צו אים. ער האָט זיך מיר געחלומט ביי נאַכט. איך האָב אין חלום פאַר־בלאָנדזשעט אין וואַלד, עס איז געוואָרן פינצטער און מיך איז באַפאַלן אַ שרעק. פּלוצלינג דערזע איך דעם רבין ר׳ לייבעלע. ער קומט אַן פון צווישן דיביימער אין גאַנצן אַ לייכטנדיקער. ער פירט מיך אַרויס פונעם וואַלד. ער לערנט מיט מיר פון אַ ספר. דערנעבן שטייט זיין טאָכטער שרה און שמייכלט. איך לערן און זינג און שרה ווערט אַלע מאָל נענטער. איך פיל איר וואַרעמען ריח פון מילך און פון איר ווייסער הויט...

צווישן די ייִנגלעך אין ר׳ לייבעלעס חדר איז געווען אַ ייִנגל, מענדל. ער איז געווען דער פרייַלעכסטער, כאָטש ער איז געווען אַ יתום. מען האָט דערציילט, אַז ר׳ לייבעלע לערנט מיט אים אומזיסט און ער קריגט נאָך ביי דער רביצן אַ שיסעלע עסן. דאָס ייִנגל מענדל איז געווען שמאָל און הויך געוואַקסן, און כאָטש ער האָט געהאַט גרויסע, שוואַרצע, אומע־טיקע אויגן, האָט ער כסדר געמאַכט לאַכנדיק די ייִנגלעך מיט זיינע מינעס. ער האָט געקאָנט נאָכמאַכן יעדן, ווי ער גייט און ווי ער רעדט. ער איז געווען פלינק ווי אַ קאַץ, ער האָט געקאָנט גיין אויף די הענט, מאַכן קאָזשעליקעס און מיט איין שפּאַן אַרויף אויפן דאַך.

כאָטש מענדל איז געווען דאָס אָרעמסטע ייִנגל אין חדר, האָבן אים דאָך אַלע מקנא געווען. ער איז געווען פריי, אָן אַ טאַטן און אָן אַ מאַמען. מען האָט אַפילו נישט געוווּסט ווו ער וווינט און ער איז קיין מאָל נישט אַרויסגעגאַנגען פון הויף.

ער האָט געהאַט אַן אַלטע באָבע, וואָס פלעגט אַ מאָל קומען און אים ברענגען עפּעס אין אַ פּאַפּירל. די באָבע האָט געוויינט, אָפּגעזעסן אַ גאַנצן טאָג אויף די טרעפּלעך פונעם חדר, דערנאָך אָפּגעדרימלט און פאַרשוווּנדן. אין אַזאַ טאָג, ווען די באָבע איז צו אים געקומען, איז מענדל

געווען אומעטיק, האָט נישט געמאַכט קיין מינעס און נישט געוואָלט מיט קיינעם רעדן. אָבער ווי נאָך די באָבע איז פאַרשוואונדן, איז ער ווידער געוואָרן פריילעך, ווי אַלע מאָל.

צום מיינסטן האָבן אים די יינגלעך מקנא געווען, וואָס ער האָט געהאָלפן דער רביצן ביי די קי. דאָס איז געווען שטענדיק נאָך האַלבן טאָג, ווען מען האָט געענדיקט דאָס לערנען, איז מענדל געבליבן אין חדר.

אויך איך בין מקנא געווען מענדלען. איך האָב ליב געהאַט זיין פנים, וואָס האָט זיך גיך געענדערט. איך האָב ליב געהאַט זיין שטים, וואָס איז געווען אַ שטילע און אַ וואַרעמע. ביים לערנען האָט אים דער רבי ר׳ לייבעלע געפרעגט און ער האָט אויסגעטייטשט, וואָס מען האָט געלערנט, דער מלמד האָט געשמייכלט, א׳ז געווען צופרידן, אָבער אין מיטן האָט מענדל געמאַכט עפעס אַ מינע און אַלע יינגלעך האָבן זיך הילכיק צעלאַכט.

איין מאָל ווען איך בין געשטאַנען ביים פענצטער, האָב איך געזען ווי דעם רבינס טאָכטער שרה האָט אַריינגעבראַכט פאַר ר׳ לייבעלען אָנבייסן. די יינגלעך האָבן איבערגעריסן דאָס לערנען. עס איז געוואָרן שטיל און שרה איז געשטאַנען מיט די אַראָפּגעלאָזטע צעפּ. אויף איר ווייס פנים האָבן געשפּילט צוויי ראָזע רעדער. אירע ווייסע הענט זענען אַראָפּגעהאַנגען. עס איז געווען מאָדנע שטיל און שרה איז אַלץ אַזוי געשטאַנען, ווי זי וואָלט נישט געוווּסט, ווי אַזוי אַוועקצוגיין.

דעמאָלט האָט מענדל אויסגעצויגן זיין שמאָלע, לאַנגע האַנט און אַ צי געטאָן שרהן פאַרן צאָפּ. דער גאַנצער חדר יינגלעך האָט זיך צע־וויגט אין אַ געלעכטער און שרה איז אַ פאַרשעמטע אַנטלאָפן. ר׳ ליי־בעלע האָט גענומען די פאַטשיילע און אַ פאָך טוענדיק איבער מענדלס פנים האָט ער שמייכלענדיק אַ זאָג געטאָן: „נישט געדאַכט זאָל דער גוי ווערן”.

איך בין געשטאַנען און געקוקט, ווי אַזוי ר׳ לייבעלע האָט געגעסן דאָס ברויט, פּאַמעלעך, פאַרמאַכנדיק די אויגן, ווי ער וואָלט זיך געשעמט און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אין דעם ברויט, וואָס ר׳ לייבעלע עסט, ליגט עפּעס אַ באַזונדערער טעם. גלייך דאָס ברויט וואָלט געווען גע־הייליקט. עסנדיק, האָט דער מלמד געדעדט מיט מענדלען. מיט אַ מאָל האָט מענדל אָנגעוויזן אויף מיר און געזאָגט:

— רבי, דאָס יינגל וויל לערנען אין חדר...

ר׳ לייבעלע האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן מיט זיין שעמעוודיקן שמייכל:

— נו, נו, פאַר וואָס נישט?

אַלע ייִנגלעך האָבן אויף מיר געקוקט. איך האָב געוואָלט אַוועקגיין, אָבער ר׳ לייבעלע האָט געזאָגט צו מיר:

— אַז אַ ייִנגל וויל לערנען, קומט ער מיטן טאַטן, אָדער מיט דער מאַמען. אַ ייִנגל דינגט זיך דאָך אַליין נישט אָן.

— מיר זענען „לעטניקעס״ — האָב איך געזאָגט — מיר פאָרן שוין אַהיים, קיין וואַרשע.

— נו — האָט ר׳ לייבעלע געזאָגט — וועסטו לערנען אין וואַרשע. דאָרט זענען אויך דאָ חדרים. אָבער וואָס דאַרפסטו שטיין הינטערן פענצטער? קום אַריין, וועסטו הערן. מען וועט דיך, חלילה, נישט אַרויסטרייבן...

איך האָב זיך שטאַרק פאַרשעמט און בין אַוועק.

*

אויף מאָרגן אין דער פרי בין איך שוין געזעסן צווישן די ייִנגלעך אין חדר ביי ר׳ לייבעלען. ווי נאָר איך בין אַרויף אויף דער ערדענער פּאָדלאָגע פון דער שטוב, איז אַלץ מיט אַ מאָל פאַר מיר געוואָרן אַנדערש. דער אַלטער זייגער, מיט די צוויי פאַרזשאַווערטע אייזערנע געוויכטן, אין געווען באַדעקט מיט פליגן, און דער דומפּיקער ריח פון האַרטע אייער און קאַרטאָפל איז געגאַנגען פון אַלע ווינקלען אין דער שטוב. עס איז געווען אַ ריח, אַ ווייטער און אַ פרעמדער פון מיין היים.

איך האָב שוין איצט נישט געהערט דאָס לערנען. מיינע אויגן האָבן אַרומגעבלאָנדזשעט איבער דער אַלטער שטוב, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ קאַמער, איבער די גריני ווענט, איבער דעם קרומען, ברוינעם שענקל, וווּ עס זענען געלעגן דעם מלמדס אויסגעריבענער, פאַרפּאַפּטער טלית־זאַק און אַלטע, צעשויבערטע ספרים. איך האָב געזען דאָס פאַרבעטע בעט מיט דער טערקישער קאָלדרע און מיך האָט פלוצלינג אַרומגענומען אַ נאָגנדיקער אומעט. איך האָב געוואָלט אַוועקגיין, אָבער דאָ האָב איך דערזען דעם רבינס עלטער מיידל שרה. אויך זי האָט מיך דערזען און ביידע האָבן מיר אַ צאַפּל געטאָן, ווי מיר וואָלטן זיך דערשראָקן.

— וואָס זוכסטו דאָ, ייִנגל? — איז זי שטיין געבליבן פאַר מיר.

— דער רבי האָט מיר געהייסן אַריינגיין.

— איך ווייס וווּ עטץ ווינט... — האָט זי פלוצלינג געזאָגט. זי האָט אויפגעהויבן אירע העלע, גרויסע, גלאַנציקע אויגן און אַ שמייכל געטאָן. — עטץ זענט „לעטניקעס״... דו ווינסט ביי די קריסטן, ביי די ליפּעס, ביי אַניעלקעס טאָטן...

זי איז געשטאַנען אַזוי נאָענט פון מיר, אַז איך האָב געזען די ראָזלעכע פייכטקייט פון אירע אויגן. די האָר פון איר בלאָנדן צאָפּ האָבן געשמעקט מיט אַ דינעם, איידעלן ריח, ווי אַ זיסע פרוכט. איך האָב געוואָלט אַוועקגיין און בין שוין געשטאַנען אין פּעדערהייזל. איך האָב געקוקט אויף איר און מיין האַרץ האָט געקלאַפּט. זי האָט שטיל געזאָגט:

— דו ביסט אַ סטודענט...

זי האָט אָנגערירט מיין האַנט, איר האַנט איז געווען הייס:

— כ׳וועל דאַרט זיין... פאַר נאַכט... ביי די ליפּעס...

איך בין שוין געווען אויף די טרעפּלעך, ווען זי האָט זיך אַרויסגע־בויגן און שטיל, כמעט נעבן מיין אויער, אַ זאָג געטאָן:

— זאָלסט קומען... פאַר נאַכט צו די ליפּעס...

איך האָב אַרומגעבלאָנדזשעט איבערן הויף. דאָס, וואָס שרה האָט צו מיר גערעדט, איז געבליבן ערגעץ אין מיר, ווי עס וואָלט צוגעוואַקסן צו מיר און געקלאַפּט ווי אַ האַרץ: איך בין צוגעגאַנגען צום חדר, און אַוועק, און ווידער צוריקגעקומען. איך האָב מורא געהאַט צו זען שרהן און איך האָב זי געזען. זי האָט אַלע מאָל אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ פון דעם פּאָדערהייזל, געקוקט אויף מיר, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז זי זאָגט מיר עפּעס. אירע אויגן האָבן גערעדט צו מיר, פון וואָס מיר איז געוואָרן הייס, און אַ מאָדנע מידקייט האָט זיך אויף מיר געלייגט.

ווען איך בין אַהיימגעקומען, האָט די מאַמע געמיינט, אַז איך בין קראַנק. עס האָט זיך מיר אַלץ געדאַכט, אַז עס איז שוין פאַר נאַכט, כאָטש די זון האָט נאָך געשיינט. נישט ווייט פון אונדזער הויז זענען אין אַ ריי געשטאַנען די אַלטע ליפּעס. זיי זענען איצט באַדעקט געווען מיט רויטלעך־גרינע בלעטער, פאַרברענטע פון דער זון. צווישן די ביימער איז געלעגן אַן אויסגעטרעטענער שטעג, וווּ די מאַמע מיטן טאַטן זענען אין די אָוונטן געגאַנגען שפּאַצירן. איצט איז דער וועג געווען פאַר מיר פול מיט סודות.

עס איז נאָר וואָס פאַרגאַנגען די זון און אַ קילע בלויקייט האָט זיך

אויפגעהויבן איבער דער גאַנגס, און ווי זי וואָלט זיך אונטערגעגנבעט, האָט זיך פּלוצלינג באַוויזן אַ בלייכע לבנה, וואָס האָט זיך אָנגעצונדן ווי אַ לאָמפּ מיט אַ מאַטן, ראָזן פלאַם.

אָרום אונדזער שטוב איז איצט געלעגן אַן אָפּגעקילטע רו און שטילקייט, וואָס האָט זיך אָנגעטראָגן צוזאַמען מיט דעם האָרבסטיקן פאַרנאַכט. איך בין געשטאַנען אויף דעם שטעג, וואָס האָט געפירט צו די ליפּעס. איך האָב געזען ווי די מאַמע איז געזעסן אויף דער באַנק. נעבן איר די שוועסטער,ביידע זענען זיי געווען אָנגעטאָן און פאַרקעמט, ווי אַלע מאָל, ווען זיי האָבן געוואַרט אויפן טאַטן, ווייל איצט, אין די טונקעלע לעצטע אָוונטן, איז דער טאַטע אָפט געקומען.

די מאַמע האָט געהאַלטן דאָס קינד אויף דער שויס.

פונעם פענצטער האָט אַרויסגעקוקט דער ברודער. ער איז איצט גאַנצע טעג געזעסן אין שטוב. די מאַמע האָט אים געהיטן און אים נישט געלאָזן אין ערגעץ גיין, נאָך דעם ווי דער סטראַזשניק פונעם שטעטל האָט זיך נאָכגעפרעגט. ער איז געווען פאַרטראַכט און פאַרביסן געשוויגן. די שוועסטער האָט אים אַפילו געגעבן אַ ביכל, אָבער ער האָט זיך נישט געפונען קיין אָרט און מיט פאַרקוועטשטע אויגן געקוקט ערגעץ אין דער ווייט. עס האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט זיך געהיילט נאָך אַ לאַנגער קרענק.

טייל מאָל האָט ער מיט אַ טונקעלער שטימע. וואָס איז מיר געווען אין גאַנצן אומבאַקאַנט, אויסגעזונגען עפּעס אַ ליד וועגן „פּאַוויאַק", ווו מען זיצט „הינטער די קראַטן". ער האָט דאָס ליד געזונגען פול מיט האַרץ, ווי ער וואָלט געקרעכצט פון אַ ווייטיק. די מאַמע האָט געקוקט אויף אים מיט שרעק און אים פאַרווערט צו זינגען דאָס ליד.

איך האָב איצט דערזען ווי די שוועסטער איז דורך דעם זומער געוואָרן אַזוי דערוואַקסן. זי איז געווען שטיל, כסדר געקליבן בלומען און געפלאָכטן קרענץ. אויך איצט האָט זי געהאַט קאָלירטע בלומען אַריינגעפלאָכטן אין די האָר און האָט אויסגעזען פרעמד און נישט יידיש.

די מאַמע איז איצט געווען רויק און האָט זיך שטיל געשפּילט מיטן קינד. זי האָט אַלע מאָל אָנגעקלאַפּט איר הויכן, שמאָלן קאָפּ מיט דעם קינדס קעפּל, און ביי יעדן מאָל ווען זייערע קעפּ האָבן זיך אָנגעשטויסן, האָט דאָס קינד אַרויסגעלאָכט מיט אַ דין, קלינגענדיק געלעכטער.

איך האָב געוואָלט צוגיין צו דער מאַמען, צו דער שוועסטער, צום

קינד. איך האָב זיך געוואָלט אַריינפלעכטן אין דער רויִקער פרידלעכקייט, אין דער שטוב, וואָס איז געווען אַזוי זעלטן. איך האָב אָבער ווי נישט געקענט געפינען קיין רויִג צו זיי. איך בין געווען געבונדן פון עפּעס אַ וואָרטן, וואָס האָט געקלאַפּט אין מיר און מיך געטראָגן. איך האָב געוואָרט אויף דעם מלמדס טאָכטער שרה.

איך האָב געוואָרט מיט אַ שרעק, וואָס איז געווען זיסער פון אַלעם, וואָס איך האָב ווען געפילט אין מיין לעבן. איך בין געווען איבערפולט מיט די ריחות פון חדר, פון ר׳ לייבעלעס שטוב, מיט דער לעבעדיקער וואַרעמקייט, וואָס איז געגאַנגען פון דעם טונקעלן פּאַדערהייזל, מיט דער זיסקייט, וואָס איז געפלאָסן פון דעם ווייסן מיידל שרה, מיט אירע ווערטער, וואָס האָבן איצט פאַר מיר אַזוי ווייט און מאָדנע געקלונגען. איך האָב צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן דערפילט אַ ברענענדיקע אייפערזוכט צו אַלע ייִנגלעך, וואָס האָבן געקוקט אויף שרהן, אויף איר וואַרעמער, ווייסלעכער הויט, און צום מערסטן האָט מיך געפייניקט די קנאה צום פריילעכן ייִנגל, מענדל דעם יתום, וועלכער האָט שטענדיק געקאָנט זיין נעבן שרהן. ער האָט איר געהאָלפן אין שטאַל, ווו זי האָט זיך געפּאָרעט ביי די קי, זיצנדיק אויף דעם קליינעם בענקעלע, אין דעם קורצן קליידל, פון וועלכן עס האָבן זיך אַרויסגעבלייכט אירע רונדע קני.

מיט אַ מאָל איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז די גאַנצע פריידיקייט און מילדקייט אַרום ר׳ לייבעלעס חדר, די לוסטיקע צעשפּילטקייט און פריי־לעכקייט פון די ייִנגלעך, שטאַמט פון שרהן, פון איר ווייס, וואַרעם לייב, פון איר לאָקנדיקער, וואַרעמער שטים, פון אירע פולע, קיילעכדיקע, מיידלשע הענט און דעם פריילעכן צאָפּ פון בלייכן גאָלד.

עפּעס אַ רייץ ביז ווייטיק איז געגאַנגען פון איר, עפּעס אַ סוד, פון וועלכן עס האָט נישט געטאָרט וויסן קיינער. עפּעס, וואָס איז געווען אַזוי ווייט פון מיין ליבע צו דער מאַמען, צו דער שוועסטער און אַפילו צו דעם קינד. צוזאַמען דערמיט האָב איך אויך געפילט אַ שרעק צו זען שרהן. איך האָב געקוקט אויף זיי ליפּעס, וואָס זענען אַלץ טונקעלער געוואָרן, איינגעהילט אינעם אָוונט און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך וועל קיין מאָל צו זיי נישט דערגיין.

*

מיט יעדער מינוט האָט זיך געשטאַרקט אין מיר דער אומרו. דער אוונט האָט זיך געטונקלט. אַ נעפּל האָט זיך אויסגעשפּרייט. אַ גרויסע שטרענגקייט און געהיימקייט האָט אַרומגענומען אַלע היימישע און פריד־לעכע שטעגן.

אַ באַזונדער שטרענגקייט האָט געקוקט צו מיר פון די הויכע ליפּעס און גערופן מיט דעם שטעגל, וואָס האָט זיך אַרויסגעבלייכט. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אין דער בלייכקייט פון דעם שטעג ליגט אַ כישוף, אַז אויך שרה האָט מיט דעם ווינקענדיקן שטעג אַ שותפות. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אַלע ווייסן וועגן אונדז, אַז פון אַלע זייטן קוקן אויגן, וואָס פּאַרשן און היטן מיינע טריט.

איך בין געגאַנגען און די ליפּעס האָבן זיך ווי אָפּגערוקט אַלץ ווייטער, ווייטער און געהיימער. פאַר וואָס האָב איך זיך נישט אָפּגערעדט מיט שרהן נעבן חדר, ביי דעם שטאָל? און ווידער האָט מיך דורכגע־שטאָכן אַ קנאה צו דעם יתום מענדל.

די לבנה האָט זיך אַלץ געהויבן העכער, אַן אַנגעגאָסענע מיט ליכט. זי האָט זיך אויפגעהויבן איבער דעם ווייטן, שוואַרצן וואַלד, וואָס איז איצט נענטער געוואָרן. זי איז געשוואומען אין אַ גרינבלעך־ראָזן נעפּל.

איך האָב זיך אַ לאָז געטאָן מיט שפּרינגענדיקע טריט, איבער דעם פייכטן, טויזקן גראָז, איבער בערגלעך און גריבער, וואָס זענען ביי טאָג, דאַכט זיך, דאָ נישט געווען. איך בין שוין געווען ביי דער ערשטער ליפּע. דער שטעג האָט זיך איצט ווי אויפגעהויבן אַ ליכטיקער, אָבער קיין מענטש איז נישט געגאַנגען אויף דעם וועג.

מיר האָט זיך גענומען דאַכטן, אַז איך האָב עפּעס פאַרהערט, אַז נישט אַהער האָט מיך שרה געהייסן קומען. דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט ביי מיר גיך. וואָס וועט זיין? שטרענג און פרעמד איז געווען אַרום אין נאָר די לבנה האָט געשפּיגלט מיט ליכט אויף די שפּיצן פון דיביימער. עס פלעכט זיך אויס אַ דינע נעץ פון ליכט, עס רופט און שרעקט, און קיינער איז נישטאָ.

איך האָב זיך צוגעשפּאַרט צו דער ליפּע און מיינע אויגן האָבן זיך אַריינגעשטאָכן אין דער פינצטערניש אַרום. איך דערפיל, אַז דאָ, ערגעץ נעבן מיר, איז דאָ שרה. מיר דאַכט זיך, אַז זי לאַכט, אַז זי וויינט, אַז זי באַהאַלט זיך פון מיר, אַז זי גייט אַוועק ווייט, ווייט. אָט איז זי גאָר נאָענט.

פלוצלינג לויף איך מיט שרעק צוריק. אַרום אונדזער שטוב איז שוין קיינער נישטאָ. עס איז שטיל און פאַרמאַכט, און נאָר איין וואַנט איז בלוי פון דער לבנה. איך וואָלט געוואָלט זיין אין שטוב. איך אָטעם שווער, דאָס האַרץ צאַפּלט און עפּעס טוט מיר באַנג.

אפשר איז שרה איצט שוין דאָ, זי זוכט מיך און קלערט, אַז איך האָב מורא געהאַט צו קומען. מיר דאַכט זיך, אַז איך זע זי דאָרט, ביי די ליפּעס. איך רייס זיך ווידער אָפּ פון אונדזער הויף. איצט זענען שוין די ליפּעס צונויפגעגאָסן אין איין שטיק פינצטערניש און נאָר זייערע שפּיצן פון אויבן זענען אַרומגעזוימט מיט בלויער ליכט.

אָט פינטלט אַ מענטש, וואַקסט אויס פון דער פינצטערניש און דער־נענטערט זיך גיך. דאָס איז שרה. איך גיי איר שנעל אַנטקעגן, די שרעק פאַרשפּאַרט מיר דעם אָטעם. יאָ, דאָס איז שרה. אירע פיס טרעטן גרינג און איידל, אָבער פאַר וואָס ווערט זי אַלץ ווייטער? זי פאַרשווינדט. איך וויל זי רופן, שרייען, פון מיין האַלדז גייט אָבער נישט אַרויס קיין קול:

— שרה... שרה...

איך הער מיין צעריסן געשריי.

קיינער איז נישטאָ.

*

איך גיי מיט שרהן. מיר האַלטן זיך פאַר די הענט. ערגעץ שפּילט אַ הילכיקע מוזיק. דאָס שפּילט מען אין דער „דייטשער רעסטאָראַציע", אויפן וועג צום שטעטל, מיר גייען און עס דאַרף באַלד קומען אַ סודות־פולע פרייד. שרה האַלט מיך שטאַרק מיט איר פולער, ווייסער, וואַרעמער האַנט. אָבער איך האַלט זי נאָך שטאַרקער. קיינער ווייסט נישט ווו מיר זענען. די יינגלעך פון חדר וואָלטן אונדז אויך נישט געקאָנט געפינען.

די מוזיק שפּילט פון אַלע זייטן, גלייך זי וואָלט געגאַנגען פונעם הימל און פון דער ערד. מיר קומען צום „גרויסן" וואַלד. די ביימער זענען איינגעוויקלט אין אַ זילבערנער קאָרע. איך בין מיד און דרימלענדיק. שרה זעצט זיך אויף דעם וווּנדערלעך־קלאָרן און ליכטיקן גראָז. שרהס אויגן זענען אויך צוגעמאַכט, ווי אין אַ דרימל, אָבער זי שמייכלט. זי נעמט מיין קאָפּ און לייגט אים צו זיך אויף דער שויס. איך דערפיל דעם ריח פון גראָז און מילך. אירע פינגער בלאָנדזשען אַרום אין מיינע

האָר. איך דרימל, אָבער איך וויל נישט שלאָפן, איך וואַרט אויף עפּעס, איך וואַרט...

פלוצלינג הייבט שרה אָן צו זינגען. זי זינגט אַ באַקאַנט ליד, דאָס ליד פון „שולמית“. עס לעשט זיך מיט אַ מאָל אויס דער וואַלד.

ניין, דאָס איז נישט שרה, דאָס איז די מאַמע. דאָס זינגט די מאַמע פון „שולמית“, ווען איך בין קראַנק. אַ דינער שווידער גליטשט זיך איבער מיין לייב. איך הער נישט מער שפּילן. די מאַמע שטייט איבער מיר, זי גלעט מיין קאָפּ, אָבער די הענט זענען שרהס.

— פאַר וואָס ביסטו נישט געקומען? אַלע יינגלעך קומען ווען איך רוף זיי...

— אַלע יינגלעך... איך בין געקומען... איך האָב דיך געזוכט... שרה...

— איך האָב דיך אויך געזוכט... איך האָב געזאָגט, אַז איך גיי צו מיין חברטאָרן...

פונעם טונקעלן אַלקער גייט אַרויס די מאַמע. זי וויינט. איך וויל נישט צוריק אַהין, צו דער „טונקעלער דירה“... איך וויל בלייבן דאָ... איך וועל גיין אין חדר... שרה...

דער טאַטע יאָגט מיך, ווייט איבערן פעלד. איך בין נאָך ערגער פונעם ברודער... מען ציט זיך שוין צוריק אין שטאָט אַריין, קיין וואַרשע... אָבער איך אַנטלויף, איך וועל זיין אַזוי ווי מענדל, דאָס יינגל מענדל, דער יתום... איך אַנטלויף ווייט, ווייט מיטן פעלד...

מיט מיר לויפט שרה, זי האַלט מיך שטאַרק פאַר דער האַנט, אָבער איך האַלט זי נאָך שטאַרקער...

אַזוי האָט מיך די מאַמע אין שפּעטן אָוונט געפונען אַ שלאָפנדיקן, אויף דער שוועל פון אונדזער טיר.

אין דעם שפּעטן, האַרבסטיקן אָוונט, אין דעם אומהיימלעכן ליכט פון דער לבנה, האָט מיך די מאַמע, ווי שוין זייער לאַנג נישט, אויסגעטאָן און מיך געלייגט אין בעט אַריין שלאָפן. זי האָט מיר געטאַפּט דעם קאָפּ און מיט צעשראָקענע אויגן אַלץ איבערגעחזרט:

— נאָך דאָס פעלט מיר... ער זאָל מיר דאָ קראַנק ווערן...

זי האָט געמיינט, אַז איך בין קראַנק און אירע הענט האָבן געציטערט, ווען זי האָט אַראָפּגענומען פון מיר די קליידער און די שיך. איך האָב געוואָלט זיין קראַנק, אָבער מיר האָט גאָרנישט ווי געטאָן. איך בין נאָר געווען מיד, ווי כ'וואָלט זיך שטאַרק אָנגעאַרבעט. די מאַמע

האָט אַלץ מיט אַ מאָדנער אומרו געפרעגט, ווו איך בין געווען, האָט אָבער נישט געוואַרט אויף מיין ענטפער, גלייך זי וואָלט עס געוווסט. און איך האָב זיך געשעמט מיט עפּעס אַ נייער, שטעכיקער בושה.

איך האָב זיך ערשט דערוווסט, אַז עס איז אַזוי שפּעט ביי נאַכט, אין שטוב זענען שוין אַלע געשלאָפן. אויך דער ברודער איז שוין גע־שלאָפן אויף זיין געלעגער.

איך האָב געהערט ווי די מאַמע האָט דערציילט דער שוועסטער, אַז איך האָב „אין גאַנצן געברענט" און „געלעגן ווי פאַרחלשט", ווען זי האָט מיך געפונען פאַר דער טיר. אַפילו די שוועסטער איז אין לאַנגן נאַכטהעמד אַראָפּ פון געלעגער, און איך האָב געפילט ווי אירע קילע, קליינע, ווייכע האַנט האָט אָנגערירט מיין שטערן.

איך בין געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן. די מאַמע איז אַוועק און כסדר צוריקגעקומען. איך האָב דורך די פאַרמאַכטע אויגן געזען ווי זי גרייט פאַר מיר טיי, און ווי שוין לאַנג נישט, איז מיר איצט גוט געווען צו טרינקען די געמישטע טיי מיט מילך, וואָס איך פלעג באַקומען שטענ־דיק ווען איך בין געווען נישט־געזונט. די מאַמע האָט מיך געפּויעט לע־פּעלעכווייז, איך האָב אַלץ די אויגן נישט געעפנט. מיר האָט זיך געוואָלט וויינען, פּכיקענדיק ווי אַ קליין קינד, כדי דערמיט צו באַרעכטיקן דער מאַמעס גוטסקייט צו מיר.

אָבער טיף אין מיר איז אַרומגעגאַנגען די דרויסנדיקע נאַכט מיט דער לבנה. איך בין איצט געווען זיכער, אַז איך האָב געזען שרהן. איך האָב אָנגערירט דער מאַמעס הויכן אַקסל, מיינע פינגער האָבן זיך צאַרט צוגערירט צו איר האַלדז און איך האָב געזאָגט:

— די לבנה שיינט אַזוי... און די מוזיק שפּילט אַזוי שיין...

— וואָס פאַרא מוזיק? — האָט די מאַמע מיט שרעק געפרעגט.

— דאָרט... ביי דעם דייטש... אין דער רעסטאָראַציע...

— וואָס פאַר אַ רעסטאָראַציע? ס'איז שוין שפּעט... ווו קריכסטו אַרום? אַזאַ מהלך... צו דער רעסטאָראַציע... די הינט קאָנען דאָך דיך צערייסן...

יאָ, דאָרט ביים דייטש „מאַרעק" אין דער רעסטאָראַציע זענען דאָ אַזעלכע בייזע הינט מיט איבערגעדרייטע נעז און אַרויסגעשטשירעטע ציין...

אָבער איך וואָלט נישט מורא געהאַט אויך איצט אַרומצוגיין אין דרויסן.

— עס איז אַזוי ליכטיק — האָב איך שטיל געזאָגט, איך האָב מיך איינגעהאַלטן מיט אַלע כוחות, נישט צו זאָגן: שרה.

איך האָב געטרונקען די טיי מיט מילך פון דער מאַמעס האַנט, און אויך דער ריח האָט מיך דערמאָנט אָן שרהן. מיר האָט זיך שרעקלעך פאַרוואָלט עפענען די טיר אין דרויסן און קוקן צו די ליפּעס. איך האָב געוווּסט, אַז עס איז שפּעטע נאַכט, אָבער דאָס געפיל, אַז איך האָב עפּעס פאַרלוירן, אַ גרויסע און איינציקע זאַך, האָט מיך מיט טיפן, דינעם ווייטיק געשטאָכן. יעדער האָב איך דערפילט, אַז דאָס וואָרט „שרה" צאַפּלט ביי מיר אין מויל, אַט וועל איך עס אַרויסזאָגן. די מאַמע האָט ווידער אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף מיין קאָפּ, זי האָט מיך איינגעדעקט און האָט שטיל געזאָגט:

— שלאָף...

איך האָב אין דעם טונקעלן ליכט וואָס האָט געצאַפּלט פונעם צווייטן צימער, געזען דער מאַמעס שמאַלע געשטאַלט, ווי זי האָט זיך אָנגעבויגן איבער דעם שלאָפנדיקן ברודער, צוגעדעקט אים, און זיך אַרומגעקוקט, ווי זי וואָלט נאָך עפּעס געוואָלט טאָן.

איך האָב זיך אויסגעצויגן אויפן געלעגער, מיינע פיס האָבן גע־ברענט פון מידקייט. איך האָב זיי אַרויסגעשטעלט נאַקעטע פון הינטער דעם צודעק, און גענומען זיך צוהערן צו יעדן קלאַנג, וואָס האָט זיך אָנגע־טראָגן אין דער נאַכט און צו דער ליכטיקייט, וואָס האָט זיך געריסן דורך די שפּאַלטן אין די לאָדן און דער טיר. איך האָב זיך איינגעהערט און בין געווען זיכער, אַז איך וועל עפּעס דערהערן. איך וועל דערהערן שרהן, וואָס וואַנדלט אַרום אין דעם כישוף פון דער ליכטיקער נאַכט.

*

ווען איך האָב געעפנט די אויגן פון שלאָף, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך בין נישט אין שטוב, אַז איך בין ערגעץ פאַרטראָגן געוואָרן אין דער פרעמד. די טיר און פענצטער זענען געווען אָפן, אָבער אין דרויסן איז נישט געווען קיין וועלט, נאָר אַ געדיכטער, שוואַרצלעכער נעפּל איז געשטאַנען און פאַרשטעלט אַלץ אַרום.

איך בין אַראָפּ פון געלעגער. די מאַמע האָט מיר באַלד אַ טאַפּ געטאָן דעם קאָפּ, וואָס האָט מיך דערמאָנט אָן דער נעכטיקער לבנה און מיין וואַנדלונג צו די ליפּעס. אָבער איצט האָט דאָס אַלץ אַזוי אַנ־דערש אויסגעזען. נישט געקוקט אויף דעם גערדיכטן נעפּל, האָב איך געוואָלט לויפן צום חדר, אפשר וועט מיר שרה נאָך אַ מאָל זאָגן איך זאָל קומען, אפשר וועל איך, אַזוי ווי מענדל, אַריינגיין אין דער שטאָל. מיר איז אַפילו געוועז גוט דערפון, וואָס עס איז אַזוי טונקל פונעם נעפּל. איך האָב אַליין נישט געוווּסט פאַר וואָס מיר איז גוט געווען, אָבער די מאַמע האָט געזאָגט:

— גיי נישט אַרויס... מען פאָרט אַהיים...

און דער דינער שטאָך ערגעץ ביים האַרץ האָט זיך ווידער אָנגערופן. וועל איך מער נישט גיין צו ר׳ לייבעלעס חדר, און מער נישט זען שרהן?

אינעם צווייטן צימער זענען די לאָדן געווען פאַרמאַכט. די שוועסטער האָט זיך געשפּילט מיטן קינד. איך האָב געהערט ווי די מאַמע האָט גערעדט צו דער שוועסטער:

— געגוג... מען פאָרט אַהיים...

און די מאַמע האָט מיט אָפּגעריסענע ווערטער לאַנג גערעדט וועגן דער טונקעלער דירה, וווּהין מען וועט צוריקפאָרן. איך האָב די אַלע רייד שוין אַזוי גוט געקענט.

די מאַמע האָט באַשלאָסן אָוועקצופאָרן פון דאַנען, כאָטש זי האָט די גאַנצע צייט געזאָגט, אַז זי וועט בעסער זיצן דאָ, אין דער „פּוסטיניע״, איידער דאָרט, אין וואַרשע, אין דעם „פינצטערן גרוב״.

איך בין אַרויס פאַר דער טיר און דערזען דעם ברודער. אין דער טריבער טונקלקייט פונעם נעפּל האָט ער געשלעפּט זאַכן. ער האָט שוין געפּאַקט די שטוב־זאַכן צום אָוועקשיקן מיט דער פור קיין וואַרשע. נעבן אים איז געשטאַנען אַניעלקאַ. זי איז געווען גראָב און דאַרפיש אָנגעטאָן, מיט אַ קורץ קליידל און באָרוועסע פיס. די הענט האָט זי געהאַלטן אונטער דעם פאַרטעך.

— איך פאָר מיט דער פור... — האָט דער ברודער געזאָגט מיט אַ שווערער שטים פון אַ דערוואַקסענעם, און אַניעלקאַ האָט מיט אַ שיק־סעדיק געלעכטער, אויך ווי אַ דערוואַקסענע, געזאָגט:

— נעם מיך מיט... קיין וואַרשע... אויף דער פור...

און זי האָט זיך, ווי אַ דערוואַקסענע, אָנגעכאַפּט ביים בויך פאַר

געלעכטער. זי האָט אַ פּלאַטער געטאָן און אַרומכאַפּנדיק דעם הונט „אַגאַי״, וואָס איז, אַ פּייכטער פונעם נעפּל, געשטאַנען נעבן איר, האָט זי צוגעדריקט זיין שמאָלן קאָפּ צו איר ברוסט און געזאָגט:

— קום, אַגאַי... מיר בלייבן דאָ...

דער דרויסן האָט אויסגעזען ווי עמעצער וואָלט אָפּגעגאָסן אַלץ אַרום מיט וואַסערדיקן טינט. מיר האָט זיך איצט געדאַכט, אַז די נאַכט מיט דער לבנה זענען געווען שוין זייער לאַנג. איך האָב נישט געקאָנט צוזאַמענבינדן דאָס שפּילנדיקע ליכט, די נאָענטקייט צו שרהן מיט דעם גרויען, בייזן נעפּל. איך האָב געפילט, אַז איך דאַרף עפּעס טאָן, עפּעס וואָס איז זייער נייטיק.

איך האָב געפּרוווט אַרומגיין אַרום דעם הויז. און וואָס טיפער איך בין אַריין אין דעם נעפּל, האָב איך מער אָנגעהויבן זען און איך האָב מיט אַ מאָל דערזען דעם וועג, וואָס פירט אין שטעטל אַריין.

די ערד איז פול געווען פון שוואַרצלעכע, נאַסע בלעטער, וואָס האָבן זיך געקלעפּט צו די טריט, ווי זיי וואָלטן געוויינט. אויפן פּנים האָב איך געפילט אַן אָנגעשוואָלענע קילקייט.

אָט איז דער ווייטער פּלויט פון דער פאַבריק, אָט זענען די שמאָלע נאַסע אייזערנע שינעס פון דער „צעגעלניע״, וואָס פירן אין „גרויסן״ וואַלד אַריין. איך האָב דערפילט עפּעס אַ כּוח, וואָס איז אין מיר גע־וואַקסן. די טונקלקייט האָט מיר ווי עפּעס צוגעזאָגט, עפּעס באַהאַלטנס און סודותדיקס.

אָבער פּלוצלינג האָט זיך ווי פאַרהויבן אַ פאָרהאַנג און אַ ווייסלעך, ליכטיק ראָד האָט אויפגעפּראַלט אין דער הייך. איך האָב דערזען דעם אָנהייב פונעם שטעטל.

דער נעפּל איז איצט געלאָפן ווי אַ רויך, ער האָט זיך איצט נאָר ווי אָנגעהאַלטן אַרום די ביימער און די הייזער. דאָ, אויפן זאַמדיקן וועג, האָט זיך ווידער צעגאָסן אַ היימישקייט. און עס האָט אויפגעשפּילט אַ מיד און בלייך ליכט.

מיין האַרץ האָט אויפגעצאַפּלט מיט אומעט און מיט פרייד. איך האָב זיך איצט דערמאָנט, וואָס די שוועסטער האָט געזאָגט צו דער מאַמען: „היינט איז דער לעצטער טאָג״. די שוועסטער האָט געוואָלט אַרויפגיין צום קראַנקן „פאַן קאַראַל״, צו דער קריסטלעכער שכנטעס ברודער זיך געזעגענען. היינט איז דער לעצטער טאָג, און מיר איז קלאָר געוואָרן

ווי ווייט איך וועל זיין פון דעם וועג, פון דעם הויז מיט די גרויע געקאַלכטע ברעטער פון ר׳ לייבעלעס חדר. מיר איז ביז ווייטיק קלאָר געוואָרן, אַז מאָרגן, און אַלע טעג, וועט דער יתום מענדל פריילעך אַרומגיין איבער דער ליימיקער. היימישער ערד, אין דעם הויף פונעם חדר. ער וועט אַריינגיין אין דער הילצערנער שטאַל, ער וועט פילן דעם וואַרעמען ריח פון מילך, און דאָרט וועט זיין שרה.

וואָס העלער עס איז געוואָרן אין דרויסן, וואָס מער דער נעפל האָט זיך געבלייכט, אַלץ שווערער איז מיר געוואָרן צוצוגיין צו ר׳ לייבעלעס חדר. גלייך דאָס ליכט וואָלט אויפגעדעקט מיין באַהאַלטענעם געדאַנק צו זען שרהן. דאָס, וואָס דער נעפל איז זיך צעגאַנגען, האָט נאָך באַנגער געמאַכט דאָס אַוועקפאָרן פון דאַנען. איך האָב אַרומגעבלאָנדזשעט און זיך פאַרהאַלטן ביי די הילצערנע פלויטן, ביי די ווענט און פענצטער פון די הייזער. איך בין גרייט געווען צו לויפן צו דער מאַמען, בעטן מען זאָל נאָך דאָ בלייבן אַ ביסל, כאָטש איך האָב געוווּסט, אַז אַלץ איז שוין גרייט צו פאָרן אין שטאָט אַריין.

איך האָב אויך געוווּסט, אַז די מאַמע האָט ווי אַלע מאָל, פאַרשפּילט די האָפענונג אויף אַ נייער דירה אין שטאָט, און עס האָט אַפילו נישט געהאָלפן דאָס, וואָס מיר זענען שוין דאָ פאַרבליבן די לעצטע פון אַלע „לעטניקעס״.

עס איז מיר אַפילו געקומען אַ געדאַנק צו זיין אַ יתום, אַזוי ווי דאָס יינגל מענדל, בלייבן דאָ, ביי ר׳ לייבעלעס חדר, אַליין אין דעם הויף, און פריילעך אַרומלויפן אומגעשטערט. מיר האָט זיך געוואָלט שוין אַוועקגיין, ערגעץ ווייט, זיך באַהאַלטן. אָבער באַלד האָט מיך אַרומגע־נומען אַ שרעק פאַר דעם געדאַנק.

איך האָב איצט נאָר געוואָלט זען שרהן. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ווען איך וועל זי איצט זען, וועל איך זי שוין געדענקען אויף אייביק, ווי זי וואָלט געווען נעבן מיר. איך האָב איר געוואָלט עפּעס זאָגן און גאָרנישט געקאָנט צוקלערן. און אָט האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז שרה וועט גאָר נישט קוקן אויף מיר. איך האָב זי אין געדאַנק געזען אַ ווייטע און אַן אומעטיקע. מיר איז דערפון גוט געוואָרן. באַלד האָב איך זי געזען אַ פריילעכע מיט דעם יינגל מענדל און אַלץ אין מיר האָט זיך אויסגעלאָשן. די וועלט איז געוואָרן פאַר מיר ליידיק.

דער גרויסער צעוואָרפענער חדר־הויף האָט איצט אויסגעזען גרוי

און אָרעם. נאָך דעם געדיכטן נעפּל איז די ליימיקע ערד דאָ געװען גליטשיק און אַ פייכטקייט האָט געבלאָזן פון די נידעריקע דעכער.

אין מיטן הויף זענען געשטאַנען פויערישע פורלעך מיט קלאָדעס האָלץ. יידן און ווייבער האָבן רעשיק געקויפט דאָס האָלץ אויפן ווינטער. מען האָט געשלעפּט די פייכטע קלאָדעס. פאַרזאָרגטע יידן און ווייבער האָבן זיך געראַיעט, געקלאַפּט ביי די טירן און פענצטער, ווי זיי וואָלטן זיך געשיצט פאַר אַ שונא. דער שטענדיקער רעש און פּריילעכער גע־רודער פון די קינדער אין דעם הויף איז פאַרשטומט געוואָרן. איך האָב מיט אַ מאָל דערפילט אַ דינע און פייכטע קילקייט, וואָס האָט געעקבערט. אין דער נאָז האָט געקלאַפּט אַ טויטלעכער ריח פון ווינטער.

און דאָ אין דער ענגשאַפט, אַרום די פויערישע פורלעך האָלץ, האָב איך אויך דערזען דעם רבין ר׳ לייבעלע מיט זיין ווייב, דער רביצין. ר׳ לייבעלע איז געווען אָנגעטאָן אין אַן אַרומגעצופּטן שפּענצער, אונ־טערגעבונדן אין דער מיט, מיט אַ רימעט. ער האָט אויסגעזען קליין און וואַכעדיק אין זיינע פאַרדאַרטע, צעקנייטשטע, יידישע שטיוול. אויך פון זיין ווייב, די רביצין איז אַראָפּ די גלאַטיקייט, ווי עמעצער וואָלט זיי ביידע באַשיט מיט שטויב. מיר האָט אַ מיש געטאָן פאַר די אויגן. אָט, אָט וועל איך דאָ אויך דערזען שרהן. אָבער זי איז נישט געווען, און ווי כ׳וואָלט געפונען אַן אוצר, האָב איך זיך אַ לאָז געטאָן צום חדר. איך בין געלאָפן אין דער ליימיקער גליטשיקייט. איך האָב זיך דערמאָנט אין דעם יינגל מענדל, ער איז אין איין מינוט אויסגעוואַקסן ווי אַ וואַנט. איך האָב שוין פון דער ווייטנס געזען די גרויע, געקאַלכטע ברעטער פונעם חדר, אין טיפן ווינקל פונעם הויף אויף דעם בערגל. דאָרט איז איצט געווען שטיל, די יינגלעך האָבן נישט געלערנט, דאָס פענצטער איז געווען פאַרמאַכט. איך האָב זיך מיט אַ מאָל אָפּגעשטעלט און קוים געכאַפּט דעם אָטעם. איך האָב ערשט איצט באַמערקט, ווי מיינע שיך זענען פאַרשמירט מיט ליים און זאַמד.

איך בין געשטאַנען און געקוקט צום חדר. און האָב הייס געבעטן ביי עפּעס אַ כוח, צו וועלכן איך בין געווען צוגעבונדן, אויסער דעם טאַטן און דער מאַמען, ביי עפּעס מיין אייגנס, וואָס האָט געקוקט און געוואַכט איבער מיר פון דער הייך, פון אַלע זייטן, פון דעם הימל פון דער זון, פון די שטערן און אַפילו פון דער נעפּלדיקער ווייט. איך האָב אויפגעהערט צו זען אַלץ אַרום, דעם הויף, די מענטשן און די ליימיקע ערד.

איך האָב געזען נאָר דאָס פּאָדערהייזל, דעם איינעם אָנגעגליטן פּונקט, פון וואַנען עס האָט באַדאַרפט קומען שרה. מיט פרייד און מיט שרעק האָב איך געוואַרט, אַט וועט עס געשען... וואָס עס וועט געשען, האָב איך אויף קלאָר נישט געוווסט. איך האָב נאָר געוואָלט זען שרהן, אָבער געזען האָב איך מענדלען, וואָס האָט כסדר מיט זיך שרהן פאַרשטעלט. אויף שרהס אומעטיק בילד האָב איך געזען מענדלען אַ פריילעכן און אַ שפּרינגער־דיקן, מיט זיין לאַנג און שפּיציק געשטאַלט.

פאַר וואָס האָב איך נישט געקאָנט צוגיין צום חדר? איך האָב גע־ווּסט, אַז היינט וועט מיך די מאַמע זוכן, איך האָב אויך געוווסט, אַז באַלד וועלן דער רבי, ר׳ לייבעלע, מיט דער רביצין צוריקקומען. עס האָט אַ צאַפּל געטאָן אין מיר אַ מורא, אַז עס וועט אַריבער די צייט, איך וועל פאַרשפּילן, פאַרלירן, אַזוי ווי ביי די ליפּעס.

איך וועל פאַרשפּילן די מינוט און ווידער ווערן אַ קליין יינגל. איך האָב זיך אין דער מינוט דערמאָנט אָן אַ סך פאַרדראָסן, וואָס האָבן געדרימלט ערגעץ אין מיר, און ערשט זיך אָנגערופן מיט אַ שטילן ווייטיק. ווי איך וואָלט אַראָפּגעשפּרונגען פון אַ שווינדלענדיקער הייך, האָב איך זיך אַ לאָז געטאָן צום חדר. איך האָב האַסטיק אַ לויף געטאָן אין דער גליטשיקער פייכטקייט און דאָס ערשטע וואָס איך האָב דערזען, איז געווען דער טאַטע.

ער איז אָנגעקומען גלייך קעגן מיר, מיט דעם ליימיקן וועג, וואָס האָט געפירט פון דער באַן דורכן הויף.

דער טאַטע איז אויך אין דעם טאָג ווי קלענער און וואָכעדיקער געוואָרן. ער האָט געטראָגן אַ גרויסע, ווייכע, ליידיקע וואַליזע. ער איז געקומען אונדז אָוועקפירן אין שטאָט אַריין.

איך האָב ווי אַלע מאָל אַרומגענומען דעם טאַטנס האַלדז און אים אַ קוש געטאָן. אָבער זיין פּנים איז היינט געווען נישט געגאָלט און מיר איז געבליבן אַ מאָדנע ראַציקייט. איך האָב זיך היינט עפּעס נישט געפרייט מיטן טאַטן.

— וווהין לויפסטו? — האָט דער טאַטע געפרעגט.

ער האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף מיין אַקסל, וואָס האָט מיך געגייט צו גיין מיט אים צוריק. ער האָט מיך אויסגעפרעגט וועגן דער מאַמען, וועגן קינד. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך בין שוין פון לאַנג נישט געווען אין שטוב. מיט אַ מאָל האָב איך זיך אַ ריס געטאָן:

— טאַטע, איך וועל זיך נאָר געזעגענען... איך וועל דיך דעריאָגן...

און איך בין אַוועק צום חדר. איך האָב געהערט ווי דער טאַטע האָט מיך גערופן, אָבער איך האָב זיך נישט אומגעקוקט. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך פלי. דאָס האַרץ איז געשפּרונגען. איך בין אַריבער די דריי שוואַרצלעכע טרעפּלעך און דער וואַרעמער ריח פון מילך מיט קאַרטאָפל האָט מיך אַרומגענומען. דאָ איז געווען טונקל. עס איז דאַכט זיך קיינער נישט געווען און די אומהיימלעכקייט פון אַ פרעמדער שטוב האָט מיך אַרומגעכאַפּט. דאָס חדר־שטיבל איז געווען ליידיק. אויף דעם הילצערנעם, קרומען טיש זענען געלעגן אָנגעוואָרפן די חומשים. אויף דער גרינער וואַנט איז געהאַנגען אַ שטריימל, ווי אַ געלע קאַץ. כ׳האָב געוואָלט אַנטלויפן און דערזען אַז פאַר מיר שטייט שרה. נעבן איר איז געווען מענדל.ביידע זענען זיי געשטאַנען מאָדנע שטיל. שרה האָט אים אַ שטופּ געטאָן און ער איז צוגעפאַלן צו דער וואַנט.

זי איז געווען איצט אַזוי העל און אירע הענט זענען געווען ווייס. מענדל איז געשטאַנען אינעם טיפן ווינקל ביי דער וואַנט. מיר זענען אַלע געווען שטיל, ווי מען וואָלט זיך צו עפּעס צוגעהערט.

— איך פאָר שוין אַוועק — האָב איך געזאָגט און די ווערטער זענען אַרויס ליידיקע, ווי זיי וואָלטן אַראָפּגעפאַלן אויפן וועג. איך האָב גע־וואָלט אַוועקגיין. שרה האָט געהאַט אַן אָפן מויל, ווי זי וואָלט געשריגן.

— איך פאָר שוין היינט — האָב איך נאָך אַ מאָל געזאָגט און מיר איז שטאַרק הייס געוואָרן. איך האָב זיך געלאָזן צו דער טיר.

— יינגל — האָט זיך שרה נאָך מיר אַ לאָז געטאָן.

— יינגל...

מיינע אויגן זענען אָנגעלאָפן מיט טרערן. איך בין געלאָפן מיט אַ מאָדנעם כוח, איך בין אָפּגעלאָפן אַ שטיק וועג און איבערגעיאָגט דעם טאַטן.

ווען איך בין צוגעקומען צום טאַטן, האָט מיין האַרץ געקלאַפּט און געציטערט. איך האָב אים אָנגענומען פאַר דער האַנט און מיט פאַר־מאַכטע אויגן זיך געלאָזט פירן פון אים. שרהס שטים האָט אַן אויפהער געקלונגען אין מיר. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז פון אַלע זייטן הער איך שרהס שטים:

— יינגל... יינגל...

17

אין דער היים איז דעם טאַטנס קומען היינט געווען מאָדנע וואָכע־דיק. די מאַמע האָט אים באַגעגנט שווייגנדיק, מיט אָנגעווייטיקטע אויגן. דער טאַטע האָט גענומען דאָס קינד אויף דער האַנט, ער האָט זיך אָבער נישט געשפּילט און עס האָט זיך נישט געהערט דעם קינדס שטענדיקע קוועלנדיק געלעכטער.

באַלד איז אין דרויסן צוריק געוואָרן גרוי. עס האָט זיך ווידער גענומען נעפּלען. ס'איז געוואָרן פייכט, ווי עס וואָלט גערעגנט און שוין האָט גענומען טונקלען אויף פאַר נאַכט. דער הונט אַגאַי איז מיט אַ נייער היימישקייט איצט אַריין און אַרויס פון אונדזער שטוב, גלייך ער וואָלט געוווסט, אַז די שטוב געהער שוין נישט צו אונדז. די מערסטע טייל זאַכן זענען געווען פאַרפּאַקט און די בעטן זענען געשטאַנען ליידיקע. מען האָט געגעסן האַלב טרוקנס אויף אַ נישט־געדעקטן טיש.

איך האָב זיך אַריינגעזעצט אין אַ טיפן ווינקל און פאַר מיינע אויגן זענען כסדר געשטאַנען שרה מיט מענדלען. איך האָב אַלץ געזען איר ווייסע האַנט, וואָס האָט אַ שטופּ געטאָן מענדלען און האָב אָן אויפהער געהערט איר שטים, ווי זי האָט געשריגן: „ייִנגל", אַ ווייטיקלעכע בענק־שאַפט האָט אַ שניט געטאָן און ענג געמאַכט אין האַלדז.

די מאַמע האָט פּלוצלינג זיך אָנגערופן:

— איך קאָן נישט מיטן קינד פאָרן ביי נאַכט... דאָס קינד קאָן זיך מיר פאַרקילן...

דער טאַטע האָט אויך געזאָגט:

— שוין בעסער באַלד אין דער פרי...

דער ברודער איז היינט געווען היימיש אין שטוב. ער האָט אַפילו גערעדט מיטן טאַטן וועגן דער פור, מיט וועלכער ער האָט געדאַרפט פאָרן.

איך בין צוגעגאַנגען צו דער טיר און געקוקט אינעם אומעטיקן נעפּלדיקן דרויסן. מיין האַרץ האָט זיך געריסן צו דעם וועג, צום חדר, אָבער די טונקלעניש איז געווען אַ בייזע, אַ פרעמדע. איך האָב לאַנג אַריינגעקוקט אין דער פינצטערניש, ווי כ'וואָלט געוואָלט דערזען שרהן, ענטפערן אויף איר רוף.

דער בוים הינטערן פענצטער האָט כסדר געקלאַפּט מיט אַ צווייג, אַזוי ווי מיט הילצערנע הענט, אין די שויבן.

היינט איז מאָדנע פּרי צוגעפאַלן דער אָוונט. און כאָטש דער טאַטע איז געווען, האָט מען פאַרמאַכט די לאָדן און די טיר, גלייך דער אָוונט וואָלט שוין דאָ צו אונדז נישט געהערט. עס האָט זיך געשטעלט די לעצטע נאַכט. באַלד אין דער פרי, ווי די מאַמע האָט געזאָגט: „מיטן טאָג־גלייך", האָט מען געדאַרפט אָוועקפאָרן פון דאַנען אין שטאָט אַריין, צוריק אין דער טונקעלער דירה. דאָס אַלץ האָט אויסגעזען פאַר מיר, ווי עפּעס אַ ווייטער חלום.

אין טונקעלן פאַרנאַכטיקן ליכט האָב איך דערזען מיין שוועס־טער. זי איז געווען אָנגעטאָן אין איר ברוין שול־קלייד מיט די ווייסע זוימען און אירע האָר זענען געווען פאַרפלאָכטן אין אַ שווערן צאָפּ, ווי זי וואָלט שוין באַדאַרפט גיין אין „שקאָלע". זי האָט צונויפ־געלייגט אירע זאַכן, אירע ביכער און העפטן. איך האָב איצט געזען, ווי זי איז פאַר דעם זומער אויפגעוואַקסן, געוואָרן גרויס און ערנסט. די ווייסקייט פון איר פּנים איז געווען באַשלאָגן ווי מיט אַ גאָלדיקן שטויב פון דער זון. זי האָט זיך געפּאַרעט ביי די געלע און רויטע האַרבסט־בלעטער און דעם לילן „ווזשאָס", וואָס זי האָט אָנגעקליבן. זי איז אַלע מאָל צוגעגאַנגען צו דער טיר און שטיין געבליבן פאַרקלערט. פּלוצלינג איז די שוועסטער צוגעגאַנגען צו מיר און שטיל געזאָגט:

— קום זיך געזעגענען מיט דער פּאַני ב...

דאָס איז געווען אונדזער קריסטלעכע שכנטע.

די שוועסטער האָט מיך אָנגענומען פאַר דער האַנט, ווי עס וואָלט איר שווער געווען אַליין צו גיין. זי האָט מיך אַ פיר געטאָן אויף די עטלעכע טרעפּלעך און אַנגעקלאַפּט אין דער שכנטעס טיר. די טיר האָט דאָ איצט געבלאַנקט מיט אַ מאָדנער ריינקייט, וועלכע איך האָב קיין מאָל נישט באַמערקט.

די שכנטע האָט גלייך געעפנט. די שוועסטער האָט געמאַכט אַ קניקס און געזאָגט:

— מיר זענען געקומען זיך געזעגענען...

— „פּראָשען", זייער שיין... — האָט די שכנטע געזאָגט — פּראָשען...

מיר זענען אַריין אין ערשטן צימער. זי האָט אַלץ איבערגעחזרט: „זייער... זייער... שיין"...

זי האָט אונדז אָנגעוויזן אויף די שטולן און געבעטן זיצן. די שוועסטער האָט זיך נישט געזעצט און איך בין געשטאַנען נעבן איר.

די שכנטע האָט דאָס מאָל נישט געשפּאָסט אַזוי ווי שטענדיק. זי האָט מיך נישט געכאַפּט פאַר די האָר, ווי זי פלעגט עס פריער טאָן. זי איז איצט געווען אָנגעטאָן אין אַ לאַנגן, טונקעלן שלאַפראָק.

די שוועסטער האָט מיט אַ שטילער שטים, ווי זי וואָלט נישט גע־וואָלט, אַז עמעצער זאָל הערן, געזאָגט:

— צי קען איך זיך אויך געזעגענען מיט דעם „פּאַן קאַראָל"?

— אַך... „פּעוויניע"... זיכער — האָט די קריסטין ווי אַרויסגעזונגען. זי האָט זיך אַ מינוט פאַרהאַלטן, זיך אַרומגעקוקט און ווייזנדיק אונדז נאָך אַ מאָל, מיר זאָלן זיך זעצן, האָט זי לאַנגזאַם און שטיל געעפנט די טיר פונעם צווייטן צימער, וווּ עס איז געלעגן דער קראַנקער.

איך האָב צום לעצטן מאָל באַקוקט דאָס שטיבל, וואָס איז געווען פאַרשאָטנט פון די גרויסע בלומענטעפּ אויף די פענצטער. איצט איז דאָ פאַר מיר אַלץ געווען פרעמדער און שטרענגער, ווי אין די ליכטיקע זומער־טעג, ווען איך פלעג דאָ אַרויפקומען.

די קריסטלעכע שכנטע איז קיין מאָל נישט געווען אַזוי אָנגעטאָן ווי איצט, אין דעם לאַנגן שלאַפראָק, וואָס האָט זי געמאַכט אַזוי גרויס און שטרענג. די הייליקע בילדער אויף דער וואַנט האָבן געגלאַנצט מיט גאָלד און דער ראָזער פלאַם פון דעם איילעמפּל האָט אין דער טונקלקייט פונעם אָונט צעלייגט אַ פרעמדע שרעקיקייט. אַלץ איז דאָ איצט געווען פאַר מיר שטרענג און דראָענדיק־פרעמד. דער ריח פון די טויטלעך־ריינע ווענט, דאָס נישט יידישע מעסער, וואָס איז געלעגן אויפן טיש און אַפילו די פליג, וואָס האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויפן טישטעך, איז געווען אַ פרעמדע, אַ קריסטלעכע. איך האָב זיך דערמאָנט אין אַ גרויסער, שוואַר־צער יידישער פליג, מיט אַ געלער קרוין אויפן קאָפּ, מיט אַ ברייטער באָרד, ווי דער יידישער מלך פון קאָרטן. די פליג האָב איך געזען ביי דעם רבין ר' לייבעלען. דאָס האָט מיך באַלד דערמאָנט אין שרהן, אין אירע ווייסע הענט, אין איר וואַרעם קליידל, אין אירע אויגן, וואָס האָבן אַזוי געבלאַנקט מיט בלוילעכער פרייד, ווען זי האָט געשריגן: „יינגל"...

איך האָב זיך פאַרקלערט און האָב אין מיין געדאַנק געזען, ווי איך בין אָנגעטאָן אין מיין נייעם „סטודענטישן" רעקל, ווי איך לויף צו שרהן זיך געזעגענען, ווי זי שטייט נעבן מיר אַזוי נאָענט, עס גייט פון איר דער וואַרעמער יידישער ריח.

דערווייל האָט זיך די טיר שטיל געעפנט און די קריסטלעכע שכנטע

האָט מיט דעם בליק אַ רוף געטאָן די שוועסטער. די שוועסטער האָט זיך אויסגעגלייכט, ווי זי וואָלט זיך געגרייט צו עפּעס און איז אַריין אינעם צווייטן צימער. איך האָב זיך געלאָזן נאָך איר, אָבער די שכנטע האָט מיך אַרומגענומען. איך האָב באַלד דערפילט די מאַטערנדיקע שמעקנדיקייט פון אירע הענט. זי האָט מיך אַ גלעט געטאָן איבערן פּנים און אַריבערגעלאָזן איבער דער שוועל.

איך האָב געזען ווי מיין שוועסטער האָט אַ צאַפּל געטאָן. אין צימער איז געווען צעגאָסן אַ בלייכע ליכט פון דעם אָפענעם פענצטער, נעבן וועלכן עס איז געשטאַנען דאָס בעט. אויף אַ נידעריק בענקל זענען געשטאַנען בלומען מיט קאָלירטע פלעשלעך רפואות. די ווענט זענען געווען באַהאַנגען מיט בילדער. איבערן בעט — אַ גרויס, גלאַנציק בילד פון קאָשטשושקאָ, רייטנדיק אויף אַ פערד, מיט אַן אויפגעהויבענער שווערד אין דער האַנט.

איך האָב געזוכט מיטן בליק דעם פּאַן קאַראָל און האָב אים נישט געקאָנט געפינען. אויפן בעט, אויף דעם ווייסן קישן, איז געלעגן ווי אַ האַלבער קאָפּ מיט טונקעלע, לאַנגע האָר. אַזוי שמאָל און דין איז דער קאָפּ געווען.

די שוועסטער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן און איך האָב געהערט ווי איר שטים האָט זיך פאַרהאַקט, ווי זי וואָלט עפּעס געהאַט אין האַלדז. מיט אַ מאָל האָט זיך דער האַלבער קאָפּ אויסגעדרייט צו אונדז און איך האָב דערקענט דעם פּאַן קאַראָל. דאָס שמאָלע, שפּיציקע פּנים איז געווען אַזוי ווייס, ווי דאָס קישן, און זיינע ליפּן האָבן זיך אַ דריי געטאָן ווי צוויי בלויע שנירלעך. עס האָבן אַ בלאַנק געטאָן זיינע ציין מיט אַ טרוקענער ווייסקייט. און נאָך עפּעס האָב איך דערזען אויף דעם ווייסן בעט, עפּעס אַ געלע זאַך, ווי אַ ציטרין און עס האָט געדויערט ביז וואַנען מיר איז קלאָר געוואָרן, אַז דאָס זענען דעם פּאַן קאַראָלס הענט.

איך האָב דערהערט זיין שטים, ווי זי וואָלט געקומען פון גאָר ווייט און אַ שמייכל האָט אַ שלומער געטאָן אויף דער ווייסקייט פון זיין פּנים:

— „דזשענקויען"... אַ דאַנק... לעאָקאַדיאַ...

דער פּאַן קאַראָל האָט מיין שוועסטער גערופן „לעאָקאַדיאַ" און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז מיט דעם נאָמען האָט ער זי איינגעוועבט אין דער פייערלעכער ש״ינקייט פון די בילדער, וואָס זענען געהאָנגען אַרום.

— מיר זענען געקומען... אייך געזעגענען... — האָט די שוועסטער געזאָגט מיט אַ צאַפּל אין דער שטים.

עס איז געווען פייערלעך שטיל. דעם קראַנקנס ווייסע העמד און זיין קאָפּ האָבן זיך צונויפגעוועבט מיט קאַשטשושקאָן אויפן בילד. עס האָט זיך ווידער דערהערט דעם קראַנקנס שטים, ווי די ווערטער וואָלטן אַרויסגעפאַלן פון אַ ליידיקייט:

— איר פאָרט שוין אַוועק...

— יאָ, הער... הער קאַראָל... מיר פאָרן שוין אַוועק... האָט די שוועסטער מיט דעם זעלבן צאַפּל אין דער שטים געזאָגט. זי האָט באַלד צוגעגעבן:

— איך ווינטש אייך...

דער קראַנקער האָט אַ פּאַך געטאָן מיט דער געלער ציטרין־האַנט, די בלויע שנירלעך פון זיינע ליפּן האָבן זיך אַ שלענגל געטאָן, עס האָט ווידער אַ שלומער געטאָן זיין שמייכל:

— אַ דאַנק... זייער שיין... געקומען...

זיינע אויגן האָבן זיך מיט אַ מאָל געעפנט און זיין בלויער בליק האָט זיך לאַנג און שאַרף אָנגעשטעלט אויף אונדז. ער האָט אויך אַ קוק געטאָן אויף מיר און צוגעגעבן:

— און דו ביסט געקומען...

— איך ווינטש אייך אויך... — האָב איך געזאָגט און מער נישט געקאָנט רעדן. מיר איז געוואָרן ענג. איך האָב געוואָלט וואָס גיכער אַוועקגיין.

דער קראַנקער האָט נאָך אַ מאָל אַ שמייכל געטאָן און אויסגעצויגן זיין געלע שפּיציקע האַנט צו מיין שוועסטער. די קריסטין האָט גענומען מיין שוועסטערס האַנט און זי צוגעטראָגן צום קראַנקן. איך האָב געזען, ווי דער שוועסטערס פּלייצע האָט אַ צאַפּל געטאָן. איצט האָט דער קראַנקער מיט דער האַנט אַ רוף געטאָן די קריסטין. זי האָט צוגעבויגן צו אים איר קאָפּ, ער האָט עפּעס שטיל קוים געפּל־סטערט. זי האָט געזאָגט: „דאָבזשע". זי האָט אַ נעם געטאָן פונעם טיש, וווּ עס זענען געלעגן ביכער און פּאַפּירן, אַ קליין, רויט ביכעלע און עס דערלאַנגט דעם קראַנקן, דערנאָך האָט זי אים צוגעטראָגן אַ פּעדער מיט טינט. עס איז געווען שטיל, קיינער האָט, דאַכט זיך, נישט געאָטעמט. דער קראַנקער האָט געשריבן. דערנאָך האָט ער פונעם ווייסן העמד, פון אונטערן

האַרץ אַפּער, אַרויסגענומען אַ רויטן זיידענעם באַנד, אים אַריינגעלייגט אינעם ביכעלע, עס אַ דריק געטאָן צום האַרץ און פאַרמאַכט די אויגן. עס האָט ווידער געדויערט די שטילקייט.

מיט אַ מאָל האָט דער קראַנקער אויסגעשטרעקט די האַנט מיט דעם ביכעלע צו דער שוועסטער און קוים צום הערן אַרויסגעזאָגט:

— צום אָנדענק... לעאָקאַדיאַ...

די שוועסטער האָט זיך אַ וויג געטאָן, אָבער די קריסטין האָט ווידער גענומען איר האַנט און מיט אַ גרויסער צאַרטקייט פאַראייניקטביידע זייערע הענט. דערביי האָט זי דאָס ביכעלע אַריינגעלייגט דער שוועס־טער אין דער האַנט.

מיר זענען ביידע אַרויס פונעם צימער. איך האָב נאָך געזען ווי די קריסטין האָט דעם קראַנקן עפּעס מיט אַ לעפל אַריינגעגאָסן אין מויל, באַלד איז זי אַריין צו אונדז. אירע אויגן זענען געווען פאַרגאָסן מיט טרערן. זי האָט אָן וועלכער אַרומגענומען מיין שוועסטער און איר אַ קוש געטאָן אין קאָפּ. אייך מיין קאָפּ האָט זי צוגעדריקט צו איר ברוסט און איך האָב דערפילט אַן איידעלן ריח פון רפואות. די שוועסטער האָט אַלץ געהאַלטן דאָס רויטע ביכעלע ביים האַרץ. די קריסטין האָט עס גענומען און ביי דער קאַרגער ליכט פונעם פענצטער האָבן מיר אַלע געלעזן די דינע, בלייכע שריפט אויף דער ערשטער זייט פון דעם ביכעלע: „דער שיינער יידישער טאָכטער לעאָקאַדיאַ, צום אָנדענק פון דעם געשטאָרבענעם קאַראָל"...

דאָס ביכעלע איז געווען אַ רויטס מיט אַ ווייסן אָדלער אין אַ קרוין. אינעווייניק איז געלעגן אַ שטיקל רויטער זיידענער באַנד, מיט אַן אויפ־שריפט: „פּאָלסקאַ".

מיר זענען געגאַנגען פון די טרעפּ, די שוועסטער האָט אַריינגעלייגט דאָס רויטע ביכעלע צווישן די קנעפּ פון דעם ברוינעם קליידל, נעבן דער ברוסט און האָט מיר שטיל, מיט אַ ציטער אין דער שטים געזאָגט:

— זאָג נישט דער מאַמען... נישט דעם טאַטן...

איך האָב אַ קוק געטאָן אויף איר שיין פּנים, וואָס איז איצט געווען באַשלאָגן ווי פון אַ ראָזן ליכט און שטיל געענטפערט:

— כ'וועל נישט זאָגן...

איך בין מיט מיין שוועסטער אַראָפּ פון דער קריסטלעכער שכנטעס טרעפּ. אַ דינע, שטעכיקע קילקייט האָט געאָטעמט מיט אַ קראַנקער

פייכטקייט און אַ פאַרקלעמטע שטילקייט איז געשטאַנען אַרום. עס האָט זיך נאָר געהערט דאָס טויטלעכע שאָרכן פון די שוואַרצלעכע בלעטער אונטער די טריט, אויף דער ווי אַנגעשוואָלענער ערד.

דאָס רויטע ביכעלע מיט דעם ווייסן אָדלער און דער זיידענער באַנד, וואָס די שוועסטער האָט באַקומען פון דעם פּאַן קאַראָל, איז באַלד געוואָרן צווישן מיר און דער שוועסטער דער ערשטער סוד פאַר דער שטוב, פאַר דער מאַמען און דעם טאַטן. און מיר האָט זיך מיט אַ מאָל פאַרוואָלט אין דעם סוד אויף אַריינפּלעכטן מיין בענקשאַפט נאָך דעם מיידל שרה, אָבער מיין שוועסטער איז געווען פאַרטראָגן אין איר פוילישקייט. זי איז געווען אַזוי ווייט פון דעם הויף מיט דעם יידישן חדר, מיט די וואַרעמע ריחות, פון וואַנען עס האָט געשלאָגן דער טעם פון שרהס הויט.

מיר זענען נאָך אַרומגעגאַנגען אין דער שטילקייט אַרום דער שטוב צום לעצטן מאָל, מיין שוועסטער האָט נאָך אַלץ רעשיק געאָטעמט, פון וואָס איר ברוין שול־קלייד, ביי דער ברוסט, האָט זיך געהויבן, און דער פלאַם אויף איר פּנים האָט זיך נאָך נישט פאַרבלייכט. זי האָט אַלץ געהאַלטן די האַנט מיט דעם ווייסן מאַנקעטל ביי דער ברוסט, ווו זי האָט דאָס ביכעלע פאַרשטעקט. זי האָט זיך אַלע מאָל אָפּגעשטעלט, ווי זי וואָלט זיך פאַרקלערט, ווי זי וואָלט געוואָלט עפּעס טאָן, און נישט געקאָנט זיך דערמאָנען — וואָס.

— ער איז „דומנע"... אַ שטאָלצער... דער פּאַן קאַראָל...

איך האָב געקוקט אויף איר. זי האָט אויסגעזען ווי פאַרכישופט. זי האָט גערעדט ווי צו זיך אַליין:

— ער זעט אויס ווי דער „פּאַן טאַדעאוש"...

זי האָט געקוקט אין דער ווייט, ווי פאַרטראַגן. זי האָט דעקלאַמירט, זיך מיידליש צעלאַכט און ווען מיר זענען שוין געווען ביי דער טיר פון אונדזער שטוב, האָט זי פּלוצלינג אַרויסגענומען אַ קעמעלע פון אירע האָר און גענומען קעמען מיינע.

— אַ יינגל דאַרף זיין פאַרקעמט... שטענדיק... וואָס פאַר אַ שוואַרצע האָר דו האָסט... בלאָנדע זענען שענער...

זי איז געשטאַנען אַזוי נאָענט, אַז איך האָב געהערט ווי איר ברוסט האָט זיך געהויבן, און ווי איר האַרץ האָט געקלאַפּט.

דערנאָך זענען מיר אַריין אין שטוב. מיין שוועסטער איז אַריין מיט

אַ שפּרונג, אַ פריילעכע. זי האָט זיך באַלד פאַרנומען מיט אירע ביכער און זאַכן. איך האָב געזען ווי זי האָט זאָרגפעליק אַריינגעלייגט דאָס רויטע ביכעלע אין איר שול־רענצל, צווישן די ביכער. דערנאָך איז זי פאַרקלערט צוגעגאַנגען צו מיר, אין דער האַנט האָט זי געהאַלטן עפּעס אַ קאַרטל. זי האָט עס מיר דערלאַנגט. אויף דעם קאַרטל איז געווען שאָפּענס בילד, ווי ער זיצט ביים קלאַוויר, ער שפּילט און אַרום זיין קאָפּ שוועבן אַרום פרויען־מלאכים מיט צעשפּרייטע פליגל און ביי אַ זייט, אין דער טונקל, אָנגעשפּאַרט אין דעם קלאַוויר, שטייט דער טויט.

— צו וועמען איז ער ענלעך?... — האָט די שוועסטער געפרעגט.

און נאָך איידער איך האָב איר געענטפערט, אַז ער איז ענלעך צום פאַן קאַראַל, איז זי מיט פּאַמעלעכע טריט אַוועק אין אַ ווינקל. זי האָט זיך אַ וואַרף געטאָן אויפן פּאַק בעטגעוואַנט, וואָס איז געלעגן שוין איינגעפּאַקט, און איינגראָבנדיק דעם קאָפּ אין דער ווייכקייט פון די קישנס, האָט זי אַ שלוכץ געטאָן. אירע אַקסלען האָבן זיך צעטרייסלט פון געוויין.

באַלד איז צוגעקומען די מאַמע. זי האָט געפרעגט וווּ מיר זענען געווען. איך האָב עפּעס געענטפערט, אַז מיר האָבן זיך געזעגנט מיט דער קריסטלעכער שכנטע. די מאַמע האָט געקוקט אויף מיר שטרענג, אָבער זי האָט מער נישט געפרעגט. זי האָט זיך אָנגעבויגן איבער דער שוועס־טער, האָט געטאַפּט איר קאָפּ און געגלעט אירע האָר.

מיר איז געוואָרן שווער אויפן האַרץ. איך האָב געוואָלט לויפן צום חדר, צו שרהן, אָבער עס האָט שוין געברענט אַ ליכט. די לאָדן זענען געווען פאַרמאַכט.

*

די נאַכט איז מיַן געשלאָפן וווּ עס איז. מען איז געלעגן אויף די נישט געבעטע געלעגערס, ווייל אַ טייל פונעם בעטגעוואַנט איז שוין געווען געפּאַקט. די מאַמע איז געלעגן נעבן קינד, דער טאַטע איז האַלב־זיצנדיק געלעגן אויף דעם דאַרפס־בעטל און די שוועסטער איז געבליבן ליגן אויף דעם בעטגעוואַנט, אַרומגעבונדן דעם קאָפּ מיט אַ ווייס טיכל. זי האָט געזאָגט דער מאַמען, אַז עס טוט איר וויי דער קאָפּ.

עס האָט געברענט אַ ליכט און דער רויטלעכער פלאַם האָט נישט

דערגרייכט צו די לײדיקע ווינקלען פון דער שטוב. ערשט איצט האָב איך דערפילט, ווי לאַנג עס ציט זיך דער האַרבסטיקער אָונט.

איך בין געלעגן אויף מיין געלעגער. אַזוי ווי דער ברודער, וואָס איז געלעגן קעגנאיבער מיר, האָב איך זיך נישט אין גאַנצן אויסגעטאָן. מיר האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז באַלד וועט געשען עפּעס, צו וועלכן מען דאַרף זיין גרייט. איך בין געלעגן מיט אַ פול האַרץ אומרו און געדודער... פאַר מיר האָבן זיך אין געאייל געקנוילט אַלע מיינע פאַרגאַנגענע איבער־לעבונגען און אַלע די, וואָס דאַרפן קומען. ווי שטענדיק, האָב איך נישט געקאָנט פאַרשטיין פאַר וואָס דער טאַטע, די מאַמע און אַלע דער־וואַקסענע, טוען אַלץ, וואָס מאַכט ערגער. איך האָב נישט פאַרשטאַנען, פאַר וואָס מען פאָרט אַוועק פון דאַנען, פאַר וואָס גאָרד מאָרגן גאַנץ פרי, צוליב וואָס האָט מען צערודערט די שטוב. כאָטש מיך האָט געלאָקט און איך האָב שוין געפילט דעם פיבער פון דעם מאָרגנדיקן פאָרן מיט דער באַן און דאָס צוריקקומען אין דער וואַרשעווער שטוב, וואָס איך האָב איצט שוין געזען מיט אַנדערע אויגן, האָט מיך דאָך געקלעמט אַ בענק־שאַפט צו דעם אָרט, צו דעם וועג אין שטעטל אַריין. איך האָב געקלערט וועגן דעם גאַנצן ווינטער, וואָס איך וועל זיין אַזוי ווייט פון דאַנען.

די גאַנצע וועלט האָט באַקומען דעם אויסזען פון דער „טונקעלער דירה״ מיט דער וואַטע אין פענצטער, מיט דער קעלט, וואָס וועט אַריינ־בלאָזן דורך די שפּאַרעס און וועט האָבן דעם געשטאָרבענעם ריח פון דער „כאַינקע״ מיט דעם סטרוזש אַנטאַני.

דעמאָלט וועט אין הויף ביי ר׳ לייבעלעס חדר זיין ליידיק און טונקל און שרה וועט אַרומגיין אין די ווינקלען פון הויף. און ווי נאָר איך האָב געקלערט וועגן שרהן, האָט זיך באַלד אַרויסגערוקט דאָס שפּי־ציקע געשטאַלט פון דעם יינגל מענדל. איך האָב איצט דערזען, ווי איך אַליין בין אומעטום געווען אַזוי שוואַך און נישט קלוג.

מיך האָט אָנגעפאַלט אַ ווידערווילן צו מיינע שריט. אָט איז לאַלאַ, אָט איז די קריסטלעכע שכנטע און אָט איז שרה. איך פיל ווי ווייט איך בין פון אַנדערע. מיר דאַכט זיך, אַז עס וואָלט אַלץ געקאָנט זיין אַנדערש. איך דערפיל אַ שאַנדע פאַר פיל פאַלן. עס זעט מיר אויס ווי איך וואָלט פאַרשפּילט אַ גרויסע זאַך, וואָס וועט שוין מער נישט קומען. פאַר וואָס האָב איך נישט געזאָגט דער קריסטלעכער שכנטע עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל מיך מאַכן דערוואַקסן? אויבן, אין שטיבל ביי דער

קריסטין, איז איצט טונקל און טרויעריק. אירע הענט וועקן אויף אַזאַ זיסן אומרו. זי וואָלט מיך אַריינגעלאָזן און באַלד אַרויפגעלייגט אירע הענט אויף מיינע האָר. אַ זיסע שרעק נעמט מיך אַרום. און אָט בין איך ביי שרהן. קיינער ווייסט נישט, אַז איך בין אַרויס פון שטוב. עס איז נאַכט און שרה גייט אַרויס פונעם פינצטערן פאָדערהייזל. איר מויל איז האַלב אָפן, ווי זי וואָלט געשריגן: „יינגל". עמעצער גייט און זי האָט זיך דערשראָקן. זי כאַפּט מיך אַרום, טוליעט זיך צו מיר. זי איז ווייך און וואַרעם. און עס איז אַזוי גוט, וואָס זי דריקט זיך צו מיר, שרה. אָבער אירע הענט זענען דער קריסטלעכער שכנטעס, אַזעלכע נאַקעטע... שרה צאַפּלט נעבן מיר, איך צי זיך אויס און איך פיל, ווי איך וואַקס, איך בין שטאַרק, איך וועל נעמען, נעמען. עס איז מיר הייס. איך טו עפּעס אַ שרעקלעכע זאַך, איך שלאָג מענדלען. זיין שפּיציקער קאָפּ שפּרינגט אָפּ, איך קלאַפּ אין דעם קאָפּ און ער שפּרינגט און וויל נישט פאַרשווינדן. אויף מיר ליגט אַ שווערער עול, אַן עול פון טיפער שאַנד, אָבער דער כוח וואַקסט אין מיר און צעשפּאַרט מיך...

*

אַ שטיל און איינגעהאַלטן גערודער האָט מיך אויפגעוועקט. דער טאַטע מיט דער מאַמען זענען געשטאַנען ביי דער האַלב־אָפענער טיר. עס איז נאָך געווען זייער טונקל און די שאָטנס פון נאַכט האָבן זיך נאָך געהאַלטן אין די ווינקלען. פון דרויסן האָט זיך אַריינגעריסן אַ גרוי, געדיכט ליכט, וואָס האָט זיך געלייגט ווי אַ פאַרב. איך בין אַראָפּ פון געלעגער און האָב דערזען אין דער אָפענער טיר דעם „גאָספּאָדאַזש". ער איז געווען אָן היטל און זיינע האָר פון זאַמד־קאָליר זענען געווען נאַס און פאַרקעמט, ווי קיין מאָל נישט. ער איז געווען אָנגעטאָן אין זיינע זונטיקדיקע בלויע הויזן. אַ פרומע פייערלעכקייט האָט געשלאָגן פון אים. איך האָב געהערט ווי ער האָט שטיל געזאָגט:

— מען קאָן נישט איבערלאָזן אַליין אַ „קאָביעטאַ" מיט דעם „ניע־באָשטשיק"... זי איז דאָך איין מענטש אַליין... מען דאַרף מאַכן דעם „פּאָגזשעב"...

— מען דאַרף אַרויפגיין... — האָט דער טאַטע געזאָגט.

דער דרויסן איז געווען איינגעהילט אין טריבקייט און האָט גע־דרימלט אין אַ קעלטלעכן אומעט. די ווייט האָט אויסגעזען ווי מיט פאַר־

מאַכטע אויגן. אַניעלקאַ איז געשטאַנען מיט פאַרלייגטע הענט אונטערן פאַרטעך. אירע אויגן זענען געווען אויפגעריסענע, פולע מיט נאַכט און מיט שרעק.

— וואָס איז? — האָב איך שטיל געפרעגט.

— דער פאַן קאַראָל איז געשטאָרבן... ביי נאַכט...

זי האָט אַ צאַפּל געטאָן און צוגעגעבן:

— האָסט נישט געהערט? דער הונט האָט ביי נאַכט אַזוי געוואָיעט...

— פאַר וואָס? -- האָב איך געפרעגט.

— ער האָט געזען דעם מלאך־המות.

איך האָב אַ קוק געטאָן אויף די פענצטער פון דער קריסטלעכער שכנטע. די פענצטער האָבן געבלאַנקט מיט אַ פרעמדער ריינקייט. זיי זענען געווען אָפן אין דער גרויער פאַרטאָגיקער וועלט אַריין און אַ שרעקלעכע שטילקייט האָט זיך געטראָגן פון זיי.

איך האָב זיך שטיל אַרויסגעשלייכט פון שטוב. די פאַרטאָגיקע וועלט האָט מיר איצט אַ סך אַנטפּלעקט. איך האָב דערפילט, אַז אין דער גרויער פאַרגליווערטקייט פון דעם האַרבסטיקן פאַרטאָג טוט זיך כסדר עפּעס, אַ נישט־געזעענע געהיימע אַרבעט, עס געשעט אָן אויפהער און אָן איבעררייס און עס וועט נאָך אַ סך געשען.

די גרויקייט אַרום איז געוואָרן העלער און מיט אַ מאָל האָט זיך פון ערגעץ אַ וויקל געטאָן אַ זילבערנער שטראַל, ווי אַ שמייכל, און די וועלט האָט זיך ווי געעפנט.

מיט אַ פול האַרץ פרייד און אומעט האָב איך געקוקט אויף דער וועלט און מיר האָט זיך אַזוי געוואָלט וויסן, וואָס פאַר אַ גאָט האָט צוגענומען דעם פאַן קאַראָל. איך האָב אַזוי געוואָלט עמעצן פרעגן, וויסן, פאַר וואָס עס איז אַזוי טרויעריק און אַזוי פריידיק...

אפרים קאַגאַנאָווסקי מיט י. וואַגמאַן ביים דענקמאָל פון געטאָ־אױפשטאַנד אין ווארשע

צווייטער טייל

1

מאַדנע קורץ האָט געדויערט דער וועג פון דער זומערוווינונג קיין וואַרשע. אין דעם אומעטיקן אינדערפרי האָט זיך דורכן פענצטער פון וואַגאָן שוין פאַר מיר גאַרנישט אַנטפּלעקט. עס האָבן זיך אַ דריי געטאָן די פאַרגרויטע פעלדער. אָפּגעליידיקטע און אָרעמע פון קאָלירן, זענען זיי אַנטלאָפן אין דער האַרבסטיקער ווייט. דער אַלטער רוסישער „פּאַראָוואָז" האָט כסדר געררייכערט מיט אַ שטיקנדיקן טשאַד און אַ נעפּל פון פייכטער פּאַרע האָט געסיקעט ביי די זייטן.

באַלד האָבן אָנגעהויבן לויפן פאַר די פענצטער אייזערנע שטאַנגען. סיגנאַלן און עלנטע, צעוואָרפענע, פאַרשוואַרצטע פון רויך שטיקער הינטערשטאָט, אַלטע פּוילישע הייזלעך, פאַרלאָזענע בית־עולמס מיט קרומע, אויסגעשטשערבעטע מצבות, ווי קראַנקע ציין ביי די זקנים. די מאַשין האָט רעשיק און דראָענדיק געפּייפט, שפּרינגענדיק איבער די רעלסן פון איינע אויף די אַנדערע, ווי די באַן וואָלט זיך אַריינגע־ריסן אין דער שטאָט איבער אַלע שטערונגען. די מאַמע מיטן קינד אויף דער האַנט האָט די גאַנצע צייט געשוויגן. דער טאַטע האָט זיך באַמיט זי אַרויסצופירן פון דער געדריקטקייט. ער האָט אָנגעקויפט אויפן וועג פעקלעך קאָלירטע זיסקייטן, מיצנטאָווע ליאַלקעס און קליינע, זיסע בייגעלעך, אויפגעצילעט אויף אַ פאָדעם, וואָס האָבן געשמעקט מיט פוי־לישן אונטערוועג. ער האָט באַהאַנגען דאָס קינד מיט די מתנות און געוואָלט אויף אַזאַ אופן דערפרייען די מאַמע. דער טאַטע האָט זיך גע־פילט שולדיק, דערפאַר, וואָס מיר פאָרן צוריק אין דער אַלטער דירה. אָבער די מאַמע איז געזעסן מיט פאַרקוועטשטע ליפּן און אירע אויגן זענען געווען אָנגעפילט מיט אומעט.

די שוועסטער איז געזעסן אויף אַ באַנק און געלעזן. נעבן איר איז געזעסן אַ גויע מיט צונויפגעלייגטע הענט ווי צום געבעט און די גאַנצע צייט געקוקט אויף דער שוועסטער מיט אירע קליינע, בלויע, פרומע אויגן. צום סוף האָט זי זיך איבערגעצלמט אויף אַ צלם, וואָס איז דורכ־געלאָפן פאַרן פענצטער און געזאָגט צו מיין שוועסטער:

— די פּאַניענקע זעט גאָר נישט אויס ווי קיין יידישע...

דער טאַטע האָט נאָר געוואָרט דערויף און געכאַפּט אַ שמועס מיט דער גויע, איר דערציילט, אַז מיין שוועסטער איז אַ רבס אַ טאָכטער. אַלע האָבן געלאַכט, די גויע האָט נישט געוואָלט גלייבן און די שוועס־טער איז געוואָרן רויט. די איבעריקע גויים האָבן זיך אַריינגעמישט און זיך געוווּנדערט, אַז אַ „זשידוווטשקאַ" זאָל זיין אַזוי שיין, אַזוי „דעליקאַטנע".

איך בין געשטאַנען ביים פענצטער. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך שווים אַריין אַלץ טיפער אין דער גרויקייט, אַלץ ווייטער פון די פאַר־גאַנגענע, ליכטיקע טעג.

מיר איז געווען טרויעריק.

מיר זענען שוין צוגעפאָרן צו דער שטאָט. דער טאַטע האָט דערציילט מעשיות און די פּראָסטע גויים, וואָס האָבן געשלעפּט זעק און מילך־קאַנען, האָבן אים געליבט:

— אָט אַ פריילעכער מענטש... גאָרנישט ווי קיין זשיד...

*

די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט. פון די שוואַרצלעכע וואַגאָנען האָט זיך אַרויסגעפּאַקט אַן אומדערוואַרט־גרויסע צאָל מענטשן, ווי זיי וואָלטן זיך ערגעץ געהאַט באַהאַלטן. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז די מענטשן פאָרן פון ווייטערע ערטער און מיר האָט זיך מיט אַ מאָל אַנטפּלעקט, אַז מיין רייזע איז געווען אַזאַ קורצע, אַזאַ נישט־ווייטע און קליינע, און עס האָט זיך מיר פאַרוואָלט וויסן, ווי עס זעט אויס די וועלט ווייטער. מיין האַרץ האָט אַ צאַפּל געטאָן מיט פרייד, וואָס די וועלט איז אַזאַ גרויסע און עס וואַרטן נאָך אויף מיר וועגן און אויסטערלישע זעונגען.

אָבער אויך דער ברעג שטאָט מיט דעם גרויען, אויסגעקילטן, פייכטן וואָקזאַל, דער שוואַרצלעכער, שטיינערנער ברוק, וואָס איז געלעגן אין אַ גרויער קילקייט, איז מיר מיט אַ מאָל היימיש און ליב געוואָרן. און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז די ליידיקע, פאַרלאָזענע לאַנקעס און די ווייטע, סודותדיקע וועלדער פון דער זומערוווינונג וואָלטן מיך איצט געשראָקן. איך האָב זיך דערמאָנט אין דעם פאַן קאַראַל, וואָס איז פאַרבליבן דאָרט, אין זיין אומפאַרשטענדלעכן און ווייטן גוייִשן טויט. דאָס האָט מיך אַ צי געטאָן צו זיין שוועסטער, דער קריסטלעכער שכנטע. איך האָב

זי איצט געזען אין אַ גרויער שיינקייט פון טרויער. פון דעם שוואַרצן, פרעמדן, קאַטוילישן טרויער האָט פאַר מיר אַרויסגעשימערט דער רייץ פון אירע ווייסע הענט און דער ריח פון איר בלאַנקנדיק לייב האָט פאַרכאַפּט מיין אָטעם. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך האָב אָנגעווירן עפּעס אַ גרויסע און טייערע מתנה, וואָס איז געווען אָנגעגרייט פאַר מיר. איך בין מקנא געווען אַפילו דעם „גאָספּאָדאָזש" און דעם שיקסל אַניעלקאַ. און פּלוצלינג האָט אַ פלייץ געטאָן אַ וואַרעמע כוואַליע פון דערמאָנונג און איך האָב דערזען שרהן, דעם מלמדס טאָכטער. אָבער אין דעם אויגנבליק האָב איך דערזען דאָס ערשטע הויכע הויז פון דער שטאָט, וואָס האָט אין נעפּלדיקן ליכט זיך אויפגעהויבן מיט די שורות שוואַרצלעכע פענצטער. שרה איז געוואָרן קליין און אָרעם און איז פאַרבלייבט געוואָרן אין מיין זינען.

כאָטש עס איז געווען גאַנץ נאָענט צו אונדזער גאַס, האָט דער טאַטע נישט געלאָזט די מאַמע גיין צו פוס. מיר האָבן זיך אַריינגעזעצט אין איינע פון די דראָזשקעס וואָס זענען געשטאַנען אויסגעשטעלט אין אַ ראַד אין מיטן פון דעם מיט שפּיציקע שטיינער ברוקירטן פּלאַץ פאַר דעם וואָקזאַל. דאָ איז שטענדיק געשטאַנען אַ צעפּאַרענע, פייכטע בלאָטע פון פערד־מיסט און ברודיקן שטרוי.

די דראָזשקע האָט געשמעקט מיט האָבער און אַלטן לאַק. אויף דעם בלויען, וויכן געזעס האָבן זיך אַוועקגעזעצט די מאַמע מיטן קינד און דער טאַטע. קעגנאיבער, אויף דעם קליינעם, האַרטן, שמאָלן בענקעלע, האָבן זיך געזעצט מיין שוועסטער מיט מיר. מיר האָבן דערפילט דעם ריח פון דעם דראָזשקאָזשס קאַפּאָטע, וואָס האָט געשמעקט מיט פייכטן ווינט. און ווען די הינקענדיקע דראָזשקע האָט זיך אַ ריר געטאָן פונעם אָרט, איז די מאַמע מיטן קינד שיער־נישט אַרויסגעפאַלן. די מאַמע האָט אַ געשריי געטאָן און דער טאַטע האָט געלאַכט.

ביים אויסקערעווען, האָבן מיר דערזען, ווי דאָס פערד, וואָס האָט געהויבן מיט די דאַרע זייטן, איז בלינד: אַנשטאָט אַן אויג — אַ האַרטע, קיילעכדיקע, גרינע בעלמע, עס האָט זיך כסדר געריסן אין אַ זייט, ווי עס וואָלט געוואָלט אַנטלויפן פון דער דראָזשקע.

דער טאַטע האָט באַלד געכאַפּט אַ שמועס מיטן דראָזשקאָזש:

— וואָס, אייער פערדל איז אַ ביסל קורצזיכטיק?...

— אָ, „פּראָשען פּאַנאַ"... אַ כיטרער שעלמע... אַהאַ... עס איז געקומען

פון אַ פונק ביי אַ קאָוואַל... אָבער דאָס איז אַ שעלמע... ווייזט אים נאָר אַ ביסל האָבער... זעט עס בעסער ווי אַן אַנדערס מיט צוויי אויגן...

דאָס פערד האָט געהאַלטן דעם קאָפּ גלייך און שטייף, ווי אַלע בלינדע, און האָט אַלע מאָל אַ צאַפּל געטאָן.

מיר זענען געפאָרן דורך די עטלעכע הינטערשטאָטישע גאַסן. עס איז געוואָרן העלער אין דער לופט. ווו נישט ווו האָט זיך אַ בלייכער שטראַל זון אַריינגעשמאַלצן אין דעם נעפּל. די גראָבע אייזערנע רעדער האָבן זיך געדרייט און זענען געשפּרונגען איבער די שפּיציקע שטיינער פונעם ברוק, און איך האָב ווי צום ערשטן מאָל דערזען די גאַסן אָנגעפילט מיט פינטלענדיקע מענטשן. דער רעש פון דער גרויסער שטאָט האָט אַ קלאַפּ געטאָן און איך האָב פּליצלינג דערפילט, אַז איך בין באַלאָדן מיט אַ ניי זען, ווי איך וואָלט געקוקט דורך פאַרגרעסער־גלעזער, יעדע גאַס, אַ פאַרבויטע מיט שורות הייזער און פולע מיט מענטשן, האָט איצט באַקומען אַן אַנדער וואָג און אַן אַנדער זין. גלייך איך וואָלט באַקומען אַ פאַרמעגן, וועגן וועלכן איך האָב נישט געוווּסט.

מיר איז גוט געוואָרן דערפון, וואָס איך קאָן זיין מיט דעם אַלעם אַרום. די טונקעלע דירה, צוליב וועלכער די מאַמע האָט געהאַט אַזעלכע אומעטיקע אויגן, האָט איצט אויך אויפגעשפּילט פאַר מיר מיט נייע קאָלירן פון פרייד.

די מאַמע האָט שטיל און פאַרטראַגן אַ זאָג געטאָן:

— דאָס יינגל וועט פאַרמאַטערט ווערן אויפן וועג...

דאָס האָט זי געמיינט מיין ברודער, וואָס איז פאַר טאָג אַרויסגעפאָרן מיט אונדזערע זאַכן. און איך האָב זיך דערפילט שולדיק פאַר מיין ברודער, דערפאַר, וואָס איך פאָר אין אַ דראָזשקע. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז די מאַמע האָט מיך דערפאַר פיינט. אָבער דער טאַטע האָט זיך באַלד אָנגערופן:

— ס׳וועט אים גאָרנישט שאַטן... וואָלט ער נאָר געוואָלט זיין אַ מענטש...

די מאַמע האָט אויף אים אַ קוק געטאָן מיט טרערן אין די אויגן, און ווי שטענדיק, ווען מען האָט גערעדט וועגן ברודער, איז שווער און אומעטיק געוואָרן.

*

אַזוי האָט מען זיך דערנענטערט צו אונדזער גאַס. מען איז פאַר־בייגעפאָרן דעם „ווינע־פּלאַץ", פאַרביי דעם אַלטן יידישן הקדש. איינ־געהילט אין אַ שוואַרצלעכער שרעקיקייט, זענען געשטאַנען די פאַר־לאָזענע הייזער, ווו עס האָבן אין די אַלטע, פאַרנעפּלטע וואַרשעווער צייטן געקרענקט און געשטאָרבן אַזוי פיל אָרעמע מאַמעס, טאַטעס און קינדער פון די אָרומיקע אַלטע יידישע גאַסן. באַזונדערס האָט געשראָקן דאָס קליינע, אָפּגעזונדערטע הייזל אָן פענצטער, דאָס „קילשטיבל", ווו מען האָט געהאַלטן די טויטע.

מיר האָט זיך דערמאָנט, ווען די מאַמע איז קראַנק געווען אויפן טיפוס, איז זי געלעגן אין דעם שפּיטאָל. מען האָט אונדז געפירט צו דער מאַמען. מען האָט נישט אַריינגעלאָזן, און די גראָבע ווייבער, די וועכטערינס, האָבן געוואָלט געלט.

איך האָב נאָך געדענקט אַ שבת, ווען דער טאַטע האָט אונדז געפירט אַהער. עס זענען מיטגעגאַנגען שכנים פונעם הויף, מיט דער מאַמען איז געווען שלעכט. מיר זענען געלעגן אויפן פעלד און געוויינט. איך געדענק, ווי דער טאַטע האָט געוויינט. איך האָב אַלץ געקוקט אויף דעם קליינעם, אָפּגעזונדערטן הייזעלע און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דאָרט ליגט די מאַמע. דאָס שטיבל אָן פענצטער האָב איך אַזוי גוט געקענט פון מיינע חלומות און מיינע אומעטיקע קינדערישע נעכט.

הינטער די ווענט פון דעם אַלטן הקדש האָט אויך דער קיילער־יונג פון דעם געסל געשאָכטן זיין כלה חוה. וועגן דעם האָט מען געזונגען אַ לאַנג, „מאָראַליש" ליד, ווי דער יונג האָט גאַנצע נעכט דורכן פענצ־טער פון „פּאַוויאַק" געשריגן „חוה", און חוה איז געקומען אין ווייסן מיט אַ „וועלאָן" צו דער חופּה... מיט אַן איבערגעשניטענעם האַלדז...

אויפן ראָג פון אונדזער גאַס האָבן שוין היימישע שכנים אונדז באַ־גריסט. מען האָט אונדז ווי אַלע מאָל, מיט קנאה נאָכגעקוקט. ווי רייכע.

עס איז געווען רעשיק אין די געסלעך. די קעלט און דער ווייסלעכער נעפּל אין דעם שפּעטן האַרבסט האָבן שוין אָנגעזאָגט וועגן ווינטער. די אָרעמקייט האָט זיך שוין געוויקלט אין די שמאַטעס.

עס זענען אָנגעפאָרן פויערן פון די דערפער. זיי זענען געזעסן מיט דערשראָקענע, פינטלענדיקע אויגן אויף די זעק קאַרטאָפל. די אָרעמע יידן האָבן אַרומגערינגלט די פורלעך מיט די הויכע, פאַרבלאָטיקטע

רעדער, האָבן טיף אַריינגעאָטעמט דעם לעבעדיקן ריח פון ערד און קאַרטאָפל, זיך געדונגען און געהאַנדלט. און ווען דער פויער האָט אַ כאַפּ געטאָן אויף די פּלייצעס אַ זעקל קאַרטאָפּל און עס אַריינגעטראָגן אין אַ הייפל, זענען יידן און ווייבער און קינדער נאָכגעלאָפן מיט אַ פּייער־לעך געאייל, ווי מען וואָלט אַריינגעפירט אין שטוב אַריין אַ נאָענטן און טייערן קרוב.

2

דער קילער אינדערפרי און די ראַיענדיקע אָרעמע גאַס האָט מיך אַ ציי געטאָן, און מיר איז מיט אַ מאָל קלאָר געוואָרן מיין טאַטנס ליב־שאַפט צו דער אָרעמקייט פון די געסלעך, צו די געדיכטע נעסטן פון מענטשן אין דער ענגשאַפט ווו ס'איז דאָ אַזוי פיל שפּילנדיקע און לעבעדיקע פאַרבן. ווען איך וואָלט דאָס אַלץ געקאָנט אויסמאָלן מיט פאַרבן! דער געפילדער און די רירעוודיקייט האָט מיך פאַרכאַפּט. ווי כ'וואָלט אַריינגעקוקט אין אַ צויבער־קעסטל, וואָס מ'האָט אין וואַרשע גערופן: „קוקערדעלאָכע", ווו עס דרייט זיך אַ קאָלירטע, שפּילנדיקע און פריילעכע וועלט.

איך האָב געשפּירט, אַז עפּעס איז אין מיר אויסגעוואַקסן נאָך דעם זומער. עס איז פון מיר פאַרשוווּנדן די שרעק, וואָס איך האָב שטענדיק געפילט פאַר דעם געווימל פון דער גאַס. צוגלייך ווי די מאַמע, האָב איך מורא געהאַט פאַר די גאַסן און די מענטשן.

נישט איין מאָל איז די מאַמע אַהיימגעקומען פון גאַס מיט אַ ליידיק קוישל, אָוועקגעפאַלן כּמעט פאַרוויינטע און צעשראָקענע אויגן, קלאָגנדיק:

— איך קאָן נישט... איך קאָן נישט רעדן מיט די מענטשן...

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער קצב האָט איר געזאָגט „יידענע", אָדער געמאַכט עפּעס אַ גראָבן וויץ. דער טאַטע האָט געלאַכט, זיך גאָר־נישט געמאַכט דערפון, און די מאַמע איז געבליבן אין בעט מיט אַ פאַר־בונדענעם קאָפּ.

עס האָט אויסגעזען, ווי די מאַמע וואָלט געווען אַ פאַרבלאָנדזשעטע נשמה, עפּעס אַ זעלטענע בלום פון אַ גאָרטן, וואָס איז פאַרטראָגן גע־וואָרן אַהער, אויף אַ באַרג מיסט. כאָטש די גראָבע, פּראָסטע מענטשן פון די אָרעמע גאַסן. ווו מיר האָבן שטענדיק געוווינט, האָבן אויף זייער אופן געשעצט אונדזער שטוב און אַרויסגעוויזן צו אונדז אַ באַזונדער

איידלקייט. אויב עס האָט זיך אַ מאָל צו אונדזער שטוב דערטראָגן אַ מורמל, איז עס געווען נאָר צוליב מיין ברודער, וואָס האָט פון קינדווייז אָן אַרויסגערופן באַקלאָגונגען.

מיין ברודערס אויפפירונג האָט געשאַפן אין מיר אַ געפיל פון שול־דיקייט, גלייך איך וואָלט באַדאַרפט צורעכט מאַכן זיינע פעלערן. דערפאַר האָב איך מורא געהאַט זיך צו חברן מיט די קינדער פון הויף, אָפּגעט־רעטן יעדן, און מיט בענקשאַפט געקוקט דורך די פאַרטונקלטע פענצ־טער פון אונדזער שטוב.

איצט בין איך אַריינגעפאָרן אין אונדזער גאַס מיט אַ פול האַרץ ביי אויפגעוואַכטער לוסט, אַריינצודרינגען אין דער פאַרכאַפּנדיקער שפּיל פון לעבן. ווי גוט עס איז נישט געווען צו פאָרן אויף דער דראָזשקע, האָב איך שוין געוואָלט אָנרירן מיט מיינע טריט דעם ברוק. ווען מיר זענען שוין צוגעפאָרן צו דעם טונקעלן הויז, ווו מיר האָבן געוווינט, האָט זיך די דראָזשקע געמוזט פאַרהאַלטן פון דערווייטנס, ווייל דער אָפענער טויער איז געווען באַלאַגערט מיט אַ געדיכטן ראָד מענטשן, וואָס האָבן זיך געשטופּט אַריין און אַרויס. יידן און ווייבער און קינדער זענען דאָ געלאָפן אין אַ בהלה ווי שטענדיק, ווען עס געשעט עפּעס.

די דראָזשקע האָט נישט געקאָנט צופאָרן צום טויער צוליב דער ענג־שאַפט און מיר האָבן געמוזט אויסזיצן פון דער ווייטנס. דער טאַטע האָט באַצאָלט דעם דראָזשקאַזש. און באַלד האָט אונדז ווער פון דער גאַס אָנגעזאָגט, אַז פון אונדזער הויז איז איצט אַ לוויה, אַז ביי די „דאַבעלעך" איז געשטאָרבן דאָס קראַנקע מיידל.

אין דער מינוט האָט זיך דער עולם פון טויער אַ קנויל געטאָן, און אין מיטן דער געדיכטקייט פון די מענטשן האָט זיך באַוויזן דאָס באַ־קאַנטע אין געסל בית־עולם־פערד פאַרהילט אין שוואַרצן, מיטן גע־וואַנט, מיט די אויסגעשניטענע לעכער פאַר די אויגן. דאָס פערד האָט געשפּאַנט אין דער ענגשאַפט מיט אַן אויסגעלערנטן פייערלעכן טראַט, און דער שוואַרצער מתים־וואָגן, האָט זיך געדאַכט, שווימט מיט דער רירעווודיקער מענטשן־מאַסע. אַ שוואַרץ געלויף האָט זיך אַ טראָג געטאָן און עס האָט זיך דערהערט אַ צעריסן געוויין. מען איז אַרויס פון די געוועלבער. ווייבער און מיידן, פאַרמעלטע, מיט נאַסע הענט פון די קיכן, צעפּאַטלטע און פאַרהילטע אין שווערע שאַלן איבער די קעפּ, האָבן זיי אויף גיך אַ כליפּע געטאָן; און מען האָט זיך גענומען פון

געוועלב צו געוועלב און פון מויער צו מויער איבערוואַרפן מיט ווער־טער וועגן דער לוויה:

— אפשר בעסער... איידער צו קוקן אויף אַזאַ גזר...

— ס'מיידל איז שוין פון לאַנג נישט געווען קיין היגע...

דערביי האָט מען געוויינט און זיך געקנייפּט די באַקן.

דאָס האָט מען גערעדט וועגן דער געשטאָרבענער „בלויער לאהן" — די בלויע לאה, וועלכע איך האָב געזען אין דעם לעצטן טאָג איידער איך בין אַרויסגעפאָרן אויף דער זומערוווינונג. און מיר איז מיט אַ מאָל גע־וואָרן שווער. איך האָב דערפילט, אַז דאָ, אין דעם גאַנצן, קאַלירטן רעש, אין דעם געדיכטן פלאָנטער פון די אַלע מענטשן, גייט שטיל דער טויט, קוקט אַריין אין אַלע טירן, אין אַלע פענצטער און האָט יעדן אויפן אויג.

מיין געדאַנק האָט זיך אַוועקגעטראָגן אַראָפּ, צום ברעג פון אונדזער גאַס, ווו דאָס שוואַרצע ראָד מענטשן איז אַלץ שיטערער געוואָרן, ווו די מענטשן זענען צוריקגעגאַנגען צום לעבן און אויף די שוואַרצלעכע שטיינער פונעם ברוק האָט זיך געהויבן דער מתים־וואָגן — שוין גיכער, ווי ער וואָלט געוואָלט אַנטלויפן פון דער וועלט. עטלעכע מענטשן האָבן נאָכגעפינטלט. איך האָב דערכאַפּט מיטן בליק די מוטער דאָבעלען; פאַר־דעקט מיטן שוואַרצן טוך, האָט זי געשפּאַנט נאָכן אָרון.

אָבער בולטער פון אַלעם האָב איך געזען דאָס בלויע מיידל לאה, וואָס איז געלעגן אינעווייניק אין קאַסטן. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז איך בין איר עפּעס שולדיק. און ווידער האָט זיך אין מיר אויפגע־הויבן די פריערדיקע שרעק. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דער טויט, וואָס לויערט דאָ אַרום, קוקט אויף מיר.

פאַר וואָס איז געשטאָרבן דאָס בלויע מיידל לאה? פאַר וואָס האָט מען זי צוגענומען אַהין, אין די שרעקיקע פעלדער פונעם בית־עלמין?...

איך האָב געקוקט אַהין, צום ברעג פון אונדזער גאַס, ווו עס האָבן אין דער ווייט זיך געגרויט די ביימער פונעם יידישן בית־עולם. מיט שרעק האָב איך אַריבערגעשפּאַנט די אויסגערייבענע אייזערנע שוועל פונעם אָפענעם טויער.

דער הויף איז נאָך געווען אויפגערודערט פון דער לוויה. דערפאַר איז אונדזער קומען דורכגעגאַנגען אומבאַמערקט. אַחוץ דעם סטרוזש וואַלענטי, וואָס האָט אַראָפּגענומען דאָס היטל מיט דעם בלעכענעם נומער, און האָט געזאָגט וועגן דער פאַרשטאָרבענער:

— דער „פּאַן בוג״ האָט זי צוגענומען... איר וועט דאָרט זיין בעסער...

ער האָט מיט אַ שוואַרצן פינגער, ווי אַ פאַרזשאַווערטער האָקן, אַ גלעט געטאָן דאָס קינד אויף דער מאַמעס האַנט. דאָס קינד האָט זיך פאַר־קרימט פון דער ראַציקייט און די מאַמע האָט זיך מיט שרעק אָפּגערוקט, ווייל דער טאַטע האָט שוין פאַרפּירט מיטן סטרוזש אַ שמועס וועגן „יענער־וועלט״.

באַלד האָט מען אויפגעשלאָסן די טיר פון אונדזער שטוב, און ווען די טונקלקייט האָט זיך אַ לייג געטאָן אויף אונדז, האָט זיך די מאַמע צעוויינט. זי האָט אַראָפּגעלאָזן דאָס קינד אויף דער ערד, זיך אַ וואָרף געטאָן אויף אַ שטול און האָט הערשענדיק, מיט אַ פאַרשטיקטער שטים, אויסגעשריגן:

— דאָס האַרץ זאָגט מיר... ס'איז אַ שלעכטער סימן...

מיין שוועסטער איז געבליבן שטיין ביים פענצטער. זי האָט אַוועק־געלייגט אַ בינט גראָזן און „ווזשאָס״, וואָס זי האָט מיטגעבראַנגט פונעם פעלד, און די גראָזן האָבן באַלד פון מוטנעם ליכט פאַרלוירן זייער פאַרב.

אויך די שוועסטער איז ווי אויסגעלאָשן געוואָרן. זי איז געשטאַנען ביים פענצטער אומעטיק פאַרטראַכט און געשריבן אויף דער מיט טוי־פאַרלאָפענער שויב פונעם פענצטער.

דער טאַטע איז אָנגעצונדן געוואָרן. אַ רויטקייט האָט באַשלאָגן זיין האַלדז. ער האָט פאַרשטאַנען דער מאַמעס ווערטער ווי אַ פאַרוווּרף פאַר דער דירה, און געזען, אַז זיינע פרייע און רויקע טעג האָבן זיך גע־ענדיקט. אַ ווייסלעכער בליאַסק פון כעס האָט אַ בליץ געטאָן אין זיינע גרויע אויגן.

דאָס קינד איז געשטאַנען פרעמד און דערשראָקן, עס האָט געפּרוּווט שפּאַנען איבער די אומבאַקאַנטע, טונקעלע ברעטער פון דער פּאָדלאָגע, וועלכע איז איצט געווען פאַרדעקט מיט פּאַפּירן. דער טאַטע האָט, זעט אויס געוואָלט דער מאַמען מאַכן אַן איבערראַשונג און האָט געלאָזט וואַשן די פּאָדלאָגעס פאַר איר קומען.

דאָס קינד האָט זיך דערשראָקן אַרומגעקוקט, זיך אָנגעכאַפּט פאַר דער מאַמעס קני און זיך צעוויינט. איצט האָט די מאַמע אויסגענוצט די געלעגנהייט און אָנגעהויבן אויף איר אופן רעדן צום קינד:

— דו ווייסט נעבעך, דו פאַרשטייסט ווו מען האָט דיך געבראַנגט...

ווילסט דאָ נישט זיין... דו ווילסט עס זאָל זיין ליכטיק, דו ווילסט אַ ביסל זון, אַ ביסל ליכט... יאָ, קינד?

דער טאַטע האָט אַ לויף געטאָן, ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער ער האָט זיך אָפּגעהאַלטן. מיט אַ מאָל האָט ער אַן עפן געטאָן די טיר און איז אַרויס פון שטוב.

ערשט איצט האָט די מאַמע אַ כאַפּ געטאָן דאָס קינד, עס צוגעדריקט צו זיך און זיך העפטיק צעוויינט.

איך האָב געוואָלט נאָכלויפן דעם טאַטן, מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ער וועט שוין קיין מאָל נישט צוריקקומען. איך בין צוגעגאַנגען צו דער שוועסטער. זי האָט נאָך אַלץ געשריבן אויף דער שויב און איך האָב איבערגעלעזן: עס איז אַ סך מאָל געווען אויפגעשריבן „פאַן קאַראַל". זי איז געווען ווייט פון דער שטוב, פרעמד און שטאָלץ. זי איז געווען פאַרקלערט און האָט מיך נישט געזען.

איך בין אַרויס אויף די טרעפּ צום הויף און האָב דערזען די פענצ־טער פון די „דאָבעלעך". דאָס פענצטער פון דער שטוב, ווו די „בלויע לאה" איז געלעגן, איז ווי שטענדיק געווען פאַרהאַנגען.

איך האָב אָנגעשטרענגט מיין בליק, ווי איך וואָלט געוואָלט דערזען די נשמה פון דער געשטאָרבענער „בלויער לאה", וואָס וואַנדלט ערשט אויף די פאַרהוילענע וועגן צו „יענער־וועלט". איך בין אין מיין געדאַנק געגאַנגען נאָך איר, און אַ גרויסע פּיין האָט מיך אַרומגענומען דערפון, וואָס איך האָב נישט געוווּסט וווהין מען גייט, וווהין וועלן גיין אַלע מענטשן אַרום...

דער גרויער טאָג האָט זיך גערוקט. איך האָב געקוקט אין די הייזער, אין די פענצטער, ווו אומעטום האָבן געפינטלט מענטשן. ביי אַ טייל פענצטער זענען פרויען געזעסן ביי די ניימאַשינען, ביי די רייכערדיקע קעכלעך האָבן זיך געפּאָרעט צעפּאַטלטע ווייבער. די געדיכטע ריחות פון לעבן האָבן זיך געטראָגן פון די טונקעלע שטיבער. איך האָב געקוקט און האָב דאָס אַלץ נישט געקאָנט צונויפבינדן מיט די טעג פונעם פאַר־לאָפענעם זומער, מיט דעם אַלעם, וואָס עס האָט זיך פאַר דער צייט אַנטפּלעקט פאַר מיר.

דער סטרוזש וואַלענטי האָט מיט אַ גוייִשן כעס צוריק פאַרמאַכט דעם טויער, וואָס ער האָט געעפנט פאַר דער לוויה. און ער האָט זיך גענומען קערן דעם הויף מיט זיין לאַנגן, שויבערדיקן בעזעם, ווי ער

וואָלט דערמיט געוואָלט צוריק איבערגיין צו דער אָרדענונג פון לעבן. אַ שוואַרצע קאַץ האָט זיך שטיל אַרויסגערוקט פונעם טונקעלן הייזל, אַ קוק געטאָן אויף דער וועלט און מיט אַ דערשראָקענעם שפּרונג אַראָפּ אין דעם פינצטערן קעלער.

איך האָב איצט ווי צום ערשטן מאָל באַטראַכט אונדזער הויף. דאָס איז געווען אַ קאַסטן פון דריי שטיקער מויער, געדיכט דורכגעשניטענע מיט שוואַרצלעכע פענצטער. די פּערטע וואַנט פון דעם קאַסטן איז באַ־שטאַנען פון אַ נידעריקן פּלויט מיט אויסגעריסענע ציגל און לעכער, אַריין אינעם צוויטן הייפל, מיט אַלטע, רויטע, הילצערנע פּוילישע הייזלעך, ענלעכע צו „טאָוואַרנע״־וואַגאָנען מיט קליינע, בלינדע פענצ־טערלעך. דאָרט האָבן געוווינט צום מייסטן פורמאַנעס און דראָזשקאָזשעס און דאָס הייפל איז געווען פאַרשטעלט פון אויסגעשפּאַנטע וועגענער און אַלטע, הינקענדיקע דראָזשקעס. עס האָט זיך געהערט דאָס כראָפּען פון פערד אין די שטאַלן און דאָס טויבע קלאַפּן פון זייערע פיס אין די ברעטער.

איך האָב איצט געקוקט מיט אַ ניי געפיל פון טרויער און פרייד. עס האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט אַ מאָדנע פריידיקע שפּיל, ווי כ׳וואָלט געפונען אַן אוצר. די קעלטלעכע לופט האָט געקלאַפּט מיט אַן אויפ־פרישנדיקער קרעפטיקייט און האָט געשמעקט מיט אַ ווייכן ריח פון אָנקומענדיקן ווינטער. דאָס איז געווען די ערשטע דערוואַרטונג פון ווינטער, וואָס האָט נישט אָפּגעשלאָגן מיט דעם ביטער־זויערלעכן ריח פון דאָקטוירים און רפואות, וואָרעם איך האָב אין דער צייט אָפּט גע־קרענקט און די קורצע און גרויע ווינטער־טעג זענען געלעגן אויף מיינע קינדער־יאָרן, ווי אַ שווערער און דריקנדיקער עול.

דער הויף איז געווען אויסברוקירט מיט שפּיציקע קיזל־שטיינער וואָס האָבן זיך טיף אַריינגעגעסן אין דער ליימיקער ערד. פון אַלע זייטן האָבן זיך געצויגן רינשטאָקן מיט מוטנע ריטשקעלעך ברוד. אין די ווינקלען איז דער הויף שוין נישט געווען ברוקירט און די שוואַרצע ערד איז געווען אויסגעמאַטערט מיט גריבער און לעכער, וואָס זענען פאַרבליבן פון די קינדער־שפּילן פונעם זומער.

דער שוואַרצלעכער טינק פון די הייזער איז ביז אַרויף געווען באַ־דעקט מיט לישאַיעס און אויסגעריסענע שטיקער לייב, ווי פון אַ צע־פליקט מלבוש. דאָס אַלטע בלעך פון די רינעס און דעכער איז געווען

באַדעקט מיט אַ בלויער שוואַרצקייט און האָט געקוקט מיט אַ פאַרקלעמטן אומעט, רייכערנדיק מיט די אַלטע, איינגעפאַלענע קוימענס.

איך האָב דאָס אַלץ איצט געזען אין אַ ניי ליכט, וואָס איז גע־גאַנגען ווי פון מיר אַליין, גלייך איך וואָלט איינגעשלונגען אַ זון, וואָס קלאַפּט דאָרט צוזאַמען מיטן האַרץ. אינעם הויף איז איצט, ווי שטענדיק נאָך אַ לוויה, געווען שטיל; דער שטענדיקער רעש פון די קינדער האָט זיך פאַרשטעקט אין די ווינקלען. איך צוליב דער ערשטער קעלט אין אַזעלכע טעג זענען די קינדער געזעסן אין די האַלב־פינצטערע קאָרידאָרן אויף די שוואַרצלעכע טרעפּ, און זיך דערציילט שרעקיקע מעשיות פון געשטאָרבענע און לוויות.

איך בין לאַנג געשטאַנען אין דעם טונקעלן הויז הינטער אונדזער טיר און מאָדנע ווילד פרעמד איז פאַר מיר געווען אונדזער טיר מיט די אַלטע פלעקן און זשאַווער. עס איז פאַר מיר געווען אַזוי ניי, אַז גראָד די טיר איז מיין היים, אַז הינטער דער טיר, אין דער טונקעלער דירה, גייט אונדזער לעבן. און מיר האָט זיך אַזוי געוואָלט וויסן, וואָס עס וועט קומען צו אונדז דורך דער טיר.

*

ווען איך בין צוריק אַריין אין שטוב, איז נאָך אַלץ געווען אַזוי שטיל, ווי נאָך דעם טאַטנס אַנטלויפן. די מאַמע איז נאָך אַלץ געלעגן הענגענדיק אויף דער שטול, מיטן קינד צוגעדריקט צו זיך. דאָס קינד האָט געקוקט אַרום צעשראָקן און פרעמד.

די שוועסטער איז נאָך געשטאַנען ביים פענצטער. זי האָט נישט אויסגעטאָן דעם זשאַקעט. ווען איך בין שטיל אַריין, האָט די מאַמע אויפגעהויבן דעם קאָפּ. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר, ווי מיר האָט זיך שטענדיק געדאַכט, מיט פיינטשאַפט.

איך האָב איצט דערזען, אַז אויפן טיש זענען געלעגן פעקלעך עסנוואַרג, וואָס דער טאַטע האָט אָנגעגרייט צו אונדזער קומען. די מאַמע האָט אונטערגעכאַפּט מיין בליק. זי האָט טרוקן געזאָגט:

— ביסט הונגעריק? עס...

אָבער איך האָב זיך נישט צוגערירט צום עסן.

איך האָב געוווּסט, אַז איצט וואַרט די מאַמע אויפן ברודער, וואָס פאָרט מיט דעם פורערישן וואָגן, מיט אונדזערע זאַכן הינטערן שטאָט.

קיינער איז נישט געווען זיכער, אַז מיט אים וועט נישט עפּעס געשען, אַז ער וועט זיך נישט צעשלאָגן מיט די שקצים פון די דערפער, און אויך איך האָב אָנגעהויבן וואַרטן אויף אים און פיינלעכע פאַרשטעלונגען, וואָס עס קאָן אַלץ מיט אים געשען, האָבן גענומען עגבערן מיין זינען.

דערווייל האָט דאָס קינד אָנגעהויבן וויינען. עס איז, זעט אויס, געווען נישט אויסגעשלאָפן און הונגעריק. אויך די שטילקייט און שווער־ריקייט פון דער טונקעלער שטוב האָט עס אומרויִק געמאַכט. די מאַמע האָט זיך אויפגעהויבן פונעם אָרט און גענומען באַרויִקן דאָס קינד. זי האָט געוואָרפן אַ טרויעריקן בליק אויף די גרינבלעכע טונקעלע ווענט. זי האָט שווער אָפּגעזיפצט און אַ זאָג געטאָן צו דער שוועסטער:

— עס וועט גאַרנישט העלפן, טאָכטער, אַזוי מוז מען לעבן...

די שוועסטער האָט ווי אויפגעוואַכט. זי האָט לאַנגזאַם אויסגעטאָן דעם זשאַקעט און גענומען דאָס קינד. זי האָט, זעט אויס, געוואָלט אין עפּעס פאַרגעסן און האָט שטאַרק צוגעדריקט דאָס קינד צו איר ברוסט.

אויך איך האָב דערפילט אַ פאַרלאַנג מיט עפּעס גוט צו מאַכן, און גענומען העלפן דער מאַמען. די מאַמע איז אַריין אין דער טונקעלער קיך, ווי אַ פרעמדע. זי האָט זיך אויף אַ מינוט פאַרהאַלטן, ווי זי וואָלט נישט געוווסט פון וואָס אָנצוהייבן — אין דער מינוט האָבן זיך דערהערט האַרטע, ווי פאַלנדיקע טריט, אַ שאַרן און רודערן הינטער דער טיר. מיר האָבן געמיינט, אַז דאָס איז דער ברודער צוריקגעקומען מיט די זאַכן. אָבער באַלד האָבן מיר דערהערט חנהס זינגענדיקע שטים מיט אַ קלאָגנ־דיקן ניגון, זי איז ווי יעדן דאָנערשטיק געקומען רוימען די שטוב און העלפן דער מאַמען מאַכן שבת. איר שטים איז געווען אַ טונקעלע, אַ הייזעריקע און הוילע, ווי פון אַ רער:

— היינט איז דאָנערשטיק... ווו איז דאָס גאָלדענע קינד?... היינט איז דאָנערשטיק... הייליקער מלאך...

די טיר האָט זיך געעפנט און חנה איז אַריינגעפאַלן אויף אירע קנאַקעדיקע, ווי הילצערנע שיך. זי האָט דערזען די מאַמע און איז אַ פאַל געטאָן צו איר:

— גאָלדענע מאַדאַם... היינט איז דאָנערשטיק... און ווו איז דאָס גאָלדענע קינד?...

חנה האָט מיך דערזען און מיך אַ כאַפּ געטאָן. מיט אירע שמאָלע, האַרטע, ווי הילצערנע, הענט האָט זי מיך אַ דריק געטאָן צו איר האַרץ,

ווי צו אַ דאַר ברעטל און איך האָב דערפילט דעם ריח פון פייכטע זעק. זי האָט מיר אַ וויש געטאָן איבערן פּנים מיט אירע האַרטע פינגער און האָט זיך צעיאָמערט:

— היינט איז דאָנערשטיק... און היינט איז דאָנערשטיק... כ'האָב דאָך ענק אַזוי לאַנג נישט געזען... און ווו איז דאָס גאָלדענע קינד, דער הייליקער מלאך?...

די מאַמע האָט געקוקט אויף חנהן מיט אירע אָנגעווייטיקטע אויגן:

— חנה... — האָט די מאַמע געבעטן — חנה... שטילער... דאָס קינד וועט זיך דערשרעקן...

אָבער חנה איז שוין געווען אין דער צווייטער שטוב. זי האָט דערזען די שוועסטער מיטן קינד און האָט אַרויסגעלאָזן אַ נייעם זינגענדיקן יאָמער. זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו זיי:

— שיינער מלאך... ווו איז דאָס מלכותדיקע קינד?

דאָס קינד האָט זי נישט דערקענט. עס האָט אַ קוק געטאָן אויף איר מיט אויפגעריסענע אויגן, אַ צאַפּל געטאָן און זיך פאַרקייכט אין אַ צעריסן געוויין פון שרעק.

עס האָט לאַנג געדויערט, ביז וואַנען מען האָט באַרויִקט דאָס קינד. חנה איז געקראָכן אויף דער ערד ווי אַ הונט, זי האָט געקושט די פיס ביי דעם קינד און ביי דער שוועסטער, זי איז געלעגן ווי אַ פּאַק שמאַטעס און איר בלוי, ווי אייזערן פּנים, איז געווען פאַרקרומט אין אַ משונהדיקן שמייכל. זי האָט צונויפגענומען איר גאַנצע צאַרטקייט און גוטסקייט אויף צו באַרויִקן דאָס קינד, ביז וואַנען דעם קינד איז עפּעס ווי קלאָר געוואָרן און עס האָט זיך אפשר דערמאָנט, אַז דאָס איז „חנה היינט איז דאָנערשטיק", ווי מען האָט זי גערופן. דאָס קינד האָט זיך פאַרקלערט און אַ נישט־זיכערער שמייכל האָט אַ שפּיל געטאָן אויף די פאַרטרערטע בעקלעך. פון דעם קינדס מיילכל איז ווי אַרויסגעפאַלן דאָס וואָרט „חנה".

ווען מיר זענען אַוועקגעפאָרן, האָט נאָך דאָס קינד נישט גערעדט.

ווי חנה האָט דערהערט איר נאָמען אינעם קינדס מויל, האָט זי זיך אַ וואָרף געטאָן. זי האָט פאַרלוירן די שמאַטעס און איר שמאָלער און לאַנגער קאָפּ האָט זיך באַוויזן ווי אַן אייזערנער טאָפּ, באַדעקט מיט שיטערע, גלייכע האָר. זי האָט זיך מיט אירע פינגער ווי טשוועקעס געקנייפּט אין די בלויע באַקן פון עפּעס אַ משונהדיקער פרייד:

— כ׳וועל דאָס נישט אויסהאַלטן... היינט איז דאָנערשטיק... הייליקער מלאך...

— חנה... — האָט דאָס קינד נאָך אַ מאָל אַרויסגעפּלאָפּלט; און עס איז אונדז באַפאַלן אַ פרייד. די האַלב־צעדולטע יידענע חנה איז פון יאָרן שוין געווען פאַרבונדן מיט אונדזער שטוב. זי איז געווען דער מאַמעס שקלאַף און די איינציקע, וואָס האָט געדענקט אונדזערע גע־שטאָרבענע קינדער. זי האָט ליב געהאַט די מאַמע מיט אַ משוגענער ליבע און האָט, רוימענדיק און וואַשנדיק די פאָדלאָגעס, געהאַלטן אין איין דערציילן דער מאַמען אויסטערלישע מעשיות, וואָס האָבן באַ־דאַרפט זיין פאַר איר אַ טרייסט. זי האָט דערציילט פון הייליקע צדיקים און די מעשה פון איוב.

חנה איז גרייט געווען צו גיין אין פייער אַריין פאַר אונדז אַלע. איר גוטסקייט פאַר אונדז האָט נישט געהאַט קיין גרענעץ. עס איז אָבער געווען איין זאַך, וואָס האָט זי געקאָנט אַריינברענגען אין אַ מוראַדיקן כעס. דאָס איז געווען נאָר דעמאָלט, ווען עמעצער פון אונדז האָט אַ טרעט געטאָן אויף דער נאַסער פאָדלאָגע, ווען זי האָט געהאַלטן אין מיטן וואַשן. דעמאָלט האָט זיך אָנגעצונדן עפּעס אַ בלוי פייער, וואָס האָט פאַרדעקט אירע שפּיציקע באַקן, אירע אויגן האָבן געשאָסן מיט שפּיזלען און זי האָט גענומען שעלטן מיט אויסטערלישע קללות „די אַלע, וואָס טרעטן אויף נאַסע פאָדלאָגעס" און עס אַרט זיי נישט יענעמס פּראַצע.

זי האָט דעמאָלט געכאַפּט אירע נאַסע שמאַטעס, אַ זעץ געטאָן מיט דער טיר און אַנטלאָפן ביז דעם אַנדערן דאָנערשטיק.

דאָס מאָל איז חנה געקומען העלפן דער מאַמען און זי האָט אונדז אַלע אַרויסגענומען פון דער שווערער קלעם.

זי איז אַריין אין דער קיך און באַלד האָט זיך די טונקעלע, אויס־געקילטע קיך צעוויגט אין אַ זינגענדיקער און הודזשענדיקער וואַרעמ־קייט פון אַ פריילעך פייער. עס האָט גענומען זידן און קאָכן.

אויך די מאַמע איז אַרויס פון איר שווער געמיט. חנה האָט דערציילט מעשיות פון דער גאַס, פון דעם הויז, פון די שטיבער, אַלץ, וואָס ס׳איז געשען פאַר דעם זומער. זי האָט צוגעזאָגט דער מאַמען, אַז עס וועט זיין גוט. זי האָט געלויבט דעם טאַטן, וואָס איז אַזאַ טייערער מענטש,

וואָס פאַר אַ גאָלדן האַרץ, ווי ער האָט גערעדט מיט איר, ווען זי איז געקומען ריין מאַכן, איידער מיר זענען געקומען.

די מאַמע האָט אַ שמייכל געטאָן.

די מאַמע האָט אַלץ געקוקט דורכן פענצטער, צי מען זעט נישט דעם ברודער.

נאָך האַלבן טאָג האָט זיך ווידער באַוויזן אַ שוואַכער אָפּשײַן פון דער זון. מיר זענען געזעסן אַרום דעם טיש און געגעסן דאָס ערשטע מאָלצייט אין דער היים. חנה איז געזעסן אויף דער וואַרעמער קיך און געגעסן פון אַ טעפּל.

דער טאַטע האָט זיך נישט געוויזן, אָבער מיר האָבן איצט אַלע מיט אומרו געוואַרט אויפן ברודער.

ענדלעך, ווען עס האָט שוין לאַנג אָנגעהויבן צו טונקלען, האָט זיך דערטראָגן פונעם הויף אַ געשריי. די מאַמע איז אַרויס אויפן הויף, מיר זענען אַרויס נאָך איר. מיר האָבן דערזען דעם סטרוזש וואָלענטי זיך אַמפּערן מיטן ברודער. דער סטרוזש האָט נישט געוואָלט עפענען דעם טויער. דער סטרוזש האָט געהאַט אַלטע חשבונות מיטן ברודער. דערזען די מאַמע, האָט דער גוי געעפנט דעם טויער און דאָס דאָרפישע פורל מיט דעם פויער איז אַריינגעפאָרן אין הויף אַריין.

באַלד האָט זיך באַוויזן דער ברודער. ער איז געווען פאַרשטויבט פון קאָפּ ביז די פיס. פאַרקרומט, מיט פאַרקוועטשטע אויגן, האָט ער זיך אַריינגעשלייכט אין שטוב אַריין. איך בין צוגעגאַנגען צו אים און דער־פילט פון אים דעם ריח פון דאָרט און האָב זיך דערמאָנט אין די פאַר־לאָפענע טעג.

3

די פאַרנאַכטיקע טונקלקייט האָט זיך דאָ אין שטאָט, באַזונדערס אין אונדזער שטוב, אָנגערוקט מיט אַ מאָל, און מיר האָבן פּלוצלינג דערפילט, אַז ס'האָט זיך געענדיקט אַ צייט, וואָס איז אַוועק מיט דער ליכט פון דעם זומער. איצט האָבן מיר אַלע, כאָטש מען האָט נישט גערעדט דערפון, געוואַרט אויפן טאַטנס צוריקקומען.

די געברענגטע זאַכן פונעם דאָרף זענען געלעגן אָנגעוואָרפן אין אַ באַרג אין מיטן שטוב. דער דאָרפישער גוי האָט לאַנג געזופט די טיי, געגעסן די ווייסע, שטאָטישע בולקע און ווען ער איז אַרויס פון דער

שטוב צוריקצופאָרן אַהין, פון וואַנען מיר זענען געקומען, האָב איך אים נאָכגעקוקט מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ, ווייל דאָס שטיק וועלט פון דאָרט איז שוין איצט פאַר מיר געווען איינגעהילט אין אַן איידל ליכט, ווי פאַרדעקט מיט אַ זיידענעם פאַרהאַנג, און דער גוי מיט דער בייטש האָט מיט זיינע גראָבע, פאַרשטויבטע שטיוול ווי געטרעטן איבער דעם איידעלן זייד.

די מאַמע האָט פאַר אַלעם אויפגעשטעלט דעם קינדס בעטל אין דעם ווינקל, ביי דער טיר פון דעם טונקעלן אַלקער. זי האָט געבעט דאָס קליינע בעטל מיט גלעטנדיקע הענט, מיט אַזעלכע טרויעריקע און פאַר־טראָגענע אויגן, ווי זי וואָלט אָפּגעריכט אַ תפילה. ווען די מאַמע האָט געשפּרייט דאָס ווייסע, פעכלדיקע געלעגער פאַרן קינד, האָט זיך שטענ־דיק אין דער שטוב אויסגעשפּרייט עפּעס אַ פאַרכטיקייט, אַ פרייד און אַ טרויער צוזאַמען. אויפן דאָרף האָט מען עס אַזוי נישט געפילט. די קורצע זומערנעכט זענען געלאָפן ווי לוסטיקע פייגל, אָבער דאָ, אין דעם ערשטן אָוונט, האָבן זיך שוין אַריינגעקריגן די שרעקיקע שאָטנס פון די געשטאָרבענע קינדער און דער ערשטער אָוונט אין שטוב איז שוין געווען אָנגעפילט מיט אַ טונקעלן אומרו.

די מאַמע האָט מיט חנהס הילף געוואַשן דאָס קינד. עס האָט זיך צעלייגט דער וואַרעמער, מילדער ריח פון זייף און וואַרעם וואַסער, און דאָס קינד, שוין אַ שלאָפנדיקס, איז געלעגן אויף דעם ווייסן קישן און די שוואַרצע, זיידענע וויִעס האָבן געצאַפּלט אין אַ פאַרטראָגענעם, קינדערישן שלאָף.

חנה האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף דער פּאָדלאָגע נעבן קינדס בעטל און לאַנג געשעפּטשעט משונהדיקע אָפּשפּרעכונגען. זי האָט געמאַכט סימנים מיט אירע שמאָלע, האַרטע הענט איבערן קינדס שלאָפנדיקן קאָפּ, געשפּיגן און נישט אויפגעהערט צו איבערחזרן איר שטענדיקן, אומ־זיניקן שפּרוך: „הייִנט איז דאָנערשטיק... הייִנט איז דאָנערשטיק"...

אַלע זענען מיר געשטאַנען אַרום דעם קינדס בעטל און געקוקט אויף דער פרישער שיינקייט פונעם שלאָפנדיקן קינד, וואָס האָט ווי געלויכטן אין דעם טונקל.

מיר האָבן אַפילו נישט געהערט ווי דער טאַטע איז אַריינגעקומען. ער איז געבליבן שטיין אויף דער שוועל און איך האָב דער ערשטער דערפילט די פרישע קילקייט, וואָס ער האָט מיט זיך אַריינגעבראַכט

פון דער גאַס. מיין האַרץ האָט אויפגעצאַפּלט מיט דער שטענדיקער פריידיקייט און זיכערקייט, וואָס דער טאַטע האָט אַריינגעבראַנגט מיט זיך.

אונדזער גרינער לאָמפּ אויף דעם הויכן, צינערנעם פוס האָט שוין געברענט און דער בלייכער קרייז ליכט האָט פאַרכאַפּט אַ טייל פון דער שטוב. שאָטנס זענען אַרומגעגאַנגען איבער די ווענט. דער טאַטע האָט זיך אָנגעבויגן איבערן קינדס בעטל. אַ שמייכל האָט אויפגעלויכטן אין זיינע גרויע אויגן. ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט איבערן קינדס שלאָפנדיקן קאָפּ, ווי עס וואָלט אים צופיל געררירט די שיינקייט און פרישקייט, וואָס האָט געשטראַלט פון דעם קינד. חנה איז געשטאַנען אין מיטן שטוב און דער טאַטע האָט זיך ווי פאַרשעמט. אַלע האָבן מיר עס געפילט. די שוועסטער האָט גענומען אַ בוך און זיך געזעצט אין ליכט פון דער לאָמפּ. די מאַמע איז אַריינגעקומען פון דער קיך, ווו זי האָט זיך פאַרנומען מיט דעם ברודער. פלוצלינג האָט דער טאַטע ביי אַלע און ביי קיינעם נישט געפרעגט, צי דער ברודער איז שוין לאַנג געקומען. און באַלד האָט ער צוגעגעבן:

— ווו איז ער?... ער האָט שוין געגעסן?...

דאָס איז געווען גענוג, אַז די מאַמע זאָל מיט אַ מאָל אויפלייכטן. זי איז געוואָרן לייכט און רירעוודיק און איר שמאָלער, שטאָלטנער קאָפּ האָט זיך אַ טראָג געטאָן מיט אַ יוגנטלעכער גראַציע פון איר הויכן האַלדז. זי האָט גענומען גרייטן פאַרן טאַטן עסן, דערציילנדיק אים, אַז דאָס יינגל איז געקומען פאַרמאַטערט פונעם פאַרן אין שטויב מיטן וואָגן אַ גאַנצן טאָג, אַז ער האָט זיך קוים דערוואָשן און געלייגט שלאָפן. דער טאַטע האָט געהייסן אַרויסנעמען פון זיין מאַנטל וואָס ער האָט געבראַנגט — זיסיקייטן און פרוכטן, און מיר האָבן געהערט ווי זי האָט מיט אַ צאַפּל פון צאַרטקייט געוועקט דעם ברודער אין דער קיך, זאָגנדיק אים מיט אַ שטים פון טיפער גערירטקייט: „דאָס האָט דער טאַטע דיר געבראַנגט". שטענדיק, ווען צווישן דעם טאַטן און דעם ברודער האָט זיך איינגעשטעלט עפּעס אַ נאָענטקייט, האָט זיך דורך דער שטוב דורכגעטראָגן אַ וואַרעמער שטראָם, ווי עס וואָלט אויפגעטאַיעט אַ דריקנדיקער קנופּ און עס האָט זיך געוואָלט עס זאָל שוין קיין מאָל אַנדערש נישט זיין.

*

ווי עס וואָלט זיך געעפנט אַ קוואַל, האָט דער טאַטע אַנגעפילט די שטוב מיט זיין געזונטער לוסטיקייט. חנה איז געבליבן, כדי צו העלפן דעם טאַטןביים אויפשטעלן די זאַכן. דער טאַטע האָט זיך באַלד מיט איר אַריינגעלאָזט אין אַ שמועס. ער האָט געגומען חנהן דערציילן עפּעס אַ געשיכטע, ווי אַזוי ער האָט געהאַט צו טאָן מיט שדים ערגעץ אין אַ מיל, וווּ ער האָט געאַרבעט אין דער יוגנט. חנה איז געבליבן זיצן ווי פאַר־שטיינערט, אירע בורע אויגן, ווי צוויי מאַטע, אומעטיקע קנעפּלעך, זענען שטיין געבליבן אויפן טאַטן אין אַ פאַרגליווערטער שרעק.

דער קלוגער, אומעטיקער שמייכל אויף דער מאַמעס פּנים האָט אַ שפּיל געטאָן און דער טאַטע האָט מיט זיין רויִקער, געמיטלעכער שטים אַלץ געצויגן די פאַרביקע דערציילונג וועגן די שדים: ווי אַזוי די שדים האָבן געשפּילט אַ חתונה אין דער פאַרוואָרפענער מיל נעבן וואַלד, ווי אַזוי דער טאַטע איז אַריינגעגאַרט געוואָרן אויף דער חתונה, און ווי אַזוי ער האָט זיך פון די שדים געראַטעוועט מיט אַ מזוזה.

דער טאַטע האָט נאָכגעמאַכט די שדים, ווי אַזוי זיי האָבן געטאַנצט, די שדישע מחותנים, די כלה און דער חתן.

אַפילו די שוועסטער האָט פון צייט צו צייט איבערגעריסן דאָס לייענען און געקוקט אויפן טאַטן מיט אירע גרויסע, שטראַלנדיקע אויגן.

מיט אַ מאָל האָט זיך פון דער קיך דערהערט אַ פאַרשטיקט לאַכן. דאָס איז געווען אַזוי אומדערוואַרט. דאַכט זיך צום ערשטן מאָל האָב איך געהערט דעם ברודערס געלעכטער, וואָס ער האָט נישט געקאָנט איינהאַלטן, הערנדיק דעם טאַטנס דערציילן. די מאַמע איז אַ לייכטנדיקע אַריין צום ברודער אין קיך, זי איז צוריק אַריינגעקומען און מיט אַ טיפן זיפץ געזאָגט צום טאַטן:

— ווען מען איז גוט צו אים, איז ער אַ קינד, אַזוי ווי אַלע...

חנה האָט לאַנג געפינטלט מיט די אויגן. זי האָט אַ צאַפּל געטאָן פון שרעק. עפּעס געמורמלט און דערציילט, אַז ביי איר אין קעלער, וווּ זי וווינט, זענען אויך דאָ נישט־גוטע, וועלכע טרינקען אויס דאָס וואַסער. זיי האָבן איר אָוועקגעשלעפּט אַ נייע שמאַטע צו וואַשן די פּאָד־לאָגע. דער טאַטע האָט איר אַנגעזאָגט, אַז זי זאָל לאָזן דורכזען די מזוזה, אַז קיין אַנדער עצה איז נישטאָ.

דעם גאַנצן אָוונט איז די שטוב געווען פול פון אַ הייטערקייט, וואָס האָט מיך געמאַכט פאַרגעסן אין מיינע אַנגעווייטיקטע טעג. די שטוב

האָט אָנגעהויבן לעבן מיט אַ ריטעם פון אָרדענונג. אַלץ איז געווען פריש געוואַשן, מיט אַ שימער פון יום־טוב, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז מען וווינט אין אַ נייער דירה. די מאַמע איז אָנגעשטאַנען איבערצורוקן די שאַנק אין אַ צווייטן ווינקל. דער טאַטע האָט זיך לאַנג געשפּאַרט און צום סוף נאָכגעגעבן דער מאַמען.

די שאַנק איז פון יאָרן געווען באַלייגט מיט צענדליקער זאַכן, וואָס דער טאַטע האָט געהאַלטן און אָפט ליב געהאַט צו קוקן אויף די מערק גלאַט אַזוי, ווייל זיי זענען אים געפעלן. אַזוי איז געלעגן עפּעס אַ גרויסער, כינעזישער טינטער מיט אַן אויסגעשניצטער משונהדיקער חיה, אויף וועלכער די מאַמע האָט מורא געהאַט צו קוקן. עס איז אויך געלעגן פון יאָרן אַ טערקישע פּעסקע, וואָס דער טאַטע האָט געברענגט פון קאַווקאַז, ווו ער האָט געדינט ביי דער טערקישער גרענעץ. אויף דער שאַנק איז אויך געלעגן אַ קלאַרנעט, אויף וועלכן דער טאַטע האָט געבלאָזן אין מיליטער. דער טאַטע האָט געקענט אויף דעם קלאַרנעט אויסשפּילן אַ טרויער־מאַרש, מיט וועלכן מען האָט באַגראָבן אַ רוסישן גענעראַל. פון דעם מאַרש פלעגט דער מאַמען אָנהייבן ווי טאָן דער קאָפּ און דער איינציקער, וואָס האָט געלויבט דעם טאַטנס שפּילן, איז געווען דער סטרוזש וואַלענטי, וואָס האָט אויך געדינט אין רוסישן מיליטער.

איצט זענען די אַלע זאַכן געלעגן אויפן טיש. די מאַמע האָט געהאַלטן, אַז מען דאַרף דאָס אַלץ אַרויסוואַרפן, אָבער דער טאַטע האָט געפּועלט, אַז זיי זאָלן ווייטער ליגן. דער אָוונט האָט זיך לאַנג געצויגן. איך בין געלעגן האַלב־דרימלענדיק און האָב נאָך אַלץ געזען דעם טאַטנס געמיטלעכע אַרבעט.

דער שוועסטערס בעט האָט שוין געבלאַנקט אינעם ווינקל מיט דער שטענדיקער אָפּגעזונדערטקייט, מיט וועלכער די מאַמע האָט אַרומגעשטעלט איר אָרט אין שטוב.

מיט אַ פרײדיקער רו האָט געקלאַפּט מיין האַרץ, און אין האַלבן דרימל האָב איך זיך חלומדיק געטראָגן איבער די איבערגעלעבטע טעג. עפּעס אַ גרויסער צוזאָג האָט זיך געוויגט אין מיר, אַ צוזאָג פון נייע טעג, וואָס וועלן קומען. און ווען איך האָב זיך דערמאָנט, אַז הינטערן פענצטער שטייען גאַסן און עס גייען מענטשן, מענטשן אָן אַ צאָל, און רוישיקע גאַסן, איבער וועלכע איך בין געפאָרן פון דער באַן אין דער דראָזשקע — איז מיר פאַרגאַנגען אַ זיסע רעגונג פון דערוואַרטונג. מיין

זינען האָט געוואַנדלט פון גאַס צו גאַס און אויסגעמיטן נאָר איין ווינקל, דאָס ווינקל אין אונדזער הויף, מיט דעם פענצטער פון די „דאַבעלעס", ווו עס האָט אַרומגעשלומערט די נשמה פון דער געשטאָרבענער „בלויער לאה".

איך האָב אַוועקגענומען מיין האַרץ און מיין געדאַנק פון דעם ווינקל און מיט אַ שטאַרקן, קינדערישן שלאָף בין איך איבערגעשלאָפן די ערשטע נייע נאַכט אין דער טונקעלער דירה.

4

עס האָבן אָנגעהויבן גיין די קורצע, קעלטלעכע טעג. די אינדערפריען האָבן נאָך אַ שפּיל געטאָן דורך אונדזערע האַלב־בלינדע פענצטער מיט אַ נעפּלדיקן שטראַל ליכט, און עס האָט אויסגעזען ווי דער זומער וואָלט זיך נאָך אומגעקערט. נאָר האָט מען געעפנט דאָס פענצטער, אָדער די טיר, האָט דער דרויסן אַ פאַרכאַפּ געטאָן דעם אָטעם מיט אַ שטייפער קעלט, וואָס האָט דערפרישנדיק געררייצט.

אין שטוב האָט זיך נאָך געהאַלטן דער שימער פון ריינקייט נאָך דעם צוריקקומען פון דער זומערוווינונג. דאָס בעטגעוואַנט האָט נאָך געהאַט אַ קעלטלעכע, שטייפע ריינקייט, אָבער פון טאָג צו טאָג האָט די שטוב אָנגענומען איר אייביקן אויסזען, ווי פאַרן פאַרן אויפן דאָרף. די פאַרגאַנגענע טעג האָבן ווי אַ ריי לייכטנדיקע לאָמפּן, זיך גענומען לעשן, אָפּרוקן זיך אין אַ נעפּלדיקער ווייט און פאַרשטעלט געוואָרן דורך די לויפנדיקע טעג און נעכט. אָבער עפּעס נייעס האָט זיך אַריינגעפלאָכטן אין מיין לעבן. ס'איז צוגעקומען די גרויסע, רירעוודיקע, קאַלירטע וועלט הינטערן פענצטער, וואָס האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט. צו דער וועלט האָט מיך געצויגן. איך בין נישט געוווינט געווען אַוועקצוגיין פון דער היים. איך בין איצט ווידער אָפּגעזעסן ביים פענצטער, ווו מען האָט קוים געקאָנט זען אַ סמוטנע שטיקל הויף. אָבער גאָר אָפט האָב איך אָנגעהויבן אַרויסגיין אין הויז, צו די טרעפּ. מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ זיך צוגעשלייכט צום טויער, אַ קוק געטאָן אין דעם ראַיענדיקן לאַבירינט פון דער גאַס און צוריק אַריין אין שטוב. ווידער בין איך געבליבן מיטן קינד, ווען די מאַמע איז אַוועקגעגאַנגען איינקויפן. ווידער האָב איך געלעזן דער שוועסטערס ביכלעך.

דער ברודער האָט זיך די ערשטע טעג, נאָכן צוריקקומען פונעם

דאָרף, אַן אָפּגעוואָשענער און פאַרקעמטער, געדרייט איבער דער קיך, ווי די מאַמע האָט אים פאַרהאַלטן, געהיטן מיט גוטע רייד. דערנאָך האָט ער ווידער אָנגעהויבן פאַרשווינדן ביז אין שפּעטן אָוונט.

די שוועסטער איז שוין געגאַנגען אין „שקאָלע" און ביז איר צוריקקומען, צום מיטאָג, איז די שטוב געווען מיינע. אָבער ווי נאָר זי איז אַריינגעקומען אין שטוב מיט איר צעשפּילטער שיינקייט, מיט אירע ביכער און קאַיעטן, האָט זי באַהערשט די גאַנצע שטוב. נאָך מיטאָג זענען צו איר געקומען מיידלעך, אירע חברטעס פון „שקאָלע", מיט וועלכע זי האָט געמאַכט די לעקציעס. די נאָכמיטאָג־שעהען, ווען די מיידלעך זענען געקומען, זענען פאַר מיר געווען מאָדנע מאַטערנדיקע. איך האָב זיך נישט געהאַט ווו אַהין צו טאָן. די שוועסטער האָט מיך כסדר געיאָגט איך זאָל נישט שטערן. די מיידלעך האָבן נישט געקוקט אויף מיר, זיך געהאַלטן גרויס און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז זיי לאַכן פון מיר אָפּ.

איינע פון זיי, איטקע, אַ חסידישע טאָכטער, וועמענס עלטערן האָבן געהאַט אַ גרויס בשמים־געוועלב אין אַ ווייטער, יידישער גאַס, איז געווען אַ קליינע, אַ ברייטע, אַ ווייסע, מיט גרויסע, שוואַרצע, גלאַנציקע, ווי לאַקירטע אויגן און אַ פול פּנים מיט געלעכטער. זי האָט אויסגעזען ווי אַ קליין ווייבעלע און עס איז געווען שווער, ביי אירע דרייצן, אָדער פערצן יאָר, צו וויסן מיט וואָס זי איז נישט קיין דערוואַקסענע. זי האָט זיך געשפּילט מיטן קינד מיט אַ מאָדנער ווייבערישער פאַסיע. זי האָט עס געקאָנט צעשפּילן און דערפירן צו אַ ספּאַזמישן לאַכן. זי האָט עס געדריקט צו זיך, עס געביסן און געריסן, ביז וואַנען דאָס קינד איז מיד געוואָרן און לאַנג געהעשעט.

אין דער פאַסיע פון דעם מיידל צו דעם קינד איז געווען עפּעס אומהיימלעכס, עפּעס אַ טונקעלער און זיסער סוד צווישן אונדז ביידע, וואָס האָט זיך איבערגעחזרט טאָג ביי טאָג.

געוויינלעך, ווען איטקע איז געקומען, פלעג איך נעמען דאָס קינד אויף די הענט און אַוועקגיין אין אַ ווייטערן ווינקל, כדי נישט צו שטערן די מיידלעך מאַכן די לעקציעס.

איך פלעג זיך זעצן מיט דעם קינד אויף דער שוואַרצער, צעראַטענער קאַנאַפּע און מישן אַ בוך, ווו עס זענען געווען אַ סך בילדער. דאָס קינד האָט זיך פאַרקוקט אויף די בילדער און איך האָב געלעזן. דעמאָלט פלעגן מיר ביידע באַפאַלן ווערן פון דעם מיידל איטקע. זי האָט דערביי

אויף מיר נישט געקוקט, ווי איך וואָלט נישט געווען, נאָר אָנגעהויבן גלעטן און קושן דאָס קינד. דאָס קינד האָט זיך געריסן צו איר, אָבער איך האָב עס געהאַלטן און איטקע האָט אַרומכאַפּנדיק דאָס קינד, אויך באַרירט מיין קאָפּ. זי האָט געקושט דאָס קינד און אירע טונקעלע, קילע האָר האָבן פאַרדעקט און געאָטעמט אויף מיין פּנים. דאָס מיידל האָט געהאַט עפּעס אַ מאָדנע ריח פון טונקעלע און זיסע בשמים, וואָס האָבן גערייצט און מיד געמאַכט. זי האָט אים אַריינגעאָטעמט אין מיר. די גאַנצע ברייטע, קרעפּטיקע וואָג פון איר קערפּער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין מיינע קני׳ען. דאָס איז געווען עפּעס אַ מאָדנע שפּיל, פון וועלכער מיין האַרץ איז ווילד און זיס געשפּרונגען. דערנאָך האָב איך זיך, אַליין נישט וויסנדיק פאַר וואָס, געשעמט און געפילט די פיינטשאַפט פון די מיידלעך, וועלכע האָבן מיט אַן איבערגעטריבענער פאַרביסנקייט געמאַכט פאַר־ווורפן איטקען, וואָס זי שטערט דאָס לערנען.

מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די מיידלעך ווייסן פון אונדזער מאָ־טערנדיקן סוד און איך האָב זיך געשעמט ביי איר צו נעמען דאָס קינד. דעמאָלט איז איטקע געזעסן אַן אויסגעלאָשענע און שטילע. זי האָט גענומען קוקן אויף מיר און פון אירע אויגן איז פאַרשוווּנדן דאָס גע־לעכטער.

✶

דער טאַטע פלעגט אַהיימקומען אין אָוונט, אַ מאָל פריער, אַ מאָל שפּעטער. עס פלעגט אויך טרעפן, אַז דער טאַטע איז נישט געקומען אַהיים עסן מיטאָג. ער האָט געגעסן ביים פעטער, ביי וועלכן ער האָט געאַרבעט אין דער פאַבריק. דער מאַמען האָט פאַרדראָסן, ווען דאָס האָט געטראָפן, ווייל ביי אונדז אין שטוב איז שטענדיק געווען אַן אָנגערייצטקייט צו דעם רייכן פעטער אשר, דעם טאַטנס עלטסטן ברודער, און נאָך מער צו דער מומע ריווע, וועלכע די מאַמע האָט פון שטענדיק אַן פיינט געהאַט.

ווען דער טאַטע איז נישט אַהיימגעקומען צו דער צייט, האָט אים די מאַמע באַגעגנט מיט אַ קאָמפּרעס אויפן קאָפּ און מיט שטעכיקע פאַרוווּרפן. עס האָט זיך באַלד אָנגעהויבן וועגן דער דירה, דעם „פינצ־טערן גרוב״. וועגן דער שוועסטער, וואָס שעמט זיך פאַר אירע חברטעס, וועגן די מיידלעך פון פיינערע שטובן, ווו מען „לעבט ווי מענטשן״. די

מאַמע האָט פאַרגעוואָרפן דעם טאַטן, אַז ער דאַרף נישט די שטוב, ווייל ער פאַרברענגט אַממייסטן ביי זיין רייכן ברודער, ווו עס איז ליכטיק און פריילעך. דאָס האָט זיך געהערט ווען דעם רייכן פעטער אשר.

ביי דעם רייכן פעטער בין איך, אין מיין לעבן, ביז דעמאָלט געווען נאָר איין מאָל, מיט מיין שוועסטער אין אַ יום־טוב. צו דעם וויזיט האָט די מאַמע מיך לאַנג צוגעגרייט, כדי מען זאָל „דאָרט" נישט מיינען, אַז מיר זענען די אָרעמע משפחה. פון דעם וויזיט ביים רייכן פעטער, איז מיר פאַרבליבן אַממיינסטן די קוועל פון דעם הויכן, האַרטן „בייבי־" קאָלנער, וואָס האָט מיר אונטערגעשפּאַרט דעם האַלדז און נישט געלאָזט אַראָפּלאָזן דעם קאָפּ.

עס איז מיר פאַרבליבן אַ יום־טובדיקער ריח פון גוטע זאַכן, צוזאַמען מיט אַ שווערן עול פונעם זיצן ביי דעם גרויסן, ליכטיקן, ווייסן טיש, וואָס האָט געפינקלט מיט גלאָזוואַרג, מיט גאָלד, זילבער און וויין.

דער עול איז געווען גרעסער פון דעם פאַרגעניגן, פון די פּאָמע־ראַנצן און קאָלירטע זיסיקייטן, און עס איז מיר פאַרבליבן אַ שרעק, ווען מען האָט גערעדט וועגן גיין צום רייכן פעטער. דער אומרו איז מיר נאָכגעגאַנגען פון דעם וויזיט, ווען איך האָב זיך דערמאָנט ווי די שמע־קנדיקע און אויסגעקעמטע קוזינקעס, וואָס זענען געווען אַ סך, האָבן מיך, יעדערע באַזונדער, געפרעגט ווי איך הייס אויף פויליש און וואָס איך לערן.

איך האָב קיין מאָל נישט געקאָנט געדענקען די נעמען פון די קוזינקעס, אַחוץ איינעם, פון דעם קוזין לאָלעק, וואָס איז געווען עלטער פון מיר מיט צוויי יאָר. ער האָט מיך גאָרנישט געפרעגט, נאָר גלייך געשלעפּט אויפן הויף שפּילן אין „קוקסאָ". און שוין ביי יענעם וויזיט, האָט ער מיר געוויזן עפּעס אַ קונץ, ווי מען שיסט מיט אַ שליסל, פון וועלכן איך בין שיער געבליבן אָן אַן אויג.

פון דעמאָלט אָן בין איך ביים רייכן פעטער נישט געווען, כאָטש דער טאַטע האָט נישט איין מאָל גערעדט וועגן שיקן די קינדער צום פעטער. די מאַמע האָט גוט געוווסט, אַז ווען דער טאַטע זאָגט „די קינ־דער", מיינט ער אונדז, אַחוץ דעם ברודער. און דאָס איז געווען גענוג, אַז די מאַמע זאָל קריגן אַנגעווייטיקטע אויגן.

פון זינט איך בין געבוירן געוואָרן האָב איך געוווסט, אַז די מאַמע האָט פיינט די רייכע שוועגערין, די מומע ריווע, אַז זי גייט קיין מאָל

נישט אַהין. גיכער זענען דער פעטער מיט דער מומע געקומען צו אונדז. יעדעס מאָל, ווען עס איז געווען אַ ברית, אָדער אַ לוויה פון יעדן פון מיינע געשטאָרבענע ברידערלעך — אין אַזאַ צייט האָט זיך צו אונדז באַוויזן דער רייכער פעטער אשר מיט דער מומע ריווע.

אויך איצט, זינט מיר זענען געקומען צופאָרן פון דער זומערוווינונג, האָט דער טאַטע אין די שפּעטע אָוונטן גערעדט מיט דער מאַמען וועגן דעם, אַז דער פעטער מיט דער מומען קלייבן זיך צו אונדז. דער עיקר, זיי ווילן זען דאָס קינד.

די מאַמע האָט ווי געוויינטלעך, אויסגעלייגט אַלע טענות קעגן דעם, אַז עס איז נישטאָ ווו „אַוועקצוזעצן אַ מענטש״, אַז זי שעמט זיך פאַר די ווענט, אַז זי האָט פיינט די שוועגערין. דער טאַטע אַליין האָט אויך פון דער שוועגערין ליב געהאַט חוזק צו מאַכן, נאָכצוקרימען ווי זי רעדט האַלב־יידיש און האַלב־פּויליש. דערביי האָט ער געמאַכט ווייבער־רישע שטיק, ביז וואַנען די מאַמע האָט אַ שמייכל געטאָן.

דער טאַטע האָט זיך געהאַלטן ביי זיינס, אַז דער ברודער טוט אים נישט קיין שלעכטס, אַז דאָס, וואָס יענער איז רייך, איז אַ צופאַל, און ער איז אים נישט מקנא. אַז דאָס איז זיין ברודער און מען קאָן נישט זיין אַזוי פרעמד.

צום סוף האָט דער טאַטע איינגעשטימט מיט דער מאַמען, אַז דער פעטער אָשר איז „אַוודאי נישט דער פעטער יאָסל״. דער פעטער יאָסל דאָס איז געווען דעם טאַטנס צווייטער ברודער, מיט זיין ווייב, די מומע איידל, וועלכע די מאַמע האָט שטאַרק ליב געהאַט. דער פעטער יאָסל איז געווען דער באַליבטסטער מענטש אין אונדזער שטוב. די לעצטע יאָרן האָט דער פעטער יאָסל נישט געוווינט אין וואַרשע און איך האָב אים קוים געקענט, נאָר דער טאַטע פלעגט פון צייט צו צייט פאָרן צו אים קיין גראָדנע, ווו דער פעטער יאָסל האָט געהאַט אַ גרויסע פאַבריק און האָט אַלע יאָרן געפירט עפּעס אַ פאַרפלאָנטערטן פּראָצעס מיט זיינע שותפים. דער פּראָצעס, וועגן וועלכן די מאַמע פלעגט אונדז דערציילן אין די אָוונטן, איז פאַר מיר געוואָרן ענלעך צום פּראָצעס פון דעם „קאַפּיטאַן דרייפוס״, וואָס די מאַמע האָט אונדז געלייענט, באַגיסנדיק זיך מיט טרערן.

*

דער רייכער פעטער אשר מיט דער מומע ריווע האָבן באַדאַרפט קומען שבת נאָך מיטאָג. און ביז דעם טאָג האָט זיך אין שטוב נאָך אַלץ וועגן דעם גערעדט. דער טאַטע האָט נאָך אַלץ, זעט אויס, מורא געהאַט, אַז דער וויזיט זאָל אים נישט פאַרשאַפן קיין צרות, אַז די מאַמע זאָל שלעכט אויפנעמען די שוועגערין.

דאָס איינציקע מיטל, וואָס דער טאַטע האָט אָנגעווענדט צו פּועלן ביי דער מאַמען, זי זאָל זיין העפלעך פאַר דער רייכער שוועגערין, איז באַשטאַנען דווקא אין אָפּחוזקן פון איר. דער טאַטע האָט נאָכגעמאַכט אירע תנועות פון אַ „גראַנד־דאַמע״, ער האָט אָנגעטאָן אויפן קאָפּ עפּעס אַ שיסל, וואָס האָט באַדאַרפט זיין דער מומעס הוט מיט די פעדערן. ער האָט אָנגעטאָן אַ פאַרטעך, געהאַלטן זיך כלומרשט ביים ברעג פון דעם לאַנגן קלייד, ווי עס האָט געטאָן די מומע מיט איר לאַנגן „טרען״, און האָט געקוקט דורך דעם „לאָרניאָן״ אויף אַ שטעקעלע, זיך געגווידערט, גערעדט אונטער דער נאָז, מיט אַ צעצויגן לשון, פּונקט ווי די מומע. דער מאַמען איז דאָס, זעט אויס, געפעלן. דער טאַטע האָט דערביי חוזק געמאַכט פון אַלע גבירים, וואָס איז דער מאַמען אויך געווען צום האַרץ. צום סוף, כדי אין גאַנצן צו געווינען דער מאַמען, האָט ער גענומען דאָס קינד אויף דער האַנט און געזאָגט:

— נו, און דאָס... איז גאָרנישט קיין פאַרמעגן?

ער האָט נאָך דערביי אַ ווייז געטאָן אויף דער שוועסטער, וואָס האָט אַרויסגעבלאַנקט מיט איר לייכטנדיקער הויט. דאָס האָט שוין אין גאַנצן אַנטוואָפנט דער מאַמען. אַזוי אַז איר איז פאַרבליבן נאָר זיך צו באַקלאָגן אויף אונדזער גאַס און אויף דער דירה. אויך דאָ האָט דער טאַטע געפונען אַ זכות דערין, וואָס אויך דאָ וווינען ערלעכע מענטשן, אַז עס איז זיך נישט מיט וואָס צו שעמען. ער האָט, ווי שטענדיק, אָנגעוויזן אויף די עטלעכע אָנגעזעענע פאַמיליעס, וואָס האָבן געוווינט אין אונדזער גאַס. צום סוף האָט דער טאַטע צוגעגעבן דאָס, וואָס איז ביי אים געווען דער עיקר און ער האָט געזאָגט:

— און ווו וועסטו געפינען אַזעלכע טיפן ווי דו זעסט דאָ?...

דער טאַטע האָט אויסגערעכנט אַ גאַנצע גאַלעריע אויסטערלישע געשטאַלטן, וואָס מען האָט געקאָנט באַגעגענען אין אונדזערע געסלעך. ער האָט אויפן אָרט נאָכגעמאַכט זייער אויסזען, זייער גאַנג און זייער שפּראַך, אַז דער מאַמען איז געבליבן נאָר אַ שמייכל צו טאָן. און ווען

די מאַמע האָט געשמייכלט, איז אין דער שטוב געוואָרן מאָדנע גוט. אַזוי איז געווען גוט אין שטוב, ביז פרייטיק אין אָוונט.

דער טאַטע האָט ליב געהאַט דעם שבת. ער האָט ליב געהאַט דעם שבתדיקן טיש, כאָטש קיין שום פרומקייט איז אין שטוב נישט געווען. די מאַמע האָט געבענטשט ליכט און די מאכלים זענען געווען שבתדיקע. דער טאַטע האָט זעלטן ווען, אין אַ יום־טוב, געדאַוונט, וואָס איז באַשטאַנען אין זינגען. געזונגען האָט דער טאַטע יידישע תפילות, וואָס ער האָט געהערט ביי די „ביקעס״, ווי מען האָט גערופן די באַרג־יידן אין קאַווקאַז, ווו ער האָט געדינט אין מיליטער. דאָס זענען געווען אַזיאַטישע ניגונים פון אַ ווילדן קלימאַט, וואָס האָבן געמאַכט אומרויק. מיר האָבן נישט געוווסט צי דער טאַטע וויל אונדז מיט די ניגונים פריילעך מאַכן, אָדער ער מיינט דאָס ערנסט, ווייל ער האָט דערביי פאַרמאַכט די אויגן. מיר האָבן דערפילט, אַז דער טאַטע איז אַפילו פאַרטראָגן ערגעץ ווייט. באַזונדערס האָב איך אין דעם טאַטנס פרעמדע ניגונים אָנגעהויבן דערפילן עפּעס אַ זין, ווי איך וואָלט מיטגעגאַנגען מיטן טאַטן אַהין, פון וואַנען זיי שטאַמען.

אויך דעם פרייטיק, צו אָוונט־צו, איז שוין דער טאַטע געווען אין דער היים און דאָס מאָל אַרויסגעלייגט פון זיין רוסישן לעדערנעם רייזע־טאַש אַ סך פעקלעך גוטע זאַכן אויף מכבד צו זיין די מאָרגנדיקע געסט. אין שטוב איז געווען ריין און געמיטלעך. דער טאַטע האָט אָפּגעהיטן דער מאַמעס גוטע געמיט, איר געהאָלפן, געווען מילד און זיך געשפּילט מיטן קינד.

*

עס האָט זיך אָנגערוקט דער אָוונט. דער רעשיקער הויף האָט זיך געלאָזט הערן ביזן טיפן טונקל מיט דעם פרייטיקדיקן רעש. ביי די שכנים אָרעמע־לייט און גאַס־מענטשן האָט מען נאָך געהערט דאָס קלאַפּן פונעם האַקמעסער ביים פאַרשפּעטיקטן מאַכן די פיש. אין טייל שטובן האָט מען געהערט די קולות פון קינדער, וואָס מען האָט אויף שבת געצוואָגן די קעפּ.

דאָס שבת־מאַכן ביי די אָרעמע־לייט איז געווען אַ רעשיקס, אַ בהלהדיקס. די מאַמעס האָבן פאַריאָכמערטע געשיקט די קינדער אין די געוועלבער קויפן פאַר אַ גראָשן פעפער, פאַר אַ „צווייער״ צימערינג

און „פּעסטקעס". איבערן גאַנצן הויף האָט זיך געטראָגן דער ריח פון יום־טובדיקע בשמים. דאָס טראָגן די טשאָלנטער צום בעקער איז געווען אַ פייערלעכער גאַנג פון צעפּאַטלטע מיידן און יידענעס. מען האָט גע־וואָלט דעם שבת האָבן פאַר יעדן פּרייז, פאַר יעדער מי. און נישט איין מאָל האָט מען אויף אונדזער גאַס געקאָנט זען ווי אַ יידענע מיט אַרויסגע־זעצטע אויגן פון צער איז געשטאַנען צוגעשפּאַרט צו אַ וואַנט פון אַ הויז. מען האָט שוין געוווסט, אַז דאָס איז איינע, וואָס האָט נישט געהאַט אויף שבת. דעמאָלט האָבן די פרומע גבאיטעס פון די געסלעך אויף גיך זיך געלאָזט איבער די שטובן „צונויפמאַכן", אַז אַ יידישע שטוב זאָל „נישט פאַרשעמט בלייבן".

אונדזער שטוב, ווו מען האָט קיין טשאָלנט און קיין קוגל נישט געמאַכט, איז אינעם הויף געווען איינע. און דער איינציקער גוי אינעם הויף, דער סטרוזש וואָלענטי, האָט זיך צו אונדז באַצויגן אַנדערש ווי צו די איבעריקע. ווען ער איז פריייטיק אַרומגעגאַנגען איבער די הייזער צונויפנעמען זיין „פּיאַנטקאָווע", פלעגט ער ביי אונדז אַראָפּנעמען זיין היטל מיט דער מעשענער בלעך און זיך באַקלאָגן אויף די יידישע שכנים, אַז דאָס איז אַ „דזשיקי נאַרוד", וואָס האָט נישט קיין „וויכאָוואַניע".

אין אַט דער שעה, ווען עס איז שוין גוט טונקל געווען, האָט זיך די מאַמע איבערגעטאָן און באַדאַרפט בענטשן ליכט. די מאַמע איז געווען יונגנטלעך שיין אין די מינוטן, ווען אירע האָר זענען געווען פאַר־קעמט אויף דעם הויכן, טונקעלן האַלדז. איידער די מאַמע האָט גע־בענטשט די ליכט, פלעגט זי נעמען דאָס קינד און מיט פאַרקלערטע בליקן עס דריקן צו זיך און עפּעס שעפּטשען. אַלע האָבן געפילט, אַז דאָס איז פאַרבונדן מיט אירע שרעקן נאָך די געשטאָרבענע קינדער, און דורך דער שטוב האָט זיך דורכגעטראָגן אַ באַזונדערע פייערלעכע שטילקייט. אַפילו דער טאַטע האָט זיך אָוועקגעדרייט און זיך פאַרקוקט ערגעץ אין אַ ווינקל. אויך איצט האָבן אַלע געוואַרט אויף דער מינוט. אָבער די מאַמע איז געשטאַנען ביים פענצטער קוקנדיק אין דער טונ־קלקייט פונעם הויף. אירע אויגן זענען געווען געשפּאַנט פון אַן אומרו. אַלע האָבן מיר דערפילט, אַז זי וואַרט אויף דעם ברודער.

די מאַמע האָט, זעט אויס, געוואָלט, אַז מאָרגן, ווען דער פעטער מיט דער מומע וועלן קומען, זאָל ביים טיש אויך זיצן דער ברודער. זי

האָט די לעצטע טעג אין קיך גערעדט צו אים וועגן דעם, אים געבעטן ער זאָל אין ערגעץ נישט גיין, אים אָנגעזאָגט ער זאָל באַלד צוריקקומען, ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען פון שטוב. אין דער קיך, אויף דעם פּרעס־ברעט, איז געלעגן פאַר אים אָנגעגרייט אַ ווייס, אויסגעפּרעסט העמד, און זיין יום־טובדיק רעקל איז געווען אויסגעפּוצט. אָבער דעם גאַנצן טאָג האָט זיך דער ברודער נישט באַוויזן.

אינעם הויף איז שוין געווען אין גאַנצן טונקל און דער סטרוזש וואַלענטי איז שוין געגאַנגען איבער די פינצטערע טרעפּ מיט די בליצנדיקע און קאָפּטשנדיקע לעמפּלעך, וואָס ער האָט אַריינגעשטעלט אין די בלעכענע לאַמטערלעך אויף די שטאָקן.

די מאַמע האָט זיך אַוועקגעשטעלט, גיך אָפּגעבענטשט די ליכט און ווען זי האָט אַוועקגענומען די הענט פונעם פּנים, האָבן אירע טרערן זיך שוין געגאָסן. דערנאָך האָט זי גענומען גרייטן צום טיש.

דאָס קינד איז שוין געלעגן אין בעטל. עס איז געווען שטיל און שווער.

מיט אַ מאָל האָט די מאַמע אַ כאַפּ געטאָן איר טוך, פאַרוואָרפן איבערן קאָפּ און גיך אַרויס פון דער שטוב.

דער טאַטע האָט געשוויגן. מיך האָט אַרומגעכאַפּט אַ ווייטיקלעכער רחמנות צו דער מאַמען. איך האָב אַרויפגעוואָרפן דאָס היטל אויפן קאָפּ און זיך געלאָזן נאָך איר. זי האָט זיך אומגעקוקט און שאַרף געזאָגט:

— וואָס לויפסטו מיר נאָך?

— איך וועל גיין מיט דיר, מאַמע, אפשר וועלן מיר אים געפינען...

דעמאָלט האָט זי מיך אַ נעם געטאָן פאַר דער האַנט, איר האַנט האָט געבריט:

— קום...

און מיר זענען געגאַנגען.

דער הויף איז געלעגן אין אַן אומעטיקער טונקלקייט. פון די פענצ־טער האָבן אַרויסגעפינקלט שבת־ליכט מיט אַ פריידיקן טרויער. מיר זענען אַרויס פונעם טויער. די גאַס איז געווען ליידיק, נאָר איינציקע דורכגייער האָבן זיך געשלייכט. און עס האָט זיך געדאַכט, אַז זייערע טריט הילכן. אַ שורה גרינע לאַמטערנעס האָבן געבליצט אין דער ווייט אומעטיק און שרעקיק.

די מאַמע האָט זיך אָפּגעשטעלט. זי האָט נישט געוווסט וווהין צו גיין. מיך האָט דורכגענומען אַ פרעמדע און אומהיימלעכע קעלט.

— ווען סט זיך פאַרקילן — האָט די מאַמע געזאָגט — גיי אַהיים.

אַזוי זענען מיר צוגעגאַנגען ביז צום ברעג פון דער גאַס, ווו עס איז געלעגן אַ ליידיקער פּלאַץ ביז דער נעפּלדיקער הינטערשטאָט. פון דעם פּלאַץ האָבן זיך דערטראָגן געלעכטערס, לידלעך און גאַסן־ווערטער פון די יונגען און מיידן פונעם פּעבל.

די מאַמע האָט עלנט אַ קוק געטאָן אין דער ווייט און האַסטיק גענומען גיין צוריק. זי איז געגאַנגען שנעל. איך האָב זי קוים געקאָנט דעריאָגן.

ווען מיר זענען צוריק אַריין אין שטוב, איז דאָס קינד שוין געשלאָפן. דער טאַטע איז געזעסן נעבן דעם קינדס בעטעלע. די שוועסטער האָט געלעזן ביי די ליכט. די מאַמע האָט געשוויגן און שטום דערלאַנגט צום טיש. זי האָט געזאָגט דעם טאַטן, אַז עס טוט איר וויי דער קאָפּ און זי האָט נישט געגעסן. דער טאַטע האָט געגעסן שטיל און פאַרטראַכט. ער האָט עטלעכע מאָל אָפּגעזיפצט, ער האָט זיך, זעט אויס, געקליבן עפּעס זאָגן, אָבער די מאַמע האָט מיט אַ שווערן שלוכץ אַ זאָג געטאָן:

— טו פאַר מיר דאָס היינט און רעד גאָרנישט...

דער טאַטע איז געבליבן שטיל. די ליכט זענען געווען שוין האַלב־אויסגעברענטע און האָבן זיך געשמאָלצן. עס איז, זעט אויס, געווען שפּעט. דער טאַטע האָט געטרונקען טיי.

פונעם הויף איז געגאַנגען אַ שטילקייט. די מאַמע האָט זיך צוגעהערט צו יעדן שאָרך. דער טאַטע האָט גענומען דרימלען ביים טיש.

מיט אַ מאָל האָט זיך דערהערט טריט. דאָס זענען געווען שווערע און פרעמדע טריט און מיר האָבן דערהערט דעם סטרוזש וואַלענטיס שטים.

די מאַמע איז געבליבן שטיין מיט די הענט אויפן האַרץ, אַפילו די שוועסטער האָט זיך אָפּגעריסן פונעם בוך און פאַרוואונדערט אַ קוק געטאָן אויף דער מאַמען.

אין דער מינוט האָט זיך שווער און רייסנדיק געעפנט די טיר און ווי אַ בלענדנדיק ראָד וואַלט זיך אַ דריי געטאָן, האָב איך דערזען די גלאַנציקע שטיוול און ברייטע, בלויע הויזן פון דעם „גאָראָדאָוואָי", וואָס האָט אַריינגעברענגט אַ סך פרעמדע און קאַלטע לופט. ער איז געשטאַנען אויף דער שוועל פון דעם צימער און די ליכט האָבן אַ שפּיל געטאָן

אויף זיינע מעשענע קנעפּ און רויטע שנירן פון זיין פּאָליציייִשן מונדיר. זיינע שוואַרצע, גרויסע וואָנסן האָבן זיך געהויבן, אָבער איך האָב נישט געהערט וואָס ער האָט גערעדט. נעבן אים איז געשטאַנען דער סטרוזש וואַלענטי מיטן היטל אין דער האַנט.

דאָס שוואַרצע געוואַנט מיט די רויטע שנורן פון דעם גאָראָדאָוואָיס מונדיר האָבן ווי פאַרנומען די גאַנצע שטוב. דער פּאָליציאַנט האָט אַ הייב געטאָן די האַנט, ווי ער וואָלט געוואָלט אָנרירן זיין לאַקירטן דאַשעק פונעם ברייטן היטל מיט דער בלעך. אָבער לסוף האָט ער די האַנט אָנגעשפּאַרט אין דער שווערד. דער טאַטע איז געשטאַנען ביים טיש, ער איז איצט געווען אַ סך קלענער ווי געוויינלעך, און די מאַמע האָט זיך אָנגעהאַלטן אָן דעם טיש.

דאָ האָב איך דערזען מיין ברודער, וואָס האָט זיך באַמיט אַריינצוגיין אין אַ ווינקל, אָבער דער גאָראָדאָוואָי האָט אים אַלץ געהאַלטן נעבן זיך. ערשט איצט האָבן מיר אַלע דערזען, אַז דער פּאָליציאַנט האַלט אין דער האַנט אַן אייזערנעם רינג, מיט אַ קייטל, צו וועלכן מיין ברודער איז געווען צוגעבונדן. דער ברודער האָט זעט אויס, געוואָלט, אַז דער טאַטע זאָל אויף אים נישט קוקן. ער האָט געוואָלט אַרויסגיין פון דעם ליכט, צוליב דעם האָט דער גאָראָדאָוואָי אים יעדעס מאָל אַ שלעפּ געטאָן מיט דער קייט צו זיך, פון וואָס די קייט האָט אַ קלימפּער געטאָן מיט אַ פרעמדן, דראָענדיקן, אייזערנעם קלאַנג.

ווי אַ ווינט וואָלט זיך אַריינגעריסן און געוואָיעט אין מיין קאָפּ, האָב איך מיר נישט געקאָנט קלאָר מאַכן, וואָס עס איז געשען אין אונ־דזער שטוב. איך האָב נאָר געפילט, אַז איך דאַרף זיין גרייט אויף עפּעס אַ בייזער הפקרער זאַך. די קייט, וואָס איז געווען צוגעבונדן צום ברודער, איז אויך געווען ווי צוגעוואַקסן צו מיר, און מיט אַלע כוחות בין איך גרייט געווען אַרויסצורייסן דעם ברודער. אָבער די ברייטע, שווערע שטיוול פון דעם רוסישן גאָראָדאָוואָי זענען געשטאַנען ווי אַ מויער. איך האָב דערהערט ווי דער גאָראָדאָוואָי האָט געהודזשעט מיט אַ שווערן, הייזעריקן באַס צום טאַטן:

— „אָטיעץ״...

דער טאַטע האָט עפּעס געענטפערט.

דעמאָלט האָט דער גאָראָדאָוואָי לאַנגזאַם אַראָפּגענומען די קייט פונעם ברודערס האַנט. דער ברודער האָט מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ

אַ לויף געטאָן, ער האָט אַוודאי געוואָלט אַנטלויפן אָבער דער גאַראַדאָוואָי האָט אים אַ כאַפּ געטאָן און אַ וואָרף געטאָן צום טאַטן. ער האָט גענומען פון דעם סטרוזש וואַלענטי אַ בוך, וואָס דער סטרוזש האָט געהאַלטן מיט אַ דערשראָקענער איידלקייט, ווי ער וואָלט געטראָגן אַ קראַנקן פויגל. דער גאַראַדאָוואָי האָט עפּעס גערעדט, אַ מיש געטאָן אינעם בוך, ער האָט דאָס בוך דערלאַנגט דעם טאַטן און אַ ווייז טוענדיק מיט זיין רויטער האַנט, האָט ער געזאָגט:

— „וואָט"...

דער טאַטע האָט זיך אַוועקגעזעצט. די שוועסטער האָט אים, אין גאַנצן אַ ווייסע, דערלאַנגט אַ פּעדער און דער טאַטע האָט אַריינגעשריבן אינעם בוך.

ערשט איצט האָט די מאַמע זיך אַ וואָרף געטאָן צום ברודער. זי האָט אויפגעהויבן זיין אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ צום ליכט און מיר האָבן דערזען זיין בלייך פּנים, וואָס איז געווען באַדעקט, אַרום די אויגן און די ליפּן, מיט גרויסע, בלויע און רויטע צייכנס. איין אויער איז געווען איבערגעצויגן מיט אַ דינעם, רויטן, בלוטיקן פאָדעם. די מאַמע האָט אים אַ כאַפּ געטאָן, ווי זי וואָלט אים געוואָלט צודריקן צו זיך, אָבער פּלוצלינג האָבן אירע הענט אַנגעהויבן פאַלן איבער אים, שווערע קלעפּ האָבן זיך געשיט איבער זיין אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, איבער זיינע אַקסלען.

דער גאַראַדאָוואָי האָט אַ דריי געטאָן די וואָנסן, אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט נעבן דעם היטל און קלימפּערנדיק מיט דער שווערד, זיך געלאָזן צו דער טיר. נאָך אים איז אַרויס דער סטרוזש וואַלענטי. זייערע שווערע, שאָרכענדיקע טריט האָבן זיך געהערט איבער די שטיינער פונעם שטילן הויף.

*

איך בין לאַנג געלעגן אויף מיין געלעגער. עס איז געווען פינצטער און שווער, אָבער דאָך האָט מיין האַרץ איצט גערוט דערפון, וואָס דער ברודער איז געווען אין שטוב. איך האָב נישט געקאָנט שלאָפן. פון דעם צווייטן צימער, וווּ די מאַמע איז געלעגן, האָט זיך געטראָגן דער וואָרע־מער, שיכורנדיקער ריח פון עטער און „וואַלעריאַנע".

איך בין לאַנג אַזוי געלעגן אין דער פינצטער און מיר האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז דער גאָראָדאָוואָי האָט איבערגעלאָזן עפּעס אַן אָפענע

טיר צו אונדזער שטוב, אַז קיינער פון אונדז איז מער נישט פריי און אַז די קייט וואָס האָט געבונדן מיין ברודער, האָט אונדז אַלע געבונדן אין אַ פינצטערער וועלט פון פיין.

*

ווען איך האָב זיך אויפגעוועקט אין דער פרי, נאָך דער שווערער און דריקנדיקער נאַכט, בין איך מיט שרעק דאָס ערשטע מאָל אַריינ־געלאָפן אין קיך זען צי דער ברודער איז דאָ. אין גאַנצן נישט דערוואַרט, האָב איך דעם ברודער געטראָפן שוין אָן אָנגעטוענעם און אָן אָפּגעוואַ־שענעם. ער איז געזעסן אין זיין ווינקל אין קיך נעבן זיין געלעגער און געטרונקען טיי.

זעט אויס, אַז די מאַמע האָט שוין פון גאַנץ פרי אָן זיך מיט אים פאַרנומען. דער גרויסער שטורעם, וועלכן איך האָב דערוואַרט צווישן דעם טאַטן מיטן ברודער, האָט זיך אָוועקגערוקט צוליב דעם היינטיקן וויזיט. די מאַמע האָט, זעט אויס, דאָס אַלץ גענומען אין אירע הענט.

דער ברודער האָט נישט געקוקט אויף מיר; אויך מיר איז נישט באַקוועם געווען צו קוקן אויף אים, ווי איך וואָלט זיך געפילט שולדיק. איך האָב נאָר באַמערקט, אַז די בלויע און רויטע צייכנס אויף זיין פנים זענען איצט טונקעלער געוואָרן מיט אַ שוואַרץ־גרינלעכן קאָליר.

די שוועסטער איז נאָך געשלאָפן אין האַלב־טונקל פון דער שטוב און פון דעם לעצטן צימער האָט זיך געהערט, ווי דער טאַטע שפּילט זיך מיטן קינד. דאָס קינד האָט קלינגענדיק געלאַכט און זיך פאַרגאַנגען פון צעשפּילטקייט, וואָס האָט, ווי שטענדיק, אַריינגעטראָגן אַ פריידיקע זיכערקייט אין דער שטוב.

די מאַמע איז אַרויסגעקומען פון אַלקער. זי האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז זי איז נישט צופרידן. זי האָט באַלד געזאָגט:

— פאַר וואָס וואַשסט דו זיך נישט?...

ווי שטענדיק, האָב איך דערפילט אַ טיפן, פאַרדראָסיקן שטאָך פון דער מאַמעס פרעמדן און טרוקענעם בליק, ווען זי איז געווען פאַרנומען מיטן ברודער. מיר איז קלאָר געוואָרן, אַז מיין גוטסקייט ווערט נישט אָפּגעשאַצט, דעמאָלט, ווען מיין ברודער געווינט ביי דער מאַמען מיט זיין שלעכטקייט, מיך האָט דאָס אַלע מאָל פאַרווונדערט.

מיר האָט זיך געדאַכט, אַז נאָך דעם נעכטיקן אָוונט, ווען איך בין געלאָפן מיט דער מאַמען איבער דער טונקעלער גאַס זוכן דעם ברודער, וועט די מאַמע דאָס געדענקען און עס מיר אַרויסווייזן. אָבער מיט מיר האָט זיך קיינער נישט פאַרנומען. און עס האָט זיך דערפאַר, ערגעץ טיף אין מיר, אויפגעהויבן אַ רייץ צו ווערן דער ערגסטער, טאָן עפּעס שלעכטס, אַז אַלע זאָלן מיט מיר האָבן צו טאָן. אין אַזאַ מינוט האָב איך געוואָלט זיין שטאַרק און דרייסט, און עס האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט, ווי איך פיר אָן מיט עפּעס אַ גרויס געשלעג, אַז די גאַס איז אויפגערודערט, אין אַ בהלה, אַז מענטשן לויפן אין שרעק, באַהאַלטן זיך, און איך שטיי אויפן העכסטן אָרט, אַן אומדערשראָקענער און שטאַרקערער פון אַלע.

מיר איז אַ שאָד דער טאַטע, די מאַמע, דאָס קינד און די שוועסטער. אויך מיין אייגן לעבן און מיינע שטילע חלומות. אָבער איך שטעל אַלץ איין און עס טראָגט מיך עפּעס אַ כוח און אַ להכעיס. איך רעד צו זיך אַליין אַזעלכע שיינע און דרייסטע רייד, איך שריי אַרויס פון זיך די עוולה, וואָס קיינער האָט נישט אָפּגעשאַצט מיין גוטסקייט. דערווייל שטיי איך אין אַ ווינקל ביים פענצטער. עפּעס אַ היץ קלאַפּט מיר אין קאָפּ, פאַר די אויגן טראָגן זיך און קנוילן זיך זעונגען.

אָט גיי איך אַוועק אין דעם הויף, וואָס איז גלאַטיק אויסגעפּלאַסטערט מיט אַספאַלט, מיט די רייכע הייזער, וווּ עס וווינט דער פעטער אָשר, וווּ די שויבן פון די פענצטער גלאַנצן מיט אַזאַ וואַרעמער ריינקייט. די רייכע יינגלעך פונעם הויף מיט מיין קוזין לאַלעק האָבן אַלע מורא פאַר מיר. איך בין שטאַרקער פון אַלע. די אויסגעפּוצטע קוזינקעס קוקן אַראָפּ פון די פענצטער. אָבער אָט באַפּאַלט מען זיי און איך באַשיץ זיי פון אַלע. זיי גרויסן זיך מיט מיר און זאָגן, אַז איך בין זייער קוזין.

דערנאָך ווערט מיר שווער און אומעטיק־זיס. איך ווער צוריק גוט, אַלע רעדן וועגן מיר און פרייען זיך.

— פאַר וואָס וואַשסט דו זיך נישט? — זאָגט די מאַמע.

איך זע, אַז די שוועסטער איז שוין אויפגעשטאַנען. דער שוועסטערס אָנטאָן זיך פאַרנעמט די גאַנצע שטוב. זי פעכלט מיט איר בלאַנקענדיקער ריינקייט און די מאַמע באַדינט זי. אפשר זאָל איך אַנטלויפן פון שטוב, אַוועקגיין הינטערן שטאָט, אויפן פעלד, וווּ מיר זענען געקומען צו פאָרן מיט דער באַן? דער פעטער מיט דער מומען וועלן קומען און וועלן

פרעגן ווו איך בין. אָדער אפשר וועט קיינער נישט באַמערקן, אַז איך פעל. וואָס וואָלט איך אַוועקגעגעבן, אַז די מאַמע זאָל אויך לויפן מיך זוכן!

דער טאַטע איז אַלץ נאָך נישט אַרויס פונעם לעצטן, טונקעלן צימער. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ער האָט נישט געוואָלט זען דעם ברו־דער. דאָס האָט די מאַמע זיך באַמיט, אַז זיי זאָלן זיך נישט צונויפטרעפן. איך האָב, ווי אַן איבעריקער, אַרומגעבלאָנדזשעט איבער דער שטוב. איך בין צוגעגאַנגען צום טאַטן, ווי שטענדיק, האָב איך אים געוואָלט עפּעס זאָגן און נישט געוווסט ווי אַזוי. דער טאַטע האָט זיך אָנגעטאָן שבתדיק. זיינע נייע שיך האָבן הויך געסקריפּעט און שטאַרק געגלאַנצט. דאָס קינד איז געזעסן אויפן בעט און זיך געשפּילט. איך האָב זיך גע־זעצט נעבן קינד. די מאַמע איז אַריינגעקומען. זי האָט גערעדט צום טאַטן, ווי זי וואָלט גערעדט צו זיך:

— מען קאָן דאָך דאָס יינגל נישט ווייזן... מיט אַזאַ פּנים... איך וויל אים נישט אַרויסלאָזן פון שטוב. וואָס זאָגסטו?

דער טאַטע האָט נישט געענטפערט. די מאַמע האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן. איך בין אַרויס פון אַלקער. איך האָב נאָך געהערט, ווי די מאַמע האָט ווייטער גערעדט צום טאַטן וועגן דעם ברודער:

— זאָל ער דאָרט איבערליגן אין קיך. איך האָב שוין גענוג אַריינ־גערעדט אין אים. ער האָט מיר געשווירן, אַז ער וועט זיך „סטאַטקעווען”.

איך האָב געהערט, ווי דער טאַטע האָט הויך און איראָניש געלאַכט.

די שוועסטער איז שוין איצט געווען אָנגעטאָן אין איר ווייסער בלוזקע, מיט צוויי צעפּ פאַרפלאָכטן מיט קאָלירטע בענדער. זי איז מיט אַ מאָל געוואָרן גרויס און ניי און עס האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז זי איז פאַרבלאָנדזשעט אַהער אין דער ענגער שטוב אַריין. איך האָב זיך גע־נומען וואַשן. די מאַמע האָט מיר דערלאַנגט דעם „סטודענטישן” אַנצוג, וואָס האָט נאָך געהאַט דעם ריח פון נייקייט. דאָס איז געווען אַ זעלטזאַמער ריח, וואָס נאָר נייע קליידער האָבן זיי געקאָנט האָבן. דער ריח איז געווען אַ ווייכער, אַ גלעטנדיקער, וואָס איז געלעגן אין דער גלאַטיקייט פון דעם געפּרעסטן שטאָף. דאָס איז געווען אַזוי ווייט און אַנדערש פון דעם וואָכעדיקן. ווען מען האָט עס דערפילט אויפן לייב, האָט זיך געדאַכט, אַז מען איז גרעסער געוואָרן און עפּעס אַ געפיל

פון באַרעכטיקונג האָט זיך, צוזאַמען מיט דעם אַנצוג, אַנגעטאָן אויפן לייב.

געקויפט דעם אַנצוג האָט מיר דער טאַטע אויף אַ יום־טוב, דאַכט זיך אויף פסח, אין אַן ערב־יום־טובדיקן, וואַרעמען טאָג, און דער יום־טובדיקער ריח איז געבליבן אין אים די גאַנצע צייט.

באַלד האָט זיך אָנגערופן דער שבתדיקער הויף מיט פאַרשידענע קולות. ווי יעדן שבת, זענען אַרומגעגאַנגען פרומע ווייבער, גבאיטעס, צונויפנעמען חלות, שטיקלעך קוכן און צוקערלעך פאַר אָרעמע קימ־פעטאָרינס און קראַנקע פונעם יידישן הקדש. ערגעץ האָבן זיך שכנים געקריגט. אַ משוגענער ייד האָט אויפן הויף געדרשנט וועגן משיחן, וואָס דאַרף שוין קומען, און די קינדער זענען אים נאָכגעלאָפן מיט אַ געשריי. ביי עפּעס אַ יידענע איז פאַרברענט געוואָרן דאָס טשאָלנט ביים בעקער. די יידענע האָט באַוויינט דאָס טשאָלנט מיט אַ ניגון, ווי אַ טויטן. וואַלענטי דער סטרוזש האָט געיאָגט די קינדער מיטן בעזעם.

דער טאַטע האָט אַרויסגעקוקט פונעם פענצטער אויפן הויף און אַנגעקוואָלן פון דעם גערודער.

דער טאַטע איז שוין געווען אָנגעטאָן אינעם יום־טובדיקן סורדוט, די האָר פאַרקעמט אין אַ בערשטל אַרויף, וואָס האָט זיך אַזוי ווייך אָפּגעשניטן פון זיין הויכן, איידעלן שטערן. ער האָט אויסגעזען ווי אַ פּוילישער פּריץ, וואָס איז פאַרבלאָנדזשעט אין דעם רעשיקן יידישן הויף.

די מאַמע האָט גענומען גרייטן צום טיש, פריער ווי געווינלעך, צוליב די געסט, וואָס האָבן באַדאַרפט קומען נאָך מיטאָג.

די מאַמע האָט זיך אַ נעם געטאָן צו דער שטוב, ווי זי וואָלט גע־וואָלט אויף להכעיס דער רייכער שוועגערין אַריינטראָגן אין איר אַ גלאַנץ. מען האָט אויסגעשפּרייט אויפן טיש דאָס „טערקישע” טישטעך, אָוועקגעשטעלט דעם ראָזן קליאַש, דעם לעדערנעם אַלבאָם מיט די פאָטאָ־גראַפיעס פון משפחה און באַקאַנטע. די עטאַזשערקע, וואָס האָט זיך געוואַקלט, האָט מען אונטערגעשפּאַרט מיט אַ שטיקל האָלץ, אויסגע־לייגט די ים־שיסעלעך און גלעזערנע פיגורלעך, וואָס האָבן געשימערט אין דער טונקעלער ליכט פון דער שטוב.

אין מיטן טיש איז געשטאַנען די אַלטע, קרישטאָלענע קאַראַפקע מיט ווישניאַק. אַחוץ דעם, האָט די שוועסטער דעקאָרירט דעם טיש מיט דעם לילן, טרוקענעם „ווזשאָס”, וואָס זי האָט מיטגעבראַכט פונעם דאָרף.

דערנאָך האָבן זיך די מאַמע מיט דער שוועסטער גענומען צום קינד. מען האָט עס פאַרקעמט די שוואַרצע, זיידענע הערעלעך מיט אַ „גזשיווי־קע״, אָנגעטאָן עס אינעם בלויען קליידעלע, די ווייסע שיכעלעך.

אַלע נישט נייטיקע זאַכן פון שטוב האָט מען אַריינגעטראָגן אינעם לעצטן, פינצטערן אַלקער, וווּ דער טאַטע האָט איצט געדרימלט נאָכן עסן.

די מאַמע האָט זיך אָנגעטאָן אין דעם „דזשעטענעם״ סטאַניק, וואָס האָט אַרומגענומען איר שלאַנקע טאַליע און זי געמאַכט העכער. זי האָט צונויפגעשפּיליעט די אַלטע בראָש מיט די בלויע טורקוס־שטיינדלעך. אויף איר פּנים איז אַרויסגעטרעטן אַ ראָזער, טונקעלער פלאַם, וואָס האָט איר צוגעגעבן עפּעס פון אַ ווייטער און פרעמדער ראַסע.

אַלץ איז שוין געווען גרייט אויפצונעמען די געסט.

די מאַמע האָט געהאַט נאָר איין פאַרלאַנג: אַז די שטוב זאָל ביי די רייכע קרובים נישט אַרויסרופן קיין רחמנות, און דאָס האָט זי געוואָלט דערגרייכן מיט דער שפּיגלדיקער ריינקייט, וואָס זי האָט ווי אַרויסגעריסן פון דער טונקעלער שטוב.

אין זיין ווינקל, אין דער קיך אויפן בעטל, איז געלעגן דער ברודער. ער איז געווען אויסגעשלאָסן פון דער שטוב, ווי עפּעס אַ פרעמדער צוווּקס.

איך בין געשטאַנען ביים פענצטער, אַרויסגעקוקט און מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ געוואַרט. פאַר מיין אָנגעשטרענגטן בליק האָב איך געזען דעם פעטער מיט דער מומע. זיי זענען אויסגעוואַקסן פאַר מיר אין אַ מאָדנער גרויס. איך האָב כמעט נישט געדענקט זייער אויסזען, דערפאַר האָבן זיי אָנגענומען פאַר מיר פאַנטאַסטישע געשטאַלטן. איך האָב נאָר געוווּסט, אַז די מומע וועט טראָגן אַ גרויסן הוט מיט פעדערן. די פעדערן זענען געוואַקסן פאַר מיינע אויגן, פאַרשטעלט די וועלט, ווי אַ ווילדער, פליִענדיקער פויגל.

5

אין שטוב איז געווען שטיל, אָבער אין דער שטילקייט האָט געקלאַפּט אַן אָנגעצויגענע שפּאַנונג, וועלכע איך האָב געפילט אויף מיין הויט, ווי אַן עלעקטרישן שטראָם. דער אומרו איז געגאַנגען פון דער מאַמען, וואָס האָט געשאַרכט מיט איר לאַנגן קלייד. זי האָט נאָך אַלץ עפּעס גע־טאָן אַרום דער שטוב, אַרום דעם טיש, אַרום די שטולן. זי האָט איבער־

געשטעלט און געפוצט די קליינינקייטן אויף דער עטאַזשערקע און דער־פירט אַלץ צו אַ באַזונדערן גלאַנץ.

דער טאַטע האָט זיך אויפגעוועקט פונעם דרימל. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף זיין שווערן, זילבערנעם זייגער. ער האָט זיך געזעצט און ווידער אויפגעהויבן און ווען איך האָב דערפילט, אַז אויך דער טאַטע וואַרט אויף די געסט, האָב איך עפּעס ווי פאַרלוירן דעם אָנשפּאַר. מיין געדולד האָט אָנגענומען אַ צאַפּלדיקן אימפּעט. איך בין צום וויפלסטן מאָל אַרויס אין הויז, אויף די טרעפּ, פון וואַנען איך האָב געקאָנט זען דעם טויער.

אויף די טרעפּ איז געווען שבתדיק־שטיל. דאָס מיידעלע פונעם דריטן שטאָק, מיין „כלה״, מיט איר מאַמען, האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן פון אויבן. דאָס מיידעלע איז געווען אָנגעטאָן אין נייע, געלע שיך מיט אַ קאַפּעלוש אויף אַ גומען שנירל. זי איז אויסגעוואַקסן פאַר דער צייט און האָט זיך געשעמט מיט מיר צו רעדן. די מוטער האָט זי געפרעגט, צי זי וויל איך זאָל קומען צו זיי אויף אירע „אוראַדזשינעס״. דאָס מיידעלע האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף יאָ, פון וועלכן עס איז ביי איר אַראָפּ־געפאַלן דער קאַפּעלוש און געבליבן הענגען אויף דער גומקע.

איך האָב געקוקט אויף דעם מיידעלעס פאַרמאַכטע ליפּן און זיך דערמאָנט, ווי זי האָט מיר אַ קוש געטאָן. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס איז געווען שוין זייער לאַנג.

איך האָב דערציילט דער שכנטע, אַז באַלד דאַרפן קומען צו אונדז דער פעטער מיט דער מומען, וואָס וווינען אויף אַ רייכער גאַס. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דעם מיידלס מאַמע פון דעם דריטן שטאָק איז זייער דערפון צופרידן. דערנאָך האָב איך ווידער גענומען קוקן דורכן פענצ־טער. דער גאַנצער הויף איז שוין געווען באַשלאָגן מיט אַ ראָזלעכער גרויקייט פון שפּעטן, נאָך האַלבן טאָג. פּלוצלינג האָט זיך מיר אָנגעהויבן דאַכטן, אַז דער פעטער מיט דער מומען וועלן נישט טרעפן צו אונדזער גאַס. מיר איז געוואָרן טונקל און ליידיק אויפן האַרץ און אַ מידקייט איז מיך באַפאַלן פון צאַפּלענדיקן וואַרטן. איך האָב געזען ווי דאָס מיידעלע פונעם דריטן שטאָק האָט מיט אירע נייע, געלע שיך אַריבערגעשפּאַנט די טונקעלע שוועל פונעם טויער. אָן אויסגעלאָשענער, האָב איך זיך אַראָפּגעלאָזן פון די עטלעכע טרעפּ און אַריין אין שטוב. אָבער ווי נאָר איך האָב געעפנט די טיר, האָב איך דערפילט, אַז אונדזער שטוב איז

אַנגעפּילט מיט עפּעס אַ זעלטענער וואָג און מיט עפּעס אַ ריח, וואָס האָט אַ קלאַפּ געטאָן אויף מיר. איך בין געבליבן אויף דער שוועל און דער־זען דעם פעטער מיט דער מומען, וואָס זענען געזעסן אויף צוויי שטולן אין ליכט פונעם פענצטער.

איך האָב נישט געוווּסט וואָס צו טאָן, אָבער די מאַמע האָט מיך אַ נעם געטאָן פאַרן אַקסל און מיך צוגעפירט צו דער מומען. די מומע האָט אויסגעצויגן די האַנט מיט אַ האַלבער, טולענער הענטשקע, וואָס האָט מיך מיט אַ ווייכער ראַציקייט אַ גלעט געטאָן איבערן פּנים. איך האָב אַ כאַפּ געטאָן די האַנט און זי אַ קוש געטאָן און גלייך בין איך אַריין ווי אין אַ געדיכטן וואַלד, פול מיט ריחות, שטרענגע און ווייטע. אַ גלעטנדיקע איידלקייט פון זייד האָט מיך אַרומגעהילט. און נאָך עפּעס אַ ריח, אַ זיסלעכער, פון נייע קליידער, פון אַ ווייטער גאַס און אַ פרעמד לעבן. אָט דער ריח פון פרעמדקייט האָט זיך אָנגערופן מיט אַ באַ־זונדער שאַרפקייט און מיר דערמאָנט אַלץ, וואָס די מאַמע זאָגט וועגן דער רייכע שוועגערין. איך האָב זיך פאַרשעמט פאַר דער מאַמען און זיך אַ צי געטאָן צוריק פון דער מומע.

דאָ האָט מיר דער פעטער אויסגעשטרעקט זיין מאָדנע שמאָלע האַנט, מיט דעם ווייסן מאַנזשעט. ער איז ווי געהאָנגען אויף דער שטול, אָנגע־שפּאַרט מיט דער צווייטער האַנט אויף דעם ווייסן, ביינערנעם הענטל פון זיין שטעקן. ער האָט געהאַט אַן אויסערגעוויינלעך־ראָזע הויט אויפן פּנים און גרויסע, ווייכע, גרויע אויגן, ווי איבערגעצויגענע מיט אַ הייטל. זיין בערדל האָט נישט געהאַט קיין קאָליר און זיין מאָדנער, קליינער קאָפּ איז אויך געווען באַדעקט מיט ווייכע, ווי יינגלשע האָר. דער פעטער האָט געהאַלטן מיין האַנט מיט זיינע קילע, לאַנגע און בלאַסע פינגער. ער האָט געקוקט אויף מיר מיט זיינע ווייסלעכע אויגן און געזאָגט מיט אַ געמאַכטן ערנסט:

— ווי גייען די געשעפטן?

איך האָב אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ, געשמייכלט און נישט געפונען וואָס צו ענטפערן. דער פעטער האָט מיט דעם זעלבן ערנסט ווייטער געזאָגט:

— מען זעט דיך גאָרנישט... דאַרפסט גאָרנישט קיין ביכלעך, קיין קאַיעטן? קומסט גאָרנישט צום פעטער נאָך זיין סחורה?...

ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צום טאָטן:

— חיים, האָסט אַזאַ אָפּנעמער און שטעלסט אים נישט צו קיין סחורה...

דער טאַטע האָט געשמייכלט. דער פעטער איז געווען אַ קלוגער, דאָס האָבן אַלע געזאָגט, אַפילו די מאַמע האָט געהאַלטן דעם פעטער פאַר אַ קלוגן. דער פעטער האָט אָפּגעלאָזן מיין האַנט:

— קום צוגיין... וועסט נישט דערלייגן... מיר וועלן דיך באַהאַנדלען ווי אַן אייגענעם...

אַ קוועלנדיקע פריידיקייט האָט אַ שפיל געטאָן אין מיר. דאָס איז געווען דער זיסטער צוזאָג. איך האָב ליב געהאַט די קליינע, ליבע קעגנשטאַנדן פון דעם פעטערס פאַבריק. די סודותפולע ביכעלעך אין לעדער געבונדענע, מיט גאָלדענע שניטן, די נייע און גלאַטיקע קאַיעטן. די ווייסע, גלאַטיקע דעקלעך, אויף וועלכע עס האָט זיך אַזוי גוט געריסעוועט. און דער עיקר, דער וויזיט אין דער פאַבריק, ווו מען קאָן אַליין מאַכן אַ ביכעלע, קלעפּן און שניידן.

ערשט איצט האָט זיך די מומע געכאַפּט, זי האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן און געזאָגט:

— דאָס איז דאָך דער יינגערער...

אָבער קיינער האָט איר נישט געענטפערט, אויס מורא, זי זאָל נישט פרעגן וועגן דעם עלטערן, וואָס איז געלעגן באַהאַלטן אין דער קיך.

די שוועסטער וואָס איז געשטאַנען נעבן פעטער, האָט מיך אַ צי געטאָן צו זיך און אַרויפלייגנדיק אירע הענט אויף מיין אַקסל, האָט זי גענומען גלעטן מיינע האָר. דאָס קינד איז געזעסן אויפן טאַטנס שויס און מיט גרויסע אויגן געקוקט, דאָ אויפן פעטער, דאָ אויף דער מומע. דער פעטער האָט אַ גלעט געטאָן דעם קינדס קעפּל און געזאָגט:

— נו, און דו דאַרפסט נאָך נישט קיין ביכלעך?

די מומע האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן און זיך אָנגערופן מיט איר ברייט־דרייענדיק, צעפּיעשטשעט לשון:

— אָשר, ווו האָסטו אַהינגעטאָן דאָס פּעקל? ער דאַרף נאָך נישט דיינע ביכלעך...

דער פעטער האָט אַ וויַיז געטאָן מיטן שטעקן אין אַ ווינקל, אויף אַ שטול, ווו עס איז געלעגן דאָס פּעקל מתנות. עס איז געוואָרן אומהיימלעך שטיל, אַפילו דער טאַטע האָט אומרויִק אַ פינטל געטאָן מיט די אויגן, כאָטש דער פעטער האָט שוין מיט אים גערעדט וועגן עפּעס אַנדערש.

דאָס איז געווען דער ערגסטער און געפערלעכסטער מאָמענט אין דעם וויזיט, ווען די מומע האָט אָנגעהויבן אַרויסצולייגן די מתנות. די מאַמע האָט נישט ליב געהאַט די געשאַנקען פון דער רייכער שוועגערין און דער טאַטע האָט מורא געהאַט, אַז די מאַמע זאָל איר נישט זאָגן עפּעס אַ שטעכיק וואָרט.

די מאַמע האָט זיך געוויס געמאַכט נישט הערן, ווען די שוועסטער האָט דער מומען דערלאַנגט דאָס פּעקל. די מאַמע האָט געגרייט טיי פאַר די געסט און די מומע האָט זיך אויפגעהויבן פון איר אָרט.

מען איז צוגעגאַנגען צום פענצטער, וואָרעם עס איז שוין געווען שטאַרק טונקל, און אין דער קאַרגער ליכט האָט די שוועסטער געהאָלפן דער מומען אויפפּאַקן דאָס פּעקל. די שוועסטער האָט געוואָלט מיט עפּעס גוט מאַכן, זי האָט אַפילו געוואָלט העלפן דער מאַמען דערלאַנגען טיי. ביי מיר האָט דאָס האַרץ געקלאַפּט. איך האָב איצט דערזען, אַז די מומע איז אַ סך קלענער, ווי איך האָב מיר פאַרגעשטעלט. דערווייל האָט זיך באַוויזן די ערשטע מתנה פונעם פּעקל. דאָס איז געווען אַ בלוי מאַנטעלע פאַרן קינד. דער שוועסטער איז דאָס זייער געפעלן. די שוועסטער איז איצט געווען פאַרוויטלט מיט אַ ווייבערישער אויפגעברויזטקייט, ווען זי האָט דאָס מאַנטעלע געהאַלטן פאַר דער מאַמעס שטרענגע אויגן. איצט האָבן שוין אַלע ווייבער, די מאַמע, די שוועסטער און די מומע, גערעדט אויף פּויליש.

דאָס בלויע מאַנטעלע פאַרן קינד האָט אַרויסגערופן אַנטציקונג. דער מאַמעס שטרענגע בליקן זענען געוואָרן ווייכער. די שוועסטער האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס קינד, עס אַרויפגעשטעלט אויף אַ שטול און עס אָנגעטאָן דאָס מאַנטעלע. דאָס קינד האָט געקוקט דערשראָקן און די שוועס־טער האָט עס געלערנט זאָגן דער מומען אַ דאַנק. די מומע האָט זיך אויך אַנטציקט און עס איז געוואָרן גוט.

עס איז געווען נאָך צו פרי אָנצוצינדן אַ לאָמפּ און די טונקלקייט פון אונדזער שטוב האָט זיך געגעבן צו פילן. די מאַמע האָט דאָס באַלד אויס־גענוצט און עטלעכע מאָל פילדייטנדיק געזאָגט, אַז דאָ, ביי אונדז, איז שטענדיק פינצטער.

די מומע איז אַלץ געווען פאַרנומען מיט אויספּאַקן די מתנות. די שוועסטער האָט שוין צום ווייפלטן מאָל באַקומען אַ ווייסע, ביינערנע פעדער, מיט אַ „פּאַנאָראַמע", וווּ מען האָט געקאָנט זען דאָס קור־אָרט

„טשעכאַטשינעק", פון וואַנען די מומע האָט געברענגט די מתנות. איך האָב באַקומען אַ ברוין, קונציק קעסטעלע, פון וועלכן עס האָט זיך אַרויס־גערוקט אַ שופלעדל מיט שאָקאָלאַדע. דערנאָך זענען געגאַנגען העמדער און אַנדערע וועש־זאַכן מיט שפּיצן און קאַראַנקעס פאַר דער שוועסטער און דער מאַמען. די זאַכן האָט מען אָוועקגעלייגט אָן אַ זייט, צוליב דעם, וואָס דאָס זענען געווען ווייבערישע זאַכן. איצט, ווען עס איז שוין גע־ווען ליידיק דאָס פּעקל, האָט זיך די מומע פאַרענטפערט, אַז מען ווייסט נישט וואָס צו קויפן אין דעם „טשעכאַטשינעק"; אַז דאָס יאָר איז אַלץ טייער און אַז זי האָט פאַר אירע קינדער גאָרנישט געברענגט. דער פעטער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, אַז עס לוינט וועגן דעם נישט צו רעדן און דער טאַטע האָט גענומען אַנגיסן ווישניאַק.

דער פעטער מיטן טאַטן האָבן איצט גערעדט וועגן אַנדערע זאַכן. איך האָב געקוקט אויף זיי. דעם פעטער אָשרס קליינער קאָפּ מיט די יינגלשע האָר איז געווען פאַרריסן אַרויף און זיינע גרויסע, ווייכע, גרויע אויגן האָבן ווי שטענדיק געקוקט ווי פאַרוווּנדערט. ער האָט גע־רעדט זייער פאַמעלעך און איך האָב, קוקנדיק אויף אים, נישט אויפגע־הערט קלערן, אַז דאָס איז דער רייכער פעטער אָשר.

דער טאַטע האָט אים גערופן: „ברודער", און מיר האָט שטענדיק געקלאַפּט דאָס האַרץ פאַר שרעק, ווייל מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דער טאַטע רעדט צום פעטער צו־היימיש.

*

קיין שום זאַך, וואָס איז געקומען פון דעם רייכן פעטער אָשר און דער מומע, האָט נישט געקאָנט איבערקויפן דער מאַמען, אַז זי זאָל ענדערן איר מיינונג וועגן דער שוועגערין. אויך דער טאַטע האָט קיין מאָל נישט פאַרטיידיקט דעם רייכן ברודער; ער האָט געהאַלטן, אַז ער איז נישט בעסער, אָבער אויך נישט ערגער פון אַלע גבירים, פון וועלכע דער טאַטע האָט צום אָפטסטן חוזק געמאַכט. אויך די מתנות פון דער מומען האָבן גאָרנישט געקאָנט ענדערן. די מאַמע האָט שטענדיק גע־פונען מיט וואָס צו דערווייזן די גראָבקייט און שלעכטקייט פון דער שוועגערין. דער טאַטע האָט עס געטאָן אויף אַ פריילעכן אופן, וואָס איז באַשטאַנען אין אָפּחוזקן; די מאַמע האָט וועגן דעם גערעדט מיט גאַל און פאַרדרוס. אָבער אונדזער שטוב איז געווען אונדזערע, מיט אַלע אירע

קוועלן און, דאַכט זיך, קיינער פון אונדז איז נישט מקנא געווען און וואָלט זיך נישט פאַרטוישט מיט דער רייכער משפחה.

היינט האָט די מאַמע זיך געהאַלטן באַזונדערס מילד צו די זעלטענע געסט און מיר אַלע האָבן געפילט, אַז דאָס טוט זי צוליב דעם טאַטן, כדי אים צו געבן אַ טרייסט פאַר זיינע פאַרדראָסן, וואָס ער האָט נעכטן געהאַט צוליב דעם ברודער. זי איז דאַנקבאַר געווען, וואָס ער האָט פאַרשוויגן די מעשה מיט דעם גאַראַדאָוואָי, וואָס ער האָט קיין וואָרט נישט גערעדט און נישט אָנגעהויבן קיין מלחמה מיט דעם ברודער.

מיר האָבן אַלע געפילט דעם ברודערס ליגן אין דער קיך ווי אַ וווּנד און ווען עס האָט זיך פּלוצלינג דערהערט דעם ברודערס פייפן פון דער קיך, האָבן מיר געזען ווי די מאַמע איז אַריינגעלאָפן צו אים און צוריק־געקומען אַ בלאַסע, מיט אָנגעווייטיקטע אויגן. דער ברודער האָט גע־פייפט אויף להכעיס, כדי אַרויסצורופן אַ שטערונג אין דעם געמיטלעכן פאַרברענגען מיט די געסט.

נאָך דעם אויפפּאַקן און פאַרטיילן דאָס פּעקל מתנות, וואָס איז געווען דער שוועסטערס עול פון דעם וויזיט, האָט זיך איינגעשטעלט אַ רויִקע געמיטלעכקייט. מען איז געזעסן אַרום דעם טיש, אין דער טונקלקייט פון דעם שפּעטן נאָכמיטאָג.

אויפן טיש זענען געשטאַנען ניס, פּרוכטן און געבעקס. און איבער אַלעם האָט געהערשט דער רייכער שימער פון דער שוועסטערס קאָפּ. דער טאַטע האָט, זעט אויס, דאָס דערפילט, ווען ער האָט זי אַוועקגעזעצט נעבן זיך און זי האַלב אַרומגענומען, וואָס עס איז געווען אַ זעלטן בילד אין אונדזער שטוב.

די מומע האָט קיין מאָל נישט אויסגעטאָן דעם הוט ביי אירע וויזיטן, ווי זי וואָלט נישט געוואָלט צולאָזן די היימישקייט, וואָס וואָלט זי געקאָנט מאַכן שטוביקער און קלענער ביי אונדז. אַפילו דעם פּוטערנעם קאָלנער מיט די צוויי פוקסענע טויטע קעפּ, וואָס האָבן געקוקט מיט די שאַרפע, כיטרע און גלעזערנע אויגן, האָט זי אַראָפּגעלאָזן אויף דער פּלייצע און דער לאַנגער, צעפּלאָשעטער וויידל פון דער חיה האָט אַלץ פרעמד און שטרענג געמאַכט אַרום איר. אַחוץ דעם, האָט די מומע שטענדיק איבערגעחזרט דאָס זעלבע, אַז זי מיטן פעטער האָבן קוים געטראָפן אַהער, אַז זי האָט נישט געדענקט דעם אַדרעס; אַז זי האָט מורא געהאַט צו גיין איבער אונדזערע גאַסן. געזאָגט האָט זי דאָס אויף

דעם אופן, ווי זי וואָלט זיך געוווּנדערט וואָס זי איז בשלום דורכגעגאַנגען די גאַס, וואָס מען האָט זי נישט באַגנבעט, נישט אָנגעפאַלן אויף איר און, ווי שטענדיק, האָט זי פאַרענדיקט מיט דער טרייסט:

— פון דעסטוועגן... זעט אויס... ווײַנען דאָ אויך לייטישע מענטשן...

דער פעטער האָט געקוקט אויף דער מומען מיט זײַנע גרויסע, גרויע, אויפגעריסענע אויגן, אין וועלכע עס האָט געפינקלט אַ טונקל, בייז פינטעלע. ער האָט נישט ליב געהאַט די מומע ווען זי האָט זיך געבלאָזן און האָט געהאַט קעגן איר אײַן געווער, וואָס ער האָט ביי יעדער געלעגנהייט געלאָזן אין גאַנג. דאָס געווער איז באַשטאַנען אין דערמאָנען די וואַרשעווער פאַרשטאָט פראַגע, פון וואַנען די מומע האָט געשטאַמט. די פאַרשטאָט פראַגע, וואָס איז געלעגן אויף יענער זײַט ווייסל, איבער דער קערבעדזש־בריק, איז אין וואַרשע ביי די יידן באַצייכנט געוואָרן ווי אַ פאַרגרעבט אָרט. פראַגע איז אויך באַוווּסט געוואָרן מיט דעם גרויסן שעכטהויז און שטענדיק, ווען מען איז געפאָרן מיט דער בריק, האָט מען געקאָנט זען אויף די מיט שטיינער ברוקירטע, האַלב־דאָרפישע פראַגער גאַסן, גאַנצע סטאַדעס אָקסן, וואָס מען האָט געטריבן צו די שעכטהייזער. צוליב דעם האָבן די וואַרשעווער צו די פראַגער זיך באַצויגן מיט ביטול און זיי גערופן „פראַגער אָקסן".

דער פעטער האָט קיין מאָל נישט דורכגעלאָזן די געלעגנהייט אַ שטאָך צו טאָן דער מומען מיט איר פראַגער אָפּשטאַם און אויך איצט האָט דער פעטער מיט זײַן געמיטלעכער פאַמעלעכער שטים אַ זאָג געטאָן:

— וואָס איז דאָ וואָס מורא צו האָבן אין די גאַסן? וואָס איז דער אונטערשיד, די גאַס צי יענע גאַס? איבער אַלע גאַסן גייען פאַרשידענע מענטשן, שלעכטע און גוטע... עפּעס אַנדערש, זעסטו, איז פראַגע... דאָרט קאָן מען אַ מאָל אָנטרעפן אַן אָקס... אַן אָקס קאָן אַ מאָל אַ כאַפּ געבן אויף די הערנער...

די מומע האָט אַ דריי געטאָן מיט די אויגן און אַ ראָזער פלאַם איז אַרויסגעטרעטן אויף איר ברייט, גלאַנציק פנים.

— וואָס רעדסטו עפּעס, אשר? ווער גייט עס קיין פראַגע? איך בין שוין דאָרט נישט געווען... כ'ווייס... כ'געדענק שוין אַליין נישט...

דער טאַטע מיט דעם פעטער האָבן זיך איבערגעקוקט. זיי האָבן געשמייכלט און דער טאַטע האָט אַ זאָג געטאָן:

— ס׳מאַכט זיך... אַז מען טרעפט דאָ אויך אַ מאָל אַן אָקס...

און אַלע האָבן געלאַכט.

איצט האָט זיך די מומע ווי מיט אַ מאָל געענדערט. זי האָט צוזאַמען מיט דער מאַמען און מיט דער שוועסטער זיך צוגעזעצט צום קינד, וואָס איז איצט געשטאַנען אַ צעשפּילטס אויף דער צעראַטענער קאַנאַפּע. די מאַמע האָט אַרויסגעקריגן ביים קינד די ערשטע ווערטער און חכמות, וואָס דאָס קינד האָט מיט אַ זיסער חנוודיקייט אַרויסגערעדט. די מומע האָט געכאַפּט דאָס קינד אויף די הענט. דערביי איז ביי איר דער פּוקסענער קאָלנער אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד און זי איז געבליבן אַ שמעלערע און היימישערע. דאָס קינד האָט חשק געהאַט צו כאַפּן מיטן הענטל די געדרייטע שטרויס־פּעדערן פון דער מומעס הוט און די מומע האָט אים געלערנט אָנרופן איר נאָמען.

דער פעטער האָט איצט מיטן טאַטן גערעדט וועגן געשעפטן און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דערפון ווערט ביי אונדז אין שטוב רייכער. מיר איז מאָדנע גוט געוואָרן דערפון, וואָס דער פעטער רעדט מיטן טאַטן אַזוי גלייך און נאָענט. דער טאַטע האָט אַפילו עטלעכע מאָל געזאָגט דעם פעטער, אַז ער איז נישט גערעכט און מיט אַ מאָל איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז זיי רעדן עפּעס אַזוינס, וואָס מען רעדט אומעטום אַזוי אָפט, עפּעס וואָס איז פאַר מיר איינגעהילט ווי אין אַ נעפּל. פאַר מיר איז עס קלאָר געוואָרן ווען דער פעטער האָט געזאָגט „אַרבעטער״.

דאָס וואָרט: „אַרבעטער״ האָט דער פעטער איבערגעחזרט. איך האָב געוווּסט, אַז דער פעטער האָט אַרבעטער. אַ טייל פון דעם פעטערס אַרבע־טער האָב איך געקענט; זיי זענען געקומען צו אונדז אין שטוב. דאָס זענען אַלץ געווען מענטשן, אָנגעטאָן אין אַלטע מלבושים, פון וועלכע עס האָט זיך געפילט דער ריח פון אַרבעט. זיי זענען געקומען צום טאַטן און דער טאַטע האָט זיך געשאַפט מיט זיי. זיי האָבן דעם פעטער גערופן: „ר׳ אשר״ און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז זיי האָבן דעם פעטער אשר שטאַרק ליב דערפאַר, וואָס ער האָט געמאַכט אַ פאַבריק, ווו עס האָבן ביי טאָג און ביי נאַכט געברענט גאַזלאַמפּן, און ווו עס גייט אַרום אַ וואַרעמער ריח פון קליי, ווו מען קלאַפט און מען שניידט און מען טראָגט פּעק און קאַסטנס סחורה.

די אַרבעטער זענען געווען אַלטע און יונגע. אַלע זענען זיי גוטע פאַר מיר, פאַר דער מאַמען און פאַרן טאַטן.

איצט האָב איך געהערט ווי דער פעטער האָט גערעדט וועגן די אַרבעטער, זיך באַקלאָגט, אַז זיי ווילן עפּעס, וואָס ער וויל נישט געבן; און מיר איז מיט אַ מאָל קלאָר געוואָרן, אַז די אַרבעטער, וואָס רופן דעם פעטער ר׳ אָשר, זענען די זעלבע, וועגן וועלכע מען רעדט אַזוי שטיל, וועלכע מען רופט אָן מיט אַזעלכע ווערטער, וואָס מען טאָר נישט זאָגן הויך. די זעלבע, וואָס זענען געגאַנגען אַ סך, אַ פולע גאַס, ווען די פּאָליציי האָט געיאָגט, ווען מען איז מיט שרעק געלאָפן אין די טויערן, ווען די קאָזאַקן האָבן געיאָגט אויף די פערד. דער פעטער האָט איצט גערעדט מיטן טאַטן וועגן זיי. דער פעטער האָט גערעכנט, עפּעס אויפגעוויזן דעם טאַטן. דער טאַטע האָט געזאָגט:

— מען דאַרף זיין מענטשלעך...

דער פעטער האָט פאַרריסן דעם קאָפּ. ער האָט איצט אויסגעזען מאָדנע קליין און זיין בערדל איז געווען צעפלאָנטערט. ער האָט געקוקט אין אַ ווינקל און דאָס טונקעלע פּינטעלע אין זיינע העלע אויגן איז געווען אויסגעלאָשן, ווען ער האָט געזאָגט:

— איך בין שטענדיק מיט מיינע מענטשן דורכגעקומען...

און איך האָב מיט אַ מאָל פאַר זיך דערזען דעם פעטערס מענטשן, די „גראָבע לאה״, וואָס האָט פון קינדווייז אָן געאַרבעט ביי דעם פעטער אין פאַבריק, די, וועלכע די מאַמע האָט נישט ליב געהאַט און דער טאַטע האָט געזאָגט: „דו״. איך האָב זיך דערמאָנט אָן דעם טרעגער ר׳ יואל, וואָס האָט אַלע יאָר אויף פּסח געברענגט צו אונדז פונעם פעטערס פאַבריק אַ נייעם קאַסטן, וואָס האָט געשמעקט מיט פרישע האָלץ. דאָס איז געווען דער קאַסטן אויף מצות. ר׳ יואל האָט געברענגט פונעם פעטער ווייס פאַפּיר אויף יום־טוב און אַ דעקל צו לייגן אויפן טיש. זינט איך האָב געלעבט, האָב איך געדענקט דעם ייד ר׳ יואל. דאָס איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך הויכער ייד מיט גרויסע הענט און פיס. ער האָט געהאַט אַ לאַנג, בלייך, שמאָל פּנים און מיר האָט זיך טייל מאָל אויסגעוויזן, אַז ר׳ יואל איז אַ פערד, וואָס האָט זיך אויפגעשטעלט און גייט אַרום אויף צוויי פיס ווי אַ מענטש.

דער פעטער האָט זיך צוגעבויגן צום טאַטן און גענומען רעדן וועגן ר׳ יואלן; וועגן דעם, אַז ער האָט ר׳ יואלן געגעבן אויף נדן פאַר זיין טאָכטער, אַז יואל איז אַן אָרעמאַן. דער טאַטע האָט געשמייכלט און אויך

דער פעטער האָט אַ שמייכל געטאָן. דערביי האָט דאָס פּינטעלע אין זיינע אויגן זיך אָנגעצונדן, זיך אַ דריי־געטאָן, געוואָרן טונקל און בייז:

— און אַז כ׳וועל דערלייגן יואלן... וועט ער ווערן אַ גביר?

און ביידע, דער פעטער און דער טאַטע, האָבן זיך צעלאַכט.

✶

עס איז שוין געווען אָוונט. די מומע האָט שוין עטלעכע מאָל זיך געקליבן צו גיין. זי האָט דערציילט, אַז די קינדער קאָנען אַליין זיך נישט באַגיין אָן איר, אַז יעדער וויל עפּעס אַנדערש אויף אָוונט־ברויט, יעדער האָט ליב עפּעס אַנדערש און אָן איר קאָן זיך די דינסט קיין עצה נישט געבן. דער פעטער, פאַרקערט, האָט זיך נישט געאיילט. ער האָט לאַנג גערעדט און דערציילט וועגן ר׳ יואלן. און פון דעם, וואָס דער פעטער האָט גערעדט, האָט זיך פאַר מיר דער גרויסער פּערדישער ייד מיט דעם קאַסטן אויף דער פּלייצע באַוויזן אין אַ נייער ליכט.

דער פעטער האָט דערציילט, ווי מיט אַ סך יאָרן צוריק האָט מען אים צוגענומען צו די זעלנער און מען האָט אים מיט אַנדערע „נאָוואָ־בראַנצעס״־רעקרוטן, פאַרטריבן אין אַ קאַזאַרמע. עס איז אים געווען זייער טרויעריק צווישן די פרעמדע גויים, וואָס האָבן געטרונקען בראָנפן און געזונגען זעלנערישע לידער. די גויים האָבן פון אים חוזק געמאַכט, אים נישט געגעבן קיין רו, גערופן „זשיד״ און אים פאַראומערט דאָס לעבן. עס איז נישט געווען פאַר וועמען זיך צו באַקלאָגן און קיינער האָט זיך פאַר אים נישט אָנגענומען. אַממיינסטן האָט דער פעטער געליטן פון דעם עלטסטן, וועלכן מען האָט גערופן „דיאַדקאָ״, וואָס איז געווען דער באַלע־באָס איבער זיין לעבן און האָט געקאָנט מיט אים טאָן וואָס ער האָט געוואָלט.

דער „דיאַדקאָ״ איז געווען אַ שלעכטער גוי, וואָס האָט פיינט געהאַט יידן. דער פעטער האָט מער נישט געקאָנט אויסהאַלטן און האָט באַשלאָסן צו אַנטלויפן פון דער קאַזאַרמע. און איין מאָל, ווען דער „דיאַדקאָ״ האָט באַזונדערס געמאַטערט דעם פעטער, האָט זיך באַוויזן איינער פון צווישן די זעלנער, וואָס האָט זיך איינגעשטעלט פאַרן פעטער.

— קענן אים ביסטו אַ „גערויִ״ — האָט דער זעלנער געזאָגט צום „דיאַדקאָ״ — ווייל ער איז אַ שוואַכער „יעווריטשיק״... אָבער פּרוּווּ נאָר מיט מיר זיין אַ שטאַרקער...

דער „דיאַדקאַ״ האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דעם זעלנער, אָבער דער זעלנער איז געווען אַ ריז, ער האָט דעם „דיאַדקאַ״ אַ וואָרף געטאָן ווי אַ שפענדל. דער „דיאַדקאַ״ האָט זיך קוים אויפגעהויבן פון דער ערד און די גויים האָבן געלאַכט.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אויך דער זעלנער איז געווען אַ ייד און בײדע, ער מיטן פעטער, האָבן געמוזט אַנטלויפן.

זיי זענען אַנטלאָפן אין אַ רומעניש שטעטל איבער דער גרענעץ. עס איז גראָד געווען פורים; און ווען די יידן זענען געזעסן ביי דער סעודה אין שטעטל, געגעסן גוטע מאכלים און געטרונקען וויין, האָט דער פעטער מיט דעם זעלנער געגעסן אַ שטיקל שוואַרץ ברויט.

פון דעמאָלט אָן, ווען עס קומט פורים צו דער סעודה, ווען ביים פעטער בלאַנקט דער יום־טובדיקער, רייכער טיש מיט די בעסטע מאכלים, זיצט דער פעטער באַזונדער און עסט אַ שטיקל שוואַרץ ברויט. נעבן אים זיצט דער, וואָס האָט זיך פאַר אים אַנגענומען און געראַטעוועט פון די גויִשע הענט; און דאָס איז נישט קיין אַנדערער, ווי ר׳ יואל.

מיר איז שטאַרק געפעלן די געשיכטע פון ר׳ יואלן און אויך דער פעטער איז אויסגעוואַקסן פאַר מיר סודותפולער. און כאָטש איך האָב שוין נישט איין מאָל געהערט ביי אונדז אין שטוב דערציילן וועגן דעם פעטערס שטיקל שוואַרץ ברויט ביי דער פורים־סעודה, האָב איך איצט איבערגעלעבט דעם פעטערס אַנטלויפן איבער דער רומענישער גרענעץ. אַממיינסטן האָט מען גערעדט וועגן דעם, וואָס דער פעטער אָשר איז מיט ר׳ יואלן דעם טרעגער אויף „דו״, כאָטש ר׳ יואל אַרבעט ביי אים דאָס גאַנצע לעבן.

איצט האָט דער פעטער אויסגערעכנט אַלץ, וואָס ער האָט געטאָן פאַר ר׳ יואלן. ער האָט אים געגעבן נדן פאַר דער טאָכטער, ער האָט אים געגעבן געלט צו באַגראָבן דאָס ווייב, ווען זי איז ביי אים געשטאָרבן.

— ער איז ביי אונדז אין שטוב ווי אַן אייגענער — האָט די מומע געזאָגט — די קינדער האָבן אים ליב...

נאָך דעם ווי דאָס ווייב איז ביי אים געשטאָרבן, האָט דער פעטער געוואָלט ער זאָל עסן ביי אים אין שטוב. ר׳ יואל איז באַשטאַנען, נאָר מיט דעם באַדינג, מען זאָל אים אַרויסגעבן דאָס עסן אין דער פאַבריק. ביים טיש האָט ער נישט געוואָלט זיצן.

— אַזאַ מענטש איז דאָס — האָט די מומע געזאָגט — אַ פּראָסטער מענטש... און האָט פאַרשטאַנען...

דער פּעטער האָט אַ לאַך געטאָן:

— אַוודאי האָט ער פאַרשטאַנען... ער פאַרשטייט אַ סך זאַכן... ער האָט נאָר נישט פאַרשטאַנען, אַז...

דער פּעטער האָט זיך פאַרטראַכט און די פינטעלעך אין זיינע אויגן זענען ערגעץ אַנטלאָפן:

— ער האָט נאָר נישט פאַרשטאַנען... אַז ער האָט געקאָנט זיין אויף מיין אָרט... און איך האָב ביי אים געקאָנט טראָגן די קאָסטנס...

די מומע האָט זיך פאַרקרומט און ברוגז אַ זאָג געטאָן:

— דאָס פאַרשטיי איך שוין נישט...

— דו פאַרשטייסט נישט נאָך אַ סך זאַכן... — האָט דער פּעטער פאַמעלעך אַרויסגעזאָגט, און די מאַמע האָט זיך צעלאַכט.

דער טאַטע האָט נאָר געשמייכלט. ער איז געווען צופרידן פאַר דער מאַמען, אָבער ער האָט אויך נישט געוואָלט רייצן די מומע.

צום סוף האָט דער פּעטער דערציילט די געשפּרעכן, וואָס ער פירט מיט ר׳ יואלן, ווי ר׳ יואל האָט אים געענטפערט, ווען דער פּעטער האָט אים געפרעגט, וואָס ער וועט טאָן ווען די אַרבעטער וועלן שטרייקן ביי אים אין פאַבריק:

— וואָס פרעגסטו? איך וועל טאָן דאָס, וואָס אַלע אַרבעטער...

— וועסט גיין קעגן מיר? — האָט דער פּעטער געפרעגט.

— אַוודאי וועל איך גיין קעגן דיר...

— פאַר וואָס האָסטו זיך פאַר מיר אָנגענומען דאָרט... אין דער קאַזאַרמע ביי „פאָניען״?

— דעמאָלט זענען מיר ביידע געווען סאָלדאַטן... מען האָט אונדז ביידע געפייניקט... האָב יאָך מיך אָנגענומען... היינט בין יאָך אַן אַרבעטער און דו ביסט אַ „בורזשוי״...

דאָס וואָרט „בורזשוי״ האָט דעמאָלט געהאַט אַ מאָדנע טייטש, וואָס איז געווען נישט קלאָר. דאָס וואָרט איז געווען אַ נייס און מען האָט נישט געוווּסט צי איז עס אַ באַליידיקונג, אָדער נישט. דער פּעטער האָט פאַרריסן דאָס בערדל און האָט געלאַכט, ווי ער וואָלט שטאָלץ געווען מיט ר׳ יואלן.

די מומע האָט באַדויערנדיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ:

— דער יואל איז אַ ביסל משוגע... נאָר מיר זענען שוין צוגעווינט צו אים...

דערנאָך איז דער פעטער צוריק געוואָרן רויט, די בייזע פינטעלעך זענען צוריק אַנגעלאָפן אין זיינע בלייכע, אויפגעריסענע אויגן און ער האָט אַלץ דערקלערט דעם טאַטן ווי שלעכט עס זענען די געשעפטן. דאָס וואָרט „אַרבעטער" און „מענטשן" האָבן זיך כסדר איבערגעחזרט. מינוטנווייז האָט דער פעטער אָנגעשטעלט אויפן טאַטן די בייזע, טונקעלע פינטעלעך, ווי זיי וואָלטן געוואָרט אויפן טאַטנס ענטפער, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דער טאַטע איז אין עפּעס שולדיק.

עס איז שוין געווען אין גאַנצן טונקל אין שטוב ווען דער פעטער האָט זיך אויפגעהויבן פון דער שטול. ער האָט ווי אויף ס'ניי באַטראַכט די ווענט, אַ קלאַפּ געטאָן מיטן שטעקן אין דער פּאָדלאָגע און פּלוצלינג געזאָגט:

— וואָס זאָל איך דיר זאָגן, ברודער? קיין וואַרשעווער פּאַלאַץ איז דאָס נישט... וואָלסט זיך געדאַרפט אַרומקוקן וועגן אַ דירה...

דער מאַמעס אויגן האָבן אויפגעגלאַנצט אין דער טונקל. זיי זענען אָנגעלאָפן ווי מיט אַ הייסער גליִקייט. זי איז צוגעגאַנגען אַזוי נאָענט צום פעטער, ווי זי וואָלט געוואָלט אים אַרומנעמען און זי האָט מיט איר טונקעלער שטים אַרויסגעזאָגט:

— שוואָגער... דאָס איז דאָס בעסטע, וואָס איר קאָנט מיר ווינטשן...

דעם פעטערס קליינע האַנט האָט זיך אַ גליטש געטאָן איבער דער מאַמעס אָרעם און ער האָט אָוועקגעדרייט דעם קאָפּ. דער טאַטע האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער, ווו ער האָט גאָרנישט נישט געזען אויף דער טונקעלער וואַנט; און די מאַמע האָט מיט אַ שטילער, פאַרשטיקטער שטים ווי אַרויסגעקרעכצט:

— כאָטש צוליב דעם...

זי האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס קינד און עס צוגעדריקט צו זיך.

די מומע איז שוין געווען אָנגעטאָן. זי האָט אין אַ ווינקל אָנגעזאָגט דער שוועסטער, אַז זי זאָל קומען. דערנאָך האָט זי מיט ברייטע, געדרייטע ווערטער, האַלב־יידיש און האַלב־פּויליש, זיך געזעגנט מיט דער מאַמען:

— נו, די שוועגערין האָט זיך דאָך פאַרשווירן נישט אַריבערצוקומען צו אונדז...

די מאַמע האָט איר געענטפערט מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ:

— אפשר... אַז מיר וועלן וווינען נעבעטער... אין שכנות...

עס איז געוואָרן שטיל. מען האָט זיך געלאָזן צו דער טיר.

דער פעטער האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַ קוק געטאָן אויף מיר און אַרויס־געצויגן פון דער הויזן־קעשענע אַ ווייכן, זאַמשענעם בייטל מיט אַ שלאָס. ער האָט אַריינגעלאָזן די פינגער אינעם בייטל און עס האָט פּאַר מיר אַ בלאַנק געטאָן אַ זילבערנע מטבע. ער האָט זי אויסגעשטרעקט צו מיר. מיר איז געוואָרן הייס. די הענט זענען ביי מיר שטייף געוואָרן. איך האָב געהערט ווי דער פעטער האָט געזאָגט:

— נאָ... כ׳גיב דיר אויף מזל... זאָלסט ווערן אַ גביר...

איך האָב נישט געוואָלט נעמען. די מאַמע האָט אויף מיר געקוקט שטרענג און דער טאַטע האָט זיך אָנגערופן:

— אפשר... מ׳דאַרף נישט...

דער פעטער האָט מיר אַריינגעשטופּט די מטבע אין דער זייטיקער קעשענע און אַ זאָג געטאָן:

— נעם, נעם... גוט איז פון אַ פעטער אַ האָר... וואָס זאָגסטו, ברודער?...

און אַלע האָבן זיך צעלאַכט. אַממייסטן האָט געלאַכט די מאַמע.

די מומע האָט שטאַרק געשאָקלט מיט די פעדערן:

— ביידע ברידערלעך אַזוי... נאָר מיט וויצן קומט מען אָפּ...

איך בין אַלץ נישט געקומען צו זיך, ווען דער מומעס פעדערן האָבן זיך צערוישט איבער מיין קאָפּ און זי האָט מיר צוגעלייגט איר הייס פּנים, האָב איך נישט באַוויזן איר אַ קוש צו טאָן. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז מיט דער מטבע, וואָס דער פעטער האָט אַריינגעלייגט אין מיין קעשענע, דאַרף איך עפּעס טאָן, אָבער איך האָב נישט געוווּסט וואָס. אַממייסטן האָט מיך געמאַטערט דער מאַמעס שטרענגער בליק און דאָס, וואָס די שוועסטער האָט מיר אינעם טונקעלן ווינקל שטיל אַ זאָג געטאָן אויף פּויליש:

— פאַר וואָס האָסטו גענומען? ביסט נישט „שלאַכעטנע"...

איך האָב זיך געפילט שולדיק. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אַלץ איז היינט געווען אַזוי גוט, אַזוי קלוג, און איך גאָר האָב עפּעס קאַליע גע־מאַכט, נישט צום פאַרריכטן. און ווען איך האָב געזען ווי דער טאַטע טוט אָן דעם מאַנטל אונטערצופירן די געסט, האָב איך אויך אַ כאַפּ געטאָן מיין היטל און זיך אַ לאָז געטאָן נאָך זיי.

מיר זענען דורכגעגאַנגען דעם טונקעלן הויף. אין טייל פענצטער האָט שוין געבליצט אַ רויטע, מאַטע ליכט. ערגעץ האָט מען געזונגען. דער סטרוזש וואַלענטי האָט אין טויער געגרייט די לעמפּלעך פאַר די טרעפּ. ער האָט אַראָפּגענומען דאָס היטל און כיטרע געקוקט אויף דעם פעטער מיט דער מומען. אונדזער גאַס איז געווען פול און רעשיק פון מענטשן. מען איז געשטאַנען פאַר די טויערן. עס איז געווען אָוונט, אָבער ליכ־טיקער ווי ביי אונדז אין שטוב. איך האָב איצט געקוקט אין דער ענג־שאַפט פון די פינטלענדיקע מענטשן און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס זענען אַלץ די, וועלכע דער פעטער האָט גערופן „מענטשן" און „אַר־בעטער".

— ווייסט, אָשר? — האָט די מומע געזאָגט — דאָ איז עפּעס אַזוי ענג... קיין עין־הרע...

— מאָרגן וועלן זיי גיין צו דער אַרבעט... וועט דאָ זיין גרוים... — האָט דער פעטער פאַרטראַכט געענטפערט.

מיר זענען אַרויס פון אונדזער געסל און צוגעקומען צום ראָג פון דער ערשטער לאַנגער און ברייטער גאַס. דאָ איז געווען נאָך ענגער. ביים ראָג, ווו עס איז געשטאַנען דאָס נייע גרויסע הויז, האָט זיך געשוואַרצט אַ גרויסער ראָד מענטשן. ס'האָט אויסגעזען ווי עס וואָלט עפּעס געשען. אין מיטן דעם ראָד, אויף די טרעפּלעך פון אַ געוועלב, איז געשטאַנען אַ מענטש, אָן אַ היטל, מיט שוואַרצע, לאַנגע האָר און האָט גערעדט. ער האָט גערעדט גיך, מיט אויסגעשרייען, ווי ער וואָלט פאַר עפּעס וואָרענען. דער מענטש האָט געהאַט אַ מאָדנע בלאַס פּנים און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך האָב אים ערגעץ ווו געזען.

דער פעטער האָט זיך פאַרהאַלטן און דער טאַטע האָט אים אונטער־געאיילט:

— קום — האָט דער טאַטע געזאָגט — דאָ האַלט מען אַ רעדע...

מיט אַ מאָל איז געוואָרן אַ געלויף. דאָס ראָד האָט זיך אַ טראָג געטאָן איבער אַלע זייטן. איך האָב דערזען ווי די מומע האָט געכאַפּט דעם טאַטן פאַרן אָרעם. אויף דער גאַס איז געוואָרן ליידיק און אומרויִק. איך האָב דערזען עטלעכע פּאָליציאַנטן, וואָס האָבן זיך מיט שווערע, אייליקע טריט אַוועקגעטראָגן אין אַ זייטיקער גאַס. ערשט איצט האָב איך דערזען דעם פעטער. ער איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אינעם שטעקן. די מומע איז צוגעלאָפן צו אים. זי האָט געשריגן:

— אָשר, לאָמיר פאָרן... אַ דראָזשקע... ווער ווייסט וואָס דאָ וועט נאָך זיין...

— דאָס זעלבע וועט זיין אויף אונדזער גאַס אויך... — האָט דער פעטער ערנסט געזאָגט און האָט מיטן שטעקן גענומען רופן אַ דראָזשקע, וואָס איז געשטאַנען אויפן ראָג.

באַלד איז דער פעטער מיט דער מומע געזעסן אין דער דראָזשקע. איך האָב געזען ווי די פעדערן אויף דער מומעס הוט האָבן געצאַפּלט ווי איבערגעשראָקענע פייגל.

איך בין געגאַנגען נעבן טאַטן. איך האָב פאַר גאָרנישט מורא געהאַט און פאַר זיך האָב איך געזען די שוואַרצע האָר מיט דעם בלאַסן, ווי באַ־קאַנטן פּנים פון דעם, וואָס האָט גערעדט אין מיטן דעם ראָד מענטשן.

מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך קען אים און באַלד וועל איך אים באַגעגענען. מיר האָט זיך זייער געוואָלט אים נאָך אַ מאָל זען.

6

אין דעם קילן, שפּעט־האַרבסטיקן אָוונט איז די ענגע יידישע, אָרעמע גאַס געווען אויפגעברויזט, ווי עס וואָלט פון ערגעץ כסדר אַהערגעשטראָמט אַן אומרו פון וואַרטן אויף אַ גרויס געשעעניש. די גאַס איז פאַר מיר געווען ניי און פאַרכאַפּנדיק, ווי עפּעס אַ גרויסע, קאָלירטע שפּיל און מיר האָט זיך נישט געוואָלט פון דער גאַס אַראָפּגיין. איך האָב געפילט, אַז אויך דער טאַטע איז פאַרנומען פון נייגיריקייט צו בלייבן לענגער אין דעם צעשפּילטן גערודער.

עס איז נאָך געווען זומערדיק־וואַרעם און אויף דעם ברעג הימל, אין דער ווייט פון דעם געסל איבער די ברוינעביימער פונעם יידישן בית־עולם, האָבן נאָך געטליִעט פאַסן גרינע ליכט נאָכן פאַרגיין פון דער זון. די מענטשן האָבן נישט געוואָלט אַריינגיין אין זייערע טונקעלע שטובן. די גאַס איז צו יענער צייט פאַר די מענטשן געווען ווי אַן אָרענע פאַר נייע געשעענישן. פון הויז צו הויז און פון טויער צו טויער האָבן זיך די מענטשן וועגן עפּעס ווי צונויפגערעדט, וועגן עפּעס היימישס און פריי־דיקס, וואָס האָט זיך אַרומגעטראָגן אין דער קילער לופט.

אויך איך בין פול געווען פון וואַרטן און אויך מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דאָ, אין דעם געווימל, איז דאָ עפּעס פאַר מיר. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דער פעטער און אויך דער טאַטע זענען ווייט דערפון, וואָס עס טוט

זיך אויף דער גאַס, פון די רעדלעך, וואָס נעמען זיך צונויף און פון דעם פרעמדן און ווי באַקאַנטן בלאַסן מענטש מיט די לאַנגע האָר, וואָס האָט גערעדט אין מיטן דעם געדיכטן ראָד מענטשן. אָבער אַלץ איז געווען אַזוי אַנדערש ווי ביז איצט, אַז מיר האָט געוואָלט זיך אַריינ־קנעטן אין דער ענגשאַפט, זיך אויסמישן און אַוועקגעטראָגן ווערן ערגעץ.

דערווייל האָט זיך דאָס לעצטע ליכט געלאָשן אויפן הימל און דער אָונט האָט זיך איינגעגעסן אין די ווינקלען פון דער גאַס. עס איז ביס־לעכווייז ליידיק געוואָרן ביי די טויערן. עטלעכע לעצטע, געדיכטע רייען מענטשן האָבן זיך געטראָגן צו דער גרויסער גאַס און ווי צעשמאָלצן זיך ביי די ראָגן פון די שמאָלע, קרומע געסלעך, איינטאָניק האָבן געקלאַפּט די שטעקנס אין די אויסגעריבענע טראָטואַרן און דאָס האָט קלאָר גע־מאַכט, אַז די אַלע מענטשן גייען צוליב איין ציל.

ווידער איז מען איילק אַריין אין די טויערן און מען האָט געקוקט מיט אומרו און צערודערונג אַראָפּ, צו דער גרויסער גאַס. ערגעץ האָט מען געזונגען מיט צעריסענע שטימען און פּלוצלינג האָט אַ הודזשע געטאָן אַן אויפרייס פון געשריי און עס איז געוואָרן אַ געלויף.

עס איז געוואָרן ליידיק אַרום. דער טאַטע האָט מיך פעסט געהאַלטן פאַר דער האַנט. איך האָב דערפילט, אַז איך זע עפּעס, אָבער מיר איז נישט געווען קלאָר וואָס איך זע. דורכן האַרץ איז אַריבער עפּעס אַ ראַץ, ווי כ׳וואָלט געשטאַנען אויף אַ הויכן באַלקאָן. אין דער רגע האָב איך דערהערט שווערע, הילכיקע טריט און מיר איז קלאָר געוואָרן, אַז דאָס איז אַ געפאַר. דער טאַטע איז רויק געגאַנגען, ער האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף מיין אַקסל, ווי ער וואָלט מיך געוואָלט פון עפּעס אָפּווענדן.

עס איז שוין געווען גוט טונקל. מיר האָט אַ מיש געטאָן פאַר די אויגן, ווען איך האָב אין דעם שווינדלענדיקן טונקל דערזען דעם בלאַסן מענטש מיט די לאַנגע, שוואַרצע האָר. ער איז געגאַנגען מיט גיכע, פּלאָנ־טערנדיקע טריט, ווי עמעצער וואָלט אים אונטערגעשטופּט. זיין פּנים איז געווען נאָך בלאַסער און זיינע אויגן האָבן געקוקט אַרום זיך, שאַרף און פיבערדיק.

פון ערגעץ האָט מען געשריגן. פענצטער האָבן זיך געעפנט און פאַר־מאַכט. איך האָב געקוקט אויף דעם בלאַסן, שפּאַנענדיקן מענטש אין מיטן דער גאַס, אויף די שפּיציקע שטיינער, און ערשט איצט האָב איך דערזען

די איילנדיקע פאַליציאַנטן אַרום אים, וואָס האָבן רוגזהדיק געקלאַפּט מיט זייערע שטיוול.

פון טויער צו טויער האָט מען זיך איבערגערופן מיט פאַרשטיקטע געשרייען. עמעצער איז געלאָפן, זיך פאַרהאַלטן ביי די טויערן, עפּעס אַנגעזאָגט און געלאָפן ווייטער.

דער טאַטע האָט איצט געאיילט צו אונדזער טויער. ער האָט שווער געאָטעמט. איך האָב געוואָלט עפּעס פרעגן און איך האָב נישט געפרעגט, מיין זינען איז נאָכגעגאַנגען דעם בלאַסן מענטש מיט די לאַנגע האָר.

*

אונדזער טויער איז געווען האַלב פאַרמאַכט. איבעוווייניק, אינעם טונקל איז געשטאַנען דער סטרוזש וואַלענטי. ער איז געווען אַנגעטאָן אינעם בלויען פאַרטעך מיט דעם היטל, וואָס ער האָט געטראָגן ביי פּאַ־ראַדנע טעג. די מעשענע בלעך האָט געגלאַנצט. ער האָט זיך געמאַכט וויכטיק און גערעדט מיט אַן אויפגעהויבענער שטים:

— ווי גייט עס דער פּאַן אין אַזאַ בהלה?...

דער טאַטע האָט פאַררייכערט און אויך געגעבן דעם סטרוזש אַ פּאַ־פּיראָס. דער סטרוזש האָט גענומען דערציילן, אַז אַ גאַנצן טאָג האָט ער געהאַט צו טאָן מיט די „סאָציאַליסטן”, אַז די פּאָליציי האָט אים גע־הייסן כסדר זיין ביים טויער, אַז אַ „דוואָרניק” איז איצט אַזוי ווי אַ „גאָראָדאָוואָי”, אַלץ איינס... אַהאַ... וואָס דאָ וועט זיך נאָך טאָן...

דערנאָך האָט ער זיך אַרומגעקוקט און שטיל גענומען דערציילן, אַז ווען ס'איז געווען די „פּאָוסטאַניע” איז אויך אַזוי געווען... אָבער דער „קאַצאַפּ” איז געווען שטאַרקער... עס וועט זיך נאָך טאָן...

וואַלענטי האָט זיך צוגעבויגן צום טאַטן און שטיל געזאָגט:

— אייער זינדל איז אויך פון די... צי אפשר אַזוי אַ „לאָבוזשיאַק”... מיט אים וועט זיך גוט נישט ענדיקן...

דער טאַטע האָט געשוויגן. מיר זענען אַריין אין שטוב.

ווי מיר האָבן איבערגעטרעטן די שוועל, האָט מיך באַגעגנט די מאַמע. פון איר בליק האָב איך פאַרשטאַנען, אַז עס איז עפּעס געשען. אירע אויגן זענען געווען ווי אַנגעגליט, זי האָט געבראָכן מיט די הענט. איך בין אַריין אין קיך און געזען, אַז דער ברודער איז נישטאָ, די שוועסטער איז

געזעסןביים לאָמפּ און געלעזן. קיינער האָט גאָרנישט גערעדט און אַ שווערקייט האָט זיך גלייך אַוועקגעלייגט אין דער שטוב.

דער טאַטע האָט זיך געזעצט צום טיש. די מאַמע האָט דערלאַנגט אוונטברויט. זי איז נאָך געווען אַנגעטאָן יום־טובדיק, נאָר אויף די אַקסלען האָט זי געטראָגן אַ וואָכעדיק טיכל, ווי זי וואָלט זיך געקליבן ערגעץ צו גיין.

איך האָב שטיל דערציילט דער שוועסטער, וואָס איך האָב געזען אויף דער גאַס. איך האָב איר דערציילט וועגן דעם בלאָסן מענטש מיט די לאַנגע האָר, ווי מען האָט אים אַוועקגעפירט. די שוועסטער האָט זיך פאַר־קלערט און שטיל געפרעגט:

— ער איז געווען ענלעך צום פאָן קאָראָל?...

מיר האָט זיך פּלוצלינג געוואָלט איר צוליב טאָן און איך האָב געזאָגט:

— יאָ...

זי האָט פאַרקלערט געזאָגט:

— עס איז שיין צו זיין אַ „באָהאַטער”...

דער טאַטע האָט פּלוצלינג געזאָגט:

— ס'מאַכט זיך פריילעך אין גאַס... דער סוף וועט זיין מען וועט ברענגען קאָזאַקן...

די מאַמע האָט געקוקט אויף אים מיט פולע אויגן שרעק.

איך האָב געוואָלט עפּעס פרעגן דעם טאַטן וועגן די קאָזאַקן, נאָר דער מאַמעס דערשראָקענער בליק האָט מיך אָפּגעהאַלטן. און ס'איז ווידער געוואָרן שטיל. די מאַמע האָט זיך אַלע מאָל אויפגעהויבן און זיך צוריק געזעצט. מיט אַ מאָל האָט זי אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ האַסטיק געוויין:

— ער איז אַרויס פון שטוב... וואָס טוט מען?

דעם טאַטנס גרויע אויגן האָבן אויפגעבליצט מיט כעס. ער האָט אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ. די מאַמע האָט ווי חרטה געהאַט, וואָס זי האָט געזאָגט, און האַלטנדיק די ציטערדיקע פינגער ביי די ליפּן, האָט זי שטיל געזאָגט:

— זאָג מיר גאָרנישט, איך ווייס, נאָר וואָס טוט מען? מען וועט דאָך אים...

אין דער מינוט האָט מען געהערט ווי די טיר האָט זיך שטיל געעפנט.

די מאַמע האָט אַ לויף געטאָן. מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ האָב איך זיך געלאָזן נאָך איר און איך האָב דערזען דעם ברודער, וואָס האָט זיך שטיל אַריינגעשליכט אין קיך.

די מאַמע איז אַריין נאָך אים אין דער קיך, וווּ עס האָט געברענט אַ קליין צאַנקענדיק לעמפּעלע.

ווי נאָר דער ברודער איז צוריקגעקומען, האָט זיך אין דער שטוב ווי אַריינגעגאָסן אַן אויפגעשפּאַנטע רו. ביי מיר האָט דאָס האַרץ נאָך אַלץ געקלאַפּט, ווען איך האָב זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טיר און איבער־געדרייט צוויי מאָל דעם גרויסן, אייזערנעם שליסל. מיר האָט זיך גע־דאַכט, אַז איך האָב דערמיט אָפּגעטיילט אונדזער שטוב פון דער נאַכט, וואָס איז אָנגעפילט מיט גרוילן. איך האָב פאַרשלאָסן אונדזער טיר פאַר דער בייזער וועלט. איך בין געוועזן מיד און זיך איינגעגנורעט אין דער ווייכער טיפקייט פון דער אַלטער קאַנאַפּע. איך האָב געוואָלט צונויפנעמען אַלץ, וואָס איך האָב איבערגעלעבט פאַר דעם גאַנצן טאָג. מיין געדאַנק איז געלאָפן אָן אַן אָפּהאַלט און פּלוצלינג האָב איך דער־פילט, אַז איך בין נישט אין אונדזער שטוב, אַז איך וואַנדער איבער גאַסן פון דער שטאָט, איך קוק אַריין אין די הויפן, אין די טויערן. אומעטום גייט אַרום אַ שרעקיק גערודער. ווי אין אַ דרימל, האָב איך זיך געטראָגן איבער די טונקעלע גאַסן און דערזען דאָס לאַנגע, גרויע, שטומע הויז, מיט די פאַרקראַטעטע, קליינע פענצטערלעך, פאַרשטעלטע מיט שוואַרצע בלעכענע קאַסטנס.

איך האָב דערקענט דעם „פּאַוויאַק", וועלכן איך האָב געזען ווען מען האָט מיך געפירט צו דער „גרויסער" באַבען. אַ שרעקיקע פינצ־טערניש האָט אַרויסגעשלומערט פון דעם שרעקלעכן הויז. אָבער איך בין אַריין אין דעם גרויען, אייזערנעם מויער.

אָט בין איך הינטער די שוואַרצע, פאַרקראַטעטע פענצטערלעך. אַרום הערט מען דאָס שווערע קלאַפּן פון זעלנערישע שטיוול. איך הער די לידער פונעם „פּאַוויאַק", וואָס מען זינגט אין אונדזער גאַס. וועגן די „קייטן, וואָס קלינגען" און „דעם שוואַרצן שטיקל ברויט און ביסל וואַסער"; און אָט שטייט דער בלאַסער מענטש מיט די לאַנגע האָר, ער קוקט אויף מיר מיט זיין שאַרפן, פיבערדיקן בליק.

מיט אַ מאָל ווערט פון דעם בלאַסן מענטש מיט די לאַנגע האָר דער פאַן קאַראָל. ער ליגט אויפן בעט מיט לאַנגע, געלע הענט; ער ליגט

אויפֿן בעט און נעבן אים שטייט זיין שוועסטער, די קריסטלעכע שכנטע פֿון דער זומערוווינונג. איך זע זי נישט, אָבער איך פֿיל, אַז זי איז דאָ, איך פֿיל דעם קוועלנדיקן ריח פֿון אירע ווייסע הענט.

די הענט רירן זיך צו צו מיין פּנים, צו מיין לייב, איך רייס אויף די אויגן און דערזע די מאַמע.

די מאַמע פֿירט מיך צו מיין געלעגער, אַ האַלב־־שלאָפֿנדיקן.

7

אין איין טאָג, ווען איך האָב מיך אויפֿגעכאַפּט אין דער פֿרי, איז אין דער שטוב געשטאַנען אַ קאַלטע גרויקייט. איך האָב נישט געוווּסט צי עס איז שוין טאָג אָדער נאַכט. אַ ווייסלעכע, נאַסע קאַשע האָט געקלאַפּט אין די פֿענצטער און זיך צערונען איבער די וויינענדיקע שויבן. עס האָט זיך געדאַכט, אַז די גאַנצע וועלט צעגייט זיך אין דער גרויער נעץ. אַן אומעטיקע בייזקייט איז געגאַנגען פֿונעם דרויסן, און ווי שטענדיק אין אַזעלכע טעג, האָט מיר אַ קלאַפּ געטאָן דער שטרענגער ריח פֿון רפֿואות און אַפּטייקן.

עס האָבן זיך באַוויזן שווערע, אַלטע, אויסגעוואַקסענע קליידער מיט פֿאַרלעגענע ריחות פֿון פֿאַראַיאָרן. עס האָט זיך געדאַכט, אַז מען גייט אַריין אין אַ קלעם. די געצערעוועטע, וואַרעמע זאַקן האָבן באַלד דערמאָנט אין אומעטיקע טעג און נעכט פֿון קינדערישן אַרומבלאָנדזשען איבער דער שטוב, ווי די וועלט וואָלט פֿאַרשטעלט און פֿאַרמאַכט געוואָרן.

אָבער גראָד היינט, אין דעם ערשטן, קאַלטן, רעגנדיקן טאָג, האָב איך דערפֿילט אַ נאָגנדיקן חשק אַרויסצוגיין פֿון שטוב. מיך האָט געצויגן צו דער גאַס, מיר האָט זיך געוואָלט עפּעס מיט זיך טאָן, אַרויסרייסן זיך פֿון דער פֿייכטער קעלט, וואָס איז געקראָכן איבער דער פּלייצע און אַזוי דערמאָנט אין לאַנגע, נודנע קראַנקייטן פֿון מיינע קינדערישע ווינטערס. איך האָב זיך לענגער ווי אַלע מאָל געוואַשן און זיך ווי געשלאָגן מיט דעם וואַסער, וואָס האָט היינט, מיט אַ פֿאַרביסענער קעלט, אַ שטראָם געטאָן פֿונעם קראַן. איך האָב דערפֿילט אין זיך אַ נייעם כּוח, און מיט פֿאַרקוועטשטע ציין האָב איך אַראָפּגעוואָרפֿן דאָס שווערע, וואַרעמע לייבל, וואָס די מאַמע האָט מיר היינט געגעבן אָנצוטאָן, און מיט פֿולע הענט קאַלט וואַסער אַ שפּריץ געטאָן אויף מיין נאַקעטן

לייב. מיך האָט פאַרכאַפּט דער אָטעם, אָבער אַ פרישקייט און אַ קרעפּ־טיקע שטייפקייט האָט זיך אָפּגערופן אין מיר.

די מאַמע האָט מורא געהאַט פאַר די שווערע, טונקעלע, נאַסע טעג. דאָס זענען געווען די טעג פון קינדער־קראַנקייטן. זי האָט די טעג גערופן „די גרויע וועלף‟, וואָס האָבן זיך פאַרגנבעט און אַוועקגעכאַפּט ביי איר די קינדער. און אויך מיר איז די שרעק פאַר דעם „גרויען וואָלף‟ פאַרבליבן. אַממיינסטן, ווען איך פלעג, אין די טונקעלע ווינטער־טעג, זיין קראַנק. ווען דער נעפּל פון היץ האָט זיך געוויגט אין מיין קאָפּ, האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז דער „גרויער וואָלף‟ גנבעט זיך צו אונדז אין שטוב אַריין.

היינט האָב איך פאַר גאָרנישט מורא געהאַט. איך האָב געקוקט אויפן קינד. וואָס די מאַמע האָט איינגעדעקט אינעם בעטעלע און מיר האָט זיך געוואָלט אַרויסנעמען דאָס קינד, אַראָפּוואַרפן פון אים די וואַרעמע טיכער, אויפפרישן אים מיט קאַלט וואַסער, מאַכן אים שטאַרק און פריי־לעך, נישט צולאָזן צו אים דעם „גרויען וואָלף‟.

עפּעס האָט אין מיר געקלאַפּט אַ נייער ריטעם. איך האָב געוואָלט זיך לערנען, אַרויסגיין אין דער ענגער, ראַיענדיקער גאַס, אַהיימקומען ווי אַ דערוואַקסענער מיט פולע אויגן געזעענע, נייע געשעענישן. איך האָב דערפילט אַ שרעק פאַר די לאַנגע, טונקעלע טעג ביים בלינדן פענצטער, אין דעם אָנגעפּילטן מיט שרעקן און שאָטנס טונקעלן אַלקער. אַפילו די מאַמע האָט די לעצטע טעג און אָוונטן גערעדט מיטן טאַטן און איך האָב געהערט, ווי זי האָט געזאָגט:

— מען דאַרף עפּעס טאָן מיטן ייִנגל... מען דאַרף אים צוגרייטן צו דער „שקאָלע‟...

שטענדיק, ווען איך האָב געקלערט פון אַ „שקאָלע‟, האָט זיך אַ דינער שוידער איבערגעגליטשט איבער מיין האַרץ, ווי איך וואָלט געקוקט פון אַ הויכן מויער. דער געדאַנק האָט מיך אַ טראָג געטאָן אין אַ הייך, וואָס האָט מיך געצויגן און פאַר וועלכער איך האָב מורא געהאַט, גלייך ווי איך וואָלט באַדאַרפט רייטן אויף אַ ווילד פערד.

די „שקאָלע‟ האָט מיך געשראָקן, ווי עפּעס, וואָס וועט פאַרדעקן מיין אויסגעוואָרעמטן חלום, וואָס איך האָב געהאַלטן ווי אַ גרויסן סוד, דעם חלום פון ווערן אַן „אַרטיסט‟, אַ קינסטלער. איך האָב אַליין נישט געוווסט פון וואַנען עס איז אויף מיר אַנגעשוווּמען אָט דער הייסער

באַגער, צו ווערן באַוווּנדערט פון מענטשן. עס פלעגן אויף מיר אָנלויפן שעהען, ווען איך בין, ווי אין אַ חלומדיקן טראַנס, פאַרטראָגן געוואָרן אין אַ קאָלירטער, שטראַלנדיקער וועלט, ווו איך האָב זיך געזען אין אַ הויך ליכט.

וואָס פאַר אַ בוך איך האָב געזען, און וואָס פאַר אַ בילד, האָט מיר אַלץ געדאַכט, אַז איך קען עס פון מיין געדאַנק, ווי פון אַ וועלט, איידער איך בין געבוירן געוואָרן.

דאָס ווערן אַן אַרטיסט איז ביי מיר געווען געבונדן מיט אַלעם, וואָס האָט געהאַט פרייד און טרויער. פאַר מיר איז נישט געווען קלאָר צי וועל איך מאָלן אַ בילד, צי שרייבן אַ בוך, צי טאַנצן, צי עמעצן נאָכמאַכן, ווי ער גייט, ווי ער רעדט. דאָס אַלץ האָט מיר געגעבן אַ מאָדנע, נאָך קיין מאָל נישט געפילט פאַרגעניגן.

מיין פרייד מיט די גלייך־געשניטענע טעוועלעך פאַפיר, וואָס דער טאַטע האָט מיר אָפט געבראַכט פונעם פעטערס פאַבריק, איז פאַר מיר שוין געווען ווי פון בילדער און ביכער, נאָך נישט אויפגעשריבענע און נישט אויפגעמאָלטע. יעדער סודותדיקער בלייפעדער איז פאַר מיר געווען ווי אַ וועלט־באַשאַפונג. אַ קאָמישער מענטש האָט מיך געפרייט, ווי אַ געשאַנק, וואָס איז מיר געשיקט געוואָרן, נאָר פאַר מיר. עס איז געגנוג געווען איך זאָל בלייבן אין שטוב, אָדער מיט דעם קינד, אַז מיך זאָל באַפאַלן אַן אומפאַרשטענדלעכע פרייד. דעמאָלט האָב איך אַרויסגענומען מיין סודותדיקן פאַרמעגן פון הינטער דער טעאַזשערקע, ווו איך האָב געהאַט מיין אוצר אין אַ שוואַרץ גלאַנציק רוסיש קעסטל, וואָס האָט געשמעקט מיט לאַק. אויף דעם קעסטעלע איז געווען מיט האַר־ציקע פאַרבן אויסגעמאָלט אַ רוסישע „טראָיקע", ווי דריי צעפלאָשעטע פערד לויפן אין אַ געשפאַנטן שליטן. דער רוסישער קוטשער מיט דער פאַרשנייטער באָרד האַלט די רויטע לייטשעס. אינעם שליטן זיצן רוסישע „קופּצעס" אין גרויסע פעלצן און צווישן זיי אַ מיידל מיט ווייסע, לאַכנדיקע ציין, אַנגעטאָן אין הויכע, געלע שטיוול. אין דער לאַכנדיקער בין איך געווען פאַרליבט און פאַר איר, נאָר פאַר איר, האָב איך אין יענע קינדערישע טעג אַ סך מאָל אָפּגעשפּילט גאַנצע סצענעס פון העלדן. איך האָב געטאַנצט פאַר איר און צענדליקער מאָל געפּרוּווט נאָכריסעווען מיטן בלייפעדער איר געשטאַלט, וואָס האָט זיך מיר אויסגעוויזן ווי דאָס איינציקע אין דער וועלט.

אין דעם לאַק־קעסטל איז געלעגן מיין קינדעריש פּאַרמעגן. מיינע פּאַפּירלעך, אויף וועלכע איך האָב מיט אַ פּאַרטייעטער בענקשאַפט געריסעוועט די כלה אינעם ווייסן חופּה־קלייד, וואָס איז געשטאָרבן...

דאָס איז געווען אַ טרויעריקע און שיינע געשיכטע, וואָס איך האָב געהערט דערציילן און ס'האָט מיך פאַרפאָלגט מיט אַזאַ הויכן און איידעלן טרויער. איך האָב געהאַט ביכלעך און קאַרטלעך פון פּושקין, פון מיצקעוויטש און סלאָוואַצקי. איך האָב געקוקט אויף זיי שעהענווייז און זיי האָבן אָנגעהויבן פאַר מיר לעבן און פאַרברענגען מיט מיר.

צו דעם אַלעם זענען איצט געקומען מיינע נייע איבערלעבונגען פון דעם פאַרגאַנגענעם זומער, פאַר וועלכן מיין לאַק־קעסטעלע איז שוין געוואָרן צו קליין. עס איז צוגעקומען דאָס מיידל פון צירק, וואָס איז פאַרבליבן ווי עפּעס אַ ווייטער, לעבעדיקער פויגל, וואָס טראָגט זיך ערגעץ. עס איז צוגעקומען לאָלאַ, ווי אַ זוניקער חלום, דער שותפותדיקער סוד פונעם ביכעלע מיטן רויטן באַנד, וואָס איך האָב געהאַט מיט מיין שוועסטער פון דעם געשטאָרבענעם פאַן קאַראַל. איצט איז אויך צוגעקומען דער בלאַסער מענטש מיט די לאַנגע האָר און פיבערדיקע אויגן פון דעם שטומען, שרעקיקן „פּאַוויאַק". דאָס אַלץ האָט זיך צונויפגעגאָסן אין איין לעבעדיקער וועלט, מיט וועלכער איך בין געווען פאַרבונדן מיט נישט־געזעענע פעדעם.

עס איז אויך צוגעקומען די לעבעדיקע, רווישנדיקע גאַס, וועלכע האָט מיך געצויגן, גערופן און צוגעזאָגט ווי אַ כישופדיק בוך, וואָס איך האָב ערשט אָנגעהויבן לייענען.

*

אין דעם גרויען, רעגנדיקן אינדערפרי האָב איך מיט נייע, ווי דערוואַקסענע אויגן געקוקט אויף דער מאַמען, ווי זי האָט געפירט די מלחמה מיט דער טונקעלער קעלט פון דער שטוב, ווי זי האָט געגרייט די אומעטיקע, פאַראַיאָריקע גרויע וואַטע, מיט וועלכער מען האָט ביי אונדז פאַרשטאָפּט די שפּאַרעס אין די פענצטער, פון וואַנען עס האָט געבלאָזן די קעלט. די גרויע, אומעטיקע וואַטע האָט איצט פאַר מיר אויסגעזען, ווי די פאַרגאַנגענע ווינטערדיקע, אומעטיקע טעג מיינע אין דער שטוב.

עס איז, זעט אויס, גראָד געווען דאָנערשטיק, ווייל ווי שטענדיק

האָט זיך באַלד דערהערט חנהס ברומענדיקע שטים, ווי עס וואָלט זיך אָנגעטראָגן אַ גרויסע בין:

— היינט איז דאָנערשטיק, היינט איז דאָנערשטיק... ווו איז דאָס לעכטיקע קינד? טייערע מענטשן, היינט איז דאָנערשטיק...

עס האָבן זיך דערהערט אירע האַרטע, פויקנדיקע טריט פון אירע גראָבע, ווי הילצערנע, מענערישע שיך און דאָס געקלימפּער פון אירע בלעכערנע מכשירים צום רוימען און וואַשן ווי זי אַליין וואָלט געווען דער נאָסער, שווענקענדיקער רעגן.

דאָס קינד האָט אָנגעהויבן צאַפּלען מיט די ליפּעלעך, ווען עס האָט דערהערט חנהס יאָמערדיקע שטים. אָבער חנה האָט נישט אָפּגעטרעטן. זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף דער ערד, נעבן קינדס בעטעלע, זיך באַמיט מילד צו מאַכן איר בלוי, אייזערן פּנים, ביז וואַנען זי האָט נישט אויסגעבעטלט ביים קינד אַ שמייכל. דעמאָלט האָט זי, פון ווילדער, רויער ליבע צום קינד, זיך גענומען פּאַטשן איבער אירע האַרטע, בלויע, איינגעשרומפּענע באַקן מיט הנאה און האָט אָנגעפילט די שטוב מיט איר וואָיען, ווי פון אַ געטרייען הונט:

— מענטשן, כ׳וועל עס נישט אויסהאַלטן... היינט איז דאָנערשטיק... דאָס קינד האָט ליב חנהן, דאָס גאָלדענע קינד...

זי האָט זיך אַ לאָז געטאָן איבער דער שטוב, און באַלד האָט זיך, צום ערשטן מאָל אין דעם יאָר, באַוויזן אַ רויט, פייערדיק ראָד אינעם אויוון. דאָס פייער האָט געפלאַקערט און געקנאַקט מיט אַ לעבעדיקן אָטעם. די מאַמע האָט אומעטיק געקוקט אויפן פייער אין אויוון און פאַרטראַכט געזאָגט:

— דער ווינטער האָט זיך געשטעלט, דער לאַנגער ווינטער... ווער ווייסט?

און ווי זי האָט דאָס געטאָן אַלע מאָל, ווען איר האַרץ איז געווען פול, האָט זי שטיל גערעדט צום קינד:

— ס׳איז ווינטער... יאָ, קינד, ס׳איז קאַלט, נישטאָ קיין זון... וועסט זיין געזונט, וועסט לעבן, וועט ווידער זיין זומער. וועסט שוין זיין אַ גרויסער...

דאָס קינד האָט געקוקט אויף איר מיט זיינע גרויסע, זיידענע אויגן. געקוקט מיט הונגער צו פאַרשטיין אירע ווערטער.

פּלוצלינג האָט זיך חנה אָוועקגעשטעלט מיט אירע אַראָפּגעלאָזטע,

שמאַלע, ווי אייזערנע הענט, און זי האָט געזאָגט צו דער מאַמען מיט אַ מאָדנער שטים:

— מאַדאַמעשי, הערן זי אויף... מען טאָר נישט אַזוי רעדן צו אַ קינד... מיט אַ קינד דאַרף מען זיך שפּילן... דאָס קינד זאָל פאַרשטיין... ווען נישט, חלילה, מאַטערט עס זיך...

די מאַמע האָט געקוקט אויף איר מיט שרעק. אויך איך האָב נישט ווייסנדיק פאַר וואָס, דערפילט אַן אומרויִקייט. און ווי עמעצער וואָלט מיך געשיקט, בין איך צוגעגאַנגען צו דער מאַמען און געזאָגט:

— מאַמע, איך וויל זיך לערנען... איך וויל זיין אַ גרויסער אַרטיסט... אַ קינסטלער...

די מאַמע האָט מיך אָנגעקוקט מיט אַן אָנגעלאָפּענעם פייכטן גלאַנץ אין אירע אויגן. זי האָט שטיל און פאַרטראָגן געזאָגט:

— דו... אפשר... יאָ...

— ווּעסט זען... מאַמע...

מיין האַרץ איז פול געוואָרן. מיר איז געוואָרן מאָדנע הייס. איך בין אַוועק אין אַ ווינקל מיט פאַרקוועטשטע אויגן, פון וועלכע עס האָט זיך געשפּאַרט ווי אַ הייסער, ברויענדיקער שטראָם. עס האָט געשפּילט אין מיר ווי אַ מוזיק, ווי אַ זיס און גליקלעך געזאַנג וואָלט מיר צעשפּאַרט די ברוסט.

איך בין צוגעגאַנגען צו דער עטאַזשערקע. דאָ איז געשטאַנען דער שפּיגל אין דער זילבערנער ראַם, און איך האָב פּלוצלינג דערזען זיך אַליין, ווי צום ערשטן מאָל.

מיינע האָר זענען געווען שוואַרץ און האָבן ווי געברענט מיט אַ שוואַרצן פלאַם. מיינע אויגן האָבן געגליט און די ווייסלען האָבן אָפּ־געשלאָגן מיט אַ פרישער בלויקייט, ווי אַ שטראַלנדיקע עמאַליע. איך האָב דערכאַפּט די איידלקייט פון מיינע שוואַרצע, גלאַנציקע, זיידענע ווּיעס און די פולע געשניצטקייט פון מיינע ליפּן. מיך האָט אַ ציי געטאָן צו זיך אַליין. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז איך האָב איצט אַנטדעקט און געפונען נאָך אַ גרויס פאַרמעגן: איך האָב דערפילט, אַז איך בין שיין. און מיין בלוט האָט אויפגעשפּילט מיט טריומף און זיכערקייט. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז די גאַנצע וועלט האָט מיך ליב.

8

אין די ערשטע, נייע ווינטער־טעג זענען די אינדערפריען פאַר מיר פולע געווען מיט ברוויזנדיקע דערוואַרטונגען. עס האָט זיך מיר צומאָל אויסגעוויזן, ווי איך וואָלט באַקומען אַ נייעם, נאָענטן חבר, פון וועלכן איך האָב זיך יעדע מינוט עפּעס דערוווּסט, און דער חבר בין געווען — איך אַליין.

נאָך לאַנגע אומרויִקע געשפּרעכן און אַמפּערנישן צווישן דער מאַמען מיטן טאַטן, וואָס האָבן זיך דערטראָגן פונעם לעצטן צימער, וועגן דער שוועסטער, וואָס האָט שוין דאָס יאָר געזאָלט אויפהערן גיין אין „שקאָלע", האָט דאָך די מאַמע אויסגעפירט. און די שוועסטער איז ווידער ווי ביז אַהער, באַלד אין דער פרי, מיט אַ שטיל געאייל, דורך דער מאַמען פאַרזאָרגט געוואָרן. די מאַמע האָט, ווי שטענדיק, געפּאַקט פאַר איר דאָס פּעקעלע עסן אין קאָלירט פּאַפּיר, פאַרבונדן מיט אַ זיידן שנירעלע, אַז עס זאָל נישט אויסזען ערגער ווי ביי לייטישע קינדער. די מאַמע איז צוליב דעם אויפגעשטאַנען גאָר פרי און איך האָב יעדן טאָג, ווי דורכן חלום, געהערט דער מאַמעס אַרומפלאָטערן אַרום דער שוועסטער, ווי מען וואָלט געגרייט עפּעס אַ פייערלעכקייט. די מאַמע האָט דאָס געטאָן מיט אַ באַזונדער פרומקייט, געפּוצט די שוועסטער, איר געפלאָכטן די צעפּ, געפּרעסט איר ברויז, אָפּגעטראָגן קליידל מיט די ווייסע „לאַמוווקעס", וואָס עס האָבן דעמאָלט געמוזט טראָגן די שילער־רינס, און זי אַרויסגעפירט ביז צום טויער. דער טאַטע איז אַוועק פון שטוב נאָך פריער. און פון זינט דער ברודער האָט אָנגעהויבן גיין זיך לער'נען אַן אַרבעט, איז נאָך דער שוועסטערס אַוועקגיין געבליבן אַ מאָדנע שטילקייט און רויִקייט. ווען דאָס קינד האָט זיך אויף דער אַלטער צעראַטענער קאַנאַפּע געשפּילט, אַרומגערינגלט מיט זיינע שפּילצייג, האָב איך אַרויסגענומען מיין קעסטעלע און אומגעשטערט זיך פאַר־טראָגן אין מיינע טראַכטענישן.

דאָס זענען געווען וווּנדערבאַרע וואַנדלונגען פון מיין געדאַנק, דערמאָנונגען, וואָס זענען איצט אויפגעשוווּמען פאַר מיר אין אַ גרויס ליכט. איך האָב געמאָלט, געצייכנט און צוגעשריבן מיט ווערטער, וואָס זענען נאָר פאַר מיר אַליין געווען פאַרשטענדלעך. איך האָב געהערט דער מאַמעס גיכע באַוועגן זיך אין דער קיך, ווו זי האָט געגרייט דאָס

עסן זינגענדיק טייל מאָל, אויף איר וווּנדערבאַר, טונקעלער, האַרציקער שטים. זי האָט געזונגען אויף פּויליש, אויף רוסיש און יידיש. און פון אַלע אירע לידער איז מיר פאַרבליבן אַ טרויעריקע פרייד, פון וועלכער מיר האָט זיך געוואָלט מאָלן אַ בילד. אַממיינסטן האָט מיך פאַרפאָלגט אַ רוסיש ליד, פון וועלכן איך האָב פאַרשטאַנען נאָר איינציקע ווערטער און ווי עס האָט זיך דערציילט וועגן דער כלה „וואָס איז געפאַלן אַ טויטע אינעם ווייסן קלייד". דאָס ליד האָט זיך אָנגעהויבן מיט די ווער־טער, ווי פּאַר דער „צערקווע" זענען געשטאַנען די קאָטשן מיט די ווייסע פערד. די מאַמע האָט אַריינגעלייגט אַזוי פיל האַרץ אין דעם ליד, אַז מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס איז עפּעס, וואָס האָט אַ שייכות מיט דער מאַמעס לעבן, עפּעס, וואָס איז מיט איר געשען.

טייל מאָל פלעגט מיך די מאַמע אַרויסשיקן עפּעס קויפן אין געוועלב. איך בין געווען ווי פאַרחלומט און האָב קיין מאָל נישט געדענקט אויף קלאָר, וואָס די מאַמע האָט מיר אָנגעזאָגט. אין די געוועלבער בין איך געווען נישט דרייסט און זיך נישט געקאָנט שטופּן צווישן די צעשריגענע ווייבער. ביז וואַנען דער קרעמער האָט מיך דערזען און מיט אַ באַזונדער איידלקייט, מיט וועלכער מען האָט זיך אין געסל באַצויגן צו אונדזער שטוב, מיך באַדינט.

אין איינעם פון די שפּייז־געוועלבער בין איך געגאַנגען קויפן מיט אַן אומרו, וואָס האָט מיך געררייצט און געשראָקן. דאָס געוועלב איז געווען אַ קליינס, אַ פעטס, פול מיט יידישע ריחות פון בשמים און שפּייז. דער קרעמער איז געווען אַ קליינער, קיילעכיקער, געפּאַקטער ייד מיט אַ פאַרפעטסט קאַפּל, וואָס איז געווען ווי צוגעשמאָלצן צו זיין שטערן. ער האָט געכאַפּט די גראָשנס מיט קורצע, פאַרפעטסטע פינגער און גערעדט מיט אַ ווייבעריש קול. אָבער דאָס געוועלב האָט געפירט זיין טאָכטער, אַ קליין מיידל מיט אַ פלאַצנדיקע בלוזקע, פון וועלכער עס האָט זיך געריסן איר קערנדיק לייב. אַלץ ביי איר איז געווען ווי אָנ־געפּלאַצט, די העלע, גרינלעכע אויגן ווי פון גלאָז, די פולע, ווי אָנגע־שוואָלענע ליפּן; און ווען זי איז געשפּרונגען און געקראָכן אויפן ליי־טערל, צו די פּאָלקעס אויף דער וואַנט, האָבן זיך פון הינטערן קליידל אַרויסגעזען אירע רויטע, ווי פּלאַצנדיקע קני. ווען איך בין געקומען עפּעס קויפן, האָט זי געקוקט אויף מיר מיט אירע אַרויסגעזעצטע אויגן, ווי זי וואָלט מיך פאַר עפּעס פיינט געהאַט. זי האָט מיך געלאָזט לאַנג

וואָרטן, פאַר וואָס די מאַמע האָט זיך אויף מיר געכעסט. אָבער איך בין שטענדיק, ווי נישט־ווילנדיק, געגאַנגען אין דעם ענגן, טונקעלן געוועלבל.

דאָס מיידל האָט געהייסן ראַצע און עס איז שווער געווען צו וויסן, צי זי איז אַ קינד, אָדער אַ דערוואַקסענע. זי האָט אַלץ געטאָן גיך און בייז און יעדעס מאָל, ווען זי איז פאַרבייגעגאַנגען נעבן מיר, האָב איך זיך אין דער ענגשאַפט אָנגערירט מיט אירע פלאַצנדיקע הענט, וואָס האָבן מיך ווי געבריט. איך האָב זיך געפילט שולדיק קעגן איר, כאָטש כ'האָב נישט געוווסט פאַר וואָס, און איך האָב שטענדיק פאַרגעסן נאָך וואָס איך בין געקומען. איין מאָל, ווען איך בין אַריין אין געוועלב, איז דאָס מיידל געווען אַליין. עס איז שוין געווען פאַר נאַכט. אין געוועלב איז געווען טונקל, קיין קונים זענען נישט געווען. איך האָב עטלעכע מאָל איבערגעחזרט וואָס איך וויל קויפן, אָבער ראַצע האָט ווי נישט געהערט. זי האָט דאָס מאָל זיך פּאַמעלעך באַוויגן, ווי זי וואָלט געווען שוואַך. זי האָט געקוקט אויף מיר פאַרטראַגן, לאַנגזאַם מיר דאָס געקויפטע דערלאַנגט אין אַ פּאַפּירל. דאָס געלט האָט זי אַוועק־געלייגט אויפן טיש.

— וואָס איילסטו זיך אַזוי, יינגל? — האָט זי פּלוצלינג געזאָגט מיט איר ווי געפּלאַצט קול.

זי איז צוגעגאַנגען צו מיר נאָענט און איך האָב דערפילט דעם געדיכטן, פעטן ריח פון שפּייז, וואָס איז געגאַנגען פון איר. זי האָט געקוקט אויף מיר און די גרינע רעדעלעך אין אירע בולטע אויגן האָבן מאָדנע געשפּילט אין דער טונקל. זי האָט פּלוצלינג געזאָגט:

— דיין ברודער... ער וועט שלעכט אָפּשניידן...

— פאַר וואָס? — האָב איך געפרעגט און מיין האַרץ האָט שטאַרק אָנגעהויבן קלאַפּן.

— ער טשעפּעט מאַך... אַנומלט... ביי דעם „צמענטאַזש”... אָבער יאַך וויל מיט עם נישט גיין...

איך האָב זיך געשעמט. איך האָב נישט געפונען קיין אַנדער וואָרט:

— פאַר וואָס?

זי איז רויט געוואָרן מיט אַ רויטקייט פון אַ ניי־געבוירן קינד. און ווי איר פּנים וואָלט ענדלעך געפּלאַצט, האָט זי אַ שמייכל געטאָן, אירע ציין זענען געווען ווייסע און קינדערישע:

— דו... איז עפּעס אַנדערש...

און זי האָט מיך אַ ריס געטאָן פאַר די האָר. איר האַנט איז געווען אַ שווערע און אַ ברי̇ענדיקע. איך האָב נאָר געזען אירע אויגן, וואָס האָבן געלויכטן.

מיר האָט זיך דערמאָנט שרה, דעם מלמדס טאָכטער, און איך האָב דערפילט, אַז דאָס איז איינע פון די סודות, וואָס וואַרטן אויף מיר. אַ ברענענדיקער נייגער האָט מיך אַרומגעכאַפּט. איך האָב געוואָלט אַנטלויפן, אָבער עפּעס האָט מיך פאַרהאַלטן. איך האָב אַ שפּאַן געטאָן, הינטער מיר זענען געשטאַנען זעקלעך מעל.

— ווּעסט דיך איינמעלן — האָט זי שווער און טונקל געזאָגט און מיך אַנגענומען פאַר דער האַנט. זי האָט גענומען אָפּקלאַפּן דעם מעל־שטויב פון מיין אַרבל. אירע קלעפּ זענען געווען קורצע און וואַרעמע, מער וויפל מען האָט באַדאַרפט. צום סוף איז איר האַנט געבליבן ליגן אָן באַוועגונג אויף מיין אָרעם.

אַ ציטער איז דורכגעלאָפן און זיך פאַרהאַלטן אין מיר ערגעץ ביים האַרץ. איך האָב געוואָלט גיין און נישט געקאָנט. איך האָב זיך אַ וויג געטאָן, זיך אָנגעשטויסן אָן דעם מיידל און פאַרטראָגן געוואָרן אין דער פייכטקייט פון איר צעפּייערט פנים, ווי עס וואָלט אויפגעפּלאַצט אַ זיסע און שיכורנדיקע פרוכט, אָן אומבאַקאַנטע און זעלטענע. ווו איך האָב נישט געקערט מיין פנים, האָב איך זיך אָנגעשלאָגן אין אירע ליפּן, אירע ציין און איר, ווי אַנגעגליטע האַנט, איז אַלץ געלעגן אויף מיין האַלדז.

פון דעמאָלט אָן האָט זיך צווישן מיר און דעם מיידל ראַצע פונעם געוועלבל אָנגעצויגן אַ גליענדיקער פאָדעם און איך האָב אַלץ נישט געקאָנט זיך קלאָר מאַכן, צי זי איז אַ קליין מיידעלע, אָדער אַ דער־וואַקסענע.

מיר איז געבליבן אויף מיין הויט די שווערע און זיסע וואָג פון איר לייב, וואָס האָט געמאַכט פאַרשטאַרבן מיין האַרץ. איך האָב זיך געשעמט, ווען איך האָב זי געזען אין געוועלב באַדינען די קונים. איך האָב זיך געשראָקן פאַר איר רויער און טונקעלער שטים פון אַ דערוואַקסענער, ווען זי האָט גערעדט מיט די ווייבער.

זי האָט ווידער געקוקט אויף מיר, ווי זי וואָלט מיך עפּעס פיינט געהאַט. איך האָב אַלץ גיכער געוואָלט אַרויס פון דער קלעם און זי האָט, קוקענדיק אויף מיר, מיט אירע לויכטנדיקע און בולטע, ווי פלאַצנדיקע אויגן, פּלוצלינג, אַזוי ווי דעמאָלט, געזאָגט:

— וואָס איילסטו זיך אַזוי, יינגל?

אָדער זי האָט פּלוצלינג פונעם קלאָש, וואָס איז געשטאַנען אויפן טיש, מיט „לאַנדרין"־צוקערלעך, אַרויסגעכאַפּט אַ צוקערל און עס מיר אַ שטופּ געטאָן אין מויל אַריין. מיך האָט פאַרגאַסן אַ היץ, דאָס צוקערל איז אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד. זי האָט מיך אַ ריס געטאָן פאַר די האָר און הויך פאַר אַלע געזאָגט:

— יינגל, ווו האָסטו גענומען אַזעלכע „אויגענעס"?

און איך האָב ווידער נישט געוווסט צי זי איז אַ קינד, אָדער אַ דער־וואַקסענע.

*

אין די ווינטערדיקע אינדערפריען איז גוט געווען ביי אונדז אין שטוב. אַפילו די טונקלקייט פון דער שטוב איז געווען געפּאַסט צו מיינע טרויעריקע בילדער, וואָס איך האָב פאַרקלערט אויפצומאָלן. איינס פון די בילדער, וואָס איך האָב פאַרטראַכט שוין פון לאַנג, האָט באַדאַרפט זיין דער וועג פון אונדזער געסל צום יידישן בית־עולם, וואָס איז געווען איינגעהילט אין דעם סודותפולן וועלדל און די הויכע ביימער. פון „דאָרט" האָבן באַדאַרפט, באַלויכטן פון דער לבנה, צוריקקומען אַלע געשטאָרבענע, וואָס זענען אַוועק. זיי האָבן באַדאַרפט, אַנגעטועגע אין ווייסן, גיין אין אַ מחנה, צוריק צו זייערע נאָענטע. איך האָב נישט פאַר־געסן אין די געשטאָרבענע, וואָס איך האָב געקענט. די ערשטע האָבן באַדאַרפט צוריקקומען צו דער מאַמען אונדזערע געשטאָרבענע קינדער. איך האָב נאָר נישט געוווסט צי קאָן איך אויך אַריינשטעלן דעם „פאָן קאַראַל", וואָס ליגט נישט אויף דעם יידישן בית־עולם.

אויך די מאַמע איז אין די אינדערפריען געווען רויק. דאָס איז אַלץ געווען צוליב דעם, וואָס דער ברודער איז איצט אין דער פרי אַוועק־געגאַנגען צו דער אַרבעט, ווו די מאַמע אַליין האָט אים אַוועקגעגעבן צו אונדזער שטענדיקן פריינד עליאָש. עליאָש האָט אויך אַ מאָל געאַרבעט ביים פעטער אין פאַבריק און פון זינט איך בין געבוירן האָב איך גע־וווסט, אַז ער איז ביי אונדז ווי אַן אייגענער, אַז די מאַמע האָט אים אויסגעכאָוועט ווי אַן אייגן קינד.

דער טאַטע האָט זיך נישט געוואָלט אַריינמישן און די מאַמע אַליין

האָט אָפּגערעדט מיט עליאַשן, דער ברודער זאָל ביי אים לערנען די אידעלע לעדער־אַרבעט.

דער טאַטע האָט נישט געגלייבט, אַז פון דעם ברודער וועט עפּעס אַרויסקומען, אָבער ער איז, זעט אויס, געווען צופרידן, וואָס דער ברודער געפינט זיך ביי עליאַשן.

עליאַש איז ביי אונדז אין שטוב געווען זייער באַליבט. באַזונדערס האָט די מאַמע ליב געהאַט זיין שטילקייט און איידלקייט און זי האָט אָפט איינגעריסן מיטן טאַטן, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן עליאַשן.

עליאַש איז געווען אַ הויכער, אַ בלאָנדער, ווי אַ גוי און מיר איז פאַרבליבן די מאָדנע ריחלאָזיקייט פון זיין באַזונדערער ריינקייט, ווי פון אַ נישט־לעבעדיקער זאַך: עליאַשס הויכע, בלייכע פיגור איז געווען איינגעהילט אין עפּעס אַ געשיכטע, וואָס האָט מיך געררייצט, און איך האָב קיין מאָל נישט געקאָנט זי קלאָר מאַכן.

אין שטוב ביי אונדז האָט מען געוווּסט, אַז ער איז געווען אַ יתום און איז אויפגעוואַקסן אין אַ קאַטוילישן דערציִונגס־הויז. ווען ער איז געווען אַ ייִנגל, האָט ער לאַנג געווינט ביי אונדז אין שטוב. אַחוץ דעם אַלעם האָט מען זיך פון ערגעץ דערוווּסט, אַז ער איז גאָרנישט קיין ייִד. עליאַש איז אָפט געקומען צו אונדז און די מאַמע האָט מיט אים וועגן אַלעם גערעדט. זיין שטילקייט און בלאָנדע, נישט־ייִדישע רויִקייט האָט אַרויסגערופן צו אים אַ צאַרטע באַציִונג און נאָר ער איינער האָט ביי דער מאַמען געהאַט די זכיה פון מאָל צו מאָל, אין די טעג פון איר געבורטס־טאָג, מיטצונעמען די שוועסטער אין צירק, אָדער אין טעאַטער. פון די טעג איז ביי דער שוועסטער, אין איר שופלאָד, געבליבן אַ גאַנצע ריי שיינע קאָלירטע פודעלעך פון די „באָנבאָניערקעס״, וואָס זי האָט באַקומען פון עליאַשן.

✶

דער ברודער איז אַהיימגעקומען אין אָוונט פון עליאַשן. די מאַמע האָט אויף אים געוואַרט מיט גרויס אומרו און ווען ער איז געקומען, אַ פאַרשטויבטער און אויסגעשמירטער אין קלייסטער פון דער אַרבעט, איז די מאַמע געווען אַ גליקלעכע. זי האָט אים געפּוצט און גערייניקט, אים געגעבן פונעם בעסטן און שענסטן. זי האָט גערעדט צו אים, אים אַלץ צוגעזאָגט, ווי גוט עס וועט זיין, ווען ער וועט זיין אַ מענטש. דער

ברודער האָט נאָך אַלץ געהאַט פאַרקוועטשטע אויגן, אָבער איך האָב איצט צום ערשטן מאָל געהערט ווי ער רעדט. פון זיינע קאַרגע רייד איז אויסגעקומען, אַז עליאַש פאַרדינט אין אים אַ סך, נוצט אים אויס, אַז דער ברודער קאָן שוין בעסער אַרבעטן פאַר די געזעלן, וואָס פאַר־דינען, אַז בקרוב וועט ביי עליאַשן זיין אַ שטרייק, ווייל ער איז אַן „עקספּלואַטאַטאָר".

די מאַמע, הערנדיק דאָס, האָט אויפגעציטערט. זי האָט פאַרענטפערט עליאַשן, אַז ער איז אַ פיינער מענטש, אים פאַרזיכערט, אַז עליאַש וועט אים גוט באַהאַנדלען און וועט אים אין גיכן אָנהייבן צאָלן און ער וועט האָבן זיין אייגן פאַרדינט געלט. זי האָט מורא געהאַט, אַז דער ברודער זאָל נישט איבעררייסן דאָס גיין צו דער אַרבעט.

ס'איז געוואָרן קעלטער פון טאָג צו טאָג. די בלאָטע נאָך די האַרבסט־טיקע רעגנס איז פאַרשוואונדן און אַ שטייפע פראָסטיקייט האָט געזעצט אין דער נאָז, ווי נאָר מען איז אַרויס פון דער שטוב. די קינדער אויפן הויף, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין מלבושים, זענען פאַרשוואונדן פונעם הויף. דער פעלדשער שאַיטשע, מיט דער הויכער, ווייסער באָרד און דעם גראָבן שטעקן, האָט אָנגעהויבן גיין פון שטוב צו שטוב, צו די קראַנקע קינדער. אין די שפּעטע אָוונטן האָט מען געהערט ווי די מאַמע האָט גערעדט מיטן טאַטן וועגן קויפן דעם ברודער אַ מאַנטל, אַז עס איז קאַלט און ער האָט נישט אין וואָס צו גיין צו דער אַרבעט. אין איין טאָג האָט דער טאַטע געבראַכט פאַרן ברודער אַן אָפּגעניצטן, גראָבן שינעל פון אַ גימנאַזיסט, מיט זילבערנע קנעפּ, וואָס איז אויפן ברודער געווען צו־גרויס און צו־שמאָל. דער מאַמעס פּנים האָט זיך אָנגעצונדן, ווייל דאָס איז געווען אַן אַלטער מאַנטל פון מיין קוזין, דעם גימנאַזיסט לאַלעק.

דער ברודער האָט זיך געקרימט. צום סוף האָט ער אָנגעטאָן דעם שינעל, וואָס איז געזעסן אויף אים ווי רייטנדיק. דער ברודער איז געווען קליין און ברייט און דער שינעל איז געווען פאַר אַ הויכן און אַ שמאָלן.

די יינגלעך אויף דער גאַס האָבן דערזען דעם שינעל מיט די זיל־בערנע קנעפּ אויף מיין ברודער, האָבן זיי אים גענומען נאָכשרייען: „סטודענט, סטודענט, די הויזן צעטרענט!". און שוין אין דעם ערשטן טאָג האָט זיך צו אונדז אין שטוב אַריינגעפּאַקט אַ יידענע מיט אַ יינגל. ביי דעם יינגל איז די נאָז געווען צעבלוטיקט. די יידענע האָט געיאָמערט מיט אַ ניגון, ווי איבער אַ טויטן:

— דער בענדיט האָט דאָך מיר דערהרגעט דאָס ייִנגל — האָט די ייִדענע געשריגן און די מאַמע האָט ווידער אַ גאַנצן טאָג געגומען וואַ־לעריאַנע טראָפּנס.

דער ברודער איז געקומען פון דער אַרבעט מיט פאַרקוועטשטע אויגן. ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט נישט גיין צו דער אַרבעט און ער האָט אַ וואָרף געטאָן דעם שינעל מיט די זילבערנע קנעפּ.

די מאַמע איז שפּעט אין דער נאַכט געזעסן איבער דעם מאַנטל. זי האָט אָפּגעטרענט די זילבערנע קנעפּ און צוגענייט שוואַרצע. זי האָט געשניטן, געפּרעסט און אַלץ גערעדט צו דעם ברודער, אים אַלץ פאַר־זיכערט, אַז גיך וועט ער האָבן געלט אויף אַ מאַנטל, אַז ער וועט פאַר־דינען און זיך אַנטאָן שיין.

צום ערשטן מאָל האָב איך געזען ווי דער ברודער האָט זיך לאַנג געקעמט די שוואַרצע, געדיכטע האָר מיט אַ קעמעלע. ער האָט אַלץ געפרעגט ביי דער מאַמען צי ער וועט קאָנען זיך קויפן „לאַקערקעס". דאָס איז געווען אין גאַנצן ניי פאַר דער מאַמען און אויך פאַר מיר. דעם ברודערס חשק זיך אויסצופוצן האָט אים דערנענטערט צו דער שטוב און צו אונדז אַלע.

אָבער מיט אַ מאָל האָט מיר אַ בליץ געטאָן אַ געדאַנק, וואָס האָט מאָדנע אַ ברי געטאָן ערגעץ ביי מיר אין האַרץ. איך האָב זיך דערמאָנט ווי דאָס מיידל ראַצע פונעם געוועלבל האָט מיר געזאָגט:

— דיין ברודער טשעפּעט מאַך...

און איך האָב דערזען פאַר זיך איר פול, פלאַצנדיק קליידל, אירע גליִענדיקע הענט, וואָס זענען געלעגן אויף מיין האַלדז און די אָנגע־פלאַצטע, זיסלעכע פייכטקייט פון אירע ליפּן; יעדעס מאָל, ווען מיין ברודער איז אַרויס פון שטוב, האָט מיין האַרץ זיך געטונקלט מיט אַ מאָדנער געדריקטקייט. מיר האָט זיך געוואָלט גיין נאָך אים, און פאַר־שידענע משונהדיקע פאַרשטעלונגען, ווי אַזוי מיין ברודער טרעפט זיך מיט דעם מיידל, האָבן מיך אָנגעהויבן פאַרפאָלגן.

*

אויך איך האָב נישט געהאַט קיין מאַנטל און די קעלט האָט מיך געהאַלטן אין שטוב. דער טאַטע האָט קיין מאָל נישט געזאָגט, אַז ער

וועט קויפן. ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט „נאָכקוקן" פאַר מיר „עפּעס אויפן ווינטער".

געקויפט האָט די מאַמע נאָר פאַר דער שוועסטער, דאָרט, ווו די שוועסטער האָט געוואָלט, ווו עס האָבן געקויפט אירע חברטעס פון „פיינע שטובן", ווו עס האָט געקאָסט טייער. דער טאַטע האָט שטענדיק געהאַלטן, אַז מען קריגט עס פאַר האַלב־געלט. מיר האָבן געוווסט, אַז דער טאַטע האָט ליב אַרומצוגיין אויפן מאַרק, נישט ווייט פון אונדז, ביי דעם „ווינע־פּלאַץ", וואָס מען האָט גערופן די „וואָלוווקע" און אַלע זאַכן פון דאָרט האָבן געהאַט אַ באַזונדערן ריח פון „דזשעגעטש", מיט וועלכן עס האָבן געשמעקט די רוסישע זעלנער, וואָס האָבן זיך געדרייט אויף דעם מאַרק.

דער טאַטע האָט ליב געהאַט דעם מאַרק און דאָרט זיך אַרומגעדרייט שעהענווייז, אין דער שטויביקער ענגשאַפט און אָפט אַהיימגעבראַכט פון דאָרט צופעליקע מציאות, וואָס האָבן אַרויסגערופן קריגערייען צווישן אים און דער מאַמען. אַזוי האָט ער אַהיימגעברענגט אַ פינדזול מיט לאַנגע, ווייכע, ווייסע האָר. דאָס איז געווען אַ „קראַפּידלאָ" פון אַ גלח צום באַשפּריצן מיטן הייליקן וואַסער. קיינער האָט נישט געוווסט צו וואָס מען דאַרף עס און דער טאַטע האָט געהאַלטן, אַז דאָס איז אַ גרויסע מציאה, אַז אַזעלכע האָר ווי ביי דעם פינדזול איז שוין היינט נישט צו געפינען. אָדער ער האָט געקויפט אַ הייזעריקן שפּיל־קאַסטן, וואָס האָט געוואָיעט ווי אַ הונט. דאָס אַלץ איז געלעגן יאָרן אויף דער שאַנק און דער טאַטע האָט אַלץ צוגעזאָגט, אַז ער וועט דאָס אַ מאָל פאַרקויפן פאַר גרויסע געלטער.

דער טאַטע האָט ליב געהאַט דעם מאַרק אויך צוליב עפּעס אַנדערש: צוליב דעם פאַרביקן רעש פון מענטשן, צוליב די קאָמישע טיפּן און געשטאַלטן, ער האָט שפּעטער נאָכגעמאַכט זייערע גענג און תנועות. ביי אונדז אין שטוב האָט מען שוין פונעם טאַטנס דערציילן געקאַנט אַ סך פון די „וואָלוווקער" פאַרשוינען. און זיי זענען, ווי לעבעדיק, אַריינגעוואַקסן אין אונדזער הויז.

יעדעס מאָל, ווען מען האָט מיר באַדאַרפט קויפן שיך, האָט דער טאַטע, נאָך לאַנגע וואָכן „נאָכקוקן", מיך ענדלעך גענומען אין גאַס. עס האָט זיך שטענדיק אָנגעהויבן דערפון, אַז איך האָב נאָך פריער

מיט געוויין און געבעט, געפּועלט ביי דעם טאַטן, צו קויפן מיר שיך נישט אויף דער „וואַלוווקע״.

אויך די מאַמע האָט זיך אַריינגעמישט, ביז וואַנען דער טאַטע האָט צוגעזאָגט.

מיטן טאַטן איז גוט געווען צו גיין אין גאַס. עס איז געווען גוט זיך צו האַלטן ביי זיין ברייטער, וואַרעמער, קרעפּטיקער האַנט. ער איז געווען קינדעריש פאַרשפּילט און האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי יעדן רעדל מענטשן, ביי יעדער זאַך, וואָס האָט געהאַט עפּעס אַ פּאַרב. ער האָט ליב געהאַט צו רעדן מיט מענטשן פון דער גאַס. מען האָט אים אויך גע־קענט און אים באַגריסט מיט אַ באַזונדער פריינדלעכקייט.

די גאַנצע צייט האָב איך זיך באַמיט, האַלטנדיק דעם טאַטנס האַנט, אים אָפּצווענדן פון דעם נישט ווייטן „וואַלוווקע״־מאַרק, ווו עס האָבן געווימלט אַ שטויביקע ענגשאַפט פון גרויע, אָרעמע מענטשן, ווו עס האָבן מיט זייערע ברייטע, יוכטענע שטיוול און גרעלע, רויטע, גרינע און געלע „פּאַגאַנעס״ און היטלען, זיך געדרייט די רוסישע זעלנער און קאָזאַקן. זיי זענען דאָ אַרומגעגאַנגען, צעטראָגנדיק דעם געדיכטן ריח פון „דזשעגעטש״ און קונציק געוואָרפן אין מויל אַריין די „סיע־מעטשקעס״.

דער טאַטע האָט אַלץ געזוכט אַ געוועלב פון עפּעס אַ געלן יידן, ביי וועלכן ער האָט מיט יאָרן צוריק געקויפט גוטע שיך. צעשריגענע יונגען און קרעמער האָבן אַזוי לאַנג געמשלט ווו עס געפינט זיך דער געלער ייד, ביז איך האָב דערזען, אַז מיר זענען אַריין אין מיטן דער ראַיענדיקער „וואַלוווקע״. דאָ האָט דער טאַטע נאָר אָנגעוויזן אויף מיר, אַז ער דאַרף פאַר מיר אַ פּאָר שיך און איך בין שוין געווען אין די הענט פון די יידן און ווייבער, וואָס האָבן מיך מיט כוח אַוועקגעזעצט אויף אַ בענקעלע און מיר געמעסטן שיך.

די שיך פון דער „וואַלוווקע״ האָבן אַלע געהאַט דעם זעלבן ריח, די זעלבע וואָג און די זעלבע רויטע פּאָדעשוועס, ווי אָנגעשוואָלענע באַקן. זיי זענען געווען שווער, פעט און קאַלט און געשמעקט מיט אַ ריח פון נאַפט. אַחוץ דעם, איז כאָטש זיי זענען געווען מאָדנע גרויסע, געווען שווער אין זיי אַריינצוקריגן דעם פוס.

אין יענע צייטן האָבן יינגלעך געטראָגן שיך הויכע ביז איבער די

קנעכל. די שיך האָבן געהאַט אויערן פון אַ ברייטער טאַשמע, ביי וועלכע מען האָט געצויגן.

ווי נאָר איך האָב אַריינגעשטעלט די פינגער אין דעם שוך, האָט דער קרעמער אָנגעכאַפּט פאַר דער טאַשמע־אויער און גענומען שלעפּן. דער פוס איז באַלד געוואָרן אָנגעהיצט, ווי מען וואָלט אים אָנגעצונדן און האָט אָנגעהויבן ווייטאָן, ווי מען וואָלט אים צוגעקוועטשט מיט אַ צוואַנג. דער פוס איז געבליבן שטיין אין דער מיט און נישט געוואָלט ווייטער גיין. דעמאָלט האָט אַ צווייטער פון דער קראָם גענומען שטופּן דעם שפּיץ שוך אַרויף אויף דעם פוס, שרייענדיק, אַז דער פוס מוז אַריינ־גיין. אַ ברענענדיקער ווייטיק און שאַנדע האָט באַדעקט מיט שווייס מיין פּנים. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז מען רייסט מיר אָפּ דעם פוס. דעמאָלט בין איך געבליבן זיצן מיט אַ האַלבן ברענענדיקן פוס אין דעם שוך און דער קרעמער האָט דערקלערט דעם טאַטן, אַז דער שוך איז גוט, פּונקט פאַר מיר, נאָר מיין פוס טויג נישט.

כאָטש דער פוס איז נאָך נישט אַריין אין דעם שוך, האָט מען זיך דערוויייל גענומען דינגען וועגן דעם פּרייז. דער קרעמער, זיין ווייב און דער פאַרקויפער האָבן אַלע געשווירן, אַז די שיך האָבן זיי גאָרנישט געוואָלט פאַרקויפן, נאָר זיי האָבן געזען, אַז דער טאַטע איז אַ פיינער מענטש און אַז דאָס איז אַ וווויל ייִנגל. דער טאַטע האָט געשמייכלט און יעדעס מאָל, ווען ער האָט געזאָגט אַ פערטל פון פּרייז, וואָס דער קרעמער האָט געביטן, האָט מיר אָנגעהויבן קלאַפּן דאָס האַרץ. אַממיינסטן האָט דעם טאַטנס פּרייז אויפגעקאָכט דעם קרעמערס ווייב. פון איר איז געגאַנגען דער זעלבער ריח, וואָס פון די שיך. זי האָט זיך געקנייפּט די באַקן, געשריגן צום מאַן ער זאָל אָוועקשטעלן די שיך פאַר דעם פּוילישן „כראַביע", וואָס וועט איר פאַר זיי אַ קוש טאָן אין דער האַנט אַריין. אָבער דער שוך איז אַלץ געבליבן אויף מיין פוס.

מיט אַ מאָל האָט זיך אַלץ אַ וואָרף געטאָן צו מיר. דער קרעמער, זיין ווייב און דער פאַרקויפער. מען האָט מיר אַראָפּגעדריקט דעם קאָפּ און אַרויפגעשלעפּט דעם פוס, וואָס האָט געוואָלט אַרויס פון דעם קלעם. מיר איז פאַרגאַנגען אַ שטעכיקער ווייטיק איבערן גאַנצן לייב און איך האָב זיך מיט אַ מאָל אָנגעהויבן וויגן אויף ביידע נייע שיך, דערפילנדיק אַ נייעם, שטעכיקן ווייטיק פון די הילצערנע שטיפטן אין די פלעכן

פון די פיס. איצט איז דער קרעמער געלעגן ביי מיינע פיס און געגלעט די פעטע לעדער, וואָס האָט צונויפגעקוועטשט מיינע פינגער.

— אַזאַ יאָר אויף מיר... אַחוץ שוואַרצקייט... — האָט ער געזאָגט.

דעמאָלט האָט דער טאַטע געפרעגט צי די שיך זענען גוט; און אויף אַלעם, וואָס איך האָב מיך געקלאָגט, האָט דער טאַטע געהאַט איין ענטפער:

— זיי וועלן זיך „צעגיין"...

אַלע האָבן איינגעשטימט, אַז זיי וועלן זיך „צעגיין".

איך בין געשטאַנען אויף מיינע ווי פאַרשטייפטע פיס און געפרווּט אַ שפּאַן טאָן. אָבער עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אויף מיינע נייע שיך קאָן איך גיין נאָר צוריק, ווייל די גראָבע, גלאַנציקע, צוליב עפּעס, אויף רויט אָפּגעמאָליעוועטע פּאַדעשוועס, זענען געווען שטאַרק גליטשיק, און ווי אָנגעשוואָלענע, זענען זיי געווען אַ סך העכער ווי די אָפּצאַסן. איך האָב מיך אַ גליטש געטאָן אויף צוריק און אָנכאַפּנדיק זיך אין דעם טאַטנס אַרבל, האָב איך זיך געגומען בוקן אין אַלע זייטן.

— זיי וועלן זיך „צעגיין"... — האָט דער טאַטע געזאָגט און איך האָב זיך אַרויסגעגליטשט פון דער קראָם.

*

כדי די נייע שיך זאָלן „זיך צעגיין", האָט מיך דער טאַטע אַרומגע־פירט אַ פּאָר שעה איבער דעם מאַרק. ער האָט באַטראַכט מציאות, צוגעהערט זיך צו דער דינגעניש, געקויפט ביי אַ רוסישן זעלנער אַ שוואַרץ ברויט, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ פּיען פון אַן אַלטן בוים. דערביי האָט דער טאַטע מיטן זעלנער איבערגעלופּטערט די רוסישע שפּראַך, אין וועלכער דער טאַטע האָט גערעדט מיט אַ באַזונדער ערנסט און מיט אַ באַזונדער שטים.

דער טאַטע האָט געהאַלטן, אַז דאָס שוואַרצע, זעלנערישע ברויט איז דאָס געזונטסטע, אַ סימן, אַז „פּאַניע" איז געזונט און די, וואָס עסן ווייסע זעמעלעך, זענען שוואַך און קראַנק. דערנאָך האָט ער זיך לאַנג געדונגען און שיער נישט געקויפט אַ גרויסע, דראָטענע שטייג פאַר אַ פויגל, כאָטש קיין פויגל איז ביי אונדז אין שטוב קיין מאָל נישט געווען; און ווען נישט דאָס, וואָס ער האָט מורא געהאַט פאַר דער מאַמען,

וואָלט די אַלטע, גרויסע, גרינע דראַטענע שטייג שוין געלעגן ביי אונדז אויף דער שאַנק, צווישן די אַנדערע מציאות.

איך בין געגאַנגען אין די נייע שיך, ווי אויף פייער, זיך געוויגט, און די דינע שפּילקעס פון די „געגריוועטע", מעשענע שטיפטן, האָבן זיך אַריינגעגעסן אין מיינע פיס. איך האָב געהאַט דעם פאַרלאַנג צו פליען, אָדער צו הענגען, אַבי נישט אָנשפּאַרן די פיס אין דער ערד.

דער טאַטע האָט געהאַלטן מיינע אַלטע, צעריסענע שיך אין זיין לייוונטן זעקל, ווו עס איז אויך געלעגן דאָס זעלנערישע ברויט, און איך האָב זיך איינגעהאַלטן מיט אַלע כוחות, נישט צו בעטן דעם טאַטן, ער זאָל מיר געבן אָנצוטאָן די אַלטע, צעריסענע שיך, אַז דער ברע־נענדיקער ווייטיק, וואָס איז געגאַנגען פון די פיס ביז צום קאָפּ, זאָל אויפהערן. איך האָב זיך אָבער געשעמט און דער טאַטע האָט אַלץ גע־האַלטן, אַז עס וועט זיך „צעגיין". דערביי האָט ער מיר געגעבן צו פאַר־שטיין, אַז איך האָב שלעכטע פיס. ער האָט מיר צוגעזאָגט, אַז ווען איך וועל גיין צו די זעלנער דינען אין מיליטער, וועל איך ערשט ווערן אַ מענטש; אַז דאַרט געוויינט מען זיך צו אַלעם צו. ער האָט מיר דערביי דערציילט וועגן די „מאַרשן", וואָס ער האָט געמאַכט מיט זיין „פאָלק" אין קאַווקאַז, ווו מען איז געגאַנגען דורך די וועגן אין די בערג, מיט ווונדן אָנגעריבענע פון די שטיוול מיט די גראָבע „אָניצעס". די פיס זענען געווען ווי אָפּגעקאָכטע. אָבער ווי גוט איז געוואָרן, ווען מען האָט אַראָפּגעשלעפּט די שטיוול און אַריינגעלאָזן די פיס אין דעם קאַלטן טייכל, וואָס איז געלאָפן דורך די בערג.

איך בין געשפּרונגען אויף די ברענענדיקע פיס און מיר האָט זיך געוואָלט שוין דערלעבן די מינוט, ווען איך וועל אַראָפּרייסן די נייע שיך פון די „אָפּגעקאָכטע" פיס. פון דעם בלויזן געדאַנק האָט זיך מיר געדאַכט, אַז מיר איז גרינגער געוואָרן.

*

דער טאַטע האָט אין דער געגנט געטראָפן אַ סך באַקאַנטע יידן, הענדלער און קרעמער, וואָס האָבן אים געקענט. איך האָב שטענדיק געפילט אין זייער רעדן צום טאַטן אַ באַזונדערע בנעימותדיקייט. זיי האָבן גערעדט מיט אים נישט אַזוי ווי זיי האָבן גערעדט צווישן זיך. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס, וואָס דער פעטער אשר איז אַ גביר,

גייט אויך אויפן טאַטנס חשבון. אַחוץ דעם, איז געווען עפּעס, וואָס האָט דעם טאַטן אָפּגעטיילט פון די אַלע יידן מיט די זעקלעך, מיט די בערד אין לאַנגע קאַפּאָטעס, דאָס, וואָס דער טאַטע האָט נישט אויסגעזען ווי קיין ייד מיט זיינע ווייכע, גרויע אויגן, מיטן שמייכל, ווי ער וואָלט פאַר־בלאָנדזשעט צווישן קליינע מענטשעלעך. אַליין אַ גרויסער, אַ רויקער, מיט דער געמיטלעכער פרידלעכקייט, וואָס איז געלעגן אין זיין קרעפטיקן נאַקן, זיין ריינע און זאָרגפעלטיקע קליידונג — דאָס האָט געשאַפן אַ מחיצה צווישן דעם טאַטן און די יידן אַרום.

פון זינט איך האָב געדענקט, האָב איך אַלע מאָל געהערט, ווי די מאַמע האָט דעם טאַטן פאָרגעוואָרפן, וואָס ער גיט זיך אָפּ מיט נישט „זיינס גלייכן", אַז מען דאַרף האָבן אַ ביסל שטאָלץ און נישט זיין מיט יעדן איינעם קיין „שמעלקע".

דער טאַטע האָט ווי שטענדיק געשמייכלט, געטענהט, אַז דאָס זענען אָרעמע לייט און ס'איז פאַר זיי גענוג, וואָס אַנדערע האָבן זיי פיינט. ער האָט זיי געלויבט, אַז דאָס זענען גוטע מענטשן און אַפילו, ווען ער זעט ווי איינער לייגט אַריין אין דער קעשענע אַ ביסל לעדער, מאַכט ער זיך נישט ווויסן.

די מאַמע האָט געהאָט אַ פאַר מיר נישט־פאַרשטענדלעכע פיינטשאַפט צו די אַלע פראָסטע מענטשן פון די אַלע געסלעך, צו די יידן, וואָס זענען געקומען צום טאַטן האַנדלען. דער טאַטע האָט מיט זיי אַ סך גערעדט און גענומען ביי זיי גראָשנס. זי האָט זיי נישט גערן אַריינ־געלאָזן אין שטוב, זיך געקלאָגט, אַז זיי ברענגען אַריין שמוץ. און ווען דער טאַטע האָט זיך אַוועקגעזעצט מיט אַזאַ ייד און געשמועסט מיט אים שעהענווייז, האָט די מאַמע געקריגן רויטע פלעקן אויפן פּנים פון אומצופרידנקייט. אויך די יידן האָבן אין דער מאַמען געפילט עפּעס אַ פרעמד באַשעפעניש און ווען דער טאַטע איז נישט געווען אין דער היים, האָט זיי די מאַמע נישט אַריבערגעלאָזט אויף דער שוועל. דער טאַטע האָט צוליב דעם זיך געדונגען ערגעץ אַ קעלער און דאָרטן מיט די יידן אָפּגעזעסן שעהען. אָן אויסנאָם איז געווען נאָר איין ייד, ר' פישל, וואָס פלעגט פון צייט צו צייט קומען צום טאַטן קויפן די לעדער־אָפּפאַל. ר' פישל איז געווען ביים טאַטן דער גרעסטער אָפּ־נעמער און דער לייכטסטער קונה.

קומען פלעגט ר' פישל גאַנץ פרי און אַריינטראָגן מיט זיך אַ פריי־

לעכע אויפגעהייטערטקייט. ער האָט געקויפט ביים טאַטן אַ סך זעקלעך לעדער־אָפּפאַל, וואָס איז געלעגן אין קעלער. געקויפט האָט ער פריילעך און רעשיק. און אויך צו דער מאַמען האָט ער געהאַט אַ באַזונדערע שפּראַך, וואָס האָט איבערגעבראַכן איר נישט־צוטרוילעכקייט. ער האָט גערעדט צו איר זייער איידל, ווי צו אַ פּריצטע.

ער איז געווען אַ קליינער, פּוכיקער, קיילעכדיקער ייד מיט ווייסע, דיקע הענט. ער האָט געהאַט אַ ראָז פּנים מיט אַ ראָז־בלאָנדע, לעבעדיקע, ווייכע, ווי אַ קינדערישע, באָרד, מיט קליינע, בלוי־וואַרעמע שפּילנדיקע אויגן, אַ ביסל פאַרשיכורטע, ווי ער וואָלט געטרונקען זיסן בראָנפן. זיינע ליפּן זענען געווען פרישע און ראָזע, ווי ביי אַ מיידל, האָבן שטענדיק אַרומגעהאַלטן אַ צעפּייערטן ציגאַר, דערצו האָט ער געהאַט אַ שטעקן, וואָס האָט געשמעקט מיט צימערינג און אָנגעפּילט די שטוב מיט אַ יום־טובדיקן ריח. און אַלע האָבן געוווסט, אַז ר׳ פישל האָט אַ טאָכטער אַ שיינהייט, וועגן וועלכער מען האָט דערציילט עפּעס אַ מעשה מיט אַן אָפיציר.

איך האָב ליב געהאַט ר׳ פישלען. איך האָב ליב געהאַט זיין רעשיקע פריילעכקייט, זיינע ווייסע הענט, זיין שמעקנדיקן שטעקן; און ווען איך האָב געקוקט אויף אים, האָב איך געפילט ווי אַ זיסן ציטער, וואָס איז געגאַנגען דורך אים פון זיין שיינער טאָכטער.

אויך איצט איז דער טאַטע מיט מיר אַריין אין אַ לאַנגן, רעשיקן מאַרק־הויף און געעפנט אַ טיר אין אַ טונקעלן קאָרידאָר. אין אַ לאַנגן צימער מיט גרינע ווענט, אויף אַ באַרג לעדער, האָב איך דערזען ר׳ פישלען.

ער איז געזעסן אויף דעם באַרג קאָלירטע לעדער. מיט אַ קאַפּעלע אויפן קאָפּ, מיט אַ פאַרלאָשענעם ציגאַר אין די ראָזע ליפּן, האָט ער געקליבן די קאָלירטע שטיקלעך לעדער. ער איז געווען אָנגעטאָן אין עפּעס אַ גראָב לייבל מיט אַ ברייטן טלית־קטן. ער האָט דאָ אויסגעזען ווי זיין ציגאַר, אויסגעלאָשן, אָרעמער און קלענער.

דערזען דעם טאַטן, וואָס איז געשטאַנען פאַר דער טיר, איז ער אויפגעשפּרונגען, ער האָט אַ כאַפּ געטאָן די קאַפּאָטע, אַ לויף געטאָן, אָנגעצונדן דעם ציגאַר:

— אַ... אַזאַ גאַסט... — האָט ער אויסגעשריגן און אין איין מינוט איז ער צוריק געוואָרן דער שטענדיקער ר׳ פישל, ווען ער האָט אונדז

אַ פּיר געטאָן אין אַ צווייט שטיבל אַריין, ווו עס איז געווען ענג אָנגע־שטעלט מיט קאָמאָדעס און בעטן.

אויך דאָ זענען די ווענט געווען גרינע, נאָר העלערע און וואַרעמערע. אויף די קאָמאָדעס זענען געשטאַנען אָנגעשטעלט קאָלירטע גלעזלעך און פלעשלעך פון פּאַרפומען. אויפן טיש איז געשטאַנען אַ ראָזער קלאָש מיט אַ הויכער גלעזערנער לאָמפּ אויף אַ קופּערנעם פוס. די שטוב איז געווען איבערגעצוימט מיט אַ ווענטל, פאַרהאַנגען מיט אַ טערקישער קאָלדרע.ביים טיש איז געזעסן אַ יידענע, אַ גרויסע, אַ שיינע און אַ ווייכע. זי האָט געהאַט אַ סך חן־גריבעלעך. זי האָט געטראָגן אַ טונקל שייטל און געקוקט מיט גרויסע ברוינע און פריילעכע אויגן.

אויך זי האָט באַגעגנט דעם טאַטן מיט אַן אויסגעשריי:

— אוי ווי מיר... ווער מען זעט... זי האָט זיך אַ הייב געטאָן פונעם אָרט און עס האָט פון איר אַ פאָך געטאָן אַ זיסלעכע וואַרעמקייט. זי איז געווען אַ גרויסע, אַ גלאַטיקע און עס האָט זיך געדאַכט, אַז זי שווימט. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר, עפּעס געפרעגט וועגן מיר ביים טאַטן.

דער וואַרעמער ריח פון דער שטוב און די קאָלירטע גלעזלעך אויף די קאָמאָדעס, האָט מיך געמאַכט פאַרגעסן אין דעם איינגעדרימלטן ווייטיק פון די נייע שיך.

— זיצט... זיצט... — האָט די יידענע אַ פאָכע געטאָן איבער מיר. איך האָב אַ פאַל געטאָן אויפן ערשטן בענקל, וואָס איז געשטאַנען נעבן טיש און מיר האָט פלוצלינג אַ קלאַפּ געטאָן אין געדאַנק:

— די טאָכטער...

— אפשר עפּעס צובייסן? — האָט די יידענע מיט אַ ברייטער וואַר־שעווער זינגענדיקער שטים אַ פאָכע געטאָן און ווי זי וואָלט געהערט מיין געדאַנק, האָט זי אַ געשריי געטאָן:

— פייטשע... פייטשע...

איך האָב קוים געהערט ווי דער טאַטע האָט זיך אָפּגעזאָגט פונעם כיבוד. ר׳ פישל האָט שוין איצט גערוישט, געלאָפן אויף זיינע קורצע, גלאַנציקע שטיוועלעך און געטראָגן אַ בלויע קאַראַפקע מיט בראָנפן. דאָס אַלץ האָב איך געהערט ווי דורך אַ וואַנט. איך האָב געוואַרט אויף פייטשען.

און אָט איז פון הינטערן ווענטל אַרויסגעקומען אַ מיידל. זי איז

געוועזן אַ קליינע, מיט בלאָנדע, גלייכע האָר, וואָס האָבן מיט צוויי שווערע, ווי לעבעדיקע צעפּ, אַרומגענומען איר ווייסן, פולן האַלדז. איך האָב דערזען די הויכע, געלע שטיוועלעך וואָס האָבן אַרומגעכאַפּט איר קינדעריש־פולע און רונדיקע פיס. און די געלע שטיוועלעך אויף אירע פיס האָבן מיר צוליב עפּעס דערמאָנט אין דער געשיכטע פונעם אָפיציר. איך האָב זיך פאַרשעמט מיט מיינע ברענענדיקע, נייע שיך און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דער אָפיציר שטייט דאָ ערגעץ און לאַכט פון מיר.

פייטשע איז צוגעקומען צום טיש. זי האָט אויפגעהויבן די אויגן און אַ בלויער בליץ האָט אַ שלומער געטאָן. מיר האָט זיך מיט אַ מאָל גע־דאַכט, אַז זי איז אַ קינד. דער טאַטע האָט איר אַ גלעט געטאָן איבער דער פּלייצע און זי האָט אויפגעלויכטן. זי איז אַוועקגעגאַנגען נאָענט צו מיר. עס האָט זיך פון איר געפילט צוואָג־וואַסער.

— קיין עין־הרע... אַ גרויס יינגל... — האָט די יידענע געזאָגט און, איך ווייס נישט צוליב וואָס, איך האָב זיך אויפגעשטעלט.

*

מיר איז מיט אַ מאָל קלאָר געוואָרן, אַז די מאַמע דאַרף נישט וויסן דערפון, אַז איך בין מיטן טאַטן געוועזן ביי ר׳ פישלען. דאָס איז מיר געקומען אויפן זינען אין דער מינוט ווען כ׳האָב דערזען ווי די ווייסע האַנט פון דער גרויסער גלאַטיקער יידענע, ר׳ פישעלעס ווייב, ליגט אויף מיין טאַטנס אַקסל, ווען זי האָט אים געבעטן ער זאָל זיך לאָזן מכבד זיין.

דאָס איז געוועזן ווען ר׳ פישעלע איז אַריין אין דעם ערשטן שטיבל, וווּ עס איז געלעגן דער באַרג שטיקלעך לעדער. מיך האָט עפּעס ווי אַ ביס געטאָן. איך האָב זיך דערשראָקן. ר׳ פישעלעס ווייב האָט, זעט אויס, זיך אויך דערשראָקן, זי האָט אַ כאַפּ געטאָן די האַנט און גענומען פאַר־ריכטן די טונקעלע האָר פון איר שייטל.

באַלד איז ר׳ פישעלע צוריק אַריינגעקומען. ער האָט איצט צוליב עפּעס אויסגעזען ביי מיר אין די אויגן קליין און אָרעם און איך האָב נישט פאַרשטאַנען ווי אַזוי ער איז דער בעל־הבית פון דער שטוב און דער עיקר, פייטשעס טאַטע.

איך האָב זיך ערשט איצט געכאַפּט, אַז פייטשע איז אַרויס פון

שטוב, אַז מען האָט זי אַרויסגעשיקט עפּעס קויפן. זי איז צוריק אַריינגע־קומען אַ דורכגענומענע פון דער קעלט מיט אַ טונקעלער ראָזקייט אויף די באַקן און צעוואָרפענע צעפּ אויף דעם וואַרעמען טוך וואָס זי האָט געטראָגן אויף אירע ברייטע אַקסלען. זי האָט געברענגט ביר.

דער ביטערלעכער ריח פון ביר און דער רויך פון ציגאַר איז שטענ־דיק געווען דאָרט, ווו ר׳ פישעלע איז געווען. אַפילו ביי אונדז אין שטוב ווו די מאַמע האָט נישט ליב געהאַט, ווי זי האָט עס גערופן, קיין „שוס־טערישע סעודה" האָט מען יעדעס מאָל, ווען פישעלע האָט געקויפט ביים טאַטן סחורה, געענדיקט מיט טרינקען ביר. מיט דעם ריח פון ביר און פישעלעס ציגאַר איז אויך איצט פול געווען די שטוב, אָבער איך האָב אַממייַנסטן געפילט נאָר דעם ריח פון צוואָג־וואַסער, וואָס איז גע־גאַנגען פון פייטשען.

דערווייל האָט מען ביים טיש געטרונקען און עס האָט זיך באַוויזן אַ קלאַש מיט קיכלעך. מען האָט קוים געפּועלט ביים טאַטן, ער זאָל טרינקען ביר און פאַר מיר איז געווען ווילד וואָס דער טאַטע האָט געטרונקען. אויך מיר האָט ר׳ פישעלע אַנגעגאָסן ביר אין אַ גלאָז און איך האָב עס אַריינגעגאָסן אין האַלדז, פילנדיק די ביטערקייט, וואָס האָט שטענדיק אין מיר דערוועקט אַ געפיל פון דערוואַקסנקייט.

דער טאַטע האָט שוין געוואָלט גייןָ, און מען האָט אים אַלץ געבעטן ער זאָל נאָך בלייבן. דער טאַטע איז געווען נישט ווי אַלע מאָל. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז אומרויִק און די פרעמדע און נייע אומ־רויִקייט האָט זיך אויך מיר איבערגעגעבן.

פייטשע איז פאַרשוווּנדן הינטערן ווענטל און מיר האָט זיך זייער געוואָלט זען וואָס זי טוט דאָרט. איך האָב געהערט ווי די שיינע יידענע, פישעלעס ווייב, האָט גערעדט מיטן טאַטן. זיי האָבן גערעדט שטיל, און מיר איז פאַרבליבן נאָר איין וואָרט, וואָס זי האָט געזאָגט וועגן פייטשען, אַז דאָס מיידל איז אַלט פופצן יאָר. פופצן יאָר איז געווען פאַר מיר די שוועל, וועלכע איך האָב נישט געקאָנט אַריבערשפּאַנען. מיר איז געוואָרן אומעטיק דערפון, וואָס פייטשע איז אַלט פופצן יאָר. איך האָב זיך ווידער דערמאָנט וועגן דעם וואָס מ׳האָט גערעדט וועגן פישע־לעס טאָכטער, אַז זי גייט אַרום מיט אָפיצירן.

איצט איז שוין ר׳ פישעלע געווען אַזוי ווי שטענדיק אַ וואַרעמער און זיין ציגאַר האָט געפלאַקערט. ער האָט אַפילו גענומען דעם שטעקן,

וואָס האָט געשמעקט מיט צימערינג און איך האָב פּלוצלינג מורא גע־קריגן ער זאָל נישט אַוועקגיין און איבערלאָזן זיין ווייב מיטן טאַטן. דערביי האָט זיך מיר געוואָלט אַז אַלע זאָלן אַוועקגיין און איך זאָל זיין אַליין מיט פּייטשען, כאָטש איך האָב אויף קלאָר נישט געוווּסט צוליב וואָס.

איך בין געווען מאָדנע מיד. די נייע שיך זענען איצט געווען איינגע־קלאַמערט אין מיינע פּיס, און פון דעם פּאַרקלעמטן ווייטיק איז גע־גאַנגען ווי אַ שיכרות און אַ זיסקייט. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך בין שוין אַזוי לאַנג פון דער היים און דאָס האָט מיר אויך געגעבן אַ געפיל פון דערוואַקסנקייט און עפּעס מאָדנע האָט מיר כסדר געעגבערט אַ געדאַנק, אַז איך טו עפּעס צוזאַמען מיטן טאַטן קעגן דער מאַמען, וואָס האָט מיך נישט אַזוי ליב ווי דעם ברודער. דאָס איז געווען אַ געדאַנק, וואָס האָט מיך געשראָקן און האָט אַ וויג געטאָן מיין האַרץ ווי צום וויינען.

דאָס ביר, וואָס כ׳האָב געטרונקען, האָט מיר געררישט אין קאָפּ און אין דער גאַנצער שטוב איז אַרומגעגאַנגען עפּעס אַ טשאַד, פון וועלכן איך האָב געוואָלט, און נישט געוואָלט אַנטלויפן.

אומגעריכט האָט די שיינע יידענע אַ שפּיל געטאָן מיט אירע יונגע ציין און מיט איר זינגענדיקער שטים געזאָגט:

— וואָס גייט דאָס יינגל נישט אַריין צו פּייטשען? זי האָט דאָך דאָרט די ביכלעך... און די מאַלאָוואַנקעס...

זי האָט צו עמעצן אַ ווונק געטאָן:

— גיי... גיי... — האָט זי געזאָגט, און איר וואַרעמע, ווייסע האַנט, די זעלבע, וואָס איז געלעגן אויף מיין טאַטנס אַקסל, האָט מיך אַ פיר געטאָן.

מיין האַרץ האָט אויפגעברויזט מיט אַ שרעקיקער דערוואַרטונג. איך בין אַרונטער היגטערן ווענטל. דאָ איז געווען האַלב טונקל, אַ פענצטער איז געווען פאַרשטעלט מיט אַ ווייס פאַרהענגל. אויף דער וואַנט זענען געהאַנגען קאַרטלעך, יידישע „לשנה טובה״, מיט הענט, וואָס ווינטשן זיך, און גויישע, מיט גאָלדענע אויפשריפטן אויף „באָווי ראָק״, קאָלירטע פּנימער פון אַרטיסטן און אַרטיסטקעס מיט ווייסע דעקאָלטן. אויף איין קאַרטל האָט מען זיך אַרומגעהאַלזט, מיט ראָזע געפּאַרבטע הענט. אַן אָפיציר אין אַן אויסטערלישן מונדיר, אין אַ היטל מיט פעדערן האָט

געקושט אַ בלאָנדע פרוי. דער אָפיציר האָט געהאַט פּאַרדרייטע וואָנסן מיט ראָזע ליפּן ווי אַ ניי־געבוירן קינד. דאָס אַלץ איז געהאָנגען אַרום דעם בעטל און אויפן בעטל איז געלעגן אַ ביכל. איך האָב פאַר אַלעם גענומען דאָס ביכל. דאָס איז געווען אַ העפט פון דעם ראָמאַן „כראַבינאַ־זשעבראַטשקאַ", וואָס אַלע האָבן דעמאָלט געלייענט און נאָר די מאַמע האָט עס נישט געלאָזט לייענען מיין שוועסטער. אויף דער הילע איז אויך געווען אויסגעמאָלט אַ מאַנספּערשוין מיט וואָנסן און די „כראַבינע" מיטן קינד אויף דער האַנט.

דאָס, וואָס דאָ איז אַלץ געווען אַנדערש ווי ביי אונדז אין שטוב, האָט מיר ווידער געזאָגט וועגן מיין דערוואַקסנקייט.

איך האָב געקוקט אויף דער וויינענדיקער „כראַבינע" מיטן קינד אויף דעם שער־בלעטל פונעם העפט, און פייטשע האָט מיך געפרעגט אויף פּויליש:

— דער קאַוואַלער האָט דאָס געלייענט?

זי האָט נישט געוואַרט אויף מיין ענטפער:

— איך קויף אַלע וואָך... עס איז אַזאַ שיינע געשיכטע... איך האָב ליב צו לייענען... — איך האָב געקוקט אויף אירע הויכע שטיוועלעך. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן בעטל און איר קליידל איז געוואָרן אַזוי קורץ, אַז מ'האָט אַרויסגעזען די ווייסע שפּיצן פון אירע מייטקעס.

— זאָל זיך דער קאַוואַלער אַוועקזעצן...

איך האָב זיך אַרומגעקוקט, דאָ איז נישט געווען קיין שטול, דאָס מיידל האָט מיך פלוצלינג אָנגענומען פאַר דער האַנט און מיך אַוועק־געזעצט אויפן בעט. זי האָט זיך געזעצט נעבן מיר:

— דער קאַוואַלער איז נישט קיין „שמיאַלע"... די גימנאַזיסטן זע־נען לאַבוזעס, אָפּלאַכערס, אָבער זיי קענען... איינער האָט מיר אַריינ־געשריבן אַ „וויערש". ער איז מיין „כלאָפּאַק", מיין יינגל. ער איז אַ גימנאַזיסט. אַ שיינער מיט געפּאַסטע שטיוועלעך, אַזוי ווי אַן אָפיציר...

זי האָט אַ שפּרונג געטאָן און זיך פאַרריכט די צעפּ.

פייטשע האָט דאָ אויסגעזען אַ סך קינדערישער. אירע גאָלדענע צעפּ זענען אַראָפּגעהאָנגען. זי האָט געטראָגן אַ ווייס בלוזקעלע, וואָס איז געווען אויף איר ענג, פון וואָס איר בוזעם האָט זיך מאָדנע אַרויס־געריסן. איר קליידל איז געווען קורצער ווי פריער, און די הויכע שטיי־וועלעך האָבן נאָך מער אַרומגעכאַפּט אירע דיקלעכע מאָדנע רירעוודיקע

פּיס. פּויליש האָט זי גערעדט שלעכט, אַזוי ווי די יידישע פּאַרקויפערינס אין די געוועלבער, מיט שווערע גרייזן, און איך האָב זיך צוליב עפּעס געפילט שולדיק, ווען זי האָט געזאָגט אַ גרייז.

— דער קאַוואַלער איז אויך אַ שיינער כלאָפּאַק... און דאָס זענען נייע שיך?

איך האָב דערפילט דעם ווייטיק פון די פיס:

— דאָס זענען אויף אַלע טאָג... — האָב איך געזאָגט — איך האָב אויך שטיוועלעך... הויכע...

און פּילנדיק, אַז איך בין שיכור, האָב איך צוגעגעבן:

— לאַקירטע...

—אַך... איך „פּשעפּאַדע" פאַר לאַקירטע שטיוול... — האָט פּייטשע אַרויפגעלייגט אירע ראָזע הענט אויף איר ביוסט:

— אַזוי ווי אַן „אָפיצער"...

דער געדיכטער ריח פון צוואָגוואַסער איז געווען נעבן מיין נאָז, אירע שווער'ע, גאָלדענע האָר זענען אַרומגעגאַנגען איבער מיין פּנים. און איך האָב דערפילט דעם לעבעדיקן צאַפּל פון אירע שטייפע און שווערע בריסטן אין מיינע הענט.

איך האָב זי איצט נישט דערקענט. זי האָט מיר אַראָפּגעוואָרפן דאָס היטל און מיך געריסן פאַר די האָר, און אירע הענט, הויכע שטיוועלעך זענען געלעגן אויף מיין שויס.

— וועסט זיך אָנטאָן... מיר וועלן גיין שפּאַצירן... איך האָב אַן ערטל... דאָרט איז קיינער נישטאָ.

פּלוצלינג האָב איך זיך געכאַפּט, אַז אין דער שטוב איז מאָדנע שטיל ווי קיינער וואָלט דאָרט נישט געווען. איך בין אויפגעשפּרונגען, אָבער פּייטשע האָט מיר פאַרהאַלטן דעם וועג:

— ווילסט שוין אַוועקגיין?

— דער טאַטע... דער טאַטע איז אַוועקגעגאַנגען... — האָב איך געזאָגט.

זי האָט זיך שווער אָנגעשפּאַרט אין מיר, און מיט שיכורער הייזע־ריקייט, אָטעמענדיק אויף מיין אויער, האָט זי גיך גערעדט:

— ווילסט... ווילסט זיין מיין כלאָפּאַק?

אין דער מינוט האָט זיך עפּעס אין צווייטן צימער אַ רודער געטאָן, איך בין אַרויס פון הינטערן ווענטל. איך האָב פאַר אַלעם דערזען דעם

טאַטן. ער איז שווער געזעסן אויף אַ שטול. ער האָט זיך אויפגעהויבן, ווען ער האָט מיך דערזען:

— ווו ביסטו? — האָט ער שטיל געפרעגט.

אויף אַ סאָפע איז געלעגן ר׳ פישעלעס ווייב. זי איז געווען ראָז ווי אויסגעבאַקן, ווי זי וואָלט לאַנג געשלאָפן.

דער טאַטע האָט אַ שפּאַן געטאָן. ער האָט עפּעס געזאָגט ווי צו זיך אַליין.

איך האָב דערזען, אַז דער טאַטע איז אין בלויזן קאָפּ און זיין קאַפּעלוש איז געלעגן אויף דער ערד. פייטשע האָט זיך אַוועקגעשטעלט נעבן מיר. אירע פינגער האָבן זיך איבערגעגליטשט איבער מיין פּלייצע, און זי האָט קינדעריש אַ זאָג געטאָן צום טאַטן:

— זאָל ער קומען... ער קען גוט פויליש... מיר וועלן לייענען.

איך האָב זיך ערשט איצט געכאַפּט אַז ר׳ פישעלע איז נישטאָ.

אַ זיסער צאַפּל האָט נאָך געשטראָמט אין מיר. און אַ פּלוצלינגע, נאָגנדיקע בענקשאַפּט נאָך דער מאַמען האָט מיך אַרומגעכאַפּט.

צוריקגייענדיק מיטן טאַטן פון ר׳ פישעלעס שטוב, האָב איך נישט וויסנדיק אויף קלאָר, פאַר וואָס, קיין איין מאָל אויפן וועג נישט אָנגערירט דעם טאַטנס האַנט. אויך דער טאַטע האָט געשוויגן, ווי ער וואָלט מיר געוואָלט עפּעס זאָגן, און מיר האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז באַלד וועט מיר דער טאַטע אָנזאָגן וועגן דעם, אַז די מאַמע דאַרף נישט וויסן ווו מיר זענען געוועזן.

דער טאָג איז געווען אַ גרויער, אָן אַ פאַרב, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז מיר זענען שוין לאַנג נישט געווען אין דער היים. מיך האָט אַרומגענומען אַ מאָדנע אומרויִקייט, גלייך אין שטוב וואָלט עפּעס געשען. עס איז געווען נישט גוט, וואָס די מאַמע וועט דאַרפן פאַר מיר מיטן טאַטן וואַרעמען דאָס פאַרשפּעטיקטע מיטאָג, וואָס האָט דער מאַמען שטענדיק געערגערט. באַזונדערס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז די מאַמע איז נישט צופרידן, וואָס דער טאַטע גייט מיר עפּעס קויפן, ווען דעם ברודער ברענגט ער שטענדיק אַלטע זאַכן פונעם פעטערס שטוב.

ווידער האָבן מיר די נייע שיך געעברענט און איך האָב וואָס גיכער זיי געוואָלט פון די פיס אַראָפּוואַרפן. און מיט אַ מאָל האָב איך דערזען,

אַז דער טאַטע האָט פאַרגעסן ביי פישעלען דאָס זעקל, אין וועלכן עס זענען געלעגן מיינע אַלטע שיך. איך האָב עס געזאָגט דעם טאַטן, ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, זיך פאַרקלערט. איך האָב געזען, אַז דער טאַטע איז זייער נישט צופרידן דערפון, וואָס מיר האָבן פאַרגעסן דאָס זעקל. ער האָט דאָרט אויך עפּעס געהאַט אַריינגעלייגט אַ זאַך, וואָס ער דאַרף האָבן, אַזוי האָט ער געזאָגט ווי צו זיך. אָבער נישט דאָס איז, זעט אויס, געווען דער עיקר. ער האָט מיר אַפילו געמאַכט אַ פאַרוואורף, וואָס איך האָב נישט געדענקט, און מיר האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז ער האָט געמאַכט אַ פאָר טריט אויף צוריק און זיך ווידער אָפּגעשטעלט.

מיר האָט אַ לייכט געטאָן אַ געדאַנק, אַ ברי געטאָן ערגעץ נעבן האַרץ, און דער ריח פון צוואָג־וואַסער, וואָס האָט זיך געטראָגן פון פייטשען, האָט מיר אַ שלאָג געטאָן אין דער נאָז.

איך וועל לויפן אַהין צו פישלען אָפּנעמען דאָס זעקל. איך וועל זי זען, אירע געלע, הויכע שטיוועלעך האָבן אַ שפּיל געטאָן פאַר מיר. איך האָב עס געזאָגט דעם טאַטן. דער טאַטע האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. איך בין אַ לויף געטאָן, אָבער ער האָט מיך פאַרהאַלטן. ערשט איצט האָב איך דערזען, אַז עס איז שוין אַוועק דער גאַנצער טאָג און עס הייבט אָן טונקלען. מיר זענען געווען שוין נישט ווייט פון דער היים, אָבער אויך צו ר׳ פישעלען איז נישט ווייט געווען. איך האָב איצט נישט געפילט די קוועל פון די נייע שיך און האָב געקאָנט לויפן. ענדלעך האָט דער טאַטע געזאָגט:

— לויף, נאָר גיך. רעד גאָרנישט, נעם דאָס זעקל, דאַרפסט גאָר נישט זאָגן, ס׳איז שפּעט...

מיר זענען געשטאַנען אויף דער גאַס, וואָס האָט געפירט צום וואָ־לוועקע־מאַרק. מענטשן זענען געדיכט געגאַנגען פונעם מאַרק און דער אָוונט האָט זיך אָנגערוקט. דער טאַטע האָט מיר אָנגעוויזן אויף אַ קליין געוועלבל מיט אַ שמאָלער טיר, ווי אַ שפּאַלט. דאָס איז געווען אַ קליין קעמערל, ווו עס איז געשטאַנען אַ טישל, ביי וועלכן עס האָט געאַרבעט אַ שוסטער. ער איז געזעסן אויף אַ דרייפיסיק בענקעלע און געקלאַפּט הילצערנע שטיפטן, וואָס ער האָט געכאַפּט פון מויל אַרויס.

— דאָ וועל איך וואַרטן — האָט דער טאַטע געזאָגט. ער איז אַריין אין דער בודקע און זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שוסטער־בענקל נעבן דעם שוסטער.

איך האָב זיך אַריינגעלאָזן אינעם ערשטן געסל הינטערן מאַרק, ווו גרויע, אומעטיקע פּלויטן מיט שטיקער רויע ערד האָבן זיך געצויגן. פון דער ווייט האָט געבלויט די הינטערשטאָט; און מיין האַרץ האָט געשפּילט מיט אַ ווונדערבאַרער אויפגעבראַוויזטקייט. ווידער האָב איך דערפילט אַ נייע פולקייט און דערוואַקסנקייט, כאָטש אַ דינער שטאָך פאַר דער מאַמען האָט זיך אָנגערופן, גלייך איך וואָלט זי פאַרלוירן.

דאָס שותפות מיטן טאַטן האָט מיך גערייצט און געשראָקן. די פאַר־הוילענע וועגן, פון וואַנען דער טאַטע קומט און גייט אַוועק, האָבן אָנגעווירן זייער ערנסטקייט און עס איז ווי איינגעפאַלן אַ הויכע וואַנט, וואָס האָט פאַר מיר פאַרשטעלט זיין לעבן, און דאָס לעבן פון אַלע דערוואַקסענע. און דאָס האָט מיך אָנגעפילט מיט אומרו, גלייך דער טאַטע וואָלט פּלוצלינג געוואָרן אַ יינגל, אַזוי ווי איך.

דאָס גיין אַליין צום ערשטן מאָל, אַזוי ווייט פון דער היים, האָט אויפגעהויבן אין מיר עפּעס אַ הפקר־געפיל, אַן אויסגעטועקייט און אַפילו מיין ברודער איז מיר איצט געוואָרן נאָענטער און פאַרשטענדלעכער.

איך האָב דערזען דעם הויף, ווו פּישעלע האָט געוווינט. ווידער האָב איך דערזען דעם באַרג קאַלירטע שטיקלעך לעדער און אויף דער שוועל פון דעם צווייטן צימער האָב איך זיך אָנגעשלאָגן אין פּישעלעס ווייב. זי איז איצט געווען אַן אַנדערע. זי האָט אויסגעזען עלטער. די גלאַטיקייט איז ווי אַראָפּ פון איר און אירע האָר זענען געווען צעפּאַטלט. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז זי איז בייז. זי האָט זיך ווי דערשראָקן פאַר מיר און האָט נישט פאַרשטאַנען נאָך וואָס איך בין געקומען. דאָס זעקל, וואָס דער טאַטע האָט פאַרגעסן, איז געלעגן אויף אַ בענקל און זי האָט מיט אַ מאָדנעם נישט־צוטרויען עס מיר געגעבן. זי האָט עטלעכע מאָל איבערגעפרעגט:

— און ווו איז דער טאַטע?

איך האָב מיט אַ מאָל דערפילט דעם ענגן ריח פון פּראָסטע מענטשן און איך האָב זיך ווי פאַרשעמט פאַר דער מאַמען. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך האָב געוואָרפן אַ שאָטן פון עפּעס אַ באַליידיקונג אויף אונדזער שטיב, אויף דער שוועסטער און אַפילו אויפן קינד.

איך האָב איר דערציילט, אַז איך בין געקומען נאָכן זעקל, אַז דער טאַטע דאַרף עס האָבן, און זי האָט אַלץ געקוקט אויף מיר ווילד, ווי איך וואָלט איר דערציילט עפּעס אַ שרעקלעך געשעעניש.

איך האָב גערעדט און מײַנע אויגן האָבן געזוכט פּייטשען. איך האָב געוואָלט עס זאָל דויערן לענגער, כדי פּייטשע זאָל אַרײַנקומען פון הינטערן װענטל. מיט אַ מאָל האָט די יידענע אַ געשריי געטאָן:

— די מויד איז שוין ווידער אַרויס...

זי האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן און געזאָגט:

— ביי ענק איז אַ שײנע שטוב... נישט אַזוי ווי דאָ...

זי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַרן שייטל, זיך פאַרריכט די האָר:

— און דײַן מאַמע גייט אין די האָר... נישט אין אַזאַ „שויט"...

דאָס, וואָס זי האָט גערעדט וועגן דער מאַמען, האָט מיר אַ ברען געטאָן. איך האָב נאָך אַ מאָל דערפילט דעם זויערן ריח פון פרעמדע מענטשן. איך האָב זיך פאַרענטפערט, אַז דער טאַטע וואַרט אויף מיר און בין אַרויס פון דער שטוב.

אין דרויסן איז שוין געווען טונקל.

עס איז געווען טונקל אין דעם אויסגעריבענעם, צעפּאַרענעם טויער, ווו אין דער מיט האָט געפלאַסן אַ גרינלעכער רינשטאָק. אַ כמורנע פייכטקייט האָט זיך איצט אָנגעטראָגן מיטן פאַרנאַכט. איך האָב זיך פאַרהאַלטן פאַרן טויער. איך האָב געוווסט, אַז איך וועל זען פּייטשען; און ווי עמעצער וואָלט מיך געפירט, בין איך אַרונטער הינטער דעם ערשטן פּלויט און אַרײַן אין געסל. דאָ איז געווען שטיל און ליידיק. עס זענען געשטאַנען אַלטע פּוילישע הײַזער מיט גיפּסענע פיגורן פון דער הייליקער מוטער ביי די נידעריקע טויערן. גוישע קינדער האָבן זיך דאָ געשפּילט און געשלאָגן; אין די קליינע פענצטערלעך פון די אַלטע פּוילישע הײַזער זענען געווען געדיכט אָנגעשטעלט בלומענטעפּ. פון איין זייט גאַס האָט זיך געצויגן אַ רויטער פּאַרקן, ווו עס זענען געווען די פערד־שטאַלן פונעם טראַמוויי, און די גאַנצע גאַס איז געווען באַוווינט פון די קריסטלעכע טראַמוויי־קאָנדוקטאָרן. דאָס געסל איז געווען געדיכט באַזעצט מיט ביימער און די לופט איז געווען נישט קיין יידישע. צוגע־שפּאַרט צו אַ בוים איז געשטאַנען אַ שילער אין אַ היטל באַנייט מיט גרינע טאַשמעס פון אַ פּוילישער שול. נעבן אים איז געשטאַנען פּייטשע. איך האָב פאַר אַלעם דערזען אירע הויכע, געלע שטיוועלעך. איך בין שטיין געבליבן. זי האָט נישט געקוקט אין מײַן זייט. איך „כלאַפּאַק" — האָב איך אַ קלער געטאָן. זי האָט נישט געקוקט אויף מיר, אָבער איך האָב געפילט, אַז זי זעט מיך.

פּאָר די שילער מיט די גרינגע בענדלעך אויפן היטל האָט מען מורא געהאַט. דאָס איז געווען אַ „שקאָלע" נאָר פאַר קריסטלעכע יינג־לעך, וואָס האָבן אָפּט געפירט געשלעגן מיט די יידישע יינגלעך. אויף די יידישע גאַסן האָט מען זיי זעלטן געזען.

איך האָב נישט געוואָלט פּייטשע זאָל מיך זען מיט דעם זעקל. איך בין געבליבן שטיין. איך האָב פאַרגעסן דעם וועג. מיר האָט זיך אויס־געוויזן, אַז דער טאַטע וואַרט אויף מיר שוין זייער לאַנג. איך האָב זיך געלאָזט גיין צום טאַטן. איך האָב זיך געדרייט דורך אַ גאַנצער ריי געסלעך און איך ווייס נישט ווי אַזוי איך בין ווידער אַריין אין דעם גויישן געסל. אָבער פּייטשע איז שוין דאָרט נישט געווען.

צום ערשטן מאָל האָב איך דערפילט, אַז עמעצער האָט מיר געטאָן עפּעס אַ בייזן שניט איבערן האַרץ.

איך בין געלאָפן צום טאַטן. עס איז געווען טונקל און מאַט אין גאַס. און איך האָב דערפילט אַ פּלוצלינגע מידקייט און אָפּגעריסנקייט. מיר האָט זיך געוואָלט צופאַלן צו דער מאַמען קושן אירע טריט, אַוועק־לייגן זיך נעבן קינד. זיך איינהילן אין דער היימישער טונקלקייט פון אונדזער שטוב. אַרויסנעמען מיין קעסטעלע, מיינע ביכלעך, בלייפעדערס, אויסמאָלן אַ בילד, וואָס זאָל זיין טרויעריק און שיין. אָבער מיר האָט זיך זייער געוואָלט, אַז זי, פּייטשע, זאָל וויסן דערפון.

איך וועל ווערן אַ גרויסער קינסטלער, איך וועל זיין שיין און גרויס, איך וועל טראָגן הויכע שטיוול, איך וועל אויסזען אַנדערש ווי די אַלע מענטשן. דעמאָלט וועל איך טרעפן פּייטשען. איך וועל זיך האַלטן גרויס, זי וועט גיין מיט מיר ערגעץ וויַיט, ווו קיינער איז נישטאָ. דאָרט, ווו זי האָט אַן „ערטל". איך האָב זיך דערמאָנט, אַז זי איז איצט דאָרט ערגעץ מיט דעם קריסטלעכן יינגל, מיט איר „כלאָפּאַק", און ווידער האָט עפּעס שאַרף און טיף אַ שניט געטאָן אין האַרץ.

*

דער טאַטע איז אַלץ געזעסן אויף דעם שוסטער־בענקעלע. ער האָט געהערט אַ לאַנגע געשיכטע, וואָס דער שוסטער האָט אים דערציילט. עס איז געווען טיף, טונקל און אומעטיק. אַ קליין לעמפּעלע האָט געררייכערט אויפן וואַרשטאַטל. און דער שוסטער האָט דערציילט, אַז עס איז נישט

געווען מיט „וואָס צו ראַטעווען" און דאָ, אין „הקדש, אַז ס'גייט אַריין אַן אָרעמאַן, קומט ער שוין נישט צוריק אַהיים".

דער שוסטער האָט דערציילט וועגן דעם געשטאָרבענעם ווייב, וועגן דעם זון, וואָס דינט ביי „פּאַניען", וועגן דער טאָכטער, וואָס איז „נישט קיין לייט".

דער שוסטער איז געווען אַ יידישער, וואַרשעווער אָרעמאַן פון דור־דורות. דאָס פלעמל פון פאַררייכערטן לעמפל האָט באַשמירט מיט אַ טונ־קעלער ליכט זיין גרויסן, געלן, ווי אויסגעריבענעם קאָפּ. אַ געדיכטער, פייכטער ריח פון אַלטע שיך איז געשטאַנען אין דעם קעמערל. דער שוס־טער, זעט אויס, האָט געקענט דעם טאַטן, ווייל ער האָט אים כסדר גערופן ביים נאָמען:

— ר' חיים...

ער האָט געשאָבן מיט אַ שטיקל גלאָז אַן אַלט שטיקל פייכטע לעדער, זיינע הענט האָבן אויסגעזען ווי פאַרזשאַווערטע טשוועקעס. זיין האַלדז איז געווען פאַרוואַקסן ווי מיט טרוקן גראָז און זיינע אויגן אונטער די שווערע ברעמען האָבן געפינקלט מיט אַ וואַרעמער גוטסקייט. דער טאַטע האָט אים פאַר עפּעס באַצאָלט אַ פּאָר גראָשן און שווייגנדיקע און אומע־טיקע זענען מיר געגאַנגען אַהיים.

9

ווען איך בין מיטן טאַטן אַהיימגעקומען, האָט שוין געברענט די לאָמפּ, ביי וועלכער די שוועסטער האָט געמאַכט די לעקציעס. נאָך ביי דער טיר, ווען איך בין דורכגעגאַנגען פאַרביי דער טונקעלער קיך, האָב איך שוין געפילט דעם שיכורדיקן ריח פון עטער און וואַלעריאַנע־טראָפּנס, וואָס איז געווען דער סימן, אַז מיט דער מאַמען איז עפּעס געשען. צוזאַמען דער־מיט האָב איך דערפילט, אַז אין שטוב איז עמעצער דאָ. באַלד האָב איך דערזען, אַז ביים טיש, אין דער טונקל, איז געזעסן עליאַש. די מאַמע איז געזעסן ביים קינד אויפן בעטעלע. דאָס קינד איז געלעגן אויף איר שויס מיט אַ צוגעטוליעט קעפּעלע צו איר ברוסט. עס איז געווען אומעטיק אין שטוב. די מאַמע האָט געהאַט פאַרבונדן דעם קאָפּ מיט אַ ווייס טיכל, די אויגן ביי איר זענען געווען צעפּייערט און אַ דינע, אַנגעווייטיקטע גרימאַסע איז געלעגן אַרום איר מויל.

דער טאַטע האָט זיך באַגריסט מיט עליאַשן. עליאַש איז אויפגעשטאַנען

פון דער שטול. ווי שטענדיק, איז געגאַנגען פון אים אַ ריינקייט און אַן איידלקייט. באַזונדערס שטיל און נישט־דרייסט איז ער געווען אין דעם טאַטנס קעגנוואַרט, כאָטש דער טאַטע איז אים געווען צו זייער פריינדלעך. די נישט־דרייסטקייט האָט זיך געוויס גענומען דערפון, וואָס עליאַש האָט פון דער יוגנט אָן געאַרבעט ביים פעטער אין דער פאַבריק, ווו דער טאַטע איז געווען דער ווערקפירער.

אויך איצט האָט זיך עליאַש ביים טאַטנס אַריינקומען אויפגעשטעלט, ווי ער וואָלט געהאַלטן ביים אַוועקגיין. אָבער דער טאַטע האָט אים פריינד־לעך צוריק אַוועקגעזעצט. אויך מיר האָט זיך געוואָלט, אַז עליאַש זאָל איצט זיין ביי אונדז אין שטוב.

מיר זענען געווען געוווינט צו דער מאַמעס אָפטן אַוועקפאַלן. צו־מיינסט איז דאָס געווען צוליב דעם ברודער. עס האָט זיך געפילט, אַז מיט דעם ברודער איז שוין ווידער געשען עפּעס שלעכטס, צוליב וועלכן עליאַש איז געקומען צו דער מאַמען. און מיר איז צוליב עפּעס דערפון געוואָרן גרינגער. זעט אויס, צוליב מיין שולדיקייט פונעם היינטיקן טאָג קעגן דער מאַמען.

דאָס קינד האָט געדרימלט. ווען איך בין צוגעגאַנגען און געוואָלט דאָס קינד אַ קוש טאָן, האָט מיך די מאַמע שאַרף אָפּגערוקט. די מאַמע איז אויך נישט אויפגעשטאַנען צו געבן מיר און דעם טאַטן עסן. זי האָט זיך נישט געפרעגט וועגן די געקויפטע שיך. און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז מיטן ברודער איז נישט גוט. דער טאַטע האָט אַ פרעג געטאָן עליאַשן:

— נו, עליאַש, ביסט עפּעס צופרידן מיט דיין מיטהעלפער?

עליאַש האָט זיך פאַרלוירן. ער האָט געקוקט אויף דער מאַמען. ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער די מאַמע האָט אים איבערגעשלאָגן:

— וואָס קאָן זיין גוט? אַז אַ יינגל האָט נישט קיין היים... אַז דער אייגענער טאַטע קוקט זיך אויף אים נישט אום... אַ קינד, אַ יינגל, דאַרף האָבן אַ טאַטן.

דאָס איז געווען דאָס ערגסטע, וואָס די מאַמע האָט געקאָנט זאָגן דעם טאַטן. דער טאַטע איז באַלד אין כעס געוואָרן. ער איז, זעט אויס, פון עפּעס געווען נישט צופרידן פון פריער. ער האָט ווי אַלע מאָל, גע־שריגן, אַז ער האָט שוין גענוג דעם ברודער, אַז ער האָט נישט קיין איין רויִקן טאָג.

— איך האָב מיינס געטאָן — האָט עליאַש פלוצלינג געזאָגט —

איך האָב אים באַהאַנדלט ווי... — ער האָט צעלייגט די הענט, ווי ער וואָלט געוויזן, אַז מער קאָן ער נישט.

די מאַמע האָט זיך צעוויינט.

עליאָש האָט זיך פאַרענטפערט:

— איך האָב געמיינט... ער איז נישט געזונט... אַז ער איז אין שטוב... איך ווייס...

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער ברודער איז שוין אַ סך טעג נישט געווען ביי דער אַרבעט. ער איז די גאַנצע צייט אַוועקגעגאַנגען אין דער פרי, כלומרשט צו עליאָשן און צוריקגעקומען ביי נאַכט. וועגן דעם האָט זיך די מאַמע ערשט היינט דערוווּסט. דער שטענדיקער עול וועגן מיין ברודער, וואָס איך האָב געטראָגן אויף זיך, די שרעק פאַר זיין גורל און די אַנגעבראָכנקייט פון דער שטוב צוליב דעם, האָט זיך איצט ווידער אַ לייג געטאָן אויף מיר. כאָטש היינט האָט זיך מיר געדאַכט, אַז די געשעעניש מיטן ברודער וועט גרינגער מאַכן מיין שולד קעגן דער מאַמען. איך האָב אויך אונטערגעכאַפּט אינעם טאַטנס פּנים אַ שמייכל פון צופרידנקייט און איך האָב זיך דערמאָנט ר' פישעלעס שטוב.

דער טאַטע האָט זיך באַלד גענומען טרייסטן דער מאַמען. ער האָט געזאָגט:

— צוליב דעם לוינט זיך צו נעמען צום האַרץ? קראַנק צו ווערן? איך ווייס וואָס אים וואָלט געקענט העלפן... אָבער איך מיש זיך נישט... פאַר מיר איז גענוג.

— איך האָב אַוודאי געוואָלט אַלץ טאָן דאָס יינגל זאָל זיך סטאַטקעווען. ווייל ווען ער וויל, פאַרשטייט ער אין דער אַרבעט — האָט עליאָש שטיל געזאָגט.

די מאַמע האָט אויף אים אַ קוק געטאָן מיט אַ פריינדלעכקייט און אים געבעטן נאָך זיצן. און צווישן דער מאַמען מיטן טאַטן האָט זיך אָנגעהויבן דער שטענדיקער שטרייט וועגן דעם ברודער. דער טאַטע האָט געהאַלטן, אַז נאָר מיט שטרענגקייט, מיט הונגער, מיט יאָגן פון דער היים, קאָן מען אים מאַכן פאַר אַ מענטש. די מאַמע האָט, פאַרקערט, געהאַלטן, אַז דער טאַטע איז פאַר אים שלעכט, ווייזט אים נישט אַרויס קיין ליבשאַפט. דאָ האָט דער טאַטע גענומען אויפווייזן, אַז אונדז אַלע איז צו גוט, אַז מיר אַלע ווייסן נישט ווי אַזוי עס לעבן אַנדערע, אָרעמעלייט.

פֿאַר דער מאַמען איז דאָס געווען דאָס ערגסטע און זי האָט געקוקט אויפֿן טאַטן, ווי אויף אַ שונא.

דער טאַטע איז, זעט אויס, געווען אונטערן איינדרוק פֿון דעם שוסטער, ביי וועלכן מיר זענען היינט געווען, און ער האָט גענומען דערציילן פֿאַר עליאַשן וועגן דעם שוסטערס אָרעמקייט. דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז ער „לעבט ערגער פֿון אַ הונט".

פֿונעם טאַטנס דערציילן האָב איך דערזען דעם אָרעמען שוסטער און דאָס האָט מיך דערמאָנט אין פּייטשען, וואָס גייט אַרום מיט דעם שגץ איבער די נאָענטע גאַסן. איך האָב זיך אויך דערביי דערמאָנט אין אַלעם, וואָס איך האָב געזען ביי פּישעלען אין שטוב. און דאָס, וואָס דער טאַטע נעמט זיך אַזוי איבער מיט דעם שוסטערס אָרעמקייט איז פֿאַר מיר געווען אַ טרייסט, עס איז מיר געוואָרן גוט דערפֿון, וואָס דער טאַטע גייט נישט נאָר צו פּישעלען און זיין וויבֿ, דער גרויסער יידענע, וואָס איך האָב איצט, אַליין נישט וויסנדיק פֿאַר וואָס, פֿיינט געהאַט. דעם טאַטנס זאָרג פֿאַר דעם אָרעמען שוסטער האָט מיך געמאַכט שטאָלץ. און ווי איך בין נישט געווען הונגעריק, וואָלט איך איצט מיין מיטאָג אָוועקגעגעבן דעם אָרעמען שוסטער.

דערווייל האָט די מאַמע צוגערופֿן די שוועסטער. זי האָט איר עפּעס געזאָגט און די שוועסטער האָט גענומען דערלאַנגען דאָס עסן פֿון קיך. די שוועסטער האָט דאָס קיין מאָל נישט געטאָן און אַלע האָבן מיר זיך אַנטציקט, ווי די שוועסטער האָט מיט אירע ווייסע הענט דערלאַנגט צום טיש. די מאַמע האָט זיך אַפֿילו געוואָלט אויפֿהייבן, אָבער די שוועסטער האָט נישט געלאָזן:

— איך וועל אַלץ מאַכן — האָט זי געזאָגט. זי האָט אַפֿילו דערלאַנגט טיי פֿאַר עליאַשן, וועלכער האָט זיך פֿאַרשעמט און באַוווּנדערט איר פֿעיִקייט. די מאַמע האָט געזאָגט, אַז דאָס איז נאָר פֿאַר עליאַשן.

די מאַמע האָט, זעט אויס, געוואָלט, אַז עליאַש זאָל בלייבן ביי אונדז שפּעטער, ביז וואַנען עס וועט קומען דער ברודער. זי האָט מורא געהאַט, אַז צווישן דעם טאַטן מיטן ברודער זאָל עפּעס נישט אויסברעכן. זי האָט געוווּסט, אַז עליאַש וועט איר אין גאָרנישט אָפּזאָגן.

צווישן אים און דער מאַמען איז געווען עפּעס אַ באַזונדערס שטילע און איידעלע פֿריינדשאַפֿט און עליאַש האָט שטענדיק געזאָגט, אַז ווען נישט די מאַמע, וואָלט ער נישט געווען קיין לייט. ער האָט ליב געהאַט

צו דערציילן פון דער צייט, ווען ער איז געווען אַ יינגל, כמעט אַ קינד, אַ יתום, און געאַרבעט ביי מיין פעטער אין פאַבריק. ער האָט געאַרבעט ווי אַ שקלאַף, געטראָגן קאַסטנס און פעק און אייביק געגאַנגען באָרוועס. אָבער שפּעטער האָט אים די מאַמע אַריינגענומען אין שטוב און פון דע־מאָלט אָן האָט ער באַקומען אַ מאַמע. ער האָט דערציילט, ווי די מאַמע האָט אים געוואַשן דעם קאָפּ און געצירעוועט זיינע העמדער. די מאַמע האָט געקוקט אויף אים מיט טרערן אין די אויגן און ווען ער האָט דער מאַמען געקושט די האַנט, האָט מען דערזען, אַז ער איז נישט קיין ייד, כאָטש ער האָט גערעדט יידיש און נישט געווען קיין גוי.

די האַרציקייט צווישן עליאַשן און דער מאַמען, עליאַשס דערציילן פון די פריערדיקע יאָרן, ווען איך בין געווען נאָך גאָר אַ קליין קינד, האָט אָנגעפילט די שטוב מיט אַ גוט געמיט. אַפילו די מאַמע האָט געהאָלפן דערמאָנען יענע צייטן, ווען דעם טאַטנס צווייטער ברודער, דער גוטער פעטער יאָסל, וואָס ווינט אין גראָדנע, איז נאָך געווען דאָ. איך האָב זיך צוגעהערט מיט אַ רעגונג, וואָס האָט מיר געהאָלפן פאַרגעסן אין די משונהדיקע וואַנדלונגען פונעם היינטיקן טאָג, אין פישעלעס שטוב, צו וועלכער עס האָט מיך געצויגן.

עליאַש האָט דערמאָנט ווי דער טאַטע האָט אים אַ מאָל אַ פּאַטש געטאָן דערפאַר, וואָס ער האָט עפּעס נישט געפּאַלגט אין דער פאַבריק. אַלע האָבן מיר געקוקט אויפן טאַטן. מיר האָבן זיך פאַרשעמט, ווען עליאַש האָט דאָס דערציילט לאַכנדיק. ער איז דערביי צוגעגאַנגען צום טאַטן און אים אַ גלעט געטאָן איבער דער פּלייצע. דאָס האָט אונדז נאָך מער גערירט. דער טאַטע האָט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ. ער איז געוואָרן רויט ווי אַ יינגל. עליאַש איז געשטאַנען איבער אים, אַ גרויסער, אַ בלאָנדער, מיט זיין איידעלן, העלן שמייכל, און דער טאַטע האָט זיך נישט געקאָנט דערמאָנען ווי אַזוי דאָס איז געווען.

די שוועסטער, הערנדיק, אַז דער טאַטע האָט געשלאָגן עליאַשן, האָט געקוקט אויפן טאַטן מיט אירע גרויע, גרויסע, שטראַלנדיקע אויגן, פול מיט פאַרוווּנדערונג. אַלע האָבן געלאַכט, ווען די מאַמע האָט געזאָגט:

— דאָס איז אים פאַרבליבן פון די „כאַמסקע" „קאַצאַפּעס"...

דער טאַטע האָט זיך פאַרענטפערט:

— אויב איך האָב אים אַ זעץ געטאָן, האָט מען אַוודאי באַדאַרפט...

און עס האָט אים נישט ווינציקער געהאָלפן צו ווערן אַ מענטש, ווי דיין גוטסקייט...

— זיכער — האָט עליאַש געזאָגט — געוויס האָט מען באַדאַרפט...

די מאַמע האָט זיך נישט געקאָנט שענקען. זי האָט זיכער געוואָלט ביי דער געלעגנהייט באַוואָרענען, אַז דער טאַטע זאָל נישט אויפהייבן די האַנט אויפן ברודער. זי האָט אַלץ איבערגעחזרט:

— שלאָגן אַ יתום...

מיט אַ מאָל האָט זיך דערהערט דער שוועסטערס אויפגערעגטע שטים, אויף פויליש:

— פאַר וואָס האָט זיך דער „פאַן" עליאַש געלאָזט שלאָגן?

אירע אויגן האָבן געקוקט שטרענג און איר ברוסט האָט זיך געהויבן פון שטאָלצן בונט און פראָטעסט. דער טאַטע האָט פאַרלוירן געשמייכלט. ער האָט פאַרצויגן די ליפן, געמאַכט אַן איבערטריבן־איידעלע מינע, ווי ער האָט דאָס שטענדיק געטאָן, ווען ער האָט נאָכגעמאַכט די רייכע מומע ריווע. ער האָט זיך קאָמיש פאַרנייגט פאַר עליאַשן און מיט אַ דאַמען־שטים אַ זאָג געטאָן אויף פויליש:

— „פשעפראַשאַם"... כ׳בעט דיך איבער...

עליאַש האָט זיך צוריק אַ בייג געטאָן און געזאָגט זייער ערנסט:

— און איך... דאַנק אייך...

מען האָט זיך אַלע צעלאַכט. דאָס קינד האָט זיך אויפגעוועקט, געעפנט די גרויסע, שפּיגלדיקע אויגן, זיך פאַרקרומט. און די מאַמע האָט, ווי שטענדיק געזאָגט איר שפרוך:

— אַ גוטן אויפשטאַנד...

און אין דער שטוב איז פריילעכער געוואָרן.

10

עס זענען אָנגעקומען די הויכע ווינטער־טעג מיט שווערע קעלטן און פאַרקאָוועטע פענצטער. די קעלט האָט מיך געהאַלטן אין שטוב. איך האָב, ווי אין די פריערדיקע קינדערישע ווינטער־טעג אין דער טונקעלער שטוב, זיך איינגעגראָבן אין מיין אָפּגעצוימטער וועלט פון מיין קעסטעלע מיט פּאַפּירלעך, ביכלעך, פאַרבלעך און בלייפעדערס, אין וועלכע איך האָב געזען די נישט־אויפגעמאָלטע בילדער. איך בין ווידער געקראָכן אַרויף, צום קליינעם פענצטערל, ביים סופית, אין דעם טונקעלן אַלקערל,

אָפּגעקראַצט דעם אָנגעלאָפּענעם פראָסט אויף די שייבלעך. און איך האָב געקוקט אין דער ווייט, איבער די ווייס־פאַרשנייטע פלויטן פון אונדזער גאַס, ווו עס איז געלעגן אַן אומעטיקע, פאַרפרוירענע וועלט.

איך בין איצט געווען נאָר מיט דער מאַמען און מיט דעם קינד, וואָס איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג.

די מאַמע האָט מורא געהאַט פאַר די ווינטער־טעג, וואָס זענען שטענ־דיק געקומען מיט קרענק; נישט איין מאָל האָט זי אויפגעהויבן אַ גערודער אין מיטן די לאַנגע, אומעטיקע ווינטער־נעכט, אַז דאָס קינד האָט אַ „שלעכטן הוסט" געטאָן. זי האָט געצאַפּלט פון שרעק, געבראָכן די הענט און גערעדט צו זיך אַליין, אַז זי „איז שוין געפּרוווט" און פון אירע רייד איז דורכגעגאַנגען אַ שוידערדיקע קעלט דורך דער פּלייצע. דער ברודער איז ווידער אַרומגעגאַנגען „פּוסט און פּאַס". ער האָט מער נישט געאַרבעט ביי עליאַשן. ער איז אויסגעוואַקסן, געוואָרן גרויס און שטאַרק. ער איז געקומען אָנגעטאָן אין אַ פּאָר נייע שטיוול, אין אַ פּעלצל, און מען האָט נישט געוווּסט פון וואַנען ער האָט עס גענומען. די מאַמע האָט געזאָגט דעם טאַטן, אַז ער אַרבעט ערגעץ און האָט עס זיך געקויפט פאַר דעם געלט, וואָס ער האָט פאַרדינט. ער האָט איצט אַפילו נישט געוואָלט עסן אין שטוב און האָט ביי יעדן מאָל געשראָקן די מאַמע, אַז ער וועט אין גאַנצן נישט אַהיימקומען. דער טאַטע האָט אים ווי נישט געזען און איך האָב געקוקט מיט אַ קלאַפּעדיק האַרץ אויף זיין פּנים, וואָס איז געוואָרן אַלץ פרעמדער, ווי ער וואָלט אויפגעהערט זיין מיין ברודער. איך האָב געקוקט אויף זיינע אויסגעוואַקסענע הענט און פיס און מיר האָט זיך אַלץ גע־דאַכט, אַז אין די פרעמדע און גראָבע קעשענעס פון זיין פּעלצל ליגט אַ מעסער אָדער אַן אַנדער געווער. עס איז געגאַנגען פון אים אַ קלעמיקער אָטעם פון אַ באַהאַלטענער וועלט, פול מיט געפאַרן. און יעדעס מאָל, ווען ער איז פאַרשוווּנדן, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך וועל אים שוין קיין מאָל מער נישט זען.

יעדן דאָנערשטיק איז, ווי אַלע מאָל, געקומען חנה. זי האָט אַריינגע־בראַנגט מיט זיך אַן אייזערנע קעלט. איינגעהילט אין אירע גרויע, גראָבע זעק, האָט זי געאָטעמט מיט פּאַרע און זיך געלאָזט הערן מיט אירע זינ־גענדיקע שפּרוכן.

די מאַמע האָט געקלאָגט פאַר איר, אַז דאָס קינד איז בלאַס, אַז זי האָט מורא פאַר דעם ווינטער, און חנה האָט געשריגן אויף דער מאַמען,

זי זאָל נישט זינדיקן; זי האָט געשפּראָכן איבער דעם קינד, געבלאָזן איבער דעם און געמורמלט משונהדיקע רייד.

די שוועסטער איז געקומען פון דער „שקאָלע", אַ פאַררויטלטע, מיט גוטע „סטאָפּניעס". זי האָט זיך געזעצט צו דעם פרי־אָנגעצונדענעם ליכט מאַכן די לעקציעס. אָפּט מאָל האָט זי גענומען לערנען אויף אויסנווייניק די „וויערשעס" פון מיצקעוויטש און סלאָוואַצקי. די ווערטער און די גראַמען האָבן זיך געטראָגן איבער דער שטוב ווי פאַרבלאָנדזשעטע, איידעלע פייגל. זיי האָבן זיך מיר איבערגעגעבן און זיך אָפּגערופן אין מיר, געצאַפּלט אין האַרץ און זיך געוואָלט אַרויסרייסן אין עפּעס אַ זינגענדיקן ריטעם. איך בין נישט איין מאָל אַריינגעגאַנגען אין דעם טונקעלן אַלקער, און אַליין, פאַר זיך, אין אַ וויגנדיקן ריטעם, נאָכגעזאָגט סלאָוואַצקיס „פּאַטער פון די פּאַרדזשומעטע". ווי עס וואָלט פון מיר אַרויסגעשריגן, האָב איך איבערגעטראָגן די פּאַטערלעכע ליידן פון זיינע אַכט קינדער, וואָס דער טויט האָט זיי צוגענומען אין דער וויסטע. מיט דער צייט האָט די שוועס־טער זיך אָנגעהויבן באַנוצן מיט מיר ביים דערמאָנען זיך אויף אויסנווייניק גאַנצע שטיקער פּאָעזיע. זי האָט באַוווּנדערט מיין זכרון, געהיטן די ריינקייט פון מיין פּוילישן אַקצענט. דאָס האָט אונדז אַ סך דערנענטערט. און ווען עס זענען צו דער שוועסטער געקומען די בעסערע מיידלעך פון דער „שקאָלע", האָט זי מיך פאַרגעשטעלט, זאָגנדיק:

— „מאָם האָנאָר"... כ'האָב די ערע פאַרצושטעלן...

מיר איז הייס געוואָרן פון דעם וואָרט: „מאָם האָנאָר" און דאָס דער־לאַנגען די האַנט איז נישט גוט אַרויסגעקומען. די שוועסטער האָט זיי עפּעס געזאָגט, נאָך וועלכן די מיידלעך האָבן געקוקט אויף מיר מיט פולע אויגן שטרענגער גלייכגילטיקייט, ווי זיי וואָלטן געוואָלט לאַכן, אָדער וויינען. נאָר דאָס קריסטלעכע מיידל סטעפאַניאַ, מיט די ווייסע פלאַקסענע האָר און פּאָקן־גריבלעך אויפן פּנים, האָט געקוקט אויף מיר מיט דער ליילער בלויקייט פון אירע פּוילישע אויגן און געזאָגט צו דער שוועסטער:

— „וויגלאָנדאַ יאַק פּאָעטאַ"...

זי איז געוואָרן גרויס ווי אַ דערוואַקסענע. זי האָט געהאַט עפּעס אַ קאַטוילישן ריח, געמישט מיט אַ נאָך־ריח פונעם טאַטנס שוסטעריי און גויִשער ריינקייט. איר טאַטע, דער שוסטער גאַיעווסקי, איז געווען דער איינציקער גויִשער שוסטער אין אונדזער גאַס, וואָס האָט געמאַכט שיך פאַר כלות און חתנים „צו דער חתונה". זיי האָבן געוווינט אין אַ געוועלבל,

ווי אויף דער שויב איז געווען אויסגעמאָלט אַ שטיוול, און ווען מען האָט געעפנט די טיר, האָט זיך געוויגט און געקלונגען אַ גלעקל.

סטעפאַניאַ איז אָפט געקומען צו אונדז אין שטוב. זי איז געווען שטענדיק פריילעך און הונגעריק. נישט געקוקט אויף די פּאָקן, האָט איר פּנים געבליט מיט אַ גרינלעכער ראָזיקייט. זי האָט זיך שטאַרק אַנטציקט מיט מיין ריסעווען, גערעדט מיט מיר נאָר וועגן פּאָעזיע און איין מאָל מיר געברענגט אַן אַלבאָם, וואָס איז געווען צונויפגעקלעפּט מיט שוסטערישן פּאַפּ פונעם טאַטנס שוסטעריי און זי האָט מיך געבעטן אַריינשרייבן. די בלעטלעך זענען געווען ראָזע, באַשריבן און באַריסעוועט מיט פליִענדיקע פייגל און רויטע הערצער, דורכגעשאָסענע מיט פיילן. זי האָט מיר געגעבן צו לייענען איר אייגענע פּאָעזיע וועגן דעם, ווי זי וועט ליגן אין אַ ווייסער טרומנע, מיט בלומען, אין אַ ווייס קלייד. זי האָט ליב געהאַט צו רעדן וועגן טויט, וועגן „צמענטאַזש". דערביי האָט זי מיך געבעטן איך זאָל מיט איר טאַנצן אַ „פּאָלקע". איך האָב זיך געשעמט, אָבער דאָס טאַנצן מיט איר האָט מיך אַנגעפּילט מיט אַ מאָדנע אומרויִק פאַרגעניגן, דערפון, וואָס זי האָט באַלד אָנגעהויבן אָטעמען מיט אַ זייער שאַרפן ריח, ווי פון בראָנפן. דער ריח האָט געקלאַפּט פון איר מיט אַ מאָדנער גליִיקייט. זי האָט פאַרמאַכט די אויגן, ווי זי וואָלט געפלויגן.

*

אין דער שווערער קעלט פון דעם לאַנגן ווינטער איז דאָך געווען אַנדערש ווי אין אַלע ווינטערס ביז איצט. אונטער דעם פּאָר מיר פאַר־מאַכטן דרויסן האָט זיך נאָך פאַרביקער צעשפּילט אַלץ, וואָס איך האָב דורך דעם יאָר איבערגעלעבט.

עס זענען אויך געווען לינדערע טעג, ווען איך האָב, אַן אַרומגע־פּאַטלטער ממש מיט שאַלן און טיכלעך, זיך אַרויסגעכאַפּט פון שטוב, אַן אָטעם געטאָן מיט דער ווייסלעכער קעלט און זיך געלאָזט לויפן. אין די טעג איז מיין ערשטער וועג שטענדיק געווען צו ר' פישעלעס שטוב, פון וואַנען עס האָט זיך געטראָגן דער שיכורנדיקער ריח פון צוואָג־וואַסער, דער ריח פון דער בלאָנדער' פייטשען, וואָס האָט מיך געצויגן צו זיך און געשראָקן. איך האָב אַפילו נישט געבענקט נאָך איר, נאָר נאָך די דערוואַקסענע, זינדיקע רייד, וואָס זי האָט די ערשטע צו מיר גערעדט, די נייגעריקייט צו זיין איר „כלאָפּאַק". איך בין קיין מאָל נישט דער־

גאַנגען צו דעם הויז, ווו ר׳ פישעלע האָט געוווינט. איך בין נאָר אין די טונקעלע פאַרנאַכטן אַרויסגעלאָפן צו דער גאַס מיט עפּעס אַ מאָדנעם אימפּעט, מיט פאַנטאַסטישע פּלענער. מיר האָט זיך געוואָלט ערגעץ באַהאַלטן, פון וואַנען איך זאָל, אַליין אַ נישט־געזעענער, זען פּייטשעס פּולע, קרעפּטיקע פיס אין די הויכע, געלע שטיוועלעך. איך האָב אַפילו נישט געוווּסט אויף קלאָר צוליב וואָס. אַזוי פלעג איך אָפּשטיין אין דער גרויער טונקלקייט פון די געסלעך, ווו עס האָבן זיך אין דער נעפּלדיקער, פרי׳ער נאַכט אָנגעצונדן די גרינע עלנטע פלעמלעך פון די לאַמטערן.

מיר האָט זיך שטענדיק אויסגעוויזן, אַז איך האָב זי געזען, אַז זי האָט ערגעץ דורכגעשלומערט אין דער אָוונט־טונקלקייט. מיר האָט זיך גע־דאַכט, אַז איך האָב אָנגעשעפּט אַ פול האַרץ מיט איר זינדיקן רייץ, אָבער איך בין אַהיימגעקומען ליידיק, ווי איך וואָלט זי פאַרלוירן אויפן וועג.

אַחוץ דעם האָט מיך שטענדיק פאַרפאָלגט דער געדאַנק, אַז דער טאַטע געפינט זיך ביי ר׳ פישעלען. און מיר האָט זיך געוואָלט צופאַלן צו דער מאַמען, זוכן ביי איר אַן ענטפער און אַ באַרויִקונג.

*

דער טאַטע איז אָפט געפאָרן איבער רוסישע שטעט פאַרקויפן די סחורות פונעם פעטערס פאַבריק. דעם טאַטנס ווייכע, לעדערנע וואַליזע מיט דעם אייזערנעם שלאָס, וואָס האָט זיך פאַרמאַכט מיט צווייִ אייזערנע ליפּן, ווי אַ מויל, איז אָפט געשטאַנען אויפן טיש. דער טאַטע האָט אָנגעטאָן די הויכע שטיוול מיט דעם הויכן פוטערנעם היטל, וואָס האָט אים געמאַכט העכער און שטאַרקער. ער האָט אויך געהאַט אַ „באַשליק״ מיט אַ כוואָסט, געברענגט ערגעץ פון מאָסקווע, וואָס האָט געהאַט אַ רוסישן ריח.

די מאַמע האָט צוליב עפּעס נישט ליב געהאַט דעם טאַטנס אַוועקפאָרן. צוליב דעם האָט זי זיך שטענדיק מיטן טאַטן צעקריגט שוין ביים גע־זעגענען, צוליב דעם פּאַקן די וואַליזקע. די מאַמע האָט אַלץ געשטופּט אין דער וואַליזקע אַריין עסנוואַרג, וואָס דער טאַטע האָט נישט געוואָלט מיטנעמען, טענהנדיק, אַז דאָרט, אין „ראַסיי״, איז אַלץ ביליק. די מאַמע האָט נישט ליב געהאַט די „קאַצאַפּסקע״ עסנס און געזאָגט, אַז דער טאַטע איז ביים אַוועקפאָרן געווען זייער אויפגעהייטערט, געוואָלט וואָס גיכער נעמען די וואַליזקע און אַרויסגיין פון שטוב.

דעם טאַטנס אָפּפאָרן איז צומייניסט געשען אין די שפּעטע אָוונטן, ווען מיר זענען שוין געלעגן אין בעט צום שלאָפן. אין אַזאַ אָוונט איז דער טאַטע געקומען צוזאַמען מיט ר׳ יואלן, וואָס האָט מיטגעברענגט פאַרן טאַטן דעם גרויסן שוואַרצן קאַסטן מיט מוסטערן.

ר׳ יואל האָט, ווי שטענדיק, נישט געקאָנט אַריין אין דער נידעריקער טיר מיטן קאַסטן און זיין הויכער וווּקס. ער האָט אָנגעטראָגן אַ בלאַטע מיט זיינע נאַסע שטיוול. ער האָט זיך אָוועקגעזעצט און לאַנג און שווער געאָטעמט מיט זיינע טרוקענע ליפּן. ער האָט פאַרמאַכט זיינע גרויסע, בלייכע אויגן און אָנגעהויבן רעדן וועגן „ראַסיי״, ווו ער האָט געדינט ביי „פּאַניען״ צוזאַמען מיט ר׳ אָשרן.

ער האָט דערציילט דער מאַמען די שטענדיקע געשיכטע פון זיין עלטערער טאָכטער, וואָס האָט נישט געטראָפן מיטן מאַן. דערנאָך האָט ער לאַנג געבונדן די שטריק אַרום זיין לאַנגן פלאַטשיקן גוף, וואָס האָט אויסגעזען ווי צונויפגעקלאַפּט פון ברעטער.

דער טאַטע האָט נישט ליב געהאַט זיך צו געזעגענען און די מאַמע האָט אים געהיטן און אָט איז דער טאַטע געבליבן שטיין אין מיטן שטוב מיט אַ גרויסן שאָטן אויף דער וואַנט. ער איז געווען גרויס און פרעמד, ווי ער וואָלט שוין געווען אין „ראַסיי״. ער האָט לאַנג געקוקט אויף דעם שלאָפנדיקן קינד, לייכט באַרירט מיט די ליפּן דאָס שלאָפנדיקע קעפּעלע און שוין האָבן דער מאַמעס אויגן אויפגעגלאַנצט מיט טרערן. דער טאַטע איז געוואָרן אומגעדולדיק. די שוועסטער האָט אים אַרומגענומען מיט אַ ווייסער, נאַקעטער האַנט, וואָס האָט אַ בליאַסק געטאָן. דער טאַטע האָט מיר אַ קוש געטאָן אין קאָפּ. ר׳ יואל האָט געבונדן די שטריק און זיך גענומען רירן דעם קאַסטן. איצט איז דער טאַטע געשטאַנען. די מאַמע האָט אַ לויף געטאָן אין קיך. מיר האָבן געוווּסט, אַז דאָס איז די שווערסטע מינוט. די מאַמע האָט געוואָלט, אַז דער טאַטע זאָל זיך געזעגענען מיטן ברודער.

מיין האַרץ האָט שטאַרק געקלאַפּט. איך האָב געהערט ווי דער טאַטע מיט ר׳ יואלן אַמפּערן זיך מיט דער טיר. דערנאָך איז די מאַמע אַריינגע־קומען צוריק, לאַנג געקוקט אין אַ ווינקל פון דער אומעטיק געוואָרענער שטוב און לאַנגזאַמע טרערן האָבן געשפּאַרט פון אירע אויגן.

11

יעדער מאָל ווען דער טאַטע איז אַוועקגעפאָרן אויף דער רייזע, איז די מאַמע צום ברודער געוואָרן שטרענגער. זי האָט זיך דעמאָלט מיט אים אַריינגעלאָזט אין אַ מלחמה, דווקא ווען זי איז געווען אַליין, וויסנדיק, זעט אויס, אַז דער ברודער וועט נישט אויסנוצן איר שוואַכקייט, און וועט פאָלגן גיכער איר, ווי דעם טאַטן.

די מאַמע האָט געפילט, אַז זי צעברעכט דעם ברודער מיט איר פיינט־שאַפט, צו וועלכער ער איז נישט געווען געוווינט, און ערשט איצט, ווען דער טאַטע איז נישט געווען האָט זי אים די פיינטשאַפט אַרויסגעוויזן מיט אַ מאָדנעם אימפעט. זי האָט אים אין איר פאַרצווייפלונג, געשאָלטן און אַפילו געשלאָגן, און דער ברודער האָט נאָך טיפער פאַרגראָבן די אויגן און אויפגענומען אירע קלעפּ מיט אַ פאַרקרומטן שמייכל, נישט רעדנדיק קיין וואָרט. מעז האָט געזען, אַז ער ליידט נישט פון די קלעפּ, נאָר דערפון וואָס ער האָט אָנגעווירן איר גוטסקייט און איר שוץ.

אַנדערש איז געווען ווען דער טאַטע האָט זיך מיט אים צוזאַמענגע־שטויסן. דעמאָלט האָט געדראָט אַ געפאַר ער זאָל זיך דעם טאַטן קעגנ־שטעלן; ער האָט געקוקט אויפן טאַטן ווי אַ בייזע חיה. פון דעם טאַטן האָט דער ברודער קיין מאָל קיין גוטס נישט געזען, ער האָט אין אים געזען אַ שטאַרקן שונא, וועלכן מען דאַרף אויסמיידן.

אויך איצט ווען דער טאַטע איז אַוועקגעפאָרן אויף דער רייזע, האָט די מאַמע געוואָלט איינברעכן דעם ברודער, האָט אים כסדר אָנגעגריפן און נישט געלאָזט אים אויף די אויגן. און דאָס איינציקע פאַר וואָס זי האָט, זעט אויס, מורא געהאַט איז געווען, ער זאָל נישט אַנטלויפן אין גאַנצן פון דער היים. זי האָט אים צוגענומען די שטיוול, דאָס פעלצל און נישט געגעבן אים קיין עסן.

נאָך אַזאַ שטרייט איז די מאַמע אַוועקגעפאַלן מיט אַ פאַרבונדענעם קאָפּ. און דער ברודער איז געלעגן אין קיך אַן אויסגעטועטער און גע־דרימלט. די מאַמע האָט געהאַלטן פאַרשלאָסן די טיר און געהיטן זיין יעדן ריר. מיר האָבן באַוווּנדערט דער מאַמעס כוח, ווען פון דער קיך האָבן זיך געטראָגן אירע אַמפּערנישן, און עס האָבן זיך געהערט אירע שטראָף־רייד און אירע פייערדיקע דראָונגען.

פון אונדזער שטוב איז געוואָרן ווי צוויי שטובן. איינע פון דער

שוועסטער, פון דעם קינד, ווי עס האָט געשאַרכט זייער זיידענע, איידעלע שיינקייט, ווי די שוועסטער האָט געבליט, ווי אירע ביכער האָבן אויסגעשטראַלט אַ געוועב פון שיינקייט און פּאָעזיע, און ווי עס האָט געהערשט דאָס שטילע און פאַרדריקטע מאַמעס געמיט. מען האָט אַנדערש געגעסן, אַנדערש פאַרברענגט. ווען דער טאַטע איז נישט געווען, האָט די מאַמע מיט אונדז אַנדערש גערעדט, אונדז דערציילט פון איר יוגנט, זי האָט געזונגען אומעטיקע לידער. און דאָס אַלץ איז געווען באַהערשט פון אַ בענקשאַפט וואָס זי האָט געטראָגן אין זיך.

די צווייטע שטוב איז איצט געווען די קיך. מיט דעם ברודערס משונה פרעמדער וועלט, וועגן וועלכער די מאַמע האָט נישט מיט דער שוועסטער, און נישט מיט מיר גערעדט, גלייך דאָס וואָלט געווען אַ זאַך, וואָס וואָלט מיט אונדז גאָרנישט געהאַט צו טאָן.

טייל מאָל נאָר פלעגט די מאַמע אויסשיסן מיט אַן אויפרייס פון ספּאַזמען, ווי זי וואָלט אין אַ טראַנס גערעדט צו עמעצן אַ נישט געזעענעם. זי האָט געשריגן נישט מיט איר קול. זי האָט פאַרזיכערט מיט אַן אומהיימלעכער פייערלעכקייט, אַז עס וועט געשען עפּעס אַ גרויס אומגליק מיט דעם ברודער, אַז זי וועט נישט לאָזן ער זאָל זיין אַ לעבעדיקער יתום... אָדער ער וועט זיין אונדזער קינד, האָבן אַ טאַטן, זיין אַ מענטש פון אַ שטוב, אָדער עס וועט זיין זיין טויט אָדער מיין טויט... איך וועל אים נישט אָוועקגעבן דער גאַס...

דער מאַמעס רייד האָבן אויף מיר אַנגעוואָרפן אַן אימה, ווען זי האָט דאָס איבערגעחזרט צענדליקער מאָל, מיט אַן אויסערגעוויינלעכן כוח. אַפילו די שוועסטער, וואָס האָט זיך שטענדיק געהאַלטן העכער פון אַלעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען מיטן ברודער, האָט זיך צוגעהערט מיט שרעק און דאָס קינד האָט צאַפּלענדיק פון שרעק זיך צעוויינט.

פאַר אונדז איז נישט געווען פאַרשטענדלעך, פאַר וואָס גראָד איצט, ווען דער טאַטע איז נישטאָ הי, איז די מאַמע אַריין אין אַזאַ מלחמה מיטן ברודער. אמת, די לעצטע וואָכן איז דעם ברודערס אויפפירן געוואָרן ערגער. ער איז אַפילו אַ פּאָר מאָל נישט געקומען אַהיים נעכטיקן. אָבער אין דער מאַמעס איצטיקן געראַנגל מיט אים, איז געווען עפּעס, וואָס איז אַריבער די מאָס און די גרענעץ, צו וועלכער מיר זענען געוווינט געווען. און פּלוצלינג אין איין טאָג, האָבן מיר פון דער מאַמעס רייד זיך דערוווסט, אַז מען האָט געזען מיין ברודער ביי „איטשע משומד" אין קעלער־שטוב.

די מאַמע האָט דאָס אַרויסגעוויינט ווי פאַר זיך, און אין שטוב איז געוואָרן שווער און דריקנדיק. ס'האָט איר דערציילט דער „קרומער קאָפּ", אַ ייִנגל פון אונדזער הויף, וואָס איז אויך נישט געווען קיין לייט. ער האָט דאָס דערציילט דער מאַמען דערפֿאַר, וואָס מיין ברודער זאָל אים האָבן פאַר עפּעס געשלאָגן. דעמאָלט איז די מאַמע נאָכגעגאַנגען דעם ברודער, ווען ער איז אַרויס פון שטוב. זי האָט געזען ווי דער ברודער לאָזט זיך אַראָפּ מיטן געסל, דורך דעם לאַנגן „גנבישן־הויף", דורך וועלכן מען האָט געקאָנט דורכגיין אין אַן אַנדער געסל, נישט ווייט פונעם יידישן בית־עולם. דאָ האָט די מאַמע געזען ווי דער ברודער לאָזט זיך אַריין אין אַ הויפל, און פאַרשווינדט אין אַ קעלער.

די מאַמע האָט שוין נישט געקאָנט גיין אַהיים. זי האָט געפילט ווי די פיס זענען ביי איר ווי געליימט געוואָרן, עפּעס אין אַ געוועלב האָט מען איר געגעבן וואַסער, זי איז דערגאַנגען אַהיים און אַוועקגעפאַלן אויפן בעט.

דאָס איז געווען גראָד אין דעם טאָג ווען דער טאַטע איז אַוועקגעפאָרן.

דאָס אַלץ האָט די מאַמע דערציילט זיך אַליין; זי האָט נישט געהאַט פאַר וועמען זיך צו באַקלאָגן. זי איז געלעגן מיט אַ פאַרבונדענעם קאָפּ און אירע ליפּן האָבן געציטערט. די שוועסטער איז געשטאַנען נעבן איר, און נישט געוווסט וואָס צו טאָן. זי האָט געוואָלט גיין רופן עליאַשן, אָבער די מאַמע האָט מיט אַ ווילדער שרעק זי פאַרהאַלטן:

— ניין! קיינער, קיינער טאָר נישט וויסן...

איך בין געשטאַנען ביי דעם טונקעלן גראָען פענצטער. די גאַנצע וועלט איז פאַר מיר ווי אויסגעלאָשן געוואָרן. און ווי מען וואָלט מיר אַ זעץ געטאָן מיט עפּעס אַ שטאַרקער זאַך, האָט זיך אין מיין מוח ווי אַריינגעגעבערט אַ ווייטיק, וואָס האָט מיך נישט געלאָזט קלערן וועגן קיין שום זאַך. נאָר איין גלי׳ענדיקער שטאָך האָט כסדר געצאַפּלט אין מיין מוח „מיין ברודער ביי איטשע משומד אין קעלער". דאָ איז געווען שווערער און פינצטערער פון מיין געדאַנק וועגן מיינע געשטאָרבענע ברידערלעך אין קבר אויפן בית־עולם.

אַ שווערער, גראָער פלעק האָט זיך אַוועקגעלייגט אויף מיין גאַנצער וועלט, האָט פאַרטריבן דעם רייץ פון אַלע מיינע זאַכן, פון מיינע מאַך־לערייען, פון מיינע ביכלעך. אומעטום איז אַרויסגעשווומען עפּעס אַן אומריין פאַרזעעניש אין מיין ברודערס געשטאַלט, איך האָב אים דערזען אין אַ טונקעלער וועלט פון פאַרברעכן, איך האָב מער נישט געקאָנט

אַרויסרופן פאַר זיך זיין פּנים, ווי איך וואָלט אים קיין מאָל נישט געקענט. אָבער ווי שטענדיק האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ער איז באַצוווּנגען פון עפּעס אַ פינצטערן און שלעכטן כוח, וואָס האָלט אים, וואָס האָט אים ביי אונדז אַרויסגעריסן. און ווי איך אַליין וואָלט זיך געפונען ביי איטשע משומד אין קעלער, האָב איך זיך געפילט שולדיק קעגן אַלעם שיינעם אין דער וועלט.

מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך האָב נישט מער קיין רעכט צו לייענען די ביכלעך און מיטן גרעסטן ווייטיק האָב איך דערפילט אַז אויך מיין שוועסטערס שיינקייט איז ווי באַפלעקט, ווי איבערגעדעקט מיט אַ גראָבן, גראָען זאַק.

עס האָט זיך אויסגעלאָשן פאַר מיר דער רייץ פון אונדזער שטוב. און עס האָט זיך מיר פאַרגנבעט אַ געדאַנק, אַז מיר זענען אַלע פון דעם קעלער פון „איטשע משומד". די גרענעץ צווישן אונדזער שטוב און דער הפקרער גאַס איז איינגעפאַלן.

עס האָט זיך אויסגעלאָשן פאַר מיר דער רייץ פון אונדזער שטוב מיין זינען אַלץ וואָס איז געשען אין אונדזער שטוב, זינט איך געדענק, אַלע מענטשן וואָס איך האָב אין אונדזער שטוב געזען. צענדליקער גע־דאַנקען, ווי גזלנים, זענען מיך באַפאַלן, און צוגערויבט ביי מיר די זיכער־קייט, אַז איך בין אין אונדזער שטוב, ביי מיין טאַטע־מאַמע. פון וואַנען בין איך געקומען? איך האָב געוואָלט זיך דערמאָנען עפּעס אַ וועלט הינטער מיר, און איך האָב דערזען אַ סך טעג אויף צוריק, און עס האָט אָנגעהויבן ווערן העל. איך האָב אַרויסגערופן פאַר זיך אַלע ליבע, ליכטיקע געשטאַלטן, וועלכע איך האָב געקענט, איך האָב אַרויסגערופן די מומע הדס און דערפילט דעם זיסן ריח פון איר ווייסער הויט, דעם גוטן פעטער יאָסל פון גראָדנע, אַפילו דעם פעטער אָשר. און אַ גרויסער שטאָלץ, וואָס איך האָב קיין מאָל נישט געפילט, האָט מיך אויפגעהויבן אין מיר און מיר צעשפּאַרט דאָס האַרץ. דער שוועסטערס שיינקייט האָט צוריק פאַר מיר אויפגעלויכטן און אַ כוח אין מיר אַריינגעגאָסן. איך בין געווען גרייט זיך צו שלאָגן מיט אַלע שלעכטע שאָטנס, וואָס האָבן געפאַנגען מיין ברודער. איך האָב זיך דערזען אַ שטאַרקן און גערעכטן.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז אַ גרויסע אומרעכט איז געשען אונדזער שטוב, אונדז אַלע, דער מאַמען, דער שוועסטער, דעם קינד און אויך מיין

קליין ווינקעלע, דעם קעסטעלע מיט מיינע מאַלערייען, ווו עס איז געלעגן אַזאַ רייץ צו לעבן.

עפּעס האָט אויפגעזאָטן אין מיר. אַ ספּאַזם האָט אַרומגענומען מיין האַלדז, ווי אַ קנויל האָט זיך אַ שפּאַר געטאָן אין האַרץ. איך בין אַוועק אין אַ ווינקל פונעם טונקעלן אַלקער און איך האָב זיך צעוויינט.

אָבער דאָס איז שוין געווען אַ געוויין פון אַ גרויס גליק, פון דער־לייכטערונג.

איך האָב זיך לאַנג געאַמפּערט מיט די פּאַליעס טרערן, וואָס האָבן זיך אַלץ געשפּאַרט צו די אויגן און אפשר צום ערשטן מאָל, פון די ווייטסטע קינדער־יאָרן אָן, האָט מיך עפּעס אַ פריידיקער כוח ווי צוגעפירט צו מיין שוועסטער. איך בין פּלוצלינג צוגעפאַלן צו איר קלאָרן, איידעלן שטערן, און מיט פייכטע אויגן פון געוויין איר צאַרט אַ קוש געטאָן.

די שוועסטער האָט שטרענג אַ קוק געטאָן אויף מיר. אָבער פּלוצלינג האָט אַ שמייכל אַ שפּיל געטאָן אויף אירע איידעלע ליפּן און זי האָט מיר אַ גלעט געטאָן איבער מיינע האָר.

איך האָב זיך אַרומגעקוקט און צוריק געפונען אונדזער שטוב. איך האָב דערפילט, אַז איך באַדאַרף טאָן עפּעס אַ גרויסע זאַך. איך האָב דערזען די מאַמע, וואָס האָט געקוקט אויף מיר מיט אַ מאָדנעם בליק ווי זי וואָלט עפּעס גערעדט צו מיר, אָבער זי האָט געשוויגן. זי איז געלעגן אויף דער קאַנאַפּע און דאָס קינד איז געזעסן נעבן איר. דער מאַמעס פּנים איז געווען מאָדנע אויסגעשפּיצט, ווי זי וואָלט זיך צו עפּעס צוגעהערט.

איך בין צוגעגאַנגען צו איר און שטיל געזאָגט:

— מאַמע...

זי האָט אַלץ געוואַרט.

— מאַמע... איך...

און ווידער האָט די כוואַליע טרערן זיך אַ הייב געטאָן, דאָס מאָל מיט אַזאַ קראַפט, אַז איך האָב נישט געקאָנט כאַפּן דעם אָטעם. איך האָב געוויינט זיס און שווער:

— מאַמע... איך וועל גיין... אים זוכן... אים זאָגן... וועסט זען...

די מאַמע האָט מיך אַ ברי געטאָן מיט איר הייס פּנים:

— ווו וועסטו גיין... קינד... ס'איז נישט דיין וועג...

איך בין לאַנג געלעגן נעבן דער מאַמעס קלאַפּנדיקן האַרץ, איר אָטעם

האָט מיך געגלעט, און דעם דערשראָקענעם קינדס הייסע הענטעלעך האָבן געבלאָנדזשעט איבער מיין פּנים.

12

עס זענען געגאַנגען שווערע, טונקעלע טעג אין שטוב. דער ברודער איז שוין עטלעכע טעג פאַרשווונדן פון דער היים. גראָד אין די טעג האָט זיך אָנגעהויבן דאָס גרויסע געשלעג צווישן די אַרבעטער מיט דער אונ־טערוועלט, און אין אונדזער גאַס, און אין די אונטערגעסלעך אַרום ווו עס האָט געוווינט דאָס פּעבל, האָט זיך אויפגעהויבן אַ בהלה.

דאָס געשלעג האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַן אמתער מלחמה מיט שיסערייען און מעסערשטעך. פון ביידע זייטן זענען געווען געהרגעטע און פאַרוווּנדעטע און צום ערשטן מאָל פאַר אַלע אַלטע וואַרשעווער יאָרן האָט די הערשאַפט פון דער אונטערוועלט אין די געסלעך זיך אַ וואַקל געטאָן.

עס איז אַנטשטאַנען אַ נייער כּוח, וואָס איז אַרויסגעטרעטן פון די זעלבע יידישע גאַסן, אַ כּוח, וואָס איז געווען אומבאַקאַנט. דאָס זענען געווען די אַרבעטער און די ערלעכע אָרעמקייט, וואָס האָט זיך אין יענע טעג צונויפגערעדט.

פון די ווייטסטע, פאַרטונקלטע צייטן אין דעם אַלטן וואַרשע, האָבן אין די אונטערגעסלעך און פּעריפעריעס געהערשט און באַצוווּנגען די יידישע אָרעמקייט, די דינאַסטיעס פאַרברעכער „ווילע יונגען“, „שטאַרקע“, גנבים און „פּרויען־הענדלער“.

דאָס יידישע וואַרשע איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ רייף פון באַ־רימטע שלעגער און פאַרברעכער, קעגן וועלכע עס איז נישט געווען קיין שום שוץ.

אין יעדער פון די געדיכט־באַוווינטע פּעריפעריעס האָט געוווינט אַ „קייזער“, וואָס איז געווען געזאַלבט פון דער אונטערוועלט, צוליב זיין כּוח אָדער צוליב זיין באַרימטן שטאַם. אזעלכער האָט געהאַט אַרום זיך אַן אייגענע „גוואַרדיע“, וואָס האָט געהייסן אַ „קאַלייקע“. דער קייזער האָט געהערשט און געמישפּט און די „קאַלייקע“ האָט אויסגעפירט זיינע באַפעלן.

אַחוץ דעם, וואָס די קיסרים האָבן געפירט מלחמות צווישן זיך און זיך אָפּגערעכנט מיט מעסערס, האָבן זיי אָבער זיך געהאַלטן געאייניקט

קעגן די אַרבעטער און ערלעכע מענטשן, וועלכע האָבן נישט געהאַט מיט וואָס זיך צו שיצן קעגן זיי.

*

פון די פריסטע קינדער־יאָרן האָב איך געהערט די נעמען פון די באַרימטע „קיסרים", וועגן די „שטאַרקע", וועגן וועלכע מען האָט דער־ציילט פאַנטאַסטישע מעשיות, געזונגען לידער וועגן זייער העלדישקייט.

די נעמען פון די זיבן ברידער „פאַמפערס", וואָס האָבן פאַריאָגט די „קאַצאַפּעס", וועלכע מען האָט געבראַנגט פון „ראַסיי" צו מאַכן אַ פּאָג־ראָם אויף יידן, „שימעלע בלאַכאַזש", „שמעון לעצקי", פאַר וועלכן עס האָט געציטערט די גאַנצע „וואָלווקע", „גאָלדע קנאַק" און „איטשע משומד" זענען געווען די געזאַלבטע פון אונדזערע גאַסן. און כאָטש איך האָב נאָך קיין מאָל קיינעם פון זיי נישט געזען, האָב איך ווי אַלע איינוווינער פון דער געגנט, געטראָגן דעם עול פון זייער הערשאַפט.

איך האָב אַפילו אויף קלאָר נישט פאַרשטאַנען אין וואָס עס באַשטייט זייער פאַרברעכן.

איך האָב געוווסט, אַז אויפן ראָג פון אונדזער גאַס, אין דער „באַוואַריע" זיצן זיי און טרינקען, און נישט איין מאָל, אין שבתדיקע טעג, האָבן זיך אָנגעטראָגן געשלעגן מיט די שטאַרקע פון פראַגע אָדער פונעם „מקום". אין אַזעלכע טעג האָט מען געקאָנט זען אַ בהלהדיק לויפעריי און אַ פייפן פון פּאָליצייישע פייפלעך.

דערנאָך האָט מען געהערט ווּעמען מען האָט געהרגעט אָדער גע־שטאָכן מיט אַ מעסער.

אַנדערש זענען אָבער געווען די לידער און די מעשיות וועגן זייער גבורה. ווי וועגן יעדן קייזער, האָט מען נישט געזונגען וועגן זייער פאַר־ברעכן, נאָר וועגן זייערע העלדנטאַטן און זייער ריטערלעכקייט. אַזוי האָט מען אויך דערציילט, אַז „איטשע משומד" אָדער „אברהמעלע ריז" האָט געשאָנקען אַ ספר־תורה, אָדער זיך איינגעשטעלט פאַר אַ „פשע־קופקע" אויף דער גאַס און צעהרגעט דעם „גאָראָדאָוואָי", וואָס האָט זי געשלעפט אין דער פּאָליציי.

איצט איז ביי אונדז אין שטוב קלאָר געוואָרן, אַז צוליבן געשלעג איז דער ברודער פאַרשוווּנדן געוואָרן פון דער היים און מיר האָבן אַלע דערפילט אַ ברענענדיקע שאַנדע, וואָס איז געווען שטאַרקער פון דער

שרעק און פון דעם ווייטיק פאַר דעם פאַרלוירענעם ברודער. די מאַמע האָט געפּרוווט פּועלן ביי זיך נישט צו גיין אים זוכן, זי האָט געשריגן, אַז זי האָט נישט קיין זון, אַז זי וויל מער פון אים נישט הערן, אַז זי וויל זיצן נאָך אים שבעה, אַז זי האָט אים „אויסגעמעקט פונעם האַרץ".

אָבער אירע ליפּן האָבן געציטערט, און זי האָט פאַרבראָכן די הענט, זי איז ווי משוגע געלאָפן צום טויער און צוריק. יעדעס מאָל ווען עס האָט זיך אָנגעטראָגן אַ ווייסט געלויף און געשרייען פון אַ געשלעג.

די אַרבעטער האָבן זיך אַריינגעריסן אין די פּאַרדעכטיקע הייפלעך, זיי האָבן צעבראָכן די טירן און די פענצטער ביי די באַרימטע „שטאַרקע", געשלאָגן און געהרגעט מיט די כלים פון זייער אַרבעט, מיט האַמערס, צוואַנגען און שערן. יעדעס מאָל האָט מען געטראָגן וועמען מיט אַ צע־לעכערטן קאָפּ. די פּאָליציי האָט געפייפט און געליאַרעמט, זיך באַמיט צו שיצן די אונטערוועלט קעגן די אַרבעטער, אָבער עס האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, אַז די „שטאַרקע" האָבן פאַרשפּילט.

מען האָט דערציילט, אַז אין די אַנדערע טיילן שטאָט, אין די געסלעך פון אַלטשטאָט און אויפן „מקום" אין די שאַנדהייזער, האָבן די אַר־בעטער, יידישע מיט פּוילישע צוזאַמען, געמאַכט אַ פּאָגראָם, געוואָרפן דורך די פענצטער זייער פאַרמעגן, דאָס מעבל און דאָס בעטגעוואַנט, צע־יאָגט און צעטריבן די אַלפאָנסן, באַפרייט די פאַרשראָקענע און באַ־צוווּנגענע פרויען.

די אונטערוועלט האָט גענומען זיך אַרויסרוקן פון שטאָט. אויך אויף אונדזער גאַס האָט מען געקאָנט זען, ווי די באַרימטע פורמאַנעס און שטאַרקע באַהאַלטן זיך מיט זייערע ווייבער און קינדער, אָדער אַנט־לויפן פון דער געגנט.

✶

עס איז שוין געווען פאַר נאַכט, דער דריטער טאָג נאָכן ברודערס פאַרשווינדן. די מאַמע איז געלעגן אויפן בעט, זי איז געווען געל, מיט אויסגעבברענטע אויגן. אירע ליפּן זענען געווען פאַרפּרעסט ווי זי וואָלט זיך געשלאָגן מיט אַ גרויסן ווייטיק. אין שטוב האָט מען נישט געגעסן, נישט געטרונקען. די מאַמע האָט געבראָכן די הענט און שטיל, ווי אומ־זיניק צו זיך אַליין גערעדט:

— גאָט, ווו גייט מען? וואָס טוט מען?

אין דרויסן איז געווען אַ נאַסע קעלט. עס האָט גערעגנט. די גאַס האָט גערוישט. דאָס גאַנצע פעבל איז אַרויס פאַר די טויערן. די פּאָליציי איז געלאָפן הין און צוריק, פון צייט צו צייט האָט זיך אין דער גאַס אַריינ־געלאָזן אַ פּאַטרול פון זעלנער, זיי זענען געגאַנגען מיט געציילטע טריט און זייערע שווערע שטיוול האָבן געקלימפּערט. זייערע שווערע טעמפּע פּנימער מיט די רויע בלויע אויגן האָבן געקוקט פרעמד אויף דער לויפּנ־דיקער גאַס. די ביקסן אויף זייערע אַקסלען האָבן געגלאַנצט מיט די שפּיזן. ווען זיי זענען געגאַנגען האָבן זיך די טויערן פאַרמאַכט און די גאַס איז געבליבן ליידיק. אַ גאַראַדאָוואָי מיט ברייטע בלויע הויזן האָט זיי גע־פירט, ער האָט אונטערגעהאַלטן די שווערד, וואָס האָט אים געשטערט צו זיין ברייטן שפּאַן.

באַלד איז ווידער פול געוואָרן די גאַס. די אַרבעטער זענען געגאַנגען מיט זייערע שטעקעלעך, זיך געזאַמלט ביי די טויערן און פון ערגעץ זענען כסדר געקומען נייעסן, וואָס האָבן אַרויסגערופן אַ רעש.

איך בין געלאָפן אין דער גראָער נעץ און זיך געלאָזן אַראָפּ צו די שמאָלע געסלעך, צו די „אַקאָפּעס". עס איז געווען נאַס און קאַלט, אָבער מיר איז געווען הייס. דאָס בלוט האָט גערוישט אין מיר ווי כ'וואָלט געווען שיכור. איך האָב זיך אַראָפּגעלאָזן מיטן געסל, וואָס איז געוואָרן וואָס אַ מאָל שמעלער און שיטערער פון הייזער מיט שטיקער צעריסענע פּלויטן. נישט ווייט האָט זיך אין דעם גראָען אומעט געזען דער בית־עולם.

איך בין געלאָפן צו דעם אַלטן „גניבהשן הויף", אָבער ער איז גע־ווען פאַרמאַכט און פאַרקלאַפּט, דער טויער איז געווען פאַרשלאָגן מיט ברעטער נאָך דעם גרויסן געשלעג, וואָס איז דאָרט פאָרגעקומען. פון פענצטער אויפן ערשטן שטאָק האָט אַראָפּגעשריגן אַ פּאַפּוגע, דער געלער פויגל מיטן גרינעם קאָפּ האָט מיט אַ רייסיקן גאַרגל כסדר געשריגן: „פּאָליציאַ".

אויף דער גאַס זענען געשטאַנען די קריסטן פונעם קעגנאיבערדיקן הויף, ווו ס'איז געווען אַ צלם מיט אַ הייליקער מוטער, די גוייִשע וועשינס זענען אַרויסגעקומען מיט נאַקעטע רויטע הענט. זיי האָבן דערציילט, אַז די פּאַפּוגע איז געבליבן אַליין, נאָך זייערע באַלעבאַטים, וואָס זענען אַנט־לאָפן. די באַלעבאַטים האָבן די פּאַפּוגע געברענגט פון בוענאָס־איירעס, וווּהין זיי האָבן געפירט „לעבעדיקע סחורה". די פּאַפּוגע האָט געשריגן „פּאָליציאַ" און די גוייִם האָבן געלאַכט.

די שקצים האָבן דערציילט ווי נעכטן האָבן די „זשידקעס", „סאָציאַ־ליסטן" געשלאָגן די גנבים, ווי „גאָלדע־קנאַק", די שוועסטער, די באַרימטע גנבטע „זלאָטאַ ראַנטשקאַ" זענען אַרויס מיט מעסערס, ווי גאָלדע קנאַק האָט געשריגן, אַז זי איז געבוירן געוואָרן אין פּאַוויאַק און זי וועט שטאַרבן אין פּאַוויאַק, אַזוי ווי איר מאַמע, און זי וועט נישט ווערן קיין „סאָציאַליסטקע".

איך בין געלאָפן אַרום אַ געסל, ווו דאָס פּעבל האָט אַרויסגעקוקט דורך די פענצטער, פון די „פּאַציאַטקעס", פון די בוידעם־שטיבלעך און „סוטערינעס", צעפּאַטלטע מיידן און ווייבער האָבן געטראָגן פּעק בעט־געוואַנט, עס האָט אויסגעזען ווי עס וואָלט געברענט. איינע פון די ווייבער האָט געקוקט אויף מיר מיט פייערדיקע אויגן, זי האָט געשריגן צו די אַנדערע:

— דאָס יינגל פרעגט ווו עס איז „איטשע משומד"...

— ווער איז ער?

אַ מויד מיט ווינקנדיקע אויגן און גלאַנציקע פייכטע האָר, מיט אַ נאָסן, געדרייטן לאָק אויפן שטערן, האָט מיך אַ כאַפּ געטאָן:

— זאָג נאָר, יינגל, פון וואַנען ביסטו? פון אונדזערע? וואָס דאַרפסטו איטשע משומד?

— מ'האָט דיך אונטערגעשיקט...

זייערע אויגן האָבן מיך געבריט און זייערע הענט האָבן מיך אַרום־געפלאָכטן. מיר איז געוואָרן ענג.

— איך זוך דאָרט מיין ברודער...

איך האָב געפילט ווי אַ פלאָם איז אַרויסגעטרעטן אויף מיין פּנים און עפּעס אַ שטעכיקער אומרו ווי אַ דינער אָנגעגליטער דראָט וואָלט מיך אַרומגעוויקלט. איך האָב נישט מורא געהאַט, איך האָב זיך גיכער געשעמט.

דער נאָמען איטשע משומד האָט דאָ געמאַכט אַ גערודער, פון אַלע זייטן האָט מען זיך געזאַמלט אַרום מיר. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז איך האָב געטראָפן אינעם הייפל ווו עס איז דער קעלער.

— איטשע משומד איז נישטאָ... קיינער איז נישטאָ... — האָט די יידענע מיר אַריינגעבליצט אין די אויגן.

אַרום זענען געשטאַנען יינגלעך און מיידלעך. דאָס זענען געווען גנבים, פון זיי איז אַלץ געגאַנגען די אָנגעגליטקייט, וואָס האָט ווי אַריינגעדרונגען אין מיר. איינער פון די יינגלעך, אַ ווייסער מיט אַ שפּי־

ציקן קאָפּ האָט מיך אַ שטופּ געטאָן. מיך האָט אַ ברי געטאָן אַ מאָדנער כּעס. איך בין געווען גרייט זיך צו שלאָגן מיט אַלע. די ייִדענע האָט געשריגן:

— לאָזן אָפּ... — און מיך אַרויסגעפּירט פון ראָד.

באַלד איז געוואָרן אַ געלויף. דאָס גאַנצע פּעבל איז אַריין אין הייפל, און פון אַלע זייטן איז געוואָרן אַ געשריי:

— די „פּאַלוסעס" גייען... ציטס אָפּ... די פּאַלוסעס...

איך האָב געוווּסט, אַז די „פּאַלוסעס" דאָס זענען דריי ברידער, וואָס מען האָט געקענט אין דער גאַנצער געגנט. מען האָט אויף זיי געזאָגט, אַז זיי זענען אַנאַרכיסטן, אַז זיי „אַנערקענען טעראָר" און שטעלן זיך קעגן דער פּאָליציי. זיי האָבן געוווינט אין אונדזער גאַס, ווו זיי האָבן געהאַט אַ קליינע בלייכע מאַמע, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ קינד. די מאַמע פלעגט וויינען אויף דער גאַס, אַז אירע קינדער זענען אָרנטלעכע קינדער און ווילן, „אַז אַלע אָרעמע זאָל זיין גוט".

נישט איין מאָל פאַר די לעצטע יאָר האָט מען געהערט דורך די נעכט אין געסל. דאָס קלינגען פון שפּאָרן. דאָס זענען די זשאַנדאַרן גע־קומען זוכן די פּאַלוסעס.

מען האָט געוווּסט, אַז איינער פון די ברידער האָט געשאָסן צום שלעכטן, ר'וסישן „רעוויראָווע" פון דער צווייטער גאַס. און אויפן צווייטן פּאַלוס, האָט מען דערציילט, אַז ער איז אַנטלאָפן פון „ציטאַדעל", ווו מען האָט אים געזאָלט הענגען.

דערהערנדיק, אַז די פּאַלוסעס גייען, האָט זיך דאָס פּעבל אַריינגעלאָזט אין די הייפלעך מיט אַ ווילד הודזשעריי. דאָס געסל איז געוואָרן ליידיק. אַפילו גויים האָבן זיך געשטעלט ביי די טויערן און געוואַרט.

איך בין אין אַ מאָדנער אויפגעבראָזקייט פאַרבליבן אין דעם געסל און פּלוצלינג האָט מיר אַ בליץ געטאָן אַ געדאַנק.

*

די דריי ברידער פּאַלוסעס זענען אָנגעקומען פון דער אויפגערודערטער גאַס. זיי זענען געגאַנגען אָפּגערוקט איינער פונעם אַנדערן מיט אייליקע טריט. אַלע זענען זיי געווען אָנגעטאָן אין קורצע פעלצלעך און הויכע שטיוול, ווי עס איז לעצטנס געווען אָנגעטאָן מיין ברודער. די פּאַלוסעס האָבן געהאַט געלע, דאַרע פּנימער און שוואַרצע, געדרייטע האָר ווי די

כינעזער און אין זייער גאַנג האָט זיך געפילט אַן אַנגעלאָדנקייט און גרייט־קייט צו געשלעג. פון די פאַרדעכטיקע הייפלעך אַרום האָט זיך געטראָגן דאָס פאַרשטיקטע גערודער און דאָס שטילע גרייטן זיך. עס האָבן זיך פאַרמאַכט און פאַרהעמערט די נידעריקע, שוואַרצלעכע טויערלעך, און איינציקע זעגען די יונגען און מיידן געלאָפן אין די באַהעלטענישן, גע־בליצט מיט די אויגן, זיך איבערגעשריגן אין בהלה. אַ מויד האָט אַרומ־געהאַלטן דעם חתן, אים נישט געלאָזט גיין אַנטקעגן די אַנקומענדיקע פאַלוסעס. דער יונג האָט זיך געאַמפּערט מיט דער מויד און זי האָט אים אָפּגעריסן דעם אַרבל פונעם העמד. אויף די דעכער פון די נידעריקע הייזער, וואָס האָבן אין דער פייכטער גראָקייט אויסגעזען ווי אָפּגעריסענע בעטלער, האָט מען געזען ווימלען מענטשן, וואָס האָבן זיך צו עפּעס גע־גרייט, זיך איבערגעשריגן איבער די שוואַרצלעכע דעכער.

אַרום מיר איז געוואָרן ליידיק און הפקר. איך האָב געזען ווי די דריי ברידער פאַלוס האָבן זיך אָפּגעשטעלט נעבן אַ פאַרהאַמערטן טויער פון אַ הויז. איינער פון זיי איז אַריבערגעגאַנגען דעם וועג און אַרויפגעקוקט אין די שטומע, ליידיקע פענצטער פון דעם הויז. פון דעם צווייטן ברעג געסל האָט זיך מיט רעש אַריינגעטראָגן אַ דראָזשקע מיט אַן אויפגעהויי־בענער בויד. די דראָזשקע האָט זיך געטראָגן און געהויבן מיט אַן איילי־קער טראַסקעריי איבער די שפּיציקע שטיינער. די פאַלוסעס האָבן זיך צעשיט אין דריי פונקטן און געגרייט צו באַגעגענען די דראָזשקע.

דער געדאַנק צוצוגיין צו די פאַלוסעס האָט אַלץ געצאַפּלט אין מיין מוח. איך האָב געוואָלט ביי זיי בעטן העלפן מיר געפונען מיין ברודער, כאָטש זיי זענען איצט געשטאַנען אַנגעבויגענע אונטער דער וואַנט, בייזע און דראָענדיקע, גרייטע צום געשלעג. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז צוזאַמען מיט זיי וועל איך אַרויסרייסן מיין ברודער פון ערגעץ דאָ, פון די פאַר־מאַכטע הייפלעך. איך האָב נישט געפילט קיין געפאַר, מיר האָט זיך גע־דאַכט, אַז איך בין פול מיט כוח זיך צו שלאָגן פאַר דעם, אַז מיין ברודער זאָל זיין אויף דער זייט, צווישן די ערלעכע מענטשן. קיין מאָל האָב איך אַזוי קלאָר נישט געזען די גרענעץ, וואָס טיילט אָפּ אונדז, אונדזער שטוב און אַלע מענטשן, וואָס רינגלען אונדז אַרום פון דער פאַרהוילענער וועלט פון פאַרברעכן.

די דראָזשקע האָט זיך אָנגעטראָגן. פון ערגעץ אַ דאַך האָט אַ פייף געטאָן אַ ציגל צווישן מיר און איינעם פון די פאַלוסעס. דער ציגל האָט

אַ זעץ געטאָן אין די שטיינער און זיך צעשפּרונגען מיט אַ רויטן שטויב, דאָס פערד פון דער צעשפּרינגענער דראָזשקע האָט ווילד אַ הייב געטאָן דעם קאָפּ, מיט אַ צעפּלאָשעטער גזשיווע זיך אַ טראָג געטאָן וואַרפנדיק ווילד מיט די פיס און פונקען האָבן אַ שפּריץ געטאָן פון אונטער די פּאַדקאָוועס.

איך בין צוגעלאָפן צו איינעם פון די פּאָלוסעס און ער האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן מיט זיינע קרומע, כינעזישע אויגן. אַ האָגל פון שטיינער האָט זיך אַ טראָג געטאָן.

— שטיי... — האָט ער אַ געשריי געטאָן, און דאָס פערד מיט דער דראָזשקע איז אַרויף אויפן טראָטואַר, עס האָבן זיך אַ בראָך געטאָן די האַלאַבליעס און עס האָט אַ בראַזג געטאָן דאָס גלאָז פון די לאַמטערן.

איצט האָבן אַלע דריי ברידער פּאָלוס אַרומגערינגלט די דראָזשקע, איינער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן און געכאַפּט דאָס פערד פאַר דער צוים. אין זיין האַנט האָט אַ בליץ געטאָן אַ בלאַנקענדיקער רעוואָלווער.

איך האָב נישט געפילט קיין שרעק, נאָר עפּעס אַ משונהדיק לויף אין האַרץ, ווי כ׳וואָלט באַלד באַדאַרפט געפינען עפּעס וואָס איך האָב לאַנג געזוכט. איך האָב געפילט, אַז באַלד וועלן זיך פאַר מיר אַנטפּלעקן די אַלע טונקעלע וועגן, ווו מיין ברודער פאַרשווינדט, עס וועט ווערן ליכטיק און קלאָר און איך וועל ברענגען דער מאַמען אַ גרויס גליק, וואָס קיינער האָט עס איר נישט געקאָנט געבן.

איך בין געשטאַנען ווי פאַרכישופט.

איך האָב געהערט ווילסטע געשרייען. איך האָב געזען ווי פון דער דראָזשקע האָבן זיך אַרויסגעראָבן מענטשן. דאָס זענען געווען אַרבעטער, מען האָט דאָס גלייך דערקענט אין זייער אויסזען, זיי האָבן געטראָגן שטעקענעס און אייזערנע כלים, זיי האָבן זיך באַגריסט מיט די פּאָלוסעס. איינער האָט געהאַלטן אַ טיכל נעבן קאָפּ. דאָס טיכל איז געווען פייכט און רויט פון בלוט. אַ צווייטער האָט אים געפירט אונטער דער האַנט.

מיר האָט זיך ווי אויסגעוויזן, אַז צווישן דעם רעדל מענטשן, וואָס זענען אַרויס פון דער דראָזשקע איז אויך דאָ מיין ברודער. אָבער דאָס זענען געווען בלויז דערוואַקסענע, און ערשט איצט איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז מיין ברודער איז אַ יינגל, עלטער אפשר מיט צוויי יאָר פאַר מיר, און מיר איז צוליב עפּעס אומעטיק געוואָרן דערפון.

איך בין צוגעגאַנגען נאָענט צו די מענטשן, ווידער האָט פון ערגעץ

אַ פייף געטאָן אַ שטיין, איינער, מיט אַ שווערן שטעקן אין דער האַנט האָט מיך דערזען:

— יינגל, וואָס דאַרפסטו דאָ? גיי אַהיים...

— איך זוך... — האָב איך געענטפערט — איך זוך מיין ברודער...

— דיין ברודער... אַן אַרבעטער... צי פון זיי...

— אַן אַרבעטער... — האָב איך הויך און שטאַלץ אויסגעשריגן.

און איך האָב פּלוצלינג דערזען מיין ברודער. מיר האָט אַ מיש געטאָן פאַר די אויגן, ער איז אַנגעלאָפן פון אַ זייטיק געסל, ער איז געווען אָן אַ היטל, מיט אַן אָפענעם צעכראַסטעטן האַלדז. ער איז געלאָפן אַהער צו די פאַלוסעס. איך האָב געזען ווי פון דער ווייטן איז ווער אַרויס פון אַ הויפל און פאַרשטעלט דעם וועג. מיין ברודער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף יענעם און ביידע האָבן זיך פאַרפלאָכטן אין אַ געשלעג. מיר האָט געדרייט פאַר די אויגן, איך האָב נישט געקאָנט זען דעם ברודער, און איך האָב זיך געלאָזט לויפן צו אים, אָבער באַלד האָט זיך דאָס בילד געענדערט. איך האָב ווידער דערזען מיין ברודער, וואָס האָט זיך ווי אָפּגעריסן פון יענעם, און יענער איז געבליבן ליגן אויף דער ערד. די פּאָליציי און די איבעריקע זענען צוגעלאָפן צו מיין ברודער, זיי האָבן אים אַרומגע־רינגלט. איך האָב פאַרמאַכט די אויגן. עמעצער האָט מיך אַ שטופּ געטאָן, איך בין שיער געפאַלן, מען איז געלאָפן פון אַלע זייטן, מען האָט גע־שריגן. איך האָב גאָרנישט געזען, איך האָב געהערט ווי עמעצער האָט גערעדט הויך און באַפעלעריש. יאָ, דאָס האָט גערעדט איינער פון די ברידער פּאָלוס. ער איז געשטאַנען אויף דער צעבראָכענער דראָזשקע. ער האָט אָנגעוויזן מיט דער האַנט און געשריגן: „חברים״! איך האָב מורא געהאַט צו קוקן, און ווי נישט מיט די אויגן, נאָר מיטן האַרץ, האָב איך דערזען מיין ברודער, וואָס איז געשטאַנען נעבן אים.

*

איך האָב געוואָלט לויפן, לויפן צו דער מאַמען איר זאָגן, דערציילן, אַנצינדן אין איר דעם שטאָלץ, וואָס האָט איצט צעשפּאַרט מיין האַרץ. איך האָב איצט צוריקגעקריגן אַ ברודער, אַ שטאַרקן און דרייסטן, און זיינע וועגן זענען איצט פאַר מיר געוואָרן אָפן און ליכטיק. איך האָב מורא געהאַט צוצוגיין צו אים. איך האָב נישט געוווסט וואָס אים צו זאָגן. מיר

האָט זיך געדאַכט, אַז ער וועט נישט פאַרשטיין וואָס עס קומט איצט פאַר צווישן אונדז. עס האָט ווי צום ערשטן מאָל ווי געשריגן אין מיר:

— מיין ברודער... מיין ברודער...

און מיר איז וואַרעם געוואָרן פון דעם קלאַנג. איך האָב פאַרגעסן אין אַלע געפאַרן פון אַרום, גלייך איך וואָלט געזען פאַר זיך אַ פרידלעכע און פריילעכע שפּיל.

נאָר אָט האָט מען דערהערט אַ קרעכצנדיקן קראַך פון אַ טויער, און אַלע זענען מיט אַ מעכטיק געשריי פאַרשוווּנדן אין איינעם פון די הייפלעך. עס האָט זיך אַ טראַג געטאָן אַ קלאַפּעריי פון אַ וויסט געלויף און אַ בזשענק פון געפּלאַצטע שויבן. עס האָט זיך אויפגעהויבן אַ שפּיציק געשריי פון פרויען. פון די פענצטער האָבן אָנגעהויבן פליען טישן און בענק, טעפּ און שטיקער מעבל און שטיינער.

איך בין אַריין אין הויף.

פון אַ זייטיק הויז האָט זיך אַרויסגעקנאָדערט אַ קנויפּ מענטשן, האָבן זיך געטאַרזשעט מיט פאַרפלאָכטענע הענט, געהויבן זיך און געפאַלן. פון מאָל צו מאָל זיך אַרויסגעריסן מיט וואַרפנדיקע הענט און פיס, זיך אָפּגעשלאָגן און צוריק אַריינגעפלאָכטן געוואָרן אין דעם קנויל.

אין אַ צווייטן ווינקל הויף האָבן צוויי מענטשן געשלעפּט איינער דעם אַנדערן, געפאַלן, געקראָכן אין דער בלאָטיקער נעץ. עפּעס אַ פרוי מיט אַ רויט פּנים און אַרויסגעגוזעצטע מיט בלוט־פאַרלאָפענע אויגן, האָט עמעצן געשלעפּט פאַר די האָר, איר בלוזקע איז געווען אויפגעריסן אויף דער פּלייצע און איר נאַקעט לייב האָט אויסגעזען ווי אַ פריש געמאָלטע וואַנט. מענטשן האָבן זיך אַריינגעשלאָגן אין די שוואַרצלעכע קאָרידאָרן אויף די גליטשיקע טרעפּ און געשלעפּט פון דאָרט עמעצן. אַ קינד איז געלעגן אין מיטן הויף אויף אַ קישן, דאָס קינד איז געווען האַלב נאַקעט, בלוי פון קעלט. עס האָט געצאַפּלט מיט די נאַקעטע רויטע פיסלעך און אַ יידענע האָט געשריגן:

— מ'האָט מאַ געהרגעט דאָס קינד...

איך האָב געזוכט מיין ברודער, איך האָב געזוכט די פאַלוסעס, אָבער זיי זענען דאָ נישט געווען. אַן אומהיימלעך געפיל פון פאַרלאָזנקייט האָט מיך אַרומגענומען. אָבער מיט אַ מאָל איז פון אַ טיפן ווינקל הויף אָנגעקומען אַ גרופּע איילנדיקע מענטשן, דאָס זענען געווען די פאַלוסעס. מיין ברודער איז געווען נעבן זיי.

זיי זענען געגאַנגען גיך, זיך אומגעקוקט, זיך אָפּגעשטעלט ווי זיי וואָלטן אויף עפּעס געוואַרט. מיין ברודער האָט מיך נישט געזען, איך בין צוגעלאָפן צו אים, ער האָט אַ צאַפּל געטאָן:

— גיי אַהיים — האָט ער שטרענג געזאָגט — גיי, איך וועל באַלד קומען... ווו איז די מאַמע?

איך בין געבליבן שטום.

איך האָב אים נאָך קיין מאָל נישט געהערט אַזוי הויך און פריי רעדן, ווי איך וואָלט צום ערשטן מאָל געהערט זיין שטים. איך האָב נאָך קיין מאָל נישט געזען ביי אים אַזאַ אויפגעהויבענעם אָפענעם בליק.

איין אויער איז ביי אים געווען געשפּאָלטן מיט אַ דין, רויט שנירעלע, בלוט:

— וואָס איז דיר? — האָב איך צאַרט געפרעגט.

— גאָרנישט... — האָט ער געזאָגט און קרום אַ שמייכל געטאָן.

איך האָב צונויפגענומען מיין גאַנצן אָטעם, וואָס האָט מיר געפעלט צוליב שטאַרקן קלאַפּן פון האַרץ, און האָב שטיל געפרעגט:

— מיט וועמען... מיט וועמען שלאָגסטו זיך?

— מיט זיי... — האָט ער גלייך געענטפערט — מיט זיי, וואָס האָבן מיך געהאַלטן, נישט געלאָזט זיך לערנען, אַרבעטן, אַראָפּגעפירט פונעם וועג... מיך געוואָלט מאַכן פאַר...

ער האָט נישט דערענדיקט.

פון אַ טונקעלן הויז האָט זיך אַרויסגעלאָזן אַ ריזיקער מענטש, מיט אַ לאַנג רויט פּנים און אַ האַרטער, שוואַרצער, גלאַנציקער באָרד. ער איז געווען אָפּגעריסן און עס האָט זיך אַרויסגעזען זיין רויט האַרט לייב. ער האָט געהאַלטן אין זיינע ריזיקע הענט אַ קלאָניצע פון אַ וואָגן, נאָך וועלכער עס האָט זיך נאָכגעשלעפּט און געקלימפּערט אַן אייזערנע קייט. ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן, זיך פאַרטשעפּעט אין אַ שטיין, געפאַלן און זיך צוריק אויפגעהויבן. ער איז געוואַקסן אין אַ שרעקלעכער גרויס. זיינע לאַנגע פיס האָבן געשפּאַנט ווי ער וואָלט געווען געטראָגן פון אַ ווינט. ער האָט אויפגעהויבן די קלאָניצע און מיט אַ ראַציק געשריי זיך אָנגעטראָגן אין זיין ריזיקער גרויס. דער גאַנצער הויף האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום טויער. מען איז געלאָפן און פון אַלע זייטן געשריגן:

— איטשע משומד... איטשע משומד...

שוין דאָ ביים טויער, נאָך דעם לאַנגן אַרומגיין מיט ריזיקע שפּאַן

ווי אַן אור־מענטש מיט דער קלאַניצע אין די הענט, האָט זיך פאַרקניפּט דאָס געשלעג. איך האָב פון דער ווייטן געזען ווי איטשע משומד שטייט און פאָכעט אַרום זיך מיט דעם קלאָץ און אייזערנער קייט, ווי ער ווערט אַלץ געדיכטער אַרומגערינגלט, ווי פּלוצלינג האָט עפּעס איינער, אַ קליינער, ווי אַ באַלעם אַ שפּרונג געטאָן אויף דעם ריז, זיך איינגעקנעטן אין אים, געקראָכן אויף אים ווי אויף אַ סלופּ. דער קליינער איז געזעסן ביי אים כמעט אויפן קאָפּ און געשאָקלט מיט אים ווי מיט אַ בוים. איך האָב אין די שוואַרצע האָר, אין דער פּלייצע, אין דעם קליינעם וווקס, באַלד דער־קענט מיין ברודער. אָט האָט דער ריז זיך אַ דריי געטאָן און אים אַראָפּ־געוואָרפן פון זיך ווי אַ פליג. אָבער ער האָט זיך דערביי אַ וואַקל געטאָן און איז געפאַלן. דעמאָלט האָבן זיך אויף איטשע משומד אַ וואָרף געטאָן צענדליקער פון אַרום. עס איז געוואָרן געדיכט און שוואַרץ, מען האָט אים מער נישט אַרויסגעזען, מען האָט נאָר געזען, ווי מען שלעפּט זיינע הענט און זיינע פיס, וואָס האָבן ווי אַ מיל געדרייט מיט דעם ראָד מענטשן, טייל זענען ווייט אָפּגעפאַלן פון אים. ווי אַרויסגעשאָסענע זענען זיי געפאַלן, זיך אויפגעהויבן הינקענדיקע.

דאָס געשלעג האָט זיך דערנענטערט צום טויער. איטשע משומד איז שוין איצט געלעגן אין זיין ריזיקער לענג אויף די פּייכטע, בלאָטיקע שטיינער, און זיין באָרד איז געווען פאַרריסן אַרויף און פאַרגאָסן מיט בלוט אַזוי ווי זיין פּנים.

דאָ האָט זיך פון דער גאַס אָנגעטראָגן אַ ניי געשלעג.

אַן איילנדיקער פּאַק מענטשן האָט זיך געשוואָרצט פון דער זייט גאַס, וווּ עס האָט זיך געזען דער בית־עולם. דער פּאַק מענטשן האָט זיך כסדר געמערט און איז געוואַקסן און זיך דערנענטערט מיט אַ צעוויגט געשריי. מען איז געלאָפן פון אַלע זייטן, און אין מיטן דער גאַס האָט מען ווי אַ וואַנט געקאָנט זען, אין דער גאַנצער ברייט, די אָנגעפּעלצטע, ברייטע פּלייצעס, און די רויטע, ווי שטיינערנע פּנימער מיט די שטיקער בערד, די זיבן ברידער „פּאַמפּערס". זיי זענען געגאַנגען מיט אַ זעלנערישן טריט. אַרום איז געלאָפן אַ ראַד פּעבל, און געשריגן: „די פּאַמפּערס גייען".

אַ פּלאָנטער פון צעפּאַטלטע ווייבער און קינדער זענען זיי אַנטקעגנ־געלאָפן מיט אַ וויסט געשריי, אַז מען האָט דערהרגעט איטשע משומד. עס האָבן זיך דערהערט שניידנדיקע פייפן און פון ערגעץ האָט זיך אָנגע טראָגן אַ נייע מחנה. זיי זענען אָנגעקומען פון דער „סמאָטשע"־גאַס.

אויך די זענען געגאַנגען אין געשלאָסענע רייען. מען האָט באַלד דער־קענט, אַז דאָס זענען אַרבעטער, די באַרימטע „געגריוועטע שוסטערס״.

זיי זענען געגאַנגען אָן מאַנטלען מיט די בלויע פאַרטעכער, פון דער אַרבעט. פון זייערע קעשענעס האָבן אַרויסגעקוקט די אייזערנע קאָפּעטעס. האַמערס און פיילן. באַלד האָבן זיי זיך צוזאַמענגעגאָסן מיט די פּאַלוסעס.

ווידער האָט איינער פון די ברידער פּאַלוס זיך באַוויזן אויף אַ פּלויט און הייזעריק עפּעס אויסגעשריגן. די גאַנצע מחנה האָט זיך אַ לאָז געטאָן אויף די „פּאָמפּערס״, וואָס זענען געשטאַנען אין מיטן דער גאַס.

איך האָב זיך דורכגעריסן דורך דער געדיכטקייט פון דער מחנה, איך האָב געוואָלט זען מיין ברודער, אָבער איך האָב אים מער נישט געפונען. אין דער מינוט האָט עפּעס ווי אויפגעריסן. עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער ברוק פון דער גאַס האָט זיך אויפגעהויבן, מען האָט געזען נאָר אַ ווילד געפּלעכט, ווי איין מענטשלעכער שאַטן וואָלט אַריבערגעשפּרונגען איבערן אַנדערן. מיט אַ מאָל האָב איך זיך געפונען אין אַ פרעמדער גאַס, דאָ איז געווען שטיל, ווי אויסגעשטאָרבן. מען האָט נאָר פון דער ווייטן געהערט לויפנדיקע טריט און ווייטע, פאַרשטיקטע געשרייען.

איינציקע מענטשן האָבן אייליק זיך געשאַרט אין די מויערן און אומהיימלעך שטיל זיך איבערגעגעבן:

— אַנטלויפט... אַ פּאַטרול גייט...

עס האָט זיך דערהערט דאָס קלימפּערן פון פאַרמאַכטע טויערן און פון גרילציקן אייזערנעם שליסן. איך בין אַריין אין עפּעס אַ פרעמדן, נידעריקן טויער, וווּ עמעצער האָט מיך אַריינגעשטופּט. דער סטרוזש האָט אַ שאַר געטאָן מיט זיינע שווערע געקאָוועטע שטיוול און אַ גרילץ געטאָן מיט דעם פאַרזשאַווערטן שלאָס פונעם טויער. דעמאָלט האָבן זיך דער־הערט צוויי רייסנדיקע שאָסן, איינער נאָכן אַנדערן.

דער סטרוזש האָט זיך איבערגעצלמט.

*

מיך האָט אַרומגעכאַפּט אַ ווילדע שרעק פאַר מיין ברודער. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך האָב אים נאָר וואָס געפונען און צוריק פאַרלוירן. איך האָב געוואָלט צוריקלויפן אַהין, אָבער דער סטרוזש האָט נישט געוואָלט עפענען דעם טויער. און פרעמדע מענטשן האָבן אויף מיר געשריגן. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך האָב אָפּגעטאָן עפּעס אַ שרעקלעכע זאַך. פאַר

וואָס בין איך נישט געבליבן נעבן מיין ברודער? ווו איז ער איצט? ווו איז די מאַמע? איך האָב געזען אין מיין זינען ווי די מאַמע לויפט אַרום איבער די גאַסן און זוכט אונדזביידע. איך האָב זיך צוגעהערט צו דער ווייט. עס איז געווען שטיל, נאָר זעלטן האָט מען געהערט אַ דורכגייער, וואָס האָט איינזאַם און שרעקיק געקלאַפּט מיט איילנדיקע טריט.

דערווייל איז ווי מיט אַ מאָל צוגעפאַלן דער פריער, ווינטערדיקער אָוונט. עס איז שוין געלעגן אַ געדיכטע טונקלקייט, ווען איך בין אַרויס פון דעם פרעמדן הויף. איך האָב זיך געלאָזן מיט אַ שטילער, אומעטיקער גאַס אַהיים.

איך בין געלאָפן. וואָס נעענטער צו אונדזער גאַס זענען די געסלעך אַלץ פולער געוואָרן פון מענטשן. מען האָט זיך געזאַמלט ביי טויערן. איך האָב זיך צוגעהערט ווי מען האָט דערציילט וועגן געהרגעטע, גע־שטאָרבענע. איך בין געלאָפן אַהיים, און מיר איז געווען שרעקלעך פון דעם אַלעם, וואָס כ'האָב געהאַט דער מאַמען צו דערציילן. וואָס וועל איך איר איצט זאָגן וועגן ברודער? ווו איז דער גליקלעכער אַנזאָג, וואָס איך האָב געהאַט פאַר איר?

אַזוי בין איך אַריין אין אונדזער גאַס. עס איז שוין געווען גוט טונקל. אין טייל הייזער און געוועלבער האָבן שוין געברענט די לאָמפּן. מען איז געגאַנגען פון דער אַרבעט, הענדלער און הענדלערקעס זענען אַראָפּגע־גאַנגען מיט קוישן און זעק פונעם מאַרק. אויפן ראָג פונעם געסל האָט מען פאַרקויפט „הייסע קישקעלעך" פון אַ בלעכענעם קעסל. די פעטע וואַרעמע פאַרע פון דעם פלייש און דער רויך האָבן מיך דערמאָנט אין מיין הונגער.

די גאַס איז געווען אויפגערודערט ווי נאָך אַ שטורעם. פון די גע־וועלבער און טויערן האָבן מענטשן זיך איבערגערעדט און דערציילט וועגן די געשעענישן. און פּלוצלינג האָט פון אויבן, פון דער ווייטער טייל געסל, ווו עס האָט זיך געזען דער בית־עולם, זיך אַ טראָג געטאָן אַ קרום, בייז געלויף.

באַלד האָט זיך דערהערט דאָס טראַסקען פון אַ לויפנדיקן וואָגן. דער וואָגן האָט זיך געטראָגן און געשפּרונגען איבער די שפּיציקע שטיינער. דער פורמאַן איז געשטאַנען מיט די לייצעס און געיאָגט דאָס פערד. דאָס פערד האָט זיך געשראָקן פאַר דעם געדיכטן עולם און דער וואָגן האָט זיך אַלע מאָל אָפּגעשטעלט.

איך האָב זיך צוגעשטופּט צום וואָגן, וואָס איז דאַכט זיך געווען

לײדיק. דאָס איז געװען אַ ברײטע, מיט אײַזן געקאָװעטע „פּלאַטפאָרמע", אויף װעלכער מען האָט געפירט סחורה.

איך האָב געקוקט אין דער מוטנער, שװינדלדיקער ליכט און פּלוצלינג דערזען דעם לאַנגן, שטײפן מענטש, מיט האַרט צעשפּרײטע הענט און פיס. זײַנע האָר זענען געװען פאַרפּלאָנטערט און פאַרקלעפּט. זײַן פּנים איז געװען געל און האַרט. דער קאָפּ האָט זיך געקלאַפּט אין די ברעטער פון דעם װאָגן.

„מײַן ברודער" — האָט מיר אַ קלאַפּ געטאָן, און איך האָב דער־פילט װי אַלץ אַרום מיר האָט זיך אויסגעלאָשן. איך האָב דערזען דאָס פּעלצל, די שטיװל. איך בין געלאָפן נאָכן װאָגן, איך האָב געקוקט און גאָר־נישט געזען. „מײַן ברודער".

אָבער װוּ איז זײַן פּנים, װוּ זענען זײַנע אויגן? מענטשן האָבן זיך געשטופּט, געשטויסן, און װי כ'װאָלט אויפגעװאַכט פון אַ שרעקלעכן חלום, האָב איך דערהערט פון אַלע זײַטן אַ געשרײ:

— פּאַלוס... דאָס איז אײנער פון די פּאַלוסעס...

ערשט איצט איז מיר קלאָר געװאָרן, אַז דער טויטער איז פּאַלוס, דער װאָס האָט געהאַלטן דעם בלאַנקענדיקן רעװאָלװער אין דער האַנט.

מײַן האַרץ האָט פריידיק, ביז װײטיק אויפגעצאַפּלט, אַזוי בין איך אַרײַן אין שטוב. עס איז געװען פינצטער. די מאַמע איז געלעגן מיטן קינד. און װי נאָר איך האָב געעפנט די טיר האָב איך דערהערט דער מאַמעס דערשראָקן געשרײ:

— װער...

צענדליקער װערטער האָבן זיך געריסן פון מיר, אַזעלכע װאָס איך האָב נאָך קײן מאָל נישט גערעדט. איך האָב געװאָלט אַרײַנברענגען עפּעס אַ נײַע, גרויסע ליכט אין אונדזער טונקעלער שטוב, אַ נײַעם ברודער פאַר דער מאַמען.

— מאַמע... איך האָב אים געזען... ער איז דאָ...

די מאַמע האָט אויפגעשפּרונגען, אירע הענט האָבן געציטערט, זי האָט געװאָלט אָנצינדן די לאָמפּ, די שװעבעלעך האָבן זיך געלאָשן. איך האָב אין דער פינצטער געזען דער מאַמעס אויגן, װאָס האָבן געקוקט אויף מיר מיט צװײ פײַערן:

— מאַמע... איך בין געװען מיט אים... ער װעט קומען... ער איז מיט די אַרבעטער... ער העלפט זײ... איטשע משומד איז געלעגן אויף

דער ערד... ער האָט געזאָגט... ער וועט אַרבעטן... ער וועט זיין גוט... זיי האָבן אים נישט געלאָזט...

דער מאַמעס אויגן זענען געוואָרן אַלץ גרעסער, זי האָט מיך אָנגעכאַפּט פאַרן פּנים, זי האָט געציטערט. איך האָב מער נישט געהאַט קיין אָטעם, איך האָב מער נישט געקאָנט, און איך האָב מיך פריידיק און שרעקיק צעוויינט.

13

עס האָט זיך געצויגן די לאַנגע ווינטער־נאַכט. די לאָמפּ האָט טונקל געברענט, מיר זענען אַלע געבליבן וואַך. די מאַמע איז געזעסן אויפן בעט, די שוועסטער איז אַ האַלב־אויסגעטועגע געלעגן אויף איר געלעגער און אין דער טונקל געלייענט. דאָס קינד איז געשלאָפן איינגעטוליעט אין דער מאַמען, דורך די פענצטער האָט אַריינגעקוקט די אומעטיקע טונקלקייט.

איך בין געזעסן נעבן דער מאַמעס בעט. מיך איז באַפאַלן אַ מידקייט, אָבער איך בין גרייט געווען צו לויפן אין דער נאַכט אַריין. אַ חרטה דערויף, וואָס איך האָב איבערגעלאָזן דעם ברודער, האָט ווי אַ שטיק גלאָז געשטאָכן אין האַרץ. ווי גליקלעך וואָלט איך געווען, ווען איך ברענג איצט דעם ברודער, אַ נייעם, אַן אַנדערן צו דער מאַמען.

די מאַמע האָט געשוויגן. זי האָט געהאַלטן די אויגן פאַרמאַכט, ווי זי וואָלט מורא געהאַט צו זען דאָס, וועגן וואָס זי האָט געקלערט. זי האָט זיך אַלע מאָל אויפגעזעצט אויפן בעט, ווי זי וואָלט זיך געקליבן ערגעץ צו גיין.

איך האָב זיך איינגעהערט צו יעדן קלאַנג פון דעם ביינאַכטיקן הויף, יעדעס מאָל, ווען עס האָבן זיך געהערט טריט, האָבן מיר אַלע מיט קלאַפּיקע הערצער זיך צוגעהערט.

מיר האָט זיך זייער געוואָלט נאָך אַ מאָל דער מאַמען דערציילן וועגן אַלעם, וואָס איך האָב געזען. אָבער וועגן דעם געהרגעטן פאַלוס האָב איך, צוליב עפּעס וואָס, נישט געהאַט קיין מוט צו דערציילן. און פּלוצלינג האָב איך פאַרלוירן די זיכערקייט, אַז דער געהרגעטער אויפן וואָגן איז נישט געווען מיין ברודער, כאָטש איך האָב געוווּסט, אַז דאָס איז איינער פון די פאַלוסעס. דער האַרטער, געלער קאָפּ, וואָס האָט געקלאַפּט אויף די ברעטער פון דעם לויפנדיקן וואָגן איז שוין מער נישט פאַרשווונדן פון מיינע אויגן.

איך האָב זיך צוגעהערט צו דער מאַמעס אָטעם. זי האָט ווי געדרימלט. פון צייט צו צייט האָט זיך ביי איר אַרויסגעריסן אַ קרעכץ. מיט אַ מאָל האָט זי זיך אויפגעהויבן און שטיל ווי צו זיך אַליין אַרויסגערעדט:

— קינדער...

זי האָט פאַרבראָכן די הענט:

— ווער ווייס... ווער ווייס ווו עס ליגט שוין זיין געביין...

זי האָט עס כסדר איבערגעחזרט.

אין דער אומעטיקער שטילקייט פון דער לאַנגער נאַכט האָבן זיך געטראָגן פאַרשידענע קלאַנגען און יעדער קלאַנג איז געווען אָנגעזאָפּט מיט אומרו. פון דער גאַס האָט זיך אָפּט דערטראָגן דאָס קלאַפּעריי פון רעדער. עס האָט שוין געמוזט זיין שפּעט, ווייל מען האָט פון צייט צו צייט געקלונגען ביים טויער. און דאָס שיטערע גלעקל האָט ווי געריסן און געדראָט. מיר האָבן זיך צוגעהערט ווי דער סטרוזש וואַלענטי האָט געשאַרט מיט זיינע שווערע טרוקענע שטיוול און געגרילצט מיט דעם פאַרזשאַווערטן שלאָס.

עס איז שוין לאַנג נישט געווען קיין בריוו פונעם טאַטן און די מאַמע האָט מורא געהאַט, אַז דער טאַטע זאָל איצט פּלוצלינג נישט קומען. די מאַמע האָט עס שוין עטלעכע מאָל געזאָגט צו דער שוועסטער, אויך איך האָב איצט געהאַט אַ באַהאַלטענעם פאַרלאַנג, אַז דער טאַטע זאָל איצט נישט קומען צו פאָרן, מיר האָט זיך געוואָלט, אַז דער טאַטע זאָל קומען און טרעפן שוין דעם ברודער אַ גוטן, אַ ליכטיקן, אין שטוב זאָל זיין אַ גרויסע פרייד, אַז די מאַמע זאָל אים דערציילן ווי איך בין געווען דער ערשטער וועמען דער ברודער האָט צוגעזאָגט צו זיין גוט.

איך האָב דערהערט ווי די מאַמע האָט איינגעדרימלט, אויך די שוועסטער איז איינגעשלאָפן מיט דעם בוך אויפן פּנים. איך האָב מער נישט געקאָנט איינזיצן, איך האָב זיך שטיל אויפגעהויבן פונעם אָרט און אויף די שפּיץ־פינגער זיך צוגעשלייכט צו דער טיר, איך האָב שטיל געעפנט די טיר און אַרויס אויף די טרעפּ. אַ גראָע, פייכטע טונקלקייט איז געלעגן אויף די טרעפּ. צוויי גרינע אויגן פון אַ קאַץ האָבן געלויכטן. איך בין אַריבערגעשפרונגען די עטלעכע טרעפּ און אַרויס אויפן הויף.

דער הויף איז שוין געשלאָפן. איך האָב זיך אַ גליטש געטאָן אין דער פייכטער נעץ פון די שטיינער און בין צו צום פאַרשלאָסענעם טויער. דורך אַ שפּאַרע פון צעפּאָרענעם, הילצערנעם טויער האָב איך געזען די

גאַס. דאָרט האָבן זיך געהערט טריט און עס האָט זיך געדאַכט, אַז עס איז אַ שרעק צו זיין פון יענער זייט טויער. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך הער אין דער ווייט דאָס טרומייטערן פון דעם „פּאַגאָטאָוויע"־קעטשל, און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס געשלעג גייט נאָך ערגעץ אָן, נישט ווייט פון דאַנען.

אפשר דאַרף איך עפּעס טאָן? אפשר דאַרף איך ערגעץ לויפן ראַטעווען דעם ברודער?

פאַרביי דעם טויער זענען דורכגעלאָפן צוויי מענטשן, זיי האָבן גע־קלאַפּט מיט שווערע טריט. איינער האָט אַ געשריי געטאָן: „אַנטלויפן", נאָך זיי איז געלאָפן אַ פרוי און האָט זיי עפּעס נאָכגעשריגן, און באַלד זענען אַלע דריי געלאָפן צוריק.

איך האָב דערהערט אַ סך שווערע, שאַרנדיקע און ריטמישע טריט. די טריט זענען געווען אייליקע און שטרענגע, מיט אַ געקלימפּער פון אייזערנע פּאָדקאָוועס. די טריט האָבן זיך דערנענטערט. עס האָבן זיך דערטראָגן שטרענגע און שווערע געשרייען, וואָס האָבן געוועקט די שלאָפנדיקע, פינצטערע גאַס.

עס איז דורכגעגאַנגען די נאַכט, עס איז פאַרביי דער טאָג און דער ברודער איז נישט אַהיימגעקומען. דערנאָך זענען אַנגעלאָפן אַ גאַנצע ריי קורצע טונקעלע טעג. אין שטוב איז פאַרבליבן אַ רייסנדיקער ווייטיק, ווי דער ברודער וואָלט שוין נישט געווען צווישן די לעבעדיקע, ווי מען וואָלט נאָר געוואָלט געפינען זיין געביין. ערשט איצט האָט מען דערזען, אַז ער איז אַ קינד, אַ פאַרבלאָנדזשעט און אומגליקלעך קינד, וואָס עפּעס אַ בייזע האַנט האָט אים אַרויסגעריסן. אין די ווענט פון אונדזער שטוב איז פאַרבליבן אַ פאַרקלעמטער ווייטיק און עס איז נישט געווען ביי וועמען צו זוכן אַ טרייסט.

דער טאַטע איז אַלץ נישט געקומען צו פאָרן און האָט, ווי זיין גע־וווינהייט, נישט געשריבן קיין בריוו. אָבער קיינער האָט איצט וועגן טאַטן נישט געקלערט. אַפילו דאָס קינד האָט איצט פאַריתומט אַרומגעבלאָנדזשעט איבער דער שטוב, ווייל די מאַמע האָט כסדר אַרומגעוואַנדלט איבער די גאַסן. זי האָט זיך געשעמט און נישט געוווּסט ביי וועמען צו פרעגן וועגן ברודער. מען האָט געוווּסט, אַז אין געשלעג זענען אַ סך אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער פּאָליציי, אַנדערע זענען גענומען געוואָרן אין די שפּיטעלער. און די געהרגעטע האָט מען אָוועקגעפירט אין די פּראָסעק־

טאַריומס און זיי באַגראָבן אין דער שטיל. דאָס בילד פון אַזאַ הרוג איז מיר נאָכגעגאַנגען, זיך אויסגעמישט מיט דעם טויטן פּאָלוס. אַנשטאָט אים האָב איך געזען מיין ברודער מיט דעם געשפּאָלטענעם אויער, ווי איך האָב אים געזען צו לעצט אין דעם געשלעג.

איך האָב נישט גערוט. מיר האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז איך בין שולדיק, אַז איך האָב דעם ברודער נישט אויסגעהיטן. דערפאַר בין איך גאַנצע טעג, ביזן שפּעטן אָוונט, אויסגעוועזן אין אַלע געסלעך, הייפלעך, אין אַלע טיי־הייזלעך, ווו עס האָבן זיך געזאַמלט די אַרבעטער און אויך אין די מעלינעס און קנייפּעס, ווו עס האָבן זיך געהאַלטן די אָפּגעשוואַכטע און צעשראָקענע רעשטלעך אונטערוועלט.

איך האָב געזוכט מיין ברודער אַ טויטן אָדער אַ לעבעדיקן, אָבער קיינער האָט מיר גאָרנישט געקאָנט זאָגן וועגן אים. עפּעס איינער, מיט אַ פאַרבונדענעם קאָפּ, האָט געוווּסט צו זאָגן, אַז דעם ברודער האָט מען אָוועקגעפירט אין אַ שפּיטאָל. אַ צווייטער האָט אַליין געזען ווי אַ פּאַטרול האָט אים צוגענומען מיט נאָך אַנדערע. אַ צעבראָכענער, אַ מידער בין איך ווידער געקומען אַהיים שוין אין דער נאַכט, געהערט דאָס געוויין פון דער מאַמען און אַליין געשטיקט זיך אין קישן, פילנדיק ווי דאָס האַרץ ווערט צעשפּאַרט פון פּיין און בענקשאַפט.

*

זוכנדיק בין איך פאַרגאַנגען צום ברעג שטאָט, צו די „אָקאָפּעס" הינטער דעם פאַרוואָרפענעם פּלויט פון דעם „גוענשער בית־עולם".

איך בין אַהער פאַרטראָגן געוואָרן, אַליין נישט וויסנדיק ווי אַזוי, אפשר צוליב דעם, וואָס עס איז געווען נאָענט צו דעם אָרט, ווו איך האָב דעם ברודער צום לעצטן מאָל געזען, כאָטש איך האָב געוווּסט, אַז מיין ברודער איז צווישן די אַרבעטער. מיר האָט זיך אָבער אויסגעוויזן, אַז נאָר ביי אַ געשלעג וועל איך אים געפינען. און דאָ זענען נאָך געגאַנגען די געשלעגן.

עס איז געווען הינטערשטאָטיש ליידיק, מיט גרויסע שטיקער פאַר־וואַרלאָזט פעלד, מיט ליימגריבער און אַלטע הילצערנע הייזלעך, מיט קליינע פענצטערלעך, פאַרשטופּטע מיט שמאַטעס. עס האָבן זיך געצויגן אַלטע איינגעפאַלענע פּלויטן און אין דער ווייט האָבן זיך געזען גויִשע טויבנשלאַקן און רויטע פאַרבלאָנדזשעטע וואַגאָנען פון אַ באַן.

עס איז שוין געווען נאָך האַלבן טאָג. איך האָב זיך פּלוצלינג דער־

שראַקן פאַר דער געגנט און פאַר די מענטשן, אַזעלכע וואָס מען האָט אין שטאָט נישט געזען.

אַרום די הייזלעך איז געווען רעשיק פון די מענטשן, פון וועלכע עס איז געגאַנגען אַ דראָענדיקער אומרו.

איך האָב מיט עפּעס אַ מאָדנער קלאָרקייט, ווי עמעצער וואָלט מיר צוגעלויכטן מיט אַ גרויס ליכט אין מיין זינען, דערפילט, אַז דאָס זענען גנבים. עס זענען געווען אַלטע און יונגע, פרויען און מענער. זיי האָבן געווימלט אין אַן אויפגערודערטקייט, ווי זיי וואָלטן זיך געגרייט אין אַ שווערן וועג. אַ ראָד מענטשן האָט אַרומגערינגלט אַ מענטש מיט אַ פּאַר־בונדענעם קאָפּ. עס האָבן געקלימפּערט אַלט־פּרענקישע, אויסגעמאָלענע אין געלע קאָלירן בריטשקעלעך, געשפּאַנטע צו פערד, באַפּוצטע מיט קאָ־לירטע סטענגעס ווי ביי ציגיינער, אָבער דאָס זענען געווען יידן. זיי זענען אָנגעפּאָרן ערגעץ פון „פּאָוואָנזעק״, ווו עס האָבן געוווינט די בעטלער און קונצנמאַכער. אויף די בריטשקעס זענען געזעסן גרויסע, קאָלירטע ווייבער, מיט אויסגעדרעקסלטע פייכטע לאָקן אויף די שטערנס. עפּעס אַן אַלטע יידענע מיט אַ שוואַרץ מויל ווי אַ מכשפה, אין אַ שטעקן אָנגעשפּאַרט, איז הינקנדיק געלאָפן אַרום די בריטשקעס און געשריגן מיט אַ רייסנדיק קול:

— די מומעס מיט די פעטערס פאָרן...

איך האָב דערזען עפּעס אַ נייע וועלט, וועגן וועלכער איך האָב ווי דורכן חלום געהערט אין אונדזערע גאַסן דערציילן.

איך האָב געזען ווי פון די שוואַרצלעכע הייזער האָבן ווייבער אַרויס־געטראָגן פאַרענדיקטע טעפּ מיט עסן, מען האָט געגעסן אויף דער גאַס. די ווייבער אויף די בריטשקעס האָבן געגעסן, געשאָקלט מיט זייער קאָ־לירטע אוירינגען, געבליצט מיט זייערע אויגן און ציין. איך בין ווי פאַר־כישופט געבליבן. איך האָב געוואָלט אַוועקגיין און נישט געקאָנט.

מיט אַ מאָל האָב איך נעבן מיר דערזען אַ מיידל. זי האָט אויך אויס־געזען ווי אַ ציגיינערין. זי איז געווען אָנגעטאָן אין א גרינעם, צו גרויסן מאַנטל. אירע האָר זענען געווען מאָדנע שוואַרץ, אַ גראָבער שוואַרצער צאָפּ, ווי אַ שלאַנג איז געווען פאַרפלאָכטן אויף איר קאָפּ ווי אַ קרוין.

זי האָט געקוקט אויף מיר מיט אירע אומגעווינלעכע, גרויסע אויגן, וואָס זענען געווען גרין ווי ביי אַ קאַץ. זי איז געשטאַנען נעבן מיר און מאָדנע איז געווען וואָס אונטער דער האַנט האָט זי געהאַלטן עטלעכע

ביכלעך צוזאַמענגעבונדן מיט רימעט, זי האָט אַזוי געקוקט אויף מיר, אַז מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך דאַרף איר עפּעס זאָגן, און איך האָב געפרעגט:

— וואָס איז דאָ?...

איר שטים האָט גלייך אַ קלאַפּ געטאָן מיט אויסערגעוויינלעכער קרעפטיקייט:

— די גנבים פאָרן אַוועק... אַנטלויפן...

— וועלכע גנבים? — האָב איך מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ שטיל געפרעגט.

— די גנבים פון „קליין פאַריז” און פון „פּאָוואָנזעק”... דו ביסט אויך אַ גנב? — האָט זי געפרעגט.

מיך האָט אַרונגעכאַפּט אַ שרעק, איך האָב נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן:

— דו ביסט נישט קיין גנב... וואָס טוסטו דאָ?

איך האָב געוואָלט אַנטלויפן. זי האָט פּלוצלינג אַ בליץ געטאָן מיט די אויגן, זיך צוגעבויגן צו מיר און געזאָגט:

— האָב נישט קיין מורא... מיין טאַטע איז אַ גנב... מיין מאַמע אויך... אַלע... נאָר יאָך וויל נישט... יאָך גיי אין אַ שקאָלע... אין „פּאָוואָנזעק”.

איך האָב נישט געוווסט וואָס צו רעדן. איך האָב געפילט, אַז עפּעס געשעט מיט מיר אויסערגעוויינלעכס, עפּעס נישט פון דער וועלט. איך האָב אַפילו פאַרגעסן אין מיין ברודער.

— קום... האָט זי געזאָגט — כ׳וועל אַנטלויפן פון זיי...

זי האָט מיך אַ כאַפּ געטאָן פאַר דער האַנט און מיך אַרונטערגעפירט הינטער אַ פּלויט. זי איז געווען מאָדנע שטאַרק און עס איז געגאַנגען פון איר אַ ריח ווי פון עפּעס אַ חיה פון אַ פרעמדער ערד. ערשט איצט האָב איך דערזען איר גרויס, שטאַרק מויל מיט די שפּיגלדיקע ציין. זי האָט גערעדט גיך, ווי זי וואָלט וועלן איך זאָל אַלץ וויסן, און מיר האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז דאָס וואָס זי רעדט, קאָן מען הערן נאָר אין אַ חלום, נישט אויף דער וואָר.

— די רייכע גנבים פאָרן אין אייגענע בריטשקעס, מיט אייגענע פערד... מיין טאַטע האָט אויך אַן אייגענע בריטשקע... ער איז אַ גרויסער פאַר־דינער... ער איז אַ שטובן־גנב... נאָר יאָך וויל אַנטלויפן... כ׳וויל גיין אין דער שקאָלע... כ׳וועל גיין צו די אַרבעטאָרערס... קום...

איך האָב אָנגעהויבן לויפן אַרויס פון דער געגנט. זי איז געלאָפן נעבן מיר. נעבן דעם ערשטן טויער פון אַ הויז האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט. אירע אויגן האָבן געלויכטן מיט אַ גרינעם פלאַם ווי צוויי אָנגעצונדענע לאַמ־טערנס. איך האָב פאַרגעסן, אַז דאָס איז אַ מיידל, איך האָב מורא געהאַט פאַר איר. אָבער מיר זענען שוין געווען געגנוג ווייט פון דער משונהדיקער וועלט. זי האָט אַלץ גערעדט ווי זי וואָלט געוואָלט איך זאָל גיכער וויסן:

— יאָך בין אַלט פערצן יאָר... כ׳האָב שוין אַ חתן... אויך אַ גנב... אַ גרויסער פאַרדינער... נאָר יאָך וויל עס נישט... ווען מיין טאַטע איז אַריינגעגאַנגען אין „פּאַוויאַק״ זיצן... האָט ער מאָך נישט געלאָזט גיין אין דער שקאָלע... ער האָט מאָך געשלאָגן.. אָבער יאָך האָב נישט מורא... כ׳וועל נישט זיין זיינס קיין כלה... כ׳וועל גיין צו אַרבעטאָרערס... כ׳האָב געמאַכט אַ ליד... כ׳וועל עס דיר זינגען...

איך האָב זיך פאַרשעמט. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אַלע גאַסן ווייסן מיט וועמען איך גיי. די גאַנצע צייט האָט מיך געהאַלטן אַ קוועל, ווי איך וואָלט געווען אין דער גאַענט פון אַ חיה וואָס קאָן זיך איינבייסן אין מיר. און עס האָט נישט אויפגעהערט אין מיין קאָפּ, ווי מיט אַ שוואַרצן האַמער צו קלאַפּן:

— גנבים... גנבים...

מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך דאַרף זיך פאַר עפּעס פאַרענטפערן. איך האָב שטיל געזאָגט:

— כ׳זוך מיין ברודער... ער איז פאַרלוירן געוואָרן... ער האָט זיך דאָ געשלאָגן... אַן אַרבעטער...

זי האָט נישט געהערט. זי האָט איצט גערעדט שטילער ווי אין פאַר־טראַגנקייט:

— כ׳זאָל קריגן אַ חתן... אַן אָרנטלעך ייִנגל...

און זי האָט זיך פּלוצלינג צעוויינט.

זי האָט געוויינט ווילד, ווי אַ שטורעם־רעגן וואָלט אַראָפּגעפאַלן. זי האָט געוויינט ווי נישט קיין מענטש, אָבער טרערן האָבן אַרויסגעגלאַנצט אין דער גרינקייט פון אירע נישט מענטשלעכע אויגן. זי איז מיט אַ מאָל געוואָרן קלענער און אירע טונקעלע הענט האָבן מיט די פויסטן, קינדיש זיך געווישט די אויגן. זי האָט אַזאַ פויסטל אַרויפגעלייגט אויף מיין אַקסל. עס האָט מיך אַ ברי געטאָן. אירע אויגן האָבן אויפגעלויכטן און

מיט אַ נייער שטים, אַ קינדיש־הייזעריקלעכער און וואַרעמער האָט זי געזאָגט:

— דו ביסט אַ שיין ייִנגל...

זי האָט זיך אָנגעבויגן צו מיר און הייס אין מיר אַריינגערעדט:

— ווילסט שאָקאָלאַדע... כ׳על דיר ברענגען... כ׳קאָן פאַרדינען... כ׳גיי אַריין אין געוועלב... כ׳מאַך מאַך קויפן... ס׳ט׳אָף מאַ וואַרטן... כ׳וועל דיר ברענגען וואָס דו וועסט ווען...

ערשט איצט האָב איך זיך דערמאָנט צוליב וואָס איך בין געקומען אַהער. איך האָב זיך דערמאָנט אין מיין ברודער, אין דער מאַמען. איך האָב אָנגעהויבן לויפן און איך האָב זיך דערפרייט, וואָס עס איז אַזוי נישט ווייט פון דער היים, ווי מען פרייט זיך, ווען מען דערפילט, אַז דאָס שרעקלעכע איז געווען נאָר אַ חלום.

איך בין געלאָפן אַהיים און עפּעס אַ פרעמדע און ראַציקע אָנגע־שטאָכנקייט איז פאַרבליבן אויף מיין הויט, ווי עפּעס וואָלט אַרומגעקראָכן אויף מיר, עפּעס קלעפּעדיקס ווי אַ קאַלירטער וואָרעם פון אַ ראַיענדיקן אָפּגרונט.

*

דער מאַמעס פּנים איז פאַר די לעצטע טעג געוואָרן ווייס און פרעמד. זיי האָט, דאַכט זיך, געקוקט אין ערגעץ אַ ווייטקייט, וואָס איז מיר נישט געווען באַקאַנט און האָט מיך געשראָקן, ווי זי וואָלט געקוקט אַהין, פון וואַנען עס קומען אומגליקן. מיין בענקשאַפט און מיין דראַנג צו געפינען דעם ברודער, איז צו איר ווי נישט דערגאַנגען. ווען איך בין אַהיימגעקומען פון מיינע זוכענישן האָט זיך מיך גאָרנישט געפרעגט, און אַלץ, וואָס איך האָב איר געהאָט צו דערציילן, איז ביי מיר ווי אויסגעוועפט געוואָרן אויפן וועג. דאָס האָט נאָך מער פאַרשאַרפט מיין פיבער. איך האָב געשטרעבט צו דער מינוט, ווען איך וועל קאָנען באַווייזן מיין דערוואַקסנקייט און פעיִקייט צו העלפן. איך האָב געהאַט פאַנטאַסטישע פּלענער צו גיין אין דער פּאָליציי, אין די שפּיטעלער. דאָרט, ווו מען ברענגט לעבעדיקע און טויטע. איך האָב געוואָלט אַריינדרינגען אומעטום און זוכן מיין ברודער. אָבער איך בין שטיין געבליבן הילפלאָז אין דעם געווימל פון דער גרויסער שטאָט, וואָס האָט מיך דערדריקט מיט איר אָנרחמנותדיקער פרעמדקייט און גראָבקייט. איך האָב נישט געוווּסט ווו זיך צו ווענדן.

אָבער ווי נאָר איך בין אַהיימגעקומען און דערפילט די פּאַרקלעמט־קייט, וואָס האָט זיך איינגעגעסן אין דעם ליידיקן ווינקל פון דער קיך, ווו דער ברודער האָט געלעבט מיט זיין, פאַר זיך, געהיימנישפול לעבן, האָב איך פאַרשטאַנען, וואָס עס איז געשען. און מיך האָט ווידער געיאָגט פון דער שטוב.

אויך איצט איז געווען טיפער אָוונט, ווען איך בין אַריין אין שטוב. אין דער קיך איז שוין געווען פינצטער, אָבער עמעצער האָט זיך דאָרט באַוועגט און פונקען האָבן אָנגעהויבן זיך דרייען פאַר מיינע אויגן. מיר איז געוואָרן הייס, מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס איז דער ברודער. כאָטש איך האָב געוווסט, אַז ווען דער ברודער זאָל איצט קומען, וואָלט אַנדערש אין שטוב אויסגעזען. איך האָב שוין איצט אין דער פינצטער געזען, אַז דאָס איז חנה, וואָס איז ביי מיין אַריינקומען אַראָפּגעשפּרונגען פון דער קיך, אָבער דאָס פריידיקע צאַפּלען פון מיין האַרץ האָט נאָך אַלץ נישט אויפגעהערט. חנה האָט אויסגעזען ווי אַ שטיק פינצטערניש. זי האָט אַ כאַפּ געטאָן מיין אַרבל מיט אירע האַרטע, אייזערנע פינגער, מיך אַריינגעשלעפּט אין דער קיך. איר שמאָלער, שפּיציקער קאָפּ האָט זיך געשאָקלט אין דער פינצטער.

— שאַ... וועק נישט אויף דאָס גאָלדענע קינד... — האָט זי ווי אַריינגעשטאָכן מיר אין אויער — די מאַמע איז נישטאָ... זי איז געלאָפן... ווייי איז מיר... געלאָפן זוכן דעם זון... ווייי איז מיר... ווילסט עסן?

זי איז צוריק אַרויף אויף דער פּליטע, זיך אַ וויג געטאָן און אָנגעהויבן רעדן צו זיך אַליין:

— און היינט איז דאָנערשטיק... טייערע מענטשן... היינט איז דאָ־נערשטיק...

אין דער צווייטער שטוב איז דער לאָמפּ געשטאַנען פאַררוקט אין אַ ווינקל און באַלויכטן דער שוועסטערס טישל, ווו זי איז געזעסן ביי אירע ביכער. דאָס קינד איז געשלאָפן אינעם בעטל, וואָס איז געווען צוגערוקט צו דער וואַנט. עס איז געווען שטיל און שווער.

די שוועסטער האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן און שטיל געזאָגט:

— דאָ איז געווען דער פֿאָן עליאַש... די מאַמע איז אַוועקגעגאַנגען מיט אים. אפשר וועלן זיי זיך עפּעס דערוויסן וועגן אים...

זי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ צו די לערנביכער. מיט אַ מאָל האָט זי ווידער אויף מיר אַ קוק געטאָן, ווי זי וואָלט זיך עפּעס דערמאָנט:

— דו גייסט אַרום... טוסט גאָרנישט... אַן אַ ביכל... וואָס וועט זיין פון דיר?

און זי האָט צוריק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

איך בין געשטאַנען און געקוקט אויף איר פולן ווייסן האַלדז, אויף דער טונקעלער גאָלדיקייט פון אירע האָר, פון וועלכע עס איז געגאַנגען אַ זיכערע רויִקייט. איך האָב שטיל געזאָגט:

— כ'האָב אים געזוכט... ער איז אפשר...

איך האָב מורא געהאַט ווייטער צו רעדן, ווייל אַ געוויין האָט זיך געריסן אין האַלדז אַריין. און אַ פּלוצלינגער בונט קעגן דער שוועסטערס שיינקייט און פרעמדקייט האָט זיך אויפגעהויבן אין מיר. איך האָב מיט טרערן אַרויסגעשטופּט:

— ער איז אפשר שוין דערהרגעט... און דו...

זי האָט ווידער אַנגעשטעלט אויף מיר אירע גרויסע, שטאָלצע, גרויע אויגן, און מיט אַ זיסן שמייכל, אין וועלכן עס איז אויך געווען ווי אַן עקל, האָט זי געזאָגט:

— פאַר אַ „לעניוך" איז אַלץ אַן אויסרייד...

און די שוועסטער איז פאַר מיר געוואָרן מאָדנע פרעמד, אַזוי ווי די מאַמע ווען זי האָט געקוקט ערגעץ ווייט איבער מיר. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך האָב דאָ קיינעם נישט, אַז דאָס איז נישט מיין שטוב. איך האָב געקוקט אויפן שלאָפנדיקן קינד, וואָס האָט געהאַלטן די הענטעלעך אַרום דעם קאָפּ, אין אַ ווייטן פאַרטראַגענעם שלאָף. אַלע זענען ווייט געווען פון מיר. דאָס קינד האָט געצאַפּלט אין שלאָף און מיר איז שרעקלעך געווען צו קוקן. מיר האָט זיך געוואָלט צוריק אַרויס אויף דער גאַס און גיין. מיר האָט פּלוצלינג באַנג געטאָן, וואָס איך בין אַנטלאָפן פון דעם מיידל, פון די גנבים. איך האָב געוואָלט נעמען אַ ביכל און זיך אַוועקזעצן לייענען, נאָר איך האָב זיך געשעמט פאַר דער שוועסטער. איך האָב זיך איינגעקוקט אין די ווענט אויף דעם דעסען, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ ברוין קרענצל, צוויי פאַסיקלעך מיט אַ פּינטעלע; דערנאָך ווידער דאָס זעלבע, און ווידער. די פּינטעלעך מיט די פאַסיקלעך זענען זיך צעלאָפן און אַנגעפילט די גאַנצע וועלט. איך האָב זיך דערמאָנט, ווען איך בין געלעגן קראַנק, ווען איך האָב געהאַט היץ, און די פאַסיקלעך מיט פּינטעלעך זענען געקראָכן אַזוי ווי לעבעדיקע ווערעם. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז די קרענק איז געבליבן אויף דער וואַנט און באַלד וועל איך ווידער קראַנק ווערן.

איך בין אַריין אין דער קיך צו חנהן. זי איז געזעסן אין דער פינצטער אויף דער פּליטע און געדרימלט. עס האָט זיך געהערט דאָס דרינזשען פון איר נאָז, ווי עס וואָלט געקלונגען אַן אייזערן קייטעלע. זי האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט שרעק:

— האַ... וואָס... ווילסט עסן?... ווײי איז מיר... הײנט איז דאָנערשטיק...

זי האָט אַ שאָקל געטאָן מיט אַ קעסטעלע שוועבעלעך און אָנגעצונדן דאָס קלײנע לעמפּעלע. איך האָב זיך געוואָלט זעצן אויפן ברודערס געלעגער, אָבער איך האָב זיך געזעצט אויף אַ בענקל. איך האָב געקוקט אויף דעם געלעגער, וואָס איז געווען פאַרבעט מיט אַ גרויער, זעלנערישער קאָלדרע און אַ שרעקלעכע בענקשאַפט האָט זיך אויפגעהויבן אין מיר. איך האָב דערפילט, אַז איך מוז עפּעס זאָגן, עפּעס אַרויסשרײען, איך בין צוגעלאָפן צו חנהן, אײנגעגנורעט דעם קאָפּ אין אירע ראַציקע קאַלטע שמאַטעס, פון וועלכע עס האָט זיך געפילט אַ פוילע נעץ און איך האָב זיך שוין נישט געקאָנט צוריקהאַלטן:

— חנה... חנה... — האָב איך אַרויסגעוויינט, ווי אַ קלײן קינד — וווּ איז ער?... וווּ איז מײַן ברודער?...

חנה האָט ווי נאָר דערויף געוואַרט. זי האָט זיך צעוואָיעט כליפּענדיק. אירע האַרטע פינגער האָבן אָנגעהויבן לויפן איבער מײַן קאָפּ און מײַן פּנים. זי האָט זיך געוויגט אין אַלע זײַטן, ווי עס וואָלט מיט איר געוואָרפן אַ משונהדיקער טאַנץ:

— הײַנט איז דאָנערשטיק... טײַער קינד... ער וועט קומען...

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן בענקל און שטאַרק צוגעדריקט מײַן קאָפּ. איך האָב מורא געהאַט די שוועסטער זאָל נישט דערהערן. מיר איז געוואָרן גרינגער.

*

דאָס קלײנע לעמפּעלע האָט צאַפּלענדיק מיט אַ רויט צינגל פײַער, באַלעקט די גרויע טונקלקייט פון דער קיך, וווּ חנה האָט אַרומגעפּלאָנטערט ווי אַ כישוף־מאַכערין. זי האָט געשאַרט די פײַערקעס אויף דער פּליטע, געמאַכט פײַער. זי האָט אָנגעצינדן אַ שטיקל קין, וואָס האָט זיך געסמאַליעט און געקנאַקט מיט פײַער און רויך.

ערשט דאָ, פאַר חנהן, האָט זיך מיר פאַרוואָלט דערציילן אַלץ, וואָס איך האָב געזען די לעצטע טעג. מיך האָט אַלץ פאַרפאָלגט דאָס גע־

זענען, די גנבים, זייער פרעמדע פּאַרב, זייער אומרו און אָפּגעטיילטקייט פון דער וועלט. איך האָב איר דערציילט וועגן דעם געשלעג, ווו איך האָב געזען מיין ברודער, איך האָב איר דערציילט פון דעם מיידל, דער גנבישער טאָכטער. אָבער פאַר חנהן איז דאָס אַלץ נישט געווען ניי. זי האָט געוווּסט וועגן די גנבים פון „פּאָוואָנזעק״ און „קליין־פּאַריז״.

דאָס וואַסער אויף דער קיך האָט געזאָטן; חנה האָט מיר געגעבן צו עסן. זי האָט מיר צוגעשניטן גרויסע פּיידעס ברויט ווי די רעדער, וואָס מען האָט ביי אונדז אין שטוב קיין מאָל נישט דערלאַנגט, עסנדיק דאָס ברויט אין דער טונקעלער גרויקייט פון דער קיך, אין דעם בלינצלען פונעם לעמפּעלע, האָט זיך מיר מיט אַ מאָל אויסגעוויזן, אַז איך בין אַ דערוואַקסענער און איך זיץ אין תפיסה.

איצט האָט זיך חנה אַראָפּגעלאָזן אויף אַ קליין בענקעלע, אין אַ ווינקל, און זי האָט אָנגעהויבן רעדן אויף אַ שפּראַך, וואָס איך האָב נישט פאַרשטאַנען:

— היינט איז דאָנערשטיק... טייער קינד... דאָס יינגל וועט קומען אַהיים צו טאַטע־מאַמע... אפשר זיצט ער אויף דער „פּאַווע״־גאַס... אפשר זיצט ער אין „פּאַוויאַק״... מ׳האָט דאָך גענומען אַ סך יינגלעך...

זי האָט שוין איצט גערעדט ווי צו זיך אַליין, מיט עפּעס אַ מאָדנעם שפּרוך, ווי זי וואָלט געזאָגט פון עפּעס אַ מגילה:

— מיינע זענען אַלע געזעסן הינטער די קראַטעלעך... דאָס „פּאַוויאַקל״ שטייט אויף דער פּאַוויע גאַס... ווער פאַר אַ געשלעג... און ווער פאַר אַ גנבהלע...

— חנה — האָב איך אויסגעשריגן — חנה... מיין ברודער איז דאָך אַן אַרבעטער...

אָבער חנה האָט דאָס נישט פאַרשטאַנען. זי איז געווען ווי אין טראַנס. אירע האַרטע, קליינע אויגן האָבן אויפגעלויכטן און זי האָט פּלוצלינג מיט יוגנטלעכער און קרעפּטיקער שטים זיך צעזונגען. איך האָב זיך צוגעהערט צו דעם ליד, וואָס מען האָט אָפּט געהערט אין אונדזערע גאַסן. אָבער צום ערשטן מאָל אין חנהס מויל האָבן די ווערטער פון דעם ליד אָנגעטראָגן אויף מיר אַ מאָדנע בענקשאַפט און באַהאַרציקייט. פאַר מיר האָבן זיך אויסגעמישט די מענטשלעכע, אָפּגעטיילטע וועלטן. פאַר וואָס זענען דאָ גנבים?

חנה האָט געזונגען, און דאָס שרעקיקע, גרויע הויז פון דער

פאַוויע־גאַס האָט זיך באַוויזן פאַר מיינע אויגן, ווען חנה האָט אין איין אָטעם געצויגן:

אוי, זיצן זיץ יאָך מיר אויף דער פּאַוויע גאַס
און קוק מיר אַרויס דאָרך די קראַטן —
וועסט פאַרבייגיין, גוטע שוועסטער,
דערצייל נישט פאַר מיין טאַטן...

איך האָב פאַרגעסן אין מיין ברודער, אין דער שטוב. מיר האָט זיך געוואָלט אויסמאָלן מיט מיינע פאַרבן דאָס גרויע, אומעטיקע הויז, די שוואַרצע קראַטן און דאָס ליד, וואָס האָט געהאַט אין זיך אַזוי פיל טרויער און בענקשאַפט. איך האָב געזען די גרינע אויגן און בלאַנקענדיקע ציין פון דעם מיידל.

און חנה האָט אַלץ געזונגען.

*

דער אָוונט האָט זיך געצויגן מאָדנע לאַנג. צווישן איין דרימל און דעם אַנדערן האָט חנה דערציילט מעשיות פון אַלטע צייטן, פון גרויסע גנבים, וואָס האָבן געפירט אַ „מלכותדיק לעבן", וואָס האָבן „געדאַוונט אַלע טאָג" און האָבן געהאָלפן דעם אָרעמען מענטש, געגעבן נדבות, „חתונה געמאַכט אָרעמע יתומות". זי האָט דערציילט וועגן „פּראַגער רבילע", וואָס האָט געגעבן ברכות און קמיעות די גנבים.

דער פייכטער טיף־ווינטערדיקער אָוונט, די טונקלקייט פון דער שטוב, די אומעטיקייט פון דער וועלט, די מעשיות און לידער, וואָס חנה האָט דערציילט און אויסגעזונגען, האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין איין טריבער, אומפאַרשטענדלעכער וועלט, אין וועלכער עס בלאָנדזשעט ערגעץ אַרום מיין ברודער.

איך בין נאָכגעגאַנגען אין געדאַנק דער מאַמען, וואָס וואַנדלט מיט עליאַשן איבער די שטרענגע און דראָענדיקע טירן פון די שפּיטעלער, אַרעסטן און פּאָליציי־„אוטשאַסטקעס", ווו עס טראָגט זיך דער ענגער ריח פון קאַרבאָל, וואָס מען פילט אין אַלע ערטער פון אומגליק, און ווידער האָב איך פאַר זיך דערזען פאַלוסעס האַרטן געלן קאָפּ, וואָס האָט ווי אַ שטיין זיך געקלאַפּט אין די ברעטער פונעם לויפנדיקן וואָגן.

חנה האָט געדרימלט מיט איר האַרטן, ווי אייזערנעם אָטעם, ווי מען

וואָלט געזעגט אַ בוים. זי האָט גערעדט צו זיך אַליין, זיך געוועקט מיט ווילדער שרעק און געזייט אָפּגעריסענע רייד, האָט זיך צו מאָל צעלאַכט מיט אַ כליפּענדיק געלעכטער, ווי זי וואָלט געוויינט. עס זענען געגאַנגען פון איר שרעקן, ווי זי וואָלט זיך איבערגערעדט מיט נישט געזעענע באַשעפענישן.

איך האָב מורא געקריגן אַרויסצוגיין פון קיך. איך האָב געהערט ווי די שוועסטער האָט אין דער צווייטער שטוב עפּעס געלערנט פון אויסנווייניק. זי האָט מעכאַניש, מיט איר ברייטער, געצערטלטער שטים, אין איר קלינגענדיקן פויליש, כסדר איבערגעחזרט ווערטער. אין מיר האָט זיך פאַרהאַלטן דאָס וואָרט „לאַנקאַ" און איך האָב זיך דערמאָנט אין אַ גרין פעלד פון דער זומער־ווווינונג, וווּ די זון האָט געשיינט אין דער פריידיקער גרינקייט פון דער לאַנקע. עס האָט מיר איצט אויסגעזען אַזוי ווייט, ווי נישט איך וואָלט דאָרט געווען, ווי עס וואָלט געווען אַ ווייטער חלום.

איך האָב זיך געוואָלט באַהעפטן מיט אַ סך פריידן, וואָס זענען פאַרשוווּנדן מיט דעם זומער, אָבער אַלץ איז איצט אַנטלאָפן פון מיר, ווי אַ גאַט וואָלט זיך געבייזערט אויף מיר און מיך געלאָזן אַליין מיט חנהן, וואָס האָט זיך געוויגט ווי אַ קנויל אָרעמקייט. איך האָב געפילט ווי אַ מידער דרימל, ווי אַ נעפּל שטייט אויף אין מיין קאָפּ. איך האָב נישט געקאָנט פאַרבינדן די וועלט פון אָרום מיט אונדזער שטוב, גלייך מיר וואָלטן זיך אָפּגעריסן און פאַרטראָגן געוואָרן. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אויך דער טאַטע האָט זיך אָפּגעריסן פון אונדז. איך האָב אים פּלוצלינג דערזען אין ערגעץ ווייטע, פריילעכע גאַסן פון די רוסישע שטעט. איך האָב זיך דערמאָנט ווי די מאַמע האָט אַלע מאָל געזאָגט וועגן דעם טאַטנס אַוועקפאָרן, אַז אים „איז דאָרט גוט". איך האָב מיר פאַרגעשטעלט די רוסישע שטעט אין ווייסן, בלענדנדיקן, פריילעכן שניי, מיט שליטנס געשפּאַנטע אין צעפלאַשעטע פערד, מיט לוסטיקע גלעקלעך, ווי איך האָב עס געזען אויף די רוסישע לאַק־פּודעלעך און געהערט אין די רוסישע לידער.

איך האָב איצט געזען דעם טאַטן אַ פרישן און געזונטן, מיט דער באַזונדערער יוגנטלעכער קרעפטיקייט, וואָס האָט געשלאָגן פון אים, ווען ער האָט גערעדט רוסיש, די שפּראַך, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט זיינע זעלנערישע יונגע יאָרן.

איך האָב איצט געפילט ווי אַ פּאַרדראָס אויפן טאַטן, וואָס ער האָט אונדז איבערגעלאָזן. פאַר מיר איז ווי אין אַ ווייטן נעפּל אויפגעשטאַנען דעם פּעטער אָשרס רייכע שטוב, ווו עס איז איצט ליכטיק און פריילעך. מיר האָט זיך פאַרוואָלט דורכלויפן די עטלעכע גאַסן, וואָס טיילן אונדז אָפּ, אַריינגיין אַהין און עפּעס זאָגן, אויסשרייען, זיי זאָלן אָפּגעבן דעם טאַטן; פאַר וואָס זענען זיי אַזוי ווייט און פרעמד.

עס איז שוין, זעט אויס, געווען שפּעט. מען האָט זעלטן ווען געהערט אַ קלאַנג פון דעם דרימלענדיקן הויף. חנהס שאָטן האָט פאַרנומען די גאַנצע קיך, האָט זיך געוויגט פּאַמעלעך אויף דער רויטלעך־שוואַרצער וואַנט, ווי זי וואָלט געווען פון קאַפּעטש, וואָס האָט זיך געטראָגן פון דעם לעמפּל. עס איז געוואָרן אַלץ שטילער און שטילער.

מיט אַ מאָל האָט עפּעס שווער און טויב אַ קלאַפּ געטאָן, ווי די פינצטערניש וואָלט אויפגעריסן. איך האָב דערהערט אַ פאַרדומפּן געשריי, ווי פון אַ פאַרשטיקטן האַלדז. איך האָב געעפנט די אויגן און נישט געוווּסט ווו איך בין. אַ ראַציקער שטאָך האָט זיך איבערגעגליטשט איבערן האַרץ און איך האָב דערזען חנהן. זי איז געלעגן אויף דער ערד און געוואָרפן מיט די הענט און מיט די פיס, ווי זי וואָלט זיך מיט עמעצן געשלאָגן. זי האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס טוך און געבליבן זיצן מיט אויפגעריסענע אויגן. דאָס פאַרשטיקטע געשריי האָט זיך געריסן פון איר:

— אַוועק... אַוועק... דאָס גאָלדענע קינד... דאָס גאָלדענע קינד...

עס האָט זיך געדאַכט, אַז נישט זי שרייט, נאָר עפּעס שרייט אַרויס פון איר, ווי פון אַ ווײַסטער, פאַרדומפּענער טיפקייט.

די שוועסטער איז אַריין פון דער צווייטער שטוב אויף דעם געשריי מיט אויפגעריסענע אויגן פון שרעק.

איך האָב צונויפגענומען דעם גאַנצן אָטעם, וואָס איז ווי פאַרשטעקט געבליבן און איך האָב אויסגעשריגן.

— חנה...

חנה האָט זיך אויפגעהויבן פון דער ערד. זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין דער קיך, פאַרוואָרפן דעם קאָפּ און האָט זיך שטיל און הייס צעוויינט.

מיר זענען ביידע געשטאַנען נעבן איר, אירע אויגן זענען נאָך אַלץ געלאָפן מיט אומזיניקער גיכקייט, ווי זי וואָלט נאָך אַלץ עפּעס געזוכט. זי האָט כליפּענדיק ווי צו זיך גערעדט:

— דער טויטער ייד... דאָס גאָלדענע קינד... אָט דאָ... דאָ איז ער אַרומגעגאַנגען... דאָס פּנים ווייס, ווי ביי אַ מת... וויי איז מיר...

פון דער צווייטער שטוב האָט זיך דערהערט דאָס פּכיקען פונעם קינד, וואָס האָט זיך אויפגעוועקט. דאָס קינד האָט שטיל גערופן: „מאַמע" און די שוועסטער איז אַוועק צו אים. איך האָב איצט מורא געהאַט פאַר חנהן, נאָר איך האָב זיך געשעמט דאָס אַרויסווייזן פאַר דער שוועסטער. פון חנהן איז געגאַנגען עפּעס אַ פיבער:

— חנה... — האָב איך געפרעגט — חנה... וואָס איז... אַ חלום?

זי האָט געקוקט אויף מיר און שטיל פאַרטראָגן אָנגעהויבן:

— דאָ איז ער אַרומגעגאַנגען... כ'האָב אָנגעהויבן שרייען... איז ער אַוועק...

אַ גרויליקע שרעק האָט אויפגעצאַפּלט אין מיר. איך האָב אויס־געשריגן:

— ווער?...

— דער טויטער ייד, אוי וויי מיר... דער טויטער ייד... הלוואַי זאָל עס אויסגיין צום גוטן...

— ווער איז דער טויטער ייד?... — האָב איך אַ געשריי געטאָן, כדי מיט דעם געשריי איבערצורייסן די שרעק.

— ער קומט נאָך אַ נדבה... מען הערט נישט ווי ער קומט אַריין... און מען זעט נישט ווי ער גייט אַרויס... דערנאָך...

איך האָב געפילט ווי דאָס האַרץ האָט זיך אַראָפּגעלאָזן, ווי איך וואָלט אַראָפּגעפאַלן פון אַ הויכן שטאָק. איך האָב, דאַכט זיך, געוווּסט וואָס זי וועט זאָגן. און זי האָט געזאָגט:

— דערנאָך... שטאַרבן... די קינדער...

פּלוצלינג האָב איך דערזען די שוועסטער. זי איז געשטאַנען אויף דער שוועל, אירע אויגן האָבן געברענט מיט אַ גרויען פלאַם. זי איז איצט געוועזן מאָדנע גרויס, גרעסער פון דער מאַמען:

— זאָל זי גיין!... — האָט זי מיט אַ מאָל אויסגעשריגן מיט עפּעס אַ שאַרפן ווייבערישן כוח — זאָל זי גיין...

און ווי זי וואָלט גענומען צו הילף איר גאַנצע שיינקייט, האָט זי באַפעלעריש אויפגעהויבן איר ווייסע, קרעפטיקע האַנט און צוגעוואָרפן אויף פויליש:

— „ניעך אָנאַ אידזשע!"...

חנה האָט געוויינט און געבעטן:

— כ׳גיי, טייער קינד... כ׳גיי... היינט איז דאָנערשטיק... ווו איז דאָס גאָלדענע קינד?...

זי האָט צונויפגענומען אירע שמאַטעס, און מיט געקלימפּער פון אירע באַרשטן און בלעכענעם קובל, זיך אַרויסגעפּאַקט פון דער טיר.

די שוועסטער איז אַלץ געשטאַנען מיט אַן אויפגעהויבענער האַנט און אירע אויגן האָבן געבליצט.

*

נאָך חנהס אַוועקגיין איז געבליבן אַ שרעקיקע שטילקייט. ווי אָפּ־גערעדט מיט דער שוועסטער, זענען מיר ביידע אַריין אין דעם צווייטן צימער. מיר זענען צוגעגאַנגען צום קינד, וואָס האָט זיך געוועקט, גע־דרייט מיטן קעפּל, ווי עס וואָלט אים ענג געווען אין בעטל. מיר זענען געשטאַנען אַנגעבויגן איבערן קינד. די שוועסטער האָט שוין נישט צוריק־געקערט צו אירע ביכער. מיר האָבן זיך שטום אָנגעקוקט און נישט גערעדט קיין וואָרט. מיין האַרץ האָט זיך נאָך אַלץ געוואָרפן. איך האָב געוווסט, אַז ביידע קלערן מיר וועגן דעם זעלבן.

אונדזערע הענט האָבן זיך באַגעגנט אויפן קינדס קעפּל, וואָס האָט זיך אונדז אַרויסגעוויזן מאָדנע הייס. די שוועסטער האָט, זעט אויס, אַזוי ווי איך, געוואָלט דאָס קינד אַרויסרייסן פון דעם פאַרטראָגענעם שלאָף, וואָס האָט אונדז איצט געשראָקן.

ענדלעך האָט דאָס קינד מיט אַן אומצופרידענער, האַלב־וויינענדיקער מינע אויפגעוואַכט, געעפנט די אויגן, געקוקט אויף אונדז ווילד, אָפּ־וועזנדיק. און פּלוצלינג, ווי עס וואָלט אונדז ערשט איצט דערקענט, זיך פאַרגאָסן מיט אַ ליכטיקן שמייכל אַרויסווייזנדיק די בייע, וואַרעמע ציינדלעך.

ביידע האָבן מיר איצט געהאַט איין פאַרלאַנג, אַרויסצוקריגן פונעם קינד אַלע זיינע תנועות, די גאַנצע זיסקייט פון זיינע פלאַפּלענדיקע ווערטער, וואָס זענען אַריינגעוואַקסן און געשפּילט ווי זון־פלעקן אויף די ווענט פון דער שטוב.

דאָס קינד האָט שוין איצט קלינגענדיק געלאַכט, געוואָרפן מיט די הענטלעך, פאַרדעקט די אייגעלעך מיט די פּוכיקע הענטלעך, ווי עס

וואָלט זיך באַהאַלטן און אויפגעשטראַלט מיט דער שפּיל פון זיינע גרויסע, פרישע יידענע אויגן.

די שוועסטער האָט מיט אַ זשעדנער אייפערזוכט אָפּגעווענדט מיינע הענט מיט אַ מאָדנער גייציקייט, ווי זי וואָלט וועלן אויסטרינקען די גאַנצע זיסקייט פון דעם קליינעם מענטש. זי האָט זיך מיט אַ ווייבערישער און מאַמעשער אומהיימלעכקייט איינגעגראָבן מיט די ליפּן אין דער ווייכקייט פונעם קינדס לייב ווי זי וואָלט עס געוואָלט היילן, פאַרהאַלטן, אַרויסרייסן פון נישט געזעענע, דראָענדיקע געפאַרן. דאָס איז מיר קלאָר געוואָרן, ווען איך האָב פּלוצלינג דערזען אין דער שוועסטערס ווייַעס דעם פייכטן גלאַנץ פון אַ טרער.

לאַנג האָט דאָס קינד געפּלאַפּלט, זיך געשפּילט, זיך אויפגעשטעלט אויפן בעטל און זיך געיאָגט נאָך די שאָטנס אויף דער וואַנט און נאָר ווען דאָס קינד האָט דערמאָנט די מאַמע, האָט מען זיך דערמאָנט וווהין זי איז געגאַנגען אין דעם לאַנגן, אומעטיקן ווינטער־אָוונט.

ענדלעך האָבן מיר דערהערט, ווי די טיר האָט זיך געעפנט און מיר האָבן אויף דער שוועל דערזען די מאַמע, הינטער איר איז געשטאַנען די הויכע, גלייכע פיגור פון עליאַשן. די מאַמע האָט געהאַט פאַרקוועטשטע ליפּן. זי האָט געשוויגן. זי האָט זיך אַפילו נישט אָנגערופן צום קינד, וואָס האָט זיך צו איר געצויגן. זי האָט לאַנגזאַם אַראָפּגענומען איר פוטערן רוסיש היטל, וואָס איז געווען פאַרשטעקט מיט דער שוואַרצער שפּילקע. זי האָט אַראָפּגענומען דעם מאַנטל מיט די בופן און געבליבן אין איר שוואַרצער זיידענער בלוזקע, וואָס האָט זי געמאַכט יוגנטלעך־שלאַנק און אַרומגענומען איר הויכן האַלדז מיט אַ קליין קעלנערל, פאַרמאַכט מיט אַ גאָלדענער, געבויגענער בראָשקע מיט די רוסישע בוכשטאַבן פון איר נאָמען: „סאָניאַ".

זי האָט שטרענג אַ קוק געטאָן אויף אונדז און מיט אַ טרוקענער שטים אַ זאָג געטאָן:

— עס קומט אונדז אַ שוואַרצער מזל־טוב... איך האָב שוין אַ זון אין טורמע...

14

קיינער האָט מער אין דעם אָוונט נישט גערעדט. אויב די מאַמע האָט געזאָגט אַ וואָרט, איז עס געווען מיט דער זעלבער, נייער, טרוקענער

שטים, מיט וועלכער זי האָט אָנגעזאָגט, אַז דער ברודער זיצט אין טורמע. מיט דער זעלבער שטים האָט זי אויך געפרעגט עליאַשן צי ער וועט טרינקען טיי, אָבער עליאַש האָט זיך געזעגנט און איז אַוועקגעגאַנגען. עס האָט זיך געדאַכט, אַז אין אונדזער שטוב האָט זיך אַריינגעטראָגן עפּעס פון יענער טורמע, וווּ דער ברודער זיצט: אַ פאַרמאַכטקייט און אָפּגעריסנקייט פון דער וועלט. און מאָדנע ווילד איז געווען, וואָס די שוועסטער, ווי זי וואָלט געוואָלט זיך אָפּטיילן פון דער באַפלעקטער שטוב, האָט זיך גענומען וואַשן, ווי אַלע מאָל, צום שלאָף, צונויפלייגן אירע ביכער און קאַיעטן מיט דער בלאַנקענדיקער אָרדענונג צו גיין אין שקאָלע.

איך בין נאָך לאַנג געזעסן. מיך האָט איצט די טורמע נישט געשראָקן. איך בין אין מיין זינען אויך געווען מיטן ברודער דאָרט. איך האָב אים געהיטן. איך האָב אים מער נישט געזען בלאָנדזשען איבער די שרעקיקע וועגן פון געפאַר. איך האָב אים ווי צוריק געפונען און אין מיר איז אַריינגעטרעטן אַ רויִקייט.

דערנאָך בין איך, זעט אויס, געשלאָפן, אָבער עפּעס האָט מיך גע־מאַטערט אין שלאָף. עפּעס אַ דריקנדיקער, צעריסענער חלום. עפּעס איז עמעצער געווען, וועלכן איך האָב נישט געזען. איך האָב נאָר געוווּסט, אַז ער איז דאָ. ער איז אַרומגעגאַנגען אַ נישט געזעענער. עפּעס עמעצער, וואָס איז מיר געווען באַקאַנט, האָט דאָ אַרומגעשפּאַנט, ווי ער וואָלט זיך געשפּילט מיט מיר אין באַהעלטעניש. איך האָב געפילט ווי אַ היץ פאַרגיסט מיך, וויגט זיך אין מיין מוח ווי דעמאָלט, ווען איך בין געווען קראַנק. קיין זאַך אַרום מיר איז נישט קלאָר, אַלץ וויגט זיך, און דער וואָס גייט דאָ אַרום, ווייזט זיך נישט. אָט־אָט וועל איך אים דערזען. איך ווייס, דאַכט זיך, ווער דאָס איז, נאָר איך האָב מורא צו קלערן, אַז דאָס איז — ער. אָט־אָט דערזע איך אים. ניין, איך וויל אים נישט זען. איך פאַרמאַך די אויגן, אָבער איך זע אים. דאָס איז ער, ער איז ווייס און ווייך ווי געמאַכט פון גאַז. ער גייט ווי אַ בלינדער, ער איז אַלט און ווייס און טויט.

דער „טויטער ייד".

מיט אַ מאָל האָב איך דערהערט שאַרפע, ווי בייטאָגיקע טריט נעבן מיר און אַרום מיר. עפּעס אַ ליכט האָט אָנגעקלאַפּט אין מיינע פאַרמאַכטע

אויגן. איך בין שוין נישט געשלאָפן. איך האָב מורא געהאַט די אויגן צו עפענען.

אַזעלכע איילנדיקע טריט אין דער נאַכט און אַזאַ ליכט האָב איך שוין איבערגעלעבט, ווען די מאַמע איז אַ מאָל קראַנק געוואָרן אין מיטן דער נאַכט. דאָס מאָל האָב איך געהערט דער מאַמעס טריט, איר צאַפּלענדיקן אָטעם. איך האָב אַפילו געהערט דאָס קנאַקן פון אירע פּאַרבראָכענע הענט. איך האָב געהערט איר פאַרדריקטע שטים:

— ווי איז מיר... ווינד איז מיר...

ניין, נישט די מאַמע איז קראַנק.

איך האָב זיך אויפגעזעצט אויפן געלעגער און אויפגעריסן די אויגן.

ווו איז דאָס קינד?

דאָס קינד איז געלעגן אין דער מאַמעס בעט, עפּעס ווי אַוועקגעוואָרפן אין דעם בעטגעוואַנט. אַ שאַרפער, פרעמדער, הייסער ריח האָט זיך געטראָגן איבער דער שטוב, און נאָך אַ ריח, אַ ריח פון געפּאַר, וואָס האָט ערגעץ, ווו מיט אַ דינער נאָדל געשטאָכן אין דער מיט פונעם האַרץ. די מאַמע האָט ברייט און איילנדיק געשפּאַנט, אירע ליפּן האָבן געציטערט ווי פון קעלט און זי האָט אַלץ איבערגעחזרט:

— ווי איז מיר... וואָס טוט מען?...

זי האָט געקוקט אין דער אומעטיקער טונקלקייט פון די פענצטער, ווי זי וואָלט אויף וועמען געוואַרט.

ביים טיש איז געשטאַנען די שוועסטער. זי האָט געהאַט באָרוועסע פיס. זי האָט געצאַפּלט פון קעלט. דער שוועסטערס באָרוועסע פיס האָבן מיך אַממייניסטן איבערראַשט. אַזאַ דערוואַקסנקייט איז געלעגן אין איר נאַקעטער הויט. איך האָב נאָך קיין מאָל נישט געזען איר געשטערטן שלאָף, אַפילו ווען די מאַמע איז קראַנק געווען. איך האָב איצט אין איר דערוואַקסנקייט און איר צאַפּלען דערזען אַן אומגליק, וואָס איז אַנגעפאַלן אויף אונדזער שטוב.

איך בין אַראָפּ פונעם געלעגער אין העמד און צוגעלאָפן צו דער מאַמען. די מאַמע האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן ווי אויף אַ פרעמדן. זי איז כסדר געגאַנגען, ווי געיאָגט דורך וועמען. איך בין איר נאָכגעגאַנגען, ביז זי האָט אַרומגענומען מיין קאָפּ און זיך הייס צעוויינט. אירע טרערן האָבן אַ ברי געטאָן מיין פּנים און זי האָט מיך איבערגעגעבן דער

שוועסטער, וואָס האָט מיט אירע ווייסע, ווייכע הענט מיך גענומען גלעטן איבערן פּנים, ווי זי וואָלט מיך געקנייפּט.

אירע הענט האָבן געשמעקט מיט דעם ריח פון „פּולס"־זייף, וואָס נאָר זי אַליין האָט אין שטוב גענוצט, און אירע פינגער, וואָס האָבן געבלאָנדזשעט איבער מיין פּנים, האָבן ווי גערעדט.

די מאַמע האָט זיך געזעצט און זיך אויפגעהויבן, ווי עס וואָלט איר געווען נישט באַקוועם צו זיצן. זי האָט זיך אַלע מאָל אַ פּאַטש געטאָן איבער די קני, ווי זי וואָלט זיך אָן עפּעס דערמאָנט און ווידער געשפּרייזט.

די שוועסטערס צעלאָזענע האָר האָבן פאַרשטעלט מיינע אויגן. איך האָב דורך זיי געזען ווי אַ גאָלדיקן נעפּל. די שוועסטער איז געווען גרויס און וואַרעם, כאָטש זי האָט געציטערט פון קעלט. איך האָב זיך אַריינגעגראָבן אין איר. איך האָב איר געוואָלט זאָגן וועגן מיין חלום, וועגן דעם „טויטן ייד", און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דערמיט וועל איך עפּעס ערגער מאַכן. בין איך אַזוי געשטאַנען, צוגעשפּאַרט צו דער שוועסטער נעבן טיש און אין פאַרגליווערטער שרעק זיך דערמאָנט ווי די מאַמע האָט אַ מאָל דערציילט איר אַלטער חברטע, דער פרוי ליבערמאַן, וואָס פלעגט קומען שבת פאַר נאַכט, זיצן מיט דער מאַמען אין דער פינצטער און זיך באַקלאָגן אויף איר „שלעכטן מאַן". דעמאָלט האָט איר די מאַמע דערציילט וועגן זיי, וועגן די קינדער, וואָס זענען ביי איר „פאַרכאַפּט" געוואָרן, ווען זי האָט אין מיטן דער נאַכט דערהערט דעם „גוטן הוסט"...

— דאָס קינד האָט מיר אַ הוסט געטאָן „ווי אַ הונט"...

איך האָב מורא געהאַט צו הערן ווי דאָס קינד „הוסט ווי אַ הונט" און באַלד האָבן מיינע אויערן זיך אָנגעפילט מיט אַ וואָיען פון הינט.

אַזוי בין איך געזעסן לאַנג און געקוקט אינעם נעפּל. איך האָב געזען ווי די מאַמע האָט צו דער ברענענדיקער לאָמפּ נאָך אָנגעצונדן אַ ליכט אינעם שבתדיקן לייכטער. דאָס ליכט האָט ווילד און עלנט געברענט. איך האָב געזען דאָס בעט מיטן קינד, ווי פון גאָר ווייט, דאָרט, איז געלעגן אַן אָפּגעזונדערטע שטילקייט. איך האָב געפילט, אַז דאָס קליינע ברודערל איז ווי פאַרשטעלט פאַר אונדז פון עפּעס אַ בייזן, ווייטן כוח.

די נאַכט האָט זיך נאָך אַלץ געצויגן. איך בין עטלעכע מאָל איינגעשלאָפן און זיך אויפגעכאַפּט ווי פון עפּעס אַן אַנלויפנדיקן רעש. און

ווידער האָב איך דערזען די משונהדיקע שײַן פון דער לאָמפּ און פון דעם ברענענדיקן ליכט.

דערנאָך האָט אָנגעהויבן טאָגן און אַ מאַטע, גרויע מוטנעקייט האָט זיך אָוועקגעשטעלט הינטערן פענצטער, ווי אַ בעטלער. אָבער דאָס ליכט אינעם לייכטער האָט נאָך אַלץ געברענט. מען האָט עס, זעט אויס, פאַרגעסן צו פאַרלעשן.

די שטוב האָט זיך צעטיילט ווי אויף צוויי האַלבע שטובן. די האַלבע, וווּ דאָס בעט מיטן קינד איז געשטאַנען, האָט זיך ווי אָפּגעטיילט מיט אַ נישט־געזעענער וואַנט. ווי פון גאָר ווייט, האָב איך געזען ווי די מאַמע האָט זיך געבויגן איבערן קינד, עס צוגעדעקט און אָפּגעדעקט, זיך צו־געהערט, זיך געוויגט איבער דעם, זיך געכאַפּט פאַרן האַרץ, פאַרן קאָפּ. זי האָט עפּעס גערעדט, ווי זיך געבעטן.

איך האָב געוואָלט הערן אַ קלאַנג פונעם קינד, אָבער דאָס קינד איז געווען שטיל און די שטילקייט האָט געוואָיעט אין מײַנע אויערן ווי אַ ווינט.

*

פּלוצלינג, ווי אַלץ וואָלט פאַרזונקען געוואָרן אַרום מיר, בין איך שווער און הייס אײַנגעשלאָפן. איך האָב נאָר געפילט ווי די שוועסטער האָט מיך אַ פּיר געטאָן צו מײַן געלעגער און דער שאַרפער ריח פון „פּולס״־זייף האָט מיר שאַרף אַ דריי געטאָן אין דער נאָז. איך האָב זיך אײַנגעגראָבן אין קישן און ווי אַ מאָדנע זיס געטראַנק האָב איך אַ שלונג געטאָן דעם שלאָף. עס האָט מיך אַ טראָג געטאָן, ווי איך וואָלט געפלויגן אַראָפּ, אין אַ טיפער, גלעטנדיקער ווייכקייט.

איך ווייס נישט ווי לאַנג איך בין געשלאָפן. ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, איז הינטערן פענצטער, ווי אַלע טאָג, געווען האַלב ליכטיק און די טונקעלע וואַנט פונעם קעגנאיבערדיקן הויז איז געווען נאַס. עס האָט, זעט אויס, גערעגנט.

די קאַלטע, ווײַסלעכע ליכט איז געשטאַנען, ווי עס וואָלט גאָרנישט געשען. דאָס ליכט אינעם לייכטער האָט אַלץ געברענט מיט אַ בייטאָגיק פלעמל, ווי אַ געל בלעטל, ווי עס וואָלט נישט געווען קיין פייער.

איך האָב זיך געוואָלט עפּעס דערמאָנען. אפשר איז אַלץ געווען אַ חלום? נאָר איך האָב דערזען די מאַמע. זי האָט ווידער געבראָכן די

הענט. איצט האָבן אירע הענט זיך געריסן אַרויף. אויך איר בליק איז געווען אויפגעהויבן, ווי זי וואָלט צו עמעצן אַרויפגערעדט.

די שוועסטער איז געווען אָנגעטאָן אין אַן אַלטן מאַנטל מיט איר שולבערעט אויפן קאָפּ, ווי זי וואָלט ערגעץ געגאַנגען, אָדער שוין גע־קומען צוריק. זי האָט געטראָגן אַ שטול צום טיש, ווי זי וואָלט עמעצן געבעטן זיצן. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט און שטרענג אַ זאָג געטאָן:

— שטיי אויף... וואָס ליגסטו?...

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז עס דאַרף קומען דער דאָקטער.

אין שטוב איז געווען אַ געאייל. די טיר איז געווען אָפן. עס האָט זיך אַריינגעטראָגן אַ פייכטע קעלט און קיינער האָט נישט פאַרמאַכט די טיר. ווייבער פונעם הויף האָבן אַריינגעקוקט און זענען אַרויסגעגאַנגען. אין דער קיך איז געשטאַנען די סוחרטע פונעם שפּייז־געוועלב, זי האָט געטראָגן אין פאַרטעך פרישע זעמל, זיי אַוועקגעלייגט אויפן טיש און זיך געווישט מיטן פאַרטעך די אויגן.

איך האָב געזוכט דאָס בעט מיטן קינד און דערזען, אַז דאָס בעט איז פאַרשטעלט מיט אַ ווענטל. דאָס ווענטל האָט מען אַ מאָל געברענגט פונעם פעטערס פאַבריק, ווען די מאַמע האָט געבוירן דאָס קינד און געלעגן אין בעט. איך האָב זיך איצט דערמאָנט, אַז דאָס ווענטל איז געשטאַנען הינטער דער שאַנק ביי דער וואַנט. איצט איז דאָס ווענטל געווען איבערדעקט מיט אַ קאָלדרע און פאַרשטעלט דאָס בעט מיטן קינד.

איך האָב זיך גיך אָנגעטאָן, און, איך ווייס נישט צוליב וואָס, איך בין אַרויס פון שטוב. איך בין געשטאַנען אויף די טרעפּ און אַרויס־געקוקט אויפן הויף. עס האָט געמוזט זיין נאָך פרי. איך האָב פּלוצלינג געוואָלט זען דעם הימל. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך וועל עפּעס זען.

אויף צו זען דעם הימל, האָב איך געמוזט אַרויפגיין אויף נאָך אַ שטאָק העכער. דער הימל איז געווען גרוי און קאַלט, ווי פאַרקילט וואַסער.

איך האָב זיך אַרומגעקוקט און דערזען די אַלטע, שוואַרצלעכע ווענט פונעם הויז. און איך האָב זיך דערמאָנט, ווי פון די טרעפּ האָט מען אַראָפּגעטראָגן אַ שוואַרצן קאַסטן מיט דעם געשטאַרבענעם שכן, ווי איך האָב פון דער הייך אַריינגעקוקט אינעם קאַסטן און גאָרנישט געזען, ווי דער קאַסטן וואָלט געווען ליידיק.

אַ שוואַרצלעכע גרויקייט איז געלעגן אויף אַלעם אין דעם אינדערפרי, ווי די וועלט וואָלט פאַרלאָשן געוואָרן פון יעדער פאַרב. אַלץ איז געווען

אויסגעניייט מיט גרויען, אומעטיקן פאָדעם, אונדזער שטוב איז געוואָרן קראַנק, איינגעפאַלן און אַוועקגעוואָרפן אין אַ בייזן הפקר. נאָר איין ווינקל אין שטוב האָט געברענט מיט אַ שאַרפן ווייטיק, דער ווינקל הינטער דעם ווענטל, ווו עס איז געלעגן דאָס קינד, אָפּגעצוימט און אָפּ־געפרעמדט, ווי עס וואָלט שוין נישט געווען אונדזערס.

איך האָב זיך אַרומגעדרייט און נישט געקאָנט פאַר זיך געפונען קיין אָרט. איך האָב ווי צום ערשטן מאָל דערזען אונדזער שטוב און אין יעדן ווינקל האָב איך געפונען זאַכן, וועלכע איך האָב קיין מאָל נישט געדענקט, און עס האָט זיך אַלץ אויסגעוויזן, אַז עפּעס עמעץ אַ פרעמדער הערשט דאָ, האָט אונדז אַלע צעטיילט און צעריסן. דער ברודער איז היינט אַרויס פון מיין זינען, ווי ער וואָלט קיין מאָל נישט געווען. אויך דער טאַטע איז פאַרבלייבט געוואָרן ערגעץ ווייט. עס איז געבליבן נאָר די מאַמע, וואָס האָט זיך דאָרט הינטערן ווענטל געאַמפּערט מיט וועמען, וואָס רייסט פון אונדזער שטוב אַרויס דאָס קינד.

ווער האָט אונדז צעטיילט און צוגעכאַפּט ביי אונדז אונדזער שטוב? ווער האָט אַרויפגעוואָרפן אַזאַ ווייטיקלעכן קלעם אויף אונדז? איך האָב אַרומגעבלאָנדזשעט ווי אין אַ פינצטערניש און יעדעס מאָל האָט זיך אָפּגערופן אין מיינע אויערן דער קלאַנג פון דעם קינדס שטים, אָדער די גיכע, קלאַפּנדיקע טריטלעך פון זיינע פיסעלעך ביי די שוועלן פון דער טיר. די רייסנדיקע בענקשאַפט האָט מיך געטריבן נאָך אַ מאָל צו הערן זיין געלעכטער און צו פילן די הייסע קרעפטיקייט פון זיינע גלידער. אָבער צווישן מיר און דעם קינד איז איצט געשטאַנען אַ גרויסע, שרעק־קיקע און הייליקע אָפּגעזונדערטקייט, קעגן וועלכער עס איז נישט געווען קיין שום כוח.

נישט געקוקט דערויף, וואָס אַרום אונדזער שטוב איז געגאַנגען אַזאַ גערודער און פרעמדע מענטשן האָבן געעפנט די טיר, אַריינגעשטעקט די קעפּ, זיך שטיל איבערגערעדט מיט די שכנים, פרויען און מענער, האָב איך דערפילט, אַז עס איז נאָך פרי, אַז עס איז נאָך נישט קיין פולער טאָג, אַז עס ליגט נאָך אויף דער וועלט אַ דרימל און אַ סוד פון דער נאַכט און אירע שרעקן. דאָס איז מיר קלאָר געוואָרן מיט אַ מאָל און עס איז מיר געוואָרן פאַרשטענדלעך די אַנדערשקייט און די רויע מאַטקייט פון נישט־פאַרטיקייט, וואָס איז געלעגן אויסגעגאָסן אויף דער וועלט.

דאָרט, ביים קינד הינטערן ווענטל, פון וואַנען עס האָבן זיך דער־טראָגן דער מאַמעס רייסנדיקע קלאַנגען, פאַרשטיקטע, ווי זי וואָלט זיך געשלאָגן מיט ווענטן, איז נאָך געלעגן אַ שטיק נאַכט, וואָס האָט נישט געוואָלט אַוועקגיין, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך גיי אַרום אויף נישט קיין זיכערער ערד, וואָס געהער צו אַנדערע, נישט־געזוענטע באַ־שעפענישן; אַז דער טאָג דער שווערער, אַנגעפילט מיט אומפאַר־שטענדלעכע געשעענישן, דאַרף איצט קומען, און מיט אַ נייעם עול און שרעק האָב איך געוואַרט אויף דעם טאָג. עס איז נישט געווען אין גאַר־נישט קיין ענלעכקייט צו די געוויינלעכע טעג פון מיין לעבן, ווען איך האָב געעפנט די אויגן אין די אינדערפריען אַריין, ווו עס האָט אויף מיר געוואַרט מיין לעבן, מיין אייגנס און זיכערס.

עס איז מיר איצט קלאָר געוואָרן וויפל לייטזעליקייט עס איז געווען פאַר מיר אין יעדן טאָג, ווען איך האָב אין די אינדערפריען, מיט פאַר־מאַכטע אויגן, אויפגענומען דאָס פרידלעכע אַוועקגיין פון דער שוועס־טעס אין דער שקאַלע, דעם לעבעדיקן ריח פון געבעקס און וואַרעמער מילך, די פריידיקע הייטערקייט אַרום דעם קינדס אַ ניי וואָרט. איך האָב ערשט דערפילט, וואָס פאַראַ מתנות עס זענען מיר געגעבן געוואָרן אין די געוויינלעכע אינדערפריען און איך האָב אין די פרעמדע שעהען הייס געבעטן זיי זאָלן צוריקקומען אַזעלכע, ווי פריער. מער וועל איך קיין מאָל גאָרנישט ווענלן.

*

עס איז אָבער אַלץ געגאַנגען אַנדערש.

עס האָט לאַנג געדויערט ביז וואַנען איך האָב זיך אַרויסגעקריגן פון דער נישט־טאָגיקער גרויקייט, און איך האָב דערפילט די שוועל פון דעם טאָג, וואָס האָט זיך געשטעלט מיט בלייכער געלקייט פון סוף ווינטער. עס איז אַוועק די פאַרטאָגיקע ליידיקייט, און דער רעש פון לעבן האָט אָנגעפילט די וועלט. איצט, אין געלן ליכט פונעם טאָג, איז אַלץ געוואָרן קלאָר, נישט צום אָפּווענדן. דער הויף האָט אויפגעוואַכט. אַרום אונדזער שטוב האָט זיך געטראָגן אַן איינגעהאַלטענער גערודער, וואָס האָט זיך פאַרהאַלטן הינטער אונדזער טיר. ווידער זענען געקומען מענטשן מיט פאַרקרומטע פנימער, האָבן אַ קוק געטאָן און פאַרשוווּנדן. באַלד האָט זיך אָנגעטראָגן עפּעס אַ שכנטע מיט אַ דערשראָקן געאייל,

אַנגעזאָגט, אַז צום טויער איז געקומען צו פאָרן אַ קאַטש מיטן דאָקטער. דאָס איז געווען דער „בייזער דאָקטער", וועלכן די מאַמע האָט אַזוי פיינט געהאַט. דער „מלאך המוות", וואָס האָט איר „דערהרגעט" די קינדער.

די שוועסטער איז אים אַנטקעגנגעלאָפן. ער איז אַריין אין שטוב מיט זיין שווערן, געלן פוטער, זיינע בייזע, גרויע אויגן האָבן אומעטיק געקוקט אין דער שטוב, ווי ער וואָלט עפּעס געזוכט.

די שוועסטער האָט אים אַראָפּגענומען דאָס פוטער, וואָס האָט גע־שמעקט מיט אַ ריח פון אַ קאַלטער ריינקייט. דער דאָקטער איז אַרויס פון דעם פוטער אַ מאָדנע קליינער, מיט אַראָפּגעהאָנגענע גרויע וואָנסן, ער האָט לאַנג און פאַמעלעך געווישט מיט אַ טיכל זיינע ברילן, און מיט זיינע אומעטיקע, טרוקענע אויגן אַלץ געקוקט אין די ווינקלען פון דער שטוב. די מאַמע האָט אים דערזען, און עפּעס האָט מיט איר אַ וואָרף געטאָן. באַלד איז די מאַמע מיט דעם דאָקטער אַרונטער הינטערן ווענטל צום קינד. די שוועסטער האָט אַוועקגעשטעלט אויפן טיש דעם טינטער מיט דער פעדער און איז אַוועק הינטערן ווענטל. איך בין געבליבן אַליין אין מיטן דער שטוב, און מיר האָט זיך הייס פאַרוואָלט דערהערן דעם קינדס געוויין ווי שטענדיק, ווען עס איז געקומען דער פעלדשער. אָבער עס איז געווען שטיל. איך האָב געהערט דעם דאָקטערס אָנפאַרביקע שטים. איך האָב געוואַרט אויף דער מאַמעס ענטפער, אָבער געענטפערט האָט נאָר די שוועסטער. ענדלעך האָב איך דערהערט דער מאַמעס שטים. זי האָט וואָיענדיק געוויינט ווי אַ קליין מיידל, ווי מען וואָלט זי געשלאָגן.

עס האָט זיך באַוויזן די שוועסטער, און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס איז די מאַמע, אַזוי ווי די מאַמע, האָט זי פאַרבראָכן די הענט, אַזוי האָבן אויך אירע אַקסלען געציטערט. איך האָב דערפילט, אַז אויך איך דאַרף עפּעס טאָן. כ'האָב זיך דערפילט ווי שולדיק און זיך געלאָזן צו דער טיר. די טיר איז געווען האַלב־אָפן, און פלוצלינג האָט זיך ווי אַ שטאָך איבערגעגליטשט איבער מיר. מיר איז געוואָרן הייס. אין דער טונקלקייט פון דער טיר האָב איך דערזען דעם טאַטן.

דער טאַטע איז געשטאַנען אַ מאָדנע קליינער, ער האָט זיך געוויגט, ווי ער וואָלט מורא געהאַט אַריינצוגיין אין שטוב. איך בין צוגעגאַנגען נאָענט צו אים און אָנגערירט זיין קאַלטן, פייכטן מאַנטל. איך האָב אָנגערירט זיין האַנט, אָבער זיין האַנט איז געווען שטייף און האָט זיך פאַר מיר נישט געעפנט.

דער סטרוזש וואַלענטי האָט שטיל, שפּרינגענדיק אויף די שפּיצן פון זיינע שווערע שטיוול, אַריינגעטראָגן דעם טאַטנס זאַכן אין קיך. דער טאַטע איז אַלץ געשטאַנען אויף דעם זעלבן אָרט.

איך האָב אַ לויף געטאָן און באַגעגנט די שוועסטער, וואָס איז אַרויס פון הינטערן ווענטל. איך האָב איר געוואָלט זאָגן און נישט געקאָנט אַרויסקריגן קיין שטים פון האַלדז. איך האָב זי אַ שלעפּ געטאָן צו דער טיר. זי האָט דערזען דעם טאַטן. זי האָט אַ צאַפּל געטאָן, אויפגעריסן די אויגן און אויפהייבנדיק די הענט, האָט זי אויסגעשריגן:

— טאַטע!...

זי האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַרן האַרץ און זיך שטיל אַראָפּגעלאָזן נעבן זיינע פיס ביז דער ערד. דער טאַטע האָט זי אונטערגעכאַפּט און זי אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול. ער האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם מאַנטל, ער האָט איינגעגראָבן דעם קאָפּ און די אַקסלען, ווי ער וואָלט זיך אָנגעבויגן אונטער אַ שווערער מאַסע. ער איז געווען מאָדנע קליין. ער האָט אַראָפּ־גענומען דעם הוט, זיינע האָר זענען געווען צוגעקלעפּט צום שטערן, ווי אין שווייס. ער איז אָפּגעגאַנגען אַ פּאָר שריט, און ווידער האָט עס אויסגעזען ווי ער וואָלט מורא געהאַט ווייטער צו גיין.

פון הינטערן ווענטל האָט זיך באַוויזן דער דאָקטער. די מאַמע איז געלאָפן פאַר אים, ווי זי וואָלט אים געוואָלט פאַרשטעלן דעם וועג. דער דאָקטער האָט צעשפּרייט די הענט, זיי אויפגעהויבן, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט פאַרהיטן פאַר דער מאַמעס ווערטער. ער האָט איצט דערזען דעם טאַטן, וואָס איז געשטאַנען פאַר אים מיט צערודערטע האָר, פאַר־קלעפּטע אויפן שטערן. דער דאָקטער איז צוגעגאַנגען צום טאַטן און ווי ער וואָלט געווען אַ קליין ייִנגל, האָט ער אים אַ גלעט געטאָן איבערן אַקסל. דאָ האָט די מאַמע דערזען דעם טאַטן. זי האָט אויף אַ מינוט געקוקט, ווי זי וואָלט אים נישט דערקענט, און פּלוצלינג אָנגעהויבן שרייען:

— שלעכט... שלעכט... ראַטעווע!

זי איז אַ פאַל געטאָן נעבן אים. דער טאַטע האָט זי אויפגעהויבן און פאַמעלעך אַוועקגעלייגט אויף דער קאַנאַפּע. דער דאָקטער איז אויפ־געשטאַנען פונעם טיש, וווּ ער האָט עפּעס פאַרשריבן אויף אַ פּאַפּיר. ער האָט עס געגעבן דער שוועסטער, וואָס האָט אים געהאָלפן אָנטאָן דעם פוטער. ער האָט איר אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ.

דער טאַטע איז איצט געגאַנגען מיטן דאָקטער. דער דאָקטער האָט עטלעכע מאָל הויך געזאָגט:

— טאַק... טאַק... טאַק...

עס איז געוואָרן שטיל. דער דאָקטער האָט ווידער זיך אַרומגעקוקט איבער דער שטוב, ווי ער וואָלט זיך דערמאָנט, האָט ער גיך פון דער וועסטל־קעשענע אַרויסגעכאַפּט דעם גאָלדענעם זייגער, אַ דריק געטאָן, און דאָס דעקל פונעם זייגער איז מיט אַ שטילן גאָלדיקן בליץ אויפֿגעשפּרונגען.

אין דער מינוט האָב איך זיך דערמאָנט, אַז איך האָב שוין געזען דעם גאָלדענעם שטילן בליאַסק פון דעם דאָקטערס זייגער, שוין לאַנג, איך האָב געמוזט זיין נאָך גאָר אַ קליין קינד, אפשר איז דעמאָלט אויך מיינער אַ ברודערל קראַנק געווען. איך האָב אַפילו געדענקט, אַז ביים פאַרמאַכן האָט דאָס גאָלדענע טירל פונעם זייגער אַ קלינגענדיקן קנאַק געטאָן, און באַלד האָט זיך דער זעלבער, קנאַקנדיקער קלינג דערהערט.

באַלד דערנאָך האָט דער טאַטע, ווי ער וואָלט געוואָלט באַווייזן איידער די מאַמע וועט אויפשטיין פון דער קאַנאַפּע, זיך אַ לאָז געטאָן מיט גיכע און שטילע טריט הינטערן ווענטל און עס האָט זיך דערהערט ווי פון ערגעץ ווייט זיין פאַרדומפּענע, קרעכצנדיקע און שטיקנדיקע שטים, ווי ער האָט גערופן דעם נאָמען פונעם קינד.

15

גראָד האָט זיך דער טאָג, נאָך פיל גרויע און נאַסע טעג, אַוועקגעשטעלט מיט דעם אומהיימלעך־געלבלעכן ליכט, ווי ערגעץ וואָלט געפּלאַצט אַ גרויס איי און דאָס געלעכל וואָלט זיך צעגאָסן איבערן הימל. דאָס געלע ליכט האָט זיך אַפילו דורכגעשלאָגן דורך דער וואַנט פונעם קעגנאיבערדיקן הויז און זיך אַוועקגעלייגט נעבן אונדזערע פענצטער. אין דעם ליכט האָט זיך געצויגן דער משונה־לאַנגער טאָג. דערנאָך האָט זיך דער טאָג אויסגעמישט מיט דער נאַכט אין איין וויסטן גערודער, ווי עפּעס אַ ריזיקער רויבפויגל וואָלט אָנגעפאַלן און לאַנגזאַם אַרויסגעריסן דאָס האַרץ פון אונדזער שטוב. דאָס אומגליק האָט זיך איינגעביסן אין אונדז, געשליידערט, געריסן ווי אַ בייזע האַנט, און געוואָלט אונדז דערשטיקן.

דאָס וויסטע גערודער האָט זיך געטראָגן פון אַלע זייטן. נאָר פון

דאָרט, פון הינטערן ווענטל, האָט זיך געטראָגן די דראָענדיקע שטילקייט. דאָרט איז געווען נאָך ווער, דער נישט־געזעענער, וואָס האָט מיט אַ שוואַרצן פליגל געפּאַכעט איבערן קינד.

עס איז מיר אַלץ קלאָרער געוואָרן, אַז אַזאַ משונהדיקן טאָג, מיט אַן אָפענער טיר, ווו עס האָבן זיך געדרייט מענטשן אַריין און אַרויס, האָב איך שוין, זעט אויס, איבערגעלעבט. איך האָב דעמאָלט געמוזט זיין נאָך גאָר אַ קינד. דער היינטיקער טאָג איז געווען עפּעס אַן איבער־חזרונג, ווי פון אַ ווייטן, בלייכן חלום.

פון שעה צו שעה איז אין דער שטוב ווי געוואַקסן עפּעס אַ גרויסע זאַך, וואָס האָט זיך צעשפּרייט, צעוויגט און געטראָגן אין אַ וויסטן לויף, ווי פון אַ ווינט. אָט ווערן מיר אַלע אַוועקגעטראָגן ערגעץ און פאַרוואָרפן אין אַן אָפּגרונט.

נאָך דעם אַוועקגיין פון דעם „שלעכטן דאָקטער" איז געקומען דער פעלדשער „שייאיטשע". מ'האָט אים שוין געזען שפּאַנען מיט זיינע אַלטע, פּאַמעלעכע טריט, אָנגעשפּאַרט אינעם גראָבן שטעקן, אַרומגערינגלט פון ווייבער, מאַמעס פונעם הויף, וואָס זענען אים שטענדיק נאָכגעלאָפן מיט פּראָגעס וועגן זייערע קינדער.

ער האָט געשפּאַנט, ווי ער וואָלט נישט געקאָנט דערטראָגן זיין אַלטן, שווערן גוף, זיין גרויס, בלויליך פּנים מיט די צוויי שווערע, מאָדנע־ווייסע, ווי שניי, באַקנבערד, ער האָט גערעדט מיט זיין שווערער, פּייכ־טער, ווייִנענדיקער שטים און קוקנדיק אין זיינע צו־גרויסע, פאַרגלייזטע אויגן, האָט זיך ווירקלעך געדאַכט, אַז ער וויינט עפּעס אַ גרויס געוויין פאַר אַלע קראַנקע. ער האָט ליב געהאַט די מאַמע, און די מאַמע האָט אים ליב געהאַט, זי האָט זיך אַ בייג געטאָן פאַר אים, און זיין גרויסע רויטע האַנט איז געבליבן ליגן אויף איר צאַפּלענדיקער פּלייצע.

„אַרמע עלנדע פראַו" — האָט דער פעלדשער שייאיטשע אַ כליפּע געטאָן און זיינע ווייסע באַקנבערד האָבן זיך לאַנג און שווער געשאָקלט.

די מאַמע האָט געקענט דעם פעלדשער שייאיטשעס האַרץ, זיין גרויסע ערלעכקייט און גוטסקייט, און ער האָט געקענט אירע געשטאָרבענע קינדער, און זי האָט אים גערופן ווי אַ טאַטן, זי האָט זיך אָנגעהאַלטן אין זיינע גרויסע, קנאָכיקע הענט. ער האָט אַראָפּגעלאָזן זיין ווייסן קאָפּ. זיינע אַלטע אויגן זענען פול געווען מיט ווייטיק. ער האָט געוויזן אויפן הימל און איז אַוועק מיט זיינע שווערע, פּאַמעלעכע טריט.

דערנאָך איז געקומען אַ דאָקטער, אַ קליינער, אַ גיכער, וואָס האָט גערעדט הויל, ווי אַ ווידערקול אין אַ ליידיקער דירה. ער האָט עפּעס געטאָן הינטערן ווענטל, ווו מען האָט אַפילו די מאַמע נישט אַריינגעלאָזט. פון דאָרט האָט זיך געזען אַ בלויער פלאַם. ער האָט געקלאַפּט און געשטאָכן דאָס קינד מיט נאָדלען, דערנאָך האָט ער איבערגעלאָזט אַ שאַרפן ריח און אַן עסנדיקן דאַמף.

עס איז געקומען אַ יידענע פון פראַגע מיט אַ לאַנגער, שפּיציקער נאָז ווי אַ מכשפה. זי איז געגאַנגען איינגעבויגן פון אַלטקייט אין אַ גרינער קופקע מיט זילבערנע ציטער־שפּילקעס אויפן קאָפּ. זי האָט לאַנג אָפּגעשפּראָכן, געזאָגט און גערעדט משונהדיקע רייד. די מאַמע איז געשטאַנען מיט פאַרמאַכטע אויגן און דער טאַטע האָט פאַרשעמט געקוקט דורכן פענצטער.

דערנאָך איז געקומען די נאַכט, וואָס האָט גאָרנישט געענדערט נאָר דאָס, וואָס עס איז שטיל געוואָרן די וועלט אַרום. אַלע האָבן אונדז פאַרלאָזן. ווידער האָט געברענט די לאָמפּ און דאָס ליכט, און פון דאָרט, פון הינטערן ווענטל, איז געגאַנגען אַ שטילקייט, וואָס האָט געעגבערט אינעם האַרץ, מיר האָבן אַרומגעשפּאַנט ווי געפּאַנגענע אין דעם משונהדיקן ליכט, מיר זענען צוגעגאַנגען איינער צום אַנדערן, געזוכט אַן אָבשפּאַר, מיר האָבן זיך שטום אָנגערירט פאַר די הענט. דער טאַטע איז לאַנגע שעהען געזעסן, פאַרשטעלט דאָס פּנים מיט די הענט. די מאַמע האָט אַר׳ומגעשפּאַנט אין אַן אומזיניקן גאַנג. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט נעבן טאַטן, געקוקט אויף אים מיט אויפגעריסענע אויגן, עפּעס געמאָנט ביי אים. זי האָט גערעדט צו די ווענט. יעדעס מאָל ווען די מאַמע איז פאַרשוווּנדן הינטערן ווענטל, האָבן מיר געוואַרט אויף אַן אויסברוך, ווי דאָס הויז וואָלט באַדאַרפט איינפאַלן. דעמאָלט איז דער טאַטע אויפגעשטאַנען און שטיל געגאַנגען נאָך איר און זי אָן ווערטער צוריקגעברענגט אין ליכט. די מאַמע האָט געצאַפּלט. מיט פיבערדיקע אויגן האָט זי אַלץ איבערגעחזרט אָן אויפהער דאָס איינע וואָרט:

— עס ברענט... עס שרפעט...

און יעדעס מאָל ווען די מאַמע האָט דאָס געזאָגט, האָב איך דערזען דעם בלויען פלאַם, וואָס דער דאָקטער האָט אָנגעצונדן און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דער שטילער פלאַם פאַרברענט מיין ברודערל.

איך בין געזעסן אָנגעטאָן אויף מיין געלעגער. איך האָב זיך געוואָלט

פייניקן און דערמיט עפּעס אויסבעטן פּאַר מיין ברודערל. איך האָב גע־וואָלט מיר זאָל זיין שלעכט. אָבער מיר איז משונה גוט געווען דערפון, וואָס דאָס אָנטאָן האָט געשטאָכן מיין לייב, וואָס דער שלאָף האָט מיך געשלעפּט פאַרן קאָפּ מיט אַ בלייערנער שווערקייט. איך האָב אויפ־געריסן די אויגן וואָס האָבן געשטאָכן און זיך יעדעס מאָל פאַרמאַכט. און וואָס מער איך האָב אויפגעריסן די אויגן, אַלץ מער האָט זיך געגעפלט דאָס ליכט און איך האָב געפילט, אַז דאָ צווישן אונדז איז דאָ ווער, וואָס שלאָגט זיך מיט אונדז און מיר אַלע זענען שוואַך קעגן אים.

איך האָב מורא געהאַט צו קלערן, אַז דאָס איז גאָט, וואָס האָט אונדז פיינט, ווייל דער טאַטע איז נישט פרום. אָבער די מאַמע, און איך... און עס האָט זיך אָנגעטראָגן אויף מיר עפּעס אַ הייסער גלייענדיקער בעפל, ווי עס וואָלטן זיך אָנגעצונדן אַ סך ליכט. איך האָב געפילט, אַז גאָט קוקט אויף מיר פון אַ גרויסער הייליקער הייך. איך האָב מורא געהאַט צו קלערן, אַז דאָס איז גאָט און איך האָב געעפנט מיין האַרץ און האָב געבעטן. איך האָב נישט דרייסט געגלייבט, אַז איך וועל אויסבעטן, איך האָב אויך געוואָלט, אַז דאָס גרויסע און מעכטיקע, וואָס קוקט אויף מיר, זאָל אויך זען מיין שוועסטער, אַז עס זאָל זיך איבעררייסן די קלעם, עס זאָל אויפשיינען אַ מילד שמייכלענדיק ליכט, אַ יום־טובדיקס. און אָט ווערט ליכטיק, ווי עס וואָלט געזונגען. דאָס ליכט שטראָמט פון אַלע זייטן. דאָס ליכט טאַנצט פאַר מיר. עס איז מיר אַזוי לייכט צו לעבן. ווו בין איך? איך בין אויף אַ זוניק פעלד, אויף אַ לאָנקע, אַזעלכע ווי איך האָב געזען אין מיין שוועסטערס אַ ביכל, עס איז גרין און ליכטיק, דאָס לעבן שאָרכט אַרום אַזוי שטיל, ווי ליכטיקע פייגל וואָלטן געפלאַטערט. און אָט איז דאָס קינד, אַזוי ווי זומער אין די ליכטיקסטע טעג. אָבער דאָס קינד איז אַזוי אומעטיק, עס שטייט אַזוי נאָענט פון מיר, און אַזוי — ווייט. איך וויל עס נעמען אויף די הענט, עס צודריקן צו זיך, אויף שטענדיק, קיין מאָל עס מער נישט אַרויסלאָזן. איך ווער... אָבער עס איז אַזוי — נישטאָ... זיינע אויגן זענען פאַרמאַכט. עס פאַרשווינדט. איך לויף. דאָס קינד ווערט קלענער און קלענער, עס פאַרשווינדט דאָס ווייסע יאָקעלע, די ווייסע שיכעלעך, עס ווערט קליין ווי אַ פּינטעלע, איך רוף אים, איך שריי. דאָס האַרץ ווערט מיר צעריסן.

✶

איך האָב געשריגן.

די שוועסטער איז געשטאַנען איבער מיר, זי האָט געציטערט. עס איז נאָך אַלץ געווען נאַכט, די מאַמע איז געזעסןביים טיש. איר קאָפּ האָט זיך געוויגט, עס האָט זיך געדאַכט, אַז זי שלאָפט, אָבער אירע אויגן זענען געווען אויפגעריסן, ווי זי וואָלט געזען פאַר זיך וועמען. דער טאַטע איז נאָך אַלץ געזעסן פאַרשטעלט די אויגן מיט דער האַנט. די שוועסטער האָט אָנגעטאָן דער מאַמעס אַן אַלטן מאַנטל. זי האָט געציטערט. פונעם פענצטער האָט געבלאָזן אַ שאַרפע קעלט, און טיף אין דער שטילקייט פון דער נאַכט האָט זיך געהערט דאָס פייפן פון אַ באַן. אומעטיק־ווילד האָט זיך געצויגן דער פייף. דערנאָך האָט מען געהערט דאָס קרעכצן פון ערגעץ געעפנטע טירן.

דער טאַטע איז מיט אַ מאָל אויפגעשטאַנען, ווי ער וואָלט עפּעס באַדאַרפט טאָן, ער האָט אַרויסגענומען זיין זייגער, אַ קוק געטאָן און געזאָגט: „יאָ". און מען האָט פּלוצלינג דערזען ווי פונעם פענצטער רייסט זיך אַ שטומע ברוינלעכע ליכט.

עס האָט געטאָגט, אָבער קיינער האָט נישט אויסגעלאָשן די לאָמפּ מיטן ליכט. דער טאַטע האָט אַ שפּאַן געטאָן. ער האָט געוואָלט אַרונטער־גיין הינטערן ווענטל צום קינד, נאָר ער האָט זיך אַ ריס געטאָן צוריק. ער איז צוליב עפּעס וואָס אַריין אין דער קיך און באַלד צוריקגעקומען. מיר זענען אַלע אויפגעשטאַנען פון די ערטער, ווי מען וואָלט באַדאַרפט עפּעס טאָן, און אַלע האָבן מיר דערזען, אַז די ברוינלעכע, פאַרטאָגיקע ליכט האָט זיך אַריינגעקריגן דאָרט, הינטערן ווענטל. דאָס ליכט האָט אַרומגעזוימט די ברעגן פון דעם ווענטל, אַ שפּיל געטאָן אויף דער וואַנט. איך בין געשטאַנען און געקוקט דורך דער שפּאַרע, ווי די ליכטיקייט שפּרייט זיך אַזוי ווי אַלע מאָל. אָט באַזוימט זי די האָר פונעם קינד, וואָס האָבן איצט צוליב עפּעס אויסגעזען ווי גרויע. איך האָב נישט געוואָלט זען דאָס קינד אין דעם אומעטיקן ליכט, איך בין אַוועק פון דעם ווענטל.

איצט האָט די מאַמע אַ שפּאַן געטאָן אַהין. דער טאַטע האָט זי אָנ־גענומען ביי דער פּלייצע, זי האָט אויף אים אַ קוק געטאָן, ער האָט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ און זי אַ טראָג געטאָן צוריק.

פון דער מינוט אָן האָט זיך אָנגעהויבן די משונהדיקע אַמפּערניש צווישן זיי. דער טאַטע האָט נישט געלאָזט דער מאַמען צוגיין צום קינד,

זי האָט זיך געשלאָגן מיט אים, שטיל און ווטיק, ביידע האָבן געהאַט פאַרפרעסטע ליפּן. נאָר איין מאָל האָט זיך פונעם טאַטנס פאַרפרעסטע ליפּן אַרויסגעריסן אַ ברום:

— מאַטער אים נישט...

און די שטוב האָט זיך אָנגעפילט מיט אַ צעריסן און צעוויגט געוויין.

*

איצט איז אונדזער שטוב אין גאַנצן פאַרנומען געווען פון פרעמדע מענטשן. שכנים, נענטערע און פון ווייטערע הייזער אין דער גאַס, אַזעלכע, וואָס זענען נאָך קיין מאָל ביי אונדז אין שטוב נישט געווען, זענען אַריינגעקומען, ווי זיי וואָלטן געוואָלט פאַרכאַפּן אונדזער שטוב מיט עפּעס אַ בהלהשער היימישקייט. די פרויען האָבן געוויינט אויף אַ קול, וואָס עס האָט ווילד אויסגעזען פאַר מיר, ווי זיי וואָלטן דערמיט צוגענומען אַ טייל פון דעם קינד, ווי עס וואָלט אויך געווען זייערס. די מענער האָבן זיך ווי געגרייט עפּעס צו טאָן.

דער טאַטע האָט זיך שוין איצט מיט דער מאַמען נישט מער געאַמפּערט. עס האָט אויסגעזען, ווי זי אַליין וואָלט שוין איצט נישט געקאָנט צום קינד צוגיין. זי איז געזעסן אויף דער קאַנאַפּע, אַרומגערינגלט פון די פרויען. עס זענען געווען פרומע ווייבער פון דער גאַס, וואָס זענען געקומען, זעט אויס, זוכן אַ מצוה. צווישן זיי איז די ערשטע געווען דאָבעלע, וואָס איז געווען פאַרגאָסן פון טרערן און גוטסקייט. פון איר אַליין האָט די מאַמע זיך געלאָזט פירן און זיך אָנגעהאַלטן אין אירע פרומע הענט.

עס איז שוין געווען הויכער טאָג, און עס איז שווער געווען צו זאָגן, וואָס פאַר אַ שעה, גלייך ווי אין דער שטוב וואָלט געהערשט אַן אַנדערע צייט. פאַר מיר איז די צייט געגאַנגען פון הינטערן ווענטל, ווו עס איז געלעגן דאָס קינד.

פּלוצלינג האָב איך אין דעם רעש פון דער שטוב דערכאַפּט עפּעס אַ גרילציק און רייסנדיק אָטעמען, וואָס איז געגאַנגען אָן אויפהער, ווי אַ שטיקנדיק הוסטן און קרעכצן צוזאַמען. עס איז געווען ענלעך, ווי מען וואָלט געריסן עפּעס אַ געוואַנט. דאָס גרילצנדיקע זעגן איז געוואָרן וואָס אַ מאָל שאַרפער. עס איז געגאַנגען צוזאַמען מיט עפּעס אַ דינעם קרעכץ ווי פון אַ געשפּאָלטענער כלי. איך האָב דערהערט, אַז

דאָס גייט פון הינטערן וועגטל. אין דער ערשטער רגע האָט מיך דורכגע־נומען אַ פריידיקער ציטער. דאָס קינד לעבט... „עס איז דאָ״ — האָט מיר אַ קלאַפּ געטאָן. איך האָב זיך אַ לאָז געטאָן אַהין. אָבער אַרום זענען געשטאַנען עלטערע יידן. דאָס זענען געווען פרומע יידן פון דער גאַס, וואָס האָבן דאָ אויף עפּעס געוואַרט. איינער פון זיי האָט מיך פאַרהאַלטן. איך האָב זיך אַ ריס געטאָן פון זיינע הענט און אַריינ־געשטעקט דעם קאָפּ. הינטערן וועגטל האָב איך דערהערט דאָס גריל־ציקע זעגן גאָר נאָענט. איך האָב געזען, ווי דאָס ווייסע בעטגעוואַנט הייבט זיך און לאָזט זיך אַראָפּ און ביי יעדן הייב האָט זיך אַרויס־געריסן דאָס זעגנדיקע כראָפּען. צוויי יידן האָבן מיך מיט קנאָכיקע הענט געשלעפּט אַוועק פונעם וועגטל. איך האָב זיך איינגעקלעמערט אינעם וועגטל. איך האָב געוואָלט זען דאָס קינד. אָבער איך האָב נאָר געהערט דאָס אומהיימלעכע זעגן. דעמאָלט האָב איך פאַרשטאַנען, אַז עס דאַרף נאָך עפּעס קומען אַ גרויסע און דורותדיקע זאַך און מיך איז באַפאַלן אַ מאָדנע שרעק, אַז איך וועל מיין ברודערל מער נישט זען. איך האָב נישט געוואָלט אַוועקגיין; וואָס מען האָט מיך אָפּגעשטופּט פון וועגטל, האָב איך זיך צוריק דערשלאָגן. די יידן האָבן זיך גע־אַמפּערט מיט מיר. און איין ייד האָט געזאָגט:

— מען טאָר נישט...

מיך איז באַפאַלן אַ פאַרדראָס און אַ חשק זיך צו שלאָגן מיט די אַלע פרומע יידן. מיך האָט איצט געווונדערט, וואָס דער טאַטע שטייט אויף איין אָרט ביים פענצטער און האָט אַוועקגעגעבן דעם ברודערל די פרעמדע יידן.

איך האָב געזען, ווי מען האָט געטראָגן וואַסער צו מינטערן דער מאַמען און איך בין פלוצלינג געוואָרן שוואַך. איך בין אַרויס פון דער טיר און איך האָב געהערט, ווי איין יידענע האָט געזאָגט צו דער צווייטער:

— דאָס קינד האָט שוין די גוטע פייפערלעך...

און אויף מיר איז אָנגעפאַלן אַ שרעק. אַ שרעק פאַרן טויט. מיך האָט זיך געדאַכט, אַז באַלד וועלן זיך פון מיין האַלדז דערהערן די „פייפערלעך״ און דער מלאך־המות וועט שטיין איבער מיר.

מיר האָט זיך אין דער מינוט אַנטפּלעקט, ווי נישט געשיצט איך בין פון קיינעם, נישט פון טאַטן, פון דער מאַמען און פון דער שטוב.

ווי שוואַך מיר זענען קעגן דעם, וואָס מיר זעען נישט. אין מיר האָט זיך אויפגעהויבן אַ הפקרער כוח קעגן אַלעם דעם. איך בין אַרויס פון דער טיר, און אַליין נישט ווייסנדיק צוליב וואָס, בין איך אַרויף אויף די טרעפּ. איך האָב זיך אויפגעהויבן איבער די שטאָקן. איך האָב געקוקט אויף די שוואַרצלעכע טירן פון די פרעמדע שטובן, פון וואַנען עס האָבן אַרויסגעשלאָגן די ריחות פון פרעמדן לעבן. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז באַלד וועל איך דערזען דעם נישט־געזעענעם „טויטן־ייד". אָבער איך האָב גאָרנישט געזען.

איך האָב איצט פאַר גאָרנישט קיין מורא געהאַט. איך בין גע־גאַנגען העכער און דערזען די האַלב־טונקעלע, שטויביקע ליכט פונעם בוידעם. דאָ האָט אַ קלאַפּ געטאָן אַ דערפרישנדיקער ווינט פון דער הייך. די שרעקיקע האַלב־ליכט האָט זיך געוויגט איבער די אַלטע בעלקעס, פאַרצויגענע מיט גרויע שפּינוועבס. איך האָב לאַנג געקוקט אויף אַ שפּין, וואָס האָט זיך געוויגט אויף אַ לאַנגן שטויביקן פאָדעם.

דורך אַ קיילעכיק לאָך אין דער מויער האָב איך פון אַן אומהיימלע־כער נאָענטקייט דערזען דעם הימל. איך האָב זיך אַראָפּגעלאָזן אינעם שטויב נעבן דעם רויען מויער און דערזען די שוואַרצלעכע דעכער, וואָס האָבן ווי אַלטע, בלינדע געקוקט אין דער ווייט. איבער די אומע־טיקע דעכער האָב איך דערזען שטיקער גרין־גרויע ערד מיט זילבערנע פאַסיקלעך שניי פון היגטערן שטאָט, און נאָך ווייטער איז געלעגן אַ ווייסלעכע, פאַרדרימלטע וועלט.

אין דער מינוט האָט זיך דורכגעריסן עפּעס אַ בלייך ליכט און די ווייט האָט אַ שפּיל געטאָן מיט אַ ווייס־גאָלדיקן בליאַסק. איך האָב דערזען די גרינלעכע ווייסל, וואָס איז געלעגן צעוואָרפן אין אַן אויס־געבענקטער, קלאָרער ווייט. דאָס קלאָרע ליכט האָט זיך ווי אַריינגע־גאָסן אין מיר און איך האָב דערפילט, אַז איך בין דאָ און איך האָב טיף אָפּגעאָטעמט מיטן קילן, קרעפטיקן אָטעם פונעם לעבן.

*

ווען איך בין צוריק אַריין אין שטוב איז געשטאַנען אַן אָנגע־גליטע שטילקייט. די מאַמע איז געלעגן אַריינגעקנעטן אינעם ווענטל פון דער קאַנאַפּע — איר קאָפּ איז געווען איינגעהילט אין אַ טוך, ווי זי וואָלט נישט געוואָלט זען די ליכט. מיטן קאָפּ אין איר שויס איז

געלעגן די שוועסטער. ביים טיש איז געזעסן אַ פרוי מיט אַ שוואַרצן שאַל אויפן האַלדז. זי איז געווען אַ פרעמדע, וועלכע איך האָב פון ערגעץ געקענט. איך האָב מיר אַלץ נישט געקאָנט קלאָר מאַכן פון וואַנען איך קען זי. איך האָב דערזען דעם פעטער אָשר. ערשט דעמאָלט האָב איך דערקענט די רייכע מומע ריווע. זי האָט געקוקט אויף מיר. אירע אויגן זענען געווען רויט פון וויינען. איך בין צוגעגאַנגען צו איר. דאָס מאָל האָב איך נישט געפילט די אומדרייסטקייט ווי שטענדיק, ווי איך וואָלט זיך מיט עפּעס באַזונדער אויסגעצייכנט. די מומע האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויף מיין קאָפּ און איך האָב דערפילט דעם רייכן ריח, וועלכן מען האָט געפילט פון אַלעם, וואָס איז געווען פון דעם רייכן פעטערס שטוב. דער פעטער איז איצט געווען גאָר קליין. זיינע אויגן זענען געווען פאַרקוקט אין דער ווייט און מאָדנע בלוי, ווי מען וואָלט אין זיי אַריינגעלאָזן בלויע פאַרב. ווען איך בין דורכגעגאַנגען פאַרביי אים, האָט ער מיך אַרומגענומען און אַ דריק געטאָן צו זיינע קני. זיינע ווייסע, דינע פאַלשע ציין האָבן זיך אַ דריי געטאָן, ווי ער וואָלט עפּעס געזאָגט. אָבער ער האָט נישט געזאָגט גאָרנישט.

איך האָב געזוכט דעם טאַטן און איך בין אַרונטער הינטערן וועגטל. קיינער האָט מיר איצט נישט געשטערט. עס איז געווען שטיל. די יידן זענען געזעסן פון דער ווייטן, אין די ווינקלען, מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ אויף די הענט.

איך האָב דערזען דעם טאַטן. ער איז געשטאַנען נעבן קינדס בעטל מיט אַ האַנט אויפן קאָפּ. איך בין צוגעגאַנגען צו אים, אָבער ער האָט מיך ווי נישט געזען. און מיט אַ מאָל האָב איך דערזען דאָס קינד. אַ ברוין־בלוילעכע פאַרב האָט אַרומגעכאַפּט זיין פּנימל. די שווערע ווײַעס זענען געלעגן איבער די אויגן און פאַרנומען אַ העלפט פון זיין פּנים. זיין קאָפּ איז טיף און שווער געלעגן אינעם קישן און האָט זיך נישט גערירט. ווי אין אַ פאַרטראַכטעם שלאָף, האָט פון מאָל צו מאָל קוים אַ צאַפּל געטאָן זיין ליפּעלע, וואָס איז געווען ווי באַשמירט מיט אַ שוואַרצלעך־בלויער פאַרב.

דער טאַטע איז געשטאַנען גלייך און געקוקט.

דאָס האַרץ האָט ביי מיר שטאַרק געקלאַפּט. מיר האָט זיך געוואָלט, אַז דאָס קינד זאָל וויינען, איך זאָל קאָנען צוגיין עס אַרומנעמען, אָבער די שטילקייט איז געשטאַנען צווישן אונדז. פּלוצלינג האָב איך אין

דער גרויער ליכט דערזען אַ פליג, אַ בלייכע, עפּעס אַ צו גרינגע ווינ־טערדיקע פליג, וואָס האָט אָן אַ זשומען זיך אַ הייב געטאָן פון הינטערן באַלקן, און צאַפּלענדיק מיט די שוואַכע פליגלעך זיך אַוועקגעזעצט אויף דעם קינדס פּנימל צווישן דעם אויבערשטן ליפּעלע און דעם נעזל. איך האָב אַ פּאָך געטאָן מיט דער האַנט, אָבער די פליג האָט זיך ווי צוגעקלעפּט און נישט געוואָלט אַראָפּ. איך האָב נאָך אַ מאָל אַ פּאָך געטאָן, די פליג איז אַלץ געשטאַנען און מיך איז באַפאַלן אַ שרעק:

— טאַטע... — האָב איך שטיל געזאָגט — טאַטע... די פליג...

דער טאַטע האָט אַראָפּגעטריבן די פליג, אַרויסשטאַמלענדיק דורך די פאַרקוועטשטע ציין:

— ער... ער פילט שוין נישט...

דער טאַטע האָט רעשיק אַן אָטעם געטאָן און זיך צעוויינט.

ער האָט געוויינט מיט אַ פרעמדער שטים אַזוי ווי אַ ייִנגל. ער האָט זיך טרייסלענדיק אָנגעהאַלטן אינעם בעטל און פון זיין האַלדז האָט זיך געריסן אַ פאַרשטאַרקטער אָטעם, ווי ער וואָלט געוואָלט זאָגן „אוי" און נישט געקאָנט.

עמעצער האָט מיך הינטן אַרום מיט כּוח אַוועקגעטראָגן. כ'האָב נאָך דערכאַפּט מיטן בליק, ווי דער טאַטע האָט גענומען אַ ברעג פונעם ווייסן ליילעך און פאַרדעקט דעם קינדס פּנימל.

*

די מאַמע האָט נישט געלאָזט דאָס געשטאָרבענע קינד אַוועקלייגן אויף דער ערד. עס האָט נישט געהאָלפן דעם טאַטנס רייד, נישט די רייד פון די שכנים, וואָס האָבן אָנגעפילט די שטוב, נישט די רייד פון דעם פעטער מיט דער מומען.

עס האָבן נישט געהאָלפן די וויכטיקע לשון־קודשדיקע ווערטער און די פּסוקים פון דער הייליקער תורה, וואָס די חסידישע ייִדן פון דער גאַס האָבן צו דער מאַמען גערעדט. פרומע ווייבער, גבאיטעס זענען אַריינגעקומען איבעררעדן די מאַמע. זיי האָבן איר געזאָגט, אַז דאָס קינד וועט נישט האָבן קיין רו, עס וועט צוליב איר אָפּקומען אויף יענער וועלט. זיין נשמהלע וועט אַרומוואַנדלען און נישט קאָנען אַרויפקומען אויפן הימל.

די מאַמע איז געווען איינגעוויקלט אינעם שוואַרצן שאַל. מען האָט

נאָר געזען אירע פאַרטראָגענע אויגן, וואָס האָבן ווי געבליצט מיט אַ מאָדנעם, משוגענעם כוח.

דערווייל האָט מען דאָס געשטאָרבענע קינד אַוועקגעלייגט צווישן צוויי שטולן — אויף אַ ברעטל און צוגעדעקט מיט אַ שוואַרצן געוואַנט. צוויי ליכט האָבן מיט משונה־שוואַכע פלעמלעך געוואַכט צוקאָפּנס.

גראָד דער טאָג איז געווען אַ ליכטיקער און דער לאַנגער, שוואַרצער פּאַק אויף די שטולן האָט זיך שאַרף אויסגעשניטן אין דער ליכטיקייט. עס האָט זיך מאָדנע לאַנג געצויגן דער טאָג, וואָס האָט זיך פאַר אונדז אָנגעהויבן שוין דאַכט זיך לאַנג, ווי אין אַן אַנדערער וועלט. און מיר האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז דאָ איז פאָרגעקומען אַ משונהדיקער טעות, אויף וועלכן קיינער האָט זיך נישט געכאַפּט. מיר האָט זיך אַלץ אויסגעוויזן, אַז באַלד וועט זיך מיין ברודערל אויפכאַפּן. איך האָב זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז אַזוי איז ער פון אונדז אַוועק.

אין דער נעפּלדיקייט פון מיין זינען איז אָנגעוואַקסן ווי אַ זיכערקייט, אַז באַלד וועט אויפגיין אַ ניי, פריידיק ליכט און עס וועט עפּעס קלאָר ווערן. מיר איז אַפילו לייכטער געוואָרן אויפן האַרץ און עס האָט אויפגעזונגען אין מיר אַ דערהויבנקייט פון דעם אַלעם וואָס עס געשעט אין אונדזער שטוב.

עס איז געוואָרן שטיל, אַ בינטל ווייבער און מענער האָבן די מאַמע מיט כוח אַריינגעטראָגן אינעם טונקעלן אַלקער, כאָטש די מאַמע איז איצט געווען נאָכגיביק. עס איז געוואָרן גרוים און ליידיק אַרום דעם שוואַרצן פּאַק אויף די שטולן מיט די ברענענדיקע ליכט, ווי די מענטשן וואָלטן געוואָלט זיך אָפּשיידן פון דעם אָרט. איך האָב געזען ווי מען האָט אויך מיין שוועסטער געפירט אונטער די הענט אינעם אַלקער, ווו עס איז שוין געווען פול מיט מענטשן. די שוועסטער האָט זיך געריסן צו די שטולן, ווו דאָס קינד איז געלעגן, אָבער די פּרויען, און צווישן זיי אַ מאַנספּאַרשוין, וועלכן איך האָב פריער נישט געזען, האָט זי געהאַלטן אונטער דער האַנט און זי אַוועקגעפירט פון דעם אָרט. ערשט איצט, האָב איך אין דעם מאַנספּאַרשוין דערקענט עליאַשן און איך האָב זיך דערפילט ווי געטראָפן דערפון, וואָס די שוועסטער האָט זיך געלאָזט אַוועקפירן אין אַלקער אַריין.

דאָס ווענטל איז איצט געווען אַוועקגענומען און די שטוב איז ווי

גרעסער געוואָרן. די פיר שטולן מיטן קינד זענען ווי אויסגעוואַקסן און פאַרנומען די גאַנצע שטוב, דאַכט זיך, מיט דער שטילקייט וואָס איז געוואָרן וואָס אַ מאָל גרעסער און פרעמדער, און עפּעס איז געווען אומפאַרשטענדלעך אין דעם אַלעם, וואָס עס איז מער נישט געבליבן וואָס צו טאָן, גלייך עס וואָלט שוין אַזוי אויף אייביק באַדאַרפט פאַר־בלייבן.

דעמאָלט האָט איינער פון די יידן, וואָס איז געזעסן אין אַ טיפן ווינקל, אָנגעהויבן זאָגן מיט אַ ניגון. זיין אַלטע נאָגנדיקע שטים האָט נאָך מער ווי פאַרטיפט די שטילקייט. איך האָב זיך איינגעהערט אין די ווערטער, זיי זענען געווען טונקעלע און גיך פאַרוואַנדלט גע־וואָרן ווי אין שרעקיקע פייגל, האָבן אַרומגעפלאַטערט, זיך אָנגעשלאָגן אין דעם לאַנגן שוואַרצן פּאַק און ערגעץ פאַרטראָגן געוואָרן.

איצט האָבן זיך פון עטלעכע זייטן אָנגערופן די אַלטע יידן, און אָנגעפילט די שטוב מיט דעם וויגנדיקן ניגון פון תהילים.

איך האָב דערזען דעם טאַטן, ער איז געווען אָנגעטאָן אין מאַנטל, איך האָב געזען ווי ער נעמט אַראָפּ פון דער שאַנק דעם אַלטן לעדערנעם רוסישן טייסטער מיט פּאַפּירן. דער טייסטער האָט זיך שטענדיק באַוויזן ווען עס איז שלעכט געווען ביי אונדז אין שטוב. איך האָב גע־דענקט, אַז אין דעם טייסטער איז געלעגן דאָס גרינע „סאָלדאַטסקע" ביכל מיט די צוויי ביקסן פון דעם טאַטנס דינען אין מיליטער. דאָס ביכל, וואָס די מאַמע האָט פיינט געהאַט איז איצט געלעגן אויפן טיש, דער טאַטע האָט אַרויסגענומען פּאַפּירן אַזוי ווי דעמאָלט, ווען מען האָט דער מאַמען גענומען אין שפּיטאָל אַריין. און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז פון דעם גראָבן טייסטער מיט דעם ריח פון דזשעגעטש קומען צו אונדז אומגליקן. ענדלעך האָט דער טאַטע אַרויסגענומען אַ פּאַפּיר, אַריינגעקוקט דערין און זיך לאַנגזאַם אַראָפּגעלאָזן אויף אַ שטול מיט אַ פאַרלוירענעם קאָפּ צווישן די אַקסלען.

איך האָב אין דעם ווינקל געקוקט אויף דער וואַנט און מיט אַ נייער בולטקייט דערזען דעם דעסען, די פּאַסיקלעך און פּינטעלעך, עס האָט זיך גאָרנישט געענדערט. דאָ איז געשטאַנען די עטאַזשערקע מיט די גיפּסענע פיגורלעך, די מויער־קעפּלעך וואָס רוישן ווען מען לייגט זיי צו צום אויער, אַ בלייכער שטראַל ליכט האָט זיך דורכגעקריגן דורך די דאָפּלטע ווינטער־פענצטער און זיך געוויקלט אויף די גאַלקעס

פון דער עטאַזשערקע, זיך איבערגעגליטשט איבער די רוקנס פון די רוסישע און פוילישע ביכער, איבער די ברוין־רויטלעכע מחזורים און די העפטן, פון וועלכע די מאַמע האָט געלעזן די „געשיכטע פון דעם קאַפּיטאַן דרייפוס״.

איך האָב איצט אין דער שטוב געזוכט די סימנים פון אונדזער לעבן ביז דעם הייַנטיקן משונהדיקן טאָג מיט די פרעמדע מענטשן און זייער בהלהדיקער היימישקייט. פּלוצלינג האָב איך אין דעם ליכט־שטראַל, הינטער דער עטאַזשערקע, דערזען דעם קינדס שיכעלעך. די שיכעלעך זענען געווען געלע, אויסגעטרעטענע, מיט קליינע קנעפּעלעך ביי דער זייט, וועלכע די מאַמע פלעגט פאַרקנעפּלען אויפן קינדס פיסעלעך מיט אַ האָרנאָדל.

די קליינע שיכעלעך זענען פול געווען מיט די לעבעדיקע, ריט־מישע קלעפּעלעך פונעם קינדס שפּאַנען איבער דער שטוב און מיר האָט זיך שרעקלעך פאַרוואָלט נאָך אַ מאָל הערן אָט די טריט. ווי עמעצער וואָלט עס מיר געזאָגט מיט אַ שרעקלעכער דייטלעכקייט, איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז דאָס וועט שוין קיין מאָל נישט געשען. איך האָב זיך אַראָפּ־געלאָזן אינעם ווינקל און גענומען די שיכלעך אין דער שויס. איך האָב אַריינגעקוקט אין דער אויסגעטרעטענער טונקלקייט, ווו עס האָבן נאָך געאָטעמט די סימנים פונעם קינדס לעבן, איך האָב פּלוצלינג מורא גע־קריגן, אַז מען וועט מיר שטערן, אָבער קיינער האָט דאַכט זיך נישט געזען, ווי איך האָב די שיכלעך אַריינגענומען הינטערן רעקל און זיי צוגעדריקט צום האַרץ, אַריינגעאָטעמט זיי אין זיך און אַזוי לאַנג געזעסן, פילנדיק זייער וואָג אויף מיין ברוסט.

*

איך בין לאַנג, זעט אויס, אַזוי געזעסן אינעם ווינקל, אין אַ מאָדנער פאַרטראַגנקייט. איך בין געווען ערגעץ ווייט, זיך געטראָגן איבער ליידיקע וועלטן, ווי איך וואָלט געפלויגן אין אַ חלומדיקן וועג, דאָס איז דער וועג פון מיין ברודערל. איך האָב געזוכט זיין וועג און עס איז געווען אומפאַרשטענדלעך, וואָס ער וועט זיין אַזוי נישט ווייט פון אונדז אויף דעם בית־עולם מיט די הויכעביימער, וואָס מען זעט פון אונדזער גאַס. דאָרט וועט ער זיין אַליין, און מיר וועלן אים נישט זען. איך האָב געזוכט אַ וועג צו אים, אים נישט צו לאָזן אַליין, היטן אים

אין די פינצטערע נעכט, אָבער ווי איך האָב מיך אין מיין זינען גע־טראָגן נאָך אים איז ער אַלץ געוואָרן ווייטער, איך האָב אים נישט געקאָנט דעריאָגן. איך האָב געזען ווי ער טרעפט זיך מיט מיינע גע־שטאָרבענע ברידערלעך. ווי אַ הייסער נעפל האָט זיך אַוועקגעשטעלט צווישן אונדז. און ווידער האָב איך דערפילט, אַז עפּעס איז דאָ פאָרגע־קומען אַ טעות, אויף וועלכן קיינער האָט זיך נישט געכאַפּט.

מיט אַ מאָל האָט זיך אָנגעטראָגן אַ גערודער ווי אַ ווינט וואָלט זיך אַריינגעריסן. איך האָב נאָר געזען ווי דער פעטער אָשר האָט זיך שווער אויפגעהויבן אַמפּערנדיק זיך מיט זיין אייביקן שטעקן. די שטוב איז געוואָרן פול פון מענטשן, עס האָט זיך געעפנט די טיר פון דעם טונקעלן אַלקער און די פרויען האָבן זיך אַרויסגעשיט, צווישן זיי איז געווען די מאַמע. עס איז געוואָרן טונקל פון מענטשן און די פלעמלעך פון די ליכט ביי די שטולן האָבן גענומען פינטלען, ווי זיי וואָלטן זיך געשראָקן.

די אַלטע יידן זענען מיט אַ מאָל געוואָרן גרויס און שוואַרץ, ווי זיי וואָלטן באַקומען פליגל האָבן זיי זיך צעשפּרייט איבער דער גאַנצער שטוב. עמעצער האָט עפּעס געזאָגט הויך און שטרענג, און אין דער מינוט האָב איך דערזען אַ ברייטן, שוואַרצן ייד מיט אַ ברייטער שוואַר־צער, גלאַנציקער באָרד. ער האָט געטראָגן אויפן קאָפּ אַ הויך היטל פון שוואַרצן טוך מיט אַ ווייס נומערל. זיינע ברייטע שוואַרצע אַרבל זענען געלעגן אויף אַ לאַנג, שמאָל קעסטל איבערגעדעקט מיט אַ שוואַרצן טוך. דאָס קעסטל איז געהאַנגען אויף אַ לעדערנעם רימען, איבער זיין ברייטן שוואַרצן אַקסל.

— דער ייד מיטן קעסטל... — האָט זיך דורכגעטראָגן אַ געמורמל און אַ געוויין האָט זיך אָנגערופן פון אַלע זייטן.

אָן ענגער ראָד האָט איצט אַרומגערינגלט די שטולן. איך האָב זיך נישט געקאָנט דורכקריגן דורך דער ענגשאַפט און האָב נאָר געזען עפּעס אַ ראַציק געאייל. דער ייד מיטן קעסטל האָט זיך זייטיק צוגע־שפּאַרט צו די שטולן. דאָס גערודער איז געוואָרן שווער און גרויליק.

איבער אַלע האָב איך דערזען די מאַמע. זי איז ווי געהאַנגען איבער דעם שוואַרצן פּאַק. די ברייטע אַרבל פון דעם ייד האָבן גע־פאַכעט איבער דער מאַמעס פּנים. עס האָט געגרוישט ווי אַ גרויס ראָד וואָלט זיך אָן אויפהער געדרייט.

איך האָב דערהערט דער מאַמעס קול. ווי זי וואָלט זיך מיט עמעצן געשלאָגן האָט זי שטיל און שווער איבערגעחזרט:

— איך וועל אים נישט אַוועקגעבן... איך וועל...

דער מאַמעס קאָפּ איז געווען פאַרריסן, אירע אויגן זענען געווען פאַרמאַכט, דער טאַטע האָט זי געטראָגן הויך איבער אַלע. איר קאָפּ האָט זיך אַראָפּגעלאָזן, ווי מען וואָלט אים אָפּגעהאַקט, ס'איז געוואָרן שטיל. מיר האָט געמישט פאַר די אויגן, ווי דאָס ראָד וואָלט זיך אַלץ שנעלער געדרייט.

דער שוואַרצער ייד האָט געפלאַכטן, געוויקלט, און פּלוצלינג האָב איך דערזען אַ פּיסל, וואָס האָט אַ פאַל געטאָן צווישן דעם יידס הענט. דאָס פּיסל איז געווען מאָדנע ווייך און ווייס, ווייס ווי פּאַפּיר.

אַ טויב געמורמל האָט זיך דורכגעטראָגן, די גאַנצע שטוב מיט אַלע מענטשן האָבן אַ שפּאַן געטאָן, דער ערשטער האָט געשפּאַנט דער שוואַרצער ייד מיטן קעסטל, ער האָט געשפּאַנט מיט זיינע גרויסע ברייטע שטיוול, האַלטנדיק דאָס קעסטל פאַר זיך.

עמעץ האָט מיר אָנגעטרעטן אויפן פוס און מיך אַוועקגעוואָרפן אין אַ זייט.

דורך פיל טעג איז נאָך די שטוב געווען אָנגעפילט מיט דעם טונקעלן אומעט און גערודער. די מאַמע איז נישט אַרויסגעגאַנגען פון דעם טונקעלן אַלקער. אַלע סימנים פון דעם אַרויסגעריסענעם שטיק לעבן מיט דעם פאַרשווינדן פונעם קינד זענען נאָך פאַרבליבן. ווי עס וואָלט געציטערט אַן אָנגעריררטע סטרונע און נישט אויפגעהערט קלינגען, אַזוי איז נאָך אין דער שטוב אַרומגעגאַנגען דער לעבעדיקער אָטעם פונעם קינד.

גאַנצע נעכט האָב איך געוואַנדלט אין חלומות איבער די טונקעלע וועגן פון „יענער־וועלט״, וואָס האָבן זיך פאַר מיר געעפנט הינטער די ביימער פונעם בית־עולם. דאָס איז געווען אַ שטילע וועלט, וואָס איך האָב אויסגעוועבט אין מיין בענקשאַפט נאָכן קינד, אַ וועלט אַ טרויעריקע און אַ שיינע. נאַכט ביי נאַכט האָב איך דאָרט געוואַנדלט און זיך געזעטיקט מיט די זונגען. טייל מאָל האָב איך אויך אַריבערגעשפּאַנט אין דער שרעקיקער פרעמדער וועלט פון בילדער און איקאָנעס, וואָס איך האָב געזען אין קאַטוילישע געבעט־ביכער, און דאָ האָט זיך

צו מיר באַוויזן מיין ברודערל אין ווייסן, מיט בלויע פליגעלעך פון אַ מלאך.

אָבער נאָך דעם ווי איך האָב געעפנט די אויגן אין דער פרי, בין איך ווי דורכגעשטאָכן געוואָרן פון דער דערמאָנונג, אַז דאָס קינד איז נישטאָ. איך האָב אַרויסגענומען מיין קעסטעלע מיט די פאַרבלעך און בלייפעדערס. איך האָב אויף פאַפיר געוואָלט אויסמאָלן מיינע זעונגען. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז פון די קאָלירטע פלעקן וועט אויפלעבן דאָס געשטאָרבענע קינד. אָבער אַלץ איז אַנטלאָפן פון אונטער מיינע הענט און זיך פאַרוואַנדלט אין אַ כאַאָס.

איך האָב געפילט, אַז איך ווער פאַרשלעפט אין אַן אומזיכערער וועלט פון קראַנקע פילונגען און איך האָב זיך אָנגעהויבן שרעקן פאַר די נעכט.

עס האָט זיך מיר נישט איין מאָל מיט דער גאַנצער דייטלעכקייט אויסגעוויזן, אַז דאָס קינד גלעט מיך איבערן פּנים אין די אינדערפריען, ווי עס פלעגט טייל מאָל זיין, איך פלעג לאַנג ליגן מיט פאַרמאַכטע אויגן, פילנדיק די קעלטלעכע גלאַטיקייט פון זיינע קליינע הענטעלעך און איך בין אויפגעשטאַנען מיט פייכטע אויגן פון גליִענדיקע טרערן.

מיין האַרץ איז געווען אַרומגענומען ווי מיט אַ רייף, און איך האָב נישט געהאַט קיין כּוח אַרויסצוגיין פון דער חלומדיקער שטוב.

צוזאַמען דערמיט האָט זיך אין מיר אויפגעהויבן אַ שטאַרקער באַגער זיך אָפּצושניידן פון די נעפּלדיקע וואַנדלונגען, וואָס האָבן פאַרשטעלט מיין אייגן לעבן.

די אינדערפריען האָבן אָנגעהויבן ווערן ליכטיקערע. אין דער טונקעלער שטוב האָבן זיך אָנגעהויבן דורכרייסן דערפרישנדיקע ווינטעלעך פון דרויסן. דער ריח פון דעם נייעם פרילינג האָט גערופן. טייל מאָל האָט זיך אָנגערופן אין מיר אַ פרייד דערפון, וואָס איך לעב און עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ערגעץ וואַרט אויף מיר אַ גרויסע און אַ ליכטיקע מתּנה.

16

איך האָב געהערט דער מאַמען רעדן, ווי צו זיך אַליין: „ווי אַזוי וועל איך לעבן אָן דעם קינד". זי האָט דאָס געזאָגט שטיל און פּשוט, און אירע ווערטער זענען אין מיר פאַרבליבן ווי עפּעס אַ גרענעץ, ביי

װעלכער די מאַמע האָט שלום געמאַכט מיט דעם, װאָס עס איז געשען, און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז מענטשן לעבן נאָך אַלעם, װאָס עס געשעט ביי זיי. אַזוי זענען געגאַנגען די טעג.

עס איז נאָך צוגעקומען אַ רייץ אין אונדזער שטוב, װי אַ אויפגעהויבענע יום־טובדיקייט. עס זענען כסדר געקומען מענטשן, פריינד, װאָס זענען ביי אונדז געװען געאַכטעטע און געשעצטע פון אַלע יאָרן. אַזעלכע װאָס מ'האָט ביי אונדז געזען נאָר ביי אַ שמחה און דער טאַטע מיט דער מאַמען האָבן װעגן זיי גערעדט און פאַרבונדן מיט זיי אַלע האָפענונגען פון אונדזער שטוב.

עס זענען געקומען די גרויסע און רייכע פאַבריקאַנטן פון דער בראַנזשע, ביי װעמען דער טאַטע האָט אין דער יוגנט געאַרבעט. עס איז געקומען בערל געבינער, װעגן װעלכן מען האָט ביי אונדז אין שטוב דערציילט, אַז ער האָט צו זיין טיש אַװעקגעזעצט עסן די בעטלער װאָס זענען געקומען נאָך אַ נדבה. עס איז געקומען ליפניק, דער מאַמעס אַ װייטע משפחה, װאָס האָט געשפּילט אויף אַ פידל אין דער אָפּערע. ער האָט איבערגעלאָזט אַ שמעקנדיקע װיזיט־קאַרטע מיט געדרייטער שריפט, װוּ אין מיטן איז געװען אַ לירע. אין איינעם פון די טעג, פאַר נאַכט צו, האָט זיך געעפנט די טיר, און עס איז אַריינגעקומען די מומע איידל מיט דעם פעטער יאָסל פון גראָדנע.

די מומע איידל האָט גלייך אַריינגעטראָגן אין דער שטוב דעם ריח פון רייכטום און איידלקייט. זי האָט געטראָגן איר ברוינעם, פלושענעם דאָלמאַן און האָט זיך געטראָגן אויף אירע זגראַבנע פיס, װי אַ גוטער און פרידלעכער פויגל. די מאַמע האָט זי באַגעגנט אויף דער שװעל פונעם אַלקער. די מומע האָט אַרויסגענומען אירע פולע, װייסע הענט, דער דאָלמאַן איז אַראָפּגעפאַלן פון אירע אַקסלען און ביידע האָבן זיך פאַרפלאָכטן און זיך געװויגט אויף איין אָרט. די מאַמע האָט לאַנג געװיינט אויף דער מומע איידלס ברוסט און דער מומעס װייסע הענט האָבן געגלעט אירע צאַפּלענדיקע אַקסלען.

די מאַמע האָט ליב געהאַט די מומע איידל און דעם פעטער יאָסל. זי האָט שטענדיק געזאָגט: „װען איידל װאָלט דאָ געװען". און איצט, װי נאָר די מומע איז אַריינגעקומען אין שטוב, האָט די מאַמע צום ערשטן מאָל זיך אַרומגעקוקט איבער דער שטוב און שטיל געזאָגט: „מען קאָן דאָך אַזוי נישט לעבן".

דער פעטער יאָסל איז געזעסן אַ שווייגנדיקער נעבן טאַטן, פאַר־פלאַכטן די ווייסע, לאַנגע, איידעלע הענט אויפן האַרץ. ער האָט געהאַט אַ קורצע באָרד ווי פון קופּער, וואָס האָט אַרומגערעמט זיין לענגלעך, בלייך געזיכט און זיינע גרויע אויגן האָבן געקוקט מיט אַ טיפער און נאָענטער גוטסקייט, ווי ער וואָלט געקוקט מיטן האַרץ.

ווען דעם פעטער יאָסל האָט מען דערציילט, אַז ער האָט אין די יונגע יאָרן געשריבן אַ בוך וועגן אַ ליבע, וואָס ער האָט געפירט מיט אַ יתומה. די שלעכטע באָבע, דעם טאַטנס מאַמע, וואָס מען האָט ביי אונדז גערופן „איוואַן גראָזני״ האָט געשטערט די ליבע און די יתומה איז געשטאָרבן.

דער פעטער יאָסל האָט ווינציק גערעדט. אָבער וועגן אים האָט מען אין דער משפחה דערציילט אַ סך וווּנדערלעכע מעשיות, ווי ער האָט געכאַפּט אַ גנב און אים נאָך צוגעגעבן געלט, ווי דער גוי׳ישער סטרוזש פונעם הויף, ווו ער האָט געוווינט, האָט יום־כיפּור געברענגט אַ ליכט אין דער שול, ווו דער פעטער האָט געדאַוונט, ווייל דער פעטער האָט פאַר זיין געלט געמאַכט דעם „סטרוזשס״ זון פאַר אַ גלח. איצט איז דער פעטער יאָסל געוואָרן אָרעם צוליב אַ שלעכטן שותף און האָט געוווינט אין גראָדנע. אָבער די ליבע און די אַכטונג צו אים איז נישט קלענער געוואָרן.

נאָך דעם פעטער מיט דער מומען האָט אַ טרעגער אַריינגעטראָגן אַ גרויסע און שווערע וואַליזע, וואָס איז איצט געלעגן אויף דער קאַ־נאַפּע און איז געווען פול מיט ריחות פון די גראָדנער מתנות וואָס דער פעטער פלעגט שטענדיק ברענגען פון דאָרט. איצט האָט זיי קיינער נישט אַרויסגענומען, כאָטש עס האָט זיך פון דער וואַליזע געריסן דער געשמאַקער ריח פון די ליטווישע געבעקסן און גערייכערטע פיש.

דער טאַטע אַליין האָט צו זיין יינגערן ברודער יאָסל גערעדט מיט אַ גרויסער איידלקייט, און געזאָגט וועגן אים: „דאָס איז נישט אָשר... דאָס איז עפּעס אַנדערש״...

איצט האָט די מומע איידל גענומען צוהילף די שוועסטער, וואָס זענען געווען צווישן זיך פאַרבונדן מיט דער ענלעכקייט פון זייער העלער הויט און דער באַזונדערער שיינקייט פון זייער קלינגענדיקער פוילישער שפּראַך. זיי זענען ביידע געווען שיין און פון זיי איז גע־גאַנגען אַ באַזונדערער גלאַנץ און ווייבערישער חן.

נאָך אַלע טעג און וואָכן, וואָס אין דער שטוב האָט געהערשט דער אומרו פון טויט, האָבן זייביידע זיך גענומען צוריקשטעלן אַלץ ווי געוועזן. זיי האָבן נישט אַרויסגעלאָזט די מאַמע פונעם אַלקער. די מומע און די שוועסטער האָבן זיך אַרומגעבונדן די קעפּ מיט טיכער און אונ־טער זייערע הענט, האָט זיך געדאַכט, קומט צוריק דאָס לעבן אין דער שטוב. איך האָב געזען ווי די מומע האָט פון אַלע ווינקעלעך צונויפ־גענומען יאַקעלעך, קליידעלעך און זקעלעך. די מומע האָט זיי אַלע צונויפגענומען אין איין אָרט, זי האָט יעדע פון די זאַכן געגלעט ווי לעבעדיקע, און די שוועסטער איז אַוועק אין אַ ווינקל.

איך בין אַריין אין קיך און פון טיפן ווינקל, פון אַ באַהעלטעניש, אַרויסגענומען דעם קינדס שיכעלעך, וואָס איך האָב געהאַט באַהאַלטן, איך האָב זיי אַריינגעטראָגן און זיי אַוועקגעשטעלט פאַר דער מומען.

דער טאַטע האָט זיך אויפגעהויבן פונעם אָרט. ער האָט לאַנג גע־קוקט אויף די שיכלעך און איינס גענומען אין דער האַנט. ער האָט עס שטומערהייט דערלאַנגט דעם פעטער יאָסל. דער פעטער האָט אַ מינוט געהאַלטן דאָס שיכל אין דער האַנט. דער טאַטע איז מיט גיכע טריט אַריין אין קיך.

די מומע האָט גיך געמאַכט אַ פּעקל פון אַלעם, וואָס עס איז געבליבן פונעם קינד. זי האָט לאַנג אין דער שטוב געזוכט דערויף אַן אָרט און נישט געקאָנט געפינען.

דער פעטער יאָסל האָט שטיל געזאָגט:

— מען דאַרף עס אַוועקגעבן... זאָל עס האָבן אַן אָרעם קינד...

אין דעם אָוונט האָט צום ערשטן מאָל געברענט די לאָמפּ. ביים טיש איז געזעסן דער פעטער מיט דער מומען, עס איז אויך געוועזן עליאַש, וואָס האָט פּלוצלינג דערמאָנט אין דעם ברודער. אויפן טיש זענען געשטאַנען די מאכלים, וואָס די מומע האָט געברענגט פון גראָדנע. עס איז געלעגן דאָס גרויסע, ברוינע גראָדנער ברויט, וואָס איז געווען געבאַקן אויף גרויסע טונקעלע בלעטער און געשמעקט מיט קילער פּראָווינצער רו און פרישקייט. מען האָט אויך געפּרוווט די מאַמע אַוועק־זעצן ביים טיש, אָבער די מאַמע איז פאַרבליבן אינעם טונקעלן אַלקער.

אין אַ ווינקל פון דער עטאַזשערקע האָט אין אַ גלאָז מיט בוימל, מיט אַ קליין געל פלעמל, געברענט אַ נשמה־ליכט. איך האָב לאַנג גע־קוקט אין דעם ליכטיקן קרייז, וואָס איז פון דעם ליכטל געגאַנגען, און

מיר האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז איך זע אַ בלוי, דין פעדעמל, וואָס ציט זיך אַרויף פונעם פלעמל. איך האָב מיט אַ פאַרשטאַרבן האַרץ גע־קלערט, אַז איך זע דעם קינדס נשמהלע, וואָס גייט דאָ אַרום.

שוין אין שפּעטען אָוונט האָט די מומע געזאָגט מיט איר האַר־ציקער, קלינגענדיקער שטים:

— מיר גייען אין ערגעץ נישט אַוועק... יאָסל וועט שלאָפן אויף דער קאַנאַפּע... און איך וועל שלאָפן מיט לידען...

די שוועסטער האָט אויפגעלויכטן און זיך געטוליעט צו דער מומע.

אויך מיר איז צוליב עפּעס גוט געוואָרן. עפּעס איז פול געוואָרן די שטוב פון האַרציקייט. און נאָך עפּעס איז אַרומגעגאַנגען אין דער שטוב, עפּעס אַ רייכטום פון דער מומע אײדלס לייב, און אָנגעפילט די שטוב מיט לעבן.

איך בין געלעגן אויף מיין געלעגער. איך האָב געקלערט, אַז קיין שום שלעכטס וועט שוין נישט קומען אין אונדזער שטוב. און ס'איז געווען די ערשטע נאַכט, וואָס איך בין אַנטשלאָפן געוואָרן מיט אַ קרעפטיקן יינגלשן שלאָף.

אין דער פרי האָט אַ זון־שטראַל אַרומגעצאַפּלט נעבן מיין געלעגער, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אויך דעם זון־שטראַל האָבן צו אונדז געברענגט די מומע אײדל מיט דעם פעטער יאָסל.

17

די טעג האָבן אָנגעהויבן ווערן לענגער. די פאַרנאַכטן האָבן לענגער געשפּילט הינטער די פענצטער מיט אַ געדעמפּטער ליכט. דער שמייכל פון דעם פרילינג האָט זיך געוואָלט אַריינקריגן צו אונדז אין שטוב און געוואָלט אונדז טרייסטן פאַר דער פּיין, וואָס מיר האָבן איבער־געטראָגן.

נאָך אַ וואָך צייט איז די מומע אײדל מיטן פעטער יאָסל צוריק־געפאָרן קיין גראָדנע. די מומע האָט אפילו געוואָלט מיטנעמען די מאַמע, זי זאָל גיכער פאַרגעסן. די מאַמע האָט גאָרנישט געזאָגט. זי האָט נאָר אַ קוק געטאָן און מיר אַלע האָבן פאַרשטאַנען, אַז זי וועט נישט פאָרן. וועגן דעם ברודער האָט קיינער נישט גערעדט.

נאָך דעם אַוועקפאָרן פון דער מומע אײדל מיטן פעטער יאָסל, האָט זיך אין דער שטוב צוריק אומגעקערט דאָס פריערדיקע לעבן. די שוועס־

טער האָט צוריק אָנגעהויבן גיין אין שקאָלע, דער טאַטע איז אַוועק צו דער אַרבעט. און ערשט אין די איצטיקע אינדערפריען האָט מען נאָך שטאַרקער דערפילט דאָס לײדיקע אָרט פון דעם קינדס לעבן, וואָס איז מער נישט געווען.

איך בין אין די טעג צום מײנסטן געבליבן אַלײן מיט דער מאַמען. דער טאַטע האָט ווי פריער אָנגעהויבן אַהײמקומען אין די שפּעטע אָוונטן. ער האָט דאָס ווי שטענדיק פאַרענטפערט דערמיט, וואָס עס קומען פון רוסלאַנד גרויסע קונים, סוחרים, און ער מוז מיט זײ פאַר־ברענגען. די מאַמע האָט אַלץ געזאָגט, אַז עס „טרײבט זי פון שטוב אַרויס". זי האָט זיך זײער געענדערט, איז אַ סך געלעגן און אין שטוב האָט זיך כסדר געטראָגן דער ריח פון וואַלעריאַנע־טראָפּן, וואָס זי האָט געטרונקען. זי האָט זיך אָפט פאַרקוקט אין אַ ווינקל, ווי זי וואָלט זיך צוגעהערט צו עפּעס מיט בלאַנדזשענדיקע אויגן. איך האָב אָנגע־הויבן מורא האָבן פאַר דער מאַמען אין די שעהען ביז די שוועסטער איז אַהײמגעקומען פון דער שקאָלע. ווען איך בין אַרויס פון שטוב, איז מיך באַפאַלן אַן אומרויִקײט, און מיר האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז מיט דער מאַמען איז עפּעס געשען.

איך האָב אויך נישט געוואָלט אַלײן פאַרבלײבן אין דער שטוב, ווען די מאַמע האָט באַדאַרפט אַרויסגײן אין גאַס אײנקויפן, און איך האָב אָנגעהויבן מיטגײן מיט איר. „פאַר וועמען האָסטו מורא" — האָט מיך די מאַמע געפרעגט. זי האָט אויף מיר געקוקט שטרענג און איך האָב זיך פאַרשעמט. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז זי פרעגט, צי איך האָב מורא פאַרן קינד.

אײן מאָל, ווען מיר זענען צוריקגעגאַנגען, האָט די מאַמע פלוצלינג אָנגעהויבן לויפן, זי איז געלאָפן אַהײם, מיט אימפּעט אויפגעשלאָסן די טיר. זי איז אַוועקגעפאַלן אויפן בעט און זיך צעווײנט.

זי האָט דערנאָך דערצײלט דער שוועסטער, אַז עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז זי האָט פאַרשלאָסן דאָס קינד און דאָס קינד ווײנט.

אין די שפּעטע אָוונטן זענען ווידער געגאַנגען געשפּרעכן מיטן טאַטן. „איך קאָן נישט זײן אין דער שטוב", האָט די מאַמע גערעדט — „איך וועל משוגע ווערן". אין דער פרי איז דער טאַטע פאַרשוווּנדן און מען האָט אים אַלץ ווינציקער געזען אין דער הײם.

*

די טעג זענען געוואָרן אַלץ ליכטיקערע און וואַרעמערע, און כדי נישט צו זיצן אין שטוב און אויך נישט אַוועקגיין ווייט פון דער היים, האָב איך אָנגעהויבן אַרויסגיין אין הויז, אויפן העכערן שטאָק, ווו עס איז צוגעקומען די זון. דאָ, אויף דעם ברייטן פענצטער־ברעט פלעג איך זיצן מיט אַ ביכל.

דאָס מיידעלע פונעם דריטן שטאָק, וואָס איז געווען מיין „כלה״, איז פאַר דער צייט אויסגעוואַקסן. זי איז געוואָרן הויך און דאַר. זי האָט דעם גאַנצן ווינטער געקרענקט, דערפון איז ביי איר דאָס פּנים געוואָרן קליין און די אויגן — גרויסע און שטרענגע.

אויך זי האָט אָנגעהויבן אַרויסגיין אין הויז מיט אירע ביכלעך, פול מיט קאָלירטע בילדער, וואָס אירע גרויסע שוואַרצע פעטערס האָבן איר אָנגעקויפט, ווען זי איז געלעגן קראַנק. איר מאַמע האָט זי כסדר געוויקלט אין וואַרעמע שאַליקעס. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבן מיר אויף דעם פענצטער־ברעט. דאָ איז געווען גוט צו זיצן. מען האָט פון דאַנען געקאָנט אַריינקוקן אַפילו אינעם שכנותדיקן הויף, ווו עס זענען געשטאַנען די אויסגעשפּאַנטע וועגענער, אין די שטאַלן, ווו עס זענען געשטאַנען קי און פערד.

דאָס מיידעלע איז איצט געווען שעמעוודיק און פרעמד און האָט אין אָנהייב נישט געוואָלט זיצן נעבן מיר. נאָר ווען איר מאַמע האָט זי דערמאָנט, אַז זי איז געווען מיין „כלה״, איז זי צוריק געוואָרן היימיש אַזוי ווי פריער און האָט מיר געגעבן פון איר טשעקאָלאַדע.

פון איר האָט זיך געפילט אַ דינער, וואַרעמער ריח פון קינדערשע רפואות. אירע אויגן זענען געווען מאַדנע ווייסע און אירע גרויסע אויגן האָבן געקוקט בייז.

— דו האָסט שוין געהאַט שקאַרלאַטינע?... — האָט זי מיך געפרעגט ווי אויף להכעיס — דאָס טוט גאָרנישט וויי... דערפון שטאַרבט מען... — האָט זי זיך אַלץ ווי באַרימט און געגעסן טשעקאָלאַדע.

דערנאָך האָט זי מיר געוויזן ווי עס שיילט זיך ביי איר די הויט.

איך האָב זיך אין אָנהייב געמיאוסט, דערנאָך איז מיר געוואָרן מאַדנע גוט צו זיצן נעבן איר און ווי נאָר איך בין אַרויסגעגאַנגען אין הויז, האָט זי שוין געוואַרט אויף מיר. זי איז געווען אויסגעקרענקט מיט אַ מאַדנער וואַרעמקייט. זי איז געווען שוואַך און קאַפּריז, און ווען איך

האָב זי אָנגערירט האָט זי געציטערט. איך האָב געמוזט זיצן מיט איר אין הויז, ווייל זי האָט געוויינט ווען איך בין נישט געקומען.

מיין שוועסטער האָט אָפּגעלאַכט דערפון, וואָס איך זיץ מיט דעם מיידעלע. זי האָט געזאָגט, אַז איך זאָל זיך בעסער לערנען. איך האָב זיך געשעמט. אָבער ווי נאָר אַלע זענען אַוועק פון שטוב, האָב איך אָנגעהויבן וואַרטן אויף דעם מיידעלע מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ.

זי איז שוין געשטאַנען אויף די טרעפּ. איך האָב געזאָגט, אַז מער וועל איך שוין נישט קומען אַהער, אויף די טרעפּ. איך האָב איר דער־ציילט, אַז איך וועל גיין צו אַ לערער, אַ סטודענט, זיך לערנען.

זי האָט אויף מיר געקוקט מיט אַן אָפן מויל, אירע שיטערע ציין זענען געווען אויסגעשמירט מיט טשעקאָלאַדע, אירע אויגן זענען געווען גרויס און גלאָזיק.

מיט אַ מאָל האָט זי אַ געשריי געטאָן: „ניין... ניין...״ זי האָט אָנ־געהויבן טופּן מיט די פיס און מיך אַרומגעכאַפּט ביים האַלדז. זי האָט געציטערט און אירע פיס זענען געשפּרונגען אויף אַן אָרט.

„ניין... ניין״... — האָט זי געשריגן, און די דינע נעגל פון אירע פינגער האָבן זיך איינגעגראָבן אין מיין האַלדז. אַזוי האָב איך זי געלאָזן אַ ציטערדיקע און בין אַנטלאָפן.

זי איז צוריק קראַנק געוואָרן און איר טאַטע איז געקומען נאָך מיר, ווייל זי האָט מיך כסדר גערופן.

*

אין אַ נאָכמיטאָג, ווען דער טאַטע האָט זיך צוגעלייגט אויף דער קאַנאַפּע, האָט זיך רעשיק געעפנט די טיר, און דער סטרוזש וואַלענטי איז אַריינגעקומען מיטן היטל אין דער האַנט. נאָך אים האָבן זיך געהויבן די גרויסע, לאַקירטע שטיוול פונעם רוסישן „רעווירטאָווע״.

דער סטרוזש איז געווען דערשראָקן און פול מיט סודות. ער האָט געדרייט דאָס האַרטע היטל מיט דער מעשענער בלעך און געפינטלט מיט די אויגן. דער רעווירטאָווע איז שטיין געבליבן, בלאַסקענדיק מיט זיינע זילבערנע קנעפּ. די שווערד האָט געקלימפּערט אין זיינע שפּיגלדיקע שטיוול. די מאַמע איז געווען אין קיך.

דער טאַטע איז אויפגעשפּרונגען פון דער קאַנאַפּע, געבעטן דעם

רעוויראָווע זיצן. דער רעוויראָווע האָט זיך געזעצט אויף דער קרעכצנ־דיקער שטול, און ער האָט אַרויסגענומען אַ רויט קוויטל.

איך בין אַריין אין אַ טיפן ווינקל און זיך צוגעהערט.

אין אָנהייב האָט דער רעוויראָווע גערעדט הויך מיט אַ פּישטשענ־דיקער שאַרפקייט, אָבער באַלד האָט ער גענומען רעדן שטילער. ער האָט צוגערוקט די שטול נענטער צום טיש, אַראָפּגענומען דאָס שטייפע היטל און עס אַוועקגעלייגט אויפן טיש מיטן דאַשעק אַרויף.

דער טאַטע האָט גערעדט שטיל, איך האָב געהערט ווי דער רעווי־ראָווע האָט עטלעכע מאָל געזאָגט „אַנאַרכיסט". דערנאָך האָט דער רע־וויראָווע עפּעס געלייענט, געשריבן. ער האָט זיך אויסגעדרייט מיט דעם שטול צום סטרוזש, און אים געהייסן גיין. דער סטרוזש האָט מיט שטילע שפּרינגענדיקע טריט פון זיינע שטיוול זיך געלאָזט צו דער טיר. ער האָט זיך פאַרהאַלטן נעבן דער טיר און געהיימנישפול אַ זאָג געטאָן צו דער מאַמען:

— „טאָ אָט סינאָ"...

די מאַמע איז געשטאַנען צוגעשפּאַרט צו דער וויטרינע פון דער טיר מיט פאַרמאַכטע אויגן.

איצט האָב איך געהערט ווי דער רעוויראָווע האָט געזאָגט: „דאַ, דאַ" און ער האָט זיך צעלאַכט.

איך בין צוגעגאַנגען נענטער. דער רעוויראָווע האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן. ער האָט מיך צוגערופן. מען האָט געפילט פון אים אַ ריח פון ביר און פון לעדערנע רימענס. ער האָט געהאַט אַ מאָדנעם גלאַנציקן שטערן ווי פון גלאָז, מיט אַ רויטן אָפּגעקוועטשטן קאַנט פונעם היטל. ער האָט מיך אַ צי געטאָן פאַרן אויער און געזאָגט:

— „טי טאָזשע אַנאַרכיסט"...

און האָט זיך צעלאַכט, אַרויסווייזנדיק הינטער די וואָנסעס זיינע רויטע ליפּן.

איך האָב געזען ווי דער טאַטע האָט אים געגעבן אַ לעדערנעם בייטל מיט אַ שלאָס, וואָס האָט זיך פאַרמאַכט מיט אַ קנאַק. ער האָט זיך אויפגעהויבן, געשאַרט מיט די לאַקירטע שטיוול, עטלעכע מאָל צוגע־לייגט די פינגער צום דאַשעק, דערלאַנגט דעם טאַטן די האַנט, און מיט אַ רעשיקער זאַכלעכקייט זיך אַרויסגעלאָזן פון דער טיר.

דער טאַטע איז נאָך דעם לאַנג געבליבן זיצן אין שטוב. ער האָט

אויסגעטייטשט דער מאַמען, דערנאָך איז ער אַוועק, די מאַמע האָט דעם אָוונט געזוכט אין דער שאַנק. זי האָט אַרויסגענומען פאַר־שידענע זאַכן, קליידער און מאַנטלען, וואָס מען האָט שוין אין שטוב נישט גענוצט. זי האָט לאַנג גערעדט מיט דער שוועסטער. אין אָוונט, ווען דער טאַטע איז געקומען, איז די מאַמע געזעסן ביי דער לאָמפּ און געניית. עפּעס האָט זיך געגרייט אין דער שטוב.

און מיט אַ מאָל, זינט דאָס קינד איז געשטאָרבן, האָט זיך אין מיר אָנגערופן אַ בענקשאַפט צום ברודער. זי איז אויסגעוואַקסן און זיך אַריינגעריסן אין מיין געדאַנק מיט אַ נייער קראַפט.

פון זינט דער רעוויראָווע האָט געברענגט דאָס רויטע קוויטל, האָט זיך ווי צוריק אַריינגעקריגן אין דער שטוב דעם ברודערס אָטעם. יעדן טאָג, ווי נאָר דער טאַטע איז געקומען אויף מיטאָג, און אין די שפּעטע אָוונטן, האָט די מאַמע זיך מיט אים פאַרמאַכט אין דעם לעצטן, טונקעלן אַלקער און פון דאָרט האָט זיך געהערט דעם טאַטנס שטים, ווי די מאַמע האָט עפּעס ביי אים געבעטן און דער טאַטע האָט צו מאָל געשריגן צו מאָל גערעדט, ווי ער וואָלט זיך אויף עפּעס געקלאָגט. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז וועגן ברודער. איך האָב אויך געכאַפּט איינציקע ווערטער פון זייער געשפּרעך. איך האָב דערפון געוווּסט, אַז די מאַמע וויל, אַז דער טאַטע זאָל ערגעץ גיין און דער טאַטע וויל נישט. די מאַמע האָט געזאָגט: „איך וועל גיין אַליין״...

אַזוי זענען דורכגעגאַנגען עטלעכע טעג.

נאָכן מיטאָג איז דער טאַטע דאָך ערגעץ געגאַנגען, ער האָט אָנגעטאָן דעם יום־טובדיקן מאַנטל מיט דעם האַרטן קאַפּעלוש. איך האָב זיך דער־ווּוסט, אַז דער טאַטע איז געגאַנגען צו דעם „זשאַנדצע״ פונעם הויז, וואָס האָט געוווינט אויף דער צווייטער גאַס. עס האָט נישט לאַנג גע־דויערט, איז דער טאַטע צוריקגעקומען. ער איז געווען אויפגעברויזט, ער האָט דער מאַמען איבערגעגעבן אַ פּאַפּיר, דערנאָך איז ער לאַנג געשטאַנעןביים פענצטער, פאַרקלערט, מיט פאַרלייגטע הענט פון הינטן. ער האָט זיך מיט אַ מאָל אויסגעדרייט צו דער מאַמען און האָט געזאָגט:

— פאַר וואָס קומט מיר די שאַנדע?

און ער איז אַוועק, אַ קלאַפּ טוענדיק מיט דער טיר.

אין אָוונט, ווען דער טאַטע איז געקומען, האָט די מאַמע ווידער מיט אים לאַנג גערעדט, דערביי האָט זי אַלץ געגרייט פאַר זיך קליידער.

אין דער פרי, ווען דער טאַטע איז שוין געווען ביי דער שוועל, האָט די מאַמע געזאָגט:

— וועסט אפשר היינט עסן ביי אָשרן... וועסט נישט האָבן קיין מיטאָג אין שטוב...

אויף די שוועסטער האָט באַדאַרפט היינט עסן טרוקנס. איך האָב געהערט, ווי די שוועסטער האָט געזאָגט:

— מאַמאַ... דו ווילסט איך זאָל מיט דיר מיטגיין?...

און די מאַמע האָט איר גלייך געענטפערט:

— דאָס איז נישט פאַר דיר קיין אָרט... דו גיי אין שקאָלע...

דער מאַמעס אויגן זענען געווען אָנגעגליט. אַזוי ווי שטענדיק, ווען עס האָט עפּעס באַדאַרפט אין שטוב געשען.

איך בין שוין געווען זיכער, אַז עס האַנדלט זיך וועגן ברודער. איך האָב נאָר נישט געוווּסט וווהין די מאַמע קלייבט זיך צו גיין. איך האָב געוואָרט, אַז די מאַמע זאָל מיר אויך עפּעס זאָגן וועגן מיטאָג, אַזוי ווי דער שוועסטער. דאָ האָט זיך די מאַמע אָנגערופן צו מיר:

— דו וועסט גיין מיט מיר... טו זיך אָן... נעם דעם נייעם אַנצוג...

✶

די מאַמע האָט זיך גענומען אָנטאָן. דאָס איז געווען אַזוי ניי און אומגעריכט אין די טעג. די מאַמע האָט זיך אָנגעטאָן צו גיין ערגעץ ווייט, צוליב עפּעס אַ גרויסער און וויכטיקער זאַך. אפשר וועט שוין איצט דער ברודער מיט אונדז אַהיימקומען?

איך האָב גענומען פיבערהאַפט זיך אָנטאָן. די מאַמע האָט מיר דערלאַנגט אַ פריש העמד מיט אַ קעלנערל. די נייע הויזן האָבן מיך גע־מאַכט דערוואַקסן און די נייקייט איז ווי אַריין אינעם לייב, ווי איך אַליין וואָלט אויך געוואָרן ניי. דער טאָג האָט זיך אָנגעהויבן מיט נייער זוניקער ליכט, וואָס האָט זיך געריסן דורך די פענצטער און צוגעזאָגט אַ ניי לעבן.

מיט אַ מאָל האָט זיך ווי אַ דינער שטאָך אָנגערופן די דערמאָנונג פון דעם געשטאָרבענעם קינד. און ווי איך וואָלט מורא געהאַט, אַז פון דעם געדאַנק וועט פאַרשווינדן דאָס ליכט, וואָס האָט גערופן און צוגעזאָגט עפּעס נייס און פריידיקס, האָב איך אים ווי נישט אַריינגעלאָזט אינעם מוח. איך האָב דערפילט, אַז עמעצער פירט דעם לויף פון די טעג. ערשט אַזוי נישט לאַנג האָט זיך געדאַכט, אַז עס איז געוואָרן פינצטער אויף

אייביק. עס האָט זיך געדאַכט, אַז קיין מאָל וועלן שוין קיין אַנדערע טעג נישט קומען.

די מאַמע איז געשטאַנען ביי דער אָפענער שאַנק, ווו אין דער טונקל־קייט, האָט זיך געדאַכט, ליגן די ריחות פון די פאַרגאַנגענע טעג. די טונקלקייט פון דער שאַנק איז פאַר מיר שטענדיק געווען פול מיט סודות און ווען איך האָב אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ אין דער קילקייט פון די אַלטע קליידער, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז דאָרט זיצט עמעצער, וואָס אַלץ וואָס איז געווען און וואָס עס וועט זיין, ווייסט ער.

די מאַמע איז איצט ווידער געוואָרן העכער, איר נאַקעטער האַלדז האָט זיך ווידער אויפגעהויבן און צוריק באַקומען די טונקעלע, יוגנטלעכע קרעפטיקייט. איך האָב געוואָלט וויסן צי זי קלערט איצט וועגן קינד. איך האָב געזוכט ביי איר אַן ענטפער. אָבער דער מאַמעס אויגן זענען געווען פאַרטראַגן, ווי זי וואָלט גאָרנישט געוואָלט זען. זי האָט שוין געטראָגן אויף די פיס אירע הויכע, געשנירטע שיך, וואָס האָבן זי גע־מאַכט אַזוי שלאַנק. איך האָב דערפון גענומען, אַז שטאַרבן איז נישט אַזוי שלעכט, ווי איך האָב געמיינט. איך האָב מיר פאַרגעשטעלט, ווי איך וואָלט געשטאָרבן און אַלץ וואָלט אַזוי געווען, ווי עס איז איצט. און איך האָב אין דער מינוט דערפילט, אַז פון מיר ביז צום קינד ליגט אַ גרויסע און טונקעלע ווייטקייט. אין מיר האָט אַ צאַפּל געטאָן און אַלע כוחות אין מיר האָבן זיך ווי אַנגערופן. מיינע הענט, מיינע פיס אין די נייע הויזן און מיין קאָפּ, אַלץ האָט אַ זעץ געטאָן מיט אַ שטראָם כוח, ווי עס וואָלט געשריגן אין מיר דאָס לעבן.

איך בין שוין געווען פאַרטיק. די מאַמע האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר. זי האָט מיר אַראָפּגענומען דאָס שילער־היטל, וואָס איך האָב געטראָגן און מיר פאַרקעמט די האָר. דערנאָך האָט זי גענומען איר שוואַרצן, סאַמעטענעם הוט פון דער קיילעכדיקער פודלע, זי איז צוגע־גאַנגען צום שפיגל, אים אַרויפגעזעצט אויפן קאָפּ, זיך פאַרטראַכט און מיט אַ מאָל, אַראָפּנעמענדיק דעם הוט, האָט זי פאַרוואָרפן אויפן קאָפּ איר שוואַרצן, זיידענעם שאַל. איך האָב דערפילט, אַז אין דער מינוט האָט זי געקלערט וועגן קינד, און איך האָב געזאָגט:

— מאַמע... דו וועסט נישט אָנטאָן דעם הוט?...

זי האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן, און ווי זי וואָלט געוואָלט זאָגן עפּעס אַנדערש, האָט זי פאַרקלערט געענטפערט:

— ניין... מען דאַרף נישט...

זי האָט גענומען איר האַנט־בײַטל און איך האָב געזען ווי זי האָט אַרײַנגעלייגט צוויי פּאַפּירן. איינס אַ רויטס און איינס אַ ווייס.

— קום... — האָט זי געזאָגט.

מיר זענען אַרויס פון שטוב און די מאַמע האָט פאַרשלאָסן די טיר. אויפן הויף האָט דער סטרוזש וואַלענטי אַראָפּגענומען דאָס היטל, געקוקט אויף דער מאַמען און קרעכצנדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ. ער האָט צוגע־זאָגט צו היטן די דירה.

18

כאָטש אין אונדזער גאַס זענען די רינשטאָקן געלאָפן מיט אַ גרין־גרויער פּעטער שליים, מיט אַ שווערן ריח פון פוילעכץ, האָט אונדז באַלד אַרומגענומען אַ לינדער ווינט, אויסגעמישט מיט ליכט, און אַ ריח פון אויפגעוואַכטער ערד האָט זיך אָנגעטראָגן פון דעם נישט־ווייטן „וואָינע־פּלאַץ".

אין אונדזער גאַס האָט מען דער מאַמען נאָכגעקוקט און געשאָקלט מיטן קאָפּ. מיר האָבן געפילט, אַז די גאַס ווייסט וווהין מיר גייען. די מאַמע האָט הויך פאַרריסן דעם קאָפּ. זי איז געגאַנגען גיך, זי האָט וואָס גיכער געוואָלט אַרויס פון אונדזער גאַס. אויך איך האָב געוווּסט, אַז מיר גייען אין „פּאַוויאַק". איך האָב זיך פאָרגעשטעלט ווי עס וועט זיך עפענען דאָס שוואַרצע טירל און מיר וועלן אַרײַנגיין הינטער די גרויע ווענט מיט די קליינע פאַרקראַטעוועטע פענצטער, פאַרשטעלט מיט שוואַרצע קעסטלעך. איך האָב געוואָלט פרעגן און זיך געשעמט פאַר דער מאַמען אָנצורופן דאָס וואָרט פון דער טורמע.

צום סוף האָב איך שטיל געזאָגט:

— מאַמע... מיר גייען אויף דער פּאַוויע־גאַס?...

די מאַמע האָט אַ צאַפּל געטאָן:

— וואָס פאַר אַ „פּאַוויע־גאַס"... וואָס פּלאַפּלסטו?

און דאָס בילד פונעם פּאַוויאַק איז פאַר מיר פאַרשוווּנדן, ווי מען וואָלט מיך אַליין באַפרייט.

— פאַר וואָס אין „פּאַוויאַק"?... — האָט די מאַמע זיך נישט געקענט שענקען — ווער האָט עס דיר געזאָגט?...

מיר זענען גיך אַרויס פון אונדזערע גאַסן. די מאַמע האָט זיך אַרומגע־

קוקט און אַריין אין דער ערשטער ברייטער, זייטיקער גאַס. באַלד האָט זי געפונען אַ שפּייז־געוועלב.

— שטיי דאָ... — האָט זי געזאָגט און איז אַריין אין דעם געוועלב.

איך בין געשטאַנען אין דער ברייטער רוישיקער גאַס, וואָס האָט געווימלט פון מענטשן. די זון האָט געשפּינט און זיך געפלאָכטן איבער די אויסגעקילטע הייזער און אַנגעשוואָלענע, פייכטע פענצטער נאָך דעם ווינטער. אויך די מענטשן זענען נאָך ווינטערדיק אַנגעפּעלצט געווען און האָבן זיך געקרימט מיט בלייכע שמייכלען אין דער געלער ליכט.

באַלד האָט מיך די מאַמע אַריינגערופן אין געוועלב און מיר דער־לאַנגט אַ גרויסן לעדערנעם בייטל, פון דעם בייטל האָט געשמעקט ברויט, פּוטער און קעז. מיר זענען אַרויס פון דעם און באַלד אַריין אין אַ צווייט געוועלב, ווו עס האָבן אינעם פענצטער געהאָנגען לאַנגע יידישע ווורשטן. די מאַמע איז געגאַנגען פון איין געוועלב צום אַנדערן, זי האָט אַלץ געקויפט, קיכלעך און צוקערלעך. דער בייטל איז שוין געווען פול און שווער.

איצט זענען מיר צוגעקומען צו דעם סקווער, אַ קיילעכיקן, מיט אַ גערטל אין דער מיט. אין דעם גערטל איז נאָך געשטאַנען די ווינטערדיקע נעץ, וואָס האָט זיך איצט געשמאָלצן אין דער זון. פון אַלע זייטן האָבן זיך דאָ געדרייט און געצויגן די שינעס פונעם טראַמוויי. אויף די בענק אַרום גערטל זענען געזעסן מענטשן און געוואַרט אויפן טראַמוויי.

די טראַמוויי־וואַגאָנען זענען געווען געלע, האָבן געראַצט, און געשריגן מיט זייער געקלימפּער ביים פאַרקערעווען. דאָס אייזן האָט גע־שריגן און די מענטשן האָבן גערוישט. אויך די פערד זענען געווען אַלץ איינע, געלע, מיט ברייטע, נידעריקע הינטנס. די קאָנדוקטאָרן האָבן געשפּאַנט, געקנאַקט מיט לאַנגע בייטשן און געקלונגען אויף געלע, מעשענע גלאָקן, צוגעשרויפטע צו די וואַגאָנען. אַנגעפּאַקטע אין שווערע טיכער גויעס, האָבן געטראָגן קוישן מיט בייגעלעך און „מיענטאָווע באַבקעס", וואָס האָבן געשמעקט מיט פרעמדע גוייִשע ריחות; און אינעם נעפּל האָט זיך פאַר מיר אויסגעשניטן די אַלטע, גרויסע שטאָט וואַרשע, אַזאַ נאָענטע און אַזאַ ווייטע.

אינעם טראַמוויי זענען געווען האַרטע און ווייכע בענק. די מאַמע האָט זיך געזעצט אויף אַ ווייכער באַנק. איך האָב זיך אַוועקגעזעצט

נעבן איר ביים ברעג און דער טראַמוויי האָט זיך מיט אַ קלימפּערן אַ ריס געטאָן פון אָרט און זיך אַ טראָג געטאָן פאָרויס.

צו יענער צייט איז דער געמיש פון פוילישן און רוסישן אין דער הויפּטשטאָט וואַרשע געלעגן אין אַלע ווינקעלעך, ווי נעט געגייטע מיט גראָבן פאָדעם, וואָס האָבן זיך נאָך נישט איינגעפּרעסט. אַממייַנסטן איז דאָס געווען קענטיק און פּילבאַר, ווען מען איז אַרויס פון די יידישע גאַסן, וואָס זענען געווען אין גאַנצן ווי אָן אַ קאָליר.

די יידישע גאַסן זענען געווען באַדעקט מיט איין מאַטער, גרויער פאַרב פון אָרעמקייט. אָבער ווי נאָר מען איז אַרויס אין די גרויסע גאַסן האָט זיך אַנטפּלעקט אַן אַנדער שטאָט. דאָ האָבן זיך נאָך אָנגעזען די סימנים פון אַלטע, פאַרנעפּלטע פּוילישע צייטן, און עס האָט זיך אָפּגערופן דאָס געמיט, וואָס האָט זיך געטראָגן פון די פּוילישע ביכלעך און בילדער אין אונדזער שטוב.

עס האָט זיך מיר שטענדיק אויסגעמאָלט, אַז פּוילן איז אַ שיינע, צאַרטע, איידעלע פרוי, וואָס עמעצער האָט באַליידיקט, און זי ליגט אַ קראַנקע.

ערגעץ טיף אין מיר איז געלעגן דאָס בילד פון דער שיינער, באַ־ליידיקטער פרוי, וואָס איז ענלעך געווען צו מיין מאַמען און צו מיין שוועסטער. דאָס איז געווען אַ דין געוועב פון פעדעם, וואָס איך האָב נישט געקאָנט צונויפבינדן, דערפאַר איז פאַר מיר דאָס אומבאַקאַנטע רוסישע שטענדיק געווען פאַרבונדן מיטן טאַטן. און איצט ווען איך בין געזעסן מיט דער מאַמען אין טראַמוויי און האָב זיך געגליטשט איבער די שינעס פון איין גאַס אין דער אַנדערער, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך בין ווייט אַוועק פון אונדזער גאַס, וווּ מיר האָבן אין דער גרויער טונקלקייט איבערגעלאָזן אונדזער קינד. מיר האָט זיך איצט געדאַכט, אַז ווען מיר וואָלטן אים אַוועקגעפירט אַהער, אין די גרויסע גאַסן, וואָס האָבן אויפגעשפּילט אין דער לינדער ליכט פון דער פרילינג־זון, וואָלט ער צוריק לעבעדיק געוואָרן. איך האָב אַ קוק געטאָן אויף דער מאַמען. די מאַמע איז געזעסן פאַרטראַכט, ווי זי וואָלט געווען ערגעץ ווייט. אַרום זענען געזעסן מענטשן, וואָס מען האָט אין אונדזערע גאַסן נישט געזען: אויסגעפּוצטע פרויען און מענער. עס זענען געזעסן גלחים אין פלאַכע, האַרטע קאַפּעלושן. עס זענען געזעסן „זאַקאָנניצעס" מיט ווייסע, פּעכלדיקע הייבן אויף די קעפּ און שווערע, מעשענע צלמים און טשעטקעס ביי די

זייטן פון זייערע לאַנגע, שטרענגע קליידער, דאָס אַלץ האָט נאָך מער דערציילט וועגן דער „שיינער קראַנקער פרוי״, וואָס ליגט ערגעץ באַ־האַלטן. זיי האָבן געבויגן די קעפּ און זיך געצלמט פאַרכטיק פאַר די אַלטע שטרענגע ווענט פון די קלויסטערס און עס האָט זיך געדאַכט, אַז זיי וויסן אַ סוד און אַלע גייען זיי אַרום דער שיינער קראַנקער פרוי וואָס ליגט דאָ ערגעץ אין די אַלטע ווענט פון די הייליקטימער.

מיר זענען אַריינגעפאָרן אין אַ לאַנגער גאַס, ווו עס זענען געשטאַנען אַלטע ווי טויבע הייזער, לאַנגע געמויערטע פאַרקאַנעס מיט שווערע טויערן, פון אונטער וועלכע עס האָבן זיך אויפגעהויבן רויטע קוימענס פון פאַבריקן. אַ געדעמפּט הודזשעריי פון מאַשינען האָט געווערבלט פון די רויטע, פאַרשטויבטע הייזער מיט קליינע קאַלירטע שייבלעך.

די הייזער פון דער לאַנגער גאַס זענען געשטאַנען אונטער ענג־צונויפגעפרעסטע דעכער. שטיקער ליידיקע פלעצער האָבן זיך אַריינגע־ריסן. דאָ זענען געלעגן אַלטע שטיקער מויער און ציגל פון איינגעפאַלענע הייזער. עס איז געוואַקסן גראָז און עס זענען געשטאַנען בלוי־רויטע קאַראַולנע בודקעס מיט רוסישע זעלנער.

די דעכער פון די הייזער האָבן זיך פאַרטראָגן ווייט און זיך צונויפ־געגאָסן מיט טורעמס און שפּיצן. די קליינע פענצטער האָבן געקוקט מיט פרעמדער בייזקייט. אויף טייל דעכער האָבן זיך אויפגעהויבן ווייסע טויבנשלאַקן און טויבן האָבן זיך געוויגט איבער זיי, זיך אַריינגעוויגט אין די פאַסמעס זון מיט ווייסע, זילבערנע פליגל, זיך אַראָפּגעלאָזן אין שאָטן.

די טויערן פון די הייזער זענען געווען נידעריקע, הילצערנע מיט איינגעמויערטע פיגורן, איקאָנעס פון דער הייליקער מוטער אָדער קרייצן מיט דערנער. אַ שטרענגע גויִשע ריינקייט און שטילקייט איז געלעגן אַרום.

*

דער טראַמוויי האָט זיך אָפּגעשטעלט נעבן אַ קאַשטשאָל, וואָס איז געשטאַנען צווישן הויכע ביימער. איבער די נאַקעטע ביימער האָבן מיט אַ קראַקעריי זיך געטראָגן קראָען. דאָ זענען געזעסן אויסגעזעצט בעטלער מיט אויסגעצויגענע בלעכלעך אין די הענט. מענטשן האָבן זיך אָנגעבויגן,

געוואָרפן גראָשנס, און די בעטלער האָבן זיך געצלמט און געשעפּטשעט תּפילות.

די מאַמע האָט עפּעס געפרעגט דעם קאָנדוקטאָר און מיר זענען אַרויס פונעם טראַמוויי. אַרויף איז געגאַנגען אַ שטילע, האַלב־ליידיקע גאַס מיט אַ לאַנגן, געמויערטן פלויט. ווו דער פלויט האָט זיך געענדיקט, האָבן מיר דערזען אַ הויך גרוי הויז מיט אַ גרינעם דאַך. דאָס הויז האָט זיך געצויגן לאַנג. איך האָב אויפגעהויבן דעם קאָפּ און דערזען אַ לאַנגע שורה פענצטער מיט שוואַרצע קראַטן. אויך די מאַמע האָט געקוקט אַרויף צו דעם הויז. זי האָט זיך אַ מינוט אָפּגעשטעלט און מיט דער האַנט זיך אָפּגעווישט דעם שטערן.

דאָ האָבן מיר דערזען אַ שוואַרצן, ברייטן אייזערנעם טויער, נעבן וועלכן עס זענען געשטאַנען מענטשן, מענער און פרויען מיט פּעקלעך און קיישלעך. זיי זענען געשטאַנען פּאָר אַ קליין טירל, וואָס האָט זיך אַלע מאָל געעפנט. אַנדערע זענען געזעסן אויף די גרויסע שטיינער, וואָס האָבן אונטערגעשפּאַרט דעם טויער.

אינעם טויער איז געווען אויסגעשניטן אַ קליין פענצטערל, וואָס האָט זיך אַלע מאָל געעפנט און פון דאָרט האָט מען אַרויסגערופן נעמען.

אויך אַ ביסל וויטער אין דעם מויער איז געווען אַן אַריינגאַנג. דאָרט זענען געשטאַנען רוסישע פּאָליציאַנטן. די מאַמע האָט מיך אָנ־גענומען פאַר דער האַנט. איר האַנט האָט געציטערט. די מאַמע איז צו־געגאַנגען צו איינעם פון די פּאָליציאַנטן און אים געוויזן אַ פּאַפּיר. ער האָט עס לאַנג באַטראַכט, אַ קוק געטאָן אויף דער מאַמען און צוגעגאַנגען צום צווייטן פּאָליציאַנט. זיי האָבן עפּעס גערעדט צווישן זיך, און דער פּאָליציאַנט האָט אַ וויז געטאָן מיט דער האַנט, מיר זאָלן אַריינגיין אינעם הויז אויף די טרעפּלעך. מיר זענען אַרויפגעגאַנגען אויפן צווייטן שטאָק, און אַריין אין אַ גרויס, ליידיק צימער, ווו עס האָט זיך אויף אונדז אַ לייג געטאָן דער ריח פון זויער קרויט און שטויב. אַרום די ווענט זענען געשטאַנען בענק.

מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט און געוואַרט. ערשט איצט האָבן מיר דערזען אויף דער וואַנט די בילדער פון דעם רוסישן קייזער מיט דער קייזערין. איך האָב דערפילט אַ דערדריקטקייט, ווי אַ שווערע האַנט וואָלט זיך אַרויפגעלייגט אויף מיין קאָפּ.

מיר זענען לאַנג געזעסן. ערגעץ האָט מען געשפּילט אויף אַ באַלאַ־

לייקע און די קלאַנגגען האָבן זיך געשיט ווי צעבראָכן גלאָז. מיר האָבן געהערט טריט און געלעכטער, אָבער דאָס איז געווען ערגעץ אין ווייטע צימערן.

אַ טיר האָט זיך געעפנט און עס איז אַריינגעקומען אַ פּאָליציאַנט אָן אַ היטל און אָן אַ פּאַסיק. ער האָט געטראָגן ברייטע, בלויע הויזן מיט אַ רוסישער רובאַשקע און ברייטע, גלאַנציקע שטיוול. די מאַמע האָט זיך אויפגעהויבן. זי איז געווען בלייך און דערשראָקן. דער פּאָליציאַנט איז געווען אַן עלטערער. ער האָט גענומען ביי דער מאַמען דאָס קוויטל. ער האָט גאָרנישט געזאָגט און פאַרשוווּנדן.

מיר האָבן ווידער לאַנג געוואַרט, ביז וואַנען ער איז צוריקגעקומען. ער האָט אונדז אַ רוף געטאָן, געפירט ווידער אויף טרעפּ, און מיר זענען אַריין אין אַ קליינעם צימער, וווּ ביי אַ טישל איז געזעסן אַ דאַרער מענטש מיט אַ לאַנגער באָרד. ער האָט געהאַט אַ מאָדנעם לאַנגן האַלדז, אַרומגענומען מיט אַ האַרטן גומענעם קראַגן. ער האָט געהאַט בייזע, ווי גלעזערנע אויגן. ער האָט לאַנג געשריבן און דערנאָך עמעצן גערופן.

באַלד איז אַריינגעקומען אַן אַלטער, גרויער מאַן מיט לאַנגע, ווייסע וואָנסן. ער איז געווען קיילעכדיק ווי אַ פאַס און זיין גרינער מונדיר האָט פאַרשטעלט דאָס גאַנצע צימער. אויפן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ בלוי היטל מיט אַ בלעכל.

דער דאַרער מיט דער באָרד האָט אים עפּעס געזאָגט, און מיר זענען דורכגעגאַנגען דורך אַ קליינער און שמאָלער טיר. דאָ האָט זיך געצויגן אַ לאַנגער טונקעלער קאָרידאָר, דער אַלטער האָט ביי מיר צוגענומען דאָס פּעקל און דאָס איבערגעגעבן אַ צווייטן, אויך אין אַ גרינעם מונדיר. און מיר זענען געגאַנגען ווייטער נאָך דעם אַלטן קיילעכדיקן מאַן. ער האָט אויפן וועג אַרויסגענומען פונעם שטיוול אַ לאַנגן, גרויסן שליסל און געגאַנגען שווער מיט אַלטע פאַמעלעכע טריט. ער האָט פאַרנומען די גאַנצע ברייט פון דעם קאָרידאָר.

די מאַמע האָט זיך פאַרדעקט דאָס פּנים מיט דער האַנט. מיט אַ מאָל האָב איך געהערט ווי דער אַלטער האָט געזאָגט צו דער מאַמען אויף פּויליש:

— מען דאַרף נישט וויינען... פּאַני... באַרישקייטן...

די מאַמע האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין דער וואַנט. דער אַלטער האָט זיך

אויך אָפּגעשטעלט. ער האָט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ, דערנאָך האָט ער די מאַמען אָנגענומען פאַרן אָרעם:

— טאַק.. טאַק.. — האָט ער געזאָגט מיט אַן אַלטער, קרעכצנדיקער שטים — נישט איינע... נישט איין מאַמע האָט שוין דאָ געוויינט...

די מאַמע האָט זיך אויסגעגלייכט און איז ווייטער געגאַנגען. דער אַלטער האָט גערעדט צו זיך אַליין:

— אָ... קינדער... קינדער... דאָס איז אַ שטראָף פון גאָט... „קאַראַ באָסקאַ"...

דער קאָרידאָר איז געווען אַ לאַנגער, וואָס אַ מאָל איז ער געוואָרן טונקעלער און שמעלער.

פּלוצלינג האָבן זיך דערהערט שטימען, וואָס האָבן געקלונגען מיט אַ הילכיקן עכאָ ווי אין אַ ליידיקער שטוב. דאָ האָבן מיר דערזען אַ צווייטן זייטיקן קאָרידאָר, ווו עס איז געווען אין גאַנצן טונקל. צוויי שורות יונגע יינגלעך זענען געווען אויסגעשטעלט ביי דער וואַנט. ביי אַלע זענען די קעפּ געווען אָפּגעגאָלט. טייל זענען געווען אָפּגעריסן, און עס האָבן זיך אַרויסגעזען שטיקער לייב. אַ הויכער פּאָליציאַנט, אין הויכע שמאָלע שטיוול, איז געשטאַנען קעגן זיי. ער האָט עפּעס געזאָגט און אַלע יינגלעך האָבן געענטפערט צוזאַמען. איך האָב נישט געקאָנט כאַפּן וואָס זיי האָבן גערעדט, נאָר דאָס הילכיקע שרייען פון די אָפּגעריסענע יינגלעך האָט דערמאָנט אין משוגעים.

מיר זענען גיך פאַרבייגעגאַנגען. דאָס האַרץ האָט ביי מיר געקלאַפּט הויך און האַסטיק. איך האָב זיך אומגעקוקט מיט שרעק און יעדער פון די יינגלעך האָט מיר אויסגעזען צו זיין מיין ברודער.

מיר זענען געגאַנגען ווייטער, און דאָס הילכיקע געשריי איז אונדז נאָכגעגאַנגען.

מיט יעדן טראָט אין דער פרעמדער און ווילדער ליידיקייט פון דעם קאָרידאָר, וואָס האָט געהילכט מיט אַ דערדריקטער שטילקייט, האָט זיך צוריק אין מיר אָנגעצונדן דער הונגער צו לעבן, אַריינצופלעכטן זיך אין דער שפּיל פון מענטשן און געשעענישן, אָט דער צאַפּלדיקער בייגיר, וואָס האָט זיך איבערגעריסן זינט מיר האָבן פאַרלוירן דאָס קינד. די פאָרשטעלונג וועגן טויט איז נאָך דעמאָלט ביי מיר געווען פאַרבונדן מיט דער ספערע פון הימל, מיט געטלעכע כוחות, וועגן וועלכע איך האָב נישט געהאַט קיין פאָרשטעלונג.

מיר זענען געגאַנגען און אונדזערע טריט האָבן ליידיק אָפּגעהילכט אין דער פאַרמאַכטער טויבקייט. מיט אַ מאָל האָט דער אויפזעער געעפנט אַ שווערע, געקאָווטעטע פון אייזן געפאַרעמטע טיר און מיר האָבן דערזען אַ לאַנג, שמאָל, ליידיק צימער. אַ געדעמפט שטויביק ליכט האָט זיך געריסן דורך די פאַרקראַטעוועטע פענצטער. אַ פאַרבלאָנדזשעטער שטראַל פון דער זון האָט זיך געוויקלט אויף די שוואַרצע, אייזערנע קראַטן, וואָס האָבן צעטיילט דאָס צימער אויף צוויי העלבע. דאָ זענען געשטאַנען עטלעכע שוואַרצע אייזערנע שטולן.

— זעצט זיך... פאַני... — האָט דער אויפזעער געזאָגט — איר וועט באַלד זען אייער אוצר...

די מאַמע האָט זיך גלייך אַראָפּגעלאָזן אויף דער שטול. אויך ער האָט זיך שווער אַוועקגעזעצט און זיין וווייכער, קיילעכדיקער גוף האָט ווי איינגעשלונגען די שטול אונטער זיך, ער האָט געדרייט זיינע גרויע וואָנסן און געקלונגען מיט די שליסלען.

עס האָט געדויערט עטלעכע מינוט. עס איז געוואָרן שווער און שטיל. דער זון־שטראַל האָט געטאַנצט איבער די שטאַנגען פון דער קראַטע, ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטער פויגל. די שטיינערנע פּאָדלאָגע האָט געגלאַנצט מיט אַ ריינקייט פון גאַרנישט.

די מאַמע האָט אָפּגעוויקלט דעם שאַל פונעם האַלדז, ווי עס וואָלט איר געווען צו הייס. אין דער מינוט האָבן זיך דערהערט טריט און פון יענער זייט קראַטע האָט זיך באַוויזן אַ וועכטער, אַ קליינער, מיט אַ פאַר־ריסענער נאָז און מאָדנע גרויסע, טונקעלע, ווי פאַרברענטע ליפּן. ער האָט אַ קוק געטאָן מיט רויטע, פאַרשלאָפענע אויגן. און דאָ איז מיט שלעפּנדיקע טריט, ווי עס וואָלט אים געשטערט צו גיין, אַריינגעקומען מיין ברודער. פאַר אַלעם האָב איך דערזען, אַז אים איז שווער צו גיין, ווייל זיינע שטיוול זענען צעריסן אויף אַ מאָדנע אופן, ווי הינט וואָלטן זיי צעביסן מיט די ציין. איך האָב געקוקט אויף אים און האָב אַלץ מורא געהאַט, אַז דאָס איז נישט ער. און ווירקלעך איז דאָס געווען נישט ער, ווען ער וואָלט זיך נישט פאַרהאַלטן פאַר דער שטייג און נישט אַ קוק געטאָן מיט זיינע אויגן אונטער די שאַרפע, שוואַרצע ברעמען.

זיין קאָפּ איז געווען אָפּגעגאָלט, ער האָט אויסגעזען קלענער און איז געווען באַדעקט מיט אַ רירנדיקער דאַרקייט פון אַן עלטערן מענטש.

עפּעס איז געגאַנגען פון אים אַן אָרעמקייט, נישט פון אונדזער שטוב. ער האָט דערזען דער מאַמען.

דער אויפזעער האָט אַ קלונג געטאָן מיט די שליסלען און האָט הויך, נאָר מיט אַ נייער שטים, אַ פרעג געטאָן:

— „טען״ ?...

די מאַמע האָט נישט געענטפערט. זי איז געשטאַנען מיט פאַרבראָ־כענע הענט. אַ וואָרט האָט איר געטאַנצט אויף די ליפּן און עס האָט נישט געקאָנט אַראָפּ. מיט אַ מאָל האָט די מאַמע, ווי נישט מיט איר קול, וואָס האָט ווילד אָפּגעקלונגען, אין קאַלטער ליידיקייט, ווי אויס־געשריגן:

— ביסט הונגעריק ?...

דער ברודער האָט געוואָלט אַ שמייכל טאָן. ער האָט נאָר באַוויזן די ציין. ער איז אַרונטער אונטער דעם שטראַל פון דער זון און מען האָט דערזען די גרויע עלטערלעכע בלאַסקייט, וואָס איז געלעגן אויף זיין פּנים, ווי עמעצער וואָלט אים אויסגעשמירט מיט ליים.

— ניין... — האָט ער געענטפערט. ער האָט געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, אַנשטאָט דעם האָט ער נאָר אַ שלונג געטאָן. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין דער קראַטע.

— שטיי ווי אַ מענטש... פאַר דער מאַמען... — האָט זיך אָנגערופן דער אויפזעער — דאַרפסט זאָגן דער מאַמען אַ דאַנק, וואָס זי איז גע־קומען צו דיר...

דער ברודער האָט זיך גלייך אַוועקגעשטעלט און אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ.

די מאַמע האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט. איך האָב אַ קוק געטאָן אויף איר. זי איז איצט געווען רויט. אירע באַקן האָבן געברענט ווי אין אַ פלאַם. זי האָט פאַרמאַכט און געעפנט די אויגן, ווי זי וואָלט גע־וואָלט דערזען ווו זי איז. מיט אַ מאָל האָט זי געזאָגט ווי צו אַלע:

— וואָס וועט זיין ?...

זי איז ווידער אויפגעשטאַנען, פאַמעלעך צוגעגאַנגען צו דער קראַטע, ווי זי וואָלט זי געוואָלט אָנרירן. באַלד האָט זי דורכגעשטעקט די האַנט, ווי זי וואָלט געוואָלט אָנרירן דעם ברודער. אָבער זי האָט פאַרהאַלטן

די פינגער אויפן דראָט. דער ברודער האָט צוגעבויגן דעם קאָפּ צו דער מאַמעס פינגער און מיט פאַרמאַכטע אויגן האָט ער אַ רייב געטאָן זיין געגאָלטן קאָפּ אין דער מאַמעס האַנט.

— כ'האָב דיר געברענגט עסן... — האָט די מאַמע געזאָגט.

עס איז געוואָרן שטיל. און אין דער שטילקייט האָט זיך אין ליכט פון דעם זון־שטראַל אין דעם פאַרקראַטעוועטן פענצטער אַ דריי געטאָן אַ פייגעלע און שאַרף אַריינגעשטאָכן א פריידיקן געשריי:

— „וויאָסנאַ"... — האָט דער אויפזועער אַ גענעץ געטאָן און צו־געקלונגען מיט דעם גרויסן שליסל.

ביי מיר אין האַלדז האָט מיט אַ מאָל אָנגעהויבן זידן. עס האָבן זיך אָנגעהויבן פאַר מיר טראָגן ווערטער, ווי זיי וואָלטן גערעדט אין מיר. עפּעס וויכטיקס, וואָס איך האָב באַהאַלטן צו פרעגן דעם ברודער. אָבער איך האָב אין האַלדז נישט געפונען אין וואָס אַנצושפּאַרן די קלאַנגען.

איך האָב געהערט ווי די מאַמע האָט גערעדט. זי האָט גערעדט אויף פּויליש. זי האָט גערעדט וועגן וועש, וועגן זייף. דער ברודער האָט געענטפערט מיט אַ ווייטער, הוילער שטים. דאָס אַלץ, וואָס די מאַמע האָט איצט גערעדט, איז געווען ווי פרעמדס, וואָס האָט געהערט צו דעם שווערן, פאַרדריקטן הויז.

עס האָט זיך באַוויזן דער קליינער וועכטער מיט די גראָבע ליפּן. ער איז אויסגעוואַקסן נעבן דעם ברודער און אים אָנגענומען פאַרן אַקסל.

דער ברודער איז ווידער געוואָרן קליין. ער האָט זיך אויסגעדרייט. ער האָט געוואָלט אַ לויף טאָן נאָך אונדז, נאָר זיך פאַרטשעפּעט אין זיינע צעריסענע שטיוול און אַ פאַל געטאָן. מיר האָבן דערהערט זיין קינדערישע שטים:

— מאַמע...

דעמאָלט בין איך צוגעלאָפן צו דער קראַטע. דער ברודער האָט זיך אַ ריס געטאָן פונעם וועכטער. ער האָט געקוקט אויף מיר מיט אָפענע אויגן, אַזוי ווי דעמאָלט ביי דעם געשלעג מיט „איטשע־משומד", זיינע אויגן האָבן געבליצט. איך האָב אים ערשט איצט דערקענט.

איך האָב אויסגעשריגן:

— דאָ איז דאָך נישט... נישט פאַר... גנבים... אמת? דאָ איז דאָך נישט קיין...

מיין ברודער האָט מיך נישט געלאָזט ענדיקן, ווי ער וואָלט נאָר געוואַרט אויף מיין פראַגע, זיין שטים האָט איצט געקלונגען הויך און פריי:

— דאָ איז פאַר אַלע... פאַר ייִנגלעך... נישט קיין גנבים... עס זיצן לאַבוזעס... פאַרשידענע ייִנגלעך. נישט קיין...

ער האָט אַפילו אַ שמייכל געטאָן און איך האָב געהערט זיין שטים שוין פון דער וויטן, וואָס האָט געקלונגען אַזוי נאָענט און אייגן, אַז איך בין גרייט געווען זיך צו שלאָגן פאַר אים מיט דער גאַנצער וועלט. איך האָב געהערט זיין שטים, וואָס האָט זיך איבערגעחזרט מיט דעם עכאָ פון דעם קאָרידאָר:

— מען וועט מיך גיך אַרויסלאָזן...

*

דער אַלטער אויפזעער איז געשטאַנען מיט דער מאַמען פאַר דער טיר. די מאַמע איז געווען צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט. אירע אויגן זענען געווען האַלב־פאַרמאַכטע. דער אויפזעער איז געשטאַנען אויף זיינע קורצע, ברייטע פיס. זיין שטים איז זיך ברייט צעגאַנגען איבער דעם לאַנגן קאָרידאָר.

ער האָט ווידער גענומען דער מאַמעס אָרעם, געשאָקלט מיט זיין שווערן קיילעכיקן קאָפּ:

— זאָל זיך די פּאַני נישט נעמען צום האַרץ... איך בין אַן אַלטער קענער פון די זאַכן... פינף און דרייסיק יאָר אין דעם הויז...

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און שטיל געזאָגט:

— דאָס איז אַ גוט ייִנגל... איך קען דאָ אַלע... אַ גוטער קאָפּ... און דער עיקר אַ גוטער „קאָזשען״... פּאַני, דו וועסט נאָך פון אים האָבן אַ סך גוטס... דאָס איז אַ שוים פון יונגן בלוט... שלעכטע חברים... איך קען זיך דערויף... איך זאָג דיר, פּאַני... ווייל דער עיקר איז... דער שטאַם...

די מאַמע האָט זיך אָפּגעשטעלט. זי האָט אַ צאַפּל געטאָן. זי האָט געקוקט אויף דעם אַלטן טורמע־אויפזעער און אירע אויגן האָבן זיך אָנגע־פילט מיט טרערן:

— איך דאַנק דיר, פּאַניע... — האָט זי שטיל געזאָגט — איך דאַנק דיר... אפשר קענסטו עפּעס העלפן?...

— גיי אַהיים, פּאַני... זאָרג נישט... ער שפּילט זיך דאָרט מיט די לאַ־

בוזעס... זיי שפּילן גיך... און פאַרגעסן גיך... און מיר, עלטערן... באַצאָלן דערפאַר. דאָס איז אַ גוט יינגל... נאָך אַ יאָר... נאָך אַ יאָר...

ער האָט זיך צוגעבויגן צו דער מאַמען און איר אַריינגעזאָגט אין אויער:

— גוטער ווין רוישט... מיר ווייסן עס...

ער האָט אונדז אַרויסגעפירט דורך אַן אַנדערן אַרויסגאַנג, ווו עס איז געשטאַנען אַ רוסישער גאַראַדאָוואָי.

מיר זענען דורכגעגאַנגען אַ קליינעם הויף אַרומגעמויערט מיט אַ הויכער וואַנט, אַרויס פון אַ טויער אין עפּעס אַ קליין, זייטיק געסל, ווו עס זענען געלעגן שטיקער ליידיק פעלד.

אַ לינדער, שמעקנדיקער ווינט פון הינטערן שטאָט האָט אונדז אַרומגענומען און מיר האָבן טיף אָפּגעאָטעמט.

פּלוצלינג האָט מיך די מאַמע אַ כאַפּ געטאָן פאַר דער האַנט און אויסגעשריגן:

— האָסט דאָך אים נישט געזאָגט... וועגן קינד...

— ניין... — האָב איך געזאָגט און האָב זיך פאַר דער גאַנצער צייט ערשט דערמאָנט אין דעם קינד.

✶

די מאַמע האָט זיך נישט געאיילט אַהיים. מיר זענען געגאַנגען דורך אַ סך אומבאַקאַנטע גאַסן און געסלעך. אויף אונדז האָבן געקוקט די אַנגעכמורעטע פענצטער פון די גוייִשע אַלטע וואַרשעווער הייזער. דאָ האָבן זיך געטראָגן ריחות פון פאַרצייטיקער פּוילישקייט. עס האָט געשמעקט מיט טריף פלייש און הפקרות. די בלומענטעפּ האָבן געקוקט פון די גוייִשע פענצטער מיט דער ווילדער פאַרביקייט פון אַ פרעמד לעבן. די בלאַנדזשעניש האָט אונדז ביידע גוט געמאַכט.

די מאַמע האָט מיר געקויפט פּוילישע „מיענטאָווע קיכלעך״, וואָס האָבן פאַר מיר געשמעקט מיטן „צמענטאַזש״ און קאַטוילישן אומעט.

עס איז שוין געווען פאַר נאַכט, ווען מיר זענען געקומען צו אונדזערע גאַסן. דער פרילינג־אָוונט האָט געריזלט מיט אַ ווינטיקער פרישקייט. די זון איז פאַרגאַנגען און זיך אַריינגעגאָסן מיט אַ בלענדנדיקער רויטקייט אין אַ קליין, עלנט פענצטערל פון אַ נאַקעטן מויער.

מיר זענען אַריין אין אונדזער טונקעלער גאַס. פון דער ווייטן האָט

ווי אַ נשמה־ליכטל געבלינצט אַ ראָזער פּאַס איבער די ווייטע ביימער פונעם בית־עולם. דאָרט, ווו עס איז געווען אונדזער קינד.

איך האָב געקוקט אַרום אויף דער טונקעלער און סודותדיקער וועלט. איך האָב געפילט דאָס לעבן אין מיר ביז די שפּיצן פון מיינע האָר און איך בין געווען גרייט צו גיין אין אַלע וועגן.

19

דער פרילינג אין אונדזערע גאַסן האָט זיך געגעבן צו פילן, ווען דאָס לעבן האָט אויפגעטייעט אונטער דער ערשטער זון. די ערשטע האָבן אויפגעלעבט די רינשטאָקן און די מוטנע ברודן האָבן אָנגעהויבן שטראָמען מיט אַן אויפגעלעבטן כּוח. דער קאַפּריזער, פּוילישער מאַרץ האָט זיך אָפּגעריסן מיט פרישע ווינטן, מיט קורצע שטורעם־רעגנס און שטעכיקן האָגל. דער הימל האָט נישט גערוט, ווי ער וואָלט געלאַכט און געוויינט, געגאָסן מיט זון און מיט רעגן. די מענטשן האָבן אַרויפגעקוקט צום הימל מיט פאַרקרומטע שמייכלען און זיך אָנפאַרטרויט דעם הייטערן ווינט.

אין די הייפלעך האָבן זיך באַוויזן קינדער, פאַרגרינטע, פאַרזעסענע, מיט אָפּגעוווינטע אויגן פון ליכט און אָטעם. קיינער האָט נישט געוווסט וויפל פון זיי זענען דורכן ווינטער פאַרשוווּנדן פון דער וועלט, אין די טונקעלע טעג און פינצטערע נעכט.

נאָך דעם ווי איך בין מיט דער מאַמען געווען ביים ברודער אין דער תּפיסה, האָט זיך פאַר מיר ווי געעפנט די שטאָט, און איך האָב אָפּט אָנגעהויבן אַרויסגיין פון אונדזערע גאַסן. איך בין אַפילו איין מאָל געפאָרן מיטן טראַמווי. דערשראָקן און בלאָנדזשענדיק, בין איך אָנגעקומען אויף דער גאַס, ווו איך האָב דערקענט דאָס גרויע הויז פון דער תּפיסה מיט די פאַרקראַטעוועטע פענצטער. איך בין לאַנג געשטאַנען און אַרויפגעקוקט, און אין דער שוואַרצקייט פון די קראַטן, האָט זיך מיר אַלץ געדאַכט, אַז איך זע מיין ברודער, ווי ער שטייט אַן אומעטיקער און קוקט צו מיר. עס איז שוין געווען שפּעט, נאָך האַלבן טאָג, און איך האָב מיט אַ וויינענדיק האַרץ פון בענקשאַפט לאַנג געבלאָנדזשעט אַהיים. די רויטע, רעשיקע שטאָט און די ברייטע גויִשע גאַסן זענען מיר געוואָרן אייגן און אויך דער ברודער איז פאַר מיר געוואָרן אַ טייל פון דעם גרויסן לעבן, וואָס האָט געשטראָמט אַרום מיר.

אין אונדזער שטוב איז אין די טעג געווען באַזונדערס שטיל. דער טאַטע איז נאָך ווייניקער ווי אַלע מאָל געווען אין דער היים, דער פּעטער האָט געעפנט אַ נייע פאַבריק און דער טאַטע איז דאָרט געווען באַשעפ־טיקט, ער האָט נישט געהאַט קיין צייט צו קומען אַהיים אויף מיטאָג. און עס איז געווען ניי און מאָדנע, וואָס די מאַמע האָט איצט דעם טאַטן נישט געמאַכט קיין פאָרוואורפן. עס האָט אויסגעזען, ווי די מאַמע וואָלט געווען צופרידן דערפון, וואָס דער טאַטע איז איצט אַזוי ווייניק אין שטוב. דער טאַטע איז אַהיימגעקומען אין די שפּעטע אָוונטן. איך פלעג וואַרטן אויף אים, ליגנדיק אויפן געלעגער, און זעלטן ווען האָב איך זיך אויף אים דערוואַרט, אָדער אין דרימל דערפילט זיין אַהיימקומען.

אין אַזעלכע אָוונטן האָב איך ליב געהאַט צו הערן ווי דער טאַטע האָט עסנדיק, דערציילט דער מאַמען פונעם גאַנצן טאָג, וועגן מענטשן און געשעענישן. אין די לעצטע אָוונטן האָט דער טאַטע גאָרנישט דער־ציילט, די מאַמע איז נישט געזעסן ביים טיש, זי האָט אויסגעמיטן צו רעדן וועגן עפּעס. איך האָב געהערט ווי דער טאַטע האָט געזאָגט:

— פאַר וואָס לייגסטו זיך נישט שלאָפן?

די מאַמע האָט געענטפערט:

— כ׳וועל זיך אויסשלאָפן... די קליינע קינדער וועלן מיך נישט וועקן...

און עס איז געוואָרן זייער שטיל.

אין די טעג איז אין שטוב געווען באַזונדערס ריין, און אַפילו די טונקלקייט איז איצט פול געווען מיט בלאַנדזשענדיקע שטראַלן פון דער נייער און שאַרפער זון. די מאַמע איז געווען שווייגנדיק און זי האָט עפּעס ווי געגרייט. זי האָט זיך כסדר געפּאָרעט ביי דער שאַנק, איבערגעלייגט זאַכן, געבונדן פּעקלעך, ווי מען וואָלט זיך באַדאַרפט איבערציען אין אַן אַנדער דירה. זי האָט אַרויסגענומען קליידער און וועש, און עס האָבן זיך באַוויזן אַלטע, פאַרגעסענע זאַכן, וואָס האָבן דערמאָנט אין פאַר־גאַנגענע טעג. זי האָט געשניטן און גענייט. די זאַכן האָבן זי דערמאָנט אין אָוונטן, וואָס אַפילו איך האָב זיי געדענקט, אַמיינסטן דאָס רוסישע „מאַלאָראָסייסקע״ העמד, וואָס דער טאַטע האָט געבראַנגט פון אַ רייזע, מיט די אויסגענייטע בלימלעך אויף דעם קאָלנער. שטענדיק, ווען די מאַמע האָט געצערעוועט דאָס קאָלירטע העמד, האָט זי דערביי געזונגען דאָס אוקראַאינישע ליד פונעם „דניעפּר״.

וועגן קינד האָט מען נישט גערעדט, ווי מען וואָלט מורא געהאַט עס צו דערמאָנען. אין איין אָוונט האָט די שוועסטער געלייענט פאַר דער מאַמען די „טרענען" פון דעם פוילישן פּאָעט יאַן קאַכאַנאָווסקי, וואָס ער האָט געשריבן נאָכן טויט פון זיין טאָכטער „אורשולאַ". די שוועסטער האָט זיך צעוויינט, לייענענדיק די רייד פון דעם שטאַרבנדיקן קינד. די מאַמע האָט פאַרקלערט און שטיל געזאָגט:

— ביי זיי שטאַרבט מען שענער... עס קומט נישט קיין ייד מיט קיין קעסטל...

און זי האָט שטיל, ווי זי וואָלט גערעדט צום קינד, צוגעגעבן:

— ווו ביסטו? וווהין האָט מען דיך צוגענומען?

די שוועסטער האָט געלערנט די „טרענען" אויף אויסווייניק, און דער ווייטיק פון דעם פאָטער, דעם פוילישן פּאָעט, האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט אונדזער צער, ווי די קליינע, וווּנדערלעכע אורשולאַ וואָלט געווען אונדזערס אַ קינד.

✶

די טעג זענען געוואָרן אַלץ לענגערע און וואַרעמערע און אין דער גאַס האָט זיך צוזאַמען מיט די ליכטיקע טעג אָפּגערופן די פאַר־פּסחדיקע מונטערקייט פון דעם יידישן יום־טוב. די אַ טעג זענען אין דער אָרעמער גאַס שטענדיק געווען אָנגעפילט מיט אַ פריידיקן וואַרטן, עס האָט שטענ־דיק צוגעזאָגט עפּעס אַ באַנייונג. די גאַס האָט געראַיעט פון אָנגעפּאַרענע פורן. פון אונטערשטאָט, פון די דערפער האָט זיך פאַרטראָגן דער ריח פון היי און לינדער וואַרעמקייט.

אַלע מאָל אין דער צייט איז ביי אונדז אין שטוב געווען אַ גוט געמיט, ווייל דער טאַטע האָט ליב געהאַט די פּסח־צייט. דער טאַטע האָט שוין עטלעכע מאָל גערעדט צו דער מאַמען וועגן גיין אין גאַס און קויפן פאַרשידענע זאַכן, און די מאַמע איז נישט געגאַנגען. נאָר אין איין טאָג האָט אַ שניידערין אָפּגעבראַכט פאַר דער שוועסטער דאָס ערשטע קלייד פון אַ דערוואַקסן מיידל. דאָס איז געווען אַ בלוי קלייד, ברייט אָנגע־קאַרבט, מיט ווייסע זוימען. ווען זי האָט עס אָנגעטאָן, האָבן מיר דערזען, אַז זי איז שוין אַ גרויסע. די מאַמע האָט אויף איר געקוקט אַזוי מאָדנע. זי האָט פאַרהויבן דער שוועסטערס שווערן צאָפּ און אים פאַרלייגט אין אַ „גרעק". די שוועסטער איז מיט אַ מאָל געוואָרן אַ דערוואַקסענע. די

מאַמע האָט זיך ווי דערשראָקן פאַר דער שוועסטערס געענדערטן אויסזען. די שניידערקע איז געווען אַן עלטער מיידל און זי האָט תמיד גערעדט וועגן חתונות. ווען זי האָט געפּאַסט דאָס קלייד אויף דער שוועסטער, האָט זי כסדר איבערגעחזרט, אַז די שוועסטער וועט קריגן אַ מאַן אַ „כראַביע״.

די מאַמע האָט אַ קוק געטאָן אויף דער שוועסטער און געזאָגט:

— כ'האָב אַ מאָל געהערט אַזאַ ליד... פון אַ רויז וואָס האָט געבליט אויף אַ באַרג מיסט...

די שניידערקע האָט לאַנג דערציילט וועגן גליקלעכע שידוכים. די שוועסטער האָט אַראָפּגענומען דאָס קליידל און צום ערשטן מאָל האָב איך דערזען איר נאַקעטע פּלייצע, וואָס האָט אַ בלענד געטאָן מיט אַ מעכטיקער פולקייט פון אַ ווייבעריש לייב, און אַליין נישט וויסנדיק פאַר וואָס, האָב איך זיך אויסגעדרייט צו דער וואַנט.

די געלע פרילינגס־זון, און דער פאַר־פּסחדיקער רעש אין דעם ענגן, יידישן הויף האָבן זיך אַריינגעריסן מיט אימפּעט. די אָרעמע מענטשן האָבן נאָך דעם לאַנגן ווינטער געאיילט אַרויסגיין פון די ענגע, טונקעלע שטובן. דער רעש האָט זיך אויך אַריינגעריסן צו אונדז אין שטוב, כאָטש די מאַמע האָט נישט געוואָלט אַרויסלאָזן פון דער שטוב דעם טרויער נאָכן קינד, די אַנגעווייטיקטע שטילקייט. די מאַמע האָט געזאָגט, אַז דאָס יאָר איז ביי איר נישט קיין יום־טוב. דער טאַטע, פאַרקערט, האָט געזוכט מיט דעם יום־טוב צו פאַרגיטיקן און האָט יעדן טאָג עפּעס אַריינגעבראַנגט אין שטוב פון יום־טוב.

*

דער הויף האָט זיך געוויגט פון קולות. די ווייבער האָבן זיך אַרויס־געלאָזן אינעם הויף מיט עמערס און באַרשטן, געריבן און געשייערט די טישן און בעטן. דאָס שוועכקעריי און דאָס שאַרעווען האָט זיך געטראָגן פון אַלע ווינקלען. דער גאַנצער הויף איז געווען פאַרשאָטן מיט שטרוי פון די אַלע שעניקעס. אַ הויכער שטויב־וואָלקן האָט זיך געטראָגן אין דער זון. אַ פריילעכער פויגל האָט זיך געדרייט אין דער ליכטיקייט מיט אַ שווישטשעריי, ווי ער וואָלט אָנגעזאָגט אַ פריילעכע נייעס.

די מאַמע האָט צוליב עפּעס נישט געוואָלט, אַז חנה זאָל קומען ריין מאַכן אין שטוב, און דער טאַטע האָט געשיקט אַן אַלטע גויע, פון וועלכער עס האָט זיך געפילט אַ ריח ווי פון פּולווער. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז

דער בייזער, שטעכיקער ריח גייט פון דעם שוואַרצן, אייזערנעם צלמל, וואָס זי האָט געטראָגן אויף איר געלן האַלדז.

ווי יעדעס יאָר, האָט זיך אין איין טאָג, מיט גערודער און טראַס־קעריי, געעפנט די טיר און נאָך אַ לאַנגן אַמפּערן זיך מיט דער נידעריקער טיר, האָט זיך באַוויזן ר׳ יואל מיט אַ נייעם, הילצערנעם קאַסטן אויף די פּלייצעס. ער איז שטיין געבליבן אין זיין ריזיקן וווקס, מיט די שטריק אַרומגעבונדן אַרום דעם האַלדז. ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאַסטן, וואָס האָט געשמעקט מיט פרישן האָלץ, און האָט ווי אַלע יאָר געזאָגט מיט זיין שטים ווי פון הוילן האָלץ:

— ר׳ אָשר האָט געשיקט אַ קאַסטן מצות...

ער האָט געקוקט אויף דער מאַמען מיט זיינע העלע, טרוקענע אויגן און געשאָקלט מיט זיין שמאָלער, ווייסלעכער באָרד ווי מיט אַ פּאַסמע גרויע ביינדל:

— האַ... שוין ווידער ערב־פּסח...

די מאַמע האָט אים ווי אַלע מאָל דערלאַנגט אַ טעפּל קאַווע און ברויט מיט פּוטער. ר׳ יואל האָט געגעסן, אויסגערעדט אויפן פּעטער אָשר, דערציילט, אַז ער האָט נישט קיין נחת פון דער טאָכטער, לאַנג געבונדן די גראָבע שטריק אַרום זיין ריזיקן גוף און איבערגעלאָזט אַ טרוקענעם שטויב פון האָלץ.

דער טאַטע איז אַהיימגעקומען אין מיטן טאָג. עס האָט שוין געמוזט זיין האַרט פּאָר יום־טוב, און צווישן דער מאַמען מיטן טאַטן איז גע־גאַנגען אַ לאַנגע אַמפּערניש. דער טאַטע איז אַנגעשטאַנען די מאַמע זאָל גיין מיט אים אין גאַס איינקויפן און די מאַמע האָט נישט געוואָלט גיין. פונעם טונקעלן אַלקער האָט זיך געהערט, ווי דער טאַטע האָט זיך גע־קלאָגט. ער האָט ווי שטענדיק גערעדט וועגן דעם, אַז מען דאַרף לעבן אַזוי ווי „אַלע פּראָסטע מענטשן״.

די מאַמע האָט וויינענדיק גערעדט:

— וואָס ווילסטו פון מיר?... פאַר מיר איז נישטאָ מער קיין יום־טובים...

עס האָט זייער לאַנג געדויערט. מען האָט ווידער גערעדט וועגן דער דירה. די מאַמע האָט געזאָגט, אַז איצט איז איר שוין אַלץ איינס, אַז די דירה איז אַפילו צוגעפּאַסט צו איר געמיט. דער טאַטע האָט געפּרוווט רעדן וועגן אַרויספאָרן אויף אַ זומער־וווינונג און די מאַמע האָט געזאָגט:

— איך האָב שוין נישט פאַר וועמען צו פאָרן...

עס איז געווען שווער אין שטוב. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז אונדזער שטוב איז אַ שיפל, וואָס בלאָנדזשעט אַרום אויפן ים אָן אַ רודער.

די שוועסטער איז געקומען פון דער שקאָלע. מען האָט שטיל אָפּגעגעסן מיטאָג. דער טאַטע האָט זיך שוין געקליבן אָוועקצוגיין. ער האָט אָנגעטאָן דעם מאַנטל. די מאַמע האָט פּלוצלינג אַרויסגעוויינט:

— לאָזט מיך אָפּ... איך קאָן נישט... איך קאָן נישט...

דער טאַטע איז שטיין געבליבן ביים פענצטער. עס איז געווען, ווי מען וואָלט אויף עפּעס געוואַרט. מיר האָט זיך געוואָלט, אַז די מאַמע זאָל זיך אָנטאָן און דאָך אַרויסגיין מיטן טאַטן אין גאַס.

אין דער מינוט האָט די מאַמע אַ צאַפּל געטאָן און געבליבן ווי פאַרגליווערט. מיר האָבן דערהערט אַ רעש פון קינדער הינטער אונדזער טיר. מיר האָבן אַלע דערפילט, אַז עס איז עפּעס געשען און נישט געוווּסט וואָס. און מיט אַ מאָל האָבן מיר דערזען דעם ברודער שטיין אויף דער שוועל.

ער איז געווען קליין, ווי איינגעפּלעטשט, אַ שווער, פרעמד היטל איז געלעגן אויף זיין קאָפּ. ער איז געווען אָפּגעריסן ביי די אַרבל און זיינע שטיוול האָבן אויסגעזען אַזוי ווי שמאַטעס, ווי ער וואָלט געקראָכן אויף די קני. ער האָט אַראָפּגענומען דאָס היטל און באַוויזן זיין גע־גאָלטן קאָפּ, וואָס האָט איצט אויסגעזען צו גרויס. קיינער האָט גאָרנישט גערעדט. דער טאַטע איז געשטאַנען מיטן שטעקן אין דער האַנט, ווי ער וואָלט זיך באַדאַרפט שיצן. דער ברודער האָט דאָס מאָל נישט מורא געהאַט פאַרן טאַטן. ער איז אַריין אין דער צווייטער שטוב, זיינע אויגן זענען געווען אָנגעפילט מיט אַ הייסער פייכטקייט, ווי עס וואָלט אין זיי געזאָטן. דער טאַטע האָט זיך אָפּגערוקט אין אַ ווינקל, דער ברודער האָט אַ לויף געטאָן איבער דער שטוב, ער האָט אַריינגעבליקט אינעם טונקעלן אַלקער, ווי ער וואָלט געוואָלט מיטן בליק איינשלינגען די גאַנצע שטוב. פּלוצלינג האָט ער אַ געשריי געטאָן מיט אַ הייזעריקער עלטערער שטים:

— ווו איז דאָס קינד?... ווו איז עס?...

די מאַמע האָט אַ לויף געטאָן, ווי זי וואָלט מורא געהאַט, אַז דער ברודער וועט זיך אויף אונדז וואַרפן. זי האָט אים אַ כאַפּ געטאָן פאַרן קאָפּ, ווי זי וואָלט אים געוואָלט דערשטיקן:

— ש־ש־שאַ... ש־שאַאַ...

זי האָט אים פאַרשטעלט דאָס מויל, ווי מען וויל איינשטילן אַ קליין קינד:

— ששאַ... שטיל...

דער טאַטע האָט געקוקט דערשראָקן. מיר האָבן נישט געוווּסט וואָס עס וועט זיין ווייטער. די מאַמע האָט געזאָגט שטיל און פשוט, ווי זי וואָלט געזאָגט אַ געוויינלעכע זאַך:

— מיר האָבן נישט קיין קינד... דאָס קינד איז שוין נישטאָ...

דער ברודער האָט געקוקט אויף איר, ווי זי וואָלט אים עפּעס אָפּגע־זאָגט. ער האָט אַ גיי געטאָן אין אַ ווינקל, אין אַ צווייטן, האָט זיך אַ וואַקל געטאָן, זיך אָנגעכאַפּט פאַרן קאָפּ. עס איז געגאַנגען פון אים אַן אימפּעט, ווי פון אַ משוגענעם. דער טאַטע איז אַלץ געשטאַנען אינעם ווינקל, זיינע אויגן זענען געווען אויפגעריסענע, ווי ער וואָלט זיך גע־וווּנדערט. זיין מויל איז געווען פאַרשפּיצט, ווי ער וואָלט געוואָלט פייפן.

די מאַמע האָט אַלץ גערעדט מיט דער געוויינלעכער שטים, נאָר די ווערטער האָבן געציטערט, ווי זיי וואָלטן זיך אָנגעשלאָגן אין זיך, ווי דינע גלעזער.

— מיר האָבן שוין נישט קיין קינד...

עס איז לאַנג געווען שטיל. דער ברודער איז געשטאַנען אויף זיינע ווייכע, צעטעפּעטע שטיוול, ער האָט אַלץ געהאַלטן די הענט אויפן קאָפּ און די לעכער אויף דער פּלייצע פון זיין רעקל האָבן געצאַפּלט. ער האָט געכליפּעט מיט האַרטע, ראַציקע, רעווענדיקע שלוכצן פון אַ מאַנספּאַרשוין.

ווידער האָט זיך דערהערט דער מאַמעס שטים, זי האָט אַלץ גערעדט אַזוי געוויינלעך, ווי עס וואָלט גאָרנישט געשען:

— שוין... איצט וועסטו שוין בלייבן מיט אונדז...

זי האָט אָנגענומען דעם ברודער פאַרן צעריסענעם אַרבל, אָפּגעווישט מיט דער האַנט זיין פייכטן פאַרשוויצטן שטערן:

— גיי צו צום טאַטן... האָסט אים שוין לאַנג נישט געזען...

עס האָט זיך געדאַכט, אַז זי מאַכט חוזק, אָבער אין אירע אויגן איז געלעגן אַ הויכער ערנסט, ווי זי וואָלט געדאַווענט. דער ברודער האָט אַ קוק געטאָן אויפן טאַטן. דער טאַטע האָט נישט אויסגעהאַלטן און אַוועקגענומען זיין בליק. דער ברודער איז געגאַנגען פּאַמעלעך,

שפּרינגענדיק אויף זיינע צעריסענע זוילן, טריט ביי טריט, האָט ער זיך דערנענטערט צום טאַטן.

דער טאַטע האָט זיך מיט אַ מאָל אויסגעגלייכט, ווי ער וואָלט זיך באַדאַרפט שלאָגן מיטן זון. דערביי איז אים דער שטעקן אַרויסגעפאַלן פון דער האַנט. דאָס יינגל איז געשטאַנען נעבן אים, און מיט אַ מאָל האָט זיך די גאַנצע שטוב אַ וויג געטאָן.

דער טאַטע מיטן ברודער האָבן זיך פאַרפלאָכטן, דעם ברודערס געגאָלטער קאָפּ האָט ווי געוואָלט זיך אַריינגראָבן אין דעם טאַטנס ברוסט.

די מאַמע איז געשטאַנען אין מיטן שטוב, איר קאָפּ איז געווען הויך פאַרריסן און אירע אויגן זענען געווען פאַרטראָגן אין אַ ווייטן, אומפאַר־שטענדלעכן לייכטנדיקן שמייכל.

פון רעכטס: אפרים קאַגאַנאָווסקי, דוד בערגעלסאָן, דער נסתר, דוד האָפשטיין

ביז איצט דערשינענע ביכער אין פאַרלאַג „המנורה״:

אַנאַ פראַנק — **טאָגבוך פון אַ מיידל.**
ש. פראַנק — **טאָגבוך פון לאָדזשער געטאָ.**
באָריס פּאַסטערנאַק — **דאָקטאָר זשיוואַגאָ, 2 בענד.**
מ. מאַן — **דאָס הויז צווישן דערנער** (18 ישראל־נאָוועלן).
ראָבערט סענט דזשאָן — **דוד בן־גוריון** (לעבנסגעשיכטע פון אַן אומ־
געווייגלעכן מענטש).
מיכאל ווייכערט — **זכרונות,** 1־טע טייל.
מיכאל ווייכערט — **וואַרשע, זכרונות 2־טע טייל.**
מיכאל ווייכערט — **יידישע אַליינהילף.**
מיכאל ווייכערט — **מלחמה 1939—1945,** זכרונות 3־טער באַנד.
אַנדרעי שוואַרץ־באַרט — **דער לעצטער פון די צדיקים.**
שלמה שנהוד — **מיט חלום איבער תהום,** לידער.
לענאַ קיכלער־זילבערמאַן — **מיינע הונדערט קינדער,** מיט אַ פאָרוואָרט
פון רחל ינאית בן־צבי — ישראל־פּרעזידענטס פרוי.
אבא גאָרדין — **שלמה המלך,** היסטאָרישער ראָמאַן.
אבא גאָרדין — **משה,** זיין לעבן און לערע.
משה וויטיעס — **מסות על ספרות** (עסייען וועגן ליטעראַטור) — העברעיש.
יוסף פּאַפּיערניקאָוו — **פרי־גני** (פּירות פון מיין גאָרטן), (לידער אין העברעיש).
ד״ר יעקב צינעמאַן — **עמיל זאָלאַ,** אַ לעבן פון אַ שרייבער און קעמפער
(פרעמירט דורך אַדאָלף־ניומאַן פאָנד).
מ. צאַנין — **תל־עולם.** מסע על פני 100 קהילות נחרבות. (העברעיש).
אברהם קריב — **ליטא מכורתי** — מיין היימלאַנד ליטע. עברית־יידיש.
יחזקאל בראַנשטיין — **פון אייגן הויז.** עסייען און שרייבער, וואָס איך
האָב געקענט.
מאיר זימל טקאַטש — **מיין האָב און גאָב.** געזאַמלטע פּערזן. 2־טער באַנד.
פּיאָטער ראָוויטש — **דם השמים.** פון פראַנצויזיש (העברעיש).
רחל אוירבך — **מרד גיטו וארשה** (העברעיש).
דב שילאַנסקי — **מוזלמאַן** (ענגליש).
הרב אברהם העפּטערמאַן — **אַזוי לעבן יידן.** רבנים, ראַבאַיס און סתם־יידן
אין אַמעריקאַנער כתרילעווקע.
י. גאָלדקאָרן — **פון וועלט־קוואַל.** קליינע עסייען וועגן גרויסע מענטשן.
י. גאָלדקאָרן — **לאָדזשער פּאָרטרעטן.** אומגעקומענע שרייבער.
א. בוסתן — **חיים ווייצמאַן.** לעבן און ווערק.
יעקב זינגער — **דער יונגער דזשייקאָבס.** ראָמאַן.
ד״ר ח. שאָשקעס — **מיט יידן אין ווייטע לענדער.**
ד״ר ח. שאָשקעס — **עולם ומלואו של ר׳ חיים שאָשקעס** (העברעיש).
א. גאָפּלאָט — **געשטויגן און געפלויגן.** ישראל אויף פריילעך.

ד״ר י. הרציג — נדודי במלחמה ויאסלו יערי (העברעיש).
ספר יזכור — קוסוב (הוצולסקי).
י. זשעמיאַן — די פּאַפּיראָסן־הענדלער פון פּלאַץ דריי קרייצן.
ב. אפשטיין — בערבות הפּאמפּה (העברעיש).
יוסף גאַר — אַזוי איז עס געשען אין ליטע.
ש. ראָזענבערג — שבתי צבי. היסטאָרישער ראָמאַן.
ז. בונין — פון פרילינג ביז האַרבסט. לידער און פּאָעמען.
מלכה חפץ טוזמאַן — שאָטנס פון געדענקען. לידער.
בעריש ווינשטיין — באַשערטע לידער.
יחזקאל בראָנשטיין — אין פּרדס פון יידיש. עסייען.
מיכאל וויכרט — מסילת־חיים ומשעוליה.
אפרים קאַגאַנאָווסקי — אַ טונקעלע דירה. דערציילונג.
ב. זאַלץ — און די זון האָט געשיינט.
ל. קוסמאַן — בלעטער רוישן. לידער.
יעקב כהן — אויפן בראָך פון מיין פאָלק. לידער.

ביכער אין דרוק:

ש. י. עגנון — פון דאַנען און פון דאָרטן. 7 סיפורים און נאָך איינער.
א. בייזער — פיר זענען זיי געווען. ראָמאַן.
י. ד. בערקאָוויטש — אונדזערע ראשונים. 5 בענדער.
י. גלבוע — העברעישער ביכער־שאַנק.
ספר פלוצק, עיר ואם בישראל שנחרבה.
יעקב כהן — בין השמשות. לידער
י. טשערניכאָווסקי — לכבוד יום־טוב.
י. איידלמאַן — דאָס געריכט, דער ראַבינאָט, די גאַס. רעפּאָרטאַזשן.
ח. מ. רוטבלט — פכים קטנים. ביקורת ספרותית.

צענטראַלע פאַרשפּרייטונג פאַר דער גאַנצער וועלט פון:

ש. אַש — דער נביא.
מ. צאַנין — פולער העברעיש־יידישער ווערטערבוך, 2 בענדער.
מ. צאַנין — שבתדיקע שמועסן.
יצחק גרינבוים — פון מיין דור.
יהשוע שלייען — איינער האָט זיך געראַטעוועט.
ז. שניאור — די משומדתטע.
לאָרד ראַסעל — די בייטש פון האַקנקרייץ.
אַלמאַנאַך פון די יידישע שרייבער אין ישראל, 1963.
יוסף שטשאָווינסקי — אונטער איין דאַך. דערציילונגען.
דוד פינסקי — אויסגעקליבענע ווערק.